STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01780

UNTER BLOYE HIMLEN

Daniel Kukielka

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאַניעל קוקיעלקאַ

אונטער בלויע הימלען

(אין, און אַרום ישראל)

DANIEL KUKIELKA

SOUS LES CIEUX SI BLEUS

(DANS ET AUTOUR D'ISRAEL)

© by Daniel Kukielka Tous droits réservés PARIS, 1977

Imprimerie IMpressions POpulaires, 65, rue du Fg-St-Denis, 75010 Paris

Kukielka

דאניעל קוקיעלקא

אונטער בלויע הימלען

(אין, און אַרום ישראל)

Unter bloye himlen,

תשל״ז פּאַריז 1977

Y 956.94
K

געווידמעט מיין טייערע לעבנס-באַגלייטעין, מיין פרוי

ס אַ ב י נ ע

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון דער

— יידישער פּראָגרעסיווער אָרגאַניזאַציע —

„פריינט פון ישראל"

ווי אויך פון מיין פריינט און בן־עיר

ב ע ר נ אַ ר ד ס ט י צ ק י

צום אָנדענק פון זיין פרוי ראָזאַ (געבוירן מאַקאָוו) און זיינע דריי קינדער

פ אָ ר ו ואָ ר ט

„אונטער בלויע הימלען" איז דאָס דריטע בוך פון דאַניעל קוקיעלקאַ.

זיין ערשט בוך, דערשינען אין 1966, אַ ראָמאַן א. נ. „אַזוי ווי אין אַ חלום" נעמט אַרום דאָס לעבן פון דער פויליש־יידישער יוגנט פון פאַר דער מלחמה 1939.

זיין צווייט בוך „אין יענע גורלדיקע טעג" זענען זכרונות וועגן די יידישע איבערלעבונגען אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע פון פראַנקרייך בעת דער לעצטער מלחמה.

גאַנץ עפּעס אַנדערש איז דאָס בוך „אונטער בלויע הימ־לען". מיט דעם דאָזיקן נאָמען באַצייכנט דער מחבר דאָס יידישע לאַנד. ישראל. די צום לעבן אויפגעשטאַנענע יידישע מדינה, ווהין ס'האָבן געשטראָמט אַזוי פיל אָפּגעראַטעוועטע יידן און וואָס איז פאַר זיי געוואָרן אַ נייע, אַן אמתע היים, אַ יידישע היים.

זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז דער אופן ווי אַזוי דער מחבר דאַניעל קוקיעלקאַ האָט געבויט זיין בוך, איז ווייט נישט קיין פּשוטער און ס'איז שווער צו געפינען די פאָרמולירונג, דעם פּאַסיקן נאָמען אויף צו באַצייכענען די פאָרם פון דעם ווערק, וואָס איז ווי שוין געזאָגט, געווידמעט ישראל.

דאָס בוך האָט אין זיך פיל ליטעראַריש־בעלעטריסטישע קאַפּיטלען וואָס קענען באַצייכנט ווערן אַלס דערציילונגען און דאָך זענען זיי עס נישט, ווייל די אַלע דערציילונגען זענען צווישן זיך געקניפּט און געבונדן.

זאָלן מיר דאָס בוך באַצייכענען אַלס ראָמאַן איז דאָס אויך נישט דער פאַל צוליבן גאַנג פון די געשעענישן וואָס גרויסע טיילן זיינע פאַרשניידן זיך אויף אַזעלכע דראַמאַטישע געשעע־נישן. און גלייכצייטיק, שטאַרק ראָמאַנטישע. די הויפּט־זאַך אָבער ליגט אין דעם וואָס ס'איז אַ בוך וואָס דערציילט פיל שפּאַנענדיקע געשעענישן אין יידישן לעבן צווישן די נישט יידישע פעלקער און אין דער ערשטער ריי פאַרשטייט זיך, אין פראַנק־רייך, ווו דער מחבר לעבט און שאַפט. וועגן געמישטע חתונות און קינדער פון די דאָזיקע מישונגען און פיל געשעענישן. ביטערע אַנטיסעמיטישע מאָמנטן וואָס קריגן זייער אויפלייזונג דורכן עולה זיין קיין ישראל.

אָבער דאָס צוריק אויפגעלעבטע ישראל, דאָס לאַנד וואָס געפינט זיך „אונטער בלויע הימלען" ווו די העלדן פון בוך געפינען ענדלעך זייער נייע היים, האָט אָבער נישט קיין רו, ס'איז אַרומגערינגלט מיט שונאים און עס מאַכט אַדורך מלחמות און אַלע זענען זיי פאַרקניפּט אין די מלחמה־געשעענישן, וואָס ווערן דער נאָמינירנדיקער אינהאַלט פון ווייטערדיקן טייל פון בוך אין וועלכן דער מחבר לעבט אויף אַ זייער אינטערעסאַנט און ביז גאָר רייך בילד פון די טראַגישע און העלדישע מלחמל־געשעענישן. און איבערהויפּט פון דער זעקס טאָגיקער מלחמה, באַנוצנדיק זיך דערביי מיט אַ גרויסן מאַטעריאַל אויסצוגן פון דער יידישער און וועלט פרעסע און פון מערערע באַרימטע פערזענלכקייטן, יידן און נישט־יידן.

„אונטער בלויע הימלען" איז פון פיל שטאַנדפּונקטן אַ מערקווירדיק בוך וועגן יידישן לעבן מחוץ ישראל, אַרום ישראל, און אין ישראל.

יחזקאל קאָרנהענדלער

אַ וואָרט פון מחבר

די פאָלגנדיקע שורות אונטער „בלויע הימלען" האָב איך איינגעטיילט אין צוויי טיילן.

די ערשטע טייל: „זיך אָפּגעפונען". פיר דערציילונגען פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה; וואָס דערפירן צו די ברעגן פון ישראל, און וואָס זענען צווישן זיך געקניפּט און געבונדן צו די ווייטערדיקע אָפּהאַנדלונגען פון צווייטן טייל.

די צווייטע טייל: „די זעקס־טאָגיקע מלחמה".

דאָס זענען די געשעענישן גופא אין און אַרום ישראל, וואָס האָבן אין זייער צייט אויפגערודערט די וועלט, און ווי ריכטיק עס האָט דאַן געשריבן ב. שעפנער אין זיינס אַ קאָמענטאַר „דער קאָנטראַסט".

„ווען איר האָט געזען דעם קאָנטראַסט צווישן די צילן פון דער אַראַבישער וועלט מיט זייערע שותפים, און די צילן פון ישראל, איז אייך אַ קלעם אַדורך איבערן לייב".

זיי האָבן געזאָגט: מיר ווילן אייך פאַרניכטן.

און ישראל זאָגט: מיר ווילן לעבן.

און ווי קען זיין אַ פראַגע ביי אַ נאָרמאַלן מענטשן, אויף וועלכער זייט זיך צו שטעלן? האָבן זיך טאַקע געשטעלט אויף דער זייט פון ישראל די שענסטע גייסטער פון דער וועלט, און ס׳זענען געזאָגט געוואָרן אַזעלכע ווערטער וואָס מען קען זיי הערן בלויז איינמאָל אין טויזנט יאָר. האָב איך געפונען פאַר נויטווענדיק איינצוזאַמלען און אָפּהיטן פיל פון די אַרויסגע־

זאָגטע געדאַנקען, מיינונגען, קאָמענטאַרן און אָפּשאַצונגען וואָס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין היסטאָרישע דאָקומענטן. און אָט די דאָקומענטן וועלן דינען פאַר די היסטאָריקער פון די קומענ־דיקע דורות.

און גאָר באַזונדער, בריוו פון ישראל, וואָס יעדער דערציילט פיל מאָל, מער ווי אַ גאַנץ בוך.

האָבנדיק דאָס אַלץ אין מיין באַזיץ, האָט עס מיך באַוויגן און אַ סך געהאָלפן ביים שרייבן. באַווירקנדיק מיך דאָס צו פאַראייביקן אין אַ בוך־פאָרם און וואָס וועט זיכער פאַרבלייבן אויף לאַנגע דורות אין דער געשיכטע און גאָר ספּעציעל אין דער יידישער געשיכטע, אויף צו פאַרשן די געשעענישן פון די חדשים מאַי, יוני 1967.

געוויס וועט מען ביים לייענען די שורות זיך אָנשטויסן אויף געוויסע איבערחזרונגען פון ווערטער, וואָס איז לײדער אומפאַרמיידלעך, ווייל ביי יעדער אָפּהאַנדלונג אין אַזאַ אָדער אַן אַנדערער פאָרם, זענען געוויסע געדאַנקען איבערגעחזרט געוואָרן.

ד אַ נ י ע ל ק ו ק י ע ל ק אַ

ערשטער טייל

1

דער שנעל־צוג פאַריז־ווענעציע, איז שוין געווען אין פולער גרייטקייט זיך צו לאָזן אין וועג, דער לאָקאָמאָטיוו האָט געאַרבעט מעשים, געסאָפּעט, געשוויצט און איז געווען גרייט זיך אָפּצורייסן פון אָרט, ווי נאָר דער סיגנאַל וועט געגעבן ווערן. אין אַלע אָפענע פענצטער פון די וואַגאָנען האָבן אַרויסגעשיינט צופרידענע פנימער וואָס האָבן געשמייכלט צו זייערע באַגלייטער, וואָס זענען געקומען זיך געזעגענען מיט זייערע אָפּפאָרנדיקע פריינט, אָבער אַממייסנטן באַגלייטער זענען געווען ביי דריי וואַגאָנען, וואָס זענען רעזערווירט געוואָרן פון דער שיף־געזעלשאַפט „צים" פאַר די אָפּפאָרנדיקע קיין ישראל.

ווי נאָר דער צוג האָט גערירט פון אָרט, האָבן אַלע וואָס האָבן זיך געזאַמלט ביים צוג, בייגעוווינט אַ ספּעקטאַקל, וואָס נישט אָפט קומט אויס אַזעלכעס צו זען; די יוגנטלעכע וואָס זענען געקומען באַגלייטן חברים און נאָענטע, האָבן גלייך נאָכן געגעבענעם סיגנאַל צום אָפּפאָר פון צוג, פאָרמירט אַ קרייז, און מיט אַ פריילעך זינגען אָנגעהויבן טאַנצן אַ הורה, די פּאַסאַזשירן האָבן מיט אַ שמייכל זיך צוגעקוקט צו דער פריילעכער חברה, וואָס האָט פאָרגעזעצט דאָס טאַנצן ביז דער צוג איז פאַרשווונדן.

ערשט דעמאָלט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג אין די וואַגאָנען; מיטן איינאָרדענען דעם באַגאַזש, און דערנאָך זיך אַליין, דערפילנדיק די שאַרפע, קילע לופט וואָס איז אַריינגעדרינגען דורך די אָפענע פענצטער פון דעם לויפנדיקן צוג, האָט מען זיי אָנגעהויבן פאַרמאַכן. ווער עס האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ בוך אין האַנט, ווער מיט אַ זשורנאַל, אַנדערע האָבן געשמועסט צווישן זיך. אַ טייל האָבן געשלאָסן די אויגן, פּרובירט איינשלאָפן, מידע פון גרייטן זיך אַ גאַנצן טאָג צום אָפּפאָר.

ערשט נאָך האַלבער נאַכט, האָבן אַ טייל פּאַסאַזשירן אויסגעלאָשן די ליכט און פּרובירט איינשלאָפן. אַ טייל זענען געזעסן אין זייערע ווינקלען פאַרטראַכט וועגן אַ ריי געשעענישן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויף דער וועלט און אויך אין זייער פּערזענלעך לעבן.

זיצט אין אַ ווינקל דאָקטאָר גורעלי און טראַכט פון דעם נייעם לעבנס־וועג וואָס ער גרייט זיך איצט אָנהייבן, און ס'לויפן דורך זיין מוח פונקט ווי אויף אַן עקראַן די לעצטע געשעענישן אין זיין לעבן, און ער דערמאָנט זיך ווי נישט לאַנג צוריק, פאַר זיין איינשטייגן אין אַוויאָן אין לוד, האָט ער אָפּגעשטויסן די אויסגעשטרעקטע אָרעמס פון דער צוריק אָפּגעפונענער טייערער נאַטאַלי, ווען ער האָט נישט אויפגעהערט צו זוכן אַזוי פיל יאָרן, ביז ער האָט זי ענדלעך אָפּגעפונען. יאָ, ער איז געווען געצוווּנגען אַזוי צו האַנדלען, און אָפּגעפאָרן קיין איראָפּע, אָבער נאָר ביז ער וועט זיך באַרואיקן און צוריקגעפינען זיין גלייכגעוויכט. נאָכן האָבן זיך איינגעאָרדנט אויף זיין זיץ־אָרט אין אַוויאָן, האָט ער געטראַכט און געזען פאַר זיך די בעטנדיקע בליקן פול מיט חרטה פון נאַטאַלי און דאָס גליק־לעכע שמייכלען פון לאה'לען און שלמה'לען זיינע קינדער. ער האָט געזוכט צו פאַרנעמען אַט די אַלע געשעענישן, איז אָבער געקומען די שטערונג פון זיין שכן דער מיטפּאַסאַזשיר דאָקטאָר סימאָן, וואָס איז כסדר צוגעשטאַנען מיט פאַרשיידענע פראַגן, און דערמיט צעשטערט אַלע זיינע געדאַנקען.

און ער דערמאָנט זיך איצט, דעם גרויסאַרטיקן אָוונט וואָס אָט דער סימאָן האָט איינגעאָרדנט אין זיינע הערלעכע אַפּאַרטאַמענטן טאָקע לכבוד אים און ווי אַזוי ער האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר זיינע געסט, וואָס זענען אָנגעקומען איינער נאָכן אַנדערן און האָבן ביסלעכוויז אויסגעפילט אַלע פּלעצער אַרום דעם גרויסן אָוואַלן טיש, וואָס איז געווען געדעקט און אָנגעשטעלט פון כל־טוב. דער בלאַנקענדיקער קריסטאַל־זשיראַנדעל האָט אַזוי העל און יום־טובדיק באַלויכטן דעם גרויסן סאַלאָן, און געהערט אויף זיין חשבון, „אַ גאַסט פון ישראל" און מיט אַזאַ אומגעדולד האָט דער עולם געוואַרט, כדי זיך דערוויסן, ווער עס איז אָט „דער גאַסט", צוליב וועמען ס'איז צוגעגרייט געוואָרן די פייערלעכע אויפנאַמע און וואָס האָט עס דער גאַסט זיי צו זאָגן.

דאָס אַלץ האָט ער זיך איצט דערמאָנט, און ער טראַכט, אַז אַ דאַנק אָט דעם טייערן דאָקטאָר סימאָן, האָט ער פאַרברענגט דריי זייער אינטערע־סאַנטע וואָכן אין פּאַריז און ער קומט צום אויספיר, אַז קיינמאָל וואָלט קיי־נער אים נישט אויפגענומען מיט אַזויפיל כבוד, ווען ער איז נישט אַ „ייד פון ישראל", ס'איז גענוג בלויז דאָס איינע וואָרט — ישראל — און דאָס ווירקט ווי אַ כשוף און ער פרעגט זיך, — אויב דאָס וואָרט ישראל באַצוי־בערט אַזוי יעדן ייד, איז וואָס טוען דאָ אין גלות די אַלע שיינע און רייכע יידן? פאַרוואָס פירן זיי נישט אַריבער קיין ישראל זייער וויסן, דערפאַרונ־גען אין רייכטום? אָט די אַלע וואָס האָבן אים איצט באַגלייט, און אויך אים מיטגעגעבן אַזוי פיל מתנות, אים געוווּנטשן אַ גליקלעכע רייזע, און

אַ סך גליק אין זיין נײַ אָפּגעפּונענער היים, און בײַ דעם וואָרט „אָפּגעפּונע־נער היים" זענען זײַנע געדאַנקען איצט געוואָנדן צו זיין היים, זיין נאַטאַלי, זײַנע קינדער, און ער האָט זיך געפרעגט, האָט ער ריכטיק געהאַנדלט וואָס ער האָט איר אַזוי האַרב באַשטראָפט? — נו, ס'איז דאָך נישט געקומען פּלוצים, אַזוי האָט ער באַשלאָסן אַפילו מיטן הסכם פון זײַנע קינדער, און ס'איז דאָך נישט אויף לאַנג, די דרײַ וואָכן זענען שוין אַדורך, איצט פאָרט ער אין זיין נײַער היים, און ביים געדאַנק וועגן זיין אַהיימפאָרן, האָט אים אויך געפריידט דאָס, וואָס ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן, אַז ער וועט פאָרן ווי אַ פרײַער בירגער אויף אַ לעגאַלער ייִדישע שיף אין זיין לאַנד אַרײַן. איז דאָך איצט צען יאָר ווען ער איז אויך געפאָרן אויף אַ שיף קיין ישראל, אָבער אין וואָס פאַראַ באַדינגונגען, אומלעגאַל, זיך אויסגעהיטן פאַר די ענגלענדער, און צום סוף איז ער אַרײַנגעפאַלן צו זיי און ווידער זיך גע־פונען אין אַ לאַגער, אין ציפערן. ער דערמאַנט זיך די אַלע לאַגערן וואָס ער האָט שוין מיטגעמאַכט, איבערהויפּט אין דעם גרויסן ווילדן רוסלאַנד, וואָס פון דאָרט איז ער אויך על־פּי־נס ניצול געוואָרן פון אומקום. אַזוי לויפן אים פאַרבײַ אין געדאַנק נאָכן אַנדערן, סײַ פריילעכע און סײַ אומ־הײמלעכע.

2

אין אַן אַנדערער קופּע, זיצט אַ פּאַרטראַכטער אין זיך, צווישן שלאָפּנ־דיקע פּאַסאַזשירן — בערנאַרד קליין. ער טראַכט אַז אייגנטלעך איז דאָך די סיבה פון זיין איצטיקער רייזע, כדי זיך צו באַזעצן אין ישראל, ניקאָל. און אַ דאַנק אויך אָט דער טייערער ניקאָל, איז ער לעבן געבליבן און אַז אַ דאַנק איר, האָט זיך זיין לעבן אינגאַנצן געענדערט, צוליב דעם וואָס זי האָט געבוירן אים אַ קינד און ער דערמאָנט זיך איצט, יענעם בריוו וואָס זי האָט געשריבן — איך בעט אייך מיך נישט צו זוכן, ווייל דאָס וועט זיין אומזיסט; ווען איר וועט לייענען דעם בריוו, וועל איך שוין זיין זייער ווייט; און פון דאָזיקן בריוו האָט ער זיך דערוווסט, אַז זי טראָגט אַ לעבע־דיק אָנדענקונג הינטער איר האַרץ, זינט דאַן, איז אַדורך צען יאָר, צען פּיינלעכע און אומהיימלעכע יאָרן פון טראַכטן, קלערן מכוח וווהין איז אָט די ניקאָל פאַרשוווּנדן געוואָרן, און מיטאַמאָל אַ בריוו: אַ בריוו פון ישראל און פון וועמען? פון זיין אומבאַקאַנט קינד, ניקאָלס קינד. ער האָט גע־לייענט די איבעראַשנדיקע ווערטער מערערע מאָל: „ווען איך בין געבוירן געוואָרן, איז מיין מוטער פאַרשוווּנדן געוואָרן”. וואָס פאַראַ צערודערונג ס'איז דעמאָלט געווען אין שטוב פון דעם דאָזיקן בריוו און דערנאָך, ווי אַזוי זיין פרוי איז צו אים צוגעשטאַנען, און מיט טרערן אין די אויגן אים געבעטן, „אויב דו מיין מאַן, האָסט אָפּגעפונען דיינס אַ קינד, זאָל דאָס קינד אויך מיר אָנגעהערן”, זי האָט געוואָלט האָבן דאָס גליק אַז אַ קינד זאָל איר רופן מאַמע, און זי זאָל מיט אַ פרייד זיך קענען אויסדריקן „מיין זון”.

ער דערמאָנט זיך, ווי אַזוי ער איז גלייך אָפּגעפאָרן קיין ישראל, כדי זיך באַקענען מיט זיין קינד, און ווי דער זון האָט אים באַוווירקט אויף זיך צו באַזעצן אין ישראל, און איצט, איז זיין פרוי שוין דאָרט, און איז גליק־לעך מיטן זון, אויך זיין חבר פּיער האָט אים געשריבן אַזעלכע האַרציקע בריוו און אים געבעטן וואָס שנעלער דערליידיקן די ענינים, און קומען, ווייל אַלע וואַרטן אויף אים. איצט איז שוין אַלץ דערליידיקט, און ער פאַר־

לאָזט דאָס לאַנד וווּ ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן. דאָס לאַנד, ווו זיינע עלטערן זענען דעפּאָרטירט געוואָרן, און ווידעראַמאָל האָט ער גע־טראַכט פון דער טייערער ניקאָל, און זיך אויף דאָס ניי געפרעגט: „פאַר־וואָס" און ווו איז זי פאַרשוווּנדן געוואָרן? נאָכן האָבן געבערענגט דאָס קינד אויף דער וועלט? אָבער, אָט דעם „פאַרוואָס" וועט ער קיינמאָל נישט וויסן און גראד איצט, ווען ער פאָרט אין דעם לאַנד צו אַ ניי לעבן, אַ דאַנק אָט דער ניקאָל, האָט אים שטאַרק געפּייניקט דער „פאַרוואָס" און געטראַכט וועגן דעם, דעם גאַנצן וועג פאָרנדיק אין צוג.

3

אין זעלבן וואַגאָן אין אַן אַנדערער קופּע, זיצט צוזאַמענגעדרענגט צווישן שלאָפנדיקע פּאַסאַזשירן, מאַרעק ווערנער. ער וואַרפט זיינע בליקן אויף די שלאָפנדיקע נעבן אים און טראַכט: וואָלט ער כאָטש פאַרנומען אַ זיץ־אָרט נעבן פענצטער, אָדער נעבן דער טיר, כדי האָבן וווּ זיך אָנצושפּאַרן, וואָלט אפשר מעגלעך געווען כאַפּן אַ דרימל. זיצט ער אָבער אינדערמיט, אַ שטאַרק געקוועלטער און האָט נישט אַפילו ווו די הענט אַהינצוטאָן. פאַרוואַרפט ער זיין קאָפּ אויף הינטן און טראַכט, ער דערמאָנט זיך אין זיין אַדעלאַ, אָט דער נאָמען האָט אים דערפירט צו אַזוי פיל יאָרן צוריק: אין יענער פראַסטיק־פינצטערער נאַכט, ווען ער האָט איר געפונען ליגן אַן איינגעקאָרטשעטע אויפן שניי און געהאָלפן איר זיך אויפשטעלן, דערנאָך דאָס שווערע שפּרייזן אויף דעם אומהיימלעך גליטשיקן וועג, ווען ער האָט איר געפירט אַזוי פעסט געאָרעמט, זי זאָל זיך נישט ווידער אויסגליטשן און פאַלן, נישט האָבנדיק דאַן קיין אַנונג ווער זי איז, און ווי זי זעט אַפילו אויס, ער דערמאָנט זיך אין דעם געשפּרעך אויפן וועג, זיינע געוואַגטע ווערטער, ווען זי האָט אים געפרעגט: „מיט וואָס וועל איך אייך אָפּדינען פאַר דער הילף וואָס איר, אומבאַקאַנטער רעטער מיינער, טיילט מיר צו?”. ער דערמאָנט זיך אויך, אין זיין ענטפער: „אַז אַ פרוי איז גענוג רייך צו באַלוינען אַ מאַן, וועלכן זי זוכט אָפּצודאַנקען” און זי האָט אים טאַקע אַוועקגעשענקט איר גאַנץ רייכטום... ער דערמאָנט זיך איצט, ווי דריי יאָר שפּעטער, דאָס אויסערגעוויינלעך אומגעריכטע טרעפן זיך זייערס; ווען וואָלט עס גאָר געחלומט אַזאַ צונויפטרעפן זיך, אַזאַ מאָדנער צופאַל זיך אָפּצוגעפונען, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן בעת יענער אויסטערלישער פינצטערער נאַכט, זיך נישט געזען אַפילו. ער האָט איר דעמאָלט אַ נאָמען געגעבן — אַדעלאַ — און ביי דעם נאָמען איז זי פאַרבליבן.

דערנאָך, נאָך דער איבערלעבעניש, דאָס אַריינוואַרפן זיך מיט אַזאַ

באַגייסטערונג אין דער אומלעגאַלער אַרבעט, ביים אַריבערפירן אַזויפיל יידישע מענטשן צו די ברעגעס פון ישראל, און איצט, ווי אַלץ איז שוין פולשטענדיק דערליידיקט, פאַרט ער אַ באַרואיקטער צו זיין היים, צו זיין אַדעלאַ און קינדער אין זיין קיבוץ, און טראַכט דערביי אַזויפיל און קאָן בשום אופן נישט כאַפּן קיין דרימל.

4

אין אַן אַנדערן וואַגאָן, אין אַ קופּע וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט פּעקלעך און וואַליזעס, זיצט אין זיין ווינקל אַ שטאַרק דערשעפּטער — אַלבערט וויינטרויב, מיד פון אַרומלויפן דעם גאַנצן טאָג, כדי דערליידיקן און איינקויפן אַזוי פיל זאַכן פאַר זיין מינקע, פאַר דודי און פאַר דעם קליינטשיקן משהלע. נאָכן האָבן אַוועקגעלייגט אויף די געפּונענע פּלעצער זיינע פּעקלעך, האָט ער שווער אָפּגעאָטעמט און גערעדט צו זיך אַליין:

— ענדלעך געפינען איך זיך שוין אין צוג, ענדלעך, ענדלעך. ס'וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן כאַפּן איצט אַ דרימל? אָבער די געדאַנקען, אַז ער האָט זיך שוין טאַקע באַפרייט פון דער שווערער לאַסט, וואָס האָט אויף אים געדריקט אַזוי פיל יאָרן, האָבן אים איבערגעפּולט ביז גאָר מיט פרייד. ער האָט מאָמענטנווייז אַליין נישט געגלייבט אַז צו דעם קאָשמאַר האָט ענדלעך גע־נומען אַ סוף און אַז איצט פאָרט ער שוין אויף זיכער, כדי שוין אויף שטענדיק צו בלייבן מיט מינקען און מיט זיינע קינדער.

און ער טראַכט וועגן דעם ווי אַזוי ער האָט מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק, זוכנדיק אין אַ שרעקלעך הייסן טאָג אַן אַדרעס, אָנגעטראָפן אויף איר, און זי, אַנשטאָט אים צו ענטפערן, האָט זיך דעמאָלט גאָר אָנגעהויבן קלאַמערן אין אים, אָנגערופן אים מיט זיין נאָמען פון אַמאָל, ווען זי איז סך־הכל פינף יאָר אַלט געווען, דערמאָנענדיק אים וועגן קלאַראַן, איר צושטיין צו אים, וואָס האָט אים אין אָנהויב אַזוי געקוועלט און ר'האָט געזוכט ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון איר. אָט דער דעמאָלטיקער צופאַל וואָס האָט אים אַזוי געקוועלט, האָט זיך גאָר פאַרוואַנדלט פאַר אים אין אַ גרויס גליק. זי האָט אים דערמאָנט אין אַ פיינלעכער פאַרגאַנגענהייט, און אירע ווער־טער פון דעמאָלט, קלינגען אים נאָך איצט אין זיינע אויערן.

— דערלויב מיר צו זיין פאַר דיר די קלאַראַ, וועלכע דו האָסט אַזוי ליב געהאַט, אָבער מיט אַ ריין געוויסן און מיט אַ ריין האַרץ. איך בין איצט אויך איינזאַם, כ'האָב געהאַט אַ טייערן חבר, איז ער אומגעקומען ביים

פּאַרטיידיקן דאָס לאַנד. איצט בין איך אַ פרוי און נישט דאָס קליינע פינף יאָריקע מינדעלע, וואָס דו האָסט מיך אַרומגעטראָגן אויף דיינע הענט.

יאָ, זי האָט געזאָגט ריכטיקע רייד און איז געוואָרן מיינע, זיבט שוין זעקס יאָר און זי ציילט די טעג, וואָכן און חדשים, און וואַרט אַזוי געדול־דיק. וואַרט מיט אַזוי פיל האָפענונג, אַז דער דאָזיקער מצב זאָל שוין נע־מען אַ סוף. ער דערמאָנט זיך, ווי איינמאָל האָט זי אים געזאָגט, אָבער אָן אַ פאָרוואורף:

— דו קומסט אויף איין חודש אין יאָר און איידער דו באַוויזט זיך אויסצורוען, פאָרסטו שוין צוריק און דאָס, אויף אַ גאַנץ יאָר. אַלע אין קיבוץ פרעגן מיך, ווו איז מיין מאַן? אויך די קינדער פרעגן מיך אויף דיר, איך ווייס שוין נישט וואָס זיי צו ענטפערן, און אזוי יאָר איין יאָר אויס. ווען וועט שוין נעמען אַ סוף צו דיין זיין נע-ונד? איך בין אַ פרוי פון אַ מאַן, אַ מאַן וועלכן כ׳האָב ליב, און כ׳בין שטענדיק אַליין.

יאָ טייערע מינקע, איצט פאָר איך שוין צו דיר אויף שטענדיק, און וועל שוין קיינמאָל מער נישט אַוועק פון דיר, געקומען דער סוף פון מיין נע־ונד.

און ער שטעלט זיך פאָר ווי אַזוי מינקע וועט אים איצט אויפנעמען. זי ווייס שוין פון דער טעלעגראַמע וועגן זיין קומען. אַז דער קאָשמאַר איז שוין געענדיקט.

די באַן לויפט מיט אַ קלאַפּעריי פון די רעדער וואָס שניידן זיך אויף די רעלסן מיט אַ קאָפּ־שווינדלערישער שנעלקייט. ער זיצט אין זיין ווינקל אַ פאַרטראַכטער אין די אַלע געדאַנקען און נעבן אים און אַרום אים שלאָפן אַלע, גלייך ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געווען וועגן וואָס צו טראַכטן. פון דער קעגנאיבערדיקער באַנק האָט זיך איינער אַזוי שטאַרק צעשנאָרעכט, גלייך ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן איבערשטייגן דאָס געפּילדער און רוישן פון די רעדער.

5

אַ פּאָר מינוט פאַר אַכט אינדערפרי, האָט זיך דער צוג אַריינגעגליטשט אין דעם באַנהויף פון ווענעציע, די באַגאַזש־טרעגער האָבן אָנגעהויבן אַרומלויפן פון וואַגאָן צו וואַגאָן. פענצטער האָבן זיך געעפנט, פּאַסאַזשירן האָבן אַרויסדערלאַנגט דורך די פענצטער זייערע באַגאַזשן, דערנאָך אויסגעשטיגן פון די פול געפּאַקטע וואַגאָנען. ס׳איז געוואָרן אַ לעבהאַפטע באַוועגונג.

ביי די דריי וואַגאָנען וואָס זענען געווען רעזערווירט פאַר די פּאַסאַזשירן וואָס זענען געפאָרן קיין ישראל, זענען געשטאַנען עטלעכע פאָרשטייער פון דער שיף־געזעלשאַפט „צים“, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט די געקומענע פּאַסאַזשירן וואָס האָבן געאיילט צו דער שיף, אָפּנעמענדיק פון זיי זייערע באַגאַזשן כדי זיי פאַרלייכטערן דאָס צושווימען און אויפשטייגן אויף דער שיף. ווי ס׳איז באַוווסט, איז נישטאָ קיין פּאָרט אין ווענעציע. די שיף איז געשטאַנען כמעט ווי אין מיטן ים, אָפּגערוקט אַ קילאָמעטער פון ברעג. דער רוב פּאַסאַזשירן פילנדיק זיך באַפרייט פון זייער געפּעק, האָבן אויסגעניצט די עטלעכע שעה צייט וואָס זיי האָבן געהאַט ביז צום אויפשטייגן אויף דער שיף, און זיך געלאָזט אין וועג, כדי באַזוכן און באַוווּנדערן די מערקווירדיקע וואַסער־שטאָט.

ערשט פאַרנאַכט, האָט דאָס לעצטע שיפל מיט איניקע פּאַסאַזשירן וואָס האָבן נאָך זייער באַזוכן די שטאָט, שיער נישט פאַרשפּעטיקט דאָס קומען צו דער צייט, לאַנגזאַם זיך דערנענטערט צו דער שיף, וואָס איז שוין גרייט געווען אָפּצושווימען פון ווענעציע, צו די ברעגן פון ישראל.

איצט איז די שיף געווען באַלויכטן מיט הונדערטער לאָמפּן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם ים. קליינע לייכטע כוואַליעס האָבן געגלעט די שיף פון אַלע זייטן, גלייך ווי ס׳וואָלט געווען אַזאַ געזעגענען זיך פון דעם ברעג, פאַר דער שיף וואָס דאַרף גלייך אָפּשווימען.

אויף דער שיף גופא, איז געווען אַ שטאַרקע באַוועגונג. פון יעדן

פּאַסאַזשיר איז צוגענומען געוואָרן דער פּאַס און זיין שיפס־קאַרטע, באַקו־מענדיק דערפאַר אַ נומער פון זיין קאַיוטע. טייל האָבן געזוכט זייער באַ־גאַזש, אַנדערע האָבן זיך געלאָזט אין זייערע קאַיוטעס. הילכערס און אַ גע־קלאַנג פון גלעקלעך האָבן אַנגעזאָגט דאָס ערשטע נאַכטמאָל אויף דער שיף. יעדן האָט באַהערשט אַ הייטערע שטימונג און ס׳האָט געדויערט אַ לענגערע צייט, ביז עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ פולע אָרדענונג. נאָך עטלעכע שאַר־פע סיגנאַלן ווי אַ געזעגענונג פאַר די איינוווינער פון דער שטאָט ווענעציע, האָט די שיף אָנגעהויבן שווימען און לאַנגזאַם זיך דערווייטערט פון ברעג.

ביז שפּעט אין אָוונט, זענען אַ ריי פּאַסאַזשירן געשטאַנען אויפן דעק, אָבסערווירנדיק דעם עפעקט פון די לעצטע שטראַלן פון דער זון־אונטער־גאַנג און אויך דעם לויטערן הימל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט מיליאָ־נען שטערן און געקוקט אין דער ריכטונג צו דער שטאָט ווענעציע, ווי די פייערלעך ווערן אַלץ קלענער און קלענער. די לופט איז געווען קיל ווי אין פריען פרילינג, און ס׳האָט זיך געוואָלט בלייבן וואָס לענגער, זיך גע־זעגענען מיטן לעצטן נאָך אָנזעעוודיקן ברעג פון ווענעציע.

אַרום עלף אָוונט, האָבן די צוויי פון די לעצטע פּאַסאַזשירן פאַרלאָזט דעם דעק, זיך געלאָזט צו זייער קאַיוטע. זיי האָבן שמועסנדיק, שוין גע־ווּוסט, אַז זיי געהערן צו דער זעלבער קאַיוטע וואָס איז געווען איינגע־אָרדנט פאַר פיר פּאַסאַזשירן, האָבן זיי שוין דאָרט געטראָפן די אַנדערע צוויי מיטוווינער ליגן אויף זייערע געלעגערס, פאַרטיפט אין אַ ליידנ־שאַפטלעכן שמועס. די אַריינגעקומענע האָבן זיך באַגריסט, זיך דערלאַנגט די הענט, און זיך קעגנזייטיק פאַרגעשטעלט.

די פריש באַפריינדעטע פּאַסאַזשירן האָבן גיך זיך צעשמועסט. ס׳איז געווען אַ שמועס וואָס האָט געדויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. שטאַרק דערשעפטע פון אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן, האָט מען ענדלעך אויס־געלאָשן דאָס ליכט און יעדער אויף זיין געלעגער איז גיך איינגעשלאָפן.

אינדערפרי, אויפשטייענדיק שוין אָביסל אויסגעשלאָפן און אויסגע־רוט, האָבן זיך די פיר פּאַסאַזשירן קודם־כל אָפּראַזירט, אַרומגעוואַשן, און זענען צוזאַמען אַריין אין דעם עס־זאַל, זיך געזעצט אַרום זעלבן טיש און געגעסן דעם ערשטן פרישטיק אויף דער שיף, דערנאָך זיך ווידער אונטער־געהאַלטן און גאָר גיך געוואָרן נאָענטע פריינט, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך שוין געקענט פון יוער ווייס ווי לאַנג. און מאָדנע, יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט דאָס געפיל ווי איין גורל וואָלט זיי דאָ פאַרבונדן. ביסלעכווייז האָט איינער דערציילט פאַרן אַנדערן, אַז ער איז נישט קיין טוריסט, נאָר אַז די איצטיקע רייזע איז אַ דעפיניטיווע, כדי ענדגילטיק זיך צו באַזעצן

אין ישראל, יעדער איינער פון די פיר האָט אין האַרצן ביי זיך געפרעגט: „וואָס עפּעס אַליין? ווו איז אַ פרוי? אַ קינד?"; אַ פראַגע וואָס איז פאָרלויפיק געבליבן פאַר יעדן פון זיי אָן אַן ענטפער. דערנאָך האָבן זיי צוזאַמען באַזוכט די אַלע פאַרוויילונג און לייען־זאַלן. צוזאַמען געטרונקען אַפּעריטיוון ביי די אָוונט־קאָנצערטן, בעת וועלכע מען האָט געשפּילט און געזונגען ישראלדיקע לידער. צוזאַמען געשפּילט ווער אין שאַך, ווער אין דאַמקע, צוזאַמען שפּאַצירט און איבערהויפּט אַ סך געשמועסט.

6

אויפן דריטן טאָג, בעסער געזאָגט, אויף דעם דריטן אָוונט, האָט דער ים באַוויזן אַז ער איז גאָרנישט אַזאַ שטילער און רואיקער ווי די פּאַסאַ־זשירן האָבן געמיינט. פאַרביישווימענדיק דעם אינדזל קרעטאַ, האָט זיך דער ים צעשטורעמט, ריזיקע וואַסער־בערג האָבן געיאָגט איינער איבערן אַנדערן און מיט אַ שטאַרקער קראַפט געזעצט אין די זייטן פון שיף און דערנאָך זיך צעברעקלט אין דראָבנע רעגן־טראָפּנס, זיך צעשאָטן אין דער הויך און באַשפּריצט פון אַלע זייטן די דעק, די שיף האָט זיך געוויגט, אָט האָט עס אויפגעהויבן איר נאָז, און אָט איר הינטערשטן טייל, און זיך אויך געבויגן אויף רעכטס און אויף לינקס.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און ס'האָט זיך דערהערט אין די קאָרידאָרן דאָס אַרומלויפן פון די שיפס-באַדינער צו געוויסע קראַנקע וואָס האָבן נישט געקענט בײַשטיין דאָס שטאַרקע טרייסלען זיך פון דער שיף, ספּעציעלע כלים זענען געווען צוגעגרייט פאַר די אומרײַנקייטן וואָס אַ טייל פּאַסאַזשירן, איבערהויפּט פרויען, האָבן אָפּגעגעבן.

פאַרטאָג האָט דער ים זיך איינגעשטילט.

אונדזערע פיר פּאַסאַזשירן האָבן אינדערפרי, די ערשטע זיך באַוויזן אויפן דעק, דערנאָך האָבן זיי באַגעגנט די איינצעלנע וואָס זענען מיט אויסגעבלייכטע פּנימער אַרויסגעקומען פון זייערע קאַיוטעס; זיי זענען כמעט אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן.

צום אָוונט־ברויט, ווען מען האָט פאַרנומען די פּלעצער ביי די טישן, האָט מען געשמועסט אַז היינט, דאָס לעצטע נאַכטמאָל אויף דער שיף, וועט עס זיין גאָר יום-טובדיק. ווען אַלע פּלעצער זענען שוין געווען פאַרפולט, האָבן די קעלנער צוגעטראָגן ווײַן צו יעדן טיש, אָוועקגעשטעלט ליכטלעך און געבעטן מען זאָל זיי אָנצונדן. דערנאָך האָט מען אויסגעלאָשן די עלעק־טרישע ליכט. דער עולם, אין אַ יום־טובדיקער שטימונג האָט געוואַרט... און טאַקע באַלד האָט זיך געהערט אַ געקלאַנג פון פּויק און טאַצן, גלייך דערנאָך אויך פון טרומייטערס און פּלייטן און ס'האָט זיך באַוויזן אַ לאַנגער

קאַרטעזש: דער אָרקעסטער פּאַרויס, נאָך אים דער קאַפּיטאַן מיט אַלע אָפּי־צירן, ווי אויך אַלע אָנגעשטעלטע וואָס אויף דער שיף. אַלע האָבן זיי גע־טראָגן ליכטלעך און אַזוי פּאַרביימאַרשירט אייניקע מאָל דעם פּרעכטיק גרויסן עס־זאַל. דער עולם האָט פריידיק אַפּלאָדירט און ווען די צערעמאָ־ניע איז געווען פאַרענדיקט, האָט זיך די עלעקטרישע ליכט צוריק אָנגע־צונדן, און די קעלנער האָבן אָנגעהויבן סערווירן דאָס נאַכט־מאָל. גלייכ־צייטיק איז געמאָלדן געוואָרן, אַז אין זאַל נומער דריי, וועט פּאַרקומען אַ קאָנצערט און טענץ ביז צווי פּאַרטאָג.

אונדזערע פיר פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך כסדר געהאַלטן צוזאַמען און שוין געווען אַפילו אויף „דו״, האָבן נישט געוווסט וואָס באַשליסן: זיין אויפן קאָנצערט אָדער נישט? און כאָטש יעדער איינער האָט שוין געוווסט פון אַנדערן, אַז זיי זענען נישט קיין טוריסטן און אויב ווער פון זיי האָט געפרעגט צופעליק ביים אַנדערן אויף דער סיבה פון עולה זיין?

— איז געקומען אַן ענטפער:

— אָ, דאָס איז אַ לאַנגע געשיכטע.

האָט גורעלי פאַרגעלייגט:

— אַזוי ווי היינט איז דער לעצטער אָוונט אויף דער שיף, וועט אפשר זיין אינטערעסאַנטער צו פאַרברענגען אַנדערש די צייט? זאָל יעדער דער־ציילן די סיבה פון דער איצטיקער רייזע איינער אַליין, דאָס עולה זיין און איך מיין, אַז יעדער פון אונדז האָט וואָס צו דערציילן און דאָס וועט זיכער זיין אינטערעסאַנטער פאַר יעדן פון אונדז.

און מאָדנע, אַלע זענען געווען איינשטימיק מיטן פאַרשלאָג פון דאָק־טאָר גורעלי; אפשר טאַקע דערפאַר וואָס יעדער האָט געוואָלט וויסן די סי־בות און איבערלעבונגען פון זיינע וועג־חברים און אַזוי ווי אויפן דעק איז געווען צו קאַלט צו בלייבן אַ לענגערע צייט, האָט מען באַשלאָסן בעסער בלייבן אין דער קאַיוטע, ווו מען וועט קענען באַקוועם און אומגעשטערט שמועסן אַפילו אַ גאַנצע נאַכט. איז מען אַוועק צום בופעט, איינגעקויפט עטלעכע פלעשער פרוכטן־זאַפט, און גלייך דערנאָך האָבן זיך די פיר גע־לאָזט צו זייער קאַבינע, באַקוועם זיך איינגעאָרדנט. דאָקטאָר גורעלי האָט זיך גענומען דעם פאַרזיץ, פון דעם פאַר זיי אינטערעסאַנטע שמועסן און ס'איז געבליבן אַז בערנאַרד קליין, וואָס טראָגט זיין נאָמען איז ער אָבער דער העכסטער לויט זיין וווקס, זאָל דער ערשטער אָנהייבן דערציילן.

אַלע האָבן זיך אינסטינקטיוו נענטער צוזאַמענגערוקט, און בערנאַרד קליין האָט אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

— כ'מוז אייך זאָגן, אַז כ'בין זייער צופרידן, וואָס ס'איז מיר גע־

געבן געוואָרן די געלעגנהייט צו דערציילן צום ערשטן מאָל נאָך אַזוי פיל יאָרן דאָס, וואָס איך טראָג ארום אין מיר שוין לאַנג, וואָרעם איך פיל אין מיר אַ שולד־געפיל אַנטקעגן אַ פערזאָן, וואָס אַ דאַנק וועלכער איך בין לעבן געבליבן און אַ דאַנק אָט דער זעלבער פערזאָן, פאַר איך איצט זיך באַזעצן אין ישראל. דאָס איז אַ געשיכטע וואָס האָט געקענט פּאַסירן נאָר איינמאָל אין לעבן, אין די אומשטענדן וואָס מיר יידן האָבן איבערגעלעבט אין דער נאַצי־אָקופּאַציע. די פּערזאָן, וועגן וועלכער איך גיי דאָ דערציילן, האָט געטראָגן דעם נאָמען ניקאָל, וועל איך טאַקע מיין דערציילונג אָנרופן מיטן נאָמען ניקאָל.

ניקאל

7

מיין געשיכטע הייבט זיך אָן פון ערשטן יולי 1944, נאָך קאַרגע צוויי יאָר אַרומוואַנדערן אין פאַרשידענע שטעט פון דער דעמאָלט אַזוי גערופענער „פרייער זאָנע” אין פראַנקרייך, בין איך אָנגעקומען אין דער שטאָט לע־פי מיט אַן אָנגעוויזענעם אַדרעס. די שטאָט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט ווי איין גרויסער בית־עולם; זעלטן ווען, מען האָט געזען אַ מענטש אויפן גאַס, בלויז פון צייט צו צייט האָט דורכמאַרשירט אַ גרופּע דייטשע סאָלדאַטן, זיי האָבן מיט זייערע פעסטע טריט און מיליטערישע געזאַנגען, פאַרהילכט די גאַסן פון דער טויטער שטאָט. איך האָב געהאַט אַ קליין בריוול ווו ס'איז געווען אָנגעגעבן די סיבה פון מיין אַהערקומען און אויך ווער און וואָס איך בין, די פרוי וואָס האָט מיך אויפגענומען איז געווען אַן אייגנטימערין פון אַ גרויס פאַרבן־געשעפט, נאָכן איבערלייענען דאָס בריוול פון איר ברודער, האָט זי מיך אַריינגעפירט אין קיך, הינטערן געשעפט, און מיך מכבד געווען מיט עפעס עסן. זי האָט אויך מיט מיר אַ סך געשמועסט וועגן דער מלחמה־צייט, מיר געשטעלט געוויסע פראַגן אויך וועגן יידן. ערשט פאַרנאַכט, האָט זי מיך אַרויפגעפירט אין אַ קליין בוידעם־שטיבל און האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז כאָטש ס'דראָט מיר נישט קיין שום געפאַר פון די עטלעכע לאָקאַטאָרן וואָס באַוווינען דאָס קליינע הויז, איז געווונטשן, אַז איך זאָל מיך נישט צו פיל דאָ באַוועגן אַרויף און אַראָפ, אויך נישט צופיל דרייען זיך אין גאַס, נאָר איין מאָל אין טאָג, בעסער אין אַ פאַרנאַכט, זאָל איך אַראָפגיין כדי איינצוקויפן דאָס נויטיקע פון לעבנס־מיטל; אויך פון צייט צו צייט, טאַקע אין אַ פאַרנאַכט, קומען אַמאָל צו איר. זי האָט מיר נאָך באַמערקט: אויב איך וועל מיך נויטיקן אין לייענמאַטעריאַל כדי צו פאַרטרייבן די צייט, אָפוואַרטנדיק די באַפרייאונג וואָס איז שוין נישט ווייט, וועט זי מיר דאָס אויך באַזאָרגן. איך האָב מיך באַמיט אַלץ אָפצוהיטן.

יעדן פאַרנאַכט בין איך אַראָפ אין גאַס איינקויפן דאָס נויטיקסטע

אויפן מאָרגנדיקן טאָג און אַזוי כסדר במשך פון זעקס חדשים, פּינקטלעך אָפּגעהיט דעם רעגולאַמין, בין איך אַ פאַרנאַכט ווי געוויינלעך, נאָך זיבן אַ זייגער אין אָוונט, אַראָפּגעגאַנגען פון מיין בוידעם־שטיבל, ווי יעדעס מאָל, בין איך פאַרביי די טיר פון די וואָס וווינט אונטער מיר, און מיך פאַרנומען צו די שטיגן. פּלוצים דערהער איך הינטער מיר:

— וווהין גייט איר?!

ס'איז געווען פאַר מיר אַזוי אומגעריכט, אַז כ'האָב אַ צאַפּל געטאָן. ס'האָט זיך מיר געדוכט, ס'הארץ שטעלט זיך ביי מיר אָפּ, כ'בין געבליבן שטיין מיט איין פוס אויף אַ שטיג מיטן אַנדערן אין דער לופט און מורא געהאַט זיך אומצוקוקן, זען ווער עס פרעגט מיך פּלוצים וווהין איך גיי. כ'האָב זיך אָבער מיט אַלע כוחות באַהערשט, זיך לאַנגזאַם אויסגעדרייט און דערזען פאַר מיר אַ קליינע, יונגע פרוי מיט אַ סימפּאַטישן אויסזען און מילדע אויגן קוקן אויף מיר. מיין שרעק איז פאַרשוווּנדן. איך האָב זיך אָפּגערופן צו איר:

— ווי קומט איר מיך צו פרעגן וווהין איך גיי? ווען איך טרעף אייך אַזוי אַראָפּגיין, אָדער אַרויפגיין, וואָלט איך דען געוואַגט אייך צו פרעגן וווהין איר גייט?

— אַנטשולדיקט, אויב איך האָב אייך באַאומרואיקט. איך פרעג אייך נישט אויס נייגעריקייט, ניין. אויב איך פרעג אייך, איז דאָס פאַר אייער טובה...

— פאַר מיין טובה־וועגן? איז עפּעס שלעכטס געשען? עפּעס אַ פריי־שע צרה?

— איר זענט שוין געווען היינט אין גאַס?

— ניין.

— אויב אַזוי, דאַרפט איר איצט אויך נישט גיין.

באַמערקנדיק מיין פאַרוווּנדערונג האָט זי פאָרגעזעצט:

— איך בין שוין היינט געווען אין גאַס און געזען די שאַנדע. כ'האָב געזען און געלייענט די ריזן־פּלאַקאַטן, וואָס זיי האָבן אויסגעקלעפּט און פאַרשמירט די גאַנצע שטאָט; מיט גרויסע אותיות ווערן אויסגערעכנט די פּראָדוקטן וואָס זיי זענען גרייט צו געבן יעדן איינעם, ווער ס'וועט אָנווייזן ווו ס'באַהאַלט זיך אויס דער שונא פון פראַנקרייך, אַ ייד! ס'איז גענוג אַז איינער פון הונדערט זאָל אייך באַמערקן און אָנווייזן ווו איר האַלט אייך אויף, אפשר נישט צוליב דעם וואָס עמיצער וויל אייך שלעכטס טאָן. איר ווייסט דאָך, אַז אַ הונגעריקער איז גרייט אויף אַלעם... נאָך וואָס איינשטעלן אייער פרייהייט און אפשר אויך אייער לעבן?

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? כ'בין געבליבן שטיין אַ דערשטױנטער. אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַגאָסן. כ'האָב מיך געוווּנדערט פון וואַנען זי ווייסט, אַז איך בין אַ ייד. ווער האָט איר דאָס געזאָגט? זי זעט דאָך מיך איצט דאָס ערשטע מאָל? נאָך מער דערשטױנט בין איך געוואָרן פון דעם, וואָס אָט די פרוי, וואָס לעבט פון דעם מאָגערן געהאַלט וואָס זי באַקומט אַלס אַ פרוי פון אַ קריגס־געפאַנגענעם, וואָלטן דאָך די צוגעזאָגטע פּראָדוקטן אויך איר זייער צונוץ געקומען, וואָרנט זי מיך פאַר דער געפאַר, אַז אַ שלעכטער מענטש קאָן מיך אויסטוישן פאַר אַ פּעקל קאַפע אָדער אַ קילאָ צוקער. כ'האָב איר געזאָגט:

— כ'בין ביז גאָר גערירט פון אייערע ווערטער און פון אייער וואָרענען מיך, גוטע פרוי, אויב איר ווילט וויסן וווהין איך גיי, וועל איך אייך זאָגן: היינט איז דאָך דער ערשטער פונעם חודש, היינט באַקומט מען פּאַפּיראָסן אָדער טאַבאַק, גיי איך מיר דאָס באַזאָרגן, ווייל מאָרגן קאָן שוין מער נישט זיין.

— איר דאַרפט נישט גיין — האָט זי מיר נאָך אַמאָל געזאָגט — איך פאַרשטיי אַז איר ווילט האָבן אייערע פּאַפּיראָסן און געוויס זענט איר שטאַרק אויסגעהונגערט נאָך אַ ביסל רויכערן, אָבער איר טאָרט נישט גיין, גיט מיר אייער טאַבאַק־קאַרטע און איך וועל אייך דאָס באַזאָרגן.

איך האָב איר געגעבן מיין טאַבאַק־קאַרטע און געלט.

— איצט גייט שנעל אַרויף צו אייך, איך קום באַלד צוריק — זי האָט מיך צוריקגערופן זאָגנדיק:

— ס'וואָלט אפשר גלייכער געווען איר זאָלט זיך נישט צופיל באַוועגן, אַפילו דאָ אין הויז, נאָך וואָס דאַרפט איר אַרויפגיין און ווידער אַראָפּקומען? בלייבט בעסער ביי מיר, ס'וועט נישט לאַנג דויערן וועל איך זיין צוריק.

אָן אַ וואָרט צו ענטפערן, בין איך אַריין צו איר, זי האָט פאַרשלאָסן די טיר און שנעל אַראָפּ פון די שטיגן. כ'בין געבליבן שטיין אין אַ קליין פאָדער־צימערל. עפּעס אַן אומהיימלעכקייט האָט מיך איינגעהילט, אַ שטוב מיט אַ קיך, ווו ס'האָט געוווינט אַ פרוי אַליין. איך בין אַריין אין דער קיך און געוואָלט זען צי זי פאַרמאָגט ביי זיך עפּעס שפּייז. כ'האָב געזוכט און גאָרנישט געפונען, אַפילו נישט קיין שטיקל ברויט. אין קוך־שענקל זענען געווען אויסגעשטעלט אין אָרדענונג עטלעכע גלעזער און טעלערס. אויף איין טעלער האָב איך באַמערקט עטלעכע פלוימען. אין צימער, אין מיטן שטוב — אַ קליינער טיש מיט אייניקע שטילן אַרום. לינקס ביי דער וואַנט, אַ בעט. אויף דער אַנדערער זייט וואַנט, אַ קליין מלבושים־שענקל. איך

האָב מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, געוואַרט אויף איר צוריקקומען און מיך געפרעגט, פאַרוואָס האָט די אומבאַקאַנטע פרוי געפרוווט פאַרהיטן מיך פון אַ געפאַר?

ס'האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט רויכערן און ס'האָט זיך מיר גע־דוכט, אַז זי זוימט זיך עפּעס זייער לאַנג און כ'האָב מיך געפרעגט: פאַר־וואָס האָט זי פאַרשלאָסן די טיר? אפשר דערפאַר אויב ס'וועט עמיצער דורך דער צייט ווען אַריינקומען צו איר? איז בעסער, אַז די טיר זאָל זיין פאַרשלאָסן — און אפשר טאַקע, כדי מיך נישט צו באַאומרואיקן?

איך האָב זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו דער טיר, געפרוווט עפענען. די טיר איז אָבער געווען פעסט געשלאָסן. אַ שרעקלעכער געדאַנק האָט מיך אָנגעהויבן פייניקן: אפשר האָט זי מיך אַריינגענאַרט צו זיך, מיטן אויסרייד, אַז מיך דראָט אַ געפאַר? זי איז אפשר אַוועק צו דער געסטאַפּאָ, אָדער צו דער מיליץ, מיך אויסצוליפערן פאַרן פרייז פון די זעלטענע פּראָ־דוקטן וואָס זיי האָבן צוגעזאָגט פאַרן אויסגעבן ווו עס באַהאַלט זיך אויס אַ ייד? ווי אַזוי האָב איך דאָס באַלד נישט פאַרשטאַנען און מיך געלאָזט אַרייננאַרן? האָב איך טאַקע געהאַט צוטרוי צו אַ סימפּאַטיש פּנים און מילדע אויגן? אַ היץ האָט מיך אַרומגעכאַפּט. כ'האָב נאָך אַמאָל באַטראַכט די פאַרשלאָסענע טיר און ס'איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק אויפצוברעכן זי, אָבער מיט וואָס? כ'האָב אין גאַנצן אויפגעהויבן זוכן עפּעס, וואָס מען קאָן דערמיט אויפברעכן אַ פאַרשלאָסענע טיר: אַ האַק, אַ האַמער, כ'האָב אָבער גאָרנישט געפונען. כ'האָב זיך גלייך געכאַפּט, ווען איך געפין יאָ עפּעס מיט וואָס אויפצוברעכן די טיר, וואָלט איך דאָך געמאַכט אַ גע־וואַלדיקן טומל, שכנים וואָלטן אָנגעלאָפן און אפשר אויך פּאָליציי? כ'האָב רעזיגנירט און באַשלאָסן, אַז כ'וועל נישט אַוועקגעבן מיין לעבן פאַר אַ ביליקן פרייז. איינעם כאַטש, וועל איך נאָך זיין פעאיק צו דערשטיקן מיט מיינע הענט, אָבער וועמען? אפשר די, וואָס האָט מיך אַזוי אומפאַר־שעמט אַריינגענאַרט? ניין! זי איז אָרעם און הונגעריק; אויב אַזוי וועל איך דעם וואָס וועט קומען מיט דער געסטאַפּאָ דערשטיקן, אויב אומקומען, איז נישט איך אַליין — אַ לעבן פאַר אַ לעבן.

מיט דעם געדאַנק בין איך צוריק אַריין אין צימער און ס'איז מיר געקומען אַ נייער געדאַנק: אפשר זאָל איך שפּרינגען פון פענצטער? כ'האָב אַראָפּגעקוקט אויף דער גאַס, ס'איז אַ הויכער צווייטער שטאָק, העכסטנס קאָן איך צעברעכן אַ פוס, און אפשר ביידע פיס? איז דאָך אַלץ גלייכער ווי דאָס גאַנצע לעבן אַוועקצוגעבן! פיס קאָן מען אויסהיילן, אויב אפילו פּאָליציי וועט קומען, וועט מיר נאָך בלייבן מער האָפענונג, ווי גלייך איצט

אַריינצופֿאַלן צו דער געסטאַפּאָ. עס איז פֿאַר מיר געבליבן אויסצוקלויבן איינס פֿון די בײדע: אָדער שוין איצט שפּרינגען פֿון פֿענצטער, אָדער וואַרטן און זען ווי זי קומט אָן מיט דער געסטאַפּאָ.

כ׳האָב געשפּאַנט איבערן צימער אַהין און צוריק ווי אַ געפֿאַנגענע חיה אין אַ שטייג. וואָס טאָן? גלייך שוין אַראָפּשפּרינגען, אָדער צוּוואַרטן? איך האָב זיך נישט געקאָנט מוחל זיין מיין אומבאַרעכנטן שריט. כ׳האָב געביסן מיינע פֿינגער ביז בלוט, פֿאַרוואָס כ׳האָב אָן צווייפֿל אָנפֿאַרטרויט מיין פֿרייהייט און מיין לעבן אַן אומבאַקאַנטער, הונגעריקער פֿרוי — און דאָס בלויז צוליב אירע מילדע אויגן, וואָס האָבן ווי באַרואיקט און אַרויס־גערופֿן צוטרוי.

שפּאַנענדיק אַזוי איבערן צימער, איז מיר מיט אַ מאָל אַן אַנדערער געדאַנק אַריין אין מיין מוח. אפֿשר איז מיין שרעק אַן אומזיסטע? אויב האָט זי זיך דעצידירט אויף אַזאַ שריט, צו פֿאַרקויפֿן אַ מענטשלעך לעבן פֿאַר אַ ביסל פּראָדוקטן, האָט זי דאָך געקאָנט מיך בכלל נישט פֿאַרהאַלטן, ווייל זי ווייסט דאָך, אַז איבער איר סופּיט שפּאַנט אַרום עפּעס אַן „אויס־וווּרף“, אַ „קריגסהעצער“, אַ „פּאַראַזיט“, אַזוי ווי די פּראָפּאַגאַנדע האָט פֿאַרגעשטעלט דעם ייד. זי האָט דאָך געקאָנט דאָס טאָן נאָך דעם. אָט דער געדאַנק האָט מיך טיילווייז באַרואיקט. כ׳בין געבליבן שטיין אין מיטן צי־מער אַ צערודערטער. מיין געהער איז געווען אָנגעשטרענגט ביז גאָר, צי הער איך נישט אַמאָל טרעטן די באַנעגלטע שטיוול אויף די שטיגן?

איך דערהער מיטאַמאָל טריט אויף די טרעפּ, מיין האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע, מיינע בליקן זענען געווען אָנגעשטעלט צו דער פֿאַרשלאָסענער טיר און ווען כ׳האָב געהערט שליסן די טיר, בין איך אינסטינקטיוו אָפּגעשפּרונגען און שטיין געבליבן פֿון דער ווייטנס. דערזען האָב איך איר, בלויז איר. זי איז אַריין אין צימער און שנעל צוריק פֿאַר־שלאָסן די טיר, מיך באַטראַכט, ווי כ׳בין געשטאַנען אַ צערודערטער אין מיטן שטוב. ווי אַזוי זאָל איך אויסדריקן מיין געפֿיל וואָס האָט זיך אין איין רגע געענדערט פֿון שרעק צו אַ שטילער פֿרייד? זי האָט אַוועקגע־לייגט זעקס פּעקלעך פּאַפּיראָסן און אַ פּעקל טאַבאַק אויפֿן טיש און איז געבליבן שטיין אַנטקעגן מיר, מיט אירע אומשולדיקע מילדע בליקן, אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. אין דער שטילקייט האָב איך געהערט דאָס קלאַפּן פֿון מיין האַרץ, און דוכט זיך, אַז אויך פֿון איר האַרץ... איך בין נישט דרייסט געווען צו דערנענטערן זיך צום טיש. איך האָב געטראַכט: לייענט זי נישט אַמאָל פֿון מיין פּנים די פֿריערדיקע שלעכטע געדאַנקען וועגן איר? ווייסט זי, אַז איך האָב איר באַשולדיקט אין אַ פֿאַרברעכן? איך

שעם זיך איצט פֿאַר מיר אַליין. ווי אַ ווילדער, האָב איך אויפֿגעריסן אַ פּעקל פּאַפּיראָסן און צוערשט עס צו איר אויסגעשטרעקט. זי האָט געוואָרפֿן אויף מיר אַ בליק און אַ לייכטן שמייכל. ס'איז מיר גרינגער געוואָרן אויפֿן האַרץ. זי האָט אויסגעשטרעקט איר קליינע האַנט, גענומען אַ פּאַפּיראָס. איך האָב ערשט איצט געוואָגט זיך אַנידערצוזעצן. איך האָב אויפֿגעהויבן די אויגן צום פֿענצטער און זיך אַליין געפֿרעגט, צי וועל איך טאַקע פֿון היינט אָן מער נישט אָנזען די ליכטיקע שיין? איך האָב געפֿילט ווי זי נעמט נישט אַראָפּ אירע בליקן פֿון מיר. איך האָב זיך אָפּגערופֿן:

— איר ווייסט, ס'ווערט עפּעס פֿריילעכער אויפֿן האַרצן, ווען אין אַזאַ ווילדער צייט, ווען ס'לעבן פֿון אַ מענטש איז אַזוי ביליק, אַזוי הפקר, באַגעגנט מען אַזעלכע מענטשן ווי איר, מיט אַזאַ גוט האַרץ און אידעלע נשמה.

— וואָס אַזעלכעס האָב איך דאָ געטאָן, וואָס איך האָב אַזאַ גוט האַרץ און אַן אידעלע נשמה?

כ'האָב געראויכערט מיין פּאַפּיראָס מיט גרויס הנאה און געקוקט אויף איר. ווען כ'האָב פֿאַרלאָשן די רעשט פֿון מיין פּאַפּיראָס, האָב איך מיך אויפֿגעשטעלט, גענומען די עטלעכע פּעקלעך אין האַנט, האָב זי אַזוי יוי אָפּגעוויגן און איבערגעלאָזט אַ העלפֿט.

— דאָס לאָז איך פֿאַר אייך.

— וואָס טוט איר? דאָס איז דאָך אייער חלק אויפֿן גאַנצן חודש!

— מיינט איר אַז כ'וועל האָבן געגנוג אויסצוקומען?

— איז ווי אַזוי?

— וואָס איז מיר שוין פֿאַראַ אונטערשיד, צי כ'וועל הונגערן אַ האַלבן חודש, אָדער מער? ס'וועט מיר לייכטער זיין איבערצוקומען, ווען כ'וועל וויסן, אַז מיינע פּאַפּיראָסן האָבן אייך אַ געוויסן גענוס פֿאַרשאַפֿט.

איך האָב איר דערלאַנגט די האַנט, נאָך אַמאָל געדאַנקט פֿאַר איר גוטסקייט און בין צוריק אַרויף צו מיר.

איך בין לאַנג געזעסן ביי מיין קליין טישל, געלייענט און געראויכערט אָן אויפֿהער.

8

אַרום עלף אַזייגער האָב איך אויסגעלאָשן מיין קליין לעמפּעלע און זיך געלייגט. ווען כ'האָב שוין געהאַלטן ביים איינשלאָפן, דערהער איך פּלוצים דריי לייכטע קלעפּ, וואָס זענען געקומען פון אונטער מיין באָדן: דריי קלעפּ, שטילע, ווי אַ צייכן פון אַ רוף, פון דעם וואָס ווינט אונטער מיר. ס'איז שטיל געוואָרן. כ'האָב זיך איינגעהערט, און ווידער דערהערט די דריי שטילע קלעפּ, ווי מיט אַ שטעקן אויפן סופיט. דאָס מאָל האָב איך מיט מיין שוך אָפּגעענטפערט אויך דריי קלעפּ. גלייך דערנאָך האָב איך געהערט מיט נאָך אַ שנעלערן טעמפּאָ אויסקלאַפּן: איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף — אַזוי דריי מאָל. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַזאַ סיגנאַל צו מיר, נאָר כ'האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס אַזעלכעס דאָס דאַרף באַדייטן. כ'האָב אַ כאַפּ געטאָן מיין שלאָפראָק, אָנגעטאָן די שטעקשיך און שטילער־הייט אַראָפּ צו איר. די טיר איז געווען האַלב אָפן. זי האָט מיך אַריינגעצויגן צו זיך און פאַרמאַכנדיק די טיר אין איין אָטעם מיר געזאָגט:

— אַנטשולדיקט מיר, וואָס כ'האָב אייך באַאומרואיקט, אפשר אויך איבערגעוועקט פון שלאָף? אָבער מיין געוויסן האָט מיר דיקטירט אַזוי צו האַנדלען. איך וועל אייך שפּעטער אַלץ דערקלערן, נאָר איצט בעט איך אייך, נעמט אַלץ צונויף ביי אייך אין צימער, אַז ס'זאָל נישט בלייבן קיין צייכן אַז עמעץ האָט דאָרט געווינט, און קומט גיך צוריק אַראָפּ. מאַכט עס וואָס שנעלער!

אָן אַ וואָרט צו פרעגן, בין איך צוריק אַרויף אין מיין צימער אויס־פירן דעם געהיימען באַפעל. ווען כ'בין צוריק אַראָפּגעקומען מיט מיין גאַנצן באַגאַזש, האָט זי מיך געבעטן אָנשרייבן אויף אַ פּאַפּיר פּאָלגנדיקע ווערטער פאַר דער ווירטן:

„איך אַנטשולדיק זיך, וואָס כ'האָב נישט באַצאָלט דאָס דירה־געלט, כ'האָב געמוזט אַוועקפאָרן. ווען איך וועל אין קורצן צוריקקומען, וועל איך אַלץ דערלידיקן".

דאָס איז געווען אַ פאַרזיכערונג, אַז מען וועט נישט קומען מיך זוכן. איך האָב געפאָלגט איר עצה — ווען איך בין צום צווייטן מאָל אַראָפּגעקומען, האָט זי פאַרשלאָסן די טיר און מיך געבעטן זיצן. כ׳האָב געכאַפּט אַ בליק אויף איר און באַמערקט ווי זי וואָלט זיך באַפרייט פון אַ שווערער לאַסט און זיך אָפּגערופן:

— מיין ליבער מענטש, איך בעט אייך אין איצטיקן מאָמענט, ביי די איצטיקע אומנאָרמאַלע באַדינגונגען, זאָלט איר נישט קיין אַכט לייגן דערויף, וואָס איך בין אַ פרוי און איר אַ מאַן. ווי ערלעך איך זאָל נישט זיין אין מיין האַנדלונג, קאָן זיך דאָך ביי אייך פאַרוואָלגערן אַ געדאַנק, אַ געוויסער חשד וועגן מיר, וועגן מיין איצטיקער האַנדלונג; פאַרזיכער איך אייך, ווען אויף אייער אָרט וואָלט געווען אַ פרוי, וואָלט איך געהאַנדלט פונקט אַזוי צו אייך בין איך דאָך אַ ביסל מער צוריקגעהאַלטן.

— איך דאַנק אייך, כ׳באַוואונדער אייך און גלויב אייך; נאָר דערלויבט מיר צו פרעגן, פאַרוואָס זענט איר אַזוי שטאַרק צערודערט?

זי האָט שווער אָפּגעאָטעמט און קוקנדיק ערגעץ ווייט, האָט זי ווי צו זיך אַליין געזאָגט:

— נאָך אייער אַוועקגיין, האָב איך אַ לענגערע צייט נאָכגעטראַכט וועגן די פאַרפאָלגונגען און דאָס יאָגן זיך נאָך אומשולדיקע מענטשן. כ׳האָב מיך געלייגט און כ׳ווייס נישט ווי לאַנג כ׳בין געשלאָפן אין אַ שרעקלעכן קאָשמאַר. כ׳האָב געהערט אָן אַ שיער שווערע טריט, וואָס זענען אַרויף צו אייך און גלייך דערנאָך האָבן זיי אייך אַראָפּגעפירט. ווען איר זענט אַדורך פאַר מיין טיר, האָט איר זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט: „נישט נויטיק געווען דאָס פאַרהיטן מיך, אַנדערע האָבן מיך אויסגעגעבן". דערביי האָט איר אויף מיר געגעבן אַזאַ בליק, אַז אַ שוידער איז מיר אַדורך, און איינער פון זיי האָט אייך דערנאָך מיט אַזאַ ברוטאַלקייט אַ שלעפּ געטאָן פון מיר, אַז כ׳האָב געמאַכט אַ געוואַלד, און אָט מיט דעם געשריי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. איך האָב נאָכגעטראַכט, אַז ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז עמעצער האָט פון אייך געוווסט און אייך פאַרקויפט פאַר די זעלטענע פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן צוגעזאָגט. דעריבער האָב איך זיך דערטראַכט אייך צו רופן צו מיר, כדי זיי זאָלן טרעפן אַ ליידיק צימער...

— גוטע פרוי — האָב איך געזאָגט — כ׳בין אייך ביז גאָר דאַנקבאַר פאַר אייערע ווערטער, איבערהויפּט פאַר אייער האַנדלונג, נאָר גלויבט איר נישט, אַז אייער האַנדלונג קאָן אייך ברענגען אויך געוויסע קאָמפּליקאַציעס?

— קאָמפּליקאַציעס? — האָט זי ווי אין פאַרלעגנהייט, שטיל איבער-

געחזרט — פאַרוואָס באַנוצט איר זיך מיט דעם וואָרט? איך, וואָס לעב שוין פיר יאָר אַליין, אַ פאַרלאָזטע, אַ בענקענדיקע, איז דאָס נישט קאָמ־פליצירט? שוין זעקס חדשים ווי איך הער טריט איבער מיר, ליגנדיק אויף מיין געלעגער מיט אָפענע אויגן און אָנגעשטרענגטן געהער... שטילע טריט פון אַ מאַן, פון איינעם, וואָס איך קען נישט, זעקס חדשים, דאָס הייסט הונדערט און אַכציק נעכט, און אַזוי פיל שלאָפלאָזע... אייערע טריט איבער מיר, האָב איך נאָכגעפאָלגט, די מוראדיקע אומשטענדן האָבן אונדז צוזאַ־מענגעפירט. איצט טאָר מען נישט צופיל אַריינטראַכטן, איר זענט אין אַ געפאַר; האָב איך באַשלאָסן אויסצומיידן די געפאַר, וואָס הענגט איבער אייך. איך פרעג אייך נישט אייערע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, איך טראַכט אויך נישט פון דעם, וואָס איר זענט אַ מאַן... איך שטעל מיר פאָר און בין גרייט אויף אַ שווערער לעבן, מיר וועלן דאַרפן זיך טיילן מיטן ביסן ברויט — אויב דער ביסן וועט נאָר זיין, אָבער דאָס זענען קלייניקייטן. דער עיקר, אויסהאַלטן און דערלעבן די אויסגעבענקטע שעה פון דער באַפרייאונג.

מיר זענען געזעסן איינער אַנטקעגן אַנדערן, ס'איז שוין געווען ווייט אַריבער האַלבער נאַכט, יענער אָפגעלאָפענער טאָג איז געווען אַ שטאַרק הייסער; אַפילו נאָך האַלבער נאַכט, איז נאָך געווען הייס און דעמפיק. די אַלטע, טונקעלע גאַרדינען האָבן נאָך שווערער געמאַכט די לופט. ביידע זענען מיר געזעסן אין די שלאָפראָקן — און שטילערהייט געשמועסט. איך האָב זיך אָפגערופן:

— כ'מוז אייך נאָכאַמאָל זאָגן, אַז איך בין ביז גאָר גערירט פון אייער האַנדלונג, פון אייער דרייסטקייט. איך וואַרף זיך אַריין אין דעם שותפות און נעם טאַקע אָן, אַז אייער שטוב איז מיין נייע היים... אויב אַזוי, קאָן איך זיך אפשר פילן אַ ביסל באַקוועמער? איר זעט דעם שלאָפראָק? ער איז מיר איצט אַזאַ לאַסט, אַז כ'וואָלט אים גערן אַראָפגעוואָרפן פון מיר, דער־לויבט איר?

מיט דער באַקומענער דערלויבעניש, בין איך געבליבן זיצן ווי אויף אַ פלאַזשע... כ'האָב מיך דערפילט פיל פרייער, האָב אָפגעאָטעמט. זי האָט מיך באַטראַכט מיט אַ לייכטן שמייכל און מיר געזאָגט:

— אויב האָבן מיר היינט געשלאָסן אַן אָפמאַך אויף לעבן, דאַרפן מיר זיך נישט קווענקלען איינער פאַרן אַנדערן.

זי איז געבליבן זיצן אין איר פריערדיקער פאָזע. איך האָב איר באַ־טראַכט מיטן זעלבן שמייכל. אָן אַ וואָרט צו זאָגן, האָבן מיר ווידער פאַר־רויכערט. דאָס צימער איז געוואָרן אָנגעפילט מיט רויך און ווען מיר האָבן פאַרענדיקט רויכערן, האָב איך זיך געגרייט איר עפּעס צו זאָגן. מיטאַמאָל

האָט זיך דערהערט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, אַ שטאַרקער טומל. באַלד דערנאָך שווערע טריט אויף די שטיגן, פאַר שרעק האָב איך זיך אַ שטעל אויף געטאָן, בין צוגעפאַלן צו דער וואַנט מיט אַ ווילן אַריינצוּוואַקסן אין איר. זי האָט גלייך פאַרלאָשן דאָס קליינע לעמפּל, צוגעלאָפן צו מיר און מיך אַרומגענומען מיט בײדע הענט. מיט איר קליינעם קערפּער האָט זי געפּרוּווט פאַרשטעלן מיין הויכן וווּקס און שטאַרק זיך צוגעטוליעט צו מיר, ווי אָפּגעשטאָרבענע זענען מיר אַזוי געבליבן שטיין, איינהאַלטנדיק דעם אָטעם. באַלד האָבן מיר דערהערט אַ סך שווערע טריט פאַרביי גיין נעבן אונזער טיר, נאָר זיי האָבן זיך פאַרנומען העכער אַרויף, צו מיר... מיר האָבן געהערט קלאַפּן און דאָס אויפברעכן די טיר. איך האָב מיט שרעק געטראַכט צי דער אַלטער, האַלב־צעפוילטער באָדן וועט אויסהאַלטן אַזוי פיל באַנעגלטע שטיוול. ווי דיק איז דען דער באָדן צווישן מיטן סופיט? אפשר צען צענטימעטער? די שרעק האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ קאַלטן שווייס, גלייך נאָך דעם האָט מיך אַ היץ באַשלאָגן. זי האָט זיך נאָך שטאַרקער געטוליעט צו מיר. כ׳ווייס נישט ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט, אַ מינוט? אַן אייביקייט? כ׳האָב נאָך געהערט דאָס צוריק אַראָפּגיין פון די טרעפּ און אויפגעכאַפּט: „ער איז אַוועק, דער הונט".

ווען ס׳איז ווידער שטיל געוואָרן, זענען מיר נאָך לאַנג אַזוי געשטאַנען, נישט צו גלויבן אַז די געפאַר איז שוין פאַרביי. אירע הענט האָבן נאָך אַלץ מיך געהאַלטן אַרומגעקלאַמערט.

איך בין געשטאַנען ווי איינגעוואַקסן אין דער וואַנט און נישט געפילט, נישט אירע טרערן און נישט איר קערפּער. איך האָב מיר אַליין געשטעלט די פראַגע: ווי קומט עס, וואָס נאָך אַזוי פיל חדשים ווי איך וווין שוין אין דעם צימערל, נישט קיין געמאָלדענער און קיינער ווייסט נישט פון מיר, איז מען גראָד היינט געקומען מיך זוכן? צי ווייסט ווער מיין אַדרעס? צי ווייסט ווער אַז איך בין אַ ייד? צי האָבן טאַקע די נעכטיקע פּלאַקאַטן וועגן דער באַלוינונג, עמעצן געלאָקט אויף אויסגעבן ווו ס׳געפינט זיך אַ ייד? פאַרוואָס איז איר איינגעפאַלן גראָד אין דער לעצטער מינוט מיך אַראָפּצורופן, אויסצובאַהאַלטן ביי זיך אַ ייד? ס׳איז מיר איינגעפאַלן, אַז זי אַליין האָט דאָס געטאָן, און אין דער לעצטער מינוט חרטה געהאַט, און דערפאַר מיך אַראָפּגערופן צו זיך, אָדער אפשר האָט זי געזוכט אָפּצונאַרן די געסטאַפּאָ און מיך אויסגעגעבן מיט דער אויסרעכענונג, אַז ווען זיי וועלן קומען מיך זוכן, זאָל איך מער נישט זיין ביי מיר — אויך דערפאַר האָט זי מיך געבעטן אָנשרייבן די פּאָר ווערטער, אַז איך בין אַוועקגעפאָרן און נישט געלאָזט קיין אַדרעס.

פאַרשידענע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין מיין מוח. די שרעק, וואָס האָט מיך פריער באַהערשט, האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון מיר. אירע טרערן האָבן נישט אויפגעהערט רינען, מיטאַמאָל האָט זי אויפגעהויבן איר קאָפּ און אויף אַ רגע באַפרייט מיין קערפּער פון איר. זי האָט אין דער פינצטער אָנגערירט מיין שטערן, זיך דערוויטערט. זי האָט ווי־דער אָנגעצונדן דאָס נאַכט־לעמפּעלע, גענומען אַ האַנטוך און אָנגעהויבן ווישן מיין שטערן, מיין פּנים, מיין גאַנצן קערפּער. אירע פאַרטרערטע מילדע אויגן האָבן אַרויסגעוויזן אַ זעלטענע אומשולדיקייט און ערלעכקייט.

כ׳האָב אויסגעשטרעקט מיינע הענט, אָנגענומען איר קאָפּ און לאַנג אַריינגעקוקט אין אירע אויגן. אַלע מיינע צווייפלען און שלעכטע געדאַנקען וועגן איר, זענען דערטרונקען געוואָרן אין אירע טרערן. כ׳האָב איר אָפּ־געדאַנקט מיט אַ לאַנגן און הייסן קוש. זי האָט מיין קוש פאַרשטאַנען ווי אַ באַלוינונג פאַר איר האַנדלונג און האָט נישט אַוועקגענומען אירע ליפּן פון מיינע. זי האָט לאַנג געקוקט אויף מיר און מיטאַמאָל האָט זיך אויף איר פּנים אויסגעגאָסן אַ הערלעכער שמייכל, און כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז איך בין איר שולדיק געווען מיין לעבן.

— ווי גערן — האָב איך געזאָגט — וואָלט איך איצט געלאָפן מיט אייך, געטאַנצט, געטרונקען שאַמפּאַניער און געהוליעט אפילו אַ גאַנצע נאַכט! איז עס אָבער לײדער נישט רעאַליזירבאַר.

— סײַוויי וועלן מיר שוין היינט נישט שלאָפן, איך האָב נאָך אַ ביסל ראָם, וועלן מיר דערמיט פּייערן אונדזער זיג. — זי האָט זיך טאַקע גלייך אויפגעשטעלט, אַריין אין קיך און צוריקגעקומען מיטן פלעשל ראָם און מיט צוויי גלעזער. מיר האָבן געטרונקען פאַר אונדזער פריינדשאַפט, פאַר דער פריינדשאַפט פון מענטש צום מענטש און פאַר אַ שנעלן זיג איבער די נאַצישע האָרדעס.

איך האָב געטראַכט, ווי אַזוי וואָלט אויסגעזען אין אַ נאָרמאַלער צייט אַזאַ צופעליקע באַקאַנטשאַפט?... מיר זיצן אין אַזאַ הייסער זומערנאַכט, איינער נעבן אַנדערן, כמעט נאַקעט. איך, אַ מאַן אין די דרייסיקער, וואָס איז שוין צוויי יאָר אָן אַ פרוי; זי — פיל יונגער און שוין פיר יאָר אָן אַ מאַן. כ׳דערמאָן מיך אירע ווערטער: „מיר וועלן דאַרפן עסן איין שטיקל ברויט”. האָט זי דען געמוזט זאָגן דאָס איבעריקע?... מיר זיצן און טרינקען אַ שלונג נאָך אַ שלונג, וואָס צעהיצט נאָך מער די געמיטער. איך זע ביי דעם שוואַכן שיין ווי אירע אויגן גליען ממש, איך מייד אויס צו טראַכטן, ווי אַזוי ס׳וועט אויסזען אונדזער צוזאַמענלעבן. איך רוף זיך אָן:

— אַזוי ווי מיר האָבן געטרונקען פאַר אונדזער פריינדשאַפט, פאַר

אונדזער אָפּמאַך אויסצוהאַלטן און איבערלעבן דעם ווילדן קאָשמאַר, טאָ פאַרוואָס זשע דוצן מיר זיך נישט ?...

ביי די ווערטער האָט זי מיר אויסגעשטרעקט איר האַנט, די באַוועגונג האָט אַנטבלויזט איר ווייסע, רונדע ברוסט און זי האָט אַ שמייכל געטאָן:

— מיך רופט מען ניקאָל. און ווי איז אייער... דיין נאָמען ?

— מיך רופט מען פּיער — און כ'האָב גלייך צוגעגעבן: — פּיער איז נישט מיין ריכטיקער נאָמען. איך הייס אין דער אמתן בערנאַרד קליין, פון פאַך אַ דענטיסט. שוין פינף יאָר פאַרהייראַט. איך וווין אין פּאַריז, אין דער שטאָט ווו כ'האָב שטודירט. איך שטאַם פון פויליש־יידישע עלטערן. אין פּאַריז האָב איך איבערגעלאָזט מיין דענטיסטישן קאַבינעט און אויך מיינעם אַ זעלטענעם שול-חבר, מיר האָבן צוזאַמען שטודירט, צוזאַמען באַקומען דעם דיפּלאָם, נאָר איין זאַך האָבן מיר נישט געטאָן גלייך: איך האָב חתונה געהאַט — און ער נאָך נישט. מיר האָבן געאַרבעט צוזאַמען ביז ס'איז געשען דאָס טראַגישסטע: דעם 16־טן יולי 1942 האָבן די נאַציס אין דעם דאָזיקן פאַרטאָג מאָביליזירט זייערע יונגען און מיט דער מיטהילף פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי, אַרויסגעשלעפּט פון זייערע היימען גאַנצע משפחות, אַלע שפּיטעלער אויסגעליידיקט און אַפילו די קראַנקע ערגעץ־ווו פאַרשלעפּט, צווישן די אומגליקלעכע זענען געווען אויך מיינע עלטערן. קיינער ווייסט נישט ביז איצט, ווו זיי געפינען זיך, כ'האָב געזען ווי זיי הייבן אָן פאַרווירקלעכן זייער טייוולאָנישן אויסראָטונגס־פּלאַן קעגן יידן. מיר האָט עס דערווייל אָפּגעגליקט און כ'האָב באַשלאָסן צו אַנטלויפן אינעם „פרייען געביט", מיט דער מיטהילף פון מיין גוטן חבר, האָב איך זיך געמאַכט דאָקומענטן אויף זיין נאָמען. אַזוי בין איך פאַר דער פראַנצויזישער פּאָליציי, אַ כשרער „אַריער", טראָץ דעם האָב איך מיך נישט געפילט אין גאַנצן זיכער; ווי נאָר ס'איז באַקאַנט געוואָרן אַז אין ניצע זענען יידן פריי, בין איך אַהין אין דעם איטאַליענישן געביט און געפונען אַרבעט ביי מיין פאַך ביי אַן אַלטיטשקן דענטיסט. ס'איז געווען פאַר אונדז ביידע אַ גוטער שידוך, ער האָט זיך געגוויטיקט אין מיר, און איך בין געווען צופרידן, וואָס כ'האָב מיך צוריק געפונען ביי מיין באַשעפטיקונג און אויך אַן אָרט ווו זיך אויפצוהאַלטן. ביז דער דוטשע האָט קאַפּיטולירט און די נאַציס האָבן באַלד דערנאָך אָקופּירט די איטאַליענישע זאָנע און ווי נאָר זיי זענען געוואָרן די בעלי־בתים איבער דער געגנט, האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן־אַבלאַוועס אויף יידן. מען האָט אָנגעהויבן דעפּאָרטירן יידן אין די טויזנטער און אָנגעהויבן זוכן הויז נאָך הויז, און האָבן דערביי

אַנגעוואָנדן אַזאַ באַרבאַריש מיטל, אַז ס׳איז אוממעגלעך געוואָרן דאָס אויס־באַהאַלטן זיך.

דער גוטער אַלטיטשקער, ביי וועמען איך האָב געאַרבעט, האָט געוווּסט, אַז כ׳בין אַ ייִד; ער האָט מיך דעריבער גענומען בעטן, אַז כ׳זאָל רחמנות האָבן אויף זייערע אַלטע יאָרן, ווייל אין פאַל ווען די נאַציס וועלן מיך אַנטדעקן ביי זיי, דראָט אים אַ גרויס געפאַר. האָט ער מיר געגעבן אַ בריוו צו זיין שוועסטער, אונדזער ווירטן, וועלכע האָט מיך זייער גוט אויפגענומען און מיר געגעבן דאָס צימערל. כ׳האָב גלייך געשריבן צו מיין חבר אין פּאַריז וועגן מיין נייער אומבאַקוועמער לאַגע, אַז כ׳האָב פאַרלוירן יעדע מעגלעכקייט עפּעס צו פאַרדינען. שיקט מיר טאַקע מיין חבר יעדן סוף חודש, אַ געוויסע סומע געלט אויפן אַדרעס פון אונדזער ווירטן. אָט פון דעם געלט לעב איך איצט.

9

מיין קורצע דערציילונג האָט איר ווייזט אויס שטאַרק פאַראינטע־רעסירט. זי האָט נישט אָפּגעוואָנדן אירע בליקן פון מיר, זי גיט מיך אַ פרעג:

— וואָס פאַראַ באַרבאַריש מיטל האָבן די נאַציס אָנגעוואָנדן, כדי צו דערקענען אַ ייד?

— גאַנץ פּשוט, זיי האָבן געצווונגען אַראָפּלאָזן די הויזן...

זי האָט זיך פאַררויטלט און נאָך אייניקע מינוטן פון שווייגן, זיך דעצידירט און געפרעגט:

— איז דען ביי אייך אַנדערש?

איך האָב לאַנג אויף איר געקוקט מיט אַ שמייכל, און לסוף איר גע־פרעגט:

— זאָג מיר, טייערע ניקאָל, האָסטו שוין אַמאָל געזען אַ ייד?

— ניין — האָט זי געענטפערט.

— נו? ווי געפעל איך דיר ווי אַ ייד? אַ פּאַראַזיט, אַ רויבער, אַ קריגסהעצער און ווער קען דען אויסרעכענען מיט וואָס פאַראַ העסלעכע נעמען זיי האָבן אונדז באַצירט.

זי האָט אויף מיין פראַגע גאָרנישט געענטפערט. זי איז געזעסן אַ פאַרטראַכטע, מיטאַמאָל פרעגט זי מיך:

— זאָג מיר, פיער, פאַרוואָס פייניקן זיי אַזוי די יידן און פאַרוואָס זוכן זיי נאָר יידן, וואָס האָבן זיי צו יידן מער ווי צו אַלע אַנדערע?

— גוט געפרעגט, ניקאָל. כ׳מוז דיר זאָגן, אַז איך אַליין שטעל אויך די זעלבע פראַגע, פאַרוואָס?

כ׳האָב זיך פאַרטראַכט, וואָס איר נאָך צו ענטפערן און געזאָגט:

— הער מיך אויס, ניקאָל: כ׳האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך שטעל אויך די זעלבע פראַגע, און כ׳קען דיר זאָגן אַט וואָס: ערשטנס איז נישט היטלער דער ערשטער רשע, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אויסצוראָטן אונדז,

מיר האָבן שוין אַ סך רשעים איבערגעלעבט. דאָס קומען צו דער מאַכט פון אַט דעם היטלער מיט זיין באַנדע, איז געווען נישט מער ווי איין גרויסער שווינדל. זיי האָבן אַלע באַשווינדלט, לינקס און רעכטס, קליין און גרויס; כדי צו געווינען דאָס דייטשע פאָלק אויף זייער זייט, האָבן זיי געמוזט דעם פאָלק עפּעס געבן, און וואָס האָבן זיי געקענט געבן דעם דייטשן פאָלק? האָבן זיי אים צוגעזאָגט דאָס יידישע פאַרמעגן. יידן, ווו זיי זאָלן זיך נישט געפינען, זענען אויסגעשטעלט אויף הפקר. מיר זענען שוואַך, ווייל מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו זיין באַוואָפנט. דערפאַר האָבן די נאַציס געקענט צוזאָגן דעם דייטשן פאָלק, אַז זיי וועט צוגעטיילט ווערן דאָס רייכטום פון די יידן. כדי דאָס צו מאַכן אימפּאָזאַנט, פייערלעך, האָבן זיי איינגעאָרדנט ספּעקטאַקולאַרע מאַניפעסטאַציעס, ספּעציעל אין די אָוונטן מיט טויזנטער ברענענדיקע פאַקלען, און האָבן געזונגען דאָס געשאַפענע ליד צו דעם צוועק: „ווען דאָס יידנבלוט אויפן מעסער שפּריצט”. אַט אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן און אַז די וועלט האָט געשוויגן, האָט מען געשאַפן ספּעציעלע געזעצן אויסצוראָטן די יידן פון אַלע לענדער וועלכע זיי האָבן אָקופּירט, און צורויבן זייערע פאַרמעגנס. צענדליקער באַנען זענען אָפּגעפאָרן פון פראַנקרייך און פון אַנדערע לענדער מיט יידיש האָב און גוטס, אויף די וואַגאָנען איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע, דייטשע אותיות: „אַ געשאַנק פון דעם און דעם פאָלק — פאַרן דייטשן פאָלק”.

אַט דאָס, ניקאָל, האָב איך דיר געקענט ענטפערן אויף דיין פראַגע.

זי האָט אויסגעהערט ערנסט און לאַנג זיך פאַרטראַכט. ס'האָט גע-הערשט אַ טיפע שטילקייט. איך האָב אויסגעשטרעקט מיין האַנט, גענומען ס'פלעשל מיטן לעצטן ביסל ראָם און איינגעטיילט די רעשט.

— ניקאָל — האָב איך זיך אָפּגערופן — ס'פאַלט מיר איין דיר צו שטעלן אַזאַ פראַגע: ווען דיין מאַן קומט איצט צופעליק אַריין, און טרעפט אונז זיצן אין דער פאַזע, האַלב נאַקעט און אַזוי שפּעט אין דער נאַכט, טרינקען און רויכערן, וואָס מיינסטו וואָלט ער געזאָגט צו דעם?...

ניקאָל האָט מיר צוגעוואָרפן אַן ערנסטן בליק, און מיט אַ שטאַרקן זיפץ, האָט זי מיר געענטפערט:

— ליידער וועט מיין מאַן שוין מער נישט קומען צו מיר. מיין מאַן איז אומגעקומען נישט דירעקט אין דער מלחמה, נאָר צוליב זיין אייגענער שולד, צוליב זיין לייכטזיניקייט.

— ווי אַזוי?

זי האָט זיך פאַרטראַכט. איר פּנים האָט אויסגעדריקט אַ סך צער און טרויער.

— מיין מאַן איז געוועזן זייער אַ לייכטזיניק יינגל, און זיין לייכטזי־ניקייט האָט אים דערפירט צו אָט דעם טראַגישן פּאַרפּאַל: דאָס איז געשען מיט צוויי יאָר צוריק. ער און נאָך אַ חבר, אויך אַ פראַנצויזישער קריגס־געפאַנגענער, זענען געשיקט געוואָרן אין אַ דייטשער ווירטשאַפט אויף אַרבעט. גלייך דערנאָך האָט ער מיר געשריבן, אַז זיין לאַגע האָט זיך פיל פאַרבעסערט; ס'איז דערוויל נישט נויטיק אים צו שיקן די פּעקלעך, ער האָט גענוג צו עסן און פילט זיך זייער גוט. אַזעלכע בריוו פלעג איך באַ־קומען פון צייט צו צייט, ביז ער האָט אויפגעהערט צו שרייבן. אַלע מיינע בריוו זענען געבליבן אָן אַן ענטפער. ערשט אין חודש דעצעמבער, האָב איך באַקומען אַ בריוו פון אים און דורך דעם בריוו בעט ער מיך כ'זאָל אים מוחל זיין פאַר זיין שריט, וואָס ער גרייט זיך צו טאָן; ער האָט צוגע־געבן, אַז ס'איז מלחמה נאָך אויף צענדליקער יאָרן, און ער קאָן מער נישט איבערטראָגן די ליידן און דאָס שווערע לעבן פון אַ געפאַנגענעם. אַזוי ווי ער האָט איצט אַ מעגלעכקייט זיין לאַגע אויסצובעסערן, גרייט ער זיך חתונה האָבן מיט זיין ווירטנס טאָכטער, און ער בעט מיך כ'זאָל אים מוחל זיין דעם דאָזיקן שריט זיינעם. ער האָט מיר צוגעזאָגט שיקן געלט, ווי נאָר ס'וועט זיך מאַכן אַ מעגלעכקייט. ער האָט מיר צוגעזאָגט אַפילו אַ גרעסערע סומע געלט, ווייל דאָרט ווו ער אַרבעט, איז זייער אַ גרויסע און רייכע ווירטשאַפט, די בעלי־בתים באַשטייען בלויז פון צוויי פערזאָן, די מוטער און די טאָכטער.

— כ'האָב גאָרנישט געענטפערט אויף דעם העסלעכן בריוו. פון דעמאָלט אָן האָב איך שוין מער קיין נייעס געהאַט פון אים. אַ פּאָר חדשים שפּעטער, האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר. ס'איז אַריינגעקומען אַ יונגערמאַן און זיך געפרעגט אויף מיר, און ווען ער איז געוועזן איבער־צייגט, אַז דאָס בין איך, האָט ער געבעטן אַ דערלויבעניש זיך צו זעצן, ווייל ער האָט זייער וויכטיקס מיר איבערצוגעבן. ער האָט לאַנג מיך אָנ־געקוקט, זיך אָנגענומען מיט מוט און מיר דערציילט:

„אין זומער פונעם יאָר 1942, זענען זיי געשיקט געוואָרן — דאָס הייסט ער און מיין מאַן — אין אַ ווירטשאַפט אויף אַרבעט. דאָרט זענען געוועזן בלויז צוויי פרויען, אַ מוטער מיט איר טאָכטער. זיי האָבן זיך נישט געקענט קיין עצה געבן אין שניטצייט מיט דער אַרבעט. אין אַ געוויסן אָוונט, נאָכן נאַכטעסן, האָט די ווירטן דערציילט פאַר אונדז מיט טרערן אין די אויגן, אַז איר מאַן איז פאַרפייניקט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַ־גער, ווו ער איז פאַרשיקט געוואָרן דורך זייער אייגענעם זון. דער פאָטער

איז געווען אַ ליבעראַלער מענטש און נישט געקענט מסכים זיין מיט די היטלעריסטישע מאָרדן. דאַקעגן דער זון זייערער איז געווען אַ ווילדער, פאַרברענטער היטלעריונג. דעריבער האָבן פאָטער און זון אָן אויפהער זיך אַרומגעקריגט, ביז ער האָט מיט דער מיטהילף פון דער היטלער־יוגנט, פאַרשיקט און פאַרשפּאַרט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. דאָרט האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אויסצופירן די עקלהאַפטע אַרבעטן, און זיי האָבן אים פאַרפייניקט. דאָס דאָזיקע פאַרברעכן האָבן מוטער און טאָכטער אים נישט געקענט מוחל זיין. יעדעס מאָל, ווען ער איז אַהיימגעקומען אויף אַ פּאָר טעג, פלעגן זיי זיך אַרומקריגן. דער היטלעריונג האָט אָנגעהויבן דראָען אַז זיי וועלן האָבן דעם זעלבן סוף. מיר האָבן ווייטער פאַרגעזעצט אונדזער אַרבעט. ביסלעכווייז זענען מיר געוואָרן ווי אייגענע אין זייער הויז, ווייל זיי האָבן פיינט געהאַט די דייטשע יוגנט, אויסגעשולטע ווי פאַרברעכער.

„אין אַ געוויסן טאָג — דערציילט ער מיר ווייטער — האָט ער באַמערקט, ווי זשאַן — דאָס הייסט מיין מאַן — מיט דעם מיידל, זענען עפּעס אין גאָר פריינטלעכע באַציאונגען. זשאַן האָט אָנגעהויבן ווערן פריילעכער און אַפילו אָנגעהויבן מיר געבן באַפעלן, און דאָס, מיט אַ טאָן פון אַ פּאַטראָן. איך האָב עס פאַרשוויגן און געזוכט אַ געלעגנהייט אים צו פרעגן, פאַרוואָס עפּעס די ענדערונג; ווען מיר זענען געווען אַליין, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער גרייט זיך חתונה האָבן מיט דער ווירטנס טאָכטער און אַז גאָר אין קורצן וועט ער ווערן דער איינציקער בעל־הבית פון דער גרויסער און רייכער ווירטשאַפט. וויסנדיק, אַז ער איז אַ פאַרהייראַטער, האָב איך געשטוינט צו הערן די דאָזיקע נייעס, און אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף זיין אומערלעכן שריט. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ס'איז שוין צו שפּעט, ער איז פאַרליבט, און זי אין אים נאָך מער, און מיך געבעטן נישט שטערן אים זיין גליק. ער איז פעסט איבערצייגט, אַז דייטשלאַנד וועט געווינען די מלחמה און אויב דייטשלאַנד וועט זיין דער זיגער, איז אויס מיט פראַנקרייך, און אויך מיט גאַנץ איראָפּע. און אויב ס'איז דאָ אַ געלעגנהייט זיך אויסצובעסערן דאָס לעבן, וויל ער טאַקע נישט זיין קיין שקלאַף און רייסט פולשטענדיק איבער אַן וואַקלענישן מיט דער פאַרגאַנגענהייט. כ'האָב אָנגעהויבן באַמערקן, אַז ער פירט זיך מיט דעם מיידל אַזוי ווי זיי וואָלטן שוין געווען מאַן און ווייב. ווען ס'האָבן זיך דערנענטערט די טעג צו דער ווייַנאַכט, איז דער זון, דער היטלער־כוליגאַן, אַהיימגעקומען. געוווסט האָט ער, אַז ס'אַרבעטן דאָ צוויי פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע. ווען ער האָט אָבער דערזען ווי זשאַן טוט זיך אָן אין אַ שיינעם ציוויל־אָנצוג און אַז ער איז מיט זיין שוועסטער עפּעס אַזוי צופיל היימיש,

האָט ער אָנגעהויבן שרייען: „וואָס מאַכט ער דאָ, דער שמוציקער פּראַנ־צויז?".

זשאַן האָט געוווּסט, אַז מוטער און טאָכטער האַסן דעם ווילדן היט־לעריסט. ער האָט אויך געוווּסט, אַז די מוטער מיטן מיידל זענען אויף זיין זייט, קעגן זייער ברודער און זון. די דייטשע שפּראַך האָבן מיר שוין גע־האַט אַביסל געלערנט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און איז צו צום היט־לעריונג און אים געפרעגט: „קענסטו מיר אפשר זאָגן דאָס, וואָס דו האָסט פריער געזאָגט? כ'האָב נישט אַזוי גענוי געהערט".

דער היטלעריונג איז געוואָרן ווילד פון זשאַנס פראַגע, האָט נישט געקענט פאַרטראָגן אַז דער „שמוציקער פראַנצויז" וואָגט נאָך זיך צו רייצן מיט אים. ער האָט זיך דערנענטערט צו זשאַנען און געריטשעט ווי אַ ווילד־חזיר:

— יאָ, איך האָב געפרעגט, וואָס דו טוסט דאָ ביי מיר, שמוציקער פראַנצויז!

זשאַן האָט נישט אויסגערעכנט, אַז נישט בלויז אַ באָקסן־קאַמף וועט עס זיין, ווייל דער יונג איז אויך שטענדיק באַוואָפנט און ס'קאָן אים אויך קאָסטן ס'לעבן. ווי נאָר ער האָט נאָכאַמאָל דערהערט „שמוציקער פראַנ־צויז", האָט ער אים דערלאַנגט מיט דער פויסט אין פּנים, מיט אַזאַ קראַפט, אַז יענער האָט זיך אַ וואָקל געטאָן און געפאַלן ביז צו דער וואַנט.

אַזאַ באַליידיקונג האָט ער נישט געקענט פאַרדייען, און ר'האָט אויסגעליידיקט אַלע קוילן פון זיין רעוואָלווער אויף זשאַנען. אַ פאַרגאָ־סענער מיט בלוט, איז זשאַן געפאַלן טויט. זיין שוועסטער, וואָס האָט זיך שוין גערעכנט אַלס זשאַנס פרוי, האָט זיך אָנגעהויבן ראַנגלען מיט איר צעווילדעוועטן ברודער. זי האָט געביסן זיין האַנט ביז בלוט האָט אָנגע־הויבן פון אים רינען. צום גליק האָט ער מער קיין קוילן נישט געהאַט אין רעוואָלווער, ווען נישט וואָלט ער אויך זיין שוועסטער אַוועקגעלייגט. די מוטער, צוזעענדיק וואָס דאָ איז געשען, איז פאַרשווּנדן אויף אַ מאָמענט און איז צוריקגעקומען מיט אַ יאַגד־ביקס, זי אָנגעשטעלט אויף איר זון, און האָט אויסגעשאָסן עטלעכע מאָל, ביז דער יונג איז אַוועקגעפאַלן אַדורכגעלעכערטער פון קוילן. אַזוי זענען געווען צוויי קרבנות אין דער הייליקער ווייַנאַכט. זי אַליין האָט נישט געלאָזט קיין טרער. נאָך אַ פיינלעך שווייגן, האָט זי מיך אַרויסגעשיקט אין גאָרטן אויסגראָבן אַ טיפע גרוב און באַגראָבן איר זון אַזוי טיף, אַז קיין שפּיר־הינט זאָלן אים נישט אַנט־דעקן. וועגן זשאַנען, האָט זי באַשלאָסן צו מעלדן דער פּאָליציי אַז איר זון האָט אים דערשאָסן און איז גלייך דערנאָך אַנטלאָפן. פאַרשטייט זיך, אַז

כ׳האָב אויסגעפּירט דעם פאַרלאַנג פון מיין ווירטן. די קליידער פון איר זון האָב איך באַהאַלטן פאַר מיר, מיט דער אויסרעכענונג, אַז זיי קענען מיר אפשר נוצן ברענגען. טאַקע אַ דאַנק די קליידער פון אַן עס־עס־מאַן איז מיר מעגלעך געוואָרן דאָס אַנטלויפן. ווי איר זעט, האָט זיך מיר דאָס איינגעגעבן און כ׳בין איצט ביי אייך. כ׳באַדויער בלויז זייער, וואָס איך ברענג אייך דעם טרויעריקן גרוס. מיין פליכט איז געווען אייך אָפּצוזוכן און דערציילן אייך דעם אמת און ווען איר וועט דאַרפן אָט דעם אמת באַשטעטיקן צו געוויסע געריכטלעכע אַמטן, וועל איך שטענדיק זיין צו אייער דיספּאָזיציע״.

— ווען ער האָט פאַרענדיקט דאָס דערציילן וועגן מיין מאַן, זענען מיר ביידע געבליבן זיצן און לאַנג געשוויגן. איך האָב גאָרנישט געהאַט מער וואָס צו פרעגן. ער האָט זיך נאָכאַמאָל אַנטשולדיקט פאַר דעם טרויעריקן גרוס. איבערלאָזנדיק זיין אַדרעס, האָט ער צוגעגעבן, אַז ווען נאָר איך וועל דאַרפן און וועלן זיין עדות זאָגן, וועט ער זיין גרייט מיר צו דינען.

— אָט דאָס איז אין קורצן די געשיכטע פון מיין מאַן און זיין טויט.

10

אַ לענגערע צייט דערנאָך, האָט געהערשט אין דעם טונקעלן צימער אַ פּײַנלעכע שטילקייט. זי האָט צוגעגעבן:

— עס טוט מיר לייד, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו דערציילן וועגן דער טראַגישער געשעעניש גראַד איצט, ווען אונדז האָט זיך איינגעגעבן אָפּצונאַרן די כאַפּערס. אָבער דאָס געהערט שוין צו אַ טרויעריקער פאַר־גאַנגענהייט. אַזוי ווי מיר וועלן שוין, ווייזט אויס היינט נישט שלאָפן, צו־ליב די אַלע עמאָציעס און ווייל ס'איז דער ערשטער אָוונט אַז מיר קענען זיך, וויל איך אייך שטעלן די זעלבע פראַגע וואָס איר האָט מיר געשטעלט: ווען אייער פרוי קומט איצט דאָ אַריין און טרעפט אונדז אַזוי זיצן אָט אין דער פּאָזע, אַזוי שפּעט בײַנאַכט, וואָס וואָלט זי געזאָגט צו דעם?...

נאָך אַלעמען איז זי דאָך געווען אַן אָפּגענאַרטע, אַ פאַרלאָזטע. מיטן זאָגן, אַז דאָס איז בײַ איר, שוין נישט מער ווי אַ טרויעריקע פאַרגאַנגענ־הייט, האָט זי דערמיט זיכער געוואָלט זאָגן, אַז ער איז שוין פון לאַנג אַרויסגעריסן פון איר האַרץ — און דערפאַר אויך די נײַגעריקייט צו וויסן עפּעס וועגן מיין פרוי; נישט האָבנדיק די דרייסטקייט צו פרעגן, צי מיין פרוי לעבט, האָט זי בלויז איבערגעחזרט מיין פריער געשטעלטע פראַגע.

— דו ווייסט, ניקאָל, מיר דוכט זיך, אַז נישט בלויז די געפאַר פון דער געסטאַפּאָ, וואָס האָט געלויערט אויף מיר, האָט אונדז פאַראייניקט, נאָר אויך די אומשטענדן אין וועלכע מיר ביידע האָבן זיך געפונען, האָבן געפירט דערצו... איך האָב פאַר דיר דעם זעלביקן ענטפער... מיין פרוי וועט אויך לײַדער נישט אַרײַנקומען. איך ווייס גאָרנישט וועגן איר. כ'ווייס אַפילו נישט צי זי לעבט. איך האָב אויסגעהערט די געשיכטע פון דיין מאַן, אָבער מיט מיין פרוי איז געשען אַזעלכעס, וואָס נאָר בײַ די ווילדע געיעגן אויף יידן קען עס געשען:

ווען איך האָב פאַרלאָזט פּאַריז און אָנגעקומען אַהער, אין פרײַען גע־ביט, און דאָס אַ דאַנק די „אַרישע” פּאַפּירן פון מיין קריסטלעכן חבר פּיער,

האָב איך גלייך געשריבן אַ פּאָר ווערטער צו מיין פרוי וועגן מיין אָנקו־מען. כ׳האָב איר געגעבן אָנצוהערן, אַז ביי די ערשטע מעגלעכקייטן וועל איך איר צו וויסן טאָן וועגן איר קומען צו מיר. ווי כ׳האָב דיר שוין באַ־קאַנט געמאַכט מיין אַרומוואַנדערן, ביז כ׳האָב מיך אָפּגעשטעלט אין ניצע און אָנגעקומען צו דעם גוטן אַלטיטשקן דענטיסט, האָב איך דעמאָלט ערשט געשריבן צו מיין פרוי, זי זאָל קומען צו מיר. זי האָט מיט גרויס פרייד זיך געגרייט צו דער רייזע און איז אָפּגעפאָרן, איך האָב מיך געריכט יעדן טאָג אויף איר קומען. כ׳האָב געוואַרט און געוואַרט, נאָר ליידער זיך נישט דערוואַרט. צוויי חדשים האָב איך אינגאַנצן נישט געוווסט וואָס ס׳איז גע־שען מיט מיין פרוי, ביז כ׳האָב דערהאַלטן פון איר אַ בריוו, און ס׳איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן, בעסער געזאָגט, פינצטער געוואָרן. אָט וואָס זי האָט מיר געשריבן: זי איז בכלל נישט זיכער צי דער בריוו וועט צו מיר דער־גיין. פאַרן שיקן דעם בריוו, האָט זי באַצאָלט אַ טייערן פרייז און מיך פאַרזיכערט, אויב זי וועט האָבן אַ מעגלעכקייט, וועט זי מיר ווידער שרייבן. דעם דאָזיקן בריוו האָב איך געלייענט אפשר הונדערט מאָל.

זי איז פאַרהאַלטן געוואָרן ביי דער גרענעץ־ליניע, נישט דורך די דייטשן, נאָר דורך דער פראַנצויזישער מיליץ. זוכנדיק אין איר באַגאַזש און איר האַנט־טאַש, האָט מען געפונען ביי איר דעם יידישן דאָקומענט, וואָס איז געווען באַצייכנט מיטן רויטן סטעמפּל „ייד". ווי אַזוי דאָס איז געשען, פאַרוואָס זי האָט געהאַט ביי זיך דעם יידישן דאָקומענט, קען איך נאָך נישט פאַרשטיין. זי האָט אויך געהאַט „אַרישע" דאָקומענטן אַזוי ווי איך. זי האָט זיך גוט פאַרטיידיקט און קאַטעגאָריש געלייקנט, אַז דאָס האָט זי ספּעציעל געלאָזט זיך מאַכן אַזאַ פאַלשע, יידישע קאַרטע, כדי אַרויסצוקריגן געלט פון יידישן קאָמיטעט. זי האָט געשפּילט ווי דער מאָמענט האָט פאַר־לאַנגט און חוצפּהדיק הויך גערעדט. די מיליץ־חברה האָט זיך געפונען אין אַ צווייפל און נישט געוווסט ווי אַזוי האַנדלען, וואָס צו באַשליסן. מען האָט זי דעריבער אַריינגעפירט צום מיליץ־אָפיציר, האַלטנדיק איר יידישן דאָ־קומענט אין זיין האַנט, האָט דער אָפיציר לאַנג אָבסערווירט מיין פרוי. ער האָט געגעבן אַ צייכן זיינע לייט, וואָס דאָס האָט באַדייט, אַז ער וויל בלייבן מיט איר אַליין. דאַן האָט ער איר פאַרגעלייגט אויסצוקלויבן איינעם פון די צוויי וועגן: אָדער זי זאָל בלייבן מיט אים, אַלס זיין פרוי, אָדער ווערן זיינע אַ מעטרעסע און אויב נישט, אויסצוליפערן זי צו די דייטשן, ביי וועלכע זי וועט זיכער דעפּאָרטירט ווערן אַלס יידישקע. מען האָט זי אַריינגעפירט אין אַ זייטיק צימער און פאַרשפּאַרט הינטער אַ שלאָס. מען האָט איר גע־געבן צוויי שעה אויף איבערלייגן זיך: לעבן — אָדער אומקום. „כ׳האָב

אַזוי געוואָלט לעבן״, האָט זי מיר געשריבן אין דעם בריוו, „ווען דאָס וואָלט מיט מיר געטראָפן מיט אַ דייטשן אָפיציר, וואָלט איך גלייך אויס־געקליבן דעם אומקום, אָבער דאָ האָב איך געהאַט פאַר מיר אַ פּראָנצויז, און אויסגעקליבן דעם וועג צום לעבן... כ׳וויל האָפן, אַז דו וועסט מיר דאָס מוחל זיין״. פון דעמאָלט אָן, קיין שום צייכן מער, אַז זי לעבט.

אפשר האָט זי פּראָבירט אַנטלויפן, אָדער אפשר האָט דער דאָזיקער חברהמאַן זיך שוין אַנגעזעטיקט מיט איר אַלס אַ מעטרעסע? זי איז זייער אַ שיינע: הויך, בלאָנד, ווי אַן עכטע „אַריערין״, איז גאָרנישט קיין צווייפל אַז ער האָט זי איבערגעגעבן די דייטשן. ווער ווייסט? איז דען מעגלעך דורך אַזאַ לאַנגער צייט, נישט אָנצושרייבן אַ פּאָסט־קאַרטל מיט צוויי ווער־טער: „איך לעב״?

דערפאַר, טייערע ניקאָל, האָב איך געזאָגט, אַז מיין פרוי וועט אויך דאָ איצט נישט אַריינקומען.

מיין פּנים האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלקנט, כ׳האָב זיך פאַרגעשטעלט אין געדאַנק, אַ געפאַנגענע ביי דעם קאָמענדאַנט פון דער מיליץ, אָדער אַ דע־פּאָרטירטע צוזאַמען מיט אַנדערע הונדערטער טויזנטער יידן.

— יעדער האָט זיין פערזענלעכן ווייטיק — האָב איך געזאָגט, קוקנ־דיק ערגעץ ווייט, ווי כ׳וואָלט געזען דאָס געשטאַלט פון מיין פרוי. ווען כ׳האָב דערנאָך געוואָנדן מיינע בליקן אויף ניקאָלן, האָב איך דערזען ווי זי קוקט אויף מיר מיט אירע שיינע, מילדע אויגן, אין וועלכע ס׳זענען גע־שטאַנען טרערן. כ׳האָב זיך אָבער באַלד דערמאָנט די נאָר וואָס איבער־געלעבטע געשעענישן און איר געזאָגט:

— נו, גענוג, ניקאָל. מיר האָבן געהאַלטן אין פייערן אונדזער פריינד־שאַפט, אונדזער היינטיקן זיג, מיר זענען נישט בכוח גאָרנישט צו ענדערן, איז לאָמיר איבעררייסן די טרויעריקע דערינערונגען.

— ס׳איז נישט אַזוי לייכט, פּיער, ווען דו פרעגסט מיך נישט פון מיין מאַן, וואָלט איך אויך נישט געפרעגט פון דיין פרוי. איך טראַכט ווי מאָדנע ס׳איז דער גורל פון מענטשן: מיין מאַן האָט געזינדיקט קעגן מיר מיט זיין לייכטזיניקייט און ר׳האָט טייער באַצאָלט. איך אַלס „אַרישע״ פרוי (ווי מען רופט דאָס היינט) און ווי אַ פרוי פון אַ קריגס־געפאַנגענעם, האָב איך נאָך די מעגלעכקייט פריי זיך צו באַוועגן, וועל איך טאָן אַלץ, וואָס איז מיר נאָר מעגלעך, כ׳וועל טאָן יעדע שווערע אַרבעט, כדי צו האָבן גענוג אויף אונדזער אויסהאַלט. לאָמיר האָפן, אַז די באַפרייאונג איז שוין נישט ווייט.

— טייערע ניקאָל — זאָג איך צו איר — ווי פּאַלט דיר איין צו טראַכטן, אַז דו וועסט דאַרפן אַרבעטן פאַר מיר? איך האָב דאָך דיר גע־

זאָגט, אַז איך באַקום געלט יעדן חודש פון מיין חבר פון פּאַריז. ווען ער זאָל מוזן אַפילו פאַרקויפן עפּעס פון מיינע שטובזאַכן, מעגסטו זיין רואיק, ניקאָל, אַז צוליב געלט וועלן מיר נישט הונגערן. מען זאָל נאָר באַקומען עפּעס צו קויפן פאַר דעם געלט! דיין שלאָף איז געשטערט געוואָרן צוליב מיר, און פון הינטער דעם פאַרהאַנג שיינט שוין אַריין דער פרימאָרגן — האָב איך פאַרענדיקט מיט אַ לאַנגן גענעץ.

— ווי איך זע, ביסטו שלעפעריק, איך בין שוין איצט ווי אויסגע־שלאָפן. צופיל פרייד און טרויער. איצט איז פאַר דיר צייט צו גיין שלאָפן. מיר איז נישט לייכט שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, פון לייגן זיך מיט אַ מאַן, ווּעמען איך קען בלויז עטלעכע שעה. מאָרגן, נאָכן אָפּזיין אַ גאַנצן טאָג צוזאַמען, וועט דאָס מיר זיין לייכטער.

— זאָל זיך דיר דוכטן, אַז ס׳איז שוין מאָרגן. ביסט מיד, אין דרויסן טאָגט שוין.

כ׳האָב איר געגומען אויף מיינע הענט, ווי מען טראָגט אַ קינד, זיך דערנענטערט צום בעט און זי פאַרזיכטיק אַוועקגעלייגט. זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און איינגעשלאָפן.

פון הינטער דעם פאַרהאַנג האָט שאַרפער אַריינגעשיינט דער פרי־מאָרגן. כ׳האָב אַ בליק געטאָן דורך אַ שפּאַרע אין דרויסן און געזען ווי אַ נייער טאָג גייט אויף. כ׳בין לאַנג אַזוי געשטאַנען און געקוקט דורך דער שפּאַרע און געטראַכט: ווען וועל איך ווידער האָבן די מעגלעכקייט אַראָפּ־צוגיין אויפן גאַס? איך האָב זיך דערנענטערט צום בעט און באַטראַכט די פרוי, וואָס רופט זיך ניקאָל: זי שלאָפט אַזוי רואיק ווי אַ קינד. איך האָב זיך אַנידערגעלייגט פאַרזיכטיק נעבן איר, כדי איר נישט איבערצוּוועקן. אַ לאַנגע צייט בין איך געלעגן וואַך, אַלץ האָט זיך ביי מיר געמישט אין קאָפּ, דאָס קלאַפּן מיטן שטעקן, דאָס אַראָפּרופן מיך, און דערנאָך דאָס קומען נאָך מיר.

11

כ'האָב דערפילט ווי מען וועקט מיך, ס'איז געווען אַ געפיל וואָס האָט מיך דערמאָנט אין מיין יוגנט, כ'האָב געעפנט די אויגן און מיט שרעק זיך אַרומגעקוקט. כ'האָב דערזען אַנדערע פאַרבן אויף די ווענט, אַ גלייכער סופיט, און דערפילט אַן אומבאַקאַנטן ריח. לאַנגזאַם האָב איך אויסגעדרייט מיין קאָפּ, און דערזען פּאַר מיר אַ פּרוי נעבן בעט, וואָס האָט צו מיר גע־שמייכלט. כ'האָב אָבער נאָך נישט געקענט באַגרייפן ווו איך געפין מיך. כ'האָב אָנגעקוקט די פרוי אַזוי לאַנג, ביז איך האָב מיך אין אַלעם דער־מאָנט.

ניקאָל איז געשטאַנען אַ שמייכלדיקע, אַן אָנגעטוענע, און מיר איינ־געדרוימט אַז דאָס פרישטיק איז גרייט. כ'האָב מיך גלייך אָנגעטאָן, אַרומ־געוואַשן און געפרישטיקט צוזאַמען מיט ניקאָלן דאָס ערשטע אָנבייסן אין מיין נייער היים. באַלד האָב איך איר אָוועקגעגעבן מיין גאַנץ פאַרמעגן און אויך די קאַרטן אויף לעבנס־מיטל. איך האָב אָנגעשריבן אַ פּאָר ווער־טער צו אונדזער ווירטן וועגן פאַרגעקומענעם, אַז פון היינט אָן איז ניקאָל מיין פאַרזאָרגערין. ווייטער האָב איך געשריבן: אַזוי ווי ס'איז היינט שוין דער צווייטער פון אָנהויב חודש, אויב ס'איז דאָ פאַר מיר געלט פון פּאַריז, וועט ניקאָל זיין די אָפּנעמערין.

ס'זענען אַדורך דריי טעג, דריי טעג און דריי נעכט. איך האָב גע־לעבט אין אַן אַנדערער וועלט. דאָס האָט ניקאָל שוין געזאָרגט דערפאַר, מיך צו מאַכן פאַרגעסן, אַז מיר לעבן אין אַ מוראַדיק־מערדערישער צייט. אירע צערטלעכקייטן, און אירע מאָדנע איינפאַלן, זענען געווען צום באַוווּנ־דערן. צוליב די גרויסע היצן, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן, איז ניקאָלן איינ־געפאַלן אַראָפּצוואַרפן דאָס בעטגעוואַנט אויף דער ערד, נעבן אַ שפּאַרע פון פענצטער, פלעגן מיר זיך וואַלגערן אַ גאַנצע נאַכט אויף דער ערד. איך האָב אָפּגעפילט איר הייסן אָטעם, איר גליענדיק לייב, זי האָט נישט אויפ־געהערט מיר שעפּטשען די ווערטער: „פּיער, האָב מיך ליב".

אָפּפרישנדיק זיך מיט דעם קאַרגן טראָפּן לופט פון דער פענצטער־שפּארע, האָט מיך ניקאָל געבעטן כ׳זאָל איר עפּעס דערציילן, נישט וויסנ־דיק וואָס איר זאָגן, האָב איך זיך גאָר דערמאָנט אין אַ מעלאָדיע וואָס מיין פאָטער פלעגט דאָס זינגען, אין אַ צייט ווען ער איז געווען אין אַ געהויבע־נער שטימונג. ער האָט דאָס גערופן „אַ מאזשיצער ניגון". האָב איך איצט איר דאָס געזונגען. זי האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ, מיך אָנגעקוקט אין דער פינצטער, און געפרעגט:

— וואָס איז דאָס פאַראַ מעלאָדיע?

— דאָס איז מיין פאָטערס אַ ניגון — האָב איך איר געענטפערט. זי האָט מיך געבעטן פאַרזעצן דאָס זינגען, און זי האָט גלייך דאָס מיטגעזונ־גען. אַזוי האָט אין דער שטילקייט פון אַ געוויסן פאַרטאָג, ביי אַ שפּאַרע פון אַ קאַמופלירט פענצטער, אָפּגעקלונגען אַ האַרציקער מאזשיצער ניגון, וואָס האָט אונדז זינגענדיק איינגעשלעפט.

ניקאָל איז שטענדיק געווען די ערשטע אויף די פיס. דערנאָך מיך אויפגעוועקט און מיר איינגערוימט, אַז דאָס פרישטיק איז שוין גרייט; און אַזוי יעדן טאָג. זי פלעגט מיר דערציילן אַ סך פריילעכע געשיכטעס און אויך פאַנטאַסטישע נייעסן, וואָס זי האָט כלומרשט געהערט, אַז אָט און די באַפרייאונג קומט אָן. כ׳האָב אָנגעהויבן גלויבן, אַז אַלץ וואָס זי דערציילט מיר, איז דער ריינער אמת, אַז גאָר אין קורצן וועט זיך ענדיקן דער שרעק־לעכער קאָשמאַר פון דער מלחמה, און ס׳לעבן וועט אָנהייבן ווערן צוריק פריי, פריידיק, גליקלעך פאַר אַלעמען, אָן אונטערשיד פון ראַסן און פעל־קער. ס׳פלעגן אַפילו זיין מאָמענטן, וואָס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך בין שוין אַזוי פאַרבונדן מיט דער פרוי יאָרן לאַנג, אַז קיינמאָל האָב איך נישט געקענט קיין אַנדער לעבן, ווי דאָס איצטיקע. אָבער דאָס זענען געווען מאָמענטן.

ס׳זענען אַדורך צוויי וואָכן, ס׳האָט מיך אָנגעהויבן פּייניקן אַ שטאַר־קער ווילן צו זיין פריי, קענען עפענען אַ פענצטער, אַראָפּגיין אין גאַס, איינ־אָטעמען אַ ביסל פרישע לופט. איך דריי זיך אַרום אין ענגן צימער אַ פרייער, און דאָך אַ געפאַנגענער. איך האָב געוווסט, אַז איך זינדיק מיט מיינע געדאַנקען, איך האָב געוווסט, אַז טויזנטער און טויזנטער שמאַכטן אין גהינום־לאַגערן און אַנדערע וואָס זוכן ערגעץ־ווו אַ לאָך צו קענען פאַרשטעקן און אַנדערע וואָלטן מיך מקנא געווען, וואָס איך געפין זיך אונ־טערן שוץ פון אַזאַ פאַרזאָרגערין ווי ניקאָל. אָבער דער מענטש האָט אין זיך אַזאַ וואָרעם, וואָס גריזשעט, וואָס נאָגט, ביז ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ נישטיק נפש.

בין איך אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרזאָרגטער. ניקאָל האָט דאָס באַמערקט און צוגעשטאַנען צו מיר. פֿאַרוואָס איך בין אַזאַ אומצופֿרידענער? איך האָב איר אויסגעזאָגט דעם „סוד” וועגן מיין פֿאַרלאַנג. זי איז געוואָרן ביז גאָר ערנסט, געפּרוווט מיך באַרואיקן מיט אירע צערטלעכקייטן. נאָר ווען מיין זאָרג איז נישט פֿאַרשווונדן, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי וועט זוכן אַ וועג צו באַפֿרידיקן מיין פֿאַרלאַנג. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס זאָגט זי מיר, כדי מיך צו באַרואיקן, אָבער ניין, זי האָט געזוכט און אויך געפֿונען.

צוויי טעג שפּעטער האָט ווער אָנגעקלאַפּט אין טיר. ס'איז נאָך געווען גאָר פֿרי, כ'בין געבליבן שטיין אָן אָטעם. מיר האָבן זיך שווייגנדיק אָנגעקוקט. צום סוף איז ניקאָל געגאַנגען עפֿענען די טיר. אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ נאָך גאָר יונגער גייסטלעכער, ער איז געשיקט געוואָרן פֿון אונדזער ווירטן, ספּעציעל צו מיר. ניקאָל האָט אים אַריינגעפֿירט אין שטוב. ער האָט זיך מיט מיר באַגריסט, לאַנג אויף מיר געקוקט אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. נאָך עטלעכע ווײַלעס, ווו מיר אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט, האָט דער גייסטלעכער דער ערשטער איבערגעריסן דאָס שווייגן:

— איך קום פֿון אייער ווירטן. כ'קען אייך מיטטיילן אַז אייער ווונטש וועט דערפֿילט ווערן.

ער האָט זיך אַנטשולדיקט, זאָגנדיק אַז ער קומט באַלד ווידער צוריק, און איז אַוועק. כ'האָב נישט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָס זאָל באַטייטן. נאָך וואָס איז ער געקומען, און נאָך וואָס קומט ער ווידער צוריק? אָבער ניקאָל האָט מיר מיט אַ שמייכל אויפֿגעקלערט, אַז ער קומט זיכער מיט מלבושים פֿון... אַ גייסטלעכן, און טאַקע מיט אים וועל איך היינט מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט... ס'איז מיר געווען שווער צו גלייבן אין דעם איינפֿאַל פֿון ניקאָלן. זי האָט נישט אויפֿגעהערט שמייכלען צו מיר און געוואַרט צו זען דעם איינדרוק, וואָס דאָס וועט ביי מיר אַרויסרופֿן, ווי אַזוי איך וועל דערויף רעאַגירן?

כ'האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט זי, ניקאָל, געזאָרגט פֿאַר מיר, כ'זאָל האָבן די מעגלעכקייט מיך צו פֿילן אַ ביסל פֿרייער, מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט — אָן אונטערשיד ווי אַזוי איך וועל זיין פֿאַרשטעלט. איך האָב זי גענומען אויף מיינע הענט און לאַנג געקושט.

— דו, גוטע ניקאָל, ווען וואָלט דען איינגעפֿאַלן אַזעלכעס,

גלייך דערנאָך האָט מען ווידער געקלאַפּט אין טיר, ס'איז אַריינגעקומען דער זעלבער יונגער גייסטלעכער מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם, עס מיר דערלאַנגט און געזאָגט:

— טוט אייך אָן, מיר וועלן אַראָפּגיין.

ניקאָל און דער גייסטלעכער זענען אַריין אין קיך, איך האָב אָנגעטאָן די קליידער פון אַ גייסטלעכן, וואָס האָבן גראָד גוט געפּאַסט אויף מיר. ווייזט אויס, אַז ער איז פריער אַרויפגעקומען כדי זען מיין מאָס. ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן, בין איך אַריינגעקומען צו זיי אין קיך, און ביידע האָבן מיך מיט שטוינונג באַטראַכט. ניקאָל האָט זיך נישט געקענט באַהערשן און זיך צעשמייכלט, און דער יונגער גייסטלעכער האָט מיט צופרידנקייט זיך אָפּגערופן: „אין די דאָזיקע קליידער קענט איר אַרומשפּאַצירן וואָכן לאַנג. קיינער וועט אייך נישט באַאומרואיקן. אין די דאָזיקע קליידער וועט אייך גאָט באַשיצן פון אַלעם שלעכטן".

אָן עפּעס צו ענטפערן, זענען מיר אַראָפּ אין גאַס. כ'האָב איינגעאָטעמט די פרישע לופט, באַהאַלטנדיק מיין פרייד. כ'האָב זיך אַרומגעקוקט ווי כ'וואָלט איצט געזען די גאַסן פון דער שטאָט צום ערשטן מאָל. מיר האָבן געשפּרייזט צוזאַמען גאַס איין, גאַס אויס, אָן אַרויסצורעדן אַ וואָרט. ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין שטאַטישן גאָרטן, האָט מיין באַגלייטער מיך געפרעגט: „נו, ווי פילט איר זיך אין די דאָזיקע קליידער?". כ'זאָל זאָגן אַז כ'האָב מיך גוט געפילט אין אַזאַ אוניפאָרם, וואָלט נישט געווען ריכטיק. דער גייסטלעכער האָט מיך גערופן „מיין זון" און דערביי מיך געאירצט... איך האָב אים באַמערקט, אַז ס'וועט זיין פיל איינפאַכער, אַז מיר ביידע זאָלן זיך דוצן, כדי מען זאָל וויניקער ציען די אויפמערקזאַמקייט אויף אונדז. ער איז גלייך איינגעגאַנגען, און מיר זענען אַריבער אויף „דו". אויף זיין פראַגע „ווי אַזוי איך פיל מיך?", האָב איך אים געענטפערט:

— זייער גוט! אָבער ווי דו ווייסט, זענען פאַראַן פיל לעגענדעס וועגן קליידער און מענטש; ביי מערערע פאַלן איז נישט דער מענטש דער עיקר, נאָר טאָקע די קליידער. כ'מוז צוגעבן, ווען איך טו אָן קליידער פון אַ דייטשן אָפיציר, וואָלט איך אויך געקענט אַרומשפּאַצירן פראַנק און פריי — און אפשר אויך אַרויסגעגעבן באַפעלן... כ'מוז דיר אָבער זאָגן, אַז אַ דאַנק דיינע קליידער, פיל איך זיך טאָקע ווי אַ פרייער מענטש.

כ'האָב באַמערקט אַ לייכטן שמייכל אויף די ליפּן פון מיין באַגלייטער. ווייזט אויס, אַז ער איז געווען צופרידן פון מיין ענטפער, און זיך אָנגערופן:

— איך מיין, אַז נישט בלויז אויף דעם היינטיקן טאָג דאַרפסטו דאָס אויסנוצן, נאָר אויף שטענדיק. דו דאַרפסט אויך וויסן, אַז אונדזערע טירן זענען אָפן פאַר אייך, און אונדזערע אָרעמס זענען שטענדיק גרייט אויפצונעמען דיך און נאָך אַנדערע ווי דו, ווי ברידער.

נאָך אַ מינוט פון שווייגן, האָט ער צוגעגעבן:

— ווי לאַנג איז דער שיער איר זאָלט זיך לאָזן אַזוי אומזיסט באַ־לײדיקן און פאַרפײניקן, קומט צו אונדז, און איר וועט אײן מאָל פאַר אַלעמאָל פּטור ווערן פון אַזױפיל פײניקונגען און פאַרפאַלגונגען; קומט צו אונדז און דערזעט דעם אמת, און הערט אויף צו זײן אַ געפּלאָגט און געפּײניקט פאָלק.

ער איז שטיל געבליבן, קוקנדיק אויף מיר, ווי געוואַרט אויף מײן ענטפער. דערנאָך האָט ער זײנע בליקן אָפּגעוואָנדן פון מיר, קוקנדיק ער־געץ אין דער ווײט, אפשר כדי צו געבן אַביסל צײט איבערצולײגן זיך. כ׳האָב איצט פאַרשטאַנען זײן כוונה פון ברענגען מיר די קלײדער פון אַ גײסטלעכן, אַז ס׳איז נישט בלויז פאַר מײן טובה וועגן, כ׳זאָל קענען גע־ניסן פון אַ פּאָר שעה פרײהײט, נאָר מיט דער אויסרעכענונג, אַז אפשר וועט זיך אים אײנגעבן גלײכצײטיק צו פאַנגען מײן נשמה. איך האָב אים געזאָגט:

— מײן ליבער פרײנד, איך פאַרשטײ, אַז דו טוסט דײן פליכט, אָבער כ׳מוז דיר זאָגן, אַז איך האַלט פאַר צביעות אויסצובײטן אַ רעליגיע, וועלכע איך פּראַקטיציר נישט, אויף אַ צווײטע רעליגיע, אין וועלכער איך גלויב אויך נישט. צו וואָס? אפשר ביסטו געקומען שוין אַ ביסל צו שפּעט. איך צווײפל צי ס׳זענען נאָך געבליבן אַ סך יידן אין אײראָפּע. אפשר בין איך שוין צווישן די לעצטע? אויב בײ אײך וואָלט איך געווען אַ כשרער קריסט, וואָלט איך בײ די היטלעריסטן פאַרבליבן דער זעלבער ייד. — כ׳האָב מיך אָפּגעשטעלט אַ ווײלע און פאַרגעזעצט:

— איצט זאָגן אַלע, אַז די פרײהײט קלאַפּט שוין אין דער טיר, איז צוליב וואָס טוישן אײן גאָט אויף אַן אַנדערן? ווען היטלער וואָלט חלילה געווען דער זיגער, וואָלט דאָס אַלץ נישט געהאָלפן, ווײל נאָכן האָבן אויס־געראָטן אַלע יידן, וואָלט ער זיך דערנאָך גענומען צו אײך, ווײל איר זענט דער הויפּט־קאָנקורענט זײנער. ער וואָלט זיך דעקלאַרירט פאַר דעם נײעם גאָט פון די פעלקער, צום גליק פאַר אַלעמען, וועט אָט די העסלעכע בעס־טיע אײנגעמען גאָר אין קורצן אַ מיתה משונה. מײן איך, אַז ס׳איז איבעריק צו דיסקוטירן וועגן דעם.

ווי נאָר איך האָב פאַרענדיקט מײנע ווערטער, האָט ער מיר גלײך געזאָגט:

— איר זענט אפשר אַ ביסל גערעכט. איך זאָג אַ ביסל, אָבער נישט אינגאַנצן גערעכט... ווען אַפילו די באַפרײאונג קומט מאָרגן, דאַרף מען אויך זיך פאַרטראַכטן פאַר וועלכן פרײז און אויך צוליב וואָס... און צי וועט שוין מיט דעם זײן געענדיקט די פײניקונגען, וועלכע איר האָט מיטגעמאַכט

און דעם פּרייז וואָס איר האָט באַצאָלט דערפאַר? מיר ווייסן יאָ, וואָס פאַראַ פּרייז איך האָט געקאָסט די באַפרייאונג וואָס דאַרף קומען.

— אויב דו ווייסט יאָ דעם פּרייז, וואָס מיר האָבן באַצאָלט, איז אפשר קענסטו מיר דאָס זאָגן?

— געוויס קען איך דיר זאָגן, ס'איז אויך מיין פליכט דיר דאָס צו זאָגן, כדי דו זאָלסט נישט בלאָנדזשען אין דער פינצטער.

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק, צי בין איך גענוג שטאַרק אויסצוהערן דאָס, וואָס ער איז גרייט מיר צו זאָגן:

— צו ווייסטו, אַז אין וואַרשעווער געטאָ האָט דאָס רעשט ביסל יידן זיך פאַרמאָסטן אויף אַ קאַמף? דאָס איז געווען אין חודש אַפּריל 1943. דו פאַרשטייסט? דאָס רעשט ביסל יידן, פון איבער דריי מיליאָן! איז ווו זענען אַהינגעקומען די איבעריקע?... כמעט גאַנץ אייראָפּע האָבן די דייטשן אָקופּירט און פון יעדן לאַנד האָבן זיי די יידן פאַרשיקט; איז וווהין? און נאָך וואָס? מיר האָבן זיך דערוווּסט ווען די רוסישע אַרמייען האָבן אָנגעהויבן שלאָגן די דייטשן, באַפרייענדיק די שטאָט קיעוו, האָבן זיי אַנטדעקט אויסער דער שטאָט אַ מאַסן־קבר פון צענדליקער טויזנטער געשאָכטענע יידן. אָט דער מאַסן־קבר קען שוין זיין אַן ענטפער מכוח דעם ווו ס'זענען אַהינגעקומען די איבעריקע דריי מיליאָן פּוילישע יידן. איצט, די פראַנצויזישע, בעלגישע, האָלענדישע, גריכישע, אונגאַרישע, דייטשע און די רוסישע יידן? אָט וואָס פאַראַ פּרייז איר האָט באַצאָלט פאַר וועלן איינהאַלטן אייער עקשנות. איז ווי לאַנג נאָך? איר מיינט, אַז אַפילו איצט, ווען די וועלט וועט באַפרייט ווערן פון דעם טייוולס שליח, מיינט איר, אַז דער טייוול וועט רעזיגנירן אויף אייביק? מיר ווייסן פון דער געשיכטע, ווי נאָך גרוליזאַמע שחיטות, האָבן זיך ענדלעך די פרייהייטס־גלעקער צעקלונגען מען האָט געמיינט און געהאָפט, אַז ענדלעך איז געקומען אַ סוף צו דעם בייז, אָבער דער טייוול וועט נישט רעזיגנירן. אויב דער היינטיקער טראָגט דעם נאָמען היטלער, וועט דער אַנדערער טראָגן אַן אַנדערן נאָמען. איז דעריבער מיין פראַגע, ווי לאַנג וועט איר איינהאַלטן אייער עקשנות?

אַ לענגערע צייט דערנאָך האָבן מיר ביידע געשוויגן, נאָכן האָבן אַדורכגעשפּרייזט דעם גאָרטן, האָבן מיר זיך ווידער געפונען צווישן גרויע, אומהיימלעכע מויערן. זעלטן ווען ס'האָט ווער אַראָפּגעקוקט דורך אַ פענצטער, אַ גרופּע דייטשע סאָלדאָטן וואָס האָבן דורכמאַרשירט איבער די אומהיימלעכע גאַסן, האָבן פאַרהילכט מיט זייערע מיליטערישע ריטשערייען, וואָס האָבן געגרילצט אין די אויערן. איך בין געגאַנגען אַ זיכערער, אַז קיינער קוקט זיך אויף מיר נישט אום. קיין יוגנט איז אין דער שטאָט מער

נישט געווען. די גאַסן האָבן אויסגעזען אָן לעבן, אָן באַוועגונג. פון דער ווייטנס האָט צו אונדז פון אַ הויכן באַרג, אַראָפּגעקוקט די סטאַטוע פון דער הייליקער מאַריאַ, און פון אַן אַנדערער זייט, די סטאַטוע פון הייליקן זשאַ־זעף.

מיר זענען געגאַנגען שווייגנדיק, ביז מיר האָבן זיך דערנענטערט צו ניקאָלס הויז. דאָ האָט ער מיך געפרעגט, צי איך וויל שוין אַרויפגיין, אָדער נאָך אַ ביסל שפּאַצירן? איך האָב אים געזאָגט, אַז ס'וועט זיין גענוג אויף היינט. מיר זענען ביידע אַרויף צו ניקאָלן אין שטוב. כ'האָב מיך גלייך איבערגעטאָן, וועלנדיק אים צוריקגעבן די קליידער.

— האַלט די קליידער — האָט ער צו מיר גערעדט — און ווען דו וועסט נאָר וועלן, וועל איך ווידער קומען.

ער האָט געזאָגט אַ שטילן גוטן טאָג, און איז אַוועק. ניקאָל האָט אים באַגלייט, און ווען זי איז צוריק אַריינגעקומען, און ווי געוויינלעך, פאַר־שלאָסן די טיר, איז זי אויף מיר אַרויפגעפאַלן און מיך געפרעגט:

— נו, ווי איז אַדורך דער שפּאַציר?

אַנשטאָט צו געבן איר אַן ענטפער און צוריקשמייכלען פאַר איר זאָרגן זיך פאַר מיר, האָב איך אַנגעהאַנגען אויף איר מיינע טרויעריקע בליקן און גערעדט ווי צו זיך אַליין: „די רעשט ביסל יידן פון וואַרשעווער געטאָ... צענדליקער טויזנטער געשאָכטענע יידן אין איין מאַסן־קבר"...

ניקאָל איז אָפּגעשפּרינגען אַ דערשראָקענע, און ווי נישט מיט איר קול, האָט זי אויסגעשריגן:

— פּיער! וואָס האָט ער דיר געטאָן, וואָס איז מיט דיר, פּיער!

זי האָט געמיינט אַז דער גייסטלעכער האָט מיר עפּעס אַ כישוף אָנגעטאָן, און מיט טרערן אין די אויגן מיך געבעטן:

— פּיער, וואָס האָט ער דיר געטאָן, וואָס איז געשען, פאַרוואָס ביסטו אַזוי נידערגעשלאָגן?

כ'האָב אַנגעהאַנגען מיינע בליקן אויף איר, אָן אויסצורעדן אַ וואָרט.

— יאָ, טייערע ניקאָל, ער האָט מיר דערציילט דעם אמת.

— וועלכן אמת?

— דאָס וואָס מען האָט געטאָן מיט די אַלע דעפּאָרטירטע יידן.

— פאַרוואָס האָט ער דיר דערציילט דעם „אמת"?

— כ'האָב איר דערציילט וואָס פאַראַ פאָדערונג ער האָט מיר גע־שטעלט און אויך מיין ענטפער און צום סוף איר געזאָגט פאַרוואָס ער האָט מיר דערציילט, און ווי פאַר מיר אַליין, צוגעגעבן: — פאַרוואָס האָט ער מיר דאָס דערציילט? פאַרוואָס האָט ער ביי מיר צוגענומען די האָפענונג,

אַז ערגעץ ווו לעבן די אַלע אומגליקלעכע דעפּאָרטירטע? אפשר אויך צוזאַמען מיט מיין פרוי, פאַרוואָס?

— פיער! — האָט זי אויסגערופן, שוין מיט ווייניקער שרעק, און אין איר קול איז געווען מער אַנטשלאָסנקייט ווי פריער — ווי פאַלט דיר איין זיך צו לאָזן באַאיינפלוסן? ס'איז נישט אמת, דו הערסט? ס'איז נישט אמת, דאָס איז אוממעגלעך! ס'איז פון די דייטשן נישט מער ווי פּאָליטישער שאַנטאַזש: זיי האַלטן די יידן אַלס משכון, כדי שפּעטער, ווען ס'וועט קומען די צייט פון אונטערהאַנדלונגען, צו געווינען דערמיט אַ בעסערע פּאָליטישע אויסגלייכונג. ס'איז אוממעגלעך מען זאָל אויסהרגענען מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן, איבערהויפּט פרויען און קינדער, דו פּייניקסט דיך אומזיסט.

כ'האָב אויסגעהערט אירע טרייסט־ווערטער, געקוקט אויף דער טייערער ניקאָל און אָנגעהויבן צווייפלען אין דער בייזער בשורה פון גלח. אירע ווערטער האָבן מיר אויסגעזען איבערצייגנדיק. איך האָב באַדאַרפן טרייסט, בין איך דערפאַר געווען גענויגט צו גלויבן ניקאָלן. איך האָב זי דערפאַר צוגעצויגן צו מיר, געטוליעט די גוטע פרוי, וואָס האָט געפּרוווט מיך באַרויקן. דאָס האָט זי דאָך געזוכט די געלעגנהייט אַז כ'זאָל כאָטש איין טאָג קענען אַרומשפּאַצירן פריי איבער דער שטאָט. כ'האָב איר געקושט און באַגעצט איר געזיכט מיט מיינע טרערן.

ניקאָל האָט געפּרוווט מיך צו באַרויקן. אַוועקטרייבן די מרה־שחורה און מיך צוריקברענגען צו די ערשטע טעג פון אונדזער צוזאַמענלעבן. זי האָט מיך געבעטן פאַרגעסן אין דעם בייזן און זינגען דעם טאַטנס ניגון. זי וויל דאָס קענען. זי וויל אים מיטזינגען. זי האָט אָנגענומען מיין קאָפּ, אים צוגעטוליעט צו איר ברוסט און אָנגעהויבן זינגען די ערשטע טענער פון דעם ניגון, און ס'האָט זיך געהערט אין דער שטילקייט דאָס געזאַנג פון מאָזשיצער. זינגענדיק צוזאַמען מיט איר, האָב איך צייטווייליק פאַרגעסן אין דעם שוידערלעכן, וואָס דער גלח האָט מיר דערציילט.

איר מיינונג דערביי איז געווען כ'זאָל צוריק געווינען מיין פריערדיקע שטימונג. אָבער ביי אַלע מיינע אָנשטרענגונגען, בין איך געבליבן אונטער דעם איינפלוס פון דעם שרעקלעכן וואָס דער גלח האָט מיר דערציילט און כ'האָב אויך קעגן מיין ווילן, אָפּגעשטויסן די צערטלעכקייטן אירע. זי האָט געפּרוווט מיט אַלע ווייבלעכע אופנים מיך צו עקזאַלטירן. אָבער אַנשטאָט צו באַוואונדערן איר רייץ, אירע הערלעכע בעטנדיקע בליקן, האָב איך כסדר געזען פאַר מיינע אויגן אַ ריזן מאַסן־קבר מיט צענדליקער טוי-

זנטער געשאָכטענע יידן און מאַסן־הרוגים אין וואַרשעווער און אין אַנ־דערע געטאָס.

אַזוי האָט עס געדויערט ביז סוף חודש יולי. אין דער צייט האָט זיך ניקאָל ווידער געגרייט קויפן פאַר מיר די פּאַפּיראָסן און אויך באַזוכן אונדזער ווירטן, כדי צו פרעגן צי ס'איז אָנגעקומען פאַר מיר דאָס געלט פון פּאַריז, וואָס מיין חבר האָט מיר געשיקט יעדן חודש.

אין חודש אויגוסט, זענען די באַריכטן פון די פראָנטן געווען וואָס אַ מאָל מער צופרידנשטעלנדיק. דער שונא באַקומט אומעטום געוואַלדיקע קלעפּ. די האָפענונג ווערט שטאַרקער אויף אַ שנעלן פונאַנדערפאַלן זיך פון דעם געפּלאַנטן טויזנט־יעריקן, מערדערישן דריטן רייך.

דערווייל זענען די היצן געוואָרן אומדערטרעגלעך. איך האָב מיך אַרומגעדרייט אין שטוב בלויז אין קורצע הייזלעך, ווי אויף אַ פּלאַזשע. מיט לעבנס־מיטל איז געוואָרן אַלץ שווערער, אַפילו אויף די קאַרטן האָט מען נישט באַקומען דאָס צוגעטיילטע, וואָס איז געווען קוים די נשמה צו דערהאַלטן. צום גליק איז געווען אַ שפע מיט פּרוכטן, און מיר האָבן זיך דערנערט מערסטנס מיט פּרוכטן.

אין אַ פאַרנאַכט, איז ניקאָל אַרויפגעקומען פון גאַס אַ פריילעכע, אַ צעשטראַלטע און מיר איבערגעגעבן די ידיעה, אַז גענעראַל לעקלער מיט זיין אַרמיי, וואָס איז געקומען פון „טשאַד" אין אַפריקע, האָט געלאַנדעט אין דרום־פראַנקרייך, ערגעץ ביי טולאָן. די ידיעה האָט מיך אַ ביסל אַרויס־גענומען פון מיינע שלעכטע מחשבות. כ'האָב דערזען, אַז די באַפרייאונג דערנענטערט זיך, אין צפון־אַפריקע איז ראָמעלס אַרמיי שוין געווען אין גאַנצן צעשמעטערט. אין רוסלאַנד לויפן זיי „העלדיש און סטראַטעגיש אין גרויס בהלה צוריק". אין איטאַליע ליידן זיי געוואַלדיקע מפּלות, אויך אין מערב־פראַנקרייך, אין דער נאָרמאַנדיע, רוקן זיך די אַליאירטע אַרמייען פאָרויס. גלייכצייטיק רייניקט מען זיי אָפּ פון דרום־פראַנקרייך, פון אומעטום קערט מען זיי אויס מיט אייזערנע בעזעמס. צו דעם אַלעם האָבן זיך פאַר־שפּרייט קלאַנגען, אַז אין דייטשלאַנד גופא איז אויסגעפירט געוואָרן אַן אַטענטאַט פון אַ גרופּע הויכע אָפיצירן אויף דעם משוגענעם „פירער". צי האָט דער אַטענטאַט זיך איינגעגעבן, האָט מען נישט געקענט פעסטשטעלן.

פון די אַלע גוטע נייעסן, זענען מיר געשפּרינגען פאַר פרייד, ניקאָל איז געווען איבערגליקלעך, איך האָב אַרומשפּאַצירט מיט איר איבערן צי־מער און גערעדט צו איר ווערטער, וועלכע זי האָט שוין פון מיר לאַנג נישט געהערט... כ'האָב אויך נישט פאַרפעלט זי צו קושן פאַר אָט דער פריידיקער ידיעה, וואָס זי האָט מיר אָנגעזאָגט כמעט אין איין אָטעם.

12

בערנאַרד האָט געמאַכט אַ פויזע, זיך אָנגעלענט אין ווענטל פון דער שטול און זיך אָפּגערוט. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום גלאָז, אויס־געטרונקען די רעשט, אָפּגעאָטעמט און פאַררויכערט. ער האָט געקוקט אויף זיינע פריינד, וואָס זענען געזעסן אַנטקעגן אים און געוואַרט. ער האָט פאַר־געזעצט:

— אין אַ געוויסן פאַרטאָג, ס׳איז געווען דוכט זיך מיר אַ מיטוואָך, דעם פופצנטן אָדער זעכצנטן אויגוסט, האָט אַ שטאַרקע שיסעריי אונדז אויפגעוועקט פון שלאָף. ניקאָל האָט זיך שנעל אָנגעטאָן, און איז אַראָפּ אין גאַס זיך דערוויסן וואָס עס קומט פאָר אין שטאָט. זי האָט זיך נישט לאַנג געזוימט, ווייל איך האָב איר דערוואַרט מיט אַ נערוועזן אומגעדולד. זי האָט מיר איבערגעגעבן, אַז די מאַקיזאַרן פון אַרום דער שטאָט זענען אַראָפּ פון די בערג און אַריין אין שטאָט, בלויז די דייטשע קאָמאַנדאַטור, פאַרפּעס־טיקט אין זייער הויז, שטעלט אַ ווידערשטאַנד. דערהערנדיק די נייעס, בין איך ווי אַ דולער פון פרייד אויפגעשפּרונגען, שנעל מיך אָנגעטאָן און גע־זאָגט צו ניקאָל:

— קום!

— פּיער — האָט זי געזאָגט — ס׳איז אפשר נאָך צו פרי, מען ווייסט דאָך גאָרנישט ווו און ווען וועט זיך דער קאַמף ענדיקן.

— וואָס, צו פרי? אפשר ווילסטו זאָגן צו שפּעט? טויזנטער פּאַרטי־זאַנער זענען אין שטאָט, איז דאָס צו פרי? קום, ניקאָל! מיר האָבן דער־לעבט, און מיר וועלן זען זייער סוף, און די באַפרייאונג!

אָננעמענדיק זי ביי דער האַנט, זענען מיר געלאָפן ווי צוויי פריילעכע קינדער. מיר זענען אַזוי געלאָפן ביז צום פּלאַץ ווו ס׳געפינט זיך דאָס שענסטע הויז פון שטאָט, די דייטשע קאָמאַנדאַטור.

די גאַנצע שטאָט איז געווען פאַרזאַמלט הינטער די „מאַקיזאַרן”. אַרום דעם פּלאַץ האָבן הילכיקע אויסגעשרייען אָנגעפילט אַלעמענס הערצער

מיט פרייד, פונקט אַזוי ווי דער שניי הייבט אָן זיך צו שמעלצן אויף די בערג אונטער די ערשטע פרילינג־שטראַלן און די וואַסערן הייבן אָן שטראָמען אין טייך אַריין, אַזוי האָבן די „מאַקיזאַרן״ אָנגעהויבן צו פליִצן פון אַלע זייטן בערג, פאַרפלייצט די שטאָט מיט פרייד און האָפענונג. יעדע גרופע, יעדע איינהייט האָט געהאַט זיין אויפגאַבע, די שטאַרקסטע איינהייט איז געווען די פון „מאַנאסטיער״. זיי זענען געווען כמעט מיליטעריש אָנגעטאָן. מיט די דריי־פאַרביקע בענדלעך אין זייערע לאַצן און אויף זייערע היטלען. צוליב דער גרויסער היץ, האָט מען געטראָגן וואַסער פון אַלע זייטן פאַר די קעמפער. מען האָט זיי דערלאַנגט פרוכטן, פאַפּיראָסן. יעדער האָט זיך געפילט גליקלעך אויב ער האָט נאָר געקענט מיט עפּעס ביישטייערן, מיט עפּעס העלפן די באַפרייער פון דער שטאָט, וואָס איז געלעגן אין אומבאַהאָלפענע, אָן אָפּגעשטאַרבענע, פיר יאָר אונטערן נאַצישן שטיוול.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו אַ גרופע נייגעריקע; זיי זענען געשטאַנען אַרום אַן עלטערער פרוי, וואָס האָט גערעדט צום עולם מיט פאַרבראָכענע הענט און פאַרטרערטע אויגן:

— איך קוק אויף די טייערע יינגלעך אונדזערע און כ'שרעק מיך פאַר זייער גורל. ווער וויסט צי די דייטשן האָבן שוין נישט אַלאַרמירט דורכן טעלעפאָן נאָך הילף. באַלד קען אפשר אָנקומען אַ גרויסער אַרמיי מיט טאַנקען און האַרמאַטן און אויסמאָרדן אַט־אָ די טייערע יינגלעך, וואָס זענען געקומען אונדז באַפרייען?

— זייט רואיק באַבעשי — האָט איר איינער געזאָגט — די טעלעפאָןדראָטן זענען נאָך נעכטן ביינאַכט איבערגעשניטן געוואָרן און קיין פאַרשטאַרקונגען האָבן זיי נישט מער. איר מיינט, אַז אַט די טייערע יינגלעך זענען גלאַט אַזוי זיך אַראָפּגעקומען באַפרייען די שטאָט, ווייל ס'האָט זיך זיי אַזוי געוואָלט? אַלץ איז אויסגערעכנט און אָרגאַניזירט פון דער אַלגעמיינער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

די באַבעשי האָט זיך באַרואיקט און דער קרייז אַרום דעם מאַן איז געוואָרן וואָס אַמאָל געדיכטער. יעדער איינער האָט געוואָלט הערן אַ גוט וואָרט, אַ טרייסט, און עמעץ האָט אים מיט אַ מאָל געפרעגט: „ווי לאַנג נאָך וועלן זיי אויסהאַלטן, די דייטשן? ווי לאַנג קענען זיי נאָך שטעלן אַ ווידערשטאַנד?״.

— ווי לאַנג, פרעגט איר? זיי וועלן האַלטן אַזוי לאַנג ביז זיי וועלן נישט האָבן מער מיט וואָס צו שיסן״...

אַלע אַרום האָבן געלאַכט, דאָס הילכיקע געלעכטער האָט זיך אויסגעמישט מיטן געברום פון דער שיסעריי, וואָס איז איצט געוואָרן אַלץ

שטאַרקער און העפטיקער, טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן געהאָגלט פון אַלע פענצטער, האָבן זיך אויך באַוויזן עטלעכע דייטשן אויפן דאַך פון הויז, וואָס איז געווען פלאַך און ברייט, און וואָס האָט זיי פריער געניצט אַלס טעראַסע, ווו זייערע פרויען פלעגן נעמען זונבעדער. אָט פון דעם דאַך האָבן זיי זיך געגרייט צו העלפן זייערע חברים, וואָס זענען שוין געווען אַרומ־גערינגלט פון אַלע זייטע, זיי האָבן אָבער נישט באַוויזן קיין איין קויל אויסצושיסן, מען האָט זיי גלייך שטיל געמאַכט אויף דעם פלאַכן דאַך. זיי האָבן געקעמפט מיט דער לעצטער פאַרצווייפלונג.

איך און ניקאָל זענען אַרומגעלאָפן פון איין אָרט צום אַנדערן. מיר האָבן געשמועסט מיט די קעמפער, אַ סך פון זיי זענען געווען שטאָטישע, און זייערע עלטערן זענען איצט געווען נעבן זיי און זיי דערפרישט מיט פרוכטן און וואַסער. דער עולם האָט זיי מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן. אַ גאַנצן טאָג, און אַ גאַנצע נאַכט האָט אָנגעהאַלטן דאָס שיסעריי. מען האָט נישט געגעבן די דייטשן קיין אָטעם־פויזע.

שפּעט אין אָוונט, האָט ניקאָל געבעטן מיר זאָלן אַהיימגיין. זי האָט מיך דערמאָנט, אַז אויסער אַ פרוכט האָב איך נאָך היינט גאָרנישט געגעסן. איך האָב דווקא נישט געוואָלט פאַרפעלן צו זען דעם היסטאָרישן מאָמענט ווען די דייטשן וועלן זיך אונטערגעבן. אַ סך האָבן אָבער פאַרזיכערט, אַז דאָס קען נישט געשען אין דער נאַכט, נאָר ערשט מאָרגן. מיר זענען אַהיימ־געקומען שפּעט אין אָוונט. ס'איז געווען כמעט די לעצטע נאַכט פון שרעק־לעכן קאָשמאַר. דאָס שיסעריי האָט כסדר אָנגעהאַלטן, נישט צו געבן די דייטשן קיין רו. אַרום פינף אַזייגער אין דער פרי זענען מיר שוין ווידער געווען אין גאָס. היינט מוזן זיי קאַפּיטולירן. אַרום צען אַזייגער פאַרמיטאָג, האָט זיך געעפנט אַ טיר פון דעם הויז, ווו די דייטשן האָבן זיך אויפגע־האַלטן און ס'האָט זיך באַוויזן אַ ווייסע פאָן. דער טרעגער פון דער פאָן איז געווען באַגלייט פון נאָך אַנדערע צוויי: זיי זענען געבליבן שטיין ביי דער טיר. גלייך האָט אויפגעהערט דאָס שיסעריי. אַ פריידיקער הוראַ האָט זיך מיט אַ מאָל אַרויסגעריסן פון טויזנטער העלדזער. דער הוראַ איז גע־ווען באַגלייט מיט אַ פאַלן זיך איינער אויפן אַנדערנס האַלדז, נישט נאָר עלטערן מיט קינדער האָבן זיך געקושט, נאָר אויך פרעמדע זענען זיך גע־פאַלן אין די אָרעמס, ניקאָל האָט מיך אַרומגעכאַפּט און דורך טרערן געפליס־טערט:

— אך, פּיער, פּיער, מיר האָבן דערלעבט דאָס גרויסע גליק!

יעדער איינער האָט געוואָלט זען ווי די גאַנצע באַנדע דייטשן וועט איצט אַרויסקומען מיט אויפגעהויבענע הענט, אַ קאָמענדאַנט מיט אַ גרע־

סערע גרופּע קעמפער האָבן מיט אויסגעשטרעקט אויטאָמאַטיש געווער אין די הענט, זיך דערנענטערט צו די דריי דייטשן מיט דער ווייסער פאָן אין האַנט. נאָך אַן אויסטויש פון עטלעכע ווערטער, האָט מען אַרויסגעפירט די גאַנצע חברה. די שטלאָצע אָפיצירן, וואָס האָבן אַזוי לאַנג ברוטאַל אונ־טערדריקט די שטאָט, האָבן איצט אויסגעזען נעבעכדיק. אַ פריידיקער אויסגעשריי פון די מאַסן האָט אָפּגעהילכט ביים דערזען די באַנדע דייטשן.

אַ מאַן פון נידעריקן וווקס, ציוויל אָנגעטאָן, האָט זיך דערנענטערט צו די דערשראָקענע „העלדן" און זיי באַפוילן צו האַלטן די הענט אויף הינטן, אַרום דעם קאַרק. דער געדראַנג און טומל איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער, אַט דער קליינער מאַן איז געווען דער נייער פּרעפעקט פון דער שטאָט. אַלע מאַקיזאַרן האָבן אים סאַלוטירט. אַן עלטערער מאַן האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן די מאַסן, זיך דערנענטערט צו די דייטשן און מיט זיין אויסגעשטרעקטער האַנט אָנגעוויזן אויף דעם דייטשן גענעראַל: „אַט דער הונט האָט מיין זון דערמאָרדעט". גלייך נאָך אים, האָבן זיך אויך באַ־וויזן צוויי פרויען אָנגעטאָענע אין טרויער און מיט פאַרטרערטע אויגן אָנגעוויזן אויפן זעלבן דייטשן גענעראַל און אויסגעשריגן האַלב אין יידיש און האַלב אין דייטש, כדי דער מערדערישער גענעראַל זאָל פאַרשטיין: „אַט איז ער, דער מערדער פון אונדזערע זין".

דאָס זענען געווען צוויי יידישע פרויען, וואָס זענען דאָ אַהער געקו־מען אין דער צייט פון גרויסן עקזאָד, אָפּשטאַמיקע פון שטעטל לונעוויל, אין מזרח־פראַנקרייך. דער גענעראַל האָט געהאַט אויף זיין מערדערישן געוויסן נישט איינצלנע, נאָר טויזנטער יונגע לעבנס. דערזעענדיק דעם אויפגערייצטן עולם, האָט דער נייער פּרעפעקט פאַרזאַמלט די קאָמאַנדירן פון די פאַרטיזאַנער־גרופּע און זיי באַפוילן שטרענג צו באַוואַכן די דייטשע געפאַנגענע.

— צי ווייסט איר, הער פּרעפעקט, אַז אַט דער דייטשער מערדער האָט צענדליקער קרבנות אויף זיין געוויסן?

— אויב בלויז צענדליקער — האָט דער פּרעפעקט געענטפערט — איז ער דער איידלסטער נאַצי־גענעראַל, ווייל אַנדערע גענעראַלן האָבן טויזנטער לעבנס אויף זייער געוויסן!

— וואָס רעכנט איר צו טאָן מיט די מערדער? — האָט איינער גע־פרעגט.

— אויסשיסן דאַרף מען זיי, אַזוי ווי זיי האָבן עס געטאָן מיט אונדז!

— האָט אַן אַנדערער אויסגעשריגן.

דער פּרעפעקט האָט זיך געוואַנדן צו דער מאַסע אין אַ שטרענגן טאָן:

— פראַנצויזן! מיר זענען נישט קיין באַרבאַרן, מיר מוזן זיי באַ־האַנדלען לויט דעם פראַנצויזישן געזעץ, נישט איך קען באַשליסן וואָס צו טאָן מיט זיי. מיין אויפגאַבע איז אויסצופירן דעם באַפעל וואָס איז מיר אָנפאַרטרויט געוואָרן. כ׳קען אייך פאַרזיכערן, אַז די שולדיקע וועלן באַ-קומען זייער פאַרדינטע שטראָף. בעט איך אייך, פאַרוואַנדלט נישט דעם היינטיקן טאָג, דעם גרויסן טאָג פון אַ יום־טוב, אין אַ טאָג פון צאָרן. פריידט אייך מיט דער באַפרייאונג פון אייער שטאָט און פון גאַנצן לאַנד! מיין אויפגאַבע איז אויך צו זאָרגן פאַר דער אָרדענונג. די וואָס זענען ליידער מער נישטאָ, קענען מיר זיי נישט צוריק ברענגען צו אייך. שאַפט נישט קיין כאַאָס, ווייזט אַרויס אַ מוסטער פון פאַרשטענדלעכקייט!

אַ געמורמל האָט זיך צעטראָגן צווישן די מאַסן, און דאָס גערודער האָט זיך גלייך איינגעשטילט.

איך האָב אַרומשפאַצירט מיט ניקאָלן פון איין אָרט צום אַנדערן. מיר האָבן באַמערקט ווי כמעט פון יעדן פענצטער האָט איצט געפלאַטערט די דריי-פאַרביקע פראַנצויזישע פאָן. ערשט פאַרנאַכט־צו, זענען מיר אַהיים געגאַנגען, אַ שכנה האָט אונדז פאַרהאַלטן אויפן וועג און שמייכלענדיק אונדז געזאָגט, אַז איצט וועל איך מיך מער נישט דאַרפן אויסבאַהאַלטן. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז מיין אויסבאַהאַלטן זיך איז נישט געווען פאַר אַלעמען קיין סוד...

13

אין אָונט איז די שטאָט געווען אַ באַנייטע ליכט האָט זיך באַוויזן איבעראַל. מאַסן מענטשן און יוגנט האָבן שפּאַצירט, זיך געפרייט און געקושט. עטלעכע מוזיקער האָבן געשפּילט אויף דעם גרויסן פּלאַץ, וואָס ערשט נעכטן איז ער געווען אַ קאַמפּס־אָרט און איצט איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן טאַנץ־פּלאַץ, און דער אָוונט — אין אַ גרויסן יום־טוב. מען האָט געטאַנצט אין די גאַסן, ס'איז געווען אַ צווייטער פּערצנטער יולי, ווי דער נאַציאָנאַלער יום־טוב פון באַפרייען די באַסטיליע, און מיר האָבן מיטגעטאַנצט.

אין שטוב האָט ניקאָל אויסגעלאָדן איר פרייד. זי איז אויף מיר אַ־רויפגעפאַלן און אויסגערופן: „פּיער, איך בין גליקלעך, וואָס אונדזער חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן". אויפן געלעגער, האָב איך איר איינ־געוויגט מיטן טאָטנס מעלאָדיע. אַ שמייכלדיקע, איז זי איינגעשלאָפן.

צומאָרגנס, האָבן זיך שוין באַוויזן צייטונגען און פאַרשידענע זשור־נאַלן. איך האָב געקויפט אַ צייטונג, „דער פּאַטריאָט". כ'האָב געהאַלטן אין האַנט די ערשטע צייטונג פון באַפרייטן פראַנקרייך און געלייענט וויפל שטעט ס'זענען שוין באַפרייט געוואָרן. ס'האָבן זיך אויך באַוויזן די פּאָפּו־לערע גאַסן־זינגערס און האָבן געזונגען, באַגלייט פון אַ גיטאַרע און האַר־מאָניע, דאָס נייע פּאַרטיזאַנען־ליד. דער עולם האָט גערן געקויפט די בלעט־לעך מיטן טעקסט צוזאַמען מיט די נאָטן.

פאַרנאַכט האָבן מיר שפּאַצירט אין שטאָטישן גאָרטן, זיך דערפרישט פון דער גרויסער היץ. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז ערשט נישט לאַנג, מיט איין חודש פריער, האָב איך דאָ שפּאַצירט פאַרקליידט ווי אַ גייסטלעכער, זיך אויך דערמאָנט די ביטערע ווערטער וואָס יענער האָט מיר דעמאָלט דערציילט.

אין אַ געווויסן פאַרנאַכט, איז אַרויס אַן עקסטראַ־אויסגאַבע, וואָס האָט אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז פּאַריז איז באַפרייט געוואָרן. ניקאָל

איז גראד געווען אין גאַס און ארויפגעקומען אַ טאַנצנדיקע מיט אַן אויסגע־שריי: „פּאַריז איז באַפרייט! פּאַריז איז באַפרייט!".

מיטאַמאָל איז איר פריידן ווי אָפּגעשטאָרבן. זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. אירע צעשראָקענע בליקן האָבן זיך אָנגעהאָנגען אויף מיר, זיך אָנגעהויבן הינטערווייַלעכטס דערוויטערן פון מיר, איבערחזרנדיק עטלעכע מאָל, נאָר שוין שטילערהייט: „פּאַריז איז באַפרייט געוואָרן". זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט, אייַנגעגראָבן איר פּנים און זיך פּלוצים שטאַרק צעוויינט. כ'האָב נישט געקענט פאַרשטיין די פּלוצימדיקע טרערן:

— ניקאָל, וואָס באַדייט אָט די ענדערונג? פאַרוואָס עפּעס טרערן? ניקאָל טייערע, זאָג!

זי האָט זיך אויפגעזעצט און געבליבן זיצן אויפן ראַנד פון בעט.

— ניקאָל, זאָג מיר, וואָס זאָל דאָס באַטייטן?

זי האָט מיך לאַנג אָנגעקוקט און געזאָגט:

— פּאַריז איז באַפרייט געוואָרן, מיליאָנען הערצער קוועלן, איז דאָס דען נישט די גרעסטע פרייד? אָבער פאַר מיר?... דו וועסט צוריקפאָרן אין דייַן פּאַריז און וועסט מיך פאַרלאָזן.

— ניקאָל טייערע, גוטע ניקאָל, ווי קענסטו גאָר טראַכטן, אַז איך וועל דיך פאַרלאָזן? דיך? וואָס האָסט מיך אין די שווערע טעג פון שרעק מיך באַשיצט ווי אַ מאַמע? דו, וואָס האָסט דייַן ביסן ברויט מיר אָוועקגעגעבן? דו, וואָס האָסט מיך אין מייַנע שלאָפלאָזע נעכט מיט דייַנע צערט־לעכקייטן אייַנגעשטילט, מייַנסטו אַז דאָס אַלץ איז צו נעמען אייַנפּאַקן, אָוועקוואַרפן און אויס? מייַנסטו ניקאָל, אַז כ'וועל איצט אָוועקפאָרן, דיך פאַרלאָזן און אין אַלעם פאַרגעסן? ווייסטו דען נישט אַז מייַן גרויסע פרייד פון דערלעבן די באַפרייאונג איז דאָך אַ דאַנק דיר, מייַן לעבן בין איך דאָך דיר שולדיק. ניקאָל, דאָס פאַרגעסט זיך נישט, דאָס איז אויף אייביק!

נאָך אַ לענגערן שוויַגן האָב איך צוגעגעבן:

— געדענקסטו אפשר, ניקאָל טייערע, אַז אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך דיר געזאָגט, אַז אויב מייַן פרוי וועט חלילה נישט צוריקקומען, וועל איך וויסן ווי אַזוי צו האַנדלען. איך זאָג עס דיר אויך איצט, ווי אַזוי דער גורל וועט אויספאַלן, מוז איך דאָך פאָרן קיין פּאַריז אַ קוק טאָן, וואָס עס הערט זיך אין מייַן היים, אָבער איך פאַר נאָך נישט מאָרגן, דו געדענקסט ווען דו האָסט מיך אין די ערשטע טעג פון אונדזער צוזאַמען־זייַן, אַזוי פיל מאָל געטרייסט, אַז שוין נישט לאַנג און כ'וועל ווידער זען מייַן היים.

זי איז אַרויפגעפאַלן אויף מיר, אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף מייַן ברוסט און זיך ווידער שטאַרק צעוויינט.

— פּיער, ווען דו קענסט פאַרשטיין ווי שווער ס׳איז די צעשיידונג, ווי שווער ס׳וועט מיר איצט זיין צו בלייבן אַליין.

— ניקאָל טייערע — האָב איך איר געקושט, און אויסגעווישט אירע פאַרטרערטע אויגן — דו שרעקסט זיך אומזיסט, האָסטו מער נישט קיין צוטרוי צו מיר ? גלויבסטו מיר נישט וואָס כ׳האָב דיר געזאָגט ?

— יאָ, פּיער, איך גלויב דיר, איך גלויב דיר אַלץ, נאָר ס׳איז מיר שווער זיך צו באַרואיקן, ס׳איז נישט אַזוי לייכט צו פאַרטרייבן דעם געדאַנק וועגן מיין איינזאַמקייט.

— ווייסט וואָס ? — האָב איך איר געזאָגט — קום מיט מיט מיר קיין פּאַריז, און דאָרט וועט געליזט ווערן אונדזער גורל.

זי האָט זיך איינגעטוליעט אין מיר און געשעפּטשעט :

— ניין פּיער, דאָס איז אוממעגלעך, איך מוז דאָ בלייבן. איך בין אַ פאַרהייראַטע פרוי פון אַ מאַן וואָס לעבט נישט מער, און כ׳מוז די זאַך פולשטענדיק דערליידיקן. ווהין מיין גורל זאָל מיך נאָר נישט פירן, מוז איך פריי ווערן געזעצלעך, פאַרשטייסט ?

איר שמייכל האָט זיך ווידער באַוויזן אויף איר שיין איידל פּנים. כ׳האָב איר פאַרגעלייגט מיר זאָלן אַביסל אַראָפּגיין. לאַנג האָבן מיר שפּאַצירט צווישן אַ פריילעכן עולם. נאָענט פון באַנהויף, זענען מיר צוגעגאַנגען גלאַט אַזוי זיך צו דערוויסן ווען ס׳גייט אָפּ אַ צוג קיין פּאַריז. דערוווסט האָבן מיר זיך, אַז ס׳איז נאָך נישטאָ קיין צוג, די בריקן זענען צעשטערט, אַ טייל — אויפגעריסן פון די מאַקיזאַרן, כדי צו שטערן די באַוועגונג, און אַ טייל איז אויפגעריסן געוואָרן פון די אָפּטרעטנדיקע דייטשן.

מיר זענען אַהיימגעגאַנגען. איך בין געווען פאַרזאָרגט. וואָס טוט מען איצט ? טויזנטער און טויזנטער וואַרטן אויף אַ מעגלעכקייט אַריינצופאָרן אין באַפרייטן פּאַריז. ווער ווייסט ווי לאַנג ס׳וועט אויסקומען צו וואַרטן ביז די בריקן איבער די טייכן וועלן זיין צוריקגעשטעלט ?...

14

סוף אויגוסט, זענען מיר אַריין צו אונדזער ווירטן פרעגן, צי איז אָנגעקומען פאַר מיר געלט. ביי דער געלעגנהייט איר דערציילט, וועגן דער אוממעגלעכקייט פון אַריינפאָרן קיין פאַריז. זי האָט אונדז געזאָגט, אַז זי ווייסט פון אַ משפחה וואָס גרייטן זיך אַהיימצופאָרן מיט זייער אויטאָמאָ־ביל. אָבער קיין פריי פּלאַץ האָבן זיי נישט. זי האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס און מיר זענען דאָרט גלייך אַוועק. דער אייגנטימער פון דעם אויטאָמאָביל האָט אונדז זייער פיין אויפגענומען און מיר געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט מיך זייער גוט, נאָר לײדער זענען נאָך פאַראַן שוועריקייטן. ערשטנס, ווייסט ער נישט ווו צו באַקומען בענזין, און צווייטנס, זענען זיי מיט פיר קינדער, און אויך אַ ביסל באַגאַזש.

איך האָב אים פאָרגעלייגט צו באַזאָרגן בענזין, נאָך אַ שטיקל ישוב־הדעת, איז ער מסכים געווען מיטן באַדינג, אַז איך וועל מוזן דעם גאַנצן וועג ביז פאַריז שטיין אויף דער שטיג פון אויטאָ. איך בין אויף דעם איינ־געגאַנגען, און די רייזע איז באַשטימט געוואָרן אויפן צענטן סעפּטעמבער.

די לעצטע נאַכט פאַר מיין אַוועקפאָרן, האָט זיך ניקאָל ביז גאָר גע־ענדערט, פּשוט נישט צום דערקענען. נישט די זעלבע ניקאָל. מיר האָבן געמאַכט אַ לאַנגן שפּאַציר, דעם לעצטן שפּאַציר אין דער שטאָט לע־פּי. דעם גאַנצן וועג און אויך אַהיימגייענדיק, האָט זי קיין איין וואָרט מיר נישט געזאָגט. זי איז געגאַנגען אַ פאַרטראַכטע, אַריינגעטאָן אין זיך. ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין שטוב, האָט זי גלייך גענומען צוגרייטן ס׳געלעגער און זיך געלייגט אָן מיר צו שענקען אַ בליק, גלייך ווי איך וואָלט שוין געווען גאָר ווייט, און זי איז ווידער אַליין, אַזוי ווי זי איז געווען די גאַנצע פיינלעכע פיר יאָר.

איך בין צו צום פענצטער, געטראַכט פון דער אָרעמער ניקאָל און נישט געפונען קיין שום אויסוועג צו ענדערן די אומעטיקע סיטואַציע. ווען כ׳האָב מיך דערנאָך געלייגט און זי האָט מיך דערפילט נעבן זיך, איז זי

אַרויפגעפאַלן אויף מיר מיט אַליידנשאַפטלעכע ווילדקייט, מיך געביסן ביז בלוט און געוואַשן די בלוטצייכנס מיט אירע טרערן, געווען מילד ווי אַ טויב, מיך געקושט און געשעפטשעט ווערטער וואָס האָבן מיך גערירט ביז טרערן. איך בין געבליבן אומבאַהאָלפן, נישט וויסנדיק וואָס איר זאָגן און ווען כ'האָב געפּרוווט עפּענען ס'מויל, האָט זי זיך גלייך איינגעגעסן אין מיר. לסוף, אַ באַרואיקטע, האָט זי שטיל ווי פאַר זיך אַליין, געפּליס־טערט:

— יאָ, פּיער טייערער, די באַפרייאונג פאַר מיליאָנען האָט געחתמעט מיין גורל.

זי האָט מיר נישט געגעבן די מעגלעכקייט כאָטש איין וואָרט איר צו זאָגן. נישט קיין טרייסט־ווערטער האָט זי געזוכט, נאָר וואָס מער געניסן. פאַרטאָג איז זי איינגעשלאָפן. איך בין געבליבן וואַך, באַטראַכט די געטרייע ניקאָל און געזוכט פלענער זי זאָל נישט בלייבן פאַראיינזאַמט. געלעגן בין איך אַזוי ביז ס'איז געווען צייט זיך אָנצוטאָן און זיך גרייטן צו דער רייזע. ווי נאָר זי האָט דערפילט מיין גרייטן זיך, האָט זי זיך גלייך אָנגעטאָן, גע־קוקט אויף מיר מיט די זעלבע בליקן וואָס האָבן מיך דערמאָנט, ווען זי האָט מיך ס'ערשטע מאָל פאַרהאַלטן מיט דער פראַגע: „וווהין גייט איר?״.

מיר זענען ביידע אַראָפּ אויפן באַשטימטן אָרט, ווו איך האָב מיך גע־גרייט צו געזעגענען מיט איר פאַר מיין אָפּפאָרן קיין פּאַריז. אויפן וועג, האָט זי אײַנגאָנצן געצימערט. זי איז געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אין מיר. כ'האָב דערוואַרט, אַז דאָס צעשיידן זיך וועט נישט זיין גאָר לייכט. קושנדיק מיך, האָט זי מיר געוויזן די פאָטאָגראַפיע וואָס מיר האָבן זיך געמאַכט באַלד נאָך דער באַפרייאונג. ס'איז געווען אַן אָנדייטונג, אַז זי וועט מיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

צוויי טעג שפּעטער בין איך אַ פאַרמאַטערטער, אָנגעקומען קיין פּאַריז. צו מיין גרויסער איבערראַשונג, האָב איך געטראָפן מיין פרוי אין דער היים. זי האָט מיך אויפגענומען אַ ביסל אַ צוריקגעהאַלטענע, דאָך מיט אָפענע אָרעמס, און מיט טרערן אין די אויגן. די באַגעגעניש מיט מיין פרוי אַזוי גוט ווי מיט מיין חבר פּיער, איז געווען אַזוי רירנדיק, אַז מיר האָבן לאַנג נישט געקענט באַהערשן אונדזערע טרערן.

מיין פרוי האָט מיר דערציילט, אַז די פּאַרטיזאַנער האָבן דערשאָסן איר באַצווינגער און אויך איר געוואָלט דערשיסן, אָבער אַ דאַנק איר יידישן דאָקומענט האָט זיך איר איינגעגעבן, כמעט אין דער לעצטער מינוט, אָפּצוראַטעווען איר לעבן.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזאַ לאַנגער צייט פון זיין צעשיידט, האָט

געגומען טעג און נעכט — צוזאַמען מיט מיין חבר פּיער, אויסצודערציילן אַלע געשעענישן. איך האָב געשילדערט ניקאָלן ווי אַ מלאך, כ'האָב גלייך געשריבן צו איר, און איר מיטגעטיילט וועגן צוריקקומען פון מיין פּרוי. כ'האָב איר אויך געשיקט אַ גרעסערע סומע געלט, און אַז איך, מיין פרוי און פּיער וועלן מיר גאָר אין קורצן קומען צו איר. ס'איז נאָך אָבער נישט געווען לייכט צו פאָרן. פּיער האָט פאָרגעלייגט, אַז מיר זאָלן פאָרן בעת די קריסטלעכע יום־טובים און דאָרט זיין איבער ניי־יאָר. אַזוי איז טאַקע באַשלאָסן געוואָרן.

איך האָב גלייך געשריבן צו ניקאָלן וועגן אונדזער באַשלוס, און צו־געגעבן, אַז מיר וועלן דאָרט ביי איר פאַרברענגען ביז נאָך ניי־יאָר. דער־נאָך וועלן מיר אַלע פיר צוריקפאָרן קיין פאַריז. איך האָב איר געבעטן, אַז ביז דער צייט, זאָל זי האָבן דערליידיקט אירע פאָרמאַליטעטן. דערויף האָט זי געענטפערט, אַז זי ציילט די טעג, כדי אונדז אָפּצוואַרטן און רוימט שוין די קליינע וווינונג אירע, ווו מיר אַלע וועלן צוזאַמען פאַרברענגען.

ס'איז געקומען דער טאָג פון אונדזער פאָרן צו ניקאָלן. מיר האָבן איינגעקויפט פאַרשידענע שפּייזן און מיר זענען אָפּגעפאָרן. אויסשטייגנדיק פון צוג אין דער שטאָט לע־פּי, האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אויפן באַנהויף אויסקוקנדיק ניקאָלן. זי איז אָבער נישט געווען. ס'האָט מיך שטאַרק גע־וווּנדערט, און כ'האָב אויך געהאַט אַ שלעכטן פאָרגעפיל. נאָך אַ לענגערער צייט וואַרטן אויף איר, האָבן מיר אָנגעהויבן גיין אין דער ריכטונג פון איר וווינונג. צוקומענדיק צו איר טיר, וואָס איז מיר אַזוי גוט באַקאַנט געווען, האָב איך אָנגעקלאַפּט, אָבער קיינער האָט נישט געענטפערט. כ'האָב געפּרוווט עפענען, אָבער די טיר איז געווען פאַרשלאָסן. מיר האָבן גע־פרעגט ביי שכנים, אויך ביי מיין געוועזענער ווירטן, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט, און נישט געקענט אונדז אינפאָרמירן וועגן איר. לאַנג האָבן מיר זיך נאָך אַרומגעדרייט אויף דער גאַס, נעבן איר וווינונג, מיט דער אויסרעכענונג, אַז אפשר קומט זי דאָך אָן. אָבער מיר האָבן זיך אַרומגע־דרייט אומזיסט ביז שפּעט אין אָוונט און שיער נישט פאַרפרוירן געוואָרן פון דער שאַרפער דעצעמבער־קעלט. ניקאָל האָט זיך אַלץ נישט באַוויזן. שלעכטע געדאַנקען האָבן מיך אָנגעהויבן פּייניקן. כ'האָב געטראַכט פאַר־שידנס. מיר האָבן צום סוף באַשלאָסן אַריינצוגיין אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט און פרעגן, אפשר ווייסן זיי עפּעס? אפשר אַ פאַרפאַל? אָבער אויך אין דער פּאָליציי האָט מען גאָרנישט געקענט זאָגן וועגן איר פאַרשווינדן ווערן.

מיר זענען געבליבן פאַרצווייפלט און צעשראָקן. סוף־כל־סוף האָבן מיר גענומען אַ האָטעל און זיך געטרייסט מיט דער אויסרעכענונג, אַז

אפשר אין דער פרי וועט זיך ניקאָל באַווייזן. אויפצומאָרגנס, זענען מיר אַלע ווידעראַמאָל געשטאַנען ביי איר פאַרשלאָסענע טיר אומבאַהאָלפן. אַזוי ווי מיר האָבן נישט געקענט לייזן דאָס רעטעניש פון ניקאָלס פאַרשווונדן ווערן, איז נאָך וואָס זיך אַרומדרייען? די באַן־בילעטן האָבן מיר געהאַט אויף הין־און־צוריק; האָבן מיר באַשלאָסן צוריק צו פאָרן אַהיים, אפשר וועט פאָרט קומען אַן אויפקלערונג פון איר גופא?

ערשט אויפן אַכטן טאָג, האָב איך באַקומען אַ בריוו. ס'האָט מיר אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן, דערקענענדיק די האַנטשריפט פון ניקאָלן. מיט אַ שווערן פאָרגעפיל האָב איך אויפגעריסן דעם קאָנווערט און אָנגעהויבן לייענען. מיין פרוי און מיין חבר פיער, האָבן מיט גרויס נייגעריקייט זיך איינגעהערט.

15

„טייערער פּיער!

מיט אַ געפיל פון באַדויערן און מיט טויזנט אַנטשולדיקונגען, שרייב איך דיר איצט דעם בריוו. איך פרעג מיך, צי האָב איך נאָך אַ רעכט דיך אָנצורופן טייערער פּיער!... איך פרעג מיך אויך וועלכעס געפיל איז געווען ביי מיר שטאַרקער, צי די געוואַלדיקע נייגעריקייט צו זען דיין פרוי, אָדער די שטאַרקע בענקשאַפט דיך ווידער צו זען

דער צוג פון פּאַריז קומט אָן פיר אַ זייגער מיט פערציק מינוטן, בין איך שוין פיר אַ זייגער געווען אויפן וואָקזאַל אייך אָפּצוואַרטן און אויפנעמען ביי מיר. די שפּאַנונג ביי מיר איז כסדר געוואַקסן. איך האָב מיך אַרומגעדרייט אויפן באַנהויף קוקנדיק כסדר אויפן זייגער און געציילט די מינוטן. נאָך צוואַנציק מינוט... נאָך פופצן מינוט... און איך וועל דיך ווידער זען. איך בין געווען גליקלעך מיטן דאָזיקן געדאַנק. אַרומדרייענדיק מיך אַזוי הין און צוריק, האָב איך פּלוצים באַמערקט ווי אַלע אַנוועזנדיקע אויפן באַנהויף אָבסערווירן מיך עפּעס אַזוי מאָדנע און נעמען נישט אַראָפּ פון מיר זייערע בליקן. כ'בין דערנאָך פאַרביי פאַרן שפּיגל פון וואָקזאַל און האָב אַ קוק געטאָן אויף מיר און דערזען איינע, וואָס איז גאָרנישט געוווּנטשן זי זאָל זיך ווייזן פאַר געסט. כ'האָב מיך באַטראַכט ווי כ'בין געווען דיקער ווי העכער. כ'האָב מיך שנעל אָפּגעקערט פון שפּיגל און געטראַכט: בין איך דאָס טאַקע די, וועלכע דער שפּיגל האָט מיר געוויזן? בין איך דאָס די וועלכע איך האָב געזען? אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַגאָסן, ווען כ'האָב ווידער באַמערקט ווי אַלע אַנוועזנדיקע האָבן מיך אָבסערווירט. אפשר אין די אויגן פון די אַנדערע בין איך געווען נאָך העסלעכער, ווי איך אַליין האָב מיך געפונען? באַלד דערנאָך בין איך באַהערשט געוואָרן פון פאַרשידענע געדאַנקען, און אויך, אַז איצט וועל איך מיך מוזן שטעלן פאַרן משפּט פאַר די באַגאַנגענע זינד... כ'האָב מיך אַזוי אַרומגעדרייט, און נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן דעם, און באַשלאָסן, אַז איך

קען מיך איצט נישט ווייזן פאַר דיין פרוי, אויך נישט פאַר דיין חבר, נאָר בלויז פאַר דיר אַליין. יאָ, טייערער פּיער, בלויז פאַר דיר.

כדי אויסצומיידן די פרעמדע בליקן, בין איך אַריין אין אַ דערבייִיקן צימער, דאָרט וווּ די באַן־אַרבעטער האַלטן זייערע כלים. כ׳בין צו צום פענצטער און אויסגעקוקט אייער אָנקומען. ס׳האַרץ האָט זיך אין מיר אַזוי שטאַרק געוואָרפן און געצאַפּלט. כ׳האָב מיך דערפילט שולדיק קעגן דיין פרוי. ס׳האָט זיך מיר געדוכט ווי זי קומט מאָנען ביי מיר אַ חוב, זי קומט מאָנען די ליבע, וואָס כ׳האָב גענאָסן פון דיר. כאָטש איך קען נישט דיין פרוי, צווייפל איך נישט אין איר געפיל פון אייפערזוכט. זי וואָלט זיכער צו מיר געשמייכלט און מיר דערלאַנגט איר האַנט, אָבער אינערלעך וואָלט זי מיך פיינט געהאַט.

דער צוג איז דערוויַיל אָנגעקומען. כ׳האָב געזען דורך דער פאַרשטויבטער שויב ווי איר שטייגט אויס, האָסט געפירט דיין פרוי געאָרעמט. זי האָט דיך עפּעס געפרעגט שמייכלענדיק, און דו האָסט איר אויף עפּעס אָנגעוויזן. כ׳האָב אויך געזען דיין חבר. איר זענט געווען באַלאָדן מיט פּעקלעך. איר האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, זיך אַרומגעקוקט, מסתמא האָט איר מיך געזוכט. כ׳האָב געוואָלט אין דעם מאָמענט צולויפן צו דיר מיט פרייד, איר זענט דאָך געקומען צו מיר. אָבער אין דער מינוט ווען כ׳האָב דערזען דיין פרוי און דיין חבר, האָב איך מיך דערפילט אַזוי דערשלאָגן, אַז כ׳בין שטיין געבליבן אויפן אָרט ביים פענצטער ווי מיט אונטערגעהאַקטע קניען. כ׳האָב אייך געזען פאַרבייגיין נעבן מיר, אָבער איך בין געשטאַנען ווי אַ געליימטע און מער זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. ס׳האָט מיר אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן און דערנאָך האָב איך מער גאָרנישט געזען, אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום מיר אין אַ קאַראַהאָד און כ׳בין אומגעפאַלן. כ׳בין געבליבן ליגן אויף דער ערד. איך בין געלעגן כמעט ווי אָן אַ באַוווסטזיין. כ׳האָב מיר פאָרגעשטעלט ווי איר קלאַפּט ביי מיין טיר, ווי איר פרעגט ביי די שכנים, ווי איר דרייט זיך אַרום אויף דער גאַס הין און צוריק. כ׳האָב מיך געוואָלט אויפהייבן און לויפן, לויפן צו אייך און רופן, אַז איך בין דאָ, כ׳בין דאָ! ווייזט אויס, אַז בלויז מיין מוח איז געווען טעטיק. מיינע פיס, מיין קערפּער, איך אינגאַנצן, בין געווען ווי פאַראַליזירט. כ׳בין געלעגן אויף דער ערד און געפילט ווי מיינע טרערן רינען אָן אויפהער. ערשט גאָר שפּעט ביינאַכט, האָט אַ באַן־אַרבעטער מיך דערזען ליגן אַ פאַרשטייפטע, אַ געפרוירענע. כ׳האָב געפילט ווי מען הייבט מיך אויף, מען טראָגט מיך, נאָר צום באַוווסטזיין בין איך ערשט געקומען אין צוויי טעג אַרום.

אַ גאַנצע וואָך בין איך געלעגן אין שפּיטאָל. היינט האָט מען מיך אַהיימגעפירט און מיין ערשטער געדאַנק איז געווען דיר צו שרייבן.

איצט, מיין טייערער פּיער, איידער איך וועל דיר אָנשרייבן דאָס אָנגעוויטיקטע וואָרט, „דעם אַדיע", מוז איך דיר פריער זאָגן, אַז כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די זיסע מינוטן, די טייערע אָוונטן, וואָס דו האָסט מיר צוגעטיילט אין דער צייט פון אונדזער צוזאַמענזיין. די קאַרגע חדשים זענען געווען די גליקלעכסטע טעג אין מיין לעבן.

זאָגן דיר, אַז איך האָב דיך ליב? דאָס איז צו פּשוט; זאָגן דיר, אַז מיין לעבן האָט מער נישט קיין שום ווערט, קיין שום אינהאַלט אָן דיר? זאָגן דיר אויך, אַז איך האָב שטילערהייט געבעטן, אַז זאָלסט נישט האָבן קיין מעגלעכקייט מיך צו פאַרלאָזן, איידער דו ביסט אַוועקגעפאָרן?

איך שרייב דיר דאָס און איך וואַקל מיך, צי זאָל איך דיר דעם בריוו שיקן. מיר האָבן דערלעבט די באַפרייאונג, מיליאָנען האָבן דערלעבט די גרויסע פרייד. אָבער פאַר מיר, האָט די פרייד צוגעגרייט און באַשטימט מיין גורל.

דערמאָן זיך, טייערער פּיער, דעם ערשטן אָוונט ווען דו ביסט אַראָפּגעקומען צו מיר. האָסטו מיך געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט מיט דער פראַגע וועגן געוויסע קאָמפּליקאַציעס; וויל איך דיך איצט פרעגן: וואָס פאַראַ קאָמפּליקאַציעס וואָלטן זיך געשאַפן איצט, ווען איך באַוויז מיך פאַר אייך אין מיין צושטאַנד?... דעריבער איז איצט מיין אָנוועזנהייט נעבן דיר אוממעגלעך. איך מוז מיך טרייסטן דערמיט, וואָס דו האָסט מיר איבערגעלאָזט דריי טייערע אָנדענקונגען, וואָס וועלן מיר לייכטן אין מיינע טריבע, איינזאַמע טעג. איך וועל זיי מיטנעמען מיט מיר אין מיין ווייטן וועג, צוזאַמען מיט מיין ליבע צו דיר. איך טראָג מיט שטאָלץ די קרוין וואָס דו האָסט מיר אָנגעטאָן „אַז דיין לעבן ביסטו מיר שולדיק".

געדענקסט מיינע טרערן אין דעם אָוונט, ווען די דייטשע שטיוול האָבן געטרעטן איבער אונדזער סופיט, ווען זיי זענען געקומען דיך זוכן? דאָס האָב איך טאַקע זיי אָפּגענאַרט, דאָס האָב איך זיי אויסגעגעבן דיין באַהעלטעניש, דערנאָך דיך אַראָפּגערופן צו מיר. כ'האָב עס געטאָן מיט דער אויסרעכענונג, כדי צו פאַרשטעלן דעם וועג פאַר אַנדערע, כדי ס'זאָל קיינער נישט האָבן מער קיין מעגלעכקייט דיך אויסצוגעבן. מיר האָבן דעמאָלט געפייערט אונדזער זיג. וואָס פאַראַ גליקלעכע מינוטן איך האָב דעמאָלט איבערגעלעבט!

די צווייטע טייערע אָנדענקונג פון דיר: איך טראָג אונטער מיין האַרץ

אַ לעבעדיקע אָנדענקונג... און יעדעס מאָל ווען איך דערפיל עס, האָב איך דעם איינדרוק ווי כ׳וואָלט דיך געפילט אין מיר, און אַרום מיר...

די דריטע אָנדענקונג פון דיר איז, די זיסע מעלאָדיע מיט וועלכע דו פלעגסט מיך יעדעס מאָל איינוויגן, נאָכן פאַרברענגען די אומפאַרגעסלעכע טייערע מינוטן. איך זינג די מעלאָדיע יעדעס מאָל ווען איך זוך זיך צו דער־מאָנען אין דיר.

און איצט, אַדיע, לעבט גליקלעך, פּרוווט מיך נישט זוכן, איר קענט מיין גורל נישט ענדערן! ווען דו וועסט לייענען דעם בריוו, וועל איך שוין זיין ווייט. בעט איך אייך, פאַרגעסן אין מיר, אַדיע מיינע טייערע, אַדיע מיין טייערער פּיער!

דיין ניקאָל״.

דערמאָנענדיק זיך איצט אין דעם בריוו פון ניקאָל, איז בערנאַרד גע־בליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער, ער האָט איצט נאָך אַ מאָל איבערגעלעבט יענעם ווייטיקלעכן טאָג. זיינע פריינד האָבן מיט קיין איין וואָרט נישט געפּרוווט איבעררייסן זיינע געדאַנקען. נאָך אַ לענגערע פּויזע האָט בער־נאַרד ווידער פאַרגעזעצט:

דער גאַנצער טאָג איז ביי אונדז געווען ווי אַ טרויער־טאָג. מיר זענען געבליבן זיצן, נישט וויסנדיק וואָס אָנהייבן טאָן. יעדער איינער האָט זיך ווי געפילט שולדיק פאַר דעם, וואָס איז געשען. ס׳איז שוין לאַנג געווען נאַכט, און מיר האָבן קיין ליכט נישט אָנגעצונדן. קיינער פון אונדז איז נישט דרייסט געווען איבערצורייסן דאָס פּיינלעכע שווייגן. ערשט גאָר שפּעט, האָט זיך פּיער ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט, און אָנגעהויבן שרייען:

— וואָס זיצן מיר אַזוי ווי אומבאַהאָלפענע? איך פאָר גלייך איר אָפּזוכן! ניקאָל איז מיינע, דו האָסט דאָך מיך צו איר פאַרקנסט...

כ׳בין געבליבן זיצן, און אָפּגעפילט אַ ווייטאָג. זי טראָגט אונטער איר האַרץ מיינס אַ קינד, אונדזערביידנס קינד, און ס׳איז גאָר פּיער, וואָס איילט זיך דער ערשטער זי אָפּצוזוכן! ס׳איז טאַקע אמת, ווען איך מיט מיין פרוי האָבן זיך צוריק אָפּגעפונען, האָב איך דערציילט מיט וואָס פאַראַ צו־זאָג כ׳האָב באַרואיקט די טייערע ניקאָל: אויב כ׳וועל נישט געפינען מער מיין פרוי, בלייבט ניקאָל מיינע. אין קעגנפאַל, וועל איך זי איבערגעבן מיין חבר פּיער.

ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן, און שטייענדיק ביי דער טיר, האָט ער אונדז צוגעוואָרפן די ווערטער:

— אַפילו כ׳זאָל דאַרפן אויספאָרן גאַנץ פראַנקרייך, וועט עס מיך נישט אָפּהאַלטן.

אַ גאַנצע וואָך איז ער געווען פאַרנומען אין געיעג נאָך ניקאָלן. דורך דער צייט, האָבן מיר געלעבט אין דערוואַרטונג, אָבער מיט שוואַכע האָפענונגען. איך האָב עטלעכע מאָל באַטראַכט דעם סטעמפּל אויף דעם קאָנווערט פון איר בריוו: ס׳איז געווען אַ סטעמפּל פונעם באַנהויף פון לע־פּי, דאָס הייסט, איידער זי איז איינגעשטיגן אין באַן כדי אַוועקצופאָרן.

אין צווישן האָבן מיר געהאַט אַ וויזיט פון מיין געוועזענער ווירטן און איר דערציילט וועגן די רייזע פון פּיערן, און איר געבעטן, אויב זי וועט עפּעס וויסן פון ניקאָלן, זאָל זי גלייך אונדז מיטטיילן.

דער סוף איז געווען, אַז מיין חבר איז צוריקגעקומען אַ דערשעפּטער, אַ טרויעריקער, און נישט אַרויסגערעדט צו אונדז קיין וואָרט. ער האָט אונדז שפּעטער דערציילט, אַז ער האָט גענומען צוהילף די פּאָליציי פון יענער געגנט, אָבער אָן שום רעזולטאַט זי אָפּצוגעפינען.

מיר האָבן געוואַרט חדשים לאַנג און געהאָפט צו באַקומען אַ בריוו פון איר גופא. איך האָב געהאַט איין האָפענונג: ווען ס׳קינד וועט געבוירן ווערן, וועט אפשר איר מוטערלעך געפיל איר באַוועגן מיר מיטצוטיילן דערפון. ס׳זענען אדורך חדשים און יאָרן, און כ׳האָב מער פון ניקאָלן נישט געהערט, פאַרשוואונדן געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין.

16

די צייט האָט זיך געטאָן אירס. זי איז פאַרביי, זיך נישט גערעכנט מיט גוטע, אָדער שלעכטע נייעסן. יעדער טאָג ווערט דער קאַלענדאַר איבערגערוקט מיט אַ טאָג שפּעטער — און יעדעס יאָר אַ נייער קאַלענדאַר.

דאָס לעבן איז ביי אונדז געפלאָסן מאָנאָטאָן, אָן אַ ביסל פרייד. מיין פרוי האָט געליטן פון דעם וואָס זי איז געווען אַן עקרה. אַלע קוראַציעס פון דער מאָדערנער מעדיצין האָבן נישט געגעבן קיין שום רעזולטאַט.

מיין חבר פּיער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט מיר. ער, אַלס טעכניקער, און איך אַלס דענטיסט. ער איז אויך נישט געווען גליקלעך: ער האָט געוואַרט און געהאָפט, אַז אַמאָל וועט נאָך ניקאָל צוריקקומען.

אויף עפּעס האָט ער זיך דערוואַרט, דער אָרעמער פּיער!

אין יאָרן אַרום, אין אַ געוויסן פרימאָרגן, זענען מיר געזעסן אַלע דריי ביים פרישטיק, האָט ווער אָנגעקלאַפּט אין טיר. ס'איז אַריינגעקומען דער פּאָסטטרעגער און מיר דערלאַנגט אַן איינשרייב-בריוו. איך באַטראַכט דעם בריוו, באַקוק אים פון ביידע זייטן. די פּאָסטמאַרקע איז געווען פון ישראל. איך זוך צו טרעפן ווער עס שרייבט מיר פון ישראל, און צווייפל אַלץ צי דער בריוו איז צו מיר... מיט ציטערדיקע הענט האָב איך אויפגעריסן דעם בריוו און ביי די ערשטע צוויי ווערטער, האָט מיר אַ מיש געטאָן אין קאָפּ. מיין האַנט איז מיר אָנמאכטיק אַראָפּגעפאַלן. צוויי ווערטער האָבן מיך מיטאַמאָל דערמאָנט אַ פאַרגאַנגענהייט פון פיינלעכע און פריידיקע איבערלעבונגען. איך האָב קוים אַרויסגעברענגט איין וואָרט: „ביקאָל!". מיין פרוי און פּיער זענען געשטאַנען מיט נייגעריקע בליקן און געוואַרט כ'זאָל שוין לייענען דעם בריוו. מיט אַ גרויסער אָנשטרענגונג און מיט פאַרלאָפענע אויגן, האָב איך אָנגעהויבן לייענען הויך:

„צו מיין ליבן פאָטער!?... (מיט אַ פראַגע־צייכן).

איך שרייב ווי אין דער וועלט אַריין, אָבער מיין האַרץ צאַפּלט אין מיר פאַר פרייד — און נאָך מער פאַר שרעק, צי וועט מיין בריוו אָנקומען

אויף דעם ריכטיקן אַדרעס, אָדער וועט מיין בריוו בלייבן ווי אַ קול אין מדבר? איך פרעג מיך, צי האָב איך טאַקע אַ פאָטער? וועל איך מער נישט ווערן אַזוי באַליידיקט, ווי פון קינדווייז אָן, מיטן נאָמען „ממזר?". צי וועל איך איצט ענדלעך וויסן פון וואַנען איך שטאַם?

אָט איז מיין געשיכטע: כ'בין געבוירן געוואָרן דעם אַכטן מאַי 1945, אין דעם זעלבן היסטאָרישן טאָג, ווען די דייטשן האָבן קאַפּיטולירט, און ס'איז געוואָרן שלום אויף דער וועלט. מען האָט מיר דערפאַר אַ נאָמען געגעבן „שלום". מיין מוטער האָט געבעטן מיך רופן „פּרי" (דאָס מיינט פּרוכט, אין פראַנצויזיש).

באַלד נאָך מיין קומען אויף דער וועלט, איז מיין מוטער פאַרשווונדן געוואָרן. איך בין אויפגעכאָוועט געוואָרן ביי אַ יידישער משפּחה אין דער שטאָט ליאָן, ווו מיין מוטער איז געווען באַשעפטיקט. זי האָט איבערגעלאָזט אַ צוואה און אין איר איז געווען געשריבן, אַז איך בין אַ יידיש קינד, און געבעטן מען זאָל מיך דערציען ווי אַ ייד. זי האָט געבעטן אַז מען זאָל מיר אָנטאָן אויפן האַלדז אַ קליין טאָרבעלע, וואָס איז געווען פאַרחתמעט און כ'זאָל דאָס טאָרבעלע נישט עפענען פריער, ווי ביי מיינע צען יאָר. ווען כ'בין אַלט געוואָרן זעקס יאָר, האָט מען מיר דאָס טאָרבעלע אָנגעטאָן. איך האָב געמוזט שווערן, אַז כ'וועל אָפּהיטן די צוואה פון מיין מוטער. דער־נאָך בין איך געשיקט געוואָרן מיט אַ גרופּע יתומים קיין ישראל.

היינט בין איך אַלט געוואָרן צען יאָר. אין דער אָנוועזנהייט פון די אָנפירער פון אונדזער קיבוץ, האָב איך געעפנט דאָס טאָרבעלע און געפי־נען צוויי קליינע פאָטאָגראַפיעס מיט אַ צעטעלע, ווו ס'איז אויפגעשריבן דער נאָמען און אַדרעס פון מיין פאָטער. אויף איין פאָטאָ איז געווען אויפ־געשריבן: „דיין פאָטער בערנאַרד קליין" און אויף דער צווייטער: „דיין מוטער ניקאָל".

טרערן האָבן מיך אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז. מיינע אויגן האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיט די בליקן פון מיין חבר פּיער. מיין פרוי האָט אַ געציטערט מיט אַ ציטער אין איר שטימע, מיך געבעטן פאַרזעצן דאָס לייענען.

„טאַקע די אָנפירער פון קיבוץ האָבן מיך באַוויגן צו שרייבן. איך שרייב און קוק אויף דער קליינער פאָטאָגראַפיע, צי איז דאָס טאַקע מיין פאָטער? צי וועט דער סוד ענדלעך זיך אויפבינדן? לעבט ער נאָך, מיין פאָטער? און אויב יאָ, וועט ער זיך ווענדן אָפּרופן צו מיר? איך בעט די גוטע מענטשן וואָס ווינען אפשר איצט אויף דעם אַדרעס, מיר העלפן אויפזוכן מיין פאָטער. איך בעט גלייך ענטפערן. ווען כ'וועל האָבן אַוועק־

געלייגט דעם בריוו, וועט מיין האַרץ נישט אויפהערן צאַפּלען, און מיינע אויגן וועלן ווערן דאָפּלט גרעסער פון אויסקוקן אַן ענטפער. איך וועל נישט שלאָפן און נישט קענען איינרוען.

אויב וועט מיין בריוו אָנקומען צו מיין פּאַטער, בעט איך אים אין נאָמען פון פּאַטער-ליבע מיר ענטפערן.

איך קוש אייך שטאַרק, אַזוי שטאַרק ווי אַ יתום קושט זיין געפונענעם פּאַטער. אייער שלום פּרי — און אכּשר אין קורצן, שלום קליין?״.

נאָכן האָבן איבערגעלייענט דעם בריוו, זענען מיר געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט. דער ערשטער, וואָס האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן, איז געווען פּיער. ער האָט געזאָגט:

— נו, איצט איז קלאָר געוואָרן דער סוד פון איר פאַרשווונדן ווערן דעמאָלט. איצט שטעל איך מיר דאָך די פראַגע: וואָס איז געווען איר מו־טערלעכע אויסרעכענונג, אַז ס׳קינד זאָל זיך ערשט דערוויסן מיט צען יאָר שפּעטער זיין אָפּשטאַמונג? אויב זי האָט צוגעגרייט די צוואה פאַרן קינד, האָט זי דאָך אין דער זעלבער צייט צוגעגרייט אויסצופירן איר באַשלוס, פאַרשווונדן צו ווערן ערגעץ, אַזוי ווי זי האָט געשריבן אין איר בריוו?

שווער געווען דאָס דאַזיקע צו פאַרענטפערן. ווער קען דען פאַרשטיין די האַנדלונג? אַ סוד וועלכן זי האָט מיטגענומען אין איר וויטן וועג, אָבער ווו?!

פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב באַלד אַוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע:

„מיין טייער קינד, איך קום צו דיר — דיין פּאַטער בערנאַרד קליין״.

נאָך דער טעלעגראַמע, האָבן מיר אַלע געפילט אַ פאַרלייכטערונג, ווי מיר וואָלטן אָפּגעצאָלט אַ גרויסן חוב, און כ׳האָב זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער רייזע. די פאָרמאַליטעטן האָבן געדויערט עטלעכע טעג. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָב איך מיך געגרייט אָפּצופליען זען מיין קינד.

פאַרן געזעגענען זיך, איז מיין פרוי אויף מיר אַרויפגעפאַלן און צו מיר גערעדט דורך טרערן: „בערנאַרד טייערער, דו פאָרסט איצט צו דיין קינד, איך וויל גלייבן, אַז דו פאַרשטייסט מיין צער. איך האָב נישט געהאַט דאָס גליק צו זיין גלייך מיט אַלעמען... איך פאַרשטיי, אַז אַ סך נישט־דערזאָגטע ווערטער האָסטו נאָך אויסבאַהאַלטן פאַר מיר, כדי מיר נישט ווייי צו טאָן. אונדזער היים איז פּוסט און ליידיק. דעריבער בעט איך דיך, ווען דו וועסט זיך פרייען מיט דיין קינד, זאָלסטו נישט פאַרגעסן, אַז דאָס קינד געהערט אויך מיר, דיין געזעצלעכע פרוי. איך בעט דיך, זאָלסט זיך באַמיען און אים צורעדן, אַז איך זאָל ווערן זיין מאַמע, איך וואָלט כאָטש

וועלן האָבן די פרייד זיך צו קענען באַנוצן מיט דעם זיסן וואָרט „מײַן קינד, מײַן זון״.

— סאָניאַ טײַערע — האָב איך איר געזאָגט — דו ווייסט ווי דאָס קינד האָט געליטן ביז איצט, נישט האָבנדיק קיין עלטערן. דעריבער בין איך זיכער, אַז ס'קינד וועט זײַן דאָפּלט גליקלעך צו האָבן געפונען מיט איין מאָל אַ פאָטער און אַ מוטער!

כ'בין אָפּגעפלויגן קיין ישראל, אָנגעקומען בין איך זייער שפּעט, און כ'בין אײַנגעשטאַנען אין אַ האָטעל. ערשט אין דער פרי בין איך צוגעפאָרן אין קיבוץ ווו מײַן זון האָט זיך געפונען.

נאָך דער טעלעגראַמע, האָט מען געוואַרט אויף מיר. ווי נאָר כ'בין אָנגעקומען אין קיבוץ, האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל. אַ טייל איז געלאָפן אויפזוכן שלומען און מען האָט מיך געפירט צום גרויסן חדר־האוכל, ווו כ'האָב זיך באַקענט מיט מײַן זון שלום.

שילדערן מיט ווערטער די סצענע, בין איך נישט בכוח. עס איז שוין פיל לײַכטער דאָס איבערצושפּילן אויף די ברעטער פון אַ טעאַטער...

אַלע האָבן שוין אַלץ געוווסט און זענען געווען פאַרזאַמלט אַרום אונדז און בייגעווווינט אונדזער באַגעגעניש. בײַנאַכט, אויפן געלעגער, איז ער נישט אָפּגעטרעטן פון מיר. כ'האָב געהערט אַ שטיל שעפּטשען פון מײַן קינד, וואָס איז שוין געווען צען יאָר אַלט, אָט די ווערטער: „איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז כ'וועל נאָך האָבן דאָס גליק צו קושן מײַן פאָטער״.

צומאָרגנס, נאָכן פרישטיק, זענען מיר געפאָרן קיין חיפה, אַרויפגע־פאָרן אויפן הר־הכרמל, און כ'האָב מיט אים געשמועסט. איך האָב אים דערציילט ווער זײַן מוטער איז געווען און וואָס זײַן מוטער איז געווען פאַר מיר. איך האָב אים איבערגעגעבן דעם ווונטש פון מײַן פרוי, פאַרגע־לייגט אים צו האָבן — נישט בלויז אַ פאָטער, נאָר אויך אַ מוטער. ער האָט מיט גרויס פרייד אויפגענומען דעם ווונטש פון מײַן פרוי. איך האָב אים פאַרגעלייגט — אַזוי ווי מיר זענען גוט אײַנגעאָרדנט אין פּאַריז, ער זאָל קומען צו אונדז, ווו ער וועט גלייך אָנהייבן לערנען אין אַ פראַנצויזישער שול, ער וועט האָבן די מעגלעכקייט צו שטודירן און דערנאָך אַליין באַ־שטימען זײַן פּראָפעסיע.

דערויף האָב איך באַקומען פון אים פאָלגנדיקן ענטפער:

— מײַן ליבער פאָטער, פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל טאָן אַלץ לויט דײַן ווילן, ווייל כ'בין גליקלעך צו האָבן ענדלעך וועמען צו פאָלגן. איז דערלויב מיר דיך עפּעס פרעגן: די געשיכטע וואָס דו האָסט מיר דער־ציילט פון מײַן מוטער, האָט מיך גערירט ביז גאָר. דו ביסט דאָך געווען

באַהאַלטן ביי איר נישט אַלס פאַרברעכער, נאָר בלויז דערפאַר ווייל דו ביסט אַ ייד. איך האָב אויך שוין געלערנט די געשיכטע פון אונדזער פאָלק, און ווי גוט עס זאָל אייך דאָרט נישט זיין, זענט איר דאָך אָבער אין גלות! איז אפשר וואָלט גלייכער געווען אַז דו מיט דיין געפונענעם זון זאָלן זיך געפינען אין ישראל? דאָס הייסט, דאָ זיך איינאָרדענען? ישראל איז אַ קליין לאַנד, אָבער אַ שיין לאַנד מיט גרויסע האָפענונגען אויף דער צו־קונפט. איז, אפשר וואָלסטו אָנגענומען מיין פאָרשלאַג און קומען זיך דאָ איינאָרדענען? דו, מיט דיין פאַך פון אַ דענטיסט וואָלסטו געקענט מאַכן דאָ אַ פיין לעבן. אַנטשולדיק מיר וואָס איך טו ווידערשפעניקן דיין ווילן. איך זאָג דיר צו אַז איך וועל טאָן אַלץ אַזוי ווי דו וועסט באַשטימען.

כ'האָב אויסגעהערט מיין זון און אים געזאָגט, אַז ס'איז צום באַטראַכ־טן. אַזוי ווי כ'בין דאָ אָן מיין פרוי, איז מיר אוממעגלעך שוין אָנצונעמען אַ באַשלוס. איך האָב פאַרברענגט מיט מיין זון צוויי וואָכן צייט און גלייכ־צייטיק מיך אינפאָרמירט וועגן די מעגלעכקייטן זיך איינצואָרדענען אין לאַנד.

אין דער היים האָב איך געהאַט וואָס צו דערציילן. כ'האָב אויך מיט־געבראַכט אַ פאָטאָגראַפיע פון מיין זון, צוזאַמען מיט אַ פאָר ווערטער. זי האָט די פאָטאָגראַפיע געקושט צוזאַמען מיטן בריוול פון מיין זון.

דערווייל איז מיין פרוי געפאָרן זיך באַקענען מיטן לאַנד און מיט אונדזער זון. איך האָב אַלץ געטראַכט מיט באַדויערן פון ניקאָלן. אַ דאַנק איר בין איך דאָך לעבן געבליבן, און אַ דאַנק איר זענען מיר אויפגעריכט געוואָרן מיט אַ זון.

מיין פרוי האָט מיר געשריבן, כ'זאָל מיך וואָס שנעלער דעצידירן אויף זיך צו באַזעצן אין לאַנד, פון וועלכן זי איז ביז גאָר שטאַרק באַגייס־טערט.

אין אַ געוויסן פאַרנאַכט, בשעת אַ שמועס מיט פיערן, פרעג איך אים:

— פיער, איך בין גרייט אויף אַן ערנסטן שריט, מיר ווילן זיך באַ־זעצן אין ישראל. שווער וועט אָבער זיין אונדזער צעשיידן זיך. וויל איך דיך פרעגן, צי וואָלסטו אויך איינשטימיק געווען מיט אונדזער פּלאַן און דאָרט זיך איינצואָרדענען?

— איך? — ווונדערט ער זיך — ווי קום איך, אַ גוי, אין **אַ יידיש** לאַנד?...

— און איך, אַ ייד — אין אַ גויאיש לאַנד?...

מיר האָבן זיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט און זיך האַרציק צעלאַכט.

— פיער — זאָג איך אים — איך בין געווען צופרידן פון מיין קינדס

איינפאַל. אויך מיין פרוי, ווי דו ווייסט עס שוין, איז באַגייסטערט. קלער איך גאַנץ ערנסט זיך צוצוגרייטן, דאָ צו ליקווידירן, און דאָרט זיך איינ־אָרדענען. ווי איז דיין מיינונג?

פיער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און מיר געענטפערט:

נו, ווי איך זע, איז דאָס ביי דיר גאַנץ ערנסט. בלייבן אַליין, אָן אייך, איז אוממעגלעך! איך האָב ליב מיין לאַנד, איך האָב ליב פראַנקרייך. נו? דו ביסט אַ יידישער פראַנצויז, אָדער אַ פראַנצויזישער ייד... וועל איך ווערן אַ גויאישער ישראלי, אָדער אַ ישראלדיקער גוי...

אַזוי ווי מיר זענען אַלע מסכים געווען, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז פיער פאָרט אַהין צוגרייטן דאָס איינאָרדענען זיך און אָנהייבן אַרבעטן. איך וועל דאָ באַשטעלן אַלע נויטיקע מאַשינען און כלים וואָס אַ מאָדערנער דענ־טיסטישער קאַבינעט דאַרף האָבן, און אַזוי ווי דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ גרויסער סומע געלט, וועל איך דאָס נעמען אויף אויסצאָלן און וועל דאָ פאַרזעצן מיין אַרבעט, ביז כ'וועל אָפּצאָלן דעם חוב. דעמאָלט וועל איך די רעשט אומנויטיקע זאַכן ליקווידירן און נאָר דאָס סאַמע נויטיקסטע מיט־נעמען.

איך האָב אין פאַריז נאָך איינגעצאָלט אויף אַ גרעסערע דירה און מיין פרוי האָט אין ישראל די וווינונג אָפּגעקליבן מיט דעם געלט וואָס איך האָב כסדר געשיקט, האָט זי זיך איינגעאָרדנט. אין אַ קאַרג יאָר אַרום, איז פיער אַהינגעפאָרן מיט אַלע נויטיקע, דענטיסטישע כלים און גלייך אָנגעהויבן אַרבעטן. מיין פרוי איז צוריק געקומען בלויז אויף אַ קורצער צייט. ביי מיר האָט געדויערט איבער אַ יאָר, ביז כ'האָב אַלץ ליקווידירט און גרייט געווען צום אָפּפאָרן.

אָט דאָס איז די סיבה פון מיין איצטיקע רייזע קיין ישראל, ווי איך פאָר איצט זיך פאַראייניקן מיט מיין פרוי און קינד און אָנהויבן דאָרט אַ ניי לעבן.

בערנאַרד קליין האָט פאַרענדיקט זיין דערציילונג און יעדער איינער האָט זיך דערביי דערמאָנט פיינלעכע איבערלעבונגען פון דער לעצטער מלחמה, און האָבן מיטגעלעבט מיט די געשעענישן. דאָקטאָר גורעלי האָט אָנגעגאָסן די גלעזער, וואָס זענען שנעל אויסגעליידיקט געוואָרן און נישט לאַנג וואַרטנדיק, האָט ער זיך אָנגערופן:

— נו? איז דען נישט אינטערעסאַנטער צו זיצן דאָ צווישן אונדז אַליין און אויסהערן אָט אַזעלכע איבערלעבונגען? און איך מיין אַז יעדער פון אונדז האָט עפּעס ענלעכעס צו דערציילן. וויל איך דאָ זאָגן, אַז קודם־כל קומט אַ לויב אונדזער פריינד בערנאַרד, פאַר זיין אויסערגעוויינלעכן

זכרון, און איצט וועל איך בעטן דעם פריינד אַלבערט, ער זאָל דערציילן זיין סיבה, זיין איבערלעבונג און לאָמיר האָפן אַז אויך ער האָט וואָס צו דערציילן.

— יאָ — האָט זיך אַלבערט אָפּגערופן — כ׳וועל זיך באַמיען אייך דערציילן דאָס וויכטיקסטע, כדי ס׳זאָל זיך שאַפן אַ בילד און איר זאָלט פאַרשטיין מיין סיבה, ווייל דאָס וועט זיין אַ דערציילונג פון אַ דערציילונג. פאַרשטייט זיך, אַז איצט קענט איר דאָס נישט פאַרשטיין, אָבער דערנאָך וועט אייך אַלץ קלאָר ווערן. איך קלער אויך, מיט וועלכן נאָמען דאָס אָנרופן. אויב בערנאַרד האָט געהאַט איין נאָמען, האָב איך גאַנצע צוויי, און ביידע שפּילן דאָ די הויפּט־ראָלע, נאָר אַזוי ווי איך בין געבליבן מיט די וואָס רופט זיך „מינקע״, וועל איך מיין דערציילונג אַ נאָמען געבן: מינקע.

מינקע

18

מיין געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1951. כ'בין דאָן געפאָרן קיין ישראל, ווייל כ'האָב באַקומען אַ בריוו דורכן אַמט פון קרובים-זוכונגען, אַז מיין שוועסטערס אַ זון, דער איינציקער וואָס איז לעבן געבליבן נאָכן חורבן, געפינט זיך ערגעץ אין אַ קיבוץ, צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד. ס'האָט מיך שוין נישט געלאָזט איינרוען און כ'האָב באַשלאָסן צו פאָרן זיך זען מיטן איינציקן, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון מיין גרויסער משפחה.

אויף דער שיף, זענען געפאָרן אַ סך עולים, מערסטנטייל פון רומע־ניע. אויך אַ גרויסע צאָל יוגנטלעכע. זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, האָבן אונדז פאַרווײַלט מיט זייערע געזאַנגען און הורה'ס. ס'זענען אויך געפאָרן אַ סך טוריסטן און נאָך איינער אַ ייד וואָס איז אויך געפאָרן אַליין, כדי זיך זען מיט זיינער אַ שוועסטער, וואָס ער האָט איר אויך דאָ נישט לאַנג אָפּגעפונען. האָט מען אונדז צוזאַמענגעפאָרט ביים עסן, און אויך אין דער זעלבער קאַבינע, און מיר זענען געוואָרן פריינד. מיר האָבן באַשלאָסן זיך נישט צו שיידן דורך דער גאַנצער צייט פון אונדזער זיין אין לאַנד און אויך וווינען אין איין האָטעל.

אין חיפה האָב איך מיך דערפרעגט אויף דעם קיבוץ „רוחמה" און מיר זענען גלייך אַהינגעפאָרן. שוין באַלד אין נגב. כ'האָב זיך גאָר שטאַרק געפריידט מיט מיין שוועסטערס זון, מיט זיין סימפּאַטישער פרוי און מיטן ניי-געבוירענעם קינד זייערס, שוין אַ סאַברעלע און געטראַכט דערביי, אַז אָט דאָס סאַברעלע וועט זיין דער המשך פון אונדזער גרויסער משפחה, וואָס איז פאַרפייניקט געוואָרן צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן קדושים.

נאָכן האָבן פאַרברענגט דריי טעג אין דעם קיבוץ מיט מיינע טייערע אָפּגעפונענע משפחה־מיטגלידער, האָב איך זיך מיט זיי געזעגנט, צוזאַגנדיק, אַז פאַר מיין אַהיימפאָרן, וועל איך נאָכאַמאָל קומען און גלייך דערנאָך זע־נען מיר צוריקגעפאָרן קיין תל־אביב, ווו מיין פריינד האָט געמוזט זיין אין

דעם אַמט פאַר די נייע עולים, כדי באַקומען דעם אַדרעס פון זיין שוועסטער, וועלכע געפינט זיך אויך נישט לאַנג אין לאַנד.

דאָס איז געווען ערגעץ ווו אין אַ „מעברה״. אַזעלכע געצעלטן פון לייוונט, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן צייטווייליק פאַר נייע עולים. זיין שוועסטער איז אויך געווען די איינציקע וואָס איז לעבן געבליבן פון זיין משפחה. ער האָט זיך אויך געשראָקן צי וועט ער איר דערקענען.

אַראָפּ פון אויטאָקאַר, האָבן מיר דערזען פון ווייטנס, אין דער זאַמדיקער וויסטע, אין די הונדערטער גרינע געצעלטן אויסגעשטעלט אין גלייכע רייען. ס'האָט געמאַכט אַן איינדרוק ווי ס'וואָלט דאָ געווען אַ מיליטער־לאַגער.

דאָס איז געווען דער מעברה „כפר אונו״.

מיר האָבן זיך געלאָזט אַהין מיטן אַדרעס אין האַנט. די אַכטע ליניע, געצעלט נומער 34. מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף יידן פון נישט אייראָפּעאישע לענדער, די אַזוי־גערופענע „פרענקן״. מיר האָבן זיי געפרעגט, ווו ווינען דאָ פוילישע יידן?

האָבן זיי אונדז אָנגעוויזן פינף רייען ווייטער, אַז דאָרט וועלן מיר אָנטרעפן אויף פוילישע יידן און אפשר אויך די וועלכע מיר זוכן.

די היץ איז געווען אומדערטרעגלעך. די ישראל־זון האָט אונדז מכבד געווען מיט אירע גאָלדענע שטראַלן, דער שוויס איז פון אונדז גערינען אָן אויפהער. מיר האָבן פאַרגעזעצט אונדזער וועג אין די גליענדיקע זאַמדן, וואָס האָבן אַדורכגעגליט אונדזערע פיס דורך די שיך.

אין דער פינפטער רייע האָבן מיר אָנגעטראָפן עטלעכע קינדער. זיי האָבן זיך געשפּילט אונטער דער ברענענדיקער זון. ס'זענען צו אונדז דערגאַנגען איינצעלנע ווערטער אין יידיש. מיר האָבן זיך דערנענטערט, נאָכגעפרעגט ווו מען קען דאָ געפינען די משפחה וואָס מיר זוכן, האָט מען אונדז אָנגעוויזן אויף גלייך, דאָס פינפטע געצעלט פון עק. אַנדערע האָבן אונדז געזאָגט, אַז ס'איז גאָר דאָס אַכטע געצעלט פון אַן אַנדערן עק. מיר זענען געבליבן אין אַ צווייפל. אפשר קען מען פרעגן ועמען אַנדערש? מיר האָבן באַמערקט ווי פון אַ פאַר געצעלטן ווייטער, איז אַרויסגעקומען אַ יונגע פרוי, געבליבן שטיין אָנגעשפּאַרט אין איר געצעלט, אַ באָרוועסע, אין אַ העל־געבלימלט קלייד. זי האָט אונדז שטאַרק אָבסערווירט. מיר האָבן זיך גלייך געוואָנדן צו איר, אפשר וועט זי אונדז קענען אָנווייזן ווו, אין וועלכן געצעלט עס ווינען די נאָענטע פון מיין פריינד.

אַנשטאָט עפּעס צו ענטפערן, האָט זי גאָר אָנגעהאָנגען אירע בליקן אויף מיר, נישט געענטפערט אויפן פרעגן, אויך נישט אויף אונדזערע גרוסן,

אירע בליקן זענען געוואָרן אַלץ שאַרפער, דורכדריגגלעכער, כמעט אומ־היימלעך. כ׳האָב אויך באַמערקט ווי אירע אויגן ווערן אַלץ גרעסער, זיי האָבן אויסגעדרוקט ממש שרעק. אויך מיר האָבן זיך דערשראָקן, מיינענ־דיק אַז מיר שטייען דאָ נעבן עפּעס אַן אומנאָרמאַלער. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן דערווייטערן.

ווען מיר זענען שוין געווען אַ ביסל דערווייטערט, דערהער איך צו מיין גרויס איבעראַשונג, אָנרופן מיין נאָמען. מיט אַ נישט זיכערקייט, האָלט איך איין מיינע טריט, דריי זיך לאַנגזאַם אויס, וועלנדיק זיך איבערצייגן צי האָט טאַקע ווער מיך גערופן, אָדער ס׳האָט זיך מיר בלויז אויסגעדוכט. איך דערזע ווי די זעלבע יונגע פרוי וואָס שטייט אַ באַרוועסע נעבן איר געצעלט, שטעכט מיך פּשוט אַדורך מיט אירע שאַרפע בליקן. זי האָט נישט געהאַט קיין טעות, ס׳איז טאַקע דער וועמען זי האָט דערקענט. האָט זי מיט אַ נאָך מער צעשראָקענעם בליק איבערגעחזרט צוויי מאָל מיין נאָמען:

— אַדאַם, אַדאַם!

מיר איז איצט נאָך הייסער געוואָרן, הערנדיק דייטלעך אָנרופן צוויי מאָל מיין נאָמען. מיין האַרץ האָט האַסטיקער געקלאַפּט. מיר האָבן באַמערקט ווי איר ברוסט האָט זיך שטאַרקער באַוויגן. כ׳בין געשטאַנען האַרט נעבן איר, אַריינגעקוקט אין אירע אויגן, וואָס האָבן נישט אויפגע־הערט מיך צו בריען און אַדורכגליען, אָבער פאַר מיר איז געשטאַנען אַן אומבאַקאַנטע. כ׳האָב זי קיינמאָל נישט געזען, אָבער די נייגעריקייט האָט אין מיר געברענט, פרעג איך איר:

— ווער זענט איר? פון וואַנען קענט איר מיך?

אירע אויגן האָבן לאַנג געקוקט אויף מיר, און לסוף האָט זי זיך אָפּגערופן:

— היינט רופט מען מיך מינקע, אָבער אַמאָל, ווען כ׳בין קליין געווען, האָט מען מיך גערופן מינדעלע. דערמאָנסט דיך דעם נאָמען מינדעלע?

— מינדעלע?... מינדעלע?... — האָב איך עטלעכע מאָל איבער־געחזרט, און געזוכט אין זכרון. אָבער אַזאַ נאָמען איז מיר אינגאַנצן פרעמד געווען. כ׳האָב געזוכט צווישן אַלע נעמען פון מיין גרויסער משפחה, די קינדער פון מיינע מומעס, אַפילו פון נאָענטע שכנים, און האָב גאָרנישט געפונען. ס׳האָט מיך אויך געוואונדערט וואָס זי רעדט צו מיר אויף „דו״, און איך וואָג נישט דאָס צו טאָן.

— ניין — זאָג איך — כ׳דערמאָן זיך נישט דעם נאָמען מינדעלע.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ באַדויערנדיק. ווייזט אויס אַז זי גופא האָט אויך איצט עפּעס איבערגעלעבט, דערמאָנענדיק זיך איר אַמאָל, די גליקלעכע צייטן, דערנאָך זאָגט זי:

— דערמאָנסט זיך נישט אין דער קליינער מינדעלע? האָסט אַזוי פיל מאָל מיך געטראָגן אויף דיינע הענט; יעדעס מאָל, ווען ביסט אַרויפ־געקומען צו אונדז, האָסטו שטענדיק פאַר מיר עפּעס מיטגעברענגט, אַ שאָ־קאָלאַד, אָדער עפּעס אַנדערש, האָסטו מיך גענומען אויף דיינע הענט און פאַרלאַנגט איך זאָל דיר אַ קוש טאָן און איך האָב דיך דעמאָלט אַזוי שטאַרק געקושט. דערמאָנסט זיך נישט אין דער קליינער פינף־יאָריקער מינדעלע? דאָס שוועסטערל פון קלאַראַ?...

דערהערנדיק דעם נאָמען קלאַראַ, איז ווי כ׳וואָלט מיטאַמאָל געוואָרן פאַראַליזירט. דער נאָמען האָט פאַר מיר אויפגעשיינט און גלייכצייטיק מיר אַ מיש געטאָן אין קאָפּ: עפּעס מאָדנע קלאַנגען זענען אַרויס פון מיין האַלדז, כ׳האָב געוואָלט שרייען, אָבער דאָס קול איז אין מיר דערשטיקט געוואָרן און כ׳האָב אָנגעהויבן שטאַמלען: מ... מ... מינ... — ביז כ׳האָב ענדלעך באַוויזן אַרויסצוזאָגן דאָס גאַנצע וואָרט, נישט בלויז אַרויסצוזאָגן, נאָר אויסגעשריגן: מינ־דע־לע!...

מיר זענען ביידע געזעסן אויף דער ערד, אין דעם גליענדיקן זאַמד. זי האָט מיך פעסט צוגעהאַלטן אַזוי ווי אַמאָל, ווען זי איז פינף יאָר אַלט געווען, איך האָב זיך באַמיט איר צו באַרואיקן. מיין פריינד איז מיר גע־קומען צו הילף, מיך אויפגעשטעלט און אויך איר. ווען זי האָט זיך אַביסל באַרואיקט, פילנדיק ווי מיר האַלטן איר פעסט אונטערן אָרעם, האָט זי אונדז אַריינגעפירט אין איר געצעלט. מיר האָבן דאָרט געפונען אַ שוץ פאַר דער זון און היץ וואָס אין דרויסן. זי האָט אונדז דערלאַנגט וואַסער, וואָס האָט אונדז פשוט דערקוויקט און ווען מיר האָבן זיך אַ ביסל דערפרישט, אָפּגעקילט אין שאָטן פון געצעלט, זענען מיר ביידע, איך און מינקע, גע־בליבן זיצן אויפן ראַנד פון בעט, מיין פריינד, נעבן אונדז, אויף דער אייב־ציקער שטול, ביז זי האָט די ערשטע זיך אָפּגערופן:

— נו? האָסט דיך שוין דערמאָנט ווער איך בין?

איך האָב בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, און ווייטער געשוויגן, און נישט אַראָפּגענומען מיינע בליקן פון איר. ס׳האָט מיך איצט אַזוי פיל דערמאָנט פון אַמאָל, פון מיין יוגנט, פון מיין ליבע מיט דער רייצנדער קלאַראַ. איך האָב אין איר געפונען געוויסע ענלעכקייטן, איבערהויפּט אירע אויגן, ווי קלאַראַס אויגן. דערנאָך פרעג איך איר מיט אַ געוויסער שרעק:

— און... וווּ?...

— פרעג נישט — האָט זי מיר איבערגעריסן, וויסנדיק אויף זיכער וועגן וואָס איך וויל איר איצט פרעגן — פרעג גאָרנישט. קיינער האָט זיך

נישט געראַטעוועט, קיינער נישט, פאַרשטייסט? קיי־נער־נישט — האָט זי לאַנגזאַם געצויגן די ווערטער — איך בין אַליין, אַליין אויף דער גרויסער וועלט, אַ טאָפּלט־פּאַריתומטע, איינע אַליין צווישן הייסע זאַמדן ביי־טאָג, און ביי דעם געוויי פון שאַקאַלן ביינאַכט.

נאָך אַ פּאָר מינוט פון אומהיימלעכן שטיל־שווייגן, האָט זי צוגעגעבן:

— כ׳בין געקומען אין לאַנד מיט אַזוי פיל האָפענונגען, מיט אַזוי פיל אויסזיכטן. אויף דער שיף האָב איך זיך באַקענט מיט אַ טייערן בחור, אַזאַ גוטער, אַזאַ ליבער, נו, איז מיר באַשערט געוואָרן אַ גאַר קורץ גליק, ווידער צו בלייבן אַ פּאַריתומטע: ער איז געפאַלן אין קאַמף ביים פאַרטיידיקן דאָס לאַנד.

כ׳האָב איר געוואָלט פרעגן נאָך עפּעס: מינדעלע, וואָס רופט זיך היינט מינקע, וואָלט דאָך מיר געקענט דערציילן אַזוי פיל, איבערהויפּט וועגן קלאַראַ, ווי אַזוי און ווען איז זי אומגעקומען? אָבער ווען כ׳האָב זיך צופעליק באַגעגנט מיט די בליקן פון מיין פריינד, האָט ער מיר מיט אַ ווינק געגעבן אָנצוהערן, אַז ס׳איז שפּעט, אַז ער דאַרף נאָך אָפּזוכן זיינע נאָענטע.

— יאָ — האָב איך געזאָגט, און געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפצושטעלן, אָבער אין דער זעלבער רגע, האָט מינקע מיך אָנגעכאַפּט פאַרביידע הענט. זי האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט. איר פּנים האָט אויסגעדרוקט עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז געווען מער ווי שרעק. זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אירע ליפּן האָבן געציטערט און מיט גרויס אָנשטרענגונג, קוים אַרויסגעזאָגט די פּאָר ווערטער:

— גרייטסט זיך שוין מיך צו פאַרלאָזן? ווילסט פאַרוואַנדלען מיין גרויסע פרייד אין אַ נאָך גרעסערן טרויער?

כ׳בין געבליבן שטיין אַן אומבאַהאָלפענער. כ׳האָב געקוקט אויף איר מיט אַ געוויסער באַדויערונג:

— מינדעלע, מינקע, מוזט פאַרשטיין, אַז אונדזער באַגעגעניש איז דאָך געווען נישט מער ווי אַ צופאַל, און אָט דער צופאַל האָט מיך דערמאָנט אין אַ פּיינלעכער פאַרגאַנגענהייט. ווי אַזוי דאַרף איך דען אַנדערש האַנדלען?

מיט אַ ספּאַזמאַטיש געוויין האָט זי איינגעגראָבן איר פּנים אין מיין שויס. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי אַנדערש האַנדלען. אָבער ס׳איז דאָך אוממעגלעך איר צו לאָזן אַזוי אין דעם צושטאַנד. מיין פריינד האָט מיר אָנגעוויזן מיט אַ זשעסט, איך זאָל בלייבן, און כ׳בין אַזוי געבליבן, איר קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף מיין שויס. אירע אַקסלען האָבן זיך אינגאַנצן

געטרייסלט. איך האָב געזוכט איר צו באַרואיקן, כ'האָב אויפגעהויבן איר קאָפּ. זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרטרערטע צעשראָקענע אויגן.

— גוט מינקע — האָב איך געזאָגט — איך בלייב דערווייל, אָבער איך בעט דיך, באַרואיק זיך.

— מיינע ווערטער האָבן געווירקט ווי אַ כּישוף. זי האָט זיך גלייך באַרואיקט און מיר געזאָגט:

— צי ווייסטו, צי קענסטו דען פאַרשטיין וואָס דער נאָמען אַדאָם איז פאַר מיר? קענסטו דען באַגרייפן ווי אַזוי דיין באַוויזן זיך האָט אויף מיר געווירקט? אפילו אַ מאַמע וואָס טרויערט נאָך איר זון, וואָס זי ווייסט נישט ווו ער איז אַהינגעקומען, און פּלוצים באַווייזט ער זיך פאַר איר, איז די פרייד אירע אַ פאַרשטענדלעכע, אַ גרויסע. אָבער מיין פרייד איז נאָך גרעסער. נאָך אַלס קינד האָב איך נישט פאַרשטאַנען און אויך נישט גע־פרעגט פאַרוואָס דו קומסט צו אונדז כמעט יעדן אָוונט. איך האָב אויך נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דו האָסט פּלוצים אויפגעהערט אַרויפצוקומען צו אונדז. איך ווייס נאָר, אַז איך האָב אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך דיר, דו האָסט דע־מאָלט איינגעפּלאָנצט אין מיין קינדערישן מוח עפּעס אַזעלכעס... דיין נאָ־מען, דיין אויסזען, דיין האַלטונג, דיין אויפן פון רעדן. מיין איינציקער קינ־דערישער באַגער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ האָפענונג דיך ווידער אַמאָל צו זען. אַפילו יאָרן שפּעטער, ווען כ'בין שוין פופצן יאָר אַלט געווען, יוען כ'האָב מיך אַרומגעדרייט אין געטאָ אָפּגעריסן, פאַרשמאַכט, אויסגעהונ־גערט און געזען ביי יעדער אַקציע, ווי מען האָט געשלעפּט, געטריבן אַזוי פיל יידן, האָב איך דיך דעמאָלט געזוכט צווישן די אומגליקלעכע, צווישן די פאַרפּייניקטע. צום גליק האָב איך דיך נישט געפונען צווישן די אַלע, אַפילו דאָ נישט לאַנג האָב איך פון דיר געטראַכט, און זיך געפרעגט: „ווער ווייסט ווו דיין געביין איז אַהינגעקומען?". און דאָ, פּלוצים, האָסטו דיך באַוויזן פאַר מיר אַ לעבעדיקער, מיטן זעלבן שמייכל פון אַמאָל. כ'האָב דיך גלייך דערקענט, נאָר כ'האָב געטראַכט, אַז ס'איז אוממעגלעך, און ס'האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיר דיין נאָמען, דער זעלבער אַדאָם!

אויסהערנדיק די ווערטער, געריעדט דורך טרערן, בין איך שטיין געבליבן ווי אַ באַשולדיקטער. כ'האָב געזוכט ווערטער און זיי נישט גע־פונען. אַ לענגערער צייט האָט געהערשט אַזאַ מאָדנע שטילקייט, זי האָט אויף מיר געקוקט מיט פרעגנדיקע בליקן. כ'האָב איר געזאָגט:

— איך בלייב, אָבער איך קען דאָך נישט בלייבן דאָ אין דיין גע־צעלט, צווישן די גליענדע זאַמדן. איך מוז זיין אין שטאָט. איך האָב נאָך אַזוי פיל צו דערליידיקן.

— אויב איז מעגלעך צו געניסן אַ ביסל פרייד, דערלויב מיר מיט־צופאָרן מיט אייך.

איך באַטראַכט איר הלבשה און זאָג איר מיט אַ שמייכל:

— אַט אַזוי, ווי דו גייסט, באָרוועס?

— כ׳האָב שיך — האָט זי אויסגעשריגן מיט אַ פרייד, און לויפט צו ערגעץ אין אַ ווינקל און ברענגט צו טראָגן אַ פּאָר גרויסע מיליטערישע מענער־שיך. איך נעם ביי איר די שיך. זיי האָבן אָראָפּגעשווערט מיין האַנט. כ׳פרעג איר:

— און דו טראָגסט די שיך?

— אין ווינטער, יאָ — האָט זי פשוט געענטפערט.

— נו, באַהאַלט דיינע שיך אויף ווינטער, קום, כ׳וועל דיר שוין קויפן שיך.

מיין פריינד האָט געזען, אַז די זאַך וועט זיך פאַרציען, זאָגט ער מיר:

— אַלבערט, ווי איך זע, וועט איר היינט זיין פאַרנומען, און איך האָב נאָכנישט געפונען מיינע באַענטע, איז אפשר וועלן מיר זיך טרעפן אין אָוונט אין האָטעל?

אַלע זענען מיר געווען אין אַ פאַרלעגנהייט און אַנשטאָט צו ענט־פערן מיין פריינד אויף זיין פאָרשלאַג, האָב איך זיך געוואָנדן צו מינקען וואָס איז געשטאַנען איצט אַ צעשטראַלטע פאַר פרייד:

— האָסט געהערט מינקע? ווי מען רופט מיך היינט? אַלבערט, און נישט אַדאַם, דער נאָמען אַדאַם איז געווען אַמאָל, צוליב געוויסע קאָנספּי־ראַציעס. דאָס איז אַ נאָמען וואָס כ׳האָב אים פון לאַנג שוין פאַרגעסן, איז רוף מיך אַלבערט.

— איך וועל דיך רופן ווי אַזוי דו וועסט נאָר וועלן, נאָר היינט, בלויז היינט, דערלויב מיר דיך צו רופן אַדאַם, אַדאַם פון מיין חלום, אַ נאָ־מען פון מיינע קינדערישע טרוימען, דערלויבסטו מיר דאָס?

— גוט — זאָג איך, און כ׳האָב פאַרגעלייגט, אַז אַלע דריי זאָלן מיר צוזאַמען אויפזוכן זיינע באַענטע.

— ניין — זאָגט מיין פריינד — דאָ האַנדלט זיך דאָך נישט אין גיין ווער מען רופן און גלייך צוריק פאָרן אין שטאָט. ווער ווייסט וואָס פאַראַ סצענעס איך וועל דאָרט מיטמאַכן; איז מיין פאָרשלאַג, אַזוי ווי איך האָב שוין דאָס געזאָגט: פאָרט איר איצט אין שטאָט אַריין, און מיר וועלן זיך דאָרט טרעפן אין אָוונט.

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט מיין פריינד און איך מיט מינקען זענען מיר געגאַנגען אָפּוואַרטן דעם אויטאָבוס וואָס וועט אונדז פירן קיין תל־אביב.

19

דער אויטאָבוס איז געווען איבערגעפּולט, כ׳האָב כסדר זיך געשראָקן, אַז ס׳זאָל ווער נישט אָנטרעטן אויף מינקעס באַרוועסע פיס, אָבער מינקע איז געשטאַנען אַ פריילעכע, אַ צעשטראַלטע, און נישט אָפּגעוואָנדן אירע בליקן פון מיר.

אָנגעקומען אין שטאָט, זענען מיר אַריין אין אַ שיך־געשעפט, מינקע האָט זיך אויסגעקליבן אַ פּאָר שיך, און טאָקע גלייך אָנגעטאָן. דערנאָך זענען מיר אַריין אין אַ גרויס געשעפט פון דאַמען־קליידער. כ׳האָב באַפוילן מינקען זי זאָל זיך אויסקלויבן אַלץ אין וואָס אַ פרוי נויטיקט זיך, פון די קלענסטע זאַך ביז אַ קלייד, אפילו אויך אַ האַנט־טאַש. ביי יעדער זאַך וואָס זי האָט אָפּגעקליבן, האָט זי נישט פאַרפעלט מיך צו פרעגן מיט אירע בליקן, צי זאָל זי אויך דאָס זיך דערלויבן? איך האָב צוגעשטימט מיט אַ שמייכל, זי זאָל נישט זיין באַזאָרגט וואָס כ׳וועל דאַרפן אויסגעבן אַזוי פיל געלט.

ווען מיר זענען אַרויס פון געשעפט באַלאָדן מיט פּעקלעך, האָב איך געזוכט אַ דאַמען־פריזירער און געטראַכט דערביי, אַז ס׳וועט איר צו דעם נייעם קלייד, נישט שלעכט מאַכן אין אָרדענונג צו ברענגען אירע האָר. איך האָב באַמערקט אַן אויפשריפט „שיינהייטס־סאַלאָן פאַר דאַמען״, און מיר זענען גלייך אַריין. כ׳האָב געבעטן מינקען זיך זעצן און צוואַרטן אַ רגע. איך האָב זיך געוואָנדן צו דער פאַרוואַלטערן פון דעם סאַלאָן, געזאָגט איר עפּעס אין דער שטיל. זי האָט אַ שמייכל געטאָן און מיר געענטפערט אַז ס׳וועט זיין בסדר.

איך בין צוריקגעקומען צו מינקען און איר געזאָגט, אַז מען וועט איר דאָ אַביסל אין אָרדענונג ברענגען אירע האָר, און איר געבעטן זי זאָל זיך לאָזן באַדינען מיט אַלעם, וואָס זיי וועלן געפינען פאַר נויטיק, און אויך, אַז די אַלע זאַכן וואָס זי טראָגט אויף זיך, זאָל זי דאָ איבערלאָזן, און אַזוי ווי דאָס וועט דאַרפן דויערן אַ געוויסע צייט, וועל איך דורך דער צייט זיצן

אין אַ דערנעבנדיקער קאַפֿע־הויז און וואַרטן אויף איר. כ׳האָב אָבער באַמערקט ווי איר שמייכל איז מיטאַמאָל פֿאַרשווונדן. אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ זאָרג און אין אירע אויגן האָב איך באַמערקט אַ באַ־האַלטענע שרעק. כ׳האָב פֿאַרשטאַנען איר זאָרג; ס׳האָט איר זיכער באַ־הערשט אַ געדאַנק, אַז אפֿשר וויל איך זיך אָװעקנאַרן פֿון איר. ס׳האָט איר ווייזט אויס נאָך געפֿעלט דער פֿולער צוטרוי, האָב איך אַרויסגענומען מיין פּאַרטפֿעל און אַריינגעלייגט צו איר אין דעם נייעם האַנט־טאַש און צוגעגעבן:

— דו ווּעסט דאַרפֿן באַצאָלן פֿאַר דעם אַלעם, געדענק אַז אין דעם פּאַרטפֿעל זענען פֿאַראַן אויסער געלט, אויך אַלע מיינע דאָקומענטן. דערי־בער בעט איך דיך אַכטונג צו געבן אויף דעם טאַש. ווי נאָר דו ווּעסט זיין פֿאַרטיק, קום גלייך אַריין אין קאַפֿע, וואָס דו זעסט אַנטקעגן איבער, יוו איך וועל אויף דיר וואַרטן.

אין סאַלאָן האָט מען שוין געוואַרט אויף איר.

מען האָט איר געוואַשן ווי אַ קינד, איר אַנגעטאָן אַלץ ניי. אין קאַר־גע צוויי שעה אַרום, האָב איך באַמערקט ווי עפּעס אַ דאַמע, אַ שיינהייט, דערנענטערט זיך צו מיין טיש מיט אַ רייצנדן שמייכל. כ׳האָב מיטאַמאָל דערזען ווי פֿאַר מיר איז געשטאַנען צו מיין גרויסער פֿאַרווּנדערונג און איבעראַשונג, קלאַראַ, מיט איר גאַנצער פּראַכט און רייץ, און כאָטש כ׳האָב שוין אייניקע מאָל באַמערקט ביי איר געוויסע בליקן ענלעכע צו קלאַראַס אויגן, האָב איך אָבער איצט אונטערן קינסטלעכן שטריך פֿון אַ געניטער האַנט איבער אירע ברעמען, דערזען דעם פֿאַרכישופֿטן בליק פֿון קלאַראַ, דעם פֿאַרכישופֿטן שמייכל פֿון אַמאָל.

כ׳בין געזעסן און נישט אָפּגעווּאַנדן מיינע בליקן פֿון איר. כ׳האָב זיך מיטאַמאָל דערפֿילט ווי אונטער אַ היפּנאָז. כ׳האָב קוים באַוויזן מיט אַ זשעפּסט פֿון מיין האַנט, איר אַנצוווייזן אויף דער שטול, אַנטקעגן מיר. זי האָט אַרויפֿגעשטעלט איר האַנט־טאַש אויפֿן טיש און זיך אַוועקגעזעצט. צי האָט זי פֿאַרשטאַנען איר ענדערונג? האָט זי דערקענט מיין צערודערונג?...

ביים טרינקען, האָב איך געטראַכט: און וואָס ווייטער? ווי אַזוי ווּעט דאָס זיין ביינאַכט? מאָרגן? די איבעריקע טעג? צי וועל איך איר צוריק־פֿירן אין איר געצעלט, דאָרט אין דער מעברה, וווּ בייטאָג שפּרייזט מען אַרום באָרוועס אין די גליענדע זאַמדן, און ביינאַכט הערט מען דעם גע־וווי פֿון די שאַקאַלן?

מיר האָבן דערנאָך לאַנג שפּאַצירט, אָבער נישט אַזוי ווי פֿריער, ווען מיר זענען אויסגעשטיגן פֿון אויטאָבוס. פֿריער איז זי געגאַנגען אַיין טריט

הינטער מיר, נישט דרייסט. זי איז געגאַנגען אַ באַרוועסע, אין אַן אַלט קליידל, נישט פאַרקעמט. ס'האָט אויסגעזען ווי אַן אַרבעטס־מיידל גייט עפּעס דערליידיקן צוזאַמען מיט איר בעל־הבית. און וואָגט נישט צו שפּרייזן גלייך מיט אים. אָבער איצט פירט זי מיך אונטערן אָרעם און שמייכלט אַ גליקלעכע. זי פירט איצט איר אַדאַמען, וועלכן זי האָט ווידער געפונען. אויך איך האָב זיך געפילט ווי אין אַן אַנדערער וועלט, אין אַ וועלט פון מיין יוגנט, ווען כ'האָב שפּאַצירט מיט קלאַראַ און קלאַראַ האָט מיך שטענדיק געפירט אַזוי ווי זי איצט, אונטערן אָרעם.

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי פאַרטראַכט? — פרעגט זי מיך — פאַרוואָס זאָגסטו מיר נישט קיין איין וואָרט אַפילו?

כ'האָב לאַנג געקוקט אויף איר. זי האָט געוואַרט אויף מיינס אַן ענטפער. כ'האָב איר געזאָגט:

— פאַרוואָס איך בין פאַרטראַכט? איז דען נישטאָ פון וואָס צו טראַכטן? קענסטו דען פאַרשטיין, אין וואָס פאַראַ וועלט איך געפין זיך איצט? אונדזער באַגעגעניש איז טאַקע נישט מער ווי אַ צופאַל, מוז איך דיר אָבער נאָכאַמאָל זאָגן, אַז אָט דער צופאַל האָט מיך אַריינגעפירט אין אַן אַנדערער וועלט. אמת, ס'איז געוואָרן אַ גליקלעכער צופאַל, אָבער ווי אַזוי האַנדלען? דו האָסט צוריקגעפונען דיין אַדאַם, און איך? ווען האָב איך צוריק געפונען? וואָס טאָן מיט דיר? וועל איך דיך דען צוריקפירן אין דיין מעברה?

אַ לענגערער צייט האָבן מיר ביידע געשוויגן. אויך זי האָט זיך פאַרטראַכט. אפשר האָט זי דערוואַרט פון מיר אַנדערע ווערטער, וואַרעמערע, דרייסטערע, ווערטער וואָס זאָלן איר דערפרייען? און ווען איך בין שטיל געבליבן, שפּאַצירנדיק איבער די תל־אביבער גאַסן, האָט זי זיך געוואַנדן צו מיר:

— מיין טייערער אַדאַם, דו ווייסט שוין ווער דו ביסט פאַר מיר: נישט עפּעס אַ מאַן, אַ באַקאַנטער, וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט, נאָר פּשוט אַ מלאך, אפשר האָט טאַקע אַ מלאך דיך אַהערגעשיקט צו מיר, צוהערנדיק מיין געוויין אין די נעכט, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן געוויי פון די שאַקאַלן. מיינסטו אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ צופאַל? ווי אַ געהיימע קראַפט וואָלט אונדז צוזאַמענגעפירט? אין אַ צייט פון מיינע ליידן און איינזאַמקייט, האָסטו זיך באַוויזן, מיך אַרויסגענומען אין שטאָט און אינגאַנצן באַנייט. איך בין איצט נישט מער די פינפיעריקע מיידעלע, ווען דו האָסט מיך גענומען אויף דיינע הענט, מיר געגעבן אַ שאָקאָלאַד און האָסט פאַרלאַנגט דיר אַ קוש טאָן דערפאַר. איך בין איצט אַ פרוי... און האָב

שוין אויך געגאָסן פון אַ קורץ גליק, דאָס צוזאַמענלעבן מיט אַ מאַן. איך האָב דיר שוין דאָס דערציילט, אַז מיינע געדאַנקען האָבן מיך זייער אָפט פאַרפירט צו דיר, לאַנג נאָך דיר געטראַכט און דערנאָך דיך באַוויינט, ווייל כ'האָב נישט געצווייפלט אַז דו זאָלסט דיך נישט געפונען צווישן די פאַר־פייניקטע פון וואַרשעווער געטאָ. און דאָ, פּלוצים, האָסטו דיך באַוויזן ווי אַמאָל, דער זעלבער אָדאָם. מיר זענען דערוואַקסענע מענטשן, און בידע אַליין... ווען דו באַגעגנסט אַזוי צופעליק קלאַראַ, ווי וואָלסטו געהאַנדלט? וואָס דאַרף מען פרעגן? וועמען? איז דען נישט דיין דערשיינען פאַר מיר ווי אַ רוף, צוריק צום לעבן?...

אויסהערנדיק די ווערטער פון דער איצט רייצנדער מינקע, האָט זיך מיר אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט. דאָס, וואָס איך האָב נישט געוואָגט צו טראַכטן אַפילו, האָט זי מיר געזאָגט אַזוי פשוט און איינפאַך; אַ פרוי, אַן איינזאַמע, אַ פאַרבענקטע, פונקט ווי אַ רויז אַ פאַרטריקנטע, וואָס האַלט ביים וועלקן, וועט זיך איצט דערקוויקן און דערפרישן מיט אַן אויסגע־בענקטן רעגן, וואָס איז פּלוצים געפאַלן פון הימל, און די רויז וועט ווידער אָנהייבן בליִען און אויפשפּראָצן צום לעבן.

כ'האָב געכאַפּט אַ בליק אויף איר. זי האָט מיך געפירט אונטערן אָרעם. זי האָט מיין בליק אויפגעכאַפּט, מיר אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל. איך האָב איר געזאָגט:

— דיינע ווערטער, מינקע, האָבן מיך אַביסל צערודערט. דאַנק איך דיר פאַר דיין אויפריכטיקייט און פאַר דיין פשוטקייט. קודם ווען מיר גיין עפּעס עסן. אָט זענען מיר שוין נעבן אונדזער האָטעל, און כ'פאַרשטיי, אַז דו מוזט שוין זיין גוט הונגעריק.

ביים עסן, איז אויך אָנגעקומען מיין פריינד. כ'האָב באַמערקט אין זיינע בליקן, אַז ער דערקענט נישט מינקען, ער שמייכלט צו מיר מיט אַזאַ נייגעריקייט און פרעגט מיך, וואָס איך האָב געטאָן מיט די מינקע? כ'האָב אים אָנגעוויזן, אַז אָט זיצט זי דאָ נעבן אונדז.

נאָכן עסן, האָבן מיר בידע, איך און מיין פריינד, זיך געוואָנדן צום האָטעל־אייגנטימער וועגן נאָך אַ צימער, און אַזוי ווי ס'זענען נישט געווען מער קיין פרייע צימערן, האָבן מיר פאַרלאַנגט ער זאָל אויפשטעלן אין מיין צימער נאָך אַ בעט, און מיר דריי וועלן זיך שוין אַן עצה געבן מיט די צוויי צימערן.

ווען מיר זענען שפּעט אין אָוונט אַריין געקומען אין אונדזער צימער, האָבן מיר זיך באַקוועם געמאַכט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ טייל בלבושים, ווייל די לופט אין צימער איז נישט געווען די זעלבע וואָס איז דרויסן אויף

דער טעראַסע. מיר זענען געבליבן זיצן איינער קעגן אַנדערן אין די ווייכע פאָטעלן, און געשוויגן.

מינקע האָט די ערשטע איבערגעריסן מיינע געדאַנקען:

— איך פאַרשטיי — האָט זי געזאָגט — אַז דו געפינסט זיך איצט אין אַן אַנדערער וועלט, מיט אַנדערע געדאַנקען. האָב איך דען נעכטן אין דער זעלבער צייט געחלומט אַפילו, אַז איך וועל היינט שפּאַצירן מיט דיר און זיצן אין אַזאַ הערלעכן רעסטאָראַן ביים עסן? איך זע דאָ אין דעם צי־מער צוויי בעטן, אַ סימן אַז אויך איך וועל דאָ היינט שלאָפן.

זי איז אַריין אין באַד-צימער. ס׳האָט זיך דערהערט דאָס פּליסקען פון וואַסער־שטראָם. צוריק אַריינקומענדיק, האָט זי זיך דערנענטערט צום בעט, אָנגעצונדן דאָס נאַכט-לעמפּל מיט אַ ראָזן אַבאַזשור, און ס׳האָבן אַ בלענד געטאָן אירע ראָזע גלידער. זי האָט זיך געלייגט אויף איר געלע־גער מיט בליקן געוואָנדן צו מיר.

ווען כ׳האָב זיך דערנאָך געלייגט נעבן מינקען, האָט זי צו מיר גע־רעדט:

— אַדאַם טייערער! ווייסט שוין איצט וואָס דו ביסט פאַר מיר? ווען כ׳בין געווען אַ קינד, האָב איך דיך געקושט. איך דאַרף איצט אויך דאָס טאָן פאַר דיין גוטסקייט וואָס דו האָסט געטאָן פאַר מיר, אָבער כ׳קען דאָך איצט נישט שפּילן די ראָלע פון דער קליינער פינף-יאָריקער מינדע־לע. איז גיב דו מיר איצט אַ קוש, בלויז איין קוש...

צוליב דער וואַרעמקייט, זענען מיר געלעגן נישט צוגעדעקט. ס׳איז נישט שווער געווען צו טרעפן אירע געדאַנקען. איך בין געלעגן אַן אָנגע־גליטער פון איר הייסן אָטעם, און ווי נאָר כ׳האָב דערנענטערט מיינע ליפּן צו אירע, האָבן די בלוטן אָנגעהויבן זידן. מיט מיין קוש האָב איך געעפנט ביי איר אַ קוואַל פון ביז איצט דערשטיקטע געפילן, און מיינע ליפּן זענען שוין פאַרבליבן ביי איר ווי געפּאַנגען...

19

די שטילקייט נאָכן שטורעם האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט. דער־נאָך האָט זיך מינקע אויפסניי איינגעטוליעט אין מיר, און שטיל געזאָגט:

— אַדאַם טייערער, אפשר איז איצט מעגלעך זאָלסט איינשטילן אַ געוואַלטיקע נייגעריקייט וואָס דויערט שוין ביי מיר אַזוי פיל יאָרן: ווען און ווי אַזוי האָסטו דיך באַקענט מיט קלאַראַ, און אויך פאַרוואָס איז געקו־מען די צעשיידונג?

כ׳האָב איר נישט גלייך געענטפערט. מיט דער פראַגע האָט עס מיך ווידער דערמאָנט אין אַ פיינלעכער פאַרגאַנגענהייט. איך האָב אָבער פאַר־שטאַנען איר נייגעריקייט און געזאָגט:

— ווילסטו הייסט עס וויסן, ווי אַזוי איך האָב זיך באַקענט מיט קלאַראַ און פאַרוואָס ס׳איז אַלץ צעשטערט געוואָרן?

ס׳האָבן אַ גלאַנץ געטאָן אין דער טונקלקייט די בליקן פון אירע שיינע אויגן, וואָס זענען געווען אָנגעהאָנגען אויף מיר, און כ׳האָב אָנגע־הויבן דערציילן:

— דו ווייסט מינקע? פיל געשעענישן, אַפילו גאָר וויכטיקע, גע־שעען אָפטמאָל דורך אַ צופאַל. אויך מיט קלאַראַ האָב איך זיך באַקענט דורך אַ צופאַל. אָט ווי אַזוי:

אין מיין יוגנט, האָב איך געהערט צו אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין. פון די אַלע חברים, האָב איך געהאַט איין גוטן חבר, זיין נאָמען איז געווען יאָסקע. אַ געוויסן אָוונט, איז ער אַרויפגעקומען צו מיר און מיר דערציילט, אַז חברים האָבן באַשלאָסן צו שאַפן אַ דראַמאַטישן קרייז, און מיר פאַרגע־לייגט ווערן אַ מיטגליד. כ׳האָב גערן אָנגענומען זיין פאָרשלאָג און דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט פרישע חברים, אויך מיידלעך. אַלע כמעט פון דער יידישער פאָלקס־שולע. כ׳בין דעמאָלט אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ נייער וועלט. אַ דאַנק דעם קרייז, האָב איך זיך באַקענט מיט דער יידישער ליטעראַטור, מיט די יידישע קלאַסיקער. מען האָט יעדן אָוונט כמעט גע־

לייענט דראַמעס, קאָמעדיעס, איינאַקטערס, כדי אויסצוקלויבן אַ רעפּערטואַר. אויף צו רעפּעטירן, האָט מען אָפּגעדונגען אַ חדר ווו קינדער לערנען אַ גאַנצן טאָג. כדי באַצאָלן דאָס דירה־געלט, האָט יעדער זיך באַשטייערט מיט אַ קליינער סומע. אויסער דעם, האָט מען געמוזט באַצאָלן פֿאַר באַ־לויכטונג און איינקויפֿן שרייב־מאַטעריאַל. מיר האָבן זיך לײדער געמוזט אָפּזאָגן פֿון אַ טייערן חבר, אַ טאַלאַנטפֿולער רעזשיסער; ער האָט זיך ביי אונדז געבעטן, ממש פֿאַר אַ ברויט מיט אַ הערינג, בלייבט ער מיט אונדז. מיר האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייטן אים דאָס צו פֿאַרזיכערן.

מיר זענען געווען אַ גרופּע פֿון דרייצן יוגנטלעכע, אַכט ייִנגלעך און פֿינף מיידלעך. דאָס צוזאַמענזיין איז ביי אונדז געווען ווי אַ יום־טוב. מען האָט פֿאַרגעלייענט רעפּערטואַרן, איינגעטיילט ראָלן. די ראָלן האָט מען נישט בלויז געלייענט נאָר גלייך זיי געשפּילט. אַזוי ווי מיר זענען געווען צווישן זיך אַליין, האָט מען זיך דערלויבט אויף קאָמישע סצענעס. מיר האָבן טאַקע זייער פֿיל געלאַכט. בלויז צוויי אָוונטן אין דער וואָך האָבן מיר זיך געטראָפֿן. ווען ס'וואָלט מעגלעך געווען, וואָלטן מיר זיך געטראָפֿן יעדן אָוונט. די באַציאונגען פֿון איינעם צום אַנדערן זענען געווען ביז גאָר האַרציקע, חברישע. בלויז איין פּראָבלעם האָט אונדז אַלעמען פֿאַרשאַפֿט זאָרגן: דאָס פֿעלן פֿון מאַטעריעלע מיטלען.

אין אַ געוויסן אָוונט, איז מיין חבר יאָסקע אַרויפֿגעקומען צו מיר. מיר האָבן געשמועסט וועגן אונדזער פּראָבלעם. מיין מוטער האָט צופֿעליק זיך צוגעהערט צו אונדזער שמועס, האָט אונז געגעבן אַן עצה: אַז אין פֿאַלעניץ, דאָ ווו מיר פֿאָרן אַרויס יעדן פֿרייטיק און שבת (דאָס איז געווען אַן אָפּרו־אָרט אין זומער), זענען פֿאַראַן יונגע מענטשן, פֿאַרלעך, וועלכע ווייסן נישט ווו זיך אַהינטאָן אין אַ פֿרייטיק אָדער אין אַ שבת אָוונט; קיין שום פֿאַרוויילונג, אויך נישטאָ קיין קינאָ, בכלל קיין שום אָרט ווו מען זאָל קענען פֿאַרברענגען. איז מיין מוטער געווען ביי דער מיינונג, אַז ווען מיר אָרדענען איין דאָרט אַן אָוונט, אַ קאָנצערט, וואָלט אפֿשר מעגלעך געוואָרן צו לייזן אונדזער געלט־פּראָבלעם. ס'איז געבליבן, אַז מיר וועלן זיך אַדורכ־שמועסן, צי איז מעגלעך איינצואָרדענען דאָרט אַן אָוונט. אַזוי ווי ס'איז געווען אַ פּאָר טעג פֿאַר שבועות, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מיר וועלן דאָרט אַהינפֿאָרן, זיך אַרומקוקן און אויב יאָ, וועלן מיר טאַקע אונטערנעמען צו מאַכן דאָרט אַן אָוונט. און אויב פֿאָרן, האָבן אַלע געוואָלט מיטפֿאָרן, און פֿאַרוואָס טאַקע נישט? מיין מוטער האָט דאָס דערלויבט, ווייל אין גאָרטן איז פֿאַראַן גענוג פּלאַץ.

ערב שבועות, אַ פֿאַרנאַכט, בין איך געגאַנגען מיט יאָסקען צו דער

באַן. ס׳איז געווען אַזאַ זומער־באַן מיט אָפענע וואַגאָנען. מען האָט עס אָנ־גערופן „די קאַלעיקע״. מיר שפּרייזן ביידע איבער די וואַרשעווער גאַסן. מיר איילן זיך. מיטאַמאָל דערזע איך ווי יאַסקע פאַרלאַנגזאַמערט זיינע טריט און הייבט אָן שמייכלען צו וועמען. כ׳זע אַז ס׳קומט אונדז אַנטקעגן אַ מיידל און שמייכלט צו אונדז, בעסער געזאָגט, צו יאַסקען. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט און יאַסקע האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר איר. מיר האָבן זיך געדריקט די הענט. איך האָב זי דערווייל אָבסערווירט: זעלטן שיין, פּשוט רייצנד. זי האָט געטראָגן אַזאַ סטודענטיש היטעלע מיט אַ גלאַנציקן דאשעק. פון ביידע זייטן היטעלע האָבן אַפּערגעשיינט אירע בלאָנדע גאָל־דענע האָר. פון אונטערן דאשיק האָבן אַרויסגעשמייכלט צוויי ליכטיקע בלויע אויגן און אַז כ׳האָב אַ בליק געטאָן אין זיי, האָט מיין האַרץ אַ צאַפּל געטאָן. זי האָט געטראָגן אַ קלייד אָן אַרבל, כ׳האָב געזען אירע נאַקעטע אָרעמס. ביי יעדן וואָרט וואָס יאַסקע האָט איר געזאָגט אין שפּאַס, האָט זי אַ טופּע געטאָן מיט אירס אַ פּוס און געבליצט מיט אירע אויגן. אין דער מינוט בין איך פּשוט מקנא געווען יאַסקען, וואָס ער קען זיך אַזוי גוט מיט אַזאַ הערלעך מיידל און שפּאַסט מיט איר, און ווי רייצנד זי שמייכלט צו אים.

— פונוואַנען גייסטו איצט? — פרעגט ער איר.

— פון דער אַרבעט — האָט זי געענטפערט — און וווּהין גייט איר?

— מיר? — ענטפערט יאַסקע — מיר איילן זיך צו דער „קאַלעיקע״, מיר פאָרן קיין פאַלעניץ, אפשר וועט זיך איינגעבן צו מאַכן דאָרט אַ קאָנ־צערט. דערווייל וועלן מיר דאָרט פאַרברענגען די צוויי טעג שבועות.

— איר פאָרט קיין פאַלעניץ פאַרברענגען? אפשר איז מעגלעך איך זאָל אויך מיטפאָרן?

— מיטפאָרן? — דאָ מוזטו דיך ווענדן צו מיין חבר. דאָס איז ער דער אונטערנעמער. ער האָט דאָס רעכט צו באַשטימען יאָ אָדער ניין.

— נו — זאָגט זי — וועל איך זיך ווענדן צו דיין חבר — און זי האָט זיך טאַקע גלייך געוואָנדן צו מיר. אַזוי ווי איך בין געוואָרן אַביסל צערודערט פון אירע בליקן, פון איר אויסזען, און פון איר האַלטונג, האָב איך איר געענטפערט:

— ווי קאָן מען אָפּזאָגן אַזאַ שיין מיידל מיטצופאָרן מיט אונדז?

און מיר זענען אַלע דריי אָפּגעפאָרן קיין פאַלעניץ.

אָט דאָס איז געווען קלאַראַ.

ווען מיר זענען אָנגעקומען, איז אַ טייל חברה שוין דאָרט געווען. די איבעריקע זענען אויך באַלד דערנאָך אָנגעקומען, ווייל אויף דער ליניע

וואַרשע — אָטוואָצק, איז יעדע 15 מינוט אָפּגעפאָרן אַ פול־געפּאַקטע „קאָ־לעיקע״ מיט דאַטשניקעס. די חברה, דערזעענדיק אַז קלאַראַ איז מיטגע־קומען, האָבן טייל זיך געפרייט, טייל האָבן אַרויסגעוויזן אַן אומצופרידנ־קייט, דער עיקר, די מיידלעך. כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס. כ׳האָב געטראַכט: אפשר צוליב אייפערזוכט?

מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אין גאָרטן, אויפן גראָז, און אויף שטולן. ס׳זענען אויך געווען צוויי אויסלייג־שטולן. אַ גערודער. חברה האָבן זיך געפילט אין אַ יום־טובדיקער שטימונג. מען האָט גערעדט, דערציילט, גע־שטיפט און געלאַכט. יעדער איינער האָט זיך באַמיט איבערצושטייגן דעם אַנדערן מיט טרעפלעכע וויצן, אַנעקדאָטן, און אַזוי ווי מיר זענען געווען אַרטיסטן פון אַ דראַמאַטישן קרייז, האָט מען אויך באַוויזן אַקטיאָרישע טאַלאַנטן, פאָרשטעלנדיק געוויסע פראַגמענטן פון פאַרשידענע קאָמעדיעס. מיינע עלטערן זענען געשטאַנען אויף דער שוועל און מיטגעלאַכט מיט דער פריילעכער חברה, ביז ס׳איז געקומען די צייט פון עסן. דאָס האָט מיר מיין שוועסטערל איינגערוימט. ס׳איז אָבער אומבאַקוועם געווען פאַר מיר איבערצולאָזן די גאַנצע חברה אין דרויסן. מען האָט מיך צום צווייטן מאָל גערופן און חברה האָט פאַרשטאַנען אין וואָס ס׳האַנדלט זיך...

כ׳האָב נישט געקענט איינזיצן לאַנג ביים טיש. די געלעכטערס פון דרויסן האָבן אָנגעשטעקט מיט אַ פריילעכקייט. אַלע אין שטוב האָבן מיט־געלאַכט. כ׳האָב שנעל פאַרענדיקט דאָס עסן און בין ווידער אַרויסגעקומען צו מיין חברה, מיט אַן אָנזאָג פון מיין מוטער: אויב וויל ווער טיי, זאָל מען זיך נישט קווענקלען, ס׳וועט סערווירט ווערן יעדן איינעם.

— וואָס עפּעס טיי? — האָט זיך איינער אָפּגערופן — היינט איז דאָך שבועות, היינט דאַרף מען מילכיקס, אויב מילכיקע טיי, איז דאַווי...

— באַווארקע מיינסטו? — רופט זיך אָפּ אַן אַנדערער — און אויב ווילסט באַווארקע, וועסטו גיין אויסמעלקן די קאָזע...

האָט זיך יאַסקע אָנגערופן, אַז קיינער פאַרלאַנגט גאָרנישט. צוליב דער היץ דאַרף מען נישט קיין הייסע געטראַנקען און קאַלטע איז פאַראַן גענוג.

מען האָט אָנגעהויבן אויפפּאַקן פּעקלעך, קוישלעך, געפּראַוועט אַ יום־טובדיק נאָכטמאָל ביי אַ פריילעכער שטימונג. יעדער איינער האָט גע־וואָלט מכבד זיין. איינער וואָס האָט געברענגט מיט זיך לאָקשן מיט געז, האָט ער אָפּגעציילט 23 לאָקשן און געפרעגט: ווי אַזוי טיילט מען דאָס איין? קיין געלעכטערס האָבן נישט געפעלט. בלויז איינע, וואָס איז געזעסן ווי אָפּגעזונדערט, געזונגען לידער שטיל, פאַר זיך אַליין, גאָרנישט געגעסן,

ווייל איר מיטפאָרן איז געווען אומגעריכט, און דעריבער גאָרנישט מיט־גענומען — איז געווען קלאַראַ.

נאָכן עסן, האָט איינער אָנגעהויבן אַרויפצודראַפּען זיך אויף אַ בוים, אַלע האָבן געוווסט צוליב וואָס דאָס אַרויפקריכן אויף אַ בוים: ער האָט אויסגעפּייפט אויף אַזאַ קליין דרייעקיק פייפערל, וואָס מ'האָט עס גערופן „פויאַרקע", פאַרשידענע פאָלקס־לידער. מיר האָבן געוואָנדן אונדזערע בליקן אויפן בוים. ער האָט זיך געדראַפּעט אַלץ העכער און העכער, ביז ער איז אַרויף גאָר הויך, מען האָט אים מער נישט אָנגעזען. די שטילקייט האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אַ לענגערע ווײַלע. עס האָבן זיך דערהערט די טענער פון דער „פויארקע", אַ מעלאָדיע אַ לירישע, אַ באַקאַנטע, וואָס האָט יעדן איי־נעם איינגעוויגט אין בענקשאַפט. בלויז קלאַראַ האָט שטילערהייט מיטגע־זונגען די ווערטער פון דער לירישער מעלאָדיע.

לאַנג האָט די שטילקייט נישט אָנגעהאַלטן. די טענער פון דער „פוי־ארקע" האָבן גערופן נייגעריקע. מיינע עלטערן זענען אויך אַרויסגעקו־מען. זעענדיק ווי אַלע ווענדן זייערע בליקן אין דער הויך, האָבן זיי אויך גענומען זוכן מיט זייערע בליקן. ס'האָבן אויך זיך באַוויזן שכנים.

צווישן די אַלע נייגעריקע שכנים, איז אויך געווען אַ מיידל, אַ שיי־לעריןן פון אַ הויך־שול, וואָס האָט באַשטעטיקט, אַז דער שפּיל־פויגל איז נישט עפּעס אַנדערש, נאָר אַ קוקאַווקע.

דאָס וואָרט „קוקאווקע" האָט אַרויסגערופן אַ שטיל געלעכטער כמעט ביי דער גאַנצער חברה. איינער האָט אַפילו געפרעגט דעם מיידל, צי זי איז זיכער אַז דאָס איז אַ קוקאַווקע?

קלאַראַ האָט זיך דערנענטערט צו מיר, פרעגנדיק, אויב ס'איז מעג־לעך איך זאָל איר אָנווייזן ווו ס'געפינט זיך דאָס געוועלב, וואָס זי האָט באַמערקט אַראָפּגייענדיק פון דער „קאַלעיקע"? זי וויל זיך קויפן עפּעס צו עסן, און געבעטן כ'זאָל איר אַהין באַגלייטן. אירע ווערטער זענען גע־ווען באַגלייט פון אירע שמייכלדיקע בליקן. איך בין מסכים געווען עס צו טאָן.

20

אין פאלעניץ, פונקט ווי אין אַנדערע דאטשע־ערטער, איז ביינאַכט איינגאַנצן פינצטער. בלויז ביים באַן־הויף איז אָנגעצונדן איין איינציקע עלעקטרישע לאָמפּ. יעדער ווילִיע איז טאַקע באַלויכטן, אָבער די געדיכטעביימער פאַרשטעלן יעדע שיין אין דרויסן אַרויס. דער שפּאַציר אויפן וועג איז געווען אָנגענעם. די לופט — אַ וואַרעמע, די ריחות פון די סאָס־נעס האָבן אָנגעפילט די לופט מיט אַ זעלטענעם אַראָמאַט. מיר זענען גע־גאַנגען לאַנגזאַם, שווייגנדיק. שפּאַצירנדיק אַזוי לעבן איר, האָט מיך מיט־אַמאָל באַהערשט אַ בענקשאַפט פאַר דער וועלט, וואָס איז איינגעהילט אין אַזאַ סודותדיקער שטילקייט. שטילע כישוף־קלאַנגען זענען דערגאַנגען צו אונדז פון דער „פויארקע”. דער עכאָ האָט זיך צעטראָגן אין דער וואַלדי־קער שטילקייט אַרום. ווייזט אויס, אַז מיין באַגלייטערין האָט אויך אָפּגע־פילט עפּעס ענלעכעס, אָבער זי איז געווען פיל דרייסטער. זי האָט מיך פּלוצים גענומען אונטערן אָרעם, אַזש כ'האָב אַ צאַפּל געטאָן ביי דער באַ־רירונג. זי האָט מיך געפירט גייענדיק טריט ביי טריט, געגלעט מיין האַנט לייכט, דערנאָך אַלץ שטאַרקער. כ'בין געוואָרן זייער צערודערט. מיינע בלוטן האָבן אויפגעשטורעמט. פון שטאַרקער צערודערונג, האָב איך נישט געוווּסט וואָס טאָן, וואָס זאָגן? זי האָט נישט אָפּגעלאָזט מיין אָרעם און האָט ווייטער מיך געפירט טריט ביי טריט, כמעט ווי זיך אָנגעשפּאַרט אין מיר. אָט זענען מיר אַליין אין אַזאַ שטילער, טונקעלער זומער־נאַכט.ביידע זענען מיר דעמאָלט אַזוי יונג געווען. זי האָט זיך אַזוי געטוליעט צו מיר, זי איז געווען דרייסטער פון מיר. אויב איך וועל וואַגן איר צו קושן, וועט זי מיך נישט אָפּשטויסן. כ'האָב ווידער דערפילט איר באַרירונג און מיר זענען געבליבן שטיין. מיר האָבן זיך אָנגעקוקט אין דער שטילער טונקל־קייט. מיין האַרץ האָט איצט פיל שטאַרקער געקלאַפּט און אפשר האָט איר האַרץ אויך אַזוי שטאַרק געקלאַפּט ווי מיינס? זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ פאַרקן, מיט ציטערדיקע הענט האָב איך געגלעט איר פנים, אירע גאָל־

דענע האָר. כ'האָב איר פּעסט אַרומגענומען, און צום ערשטן מאָל אין מיין יוגנט, האָב איך געקושט זאַפטיקע ליפּן פון אַ שיין רייצנד מיידל.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער דערנענטערונג.

איך בין דערנאָך אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ חלום. מיר זענען געווען אַלע צוזאַמען, און דאָך האָב איך אָבער אויסגעמיטן זיך נישט צו געפינען גאָר נאָענט נעבן איר, ווייל ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז אַלע אַרום קוקן אויף מיר מיט אַ געוויסן חשד. זי איז געווען אַן אויסנאַם. איר זעלטענע שיינהייט האָט צו מיר גערעדט מיט האַרץ, מיט אירע בליקן, כאָטש ס'איז געווען גוט טונקל, האָב איך איר געפּיל צו מיר דערקענט אין אירע אויגן, אין איר האַרץ, וואָס האָט אַזוי האַסטיק געקלאַפּט דעמאָלט ווען איך האָב איר געקושט, און פּעסט איר צוגעדריקט צו מיר.

מיט אַזעלכע געדאַנקען האָב איך זיך אַרומגעטראָגן די גאַנצע צייט. מיר האָבן אויסערלעך זיך באַצויגן איינער צום אַנדערן, גלייך ווי מיר וואָלטן אינגאַנצן זיך נישט געקענט, קיינעם איז גאָרנישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז עפּעס פאַרבינדט אונדז. אַ האַרץ קען אָפּהיטן אַ סוד, און ווען ס'איז געקומען די צייט פון צוריקפאָרן, האָט זי געפונען אַ געלעגנהייט מיר צו זאָגן, כמעט ווי איינגערוימט מיר אַ זעלטענעם סוד, אַז יעדן אָוונט, אַרום זעקס אַזייגער פאַרנאַכט, ענדיקט זי איר אַרבעט און אויב איך וויל, זאָל איך איר אָפּוואַרטן, אויף שנעל מיר געזאָגט די גאַס, און דעם נומער.

איך האָב נאָכאַמאָל איבערגעלעבט די זיסע מינוטן פון אונדזער ערשטן שפּאַציר, ווען כ'האָב זי אַזוי ליידנשאַפטלעך געקושט.

אַ גאַנצע נאַכט כמעט, בין איך נישט געשלאָפן. כ'האָב כסדר געטראַכט פון קלאַראַן. געזען איר אין מיינע אָרעמס, אַ שמייכלדיקע, אַ רייצנדיקע. כ'האָב אויך זייער פיל געטראַכט פון מאָרגנדיקן אָוונט און אויך מכוח דעם פאַרוואָס האָט זי עפּעס מיך אויסגעקליבן: זי קען זיך שוין מיט יאָסקען אַזוי לאַנג, יאָסקע איז אַ וווויל סימפּאַטיש יינגל, אַזוי ווי זי איז פון דער פאָלקס-שולע, האָט זי דאָך געקענט אַ סך אַנדערע יינגלעך. כ'האָב געטראַכט פון דעם גליקלעכן צופאַל, וואָס גייענדיק צו דער באַן האָבן מיר זי געטראָפן. ערשט פאַרטאָג בין איך איינגעשלאָפן.

צומאָרגנס בין איך געווען אַביסל צערודערט. אַ גאַנצן טאָג ביי דער אַרבעט בין איך געווען אין אַ צושטאַנד פון דערוואַרטונג. כ'האָב כסדר געקוקט אויפן זייגער. ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז צו להכעיס, ווילן אַלע זייגערס פון דער גאַנצער וועלט זיך נישט ריקן פאָרויס.

סוף-כל-סוף האָב איך מיין אַרבעט פאַרענדיקט. איך האָב געאַרבעט ביי אונדזערס אַ משפחה, האָב איך מיך דאָרט אַרומגעוואַשן און בין

געלאָפן אַפּוואַרטן קלאַראַ. מיין האַרץ האָט געמאַכט אַ געוועט מיט מיינע טריט, ווער ס׳וועט קלאַפּן און לויפן מיט אַ שנעלערן ריטם.

כ׳האָב באַוויזן אָנצוקומען צו דער צייט און דערזען קלאַראַן פון ווייטנס.

אויך זי האָט מיך דערזען, און גלייך מיר אַנטקעגן געטראָגן איר שמייכל. אירע אויגן האָבן געלויכטן מיט אַ פריילעכן גלאַנץ. אירע טריט, געמאָסטענע. כ׳וואָלט אַזוי געשטאַנען ווער ווייס ווי לאַנג, כדי צו זען ווי שיין זי שטעלט אירע געטאָקטע פיס. בלויז אין איר גאַנג האָט מען זיך שוין געקענט פאַרליבן. ווען זי איז צוגעקומען, אויסשטרעקנדיק צו מיר די האַנט, האָט זי מיר געשאָנקען אַזאַ בליק, אַז ס׳איז אוממעגלעך געוואָרן צו קענען זיך באַהערשן, און נישט אַרומכאַפּן זי און קושן.

זי האָט מיך גענומען אונטערן אָרעם און מיר האָבן אָנגעהויבן לאַנג־זאַם גיין איבער דער פול געפּאַקטער נאַלעווקי־גאַס. כ׳האָב געפילט, אַז קלאַראַ פירט מיך. זי פירט מיך אונטערן אָרעם אַזוי ווי אין יענער נאַכט, אין פאַלעניץ. כ׳האָב אַזש אָנגעהויבן צו פיבערן. איך האָב דערזען ווי זי פירט מיך אַריין אין אַ טויער, דערנאָך אין אַ הויז. מיר גייען אַרויף אויף אַ דריטן שטאָק. זי נעמט ארויס אַ שליסל און שליסט אויף... מיר זענען אַריינגעקומען אין אַ זייער גרויסער שטוב, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט אין צווייען. ווי כ׳דערמאָן מיך, זענען די פּענצטער געווען אַנטקעגן דער טיר. לינקס איז געווען די קיך. ס׳איז געשטאַנען אַ קוכן־שענקל און דער מיט פון דער שטוב. רעכטס — אַ קליידער־שאַנק. אויך אין דער מיט פון דער שטוב. אָט־אָ די ביידע שענק, האָבן צעטיילט די שטוב אין צווייען. פון דער שאַנק ביז צום קיכן־שענקל איז געהאַנגען אַ פאָרהאַנג. אַזוי אַרום האָט קלאַראַ געהאַט פאַר זיך איר צימער. ס׳איז געשטאַנען אַ בעט, אַ טישל, צוויי בענקלעך.

זי האָט אויסגעטאָן דאָס היטל מיטן דאשעק, אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אַהין און צוריק, אַז אירע גאָלדענע האָר האָבן אַ פלאַטער געטאָן. דער־נאָך האָט זי אויסגעטאָן איר קלייד און געבליבן אין איר אונטערקלייד. זי איז צו צום קראַן און האָט זיך אַרומגעוואַשן. דערנאָך האָט זי לאַנג גע־קעמט אירע האָר. איך בין געשטאַנען, געקוקט און האָב נישט געוואָגט ווייטער קיין טריט צו שטעלן. ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן, איז זי צו מיר צוגעקומען און זיך געלייגט אויף איר בעט, די פיס אויף דער פּאָדלאָגע, דער קאָפּ ביי דער וואַנט.

כ׳האָב באַטראַכט קלאַראַן אין דער פּאָזע. כ׳האָב געזען אירע אָרעמס וואָס האָבן מיך געגליט, אירע קניען, און כ׳האָב שוין מיינע בליקן נישט געקענט אָפּרייסן פון איר. כ׳בין געוואָרן באַהערשט פון אַזאַ מאָדנעם

פאַרלאַנג, פון אַ וועלט מיט ליבע. כ'האָב מיך געוואָרפן אויף איר און איר פיל געקושט ביזן פאַרשיכורט ווערן מיטן זאַפט פון אירע ליפן. זי האָט זיך דערנאָך אויפגעהויבן פון בעטל, אָנגעטאָן איר קלייד, ווידער פאַרקעמט אירע האָר, אָנגעטאָן דאָס רייצנדיקע היטעלע מיטן דאַשעק און געזאָגט:

— קום, מיר וועלן אַ ביסל אַראָפּגיין.

מיר זענען אַראָפּ אויף דער גאַס. זי האָט מיך ווידער געפירט אונטערן אָרעם. מיר האָבן שפּאַצירט. די פרישע לופט האָט מיך אַביסל אויסגעניכטערט. איך האָב צו איר גערעדט און זי האָט מיר געענטפערט נישט מיט קיין ווערטער, נאָר מיט בליקן פון אירע שיינע בלויע אויגן. מיר האָבן אַזוי שפּאַצירט ביז שפּעט אין אָוונט, ווען איך האָב איר נאָך האַלבער נאַכט צוגעפירט צום טויער, זענען מיר לאַנג געבליבן איינער קעגן אַנדערן.

אַזוי, כמעט יעדן אָוונט, כ'האָב געפילט, אַז איך קריג ליב קלאַראַן יעדן טאָג אַלץ שטאַרקער, כ'האָב נישט געמאַכט קיין סוד דערפון, און האָב עס איר געזאָגט:

— קלאַראַ! איך האָב דיך ליב.

אַנשטאָט זי זאָל שמייכלען, אַ גוט וואָרט מיך ענטפערן, האָט זי אויף מיר געקוקט מיט אַזאַ פשוטן, ערנסטן בליק. כ'בין צוגעפאַלן צו איר און זי געקושט. אפשר איז זי שטאַרק איבערגענומען געוואָרן פון מיין ליבע־דערקלערונג? איך בין אַהיים געגאַנגען אַ פאַרטראַכטער און אַ פאַרחלומ־טער.

21

אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, אין אַ פּרייטיק צונאַכטס, בין איך אַרויפ־געקומען צו אייך, האָב זיך באַגריסט מיט דיינע עלטערן, און דעמאָלט האָב איך דיך געגומען אויף מיינע הענט. כ׳האָב צוגעוואַרט קלאַראַ זאָל זיך אָנטאָן, מיר זענען דערנאָך אַראָפּ אין גאַס. ס׳איז געווען שרעקלעך הייס, און איך פרעג איר:

— וווהין גייען מיר? אפשר אין קינאָ? — כ׳שטעק אַריין מיין האַנט אין טאַש, איר צו ווייזן וויפיל געלט איך האָב. ס׳איז געווען פרייטיק, כ׳האָב באַקומען מיין וואָכן-לוין. כ׳נעם אַרויס דאָס געלט צוזאַמען מיט אַ שליסל — דאָס איז געווען אַ שליסל, וואָס מיין בעל־הבית, אַ נאָענטער קרוב, האָט מיר איבערגעלאָזט פון זיין וווינונג, אַרויספאָרנדיק צו זיין פרוי און קינ־דער אויף דער דאַטשע. אויב ער וועט זיך פאַרשפּעטיקן זונטיק פרי, זאָל איך דערווייל אָנהייבן מיין אַרבעט. זי דערזעט דעם שליסל, איך זאָג איר:

— דאָס איז דער שליסל פון דער ווווינונג וווּ איך אַרבעט. ווילסט, קענען מיר אַרויפגיין, ווייל אין אַ קינאָ איז אפשר צו הייס...

— גוט — זאָגט זי — קום בעסער אַרויף.

כ׳בין געוואָרן אַזוי צערודערט פון איר ענטפער, אַז כ׳בין שטיין געבליבן. כ׳האָב געוואָרפן אויף איר אַ בליק. זי האָט מיין בליק אויפגעכאַפּט מיט איר רייצנדיקן שמייכל. מיר זענען אַרויף אין דער וווינונג. ביים עפענען די טיר האָט מיין האַנט געציטערט. ווען מיר זענען אַריינגעקומען, האָבן מיר זיך אַרומגעקוקט: ס׳איז געווען אַ גרויסע אומאָרדענונג. כ׳האָב גלייך געעפנט אַ פענצטער, קיין ליכט נישט אָנגעצונדן. ס׳האָט אַריינגע־שיינט פון די קעגנאיבערדיקע שטובן, מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט נעבן פענצטער, האַרט איינער נעבן אַנדערן. אין דער טונקלקייט האָט זי אָנגע־הויבן שטיל צו זינגען לידער, וואָס האָבן מיך פאַרטראָגן ווייט ווייט, אין געדיכטע וועלדער, אויף גרינע לאָנקעס. איר שטימע איז געווען לויטער.

זי האָט געזונגען לידער פון פרילינג, פון נשמהדיקע פאַרלאַנגען, פון ליבע און פון גליק.

כ׳האָב איר גענומען אין מיינע אָרעמס. זי האָט זיך באַפרייט פון זיי, זאָגנדיק, אַז ס׳איז זייער הייס, און זיך גענומען אויסטאָן. אַ ציטער איז מיר אַדורך איבערן גאַנצן לייב.

כ׳בין געלעגן נעבן איר, און האָב נישט געוואָגט זי אָנצורירן.

— דו ווייסט, קלאַראַ — האָב איך געזאָגט — כ׳ווייס נישט ווי אַזוי כ׳זאָל דיר עס זאָגן, ווי אַזוי זאָל איך זיך אויסדרוקן... וועסט מיך אפשר האַלטן פאַר נאַאיוו און אפשר דאַרף מען גאָרנישט רעדן: דו ביסט דאָך מיינע, און איך דיינער, מיר האָבן זיך ליב.

קיין איין וואָרט האָט זי נישט געענטפערט, די באַרירונג האָט מיך פאַרשיכורט, אָנגעצונדן מיינע בלוטן, כ׳האָב אָנגעהויבן איר ווילד צו קושן...

כ׳בין דערנאָך געבליבן ליגן נעבן איר מיט אַ געפיל פון שולדיקייט, האָב איך געזוכט כאָטש איין וואָרט איר צו זאָגן און כ׳האָב דאָס וואָרט נישט געפונען.

דאָס שווייגן האָט געדויערט לאַנג. כ׳האָב אָנגעהויבן מיך אָנטאָן. כ׳האָב איר גענומען אויף מיינע הענט און געטראָגן ווי מען טראָגט אַ קינד. ווען מיר האָבן צורעכטגעמאַכט אונדזער טואַלעט, זענען מיר אַראָפּ אויף דער גאַס און מאָדנע, איצט האָט זי מיך נישט געפירט אַזוי ווי יעדעס מאָל אונטערן אָרעם; מיר זענען געגאַנגען איינער נעבן אַנדערן, גלייך ווי כ׳וואָלט איר ערשט דאָ אַזוי צופעליק געטראָפן. מיר גייען דערווייטערט איינער פון אַנדערן, כ׳האָב געזוכט ווערטער, וואָס איר צו זאָגן און געפרעגט:

— אפשר גייען מיר אַריין אין אַ קאַפע־הויז? וועסט עפּעס טרינקען, אפשר אויך עפּעס צובייסן, ווי מיינסטו?

— ווי דו ווילסט — האָט זי מיר געענטפערט.

אין קאַפעהויז האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט איינער קעגן אַנדערן. אַז כ׳האָב איר געפרעגט וואָס זי וויל טרינקען, האָט זי מיר געשאָנקען אַזאַ נישט דרייסטן בליק, באַגלייט מיט איר שמייכל. ס׳איז מיר לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה. כ׳האָב באַקומען דרייסטקייט און זייער פיל גערעדט צו איר.

ווען מיר זענען דערנאָך אַרויס פון דער קאַפע, האָט זי געזאָגט, אַז זי פילט זיך זייער מיד. ביים טויער אַזוי ווי יעדעס מאָל, האָב איך נישט פאַרפעלט צו געזעגענען איר מיט קושן און איר שטיל איינגערוימט:

— פאַרגעס נישט קלאַראַ, אַז איך האָב דיך זייער ליב.

גייענדיק אַזוי אַ פאַרטראַכטער פון דעם נאַר וואָס איבערגעלעבטן, האָב איך זיך אין עפּעס דערמאָנט, כ׳בין ווידער אַרויף אין דער וווינונג ווו

כ׳האָב נאָר וואָס פאַרברענגט די זיסע מינוטן מיט קלאַראַ; כ׳האָב אַלץ אין אָרדענונג געברענגט. אַ פאַרטראַכטער האָב איך זיך געלאָזט גיין אַהיים און זיך גלייך געלייגט אויף מיין געלעגער. פאַרשידענע געדאַנקען האָבן מיך אָנגעהויבן פייניקן, פאַרשידענע בילדער. כ׳האָב זיך דערמאָנט ווען קלאַראַ איז אונדז געקומען אַנטקעגן, דעמאָלט ווען מיר זענען געפאָרן קיין פאַלעניץ און ווען כ׳האָב איר געזען דאָס ערשטע מאָל; דערנאָך, ווי מיר שפּאַצירן אַרום אין דער טונקעלער נאַכט, ווען כ׳האָב איר צום ערשטן מאָל געקושט און ווען זי האָט מיך צום ערשטן מאָל אַרויפגעפירט אין דער וווינונג פון דיינע עלטערן, ווו זי האָט זיך געלייגט אויפן בעטל; אָט אין דעם פלאָנטער פון געדאַנקען, בין איך צוגעקומען צום לעצטן פאַרברענגען אונדזערס, און מיך געפרעגט:

ווי איז געווען איר נאַטירלעכער צאַפּל? איר שמייכל? מיט וואָס האָב איך געקענט פאַרענטפערן איר גלייכגילטיקייט? אָן אַ געוויסע רע־אַקציע?... אַזוי ווי איך האָב שוין צו יענער צייט געלייענט זייער פיל ראָ־מאַנען, האָב איך אין די ביכער געפונען גאַנץ אַנדערש... גאָר צום לעצטן האָט מיך אָנגעהויבן פייניקן אַן אַנדערע פראַגע:

— ווי קומט עס, וואָס ס׳איז מיר אַזוי לייכט אָנגעקומען דאָס באַ־העפטן זיך מיט איר?... האָט זי שוין געלעבט מיט אַן אַנדערן?... אָט אַ די קלאַראַ, וועגן וועלכער איך טראַכט און וועב מיין צוקונפט צוזאַמען מיט איר, זאָל דאָס זיין אמת?...

אָט אַזוי מינקע, האָט מיך אַ גאַנצע נאַכט געפייניקט, און געדריקט אויף מיין געמיט דער פלאָנטער פון שווערע געדאַנקען. ערשט פאַרטאָג, בין איך איינגעשלאָפן און געשלאָפן ביז אין גרויסן טאָג אַריין, ס׳איז גע־ווען שבת.

באַלד נאָכן עסן, בין איך אַרויפגעקומען צו אייך, אַרויפגעקומען הייסט עס, צו קלאַראַן. אויפן וועג גייענדיק, האָב איך געטראַכט וועגן דעם וואָס מיך האָט געפייניקט אַ גאַנצע נאַכט. אַריינגעקומען אין שטוב, איז קלאַראַ מיר אַנטקעגן געקומען מיט איר רייצנדיקן שמייכל, מיטן ליב־לעכן בליק און מיין געמיט האָט זיך ווידער אויסגעלייטערט און כ׳בין גע־ווען גרייט צו לויפן קושן איר.

22

כ׳האָב מיטאַמאָל אויפגעהערט דערציילן מינקען די ווייטערדיקע געשעענישן. ס׳האָט אויפגעבליצט אויף אַ רגע אַ שוועבעלע. כ׳האָב פאַר־רויכערט אַ פּאַפּיראָס. מינקע איז געלעגן איינגעטולעט אין מיר. זי איז ווייזט אויס געווען אין גרויס שפּאַנונג צו הערן דעם עיקר, וואָס האָט דער־פירט דאָס צעשיידן פון מיר מיט קלאַראַ; כ׳האָב פאַרלאָשן דעם רעשט פון פּאַפּיראָס, טיף אָפּגעאָטעמט, און ווייטער דערציילט:

— ס׳איז אַוועק דער זומער. צוזאַמען מיטן דערהערן דאָס שופר בלאָזן, האָבן אויך אָנגעהויבן בלאָזן קילע ווינטלעך. מיר האָבן פאַרברענגט מיט חברה אויף האַרבסט־אויספלוגן, שפּאַצירט אין די וועלדער און ס׳איז אָנגענעם געווען צו טרעטן צווישן אַראָפּגעפאַלענע בלעטער. ס׳איז געווען אַזוי ווייך צו גיין, מיר האָבן זיך געזעגנט מיטן זומער, אָבער אָן קלאַראַ. יעדעס מאָל, ווען כ׳בין אַרויפגעקומען צו אייך און מיך געגרייט איר מיט־נעמען, האָט זי שטענדיק געפונען תירוצים, אַז זי דאַרף עפּעס דערליידיקן און כ׳בין אַוועק אַליין. און אונדזער דראַם־קרייז האָט זיך גאָר ערנסט פאַרנומען מיטן צוגרייטן אַ חנוכה־אָוונט און מיר האָבן רעפּעטירט דריי מאָל אין דער וואָך. דאָס זיין פאַרנומען מיט די רעפּעטיציעס, האָט געשטערט מיין טרעפן זיך מיט קלאַראַ. איין מאָל אַן אָוונט, האָב איך מיך געוואָנדן צו איר און מיך פּשוט געבעטן ביי איר, זי זאָל ווערן אַ מיטגליד אין אונ־דזער דראַמ.־קרייז, ווייל מיר רעפּעטירן איצט „דאָס אייביקע ליד״ פון מאַרק אָרנשטיין, און אַז זי וועט דאָרט האָבן זייער אַ שיינע ראָלע. זי האָט עס מיר אָפּגעזאָגט מיטן אויסרייד, אַז איר געפעלט נישט די סביבה אין וועלכער איך געפין זיך. אירע ווערטער האָבן מיר פּשוט וויי געטאָן און אויך, אַז זי איז לעצטנס פאַרנומען. אַזוי אַז מיין זיין פאַרנומען מיטן דראַמ.־קרייז, פאַרלייכטערט איר אויסצופירן געוויסע אַרבעטן... וועלכע זי האָט שוין פון לאַנג געזוכט צו רעאַליזירן... כ׳בין נישט שטאַרק צוגעשטאַנען צו איר.

אין אַ געוויסן פרייטיק צונאַכט, ווען איך בין אַרויפגעקומען צו קלאַ־

ראַ האָבנדיק אין זינען צו גיין מיט איר אין אַ קינאָ, אָדער אין אַ טעאַטער, האָט זי מיך געבעטן איך זאָל איר לאָזן פריי, זי מוז נייטיק עפּעס דערליי־דיקן. מיר האָבן זיך געזעגנט, איך בין געגאַנגען אַהיים אַ פאַרטראַכטער, מיט געוויסע ספקות, פאַרוואָס זי איז פּלוצים אַזוי אָפּגעקילט געוואָרן, אָבער איך בין איר אין גאָרנישט חושד געווען, כ׳האָב געטראַכט אַז מען דאַרף טאַקע אַמאָל דערליידיקן געוויסע ענינים.

איינמאָל, אין אַן אָוונט, מיר גייען אַראָפּ פון אַ רעפּעטיציע, צוזאַמען מיט אַ מיידל פון אונדזער קרייז, אַ טייערע חברטע, זי בלייבט שטיין, קוקט אויף מיר מיט אַזעלכע נישט דרייסטע בליקן, גלייך ווי זי וואָלט מיך איצט געזען צום ערשטן מאָל און רופט זיך לסוף אָפּ:

— אַדאַם, וואָלסט זיך נישט אָפּגעזאָגט מיך צו באַגלייטן אַהיים? ווי דו זעסט איז סעוועק היינט נישט געקומען מיך אַהיימפירן, ער איז היינט זייער שטאַרק פאַרנומען — פאַרשטייט זיך, אַז כ׳בין מסכים געווען, אָפּ־גייענדיק אַזוי אַ געוויסע צייט, האָט זי מיר געזאָגט, אַז איר חבר איז היינט ספּעציעל נישט געקומען דערפאַר, ווייל איך האָב מיט דיר צו שמועסן וועגן אַן ערנסטן ענין.

כ׳בין געוואָרן אויסערגעוויינלעך נייגעריק, וואָס אַזעלכעס? כ׳האָב איר אָנגענומען אונטערן אָרעם.

— אַדאַם, — האָט זי געזאָגט, — וועסט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך האָב זיך אונטערגענומען צו זאָגן דיר ווערטער, וואָס וועלן דיר נישט פאַר־שאַפן קיין פאַרגעניגן. מיר האָבן באַשלאָסן דיר צו זאָגן וועגן דעם; איך בין נישט אויסן דיר צו מאַכן געוויסע קאָמפּלימענטן, אָבער אַזוי ווי דו ביסט אַ חבר וועמען מיר אַלע האָבן זייער גערן, איז אַ שאָד אַז דו זאָלסט ליידן, און אפשר גאָר שטאַרק ליידן.

אין מיר האָט זיך ס׳האַרץ האַסטיק געוואָרפן; — פאַרוואָס שטייט מיר פאַר אַ סך צו ליידן? — זי האָט מיך נישט געלאָזט צו לאַנג קלערן:

— ס׳וועט נישט זיין קיין סורפּריז פאַר דיר, אַז מיר ווייסן וועגן דיין פאַרבינדונג מיט קלאַראַ; אַז דו האָסט איר ליב און דו מיינסט עס אויפריכטיק און ערנסט, ווייל איך דיר זאָגן, אַז קלאַראַ איז אַ מיידל וואָס מען קען איר ליב האָבן, זי איז שיין, ערלעך, קען זינגען און דעקלאַמירן, קורץ, זי פאַרמאָגט אַלע מעלות, נאָר ליידער... באַזיצט זי איין חסרון, וואָס שטייגט ווייט אַריבער אַלע אירע מעלות, ס׳איז פּשוט אַ קראַנקהייט ביי איר און איך בעט דיך מיר צו אַנטשולדיקן דאָס וואָס איך וועל דיר זאָגן:

דו ביסט נישט דער ערשטער פאַר קלאַראַ, אויך נישט דער פינפטער, און אפילו נישט דער צענטער... קלאַראַ באַזיצט ליידער, אָט די קראַנקהייט, אַז ס׳געפעלט איר אַ יינגל, און זי ווייסט, אַז זי קען דאָס לייכט דערגרייכן,

געווינט זי אים גאָר שנעל און, זי פאַרלאָזט אים אויך גאָר שנעל. זי קלויבט זיך גאָר גיך אויס אַן אַנדערן און אויך נישט אויף לאַנג. אויב איך זאָג עס דיר, איז דאָס דערפאַר, ווייל מיר ווייסן, אַז זי וועט טון מיט דיר, ווי מיט אַלע אַנדערע פאַר דיר... האָסט זי ליב, זאָלסט אָבער נישט שטיין פאַר אַ פיינלעכן פאַקט פון טרעפן שוין מאָרגן, קלאַראַ שפּאַצירן מיט אַן אַנדערן. זאָלסט זיין גרייט. אויב ווילסטו וויסן מער איינצלהייטן, וועט יאַסקע דיר דאָס זאָגן.

וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מינקע ? כאָטש ס׳איז געווען אַ שאַרפע קעלט, האָט מיך אַן אַנגסטיקער שוויס באַשלאָגן פון די פיינלעכע ווערטער און אַזוי ווי איך האָב גאָרנישט געפרעגט, האָט זי ווייטער גערעדט:

— איך וויל דיך בעטן, אַדאָם, זאָלסט מיר אַנטשולדיקן פאַר די ווערטער וואָס כ׳האָב געמוזט דיר זאָגן. קיינעם וואָלט נישט איינגעפאַלן צו מישן זיך, נאָר ס׳איז אַ גרויסע שאָד אַז דו זאָלסט ליידן. וועסט מוזן ליידן... ווייל מיר ווייסן אַז שוין מאָרגן, וועסטו קלאַראַן פאַרלירן, אָדער דו האָסט איר שוין איצט פאַרלוירן.

זי האָט מיר צוגעוואָרפן אַזאַ פאַרשולדיקטן בליק. איך בין געווען פאַרטיפט אין מיינע געדאַנקען און גאָרנישט איר געזאָגט, ביז מיר זענען צוגעקומען צום הויז, וווּ זי האָט געוווינט. דאָ האָבן מיר זיך צעשיידט.

23

כ׳בין דערנאָך שטיין געבליבן ביים צוגעמאַכטן טויער. כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט לינקס און רעכטס, ווי כ׳וואָלט עפּעס געזוכט, און אפשר האָב איך געזוכט מיין גלייכגעוויכט? כ׳האָב געהאַט אַ ווילן צו שרייען. צוריק־רופן איר און נאָכאַמאָל פרעגן, צי איז דאָס געהערטע טאַקע אמת? האָב איך געהערט די ווערטער: „ביסט נישט דער ערשטער ביי קלאַראַ, אויך נישט דער לעצטער, וועסט ליידן, ווייל ס׳קען זיין אַז מאָרגן, וועסטו טרעפן קלאַ־ראַן שפּאַצירן מיט אַן אַנדערן״.

כ׳האָב אָנגעהויבן גיין איבער די פאַרשנייטע גאַסן, נישט וויסנדיק וווהין איך גיי. אַזוי גאַס איין, גאַס אויס און געזען פאַר מיר דאָס געשטאַלט פון קלאַראַ. זי האָט געשוועבט פאַר מיר. ווען ס׳איז גאָר שפּעט געוואָרן, בין איך אַהיים געגאַנגען זיך געלייגט אויף מיין געלעגער און אויפסניי אָנגעהויבן טראַכטן פון קלאַראַ. אין דער שטילקייט, האָבן מיר געקלינגען די ווערטער פון מיין חברטע: „קלאַראַ איז אַ רייצנד מיידל, מען קען זיך אין איר פאַרליבן, אָבער ליידער, אַ פאַרדאָרבן מיידל״...

כ׳האָב נישט געוווסט ווען כ׳בין אַנטשלאָפן געוואָרן. כ׳האָב דער־פילט ווי מען וועקט מיך, כ׳האָב דערזען מיין מוטער וואָס האָט מיך גע־וועקט כ׳זאָל אויפשטיין, ס׳איז שפּעט, כ׳מוז שוין גיין צו דער אַרבעט.

נאָך דער אַרבעט, בין איך שנעל געלאָפן אָפּוואַרטן קלאַראַן; כ׳האָב באַשלאָסן נישט צוצולאָזן אַז אַן אַנדערער זאָל פאַרנעמען קלאַראַס האַרץ. אַן אַנדערער זאָל איר קושן... כ׳האָב זיך אַרומגעדרייט פאַרן טויער ווו זי האָט געאַרבעט און ס׳האַרץ איז מיר שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען. ווען זי צוקומען צו מיר? ווען זי מיך אויפנעמען מיט איר רייצנדן שמייכל? און אפשר שטייט שוין דאָ אַן אַנדערער און וואַרט אויף איר?

איך האָב אַרומשפּאַצירט אַהין און צוריק, כדי זי זאָל מיר אַנטקעגן קומען. מיט אַ מאָל, דערזע איך ווי זי גייט אַרויס פון טויער ווו זי אַרבעט, און פאַרנעמט זיך אין דער ריכטונג ווי איך האָב אויסגערעכנט. ווי נאָר כ׳האָב איר דערזען, האָט מיין האַרץ אָנגעהויבן שטאַרקער קלאַפּן. זי איז

געגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט. אויך זי האָט מיך דערזען, און גלייך מיר אַנטקעגן געטראָגן איר שמייכל. נעמט מיך אָן אונטערן אָרעם, און מיר גייען צווישן אַ געדיכטע מאָסע מענטשן. אירע אויגן גלאַנצן און שמייכלען אַזוי אומשולדיק, אָן אַ וואָרט אַרויסצוזאָגן, שפּאַצירן מיר אַזוי לאַנגזאַם, און איך טראַכט:

איז דאָס טאָקע מעגלעך? זאָל דאָס טאָקע זיין אמת, אַז זי גרייט זיך מיך פאַרלאָזן? איז עס מעגלעך צו זיין פאַרדאָרבן? מיט אַ מאָל, האַלט זי איין אירע טריט, מיר בלייבן שטיין, זי קוקט אויף מיר האַלב שמייכל־דיק האַלב ערנסט, און פרעגט מיך:

— אַדאָם, וואָס איז דאָס היינט מיט דיר? קוקסט אויף מיר מיט אַזעלכע מאָדנע בליקן, גלייך ווי דו וואָלסט מיך איצט געזען צום ערשטן מאָל. ביסט אַזוי צעטראָגן, אַזוי פאַרטראַכט, דו רעדסט נישט אַרויס קיין וואָרט צו מיר. וואָס איז דאָס היינט מיט דיר?

— כ׳וועל דיר זאָגן פאַרוואָס — ענטפער איך איר — ביסט היינט שענער, רייצנדיקער, קוק איך אויף דיר און טראַכט, צי האָב איך טאָקע דאָס גליק אַז דו געהערסט מיר? בלויז מיר? און איך טראַכט, אַז אפשר היינט, אָדער מאָרגן, זאָל איך דיך פאָרשטעלן פאַר מיינע עלטערן, כ׳האָב נאָר וואָס דיך טאָקע געוואָלט פרעגן, וואָלסט מסכים געווען דערויף?...

קלאַראַ איז ביז גאָר ערנסט געוואָרן, פון צייט צו צייט, האָט זי מיר געשאָנקען אַזאַ צוריקגעהאַלטענעם שמייכל, אָבער בלויז אויף אַ רגע. כ׳האָב נישט באַקומען קיין ענטפער אויף מיין פראַגע. מיר זענען צוגעקומען צו איר טויער. דאָ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, כ׳האָב נישט געוואָלט אַרויפ־גיין מיט איר. זאָגנדיק, אַז כ׳מוז דרינגענד עפּעס דערלײדיקן, און אויב, כ׳וועל נישט שפּעט פריי ווערן, וועל איך נאָך אַרויפקומען.

כ׳האָב זיך מיט איר געזעגנט, און מיט שנעלע טריט בין איך געגאַנגען טרעפן מיין חבר יאָסקע, כדי ער זאָל מיר אויפקלערן אַלץ וועגן וואָס מיין חברטע האָט מיך נעכטן פאַרהאַלטן.

יאָסקע האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיין וויזיט, און מיר אויך געזאָגט אַז ער האָט פאַרשטאַנען, אַז היינט אָדער מאָרגן וועל איך קומען צו אים. מיר זענען אַראָפּ אין גאַס. ס׳איז אפילו אָנגענעם געווען צו בלייבן אין שטוב, ווייל אין דרויסן איז געווען גוט קאַלט, נאָר, כדי נישט צו זיין גע־שטערט פון די שטוביקע, ער זאָל האָבן די מעגלעכקייט אַלץ צו דערציילן, האָט די קעלט נישט געשטערט. ווען מיר האָבן זיך ביידע געפונען אַליין, האָב איך געזאָגט:

— איך בין געוואָרן אַ טעמע פאַר אייך? איר האָט געהאַט פון וואָס

צו רעדן און צו באַשליסן, און אפילו אויסגעקליבן אַ דעלעגאַט מיר איבער־צוגעבן אייער באַשלוס. ס׳וואָלט נישט בעסער געווען דיינס אַ וואָרענונג?

— ניין, אַדאַם, די זאַך איז שוין גאָרנישט אַזוי פּשוט ווי דו מיינסט. מיר אַלע קענען זייער גוט קלאַראַ, בלויז דו האָסט איר נישט געקענט. אַלע ווייסן מיר אַז דו האָסט איר ליב און אַלע ווייסן אַז זי האָט שוין אַ פרישן קרבן, בלויז דו ווייסט עס נאָכנישט. מען איז צו מיר צוגעשטאַנען איך זאָל דיר דאָס זאָגן, און איך האָב נישט געקענט דיר דאָס זאָגן. מיר האָבן גע־ווּוּסט אַז דו וועסט ליידן, אַרומרעדנדיק די זאַך, האָט מען געפרעגט כאַווטשען צי זי וואָלט זיך אונטערגענומען דיר דאָס צו זאָגן, זי איז מסכים געווען. כ׳מוז דיר זאָגן, אַז כ׳האָב אויסגעקוקט דיין קומען צו מיר און אָט וועל איך דיר דערציילן ווי אַזוי דאָס איז געשען:

דאָ נישט לאַנג, גייענדיק אין גאַס, האָב איך פון ווייטנס דערזען אָנ־קומען קלאַראַ; מיר האָבן זיך באַגריסט, זיך אָפּגעשטעלט, נאָכן אויסטוישן עטלעכע ווערטער, זענען מיר געגאַנגען אין דער ריכטונג ווי זי האָט באַדאַרפן גיין, מיר האָבן געשמועסט פאַרשידנס, געשפּאַסט, מיטאַמאָל זאָג איך איר:

— דו ווייסט, קלאַראַ, ביסט מיר שולדיק אַ חוב.

— וואָס פאַראַ חוב בין איך דיר שולדיק? — פרעגט זי מיט אַ שמייכל.

— וואָס פאַראַ חוב פרעגסטו? מיר קומט ביי דיר שדכנות געלט...

— ענטפער איך איר אין שפּאַס, — ווייל אַ דאַנק מיר, איז צושטאַנד גע־קומען דער שידוך פון דיר מיט אַדאַמען.

— אַזוי? — זאָגט זי, — דאָס מיינסטו? נו, אויב אַזוי ביסטו געווען אַ שלעכטער שדכן.

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן? — פרעג איך איר מיט אַ פאַר־ווּונדערונג, וואָס, אַדאַם האָט דיך דען נישט גענוג ליב? אויב אַדאַם האָט דיך ליב, דאַרפסטו מיין איך זיין אַ גליקלעכע, וואָס דיר האָט זיך איינגעגעבן צו געווינען זיין האַרץ.

— אויב אַזוי — זאָגט זי מיר — אויב אַדאַמ׳ס האַרץ האָט ביי דיר אַזאַ גרויסן ווערט, קאָן איך דיר אַוועקשענקען זיין האַרץ, און מיך לאָז צורו מיט אַזעלכע פראַגן.

— קלאַראַ! — האָב איך אויסגעשריגן, — ווי אַזוי רעדסטו? ווי וואַגסטו אַרויסצוברענגען אַזעלכע ווערטער? ווייסטו אַז זיין האַרץ געהערט דיר, איז ער דיר שוין אפשר דערעסן? ווילסטו אפשר ווידער אָנהייבן די אַלטע אַוואַנטורעס? ווילסטו איצט אויך מיט אַדאַמען שפּילן די זעלבע ראָלע? דאַרפסט זיין גליקלעך וואָס דו האָסט ענדלעך געטראָפן אַזאַ טייער

יינגל ווי אַדאַם; כ׳בין געווען זיכער, אַז ענדלעך וועט איצט נעמען אַ סוף צו דיינע אַוואַנטורעס, און מיט אים וועסטו פאַרבלייבן און זיין גליקלעך.

— וואָס מאַכסטו עפּעס אַזאַ אויסנאַם מיט אַדאַמען, וואָס איז ער דען? ער איז אַ יינגל גלייך מיט אַלע און נישט מער. כ׳מוז דיר זאָגן, אַז אויך מיט אים האָב איך שוין גענוג.

— בלאַנדזשעסט, קלאַראַ — האָב איך מיט אַ כעס אויסגעשריגן — אַדאַם איז נישט דער זעלבער, ווי דיינע יינגלעך ביז איצט. אַדאַמען דאַרף מען וויסן ווי אָפּצושאַצן, וועסט באַדויערן.

— נישט דו, און נישט קיין אַנדערער, וועט מיר אָנווייזן מיט וועמען יאָ, און מיט וועמען נישט זיך צו פאַרבינדן, איך בין שוין מיין איך גענוג גרויס, אַז איך זאָל אַליין באַשטימען וועגן מיין גורל. אפילו מיין פאָטער וועט מיר נישט אָנוואַרפן און דו אוודאי נישט און איצט זיי מיר געזונט, גענוג געשמועסט.

— קלאַראַ! — האָב איך ווידער געזאָגט, שוין אָן כעס — איך וויל דיר נישט באַפעלן, האָסט מיך שלעכט פאַרשטאַנען, דיך זוך איך צו פאַרטיידיקן, דיך זוך איך צו פאַרהיטן פון אַ נישט באַרעכנטן שריט. כ׳זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז אַדאַם איז אַ טייערער בחור, קיין בעסערן ווי ער, וועסטו שוין קיינמאָל מער נישט געפינען, איך בעט דיך, מיך צו פאַרשטיין. איך פאַרטיידיק איצט דיין גליק, אייער ביידנס גליק, כ׳בין געווען זיכער, אַז ענדלעך האָסטו געפונען דעם, וועלכן דו האָסט צווישן אַזוי פיל געזוכט. איך מוז דיר זאָגן, אויב וועסט אויספירן דאָס משוגעת, וועסט צופירן אַדאַ־מען אַז ער זאָל ליידן, און אָנהייבן אַרומצופירן זיך מיט אַ נייעם קרבן, וועלן מיר אויספירן אויף דיר אַ חרם; אַז מען וועט דיך טרעפן אויף דער זייט גאַס, וועט מען אַריבערגיין אויף דער אַנדערער זייט. איידער איך זאָג דיר אַדיע, בעט איך דיך זאָלסט דיך גוט איבערקלערן.

מער האָב איך איר נישט געזאָגט, כ׳בין אַוועק אָן אַ זיי געזונט, אָבער זי האָט נאָך באַוויזן מיר צו זאָגן די פּאָר ווערטער: — „כ׳האָב מיך שוין באַרעכנט, איך ווייס וואָס איך האָב צו טאָן”.

— כ׳מוז צוגעבן, אַדאַם, אַז כ׳בין נישט אַוועק ווייט, כ׳האָב געוואָלט זען וווהין זי גייט און כ׳האָב דערזען ווי זי האָט זיך גאָר שטאַרק דערפרייט מיט איינעם וואָס האָט איר אָנגענומען געאַרעמט, און ביידע זענען פאַר־שוווּנדן.

— יאָ, מינקע, אָט די ווערטער אירע, האָט מיר געברענגט מיין חבר יאַסקע.

כאָטש ס׳איז געווען קאַלט, איז מיר ווידער הייס געוואָרן, נאָך אַ לענגערער צייט פון אונדזער ביידנס שווייגן, פרעג איך אים:

— זאָג מיר, יאַסקע, דו האָסט געוווּסט, אַז קלאַראַ איז אַזאַ, ווי כאַוווּטשע האָט זיך אויסגעדריקט: „אַ שיין עפּעלע נאָר אַ פאַרפוילטס״? זאָג!

— יאָ, אַדאָם, כ׳האָב עס געוווּסט — האָט ער געענטפערט מיט אַ זיפץ.

— אויב אַזוי, איז פאַרוואָס האָסטו מיר נישט גלייך דאָס געזאָגט, איידער זי איז מיר טיף אַריין אין האַרצן? פאַרוואָס?

— ביסט אפשר גערעכט — האָט ער מיר געענטפערט — אָבער מוזט פאַרשטיין אַז ס׳איז פאַראַן אַ סיבה און די סיבה איז אָט וואָס: ווען האָסט דיך באַוויזן פאַר אונדז מיט קלאַראַ, אַ שמייכלדיקער, אַ צופרידענער, האָב איך מיר געטראַכט, אַז דו וועסט מיט איר פאַרברענגען אַ צוויי וואָכן, און ס׳וועט זיך ענדיקן אָט די קליינע אַוואַנטורע, אַזוי ווי מיט יעדן איינעם און וועסט זיכער גאָר שנעל פאַרגעסן און ס׳וועט בלייבן ווי ס׳וואָלט גאָר־נישט געשען... ווייל כ׳האָב געוווּסט, אַז מער ווי צוויי וואָכן, דויערט עס נישט ביי איר. פיל מאָל נאָך ווייניקער, ווען כ׳האָב געזען אַז עס דויערט לענגער און אַזוי ווי איך קען דיך, איך ווייס אַז דו פאַרמאָגסט אין דיר אַזעלכעס, וואָס מען זוכט נישט זיך צו דערווייטערן פון דיר, האָב איך מיר געטראַכט, אַז אפשר... אפשר האָט קלאַראַ געפונען אין דיר דאָס, וואָס זי האָט געזוכט, ווייל סוף־כל־סוף, איז קלאַראַ אַ ערלעך מיידל, אמת, זי האָט אַ שוואַכקייט צו ייִנגלעך... און אַזוי ווי איך האָב געזען, אַז איר ביידע זענט שטענדיק צוזאַמען, האָב איך מיר דערלויבט צו מאַכן מיט איר דעם שפּאַס, און פאַרלאַנגט פון איר מיין שדכנות געלט... נו, האָט זי מיר גע־געבן אָט דעם ענטפער; האָב איך פאַרשטאַנען אַז איצט וועסטו זיכער ליידן; מיר פלעגן טיילמאָל שמועסן וועגן אייך און געקומען צום באַשלוס, אַז דו האָסט איר באַאיינפלוסט, זי געמאַכט פאַר אַ לייט, אָבער נאָך מיין טרעפן זיך מיט איר, האָבן מיר באַשלאָסן אַז אויך דו מוזט עס וויסן, און מיר האָבן אויסגערעכנט, אויב וועסטו איר פאַרלירן, טאָ ווייס ווּעמען דו האָסט פאַרלוירן, און אויב האָסטו איר טאַקע אַזוי שטאַרק ליב, וועסטו אפשר קענען ווירקן אויף איר, אַזוי האָבן מיר גערעכנט.

איך האָב אויסגעהערט די ווערטער פון מיין חבר און אים פאַרשטאַנען. כ׳האָב גאָרנישט געהאַט אים וואָס פאַרצוואַרפן, און אים געזאָגט:

— יאָ, יאַסקע, כ׳וועל מוזן באַשטימען ווי אַזוי האַנדלען. די זאַך איז נישט אַזוי איינפאַך, דאַרף מען זיין זייער פאַרזיכטיק, איך מוז צוטראַכטן אַ פּלאַן.

מיר האָבן זיך געדריקט די הענט, און אַ שטאַרק פאַרטראַכטער בין איך אַוועק.

24

אַהיימקומענדיק, האָב איך געהאַט אַ פריידיקן סורפּריז: מיינער אַ קוזין גרייט זיך פייערן זיין חתונה און האָט אַרויסגעשיקט איינלאַדונגס־קאַרטן פאַר מיר מיט מיין מיידל. כ׳האָב זיך געפרעגט: ווער ווייסט דען, אַז איך האָב אַ מיידל? כ׳האָב אין דער איינלאַדונג דערזען אַ הילף צו מיין פּלאַן; איך וועל איר ווייזן די איינלאַדונג און איר גאַנץ פּשוט פרעגן צי זי גייט מיט מיר אויף דער חתונה, ווו זי וועט האָבן די געלעגנהייט צו באַ־קענען מיינע עלטערן, און מיין משפּחה. כ׳בין געוואָרן עפּעס אַזוי דערפרייט, אַז כ׳האָב גלייך געוואָלט אַרויפגיין צו קלאַראַ און ווייזן איר די איינלאַדונג, אָבער, כ׳האָב דאָס דאָך געלאָזט אויף מאָרגן.

כ׳בין געקומען אויף דער חתונה צוזאַמען מיט קלאַראַ. זי האָט גע־טראָגן אַ ניי קלייד, וואָס כ׳האָב עס געלאָזט מאַכן ספּעציעל פאַר איר, ס׳זאָל איר קליידן צו אירע ליכטיקע בלויע אויגן, צו אירע ליכטיקע האָר. אויך נייע שיך האָב איך איר געקויפט. כ׳מוז דיר זאָגן מינקע, אַז קלאַראַ האָט זייער אויסגענומען, מען האָט איר באַוואונדערט.

אַרום די לאַנגע געדעקטע טישן, האָבן מיר געהאַט בלויז עפּעס פאַרזוכט פון די אַלע גוטע זאַכן. איך האָב צו מיין גרויס שטוינונג געהערט אויסרופן דעם נאָמען קלאַראַ, זי זאָל עפּעס זינגען, עפּעס דעקלאַמירן, פון וואַנען דער רוף איז געקומען האָב איך נישט געוווּסט; געוויס האָט ווער פון די געסט איר געקענט. נאָך מער האָט מיך געוווּנדערט, וואָס קלאַראַ איז נישט געוואָרן איבעראַשט, זי האָט זיך אויפגעשטעלט, און צוגעגאַנגען אויבן אָן, זיך אַוועקגעשטעלט באַטראַכטן דעם גאַנצן עולם און אָנגעשפּאַרט ביידע הענט אויף אַן אָנלען פון אַ שטול. אַ שטילקייט האָט געהערשט ווי אין אַ שול, ווען דער חזן פאַרנעמט זיך אָנהייבן כל־נדרי. די שפּאַנונג איז כסדר געוואַקסן, ביז זי האָט אַרויסגעזאָגט די ערשטע ווערטער, דעם טיטל פון דעם ליד: „די דריי טעכטערלעך״ פון געבירטיק, וואָס איז טאַקע געווען צוגעפּאַסט צו זינגען אויף אַ חתונה.

איר שטימע האָט געקלונגען אין דער שטילקייט ווי זילבערנע

גלעקלעך. דער עולם איז באַשטאַנען פון יידן מיט בערד און לאַנגע קאַ־פאָטעס. דוכט זיך, אַז צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן, ווי זיי האָבן גע־הערט אַזעלכע ווערטער, ביי געוויסע שטאַרקערע אויסדרוקן האָט זי הויך פאַרריסן איר קאָפּ. אירע גאָלדענע האָר האָבן אַ פלאַטער געטאָן, אירע בליקן האָבן געוואָנדערט ערגעץ ווייט, ווייט. און ווען זי האָט פאַרענדיקט, האָבן אַ הילך געטאָן די אַפּלאָדיסמענטן. זי איז געשטאַנען אַ שמייכלדיקע, גע־וואַרט ס׳זאָל זיך איינשטילן, זי האָט אַ באַוועג געטאָן מיט איר האַנט און ס׳איז גלייך שטיל געוואָרן. און אין דער שטילקייט, אַרומגענומען מיט אַ מאַסע בליקן, האָט זי געמאָלדן, אַז איצט וועט זי זינגען: „דאָס בעריאָז־קעלע״ פון דוד איינהאָרן.

כ׳מוז דיר זאָגן, מינקע, איך דערמאָן מיך, גלייך ווי ס׳וואָלט געשען ערשט נעכטן, זי האָט געזונגען „יעדעס, יעדעס בלעטעלע אירס, שעפּטשעט שטיל אַ תפילה״. און די כלי־זמרים האָבן איר שטיל באַגלייט.

מען האָט געשלונגען יעדעס וואָרט, זי האָט באַגייסטערט, מיין מוטער האָט נישט פאַרפעלט איינצורוימען געוויסע פון אירע נאָענטע, אַז אָט דאָס הערלעכע מיידל, וואָס אַלע באַוואונדערן, איז מיין צוקונפטיקע... אָבער אין מיין האַרץ האָט קיינער נישט אַריינגעבליקט, ווי דאָרט טריפט אַ טרויעריקייט. ווי דאָס האַרץ צאַפּלט ביים געדאַנק אַז זי זוכט איצט אַ וועג מיך צו פאַרלאָזן. קיינער האָט אויך נישט דערקענט אין מיין מיט־שמייכלען, אַז גראָד היינט האָב איך באַשלאָסן צו הערן פון איר אַליין, וועגן אונדזער ווייטערדיקן גורל.

פאַרטאָג, האָבן מיר פאַרלאָזט די חתונה, מיר זענען אַראָפּ אויף דער גאַס און אין מיין מוח האָבן זיך געפּלאָנטערט פאַרשידענע געדאַנקען, ווי אַזוי אָנהייבן רעדן מיט איר; איך בין געווען ווי פאַראַליזירט און אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן וואָס איך וויל רעדן מיט איר. איר בליק האָט מיך איינ־געהילט אין אַזאַ סודותדיקער וועלט. מיט איר — האָב איך געטראַכט — דאַרף דאָס צוזאַמענלעבן, זיין טויזנט מאָל אַנדערש, טויזנט מאָל בעסער, בלויז איין בליק פון איר... כ׳האָב מיך אָנגענומען מיט מוט, און איר געזאָגט:

— דו ווייסט, קלאַראַ, אַז אַסך האָבן מיך באַגריסט, אפילו מיט קנאה, וואָס איך פאַרמאָג אַזאַ הערלעך מיידל ווי דו ביסט, וויל איך דיך איצט פרעגן: געהערסטו טאַקע מיר? אָט זענען מיר געווען אויף אַ חתונה, צוויי יונגע מענטשן, אַ בחור מיט אַ מיידל, וואָס האָבן זיך ליב, האָבן געפייערט זייער חתונה, מען האָט זיי געווונטשן מזל און גליק, און איך האָב דערביי געטראַכט אַז דאָס זעלבע וועט געשען אויך ביי אונדז... אָבער ס׳נאָגט מיך אַ צווייפל: כדי צו זיין באמת גליקלעך, מוזןביידע זיך ליב

האָבן: איז האָסטו מיך ליב, איז ווי קומט עס וואָס דו ווייזט אַרויס צו מיר לעצטנס אַזאַ קאַלטקייט? אַזאַ מאָדנע גלייַגילטיקייט? האָסטו מיך ליב? קלאַראַ טייערע, זאָג!

מיר זענען געגאַנגען טריט ביי טריט. איך האָב איר געפירט אונטערן אָרעם. זי האָט אויפגעהערט שמייכלען, געוואָנדן אירע בליקן ערגעץ אין דעם וויטן טונקעלען פאַרטאָג. מיר האָט זי קיין איין בליק געשאָנקען. איך האָב געוואַרט זי זאָל עפּעס זאָגן, עפּעס ענטפערן, מיין האַרץ האָט זיך געוואָרפן אין מיר, ס׳האָט געדויערט אַ געוויסע צייט און זי האָט גאָרנישט געענטפערט.

— דאַרפסט זיך נישט קווען מיר צו זאָגן אפילו, ניין! — האָב איך זיך אָנגערופן — אָבער אַן ענטפער מוזטו מיר געבן, איך בעט דיך, זיי דרייסט און זאָג עס מיר.

זי האָט נישט אָפּגעוואָנדן אירע בליקן פון דער וויטקייט און אויף מיינע פראַגן, אויף מיין צושטיין צו איר, האָט זי זיך געמאַכט ווי טויב. כ׳האָב דערזען אַז כ׳דאַרף מער נישט פרעגן. איר שווייגן איז געווען דער בעסטער ענטפער. אָבער געדענקענדיק די ווערטער פון יאָסקען, בין איך צוזאַמען מיט מיין צערייצטקייט, אויך געוואָרן איינגעשפּאַרט און כ׳האָב איר געזאָגט שוין מיט פאַרביטערטקייט:

— קלאַראַ! דו שווייגסט, האַ? דיין שווייגן איז פאַר מיר אַ סימן, אַז מיין צווייפל איז געווען באַרעכטיקט. ביסט אפילו נישט דרייסט מיר צו זאָגן, אַז דו האָסט מיך נישט ליב. אַזאַ דרייסטע ווי דו ביסט, איז דיר ווירקלעך שווער צו זאָגן דאָס וואָרט, ניין? איך וועל פּשוט אַנטלויפן, אויב דו וועסט מיר נישט ענטפערן.

גייענדיק אַזוי לאַנגזאַם, זענען מיר צוגעקומען צו איר הויז, מיר זענען שטיין געבליבן און איך האָב נאָך אַלץ געוואַרט אויף אַן ענטפער און דער ענטפער איז נישט געקומען. אנשטאָט מיר עפּעס זאָגן, האָט זי געמאַכט אַ פּרווו מיך צו דערנענטערן צו איר, איך זאָל איר קושן; איך האָב מיט גרויסע אָנשטרענגונגען אויסגעמיטן דאָס דערנענטערן זיך צו איר.

— קלאַראַ! — האָב איך געזאָגט — איצט, פאַרלאַנג איך פון דיר איין וואָרט, זאָג, אַז דו האָסט מיך ליב, אפילו ס׳זאָל זיין אַ ליגן, נאָר זאָג עס מיר.

כ׳האָב געוואַרט אויף אַן ענטפער און זי האָט מיר גאָרנישט געזאָגט. כ׳האָב אָנגעקלינגען אין טויער כדי דער סטרוזש זאָל עפענען. כ׳האָב איר צוגעוואָרפן — אַן „אַדיע" און כ׳בין אַוועק, לאָזנדיק איר אַליין אין ווינקל פון טויער.

מינקע, דערהערנדיק פון מיר די ווערטער, „אַדיע, און כ׳בין אַוועק",

האָב איך דערפילט ווי וואַרעמע טרערן רינען פון אירע אויגן. ס׳האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע ווײַלע, ביז זי האָט זיך באַרואיקט, אײַנטולענדיק זיך נאָך שטאַרקער אין מיר.

— אַה, אַדאַם, — האָט זי געשעפּטשעט, — טײַערער, אָרעמער אַדאַם.

כ׳האָב פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. כ׳האָב איצט נאָכאַמאָל איבערגע־לעבט דאָס פײַנלעכע געפיל פון יענעם פאַרטאָג.

זי האָט מיך שטיל געפרעגט:

— און דאָס איז געווען די ענדע? האָסטו איר מער נישט געזען?

— ניין, מינקע, ס׳איז נאָך ווײַט נישט געווען די ענדע. די ענדע איז געווען אַ סך שפּעטער.

25

— צומאָרגנס, זענען מיינע עלטערן צוגעשטאַנען צו מיר, איך זאָל קומען אין הויז אַריין מיטן מיידל, וואָס האָט אַזוי שיין געזונגען אויף דער חתונה. זיי ווילן איר זען, און רעדן מיט איר.

אויף אַזאַ צושטיין פון מיינע עלטערן, איבערהויפּט פון מיין מוטער, האָב איך זיך געריכט. איך האָב אויסגעזוכט פאַרשידענע תירוצים: אַז זי איז נאָכנישט אויף זיכער מיינע... דערווייל איז זי נישט מער ווי מיינע אַ חברטע... — מיין מוטער איז אָבער נישט מסכים געווען, זי האָט געזאָגט אַז איך בין אַ שלעכטער.

און איך האָב אָנגעהויבן אויף אַן אמת צו ליידן. ס׳האָט מיר גע־פעלט איר שמייכל, וואָס האָט מיר דערוואַרעמט די נשמה. ס׳האָט מיר גע־פעלט דער בליק פון אירע שיינע, ליכטיקע אויגן. ס׳האָט מיר אויך געפעלט דאָס זען אירע שיינע, געמאָסטענע טריט. טיילמאָל האָב איך באַקומען אַ ווילן, אַ שטאַרקן פאַרלאַנג, אָפּצוּוואַרטן איר נאָך איר אַרבעט, אָדער זיך באַהאַלטן אויף דער אַנדערער זייט גאַס און קוקן פון דערווייטנס, ווי זי גייט אַהיים. אַזוי אומבאַמערקטערהייט איר נאָכגיין. אָבער נאָך וואָס זיך שפּילן אין באַהעלטערלעך? דאָ האָט זיך נישט געהאַנדלט אין עקשנות; איך האָב געוווסט, וואָס זי האָט געזאָגט יאָסקען; כ׳האָב דאָך געוווסט איר באַשלוס, זי האָט עס באַשטעטיקט מיט איר שווייגן, און כ׳האָב אויך געוווסט איר שוואַכקייט, דעמאָלט, אין דער ווינונג פון מיין בעל־הבית, פאַרוואָס האָט זי זיך דערלויבט אויף אַזעלכעס? פאַרוואָס? אויב האָט זי אַליין גאָרנישט אָפּגעפילט, איז זי דאָך נישט מער ווי אַ הוילע, פּוסטע כלי...

יאָ, זי איז צוריקגעקומען צו מיר: איך האָב געהאָפּט אויף איר קומען, און אין אַ געוויסן אָוונט ווען איך קום אַראָפּ אויף דער גאַס נאָך דער אַרבעט, דערזע איך ווי זי קומט מיר אַנטקעגן. איך האָב געמיינט, אַז איך פאַל אַנידער. זי האָט מיך אָפּגעוואַרט. כ׳האָב דערפילט דאָס גאַנ־צע ליבע־געפיל, וואָס כ׳האָב געטראָגן אין מיין האַרצן צו דעם דאָזיקן מיידל, וואָס איז געווען אַזוי גרויזאַם צו מיר. איך האָב געפילט ווי מיין

בלוט שטראָמט אין מיר האַסטיקער און פאַרשטאַנען אַז זי האָט מיר עפּעס וואָס צו זאָגן.

זי האָט מיך גענומען אונטערן אָרעם, גלייך ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען צווישן אונדז. מיר איז אַזוי ליב געווען דאָס פילן איר האַנט אונטער מיין אָרעם. כ'האָב געפילט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג איר עפּעס זאָגן, נאָר כ'האָב מיך באַהערשט מיט אַלע קרעפטן.

— אַדאַם, — האָט זי זיך אָנגערופן — איך דאַרף פון דיר אַ גרויסע טובה.

— דו פון מיר? איך בין שטענדיק גרייט צו טאָן פאַר דיר אפילו דאָס אוממעגלעכסטע, זאָג, וואָס איז דיין פאַרלאַנג?

אויף מיינע ווערטער איז געקומען איר כישוף־שמייכל: אירע בלויע אויגן האָבן אויפסנייַ אָפּגעשטראַלט פון אונטערן דאַשעק, און זי זאָגט מיר:

— מיינע אַ מומע איז זייער קראַנק. זי איז איינע אַליין; יעדע נאַכט, נעכטיקט ביי איר איינער, אָדער איינע פון דער משפחה. היינט איז מיין פליכט צו בלייבן מיט איר. איך האָב שטאַרק מורא אַליין צו בלייבן אַ גאַנצע נאַכט מיט אַ קראַנקער, בעט איך דיך, קום מיט מיר, קום, זאָג מיר נישט אָפּ, איך בעט דיך, קום...

כ'האָב אַריינגעקוקט אין אירע אויגן, אַ שטאַרק צערודערטער. אַזאַ שוואַכקייט איז מיך באַפאַלן, איר רופן מיך „קום", איז געווען באַגלייט מיט אַזאַ רייץ, מיט עפּעס אַזאַ סודותדיקן צוזאָג... איך האָב מיך באַהערשט; די גרויסע טובה, וועלכע זי פאַרלאַנגט פון מיר, איז מיר גאָרנישט אַזוי שטאַרק געפעלן און איך זאָג איר:

— קלאַראַ, ווער בין איך דאָס פאַר דיר, וואָס דו קומסט צו מיר מיט אַזאַ פאַרלאַנג? האָסטו פאַרגעסן, אָדער מאַכסט דיך פאַרגעסן, אַז כ'בין אַוועק פון דיר, ווייל איך וואַרט אויף דיינס אַן ענטפער?

— קום אַדאַם, איך וועל דיר שוין זאָגן דאָרט, כ'וועל דיר שוין זאָגן...

דער „דאָרט", האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט ווי אַן ערדיש גן־עדן, זי וועט מיר שוין זאָגן, דאָרט, ווו מיר וועלן זיין אַליין.

— איך מוז שוין גיין, אַדאַם, איך מוז שוין דאָרט זיין, איך בעט דיך, דאָ האָסטו דעם אַדרעס, און קום נישט צו שפּעט.

זי איז אַוועק, זי האָט זיך געאיילט, און איך בין געבליבן שטיין. לאַנג, לאַנג איר נאָכגעקוקט און געזען ווי זי שטעלט אירע טריט; נישט זי גייט, נאָר זי שוועבט מיט אירע געמאָסטענע טריט. ס'איז מיר געוואָרן אַזוי לייכט אויף דער נשמה. כ'האָב פלוצים דערפילט ווי פרישע שטראָמען בלוט פליסן אין מיינע אָדערן, כ'בין באַהערשט געוואָרן פון אַזאַ יום־טוב שטימונג. — „קום נישט צו שפּעט".

איך בין שנעל אַהיים געגאַנגען און זיך צוגעגרייט צו מיין וויזיט. איך האָב אויסגעזוכט אַ תירוץ פאַר מיינע עלטערן און זיי געזאָגט, אַז היינט קום איך נישט אַהיים. כ׳האָב געגעסן דאָס נאַכטמאָל ווי אין אַ פיבער, ווער דאַרף דען עסן? איך בין שוין זאַט געוואָרן פון איר רופן מיך...

כ׳בין אַראָפּ אין גאַס און האָב אָנגעהויבן לויפן צו איר. כ׳האָב נישט געפילט מיינע טריט אויפן אַספאַלט און ווען כ׳בין צוגעקומען צו דער טיר, האָט זיך מיין האַרץ האַסטיקער געוואָרפן; אָט וועט זי מיך אויפנעמען מיט אירע אויסגעשטרעקטע אָרעמס... איך האָב לייכט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. קלאַראַ האָט מיר געעפנט, מיך אויפגענומען מיט איר שמייכל, אָבער איר שמייכל איז גלייך פאַרשווונדן. זי האָט מיך אַריינגעפירט אין דער גרויסער אָרעמער שטוב, איך האָב דערזען ביים טיש זיצן אירע אַ קוזינקע, וועלכע כ׳האָב שוין אייניקע מאָל געזען, אַ קראַנקע, אַן אויסגעדאַרטע, איין פּוס איז געווען דין ווי אַ שטעקן, דער אַנדערער עטוואָס דיקער. דאָס פּנים און אויך דער האַלדז, פול מיט גרויסע העפּטן. איר קרענק האָט זיך אָנגערופן „סקראָפּאַליטשנע״. כ׳האָב דעמאָלט נישט געוווסט וואָס דאָס איז פאַר אַ קרענק. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך דערנענטערט צו מיר און דערלאַנגט מיר איר דאַרע האַנט.

קלאַראַ האָט מיר אונטערגעטראָגן אַ שטול, כ׳האָב מיך אַרומגעקוקט איבערן צימער, וואָס איז געווען געטיילט אין צווייען, מיט אַ דיקער שווערער פאָרהאַנג. פון יענער זייט פאָרהאַנג האָט זיך געהערט פון צייט צו צייט שטילע קרעכצן, אַ שוואַכע שיין האָט באַלויכטן יענע זייט, וווּ די קראַנקע איז געלעגן, ס׳האָט זיך אויך געפילט אַ ריח פון רפואות.

— וואָס טו איך דאָ? — האָב איך געטראַכט — בין איך דען נישט איצט אַן איבעריקער? פאַרוואָס האָט זי מיך גערופן? און ווי זענען אירע אויסגעשטרעקטע אָרעמס?... כ׳האָב באַקומען אַ ווילן צו אַנטלויפן, אָבער, כ׳האָב געטראַכט, אַז אפשר איז די קוזינקע צופעליק געקומען און זי וועט דערנאָך אַוועקגיין? כ׳בין געזעסן ווי אויף הייסע קוילן אַ האַלבע שעה, אַ שעה, ס׳נעמט נישט קיין עק. כ׳האָב מיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן אַרומשפּאַצירן איבער דער שטוב.

ענדלעך האָט זי זיך אויפגעשטעלט און באַלד דערנאָך אויך קלאַראַ. איך האָב לייכטער אָפּגעאָטעמט, זי האָט זיך דערנענטערט צום אייזערנעם בעטל וואָס איז געשטאַנען האַרט נעבן אַ וואַנט, אָנגעהויבן זיך אויסטאָן, גרייטנדיק זיך לייגן אין דעם בעטל שלאָפן. קלאַראַ האָט מיך ווידער באַגליקט מיט איר שמייכל, מיך געבעטן כ׳זאָל נישט קוקן אין דער זייט.

באַלד דערנאָך איז קלאַראַ אַריין צו דער קראַנקער, און ס׳האָט זיך געהערט פון יענער זייט פאָרהאַנג אַ שטיל געשפּרעך. ווען זי איז צוריק

אַריינגעקומען, האָט זי טיף אָפּגעאָטעמט און אָנגעהאָנגען אויף מיר איר שמייכל. זי האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ פון דער זייט, ווי מיר זענען געווען. בלויז פון יענער זייט פאָרהאַנג האָט א ביסל אַריינגעלויכטן, זיך דערנענטערט צום אייזערנעם בעטל ווו איר קוזינקע איז שוין געלעגן אַ צוגעקאָוועטע צו דער וואַנט, און געקוקט אויף מיר נאָך אַלץ מיט דעם זעלבן שמייכל, און אָנגעהויבן זיך אויסטאָן...

איך בין געשטאַנען ווי אַן באַוווסטזיין. נישט געקענט אָפּווענדן מיינע בליקן פון איר, איר איצטיקער שמייכל, גאַנץ אַנדערש ווי יעדעס מאָל, האָט מיך שוין געהאַלטן געפאַנגען, זי האָט זיך ביסלעכווייז אויס־געטאָן, ביז זי איז געבליבן אין איר נאַכט־העמד. קוקנדיק אַזוי אויף מיר האָט זי זיך געלייגט אין דעם בעט, ווי איר „סקראָפּאָליטשנע״ קוזינקע האָט זיך גאָר האַרט צוגעדריקט צו דער וואַנט, ביז זי האָט מער קיין אָרט אין דעם בעט נישט פאַרנומען. קלאַראַ האָט פלוצים אויפגעהויבן דעם צודעק, דערנאָך האָט זי אונטערגעהויבן איין קני, דער אַנדערער פוס איז געווען אויסגעצויגן גלייך, האָט צו מיר געשמייכלט, מיך גערופן:

אַ היץ האָט מיך באַשלאָגן, ס׳איז מיר עפּעס אַזוי ענג געוואָרן, אַז כ׳האָב געוואָלט שרייען. כ׳בין געווען ווי היפּנאָטיזירט; דורך אַ נעפּל האָב איך געזען איר שמייכל, אירע רופנדיקע אויגן, אַזוי האָב איך זיך אַ וואַקלדיקער דערנענטערט צו איר. כ׳בין געפאַלן אויף די קני:

כ׳האָב נישט געוווסט ווי לאַנג איך בין אַזוי פאַרבליבן, כ׳ווייס אויך נישט ווען כ׳האָב אַראָפּגעוואָרפן פון מיר די קליידער. כ׳האָב מיטאַמאָל דערפילט ווי מען האָט מיך אַריינגענומען אין אַזאַ וואַרעמקייט... אַז כ׳האָב מיך אויפגעוועקט פון מיין באַוווסטלאָזן צושטאַנד האָט די „סקראָפּאָליטשנע״ קוזינקע געקוקט אויף מיר פון דער וואַנט אַרויס, מיט אַזעלכע גרויסע קעלבערנע אויגן און נאַריש געשמייכלט.

כ׳האָב מיך אָנגעהויבן אָנטאָן. כ׳האָב געוואָלט וואָס שנעלער אַנט־לויפן פון דער שטוב אַזוי ווי פון אַ גיהנום און פאַרן פאַרלאָזן די אומ־היימלעכער שטוב, האָב איך צוגעוואָרפן קלאַראַ׳ן די ווערטער:

— נישט אַזעלכעס האָב איך דערוואַרט פון דיר, ניין, נישט אַזעלכעס! נישט קיין געשענקטן שמייכל; אַ וואָרט האָב איך פון דיר פאַרלאַנגט און דאָס וואָרט איז נישט געקומען.

כ׳בין אַרויסגעלאָפן, געהאַט אַ ווילן צו וויינען פאַר פאַרדרוס, כ׳האָב מיך אַרומגעדרייט איבער די פאַרשנייטע גאַסן, די קעלט האָט געפּרעסן מיינע ביינער, מיין צעהיצטן קערפּער. כ׳האָב אַ בליק געטאָן אויפן זייגער, ס׳איז געווען עלף אָוונט.

26

יאָ מינקע! איך האָב געוואַרט אויף אַ וואָרט, כ׳האָב שוין געוווסט אַז זי איז פאַרדאָרבן און איך האָב מיך פאַרנומען איר אויסצוהיילן. כ׳וואָלט איר געהיילט מיט צערטלעכקייטן. אָנשטאָט אַ טייער וואָרט, האָט זי מיר געגעבן אַ ביליקע ליבע, אַזאַ וואָס מען קען עס קויפן צו יעדער צייט, אַ ליבע אָן צערטלעכקייטן, ווי כ׳וואָלט געוועזן איינער צווישן אַ סך אַנדערע...

אויף מיין געלעגער, האָב איך זיך נאָך אַלץ נישט געקענט באַרואיקן, איך האָב נאָכגעטראַכט, און כ׳האָב באַדויערט, וואָס גראָד איר האָט די נאַטור באַשאָנקען מיט אַזאַ הערלעכן אויסזען, ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע טייערע מיידלעך, מיט ריינע, ערלעכע הערצער און געוויסנס. אָבער מיטאַמאָל האָט מיך אָנגעהויבן פּייניקן אַ שרעקלעכער געדאַנק, וואָס האָט מיך פּשוט אויפגעשוידערט: — אַז נישט די פרוכט פון אונדזער ליבע וועט זי טראָגן אונטער איר האַרץ, נאָר די פרוכט פון אַ פאַרברעכן! — מיט אַ שרעק האָב איך מיך געפרעגט: — צי איז דאָס נישט געווען אַן אויסגערעכנטער שריט? און אויך דאָס נעמען פאַר אַן עדות די סקראפאליטשנע קוזינקע אירע?

שפּעטער, האָב איך אָנגעהויבן טאָפּלט ליידן; איבערהויפּט אין די נעכט האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן זיך צו באַפרייען פון דעם געדאַנק; כ׳בין כסדר געווען פאַרטראַכט, מעלאַנכאָליש. מיין חברה האָבן דאָס באַמערקט, האָט מען זיך אָנגעהויבן סודען אויף מיין חשבון: אַז נישט אַנדערש, נאָר דערפאַר וואָס קלאַראַ האָט מיך פאַרלאָזט בין איך אין אַזאַ צושטאַנד און כאָטש קיינער האָט מיך גאָרנישט געפרעגט, גאָרנישט געזאָגט, האָבן זיי ווי מיט אַ שטילן הסכם, מיך מכבד געווען מיט אַ קאָמישער ראָלע; כ׳בין געווען זיכער, אַז דאָס האָבן זיי געטאָן מיט אַ געוויסער אויסרעכענונג, איך זאָל ווערן אַ ביסל פריילעכער, אָדער, איך וועל מיין קאָמישע ראָלע שפּילן מיט אַזאַ מעלאַנכאָליש פּנים, און ס׳וועט זיך באַקומען מער קינסטלערישער, ווי כ׳האָב מיין ראָלע געשפּילט, ווייס איך נישט. מיין האַרץ האָט שטאַרקער געקלאַפּט, פאָרשטעלנדיק זיך, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועט זי

קומען, אין איינרוימען מיר אַ סוד... איצט וועט זי מיר איינרוימען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

מיט די דאָזיקע געדאַנקען האָב איך געלעבט יעדן טאָג, אַ פריילעכקייט האָט געהערשט אומעטום, נאָר איך בין אַרומגעגאַנגען מיט אַ שווערקייט אויף מיין געוויסן.

און איצט מינקע, איך ווייס אַז דו ווילסט וויסן דעם סוף, וועסטו הערן דעם סוף.

27

אַ פּאָר טעג פֿאַר שבֿועות, איך קום פֿון דער אַרבעט, איך באַווייז קוים מיך אָפּצוּוואַשן, דערהער איך ווי מען פֿרעגט זיך נאָך אויף מיר. איך לויף שנעל אַרײַן אין קאָרידאָר און דערזע אַ מיידל, אַ חבֿרטע פֿון קלאַראַ. ווי נאָר זי האָט מיך דערזען, דערלאַנגט זי מיר אַ בריוועלע און ווערט גלייך פֿאַרשוווּנדן. איך האַלט דאָס בריוול אין מײַן האַנט, ס'האָט מיר געבריט די פֿינגער, איך עפֿן דאָס בריוול מיט אַ שרעק און הויב אָן לייענען: איך זעץ מיך ביים פֿענצטער און קוק כּלומרשט אַרויס, די קניען זענען מיר געוואָרן ווי אונטערגעהאַקט. איך לייען דאָס בריוול איינמאָל און נאָכאַמאָל; ס'איז געווען גענוג קלאָר דאָס פּאָר ווערטער איך האָב מיך געשראָקן די גאַנצע צייט, האָט זי מיר אין דעם בריוול געשריבן:

„אַדאַם, איך בעט דיך זייער זאָלסט קומען מאָרגן מיטוואָך, אַרום ניין דער זייגער אָוונט, איך וועל אויף דיר וואַרטן, איך דאַרף דיך זייער נויטיק האָבן"... ס'איז אָנגעגעבן געוואָרן אויף וועלכן אָרט, גאַס, נומער, אונטערגעשריבן — קלאַראַ.

כ'בין אַראָפּ אין גאַס צו זײַן אַליין, אַליין מיט זיך און מיט מײַנע געדאַנקען. איך בין געגאַנגען איבער די וואַרשעווער גאַסן, ביז כ'בין צו־געקומען צו „קראַשינסקיס גאָרטן". איך האָב אויסגעמיטן די „פּראָלעטאַרי־שע אַלעען", כּדי נישט צו טרעפֿן וועמען פֿון מײַנע באַקאַנטע, כ'האָב מיך אַוועקגעזעצט אין אַ שטיל ווינקל און געזעדט צו זיך אַליין:

— הייסט עס, אַז מײַן פֿאַרגעפֿיל האָט מיך נישט אָפּגענאַרט, וואָס וועט זײַן איצט? ווי אַזוי וועט דאָס זײַן ווען אַלע וועלן זיך דערוויסן דערפֿון? הייסט עס, אַז איך בין שוין אַ פֿאָטער פֿון אַ קינד? אַ קינד, וואָס וועט געבוירן ווערן דורך אַ צופֿאַל; הייסט עס, אַז זי האָט עס געטאָן מיט דער אויסרעכענונג, אין וועלכער איך האָב איר באַלד דערנאָך באַשולדיקט? האָט זי דאָך טאַקע מיך יאָ ליב, בלויז נישט געוואָלט מיר זאָגן דאָס וואָרט, און אַזוי איז עס דען באַרעכטיקט? מיך שטעלן פֿאַר אַ געשעענעם פֿאַקט? מיך, מײַנע עלטערן, אירע עלטערן, אַלע חבֿרים, און זי אַליין? אפֿשר וועט זי זײַן אויף אַזוי פֿיל דרייסט, און וועט נישט לייקענען אַז דאָס האָט זי

געטאָן מיט אַן אויסרעכענונג, כדי צו זיין זיכער מיט מיר?

דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן זוכן אין געדאַנק ווערטער, וואָס זאָלן באַרואיקן מײַנע עלטערן, איך וועל זיי זאָגן:

„מיר די היינטיקע יוגנט, די פּראָלעטאַרישע יוגנט, מיר, וואָס קעמפן פאַר אַ בעסערן מאָרגן, פאַר פרייהייט, און אויך פאַר פרייהייט פון ליבע", ווען צוויי יונגע הערצער פאַרליבן זיך, רעכנט מען זיך נישט מיט דער מיינונג צי, וועלן די עלטערן יאָ באַשטיין אויפן שידוך, אָדער נישט; זיי אַליין באַשטימען דעם גורל פון זייער צוקונפט" — אַזוי האָב איך געטראַכט, דאָס קען מען נישט אויסבאַהאַלטן, כ'האָב מיר פאָרגע־שטעלט, ווען איך וועל רעדן מיט אירע עלטערן, וועט זי זיכער שטיין דאָרט אין אַ ווינקל מיט פאַרטרערטע אויגן, דעמאָלט וועל איך איר צו־פירן צו אירע עלטערן, און וועל אין זייער קעגנוואַרט אויסווישן אירע טרערן, קושן אירע שיינע אויגן, צו ווייזן, אַז איך האָב איר באמת ליב; זיי וועלן נישט מאַכן פון דער זאַך קיין דראַמע, ס'איז געשען, אָבער מיר וועלן דאָס פייערן אויף אַ בכבודיקן אופן; — איך בין אָבער דעם אָוונט נישט אַרויפגעגאַנגען צו אירע עלטערן, גאָר שפּעט האָב איך זיך אַ שטאַרק מידער אַהיימגעשלעפּט.

צומאָרגנס, אַ גאַנצן טאָג ביי דער אַרבעט, האָב איך געזען אין דער פאָרשטעלונג ווי קלאַראַ שפּאַצירט אַרום הין און צוריק אויפן אָרט, ווי זי האָט באַשטימט מיר זאָלן זיך טרעפן, פון צייט צו צייט נעמט זי אַרויס איר טאַשן טיכל, ווישט אויס אירע אויגן, קוקט אויס מיין אָנקומען, דערנאָך, ווען זי האָט מיך דערזען, איז זי מיר אַנטקעגן געקומען מיט שנעלערע טריט, אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף מיין ברוסט, און האָט זיך צעוויינט...

אַזוי האָט עס מיך געפּייניקט דעם גאַנצן טאָג, ווען כ'האָב ענדלעך פאַרענדיקט מיין אַרבעט, און כ'בין אַהיימגעקומען, קוקנדיק כסדר אויפן זייגער, אַז אָט, נאָך אַ צוויי שעה, און כ'וועל ווידער זען מיין קלאַראַ.

אַרום אַכט אַזייגער אָוונט, ווען כ'האָב מיך שוין געגרייט אַראָפּ־צוגיין, איז צו מיין שלימזל אַריינגעפאַלן צו אונדז אַ מומע פון דער פּראָ־ווינץ מיט צוויי מיידלעך; מען האָט זיך זייער שטאַרק געפרייט מיט זיי. מיין מומע האָט נישט אויפגעהערט מיר פאַרצוואַרפן, פאַרוואָס איך בין אַזוי גלייכגילטיק צו זיי, מיין קוזינקע, אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן, האָט מיר אויך פאַרגעוואָרפן, אַז דעם גאַנצן וועג האָט זי געטראַכט, אַז איך וועל מיך אַביסל מער פאַראינטערעסירן מיט איר, ווייזן איר וואַרשע; איך בין געווען אומגעדולדיק, קוקנדיק כסדר אויפן זייגער, צען מינוט פאַר ניין, האָב איך זיך אַרויסגעריסן פון שטוב, זאָגנדיק מיין קוזינקע אַז כ'קום גלייך צוריק.

אויף דער גאַס האָב איך אָנגעהויבן לויפן, פאַר מיינע אויגן האָב איך געזען ווי קלאַראַ שפּאַצירט אַרום אַ פאַרזאָרגטע, אַ פאַרצווייפלטע הין און צוריק, אויסקוקנדיק מיך, כ׳האָב כמעט ווי אָפּגעפילט איר קאָפּ אויף מיין ברוסט. אין מיינע אויערן האָבן אָפּגעקלינגען איר קול ווי זי פרעגט מיך:

— „וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?״

כ׳בין אָנגעקומען אויפן אָרט מיט אַ צען מינוט פאַרשפּעטיקונג, קלאַראַ איז נישט געווען, איך האָב באַמערקט כמעט אויפן זעלבן אָרט אַ קליינע גרופּע, וואָס זענען געשטאַנען, געשמועסט, טיילמאָל געלאַכט, איך בין געגאַנגען אויף דער אַנדערער זייט טראָטואַר, כדי בעסער איר צו זען פון ווייטנס, אָבער קלאַראַן האָב איך נישט מער געזען. כ׳האָב געטראַכט, אַז די אָרעמע האָט זיכער נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן, מיינענדיק אַז איך וועל נישט מער קומען און איז אַוועק, אַוועק וווהין? אַהיים צו זיך? כ׳בין שטאַרק בייז געוואָרן אויף מיין מומע מיט אירע מיידלעך, וואָס גראָד היינט זענען זיי געקומען, מיך אויפגעהאַלטן און פאַרשפּעטיקט צוליב דעם.

מיטאַמאָל, דערהער איך אַ באַקאַנט קול, וואָס איז געקומען פון דער גרופּע.

— אָט איז אַדאַם — און אַלע האָבן געוואָנדן זייערע בליקן צו מיר כ׳האָב מיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו זיי, מיין האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן, צו מיין גרויס איבעראַשונג, האָב איך דערזען קלאַראַ, אַ פריילעכע, אַ שמייכלדיקע ווי אַלעמאָל, אויך איר חברטע וואָס האָט מיר אַרויפגעבראַכט דאָס בריוול פון איר. און נאָך צוויי אומבאַקאַנטע מיידלעך, צוויי חברים וואָס איך האָב זיי געזען צום ערשטן מאָל. ווען כ׳בין שוין געווען האַרט נעבן זיי, האָב איך אָנגעהויבן וואַנדערן מיט מיינע בליקן אויף קלאַראַ, אויף איר קערפּער, צי דערקענט מען עפּעס אויף איר, איר שלאַנקער קערפּער איז געבליבן ווי געווען, כ׳האָב באַקומען אַ ווילן צום שרייען פאַר פרייד, אָדער פאַר כעס, כ׳האָב געזאָגט אַ שטילן גוטן אָוונט, נישט אויסשטרעקנדיק מיין האַנט צו קיינעם, ווענדעט זיך צו מיר קלאַראַ גופא:

— מיר ווילן איינאָרדענען אַ היימישן אָוונט אין יום־טוב שבועות, פאַר אַ קליינער אינטימער גרופּע, דערפאַר האָב איך געשיקט דיך רופן, ווייל מיר ווילן דו זאָלסט באַווייזן פאַר אונדז דיינע אַקטיאָרישע פעאיקייטן, און ס׳וועט זיין זייער אָנגענעם... — אָפּגעזאָגט די פּאָר ווערטער, האָט זי פאַרגעזעצט.

— אָ, אינגאַנצן פאַרגעסן — און האָט מיר פאָרגעשטעלט אַ חבר, אַ דיקער ער איז געשטאַנען ווי אַ ברוגזער, און געזאָגט:

— זי באַקאַנט, דאָס איז מיין חבר...

— און איצט מינקע, אַז כ׳דערמאָן זיך אין יענער סצענע, ווען זי האָט פאַר מיר פאַרגעשטעלט „איר חבר״, אַלע האָבן מיך אָבסערווירט און איך האָב זיך דעמאָלט געפונען אין אַזאַ לאַגע, אַז כ׳האָב אינגאַנצן פאַר־לוירן מיין גלייכגעוויכט. די צינישע ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַזאַ שפּאָט, דאָס איינלאַדן מיך איך זאָל ווערן פאַר איר גרופּע אַ פּאַיאַץ, וויזן פאַר זיי מיינע אַקטיאַרישע פעאיקייטן, איר אופן פון רעדן צו מיר, עפּעס אַזאַ חוזק איז געלעגן אין איר שמייכל. איך ווייס נישט ווי אַזוי דאָס איז געשען, כ׳האָב אינגאַנצן פאַרלוירן מיין גלייכגעוויכט און זיך אָנגעהויבן טרייסלען פאַר כעס; מיין האַנט האָט זיך אויפגעהויבן און איר דערלאַנגט אַ פּאַטש. אַ פּאַטש פאַרוואָס כ׳האָב זיך אַליין דערשראָקן און כ׳בין גלייך אַוועק.

צומאָרגנס, ווען כ׳האָב פאַרלאָזט מיין אַרבעט, האָט מיך אָפּגעוואַרט דאָס זעלבע מיידל, וואָס האָט מיר נעכטן געבראַכט דאָס בריוול פון קלאַראַ; זי האָט מיר ווידער דערלאַנגט אַ בריוול פון איר, און איז גלייך פאַרשוואונדן. איידער איך בין אַרויף צו מיר אין שטוב, האָב איך געלייענט דאָס בריוול פון קלאַראַ:

„מיין ליבער אַדאָם״.

— איך מוז מודה זיין, אַז דיין האַנדלונג נעכטן אָוונט, איז געווען זייער באַרעכטיקט. ערשט איצט, פאַרשטיי איך דיך און איך צווייפל צו דו וועסט וועלן מיר מוחל זיין, אויב האָסט נאָך אַ געפיל פון ליבע צו מיר, בעט איך דיך, קום אומבאַדינגט היינט אָוונט. איך וועל אויף דיר וואַרטן, איך אַליין, קום.

„דיין קלאַראַ״.

וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מינקע? איך האָב דאָס בריוול געלייענט מערערע מאָל, כ׳האָב געזוכט צו פאַרשטיין, וואָס אַן אמת, האָב איך דאָך באַדאַרפט זיך צו אַנטשולדיקן פאַר מיין ברוטאַלע האַנדלונג, כ׳האָב ערגעץ וווּ געלייענט, אַז ס׳זענען פאַראַן פרויען, וואָס ווערן געהיילט פון שלעכטע געוווינהייטן, נישט דורך צערטלעכקייטן, נאָר דורך אַ ברוטאַלע באַ־האַנדלונג. דעמאָלט הייבט זי אָן קוקן אויפן מאַן מיט דרך־ארץ, דערנאָך גייט עס איבער אין אַ גרויסע ליבע...

אָבער דאָס בריוול האָט מיך נישט געלאָזט צו רו, ווידער האָב איך אויסגעקוקט די שעה, כדי מיך טרעפן מיט איר, דאָס מאָל בין איך גע־קומען מיט אַ צען מינוטן פריער:

כ׳בין אָנגעקומען אויפן אָרט און לאַנגזאַם שפּאַצירט נעבן גערטנדל אויף מוראַנאָווער פּלאַץ, כ׳האָב באַמערקט, אַז אין דער זייט זענען זייער ווייניק דורכגייער, עס זענען מיר אַנטקעגן געקומען צוויי בחורים, די דאַשקעס פון זייערע היטלען זענען אַראָפּגעריקט געווען איבער די אויגן, איינער האָט גלייך צו מיר זיך אומגעקערט, און מיך געפרעגט:

— זענט איר נישט אַמאָל לייבטשע פון וואָלינסקע?...

כ׳האָב נישט באַוויזן צו ענטפערן, אַז ער האָט מיר דערלאַנגט מיטן קאָפּ אין פּנים. דאָס האָט מען אָנגערופן ביי די אונטערוועלט יונגען אַ „קעפּקע״, איך בין אומגעפאַלן אַ צעבלוטיקטער.

איך בין געבליבן ליגן אויפן אַספאַלט, די צוויי האָבן מיך אָנגעהויבן שלאָגן מיט די פויסטן, מיט די פיס, מיט זייערע שווערע באַנעגלטע שיך, מיר דערלאַנגט אין קאָפּ, אין פּנים.

און ווי נאָר זיי זענען אַוועק, אַז כ׳האָב דערזען ווי דורך אַ נעפּל, דאָס געשטאַלט פון קלאַראַ; זי האָט זיך צו מיר אַראָפּגעבויגן, מיר אונטער־געהויבן דעם קאָפּ, לאַנג מיך באַטראַכט, גלייך זי וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי דאָס שטיקל אַרבעט איז פּונקטלעך אויסגעפירט געוואָרן און האַלטנדיק אַזוי מיין צעבלוטיקטן קאָפּ, האָט זי מיר אַ קוש געטאָן, און גלייך באַגלייט מיט אַ שטאַרקן פּאַטש אויף מיין צעבלוטיקטער באַק און זיך צו מיר אָפּגערופן:

— נו? העלד מיינער! ווען און ווו האָסטו דיך אויסגעלערנט געבן אַזעלכע פּעטש? ווי דו זעסט, האָב איך נישט געוואָלט דיר שולדיק זיין אַ חוב, איך האָב דיר אַ קוש געטאָן פאַר דער גאַנצער צייט, און אויך דיר אָפּגעגעבן דעם פּאַטש פון נעכטן. איצט זענען מיר קוויט, און פון איצט אָן, זאָלסטו נישט וואַגן פאַרזוכן מיך ערגעץ ווו צו טרעפן; פאַר מיר ביסטו איצט ווי איינער פון אַ וויטער פאַרגאַנגענהייט. זאָג איך דיר אַדיע, מיין ליבער — און איז אַוועק.

אין דער היים, האָב איך געזאָגט, אַז איך בין באַפאַלן געוואָרן פון עטלעכע כוליגאַנעס; בלויז איין יאַסקע האָט דערנאָך געוווסט דעם אמת. מיין מוטער האָט גערופן אַ דאָקטאָר, אַכט טעג בין איך געלעגן אין בעט, ביז מיינע ווונדן האָבן זיך גענומען פאַרהיילן.

אָט דאָס איז געווען די ענדע פון מיר מיט קלאַראַ, אַזוי איז געווען, ווי דו מינקע האָסט עס אָנגערופן: די צעשיידונג אויף שטענדיק.

נאָכן האָבן פאַרענדיקט דאָס דערציילן פאַר איר, איז זי געבליבן ליגן שטיל, דערנאָך האָט זי איינגעגראָבן איר פּנים אין קליינעם קישעלע כדי צו דערשטיקן איר געוויין. כ׳האָב פאַרשטאַנען אירע טרערן און כ׳בין געבליבן פאַרטראַכט אין מיינע געדאַנקען.

עס איז שוין געווען גאַר שפּעט, אָדער אפשר, גאַר פרי. אין דרויסן האָט שוין באַלד אָנגעהויבן טאָגן. כ׳האָב ווידער פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. געזוכט צו פאַרטרייבן די געדאַנקען פון מיינע איבערלעבונגען פון אַמאָל, ביז מינקע האָט זיך געוואָנדן צו מיר מיט אַ שטילער שטימע:

— אַדאַם טייערער, דערלויב מיר צו זיין פאַר דיר די, וועלכע דו ביסט ווערט צו האָבן. אַדאַם פון מיין חלום, פון מיין קינדהייט, פון מיינע טרוימען! דו ווייסט נאָך נישט, וואָס איך קען זיין פאַר דיר. איך ווייס, אַז ס׳איז אַ גרויסער אונטערשיד פון מיר היינט, און קלאַראַ פון אַמאָל, מיט איר האָסטו געפירט אַ ליבע, ביסט גרייט געווען צו קעמפן כדי געווינען איר האַרץ. מיך האָסטו געפונען דורך אַ צופאַל; אָבער איך בין זיכער פעאיק צו פאַרטרעטן קלאַראַ און מיט אַ ריין האַרץ און מיט אַ ריין געוויסן. זאָל זיך דיר דוכטן, אַז דאָס אַלץ איז געווען נישט מער ווי אַ ווילדער קאָשמאַר און אַז ערשט איצט האָסטו זיך אויפגעוועקט פון שלאָף. איך וואָס געפין זיך איצט אַזוי נאָענט נעבן דיר. בעט איך דיך, אַדאַם, זאָג מיר דאָס טייערע וואָרט, דאָס זעלבע וואָרט וואָס דו האָסט אַמאָל געבעטן ביי איר...

איך האָב נאָכגעטראַכט וועגן אָט דעם אויסטויש פון גורל און גערעדט צו מיר אַליין: ווייסט זי דען פון מיין צעבראָכן לעבן? זאָל טאַקע זיין, אַז דאָס אַלץ איז געווען נישט מער ווי אַ ביטערער חלום? און אַז מיין קלאַראַ געפינט זיך איצט אַזוי נאָענט נעבן מיר, אַ ריינע, אַן ערלעכע אַ געטרייע אַזוי ווי זי האָט עס נאָר וואָס געזאָגט.

זי האָט געקוקט אויף מיר און געוואַרט אויף מיין ענטפער. כ׳האָב דערפילט, דאָס שטאַרקערע קלאַפּן פון איר האַרץ. איך האָב אָנגענומען איר קאָפּ מיט ביידע הענט, אירע בלויע אויגן האָבן געפינקלט מיט אַ געוויסער שרעק. איך האָב אַריינגעקוקט אין אירע ריינע ערלעכע אויגן און דערנענטערט מיינע ליפּן צו אירע.

אין דער פרי, ביים פרישטיק, האָבן מיר זיך געטראָפן מיט מיין פריינד. מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז דאָס וואָס איך דאַרף דערקלערן פאַר מינקע, זאָל אויך זיין אַן עדות דערביי: כ׳האָב פאַרגעלייגט, אַוועקפאָרן ערגעץ אין אַ שטיל אָרט, אין אַ שטילן פאַרק, וווּ קיינער וועט אונדז נישט שטערן און זייענדיק שוין אויפן אָרט, האָב איך מיך געווענדעט צו מינקען:

— איך האָב דיר די נאַכט, דערציילט די פאַרגאַנגענהייט פון מיין יוגנט, איצט מוז איך דיר אויך דערציילן פון מיין קעגנוואַרט, פון מיין איצטיקן לעבן און אויב דו וועסט מסכים זיין, וועל איך וויסן, אַז איך וועל זיין דיין אַדאַם און דו — מיין קלאַראַ און כ׳האָב מיך אויך געוואָנדן צו

מיין פריינד, ער זאָל גוט אויסהערן, ווייל עס האַנדלט זיך אין אַ גאָר
וויכטיקן, און ערלעכן באַשלוס:

— איך מוז פאַר אייך דערמאָנען אייניקע דאַטעס, כדי קלאָר און דייטלעך אַלץ אויפצוקלערן: ווען איך בין אַרויפגעקומען צו אייך, מינקע, איז דאָס געווען אין יאָר 1933, דעמאָלט ביסטו אַלט געווען פינף יאָר און איך ניינצן יאָר. דו ביסט געקומען אין לאַנד אין יאָר 1948, אַלט זייענדיק צוואַנציק יאָר, הייגט ביסטו דריי און צוואַנציק יאָר אַלט, איך — זיבן און דרייסיק. ווען איך בין צעשלאָגן געוואָרן פון דער חברה, אונטערגעשיקט פון איר, איז דאָס געווען אין יאָר 1934, פון דעמאָלט אָן, האָב איך אויפ־געהערט קומען אין געזעלשאַפט, אויסער אין מיין קרייז, אָבער אויך נישט לאַנג, ווייל איך בין אַוועק דינען אין מיליטער. ווען כ'האָב פאַרענדיקט דאָס מיליטער דינסט, האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד: אין יאָר 1937, ווען ס'איז געווען די וועלט־אויסשטעלונג אין פאַריז, בין איך אַוועק אַהין און געפּרוווט זיך איינאָרדענען. ס'איז נישט געווען אַזוי לייכט. אין וואַרשע האָב איך זיך פאַרנומען מיט העפטעריי; אין פאַריז איז דאָס פאַך נישט געגאַנגען, האָב איך זיך געלערנט שניידעריי. איך האָב נישט געהאַט קיין חברים, אַזוי ווי אין וואַרשע, פלעג פון צייט צו צייט אַרויפקומען אין דער „קולטור־ליגע", כדי וועמען צו טרעפן און אַזוי איז אַדורך צוויי שווערע יאָרן, געווען אומלעגאַל, געאַרבעט פאַר אַ קליינעם לוין, ביז ס'איז אויסגעבראָכן די וועלט מלחמה, גלייך מיט אַנדערע טויזנטער יידישע אויסלענדער, האָב איך זיך אָנגאַזשירט פרייוויליק צו פאַרטיידיקן פראַנקרייך. נאָכן וואַפנשטילשטאַנד, האָט מען אַלע יידישע פרייוויליקע פאַרשיקט אין אַ לאַגער, אין דרום־פראַנקרייך. כדי באַפרייט צו ווערן פון דאָרט, האָט מען געמוזט צושטעלן אַ סערטיפיקאַט פון משפחה, אָדער פון פריינד, אַז זיי גאַראַנטירן מיך אויסצוהאַלטן, נאָך גע־וויסע אינטערוועגצן, האָב איך באַקומען אַזאַ סערטיפיקאַט פון אַ חבר, וואָס האָט געוווינט אין אַ שטעטל נישט ווייט פון דער שטאָט טולוז.

דאָס איז געווען אין האַרבסט 1940, די ערשטע פאָר וואָכן האָב איך זיך געפרייט מיט מיין באַפרייאונג, טולוז איז געווען אין נישט אָקו־פּירטן געביט, און טאָקע אינעם „פרייען געביט", האָט אָנגענומען אַ גרויל פון דער העסלעכער פראָפּאַגאַנדע אויף יידן; ס'איז אויך געמאָלדן געוואָרן, אַז אַלע אויסלענדער, פּליטים, געמיינט האָט מען יידן, וואָס וועלן נישט קענען באַווייזן פון וואָס זיי לעבן, וועלן אינטערנירט ווערן אין אַן אַרבעטס־לאַגער. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ צערודערונג ביי די צעשראָקענע יידן, האָט מען אָנגעהויבן זוכן אַ באַשעפטיקונג, אַ דאַנק דעם זעלבן חבר,

האָב איך געפֿונען אַרבעט אין אַ פֿערם ביי אַ רייכן פּויער, וואָס האָט זיך געגנויטיקט אין אַ געהילף.

אין דער פֿערם, איז געווען אַ מיידל, די טאָכטער פֿון פּויער, ווען זי האָט זיך דערוווּסט אַז איך בין אַ ייד, איז זי נישט אָפּגעטרעטן פֿון מיר. מיר געגעבן בעסער עסן, זי פֿלעגט אויך אַרויפֿקומען צו מיר אויפֿן בוידעם; האָט מען געמוזט זיין פֿון האַלץ כדי צו קענען ביישטיין און אָפּשטויסן אירע צערטלעכקייטן. מיט אַ כעס פֿלעגט זי צוריק אַראָפּ, ווייל כ׳האָב דאָך איר אָפּגעשטויסן. אָבער וואָס מער איך האָב איר אָפּגעשטויסן, אַלץ מער האָט זי מיר פֿאַרגעהאַלטן, זי האָט שוין געוווּסט אַז איך בין נישט פֿאַרהייראַט. איך פֿלעג איר זאָגן, אַז אויב חתונה האָבן, איז נאָר ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן.

אַזוי, האָב איך מיט אַלע מיטלען אָפּגעלייגט, אָפּגעשלעפּט אַ וואָך, נאָך אַ וואָך, ביז די אַמעריקאַנער האָבן דעבאַרקירט אין אַלזשיר; דעמאָלט זענען זיי ווידער צוגעשטאַנען צו מיר און מיר געזאָגט: אָדער חתונה האָבן און זיין גליקלעך, אָדער ווערן אויסגעליפֿערט צו די דייטשן; נישט האָבנ־דיק קיין אויסוועג, האָב איך זיך אונטערגעגעבן זייער ווילן און צוליב דעם וואָס איך בין אַ ייד, האָבן זיי געמאַכט בלויז אַ ציווילע חתונה; און זי איז געוואָרן מיין ווייב.

שפּעטער, דורך אַ צופֿאַל, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איר צושטיין צו מיר איז טאַקע דערפֿאַר, ווייל איך בין אַ ייד; אַז יעדער ייד, איז נישט ווייניקער ווי אַ מיליאַרדער, דאָס איז געווען איר אויסרעכענונג: אַז נאָך דער מלחמה, וועט זי ווינען אין אַ פּאַלאַץ, און זיין אַ גרעפֿין.

כ׳האָב נישט געצווייפֿלט אַז ווען זי וועט זיך דערוויסן דעם אמת, וועט זי מיך סיי ווי פֿאַרלאָזן און כ׳האָב טאַקע נישט געהאַט קיין טעות.

נאָך דער מלחמה, זענען מירביידע געפֿאָרן קיין פּאַריז. זי האָט דערזען מיין „פּאַלאַץ" — אַ קליין, אָרעם שטיבל, מיט אַ ניי מאַשין, איך האָב אַרויסגענומען אַרבעט אַהיים צו נייען מאַנטלען. צוליב דער גרויסער נאָכפֿראַגע צו יענער צייט, אויף שניידערס, בין איך געווען באַוואָרפֿן מיט זייער אַ סך אַרבעט, און געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. דעמאָלט האָט זי דערזען איר טעות און אָנגעהויבן פֿאַרשווונדן ווערן פֿון שטוב.

זי פֿלעגט אַהיים קומען בלויז איינמאָל אין וואָך, איינמאָל אין צוויי וואָכן, פֿלעגט טיילמאָל אויך קומען אין דער באַגלייטונג פֿון אַ מאַן, פֿאַר־שטייט זיך נישט קיין ייד, און געפֿאָדערט פֿון מיר געלט, זי האָט גענומען פֿון שטוב וואָס זי האָט נאָר געוואָלט, און ווידער פֿאַרשווונדן געוואָרן.

איינמאָל, בין איך צו איר צוגעשטאַנען, און איר פֿאַרגעלייגט מיר זאָלן זיך גטן. דערהערנדיק פֿון מיר די ווערטער, איז זי בעסער געוואָרן, און איז

געבליבן אין שטוב מיט מיר מער ווי אַ חודש, אין אָט דעם אומגליקלעכן חודש, האָט זי פֿאַרשוואַנגערט און מיר געבוירן אַ קינד. אַ טייער ייִנגעלע, וואָס טראָגט דעם נאָמען פֿון מיין פֿאָטער, דודל, אָבער גלייך דערנאָך, האָט זי מיך מיטן קינד, ווידער פֿאַרלאָזט. דאָס קינד האָב איך אָפּגעגעבן אויפֿצוכאָוען, אין אַ דאָרף ביי אַן עלטערע פֿרוי און יעדן זונטיק, ווען כ׳בין פֿריי געווען פֿון דער אַרבעט, בין איך געפֿאָרן אין דעם דאָרף פֿאַר־ברענגען מיט מיין דודל.

איינמאָל, האָב איך קאַטעגאָריש געפֿאָדערט פֿון איר אַ גט. אויב נישט, וועל איך איר אָנקלאָגן אַז זי לויפֿט אַרום און פֿאַרברענגט מיט פֿרעמדע מענער. האָב איך פֿון איר באַקומען אַן ענטפֿער, דאָס אויב איך וועל וואָגן דאָס טאָן, מעג איך זיך געזעגענען מיט דער וועלט און אויב שוין יאָ אַ גט, האָט זי פֿאַרלאַנגט פֿון מיר אַזאַ סומע, אַז אַפֿילו פֿאַר ראָטשילדן וואָלט דאָס אויך אוממעגלעך געווען; איין טרייסט האָב איך געהאַט, אַז זונטיק, וועל איך פֿאָרן זען מיין דודל, ווע מען איך האָב זייער ליב.

איז דערפֿאַר מינקע, אַזוי ווי דו ווייסט שוין איצט פֿון מיין לעבן, אַ גליקלעכער צופֿאַל האָט אונדז צוזאַמענגעפֿאָרט, האָף איך איצט, ביי מיינע 37 יאָר, אויפֿסניי אָנצוהייבן מיט דיר אַ גליקלעך צוזאַמענלעבן, מוז איך ערשטנס, מיך באַפֿרייען; אַרויסבאַקומען אַ גט, צווייטנס, מוזטו וויסן, אַז איך האָב אַ קינד, אָט דאָס טייערע ייִנגעלע וואָס טראָגט דעם נאָמען פֿון מיין פֿאָטער, ווילסטו דיך אונטערנעמען צו זיין אַ מוטער צו מיין קינד? ביסטו גרייט צו וואַרטן, ביז איך וועל קומען צו דיר אַ באַפֿרייטער?.

אָט דאָס, האָב איך דיר געוואָלט זאָגן.

זי האָט געשטראַלט פֿאַר פֿרייד; איר ענטפֿער איז געווען אַ הערלעכער שמייכל און אין דער קעגנוואָרט פֿון מיין פֿריינד, האָט זי געחתמעט אונדזער גליק און איר צושטימונג, מיט אַ הייסן קוש.

מיין פֿריינד האָט מיר געזאָגט, אַז ער ווייסט פֿון אַן אַדוואָקאַט, אין פּאַריז, וואָס וועט מיר העלפֿן אַדורכפֿירן דעם גט; די הויפּט פֿראַגע איז געווען ווו זיך איינצואָרדענען? פֿאַרשטענדלעך, אין ישראל, דאָ האָב איך געפֿונען מינקען און דאָ פֿאַרבלייבן מיר, אָבער ווו? ווו נעמט מען די מעגלעכקייטן דערצו? האָט מינקע פֿאָרגעשלאָגן, זיך באַזעצן אין קיבוץ, דער געדאַנק איז מיר שטאַרק געווען צום האַרצן.

און מיר האָבן זיך טאַקע איינגעאָרדנט אין אַ קיבוץ.

אין צען טעג אַרום, בין איך צוריק געפֿאָרן קיין פּאַריז און אַכט חדשים שפּעטער, בין איך ווידער געווען צוזאַמען מיט מינקען און אויך שוין מיט מיין דודל, וואָס איז גלייך געוואָרן אַ קינד פֿון קיבוץ. איך בין פֿאַרבליבן עטלעכע חדשים אין קיבוץ מיט מינקען, און מיטן קינד, און אין

אַ צייט אַרום, האָט מינקע געבוירן נאָך אַ יינגעלע, שוין די פרוכט פון אונדזער ליבע, און געטראָגן דעם נאָמען פון איר פאָטער, משה׳לע.

לײדער האָט זיך מיין גט געשלעפּט יאָרן לאַנג, צוליב דעם וואָס מיין פרוי האָט צו געשטעלט צום געריכט פאַלשע עדות: אַז איך האָב איר אָפּ־גענאַרט און אויך אַז איך האָב איר זייער ברוטאַל באַהאַנדלט, איר גע־צוווּנגען צו אַרבעטן שניידעריי און צום סוף איר פאַרטריבן פון שטוב און אויך, איר נישט געגעבן די מעגלעכקייט צו זען איר קינד, וואָס איך האָב „אויסבאַהאַלטן" פאַר איר און האָט פאַרלאַנגט פון מיר אַ גאַר גרויסע סומע געלט, אויב נישט, וועט זי קיינמאָל מיך נישט גטן.

דורך דער צייט, בין איך יעדעס יאָר געווען איין חודש אין לאַנד, און פאַרברענגט צוזאַמען מיט מינקען און אונדזערע קינדערלעך, משה׳לע און דוד׳ן. ערשט מיט אייניקע וואָכן צוריק, בין איך פריי געוואָרן פון מיין לאַסט. נישט וויכטיק ביי וועלכע שוועריקייטן און איצט, פאַר איך שוין כדי בלייבן אויף שטענדיק אין לאַנד, צוזאַמען מיט מיין פרוי און קינדער.

אָט דאָס איז די סיבה, פון מיין איצטיקער רייזע אין לאַנד אַריין, אויף שטענדיק!

און ווידער האָט גורעלי אָנגעגאָסן די גלעזער, און נאָך אַ פּאָר מי־נוטן פון שטיל־שווייגן, האָט גורעלי זיך געוואָנדן צו מאַרעקן, אַז איצט איז זיין ריי, און אַז אַלע זענען גרייט אים אויסצוהערן.

מאַרעק האָט נישט לאַנג זיך געלאָזט בעטן, און געזאָגט:

— יאָ, איך ווייס אַז איצט איז מיין ריי און איך וועל זיך אויך נישט אָפּזאָגן פון מיין חוב אָבער כ׳מוז צוגעבן, אַז דאָס וואָס איך האָב צו דער־ציילן, איז גאָר אויסערגעוויינלעך; אַזעלכעס קען זיך טרעפן, טאַקע נאָר אין אַזעלכע אומשטענדן ווי ס׳איז געווען בעת דער לעצטער וועלט מלחמה. אָבער ווי זאָגט דער פראַנצויז — אומגלויבלעך אָבער אמת — און אַזוי ווי מיינע פאָררעדנער, וועל איך אויך אַ נאָמען געבן מיין דער־ציילונג מיט אַ נאָמען פון אַ פרוי, פאַרשטייט זיך, וואָס איז איצט מיין פרוי, און וואָס טראָגט דעם נאָמען **אַדעלאַ**.

אדעלא

28

מײַן אַוואַנטורע האָט זיך אָנגעהויבן אין חודש יאַנואַר 1943. טראָץ דער אָנגײיענדיקער מלחמה מיט אַלע אירע גרוילן. טראָץ דער קאַפּיטולאַציע פון מאַרשאַל פאָן פּאַולוס און דאָס נעמען אין געפאַנגענשאַפט די דײַטשע אַרמייען בײַ סטאַלינגראַד און דעם שווערן מצב פון ראָמעלס אַרמיי אין נאָרד־אַפריקע, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט דורך די ענגליש־אַמעריקאַנער אַרמייען. האָט מען אָבער נאָך אַלץ נישט געזען דעם סוף צום שרעקלעכן מלחמה־קאָשמאַר.

צו יענער צייט איז דער הונגער אין פראַנקרײַך געווען אַ שווערער. דאָס פאָלק האָט געליטן און געהאָפט אויף די צוזאָגן וואָס זענען געקומען פון יענער זײַט מאַנש. אין יענעם חודש יאַנואַר איז דער פראָסט געווען זייער אַ שאַרפער און זיך געלאָזט זען אויף די פענצטער־שויבן וואָס זענען געווען באַדעקט מיט אײַז־בלומען. און די גאַסן און וועגן זענען געלעגן אונטער אַ דיקן פאַנצער פון שניי און אײַז. מײַן קליין האָטעל־צימערל האָט שוין פון לאַנג פאַרגעסן די צייט ווען ס׳איז דאָרט געהייצט געוואָרן און ס׳איז אין אים כמעט נישט געווען קיין אונטערשיד פון דער הערשנדיקער קעלט אין דרויסן. דאָס אײנציקע מאָלצייט וואָס איך פלעג דאַן עסן אין רעסטאָראַן, איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון ווייניק באַרהאַפטע און נישט געשמאַקע שפּייזן, אַז ס׳איז נישט געווען צו נעמען אין מויל אַרײַן און כמעט שטענדיק קאַלט. עס האָט זיך שטאַרק געבענקט נאָך אַ וואַרעמער שטוב און פילן דעם טעם פון אַ געשמאַק און הייס היימיש עסן, פון וואָס כ׳פלעג אויך פון צייט צו צייט געניסן בײַ מײַנע פרײַנד. וואָס האָבן געוווינט אין אַ נישט ווייטן דאָרף. האָב איך מיט פאַרגעניגן אָנגענומען די באַקומענע אײַנלאַדונג פון מײַן חבר, צו קומען צו אים אין זײַן משפחה אויף אַן אָוונט־ברויט און אפילו בלײַבן מיט זיי אין דאָרף אַ שבת און זונטיק, ווען כ׳בין געווען פרײַ פון דער אַרבעט. אַ דאַנק זײַן שניידערײַ, האָט אים און זײַן פאַמיליע נישט געפעלט

קיין האָלץ צום הייצן, נישט קיין קאַרטאָפל און אפילו אויך נישט קיין ברויט.

זומערצייט זענען די 6 קילאָמעטער ביז זיין דאַרף געווען אַ שיינער שפּאַציר. אָבער אין אַזאַ ווינטערדיק וועטער, איז דער וועג שוין ווייט נישט געווען קיין לייכטער. האָב איך טאַקע אין אַזאַ פּראַסטיקן פרייטיקדיקן אָוונט, גלייך נאָך דער אַרבעט, מיך גיך איבערגעטאָן, מיט צופרידנהייט פאַרלאָזט מיין געפּרווירן האָטעל־צימערל און מיך געלאָזט אין וועג אַריין צו מיינע פריינד, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט מיין קומען צו זיי.

אַראָפּקומענדיק אויף דער גאַס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז דער פראָסט איז שטאַרקער געוואָרן און דאָס גיין איז געוואָרן נאָך גליטשי־קער און שווערער ווי פריער. צו מיין גרויסע צופרידנקייט האָב איך גע־טראָגן גוטע שיך וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן אויסצוהאַלטן דעם אייז־געפאַנצערטן, גליטשיקן וועג. אָבער כ׳האָב פאַרגעסן צו טראַכטן מכּוח דעם. ווי אַזוי דער וועג וועט אויסזען מחוץ דער שטאָט.

און טאַקע, אַרויסקומענדיק אויפן וועג וואָס פירט אין דאָרף צו מיינע פריינד, שטעלנדיק די ערשטע טריט אויפן שאָסיי, האָב איך מיך מיטאַמאָל געפונען אין אַן אַנדערער וועלט. אַ געדיכטע פינצטערניש האָט מיך איינגעהילט און כ׳בין שטיין געבליבן, טראַכטנדיק מכּוח וואָס ווייטער טאָן ? דער צעטרעטענער שניי אויפן וועג איז געווען האַרט, פאַרפרוירן און שאַרף גליטשיק. בלויז אין די זייטן פונעם וועג האָט דער שניי עטוואָס געהעלט. כ׳האָב פאַרמאַכט די אויגן אין דער האָפענונג אַז ווען כ׳וועל זיי ווידער עפענען, וועט די פינצטערניש נישט זיין אַזוי געדיכט און כ׳וועל בעסער זען דעם וועג און אַז כ׳האָב זיי געעפנט האָב איך מיך געפונען אין דער זעלבער געדיכטער פינצטערניש ווי נאָר וואָס.

איך האָב אָנגעשטרענגט מיינע בליקן, אָבער ס׳איז שווער געווען אונטערצושיידן פון הימל ביז ערד. בלויז די נאַקעטעביימער וואָס האָבן זיך געפונען ביי דער זייט פון וועג האָבן זיך עטוואָס אויסגעטיילט פון דער אַרומרינגלענדיקער פינצטערניש. אָנשטרענגנדיק מיינע בליקן צו די ביימער ביים וועג, האָב איך מיך דעצידירט פאַרזעצן מיין גיין.

אָפּגייענדיק אַזוי אַ געוויסע צייט, האָב איך צוביסלעך אָנגעהויבן אַדורכדרינגען די פינצטערניש און דאַן האָט זיך מיר אָנגעהויבן אויס־דוכטן אַז כ׳זע נישט ווייט פון מיר, עפּעס אַ סילועט וואָס הוידעט זיך לייכט. אַביסל אַרויף און אַביסל אַראָפּ, לויט די באַוועגונגען פון אַ מענטש־לעכן גאַנג. אָבער כ׳האָב נישט געלייגט קיין גרויסן אַכט דערויף און ביי זיך געטראַכט, אַז נאָך אימעצער גייט אויף דעם וועג. אָבער נישט ווילנדיק האָבן זיך מיינע בליקן אָנגעהאָנגען אין דעם קוים זעבאַרן זיך באַוועגנדיקן

סילועט, וואָס איז געוואָרן פאַר מיר ווי אַ וועג־ווייזער און מיטאַמאָל איז דער סילועט, פאַרשווונדן געוואָרן. כ׳האָב אויפגעהערט אים זען.

אָבער אַ צוויי, דריי מינוט שפּעטער, האָט זיך דער סילועט ווידער אַמאָל באַוויזן. דאָס מאָל שוין אַביסל נענטער ווי פריער. כ׳האָב מיך איינגעקוקט אין דעם שאָטן וואָס האָט זיך געהוידעט פאַר מיר און גלייך איז ער מיר אויף דאָס ניי פאַרשוווּנדן. אַ מאָדנער געדאַנק איז מיר גע־קומען אין קאָפּ אַריין: וואָס זאָל דאָס באַדייטן? גייט טאַקע אימיצער, אַ געוויסע פאַר טריט פאַר מיר? אָדער דאָס שפּילט זיך מיט מיר עפּעס אַ נישט גוטער? קיין שרעקעוודיקער בין איך נישט געווען. פונדעסטוועגן האָט מיך די זאַך עפּעס מאָדנע געטראָפן: וואָס איז עס פאַרא פיגור וואָס כ׳האָב אייניקע מאָל באַמערקט, טראָץ דער פינצטערניש און וואָס איז דאָס פאַרא אָפּט פאַרשווונדן ווערן? כ׳האָב פאַרלאַנגזאַמט מיין גיין און באַלד אויף דאָס ניי דערזען דעם סילועט. דאָס מאָל, שוין גאָרנישט ווייט פון מיר. כ׳האָב איצט קוים געשטעלט אַ טריט. מיינע בליקן האָבן זיך ממש איינגעגעסן אין דעם זיך הוידנדיקן פאַרגייער. און מיטאַמאָל איז ער מיר ווידער פאַרשוווּנדן געוואָרן.

כ׳האָב מיך אָפּגעשטעלט. כ׳האָב געזוכט צו פאַרשטיין וואָס עס קומט דאָ פאָר? ווער געפינט זיך עס ממש פאַר מיר? וואָס געשעט דאָ? וואָס איז עס פאַרא געשטאַלט, וואָס אַט באַווייזט זי זיך און אַט ווערט זי גלייך נעלם און אַזוי שוין אייניקע מאָל.

שטייענדיק האָב איך שאַרפער אָנגעהויבן פילן די קעלט און כ׳האָב אויף דאָס ניי אָנגעהויבן שפּאַנען. דאָס מאָל אַביסל שנעלער און פּלוצים האָט זיך מיר געדוכט אַז כ׳הער אַ שטיל קרעכצן. כ׳האָב מיך ווידער אָפּגעשטעלט. כדי מיך איבערצייגן אַז כ׳בין מיך נישט טעוה. יאָ, פון גאָר נאָענט האָט זיך צו מיר דערטראָגן אַ שטיל קרעכצן. ס׳איז נישט געווען קיין טעות. ס׳האָט זיך געטראָגן פון לינקס פון שאָסיי. כ׳בין צו צו דער לינקער זייט און מיט אָנגעשטרענגטע בליקן פּרובירט אין דער פינצטער־ניש געפינען דעם קרעכצנדיקן און גלייך באַמערקט עפּעס אַ קנויל ליגן אויפן שניי. כ׳האָב מיך אַראָפּגעבויגן און פּרובירט אויפהייבן. אָבער כ׳האָב מיך אַליין אויך אויסגעגליטשט און אומגעפאַלן האַרט ביים ליגנדיקן.

מיט אָנשטרענגונג האָב איך מיך אויפגעשטעלט און געהאָלפן דעם געפאַלענעם זיך אויפשטעלן. כ׳פיל די מענטשלעכע מאַסע זיך אָנשפּאַרן אין מיר. טראָץ דער פינצטערניש האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַז כ׳האָב פאַר מיר אַ פרויען־געשטאַלט. יאָ, כ׳בין מיך נישט טועה געווען. ס׳איז טאַקע געווען אַ פרוי. כ׳האָב איר צוגעפירט צום נאָענטסטן בוים אין וועלכן איך האָב איר געהאָלפן זיך אָנשפּאַרן. כ׳האָב אויפגעהויבן אַ

ביסל געפרוּוירענעם שניי און איינגעריבן איר דאָס פּנים. לסוף איר גע־
פרעגט.

— ווי פילט איר זיך? עטוואס בעסער?

— יאָ. אַ דאַנק.

ס׳איז געווען אַ שוואַכע, אָבער אָנגענעמע פרויען־שטימע און
כ׳האָב געפרעגט סתם אַזוי זיך:

— איר זענט געפאַלן. וואָס?

כ׳האָב געפילט איר שווער אָטעמען, לסוף האָט זי זיך אָנגערופן:

— געפאַלן? כ׳בין אייניקע מאָל געפאַלן, אָבער דאָס מאָל האָב
איך געמיינט אַז ס׳איז דער סוף; אַז כ׳וועל בלייבן ליגן און געפרוירן
ווערן. איר זענט אָנגעקומען, גלייך ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן.

כ׳האָב אָפּגעפילט אַ מאָדנע צופרידנקייט פון הערן די דאָזיקע
ווערטער. ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען פאַרוואָס כ׳האָב אייניקע
מאָל דערזען און אויפגעהערט זען איר סילועט און געמיינט אַז דאָס
נאַרט מיך מאָדנע אָפּ די הערשנדיקע טונקלקייט. כ׳האָב געטראַכט און
מיך געפרעגט אין האַרצן. אויב די פרוי איז אייניקע מאָל געפאַלן איז
זי דאָך אָן כוחות; איז ווי אַזוי וועט זי פאַרזעצן דעם שווערן, גליטשע־
דיקן וועג? אַרום האָט כסדר אָנגעהאַלטן די פינצטערקייט. איך האָב
פּרובירט געפינען אַן ענטפער אויף מיין פרעגן זיך און אין געדאַנק אָפּ־
געפילט אפילו אַ באַדויערן למאי כ׳האָב מיך גופא געלאָזט אין וועג אַריין,
בעת אַזאַ פינצטערניש, קעלט און גליטש און מיך אויך געפרעגט.
צוליב וואָס האָט די דאָזיקע אומבאַקאַנטע פרוי געטאָן דאָס זעלבע אין
אַזאַ וועטער?

מיר טאָרן נישט שטיין און נישט אויפהאַלטן זיך לענגער. מיר
קענען פשוט דאָ געפרוירן ווערן. לאָמיר פּרובירן גיין. איך וועל אייך
העלפן. וועט עס אייך זיין מעגלעך?

זי האָט געשוויגן. זיך לייכט אָנגעשפּאַרט אין מיר. זי האָט ווייזט
אויס זיך געשראָקן צו שטעלן אַ ווייטערדיקן טריט. כ׳האָב איר אָנגע־
נומען פעסט ביים אָרעם און געפרעגט:

— איר דערלויבט?

— איר ווילט מיר העלפן און איר פרעגט מיך צו איך דערלויב?
— האָט זי זיך שטיל אָנגערופן. כ׳האָב געהאַט אַ געפיל ווי זי וואָלט גע־
שמייכלט ביי די ווערטער.

כ׳האָב איר געהאָלפן מאַכן די ערשטע טריט. צוערשט זייער פּאַמעלעך,
דערנאָך אַביסל גיכער.

מיר זענען געגאַנגען פעסט צוגעטוליעט צו אייננאַנדער. ווי אַ

פאַרליבט פאָרל. אַ מאָדנע געפיל האָט מיך באַהערשט: כ׳האָב געפירט אונטער מיין אָרעם אַ פרוי, נישט האַבנדיק קיין אַנונג וועגן איר אויסזען. נישט וויסנדיק בכלל גאָרנישט וועגן איר. פון איר שטים האָב איך געהאַט דאָס געפיל צו האָבן פאַר מיר אַ יונגע פרוי. אָבער ווי זעט זי אויס? אָבער גלייך האָב איך מיר געמאַכט פאַרוואורפן פאַר די דאָזיקע גערדאַנקען. איין זאַך איז פאַר מיר געווען קלאָר. כ׳האָב געהאָלפן אימעצן און דער־מיט אויסגעפירט אַ מענטשלעכן חוב.

נאָכן האָבן אָפּגעגאַנגען שווייגנדיק אַ שטיקל וועג, האָב איך איר געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט איר זיך געלאָזט איינע אַליין אויף אַזאַ וועג? דערצו נאָך, אין אַזאַ פינצטערניש?

— דאָס גיי איך דאָך צו מיר, צו מיין היים.

— איר גייט אַהיים? — האָב איך מיט שטוינונג געפרעגט, — איר וווינט נישט אין דער שטאָט? האָט איר זיך אין אַזאַ וועטער געלאָזט אין וועג אַריין? — האָב איך ווייטער געפרעגט מיט פאַרווונדערונג, פאַרגעסנדיק דערביי, אַז איך גופא פאַרלאָז אויך די שטאָט און אויך אין אַזאַ פינצטערן אָוונט.

— איך געפין מיך אין דער שטאָט ווייל איך אַרבעט דאָרט, און וווין מחוץ דער שטאָט.

— אין יעדן אָוונט גייט איר אַ היים אַזאַ וועג מיט אַזעלכע גליטש־שיך?

— יאָ, נאָר ביז נעכטן, האָב איך געטראָגן אַנדערע שיך, זיי זענען אָבער געווען האַלב צעריסן, און די איצטיקע, די „גליטש־שיך״ ווי איר רופט זיי אָן, האָב איך ערשט היינט אָפּגענומען פון שוסטער. ווען כ׳וואָלט געוווסט אַז דער וועג איז אַזוי גליטשיק, וואָלט איך זיי פאַרשטייט זיך נישט אָנגעטאָן.

ביי די ווערטער האָט זי זיך ווידער אַ שטאַרקן גליטש געטאָן און אויך מיך שיער נישט מיטגעשלעפט. איך האָב זיך אָבער פעסט געהאַלטן און מיר זענען נישט אומגעפאַלן. זי האָט טיף אָפּגעאָטעמט און זיך אָפּגערופן:

— אַ דאַנק אייך, אומבאַקאַנטער רעטער מיינער.

כ׳האָב מיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, איר אָנרופן מיך „אומבאַ־קאַנטער רעטער״, האָט אַרויסגערופן אַ שמייכל אויף מיין פּנים. ס׳איז געווען דער באַנאַלער טיטל וועלכן מיר טרעפן אין די פּאָפּולערע ביכער, און אין די בולוואַר־ראָמאַנען, ווען אומגעריכט, וואַקסט אויס אַ מאַן, אַ שיינער פאַרשטייט זיך, אַ העלדישער און ראַטעוועט אָפּ אַ דאַמע. ס׳רוב

אַ גרעפין, אַ פּרינצעסין פון אַ געפּאַר, און עס פאַרבינדט זיך צווישן זיי אַ ראָמאַן, אַ ליבע. כ׳האָב אינערלעך געשמייכלט פון איר אָנרופן מיך „אומבאַקאַנטער רעטער״, ווייל אין מיינע יונגע יאָרן, אַנשטויסנדיק זיך אין אַזעלכע מאָמענטן אין די ראָמאַנען, האָב איך געחלומט פון זיין אַזאַ העלד און דאָ פּלוצים, האָב איך דערהערט פון מיין אומבאַקאַנטער „פּרינצעסין״, וועלכע כ׳האָב געפירט אונטערן אָרעם איבער דעם דאַזיקן שווערן וועג, מיך טיטולירן אַלס דער „אומבאַקאַנטער רעטער״.

נישט באַקומענדיק פון מיר גלייך קיין ענטפער, האָט זי געפרעגט:

— וועגן וואָס טראַכט איר איצט?

— כ׳האָב אַמאָל, ייִנגלווייז טאַקע געחלומט צו ווערן אַזאַ „אומ־באַקאַנטער־רעטער״ ווי איר האָט מיך איצט באַטיטלט, דאַנק איך אייך דערפאַר. גיי און ווייס אַז גראָד היינט, אין דער דאַזיקער פינצטערער נאַכט, וועל איך מיך אַזוי אויסצייכענען, — האָב איך לייכט געשפּאַסט.

טראָץ אונזער שווערן מצב פון געפינען זיך אויף אַזאַ גליטשיקן וועג, אַרומגערינגלט מיט אַ טיפער פינצטערניש, האָבן מיר ביידע אָנ־געהויבן לאַכן, כ׳האָב געפילט אַז זי טוליעט זיך שטאַרקער צו מיר, און אַז ביידע זענען מיר זיך איצט געוואָרן אַ סך נענטער, טראָץ דעם וואָס זי איז פאַר מיר געוועזן אַן אומגעריכטע לאַסט; אַן אומבאַקאַנטע פרוי וועגן וועמען כ׳האָב גאָרנישט געוווּסט, און וועמענס אויסזען כ׳האָב אפילו נישט געקענט. ווער איז זי? כ׳האָב געפילט אַז כ׳האַלט פעסטביים אָרעם אַ יונגע פרוי, וועל איך איר דען אַמאָל זען? איך וואָלט דאָך שוין באַלד געוועזן ביי מיין חבר אין דער וואַרעמער וווינונג, און דאָ שפּיל איך זיך אַרום מיט אַן אומבאַקאַנטער פרוי.

און ווייל איך האָב שוין סיי ווי געהאַט פאַרלוירן אַזוי פיל צייט, זאָג איך צו איר:

— ווי מערקווירדיק דאָס איז: מיר גייען געאָרעמט אין דער דאַזיקער פינצטערער נאַכט שוין באַלד ווי אַ פּאַרליבט פּאָרל. כ׳פיל אפילו דאָס קלאַפּן פון אייער האַרץ און מיר קענען זיך נישט און וויסן גאָר־נישט איינער פון אַנדערן, ווי זעט איר אויס? און אפשר טראַכט איר דאָס זעלבע פון מיר? מיר רעדן, פילן זיך, און קענען זיך נישט, איך וואָלט וועלן אַ בליק טאָן אויף אייך, כ׳בין חלילה גאָרנישט אויסן, אָבער ס׳איז נישט מער ווי מענטשלעך און אפשר אויך אַביסל נייגיריקייט, אויך דאָס איז מענטשלעך.

— כ׳בין מיך מודה, אַז מיין נייגיריקייט איז נישט קלענער פון אייערער — האָט זי זיך אָפּגערופן און כ׳האָב געפילט אַן אָנגענעמע

וואָרעמקייט אין אירע רייד -- לויט אייער אויסשפּראַך, הער איך אַז איר זענט נישט פון דער געגנט, ריכטיק?

— ריכטיק, — האָב איך באַשטעטיקט — איך בין פון זייער וויט.

— קען איך אפשר וויסן פון וואַנען?

— זיכער קענט איר דאָס וויסן, איך קום פון... פון... הימל, יאָ, פון הימל, כדי אייך צו ראַטעווען פון דער גליטש־געפאַר, ווי עס פּאַסט פאַר אַן „אומבאַקאַנטן רעטער", — האָב איך געשפּאַסט.

— פיין, פיין! און דאָרט, אין הימל האָט איר אויך אַ פאַמיליע? אַ פרוי? קינדער?

— אַ פרוי — כ'האָב נאָכגעטראַכט אַ ווײַלע און מיך אָפּגערופן:

— מיין פרוי איז אין הימל.

זי האָט וויזט אויס פאַרגעסן אין דעם מאָמענט וועגן אירע נישט באַקוועמע שיך; זי איז געגאַנגען מיט אַ פעסטערן טריט און זיך טאַקע אַ גליטש געטאָן, נאָר אַ דאַנק מיין פעסטן האַלטן איר, איז זי נישט געפאַלן.

— ס'איז גוט זיך צו געפינען אין פעסטע הענט פון אַ מאַן — האָט זי שטיל אַרויסגערעדט צו מיר.

אירע רייד האָבן מיך באַוויגן, טראָץ דעם שווערן און נישט הימלעכן וועג, זיך אַ שפּיל צוטאָן מיט איר און כ'האָב מיך אָפּגערופן:

— איר האָט אַ טעות מאַדאַם, איר געפינט זיך בלויז אין איין האַנט ביי מיר, וואָלט איר זיך געפונען אין מיינעביידע הענט וואָלט עס, גלייב איך, געווען אַביסל אַנגענעמער...

טראָץ דער טונקלקייט האָב איך געזען אַז זי דרייט אויס איר קאָפּ צו מיר, מיר האָבן אַ ווײַלע זיך באַטראַכט אין אונזער אומבאַהאָלפנקייט זיך צו קענען זען אין דער טונקלקייט, זי האָט זיך אָפּגערופן:

— אַ הימלישער מענטש זאָל אַזוי רעדן?

— ווייסט איר דען נישט — האָב איך געשפּאַסט — אַז ווען אַ הימלישער מענטש קומט אַראָפּ אויף דער ערד, באַקומט ער ערדישע געפילן און ערדישע פאַרלאַנגען...

דאָס מאָל האָט זי געשוויגן, זיך נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט, און מיר האָבן שווייגנדיק פאַרגעזעצט דאָס גיין געאָרעמט, פון די פאַר־שנייטע פעלדער האָט פון צייט צו צייט אַ בלאָז געטאָן אַ קאַלטער שאַרפער ווינט וועלכן מיר האָבן אָפּגעפילט דורך די מלבושים גופא און וואָס האָט געמאַכט גליווערן דאָס לייב, מיין פאַרטנערקע האָט נאָך שטאַרקער זיך געטוליעט צו מיר און ווידער זיך אַ גליטש געטאָן, איך האָב איר קוים דערהאַלטן פון פאַלן.

— איך פרעג מיך — האָט זי זיך אָפּגערופן — וואָס וואָלט געווען,

און וואָס וואָלט מיט מיר סוף כל סוף געשען, ווען כ׳גיי אַזוי דעם וועג איינע אַליין און כ׳פרעג אויך, מיט וואָס איך וועל אייך אָפּדאַנקען פאַר דער הילף וואָס איר טיילט מיר צו.

— איך מיין — זאָג איך איר — אַז אַ פרוי איז גענוג רייך, אויב זי וויל באַלוינען אַ מאַן, דערצו, אימעצן, וואָס האָט איר צוגעטיילט, ווי איר זאָגט עס, אַזוי פיל הילף.

— זאָגט מיר נאָר, איך בעט אייך, דאָרט אין הימל, זענען פאַראַן אַ סך אַזעלכע ווי איר?

— וואָס דאַרפט איר אַ סך? איינער איז אייך נישט גענוג?

זי האָט אויף דאָס ניי אַ דריי געטאָן איר קאָפּ צו מיר ווי פּרובירט סוף כל סוף דערגיין מיין אויסזען און מיט אַ געוויסער אומצופרידנקייט אין איר שטים זיך אָפּגערופן:

— אפשר וועלן מיר שמועסן וועגן אַנדערע ענינים?

— קווועלן אייך מיינע רייד?

— אייער רעדן צו מיר קוועלט מיך אַבסאָלוט נישט, אָבער פאָרט... דאָס זענען נישט קיין לייכטע רייד.

— פאַרוואָס?

— פאַרוואָס? ווייל... ווייל מיט אַ הונגעריקן רעדט מען נישט וועגן געשמאַקע מאכלים!

— אָט וואָס! און איר געהערט צו די הונגעריקע? נו, וועל איך נישט רעדן וועגן אייער הונגער און נישט רייצן אייער אַפּעטיט. אָבער גיין אַזאַ שווערן וועג און שווייגן, איז אויך נישט לייכט, שמועסנדיק, גייט דער וועג אַדורך עטוואָס גיכער. ווייסט איר וואָס? דערציילט עפּעס וועגן זיך, און מכוח דעם... אַז מיט אַ הונגעריקן רעדט מען נישט וועגן געשמאַקע מאכלים, דערציילט:

זי האָט געשוויגן אַ ווײַלע און לסוף זיך אָפּגערופן:

— נו, מיין לעבן וועל איך אייך איצט נישט דערציילן, איר הימלישער מענטש, ווילט דאָך וויסן דאָס וויכטיקסטע, איז שטעלט אייך פאָר אַז איך בין איצט אַלט 24 יאָר, איך האָב חתונה געהאַט דעם 20־טן יולי 1939, זעקס וואָכן שפּעטער איז מיין מאַן אַוועק אין דער אַרמיי און ער געפינט זיך איצט אין דייטשלאַנד אַלס קריגס־געפאַנגענער. זעקס וואָכן בלויז זענען מיר געווען צוזאַמען, און — זי האָט אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט איר דערציילן, ווי זי וואָלט געזוכט פּאַסיקע ווערטער און פאַרגעזעצט.

— כ׳בין געבליבן אַליין, אַ נישט באַרואיקטע... כ׳האָב בלויז אַנגעהויבן דערפילן וואָס דאָס הייסט אַ צוזאַמענלעבן מיט אַ מאַן. ס׳איז פּונקט ווי מען גרייט דעם טיש צו אַ געשמאַקן מיטאָג; מען פאַרזוכט עפּעס

פון די ערשטע שפייזן, און מיטאַמאָל ווערט אַלץ אַראָפּגערוימט פון טיש, מען וואַרט אויפן המשך און קיין המשך קומט נישט. אַזוי איז עס מיט מיר, כ׳האָב אָנגעהויבן געניסן פון אונזער צוזאַמענזיין, ס׳איז אָבער געווען בלויז דער אָנהייב, און דער אומגעריכטער, גיכער איבערייס איז געווען שווער, איך בין נעכט נישט געשלאָפן. מיך נישט געקענט באַרואיקן, פון אונזערע זעקס וואָכן צוזאַמענזיין, האָב איך געבוירן אַ קינד, אַ טייער מיידעלע; מיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען אַ שווערע, אַז אונזער קינד איז אַלט געוואָרן זעקס חדשים, האָב איך עס אָוועקגעגעבן אין דער פרעמד און כ׳צאָל דערפאַר. מיין געהאַלט וואָס כ׳באַקום אַלס פרוי פון אַ קריגס־געפאַנגענעם, איז ווייט נישט גענוג אויף אויסצוקומען. בין איך אַוועק אַרבעטן, אַזוי איז מיר לייכטער און פאַרשטייט זיך, אַז אַרבעט האָב איך געקענט געפינען נאָר אין שטאָט, גיי איך טאַקע איצט פון מיין אַרבעט, דאָס איז איין זייט פון מיין היינטיק לעבן. אוודאי, אין מיין עלטער, ביי מיינע 24 יאָר, איז נישט לייכט צו לעבן אַליין אין דאָרף, אָן אַ מאַן, מיינע געפילן דרעמלען אין מיר, און אַזוי שוין אַריבער דריי יאָר, זאָלן זיי דרעמלען ביז ס׳וועט קומען דער שלום און די אַוועקגעריסענע וועלן צוריק קומען צו זייערע נאָענטע, און דאַן וועלן מיינע געפילן זיך מסתמא אויפוועקן. אָבער איצט, זייענדיק אַליין, און האָבנדיק דאָס אומגעריכטע פאַרגעניגן זיך צו געפינען די קורצע צייט מיט אייך, מיט אַ מאַן, וואָס האַלט מיך אַזוי פעסט, מוז איך מיך מודה זיין, אַז דאָס איז שוין גענוג, אפילו אָן אייערע ווערטער אַז כ׳זאָל מיך דערפילן אין אַ מאָדנעם צושטאַנד און אַז מען הערט נאָך אַזעלכע רייד, ווי כ׳הער פון אייך, איז עס נישט לייכט פאַר מיר און דערפאַר טאַקע, נאָך די אויסגעהערטע אויפריכטיקע רייד, בעט איך אייך רעדן צו מיר פון וואָס איר ווילט נאָר, אָבער נישט וועגן אַזעלכעס וואָס זאָל מיך צערודערן.

כ׳האָב אויסגעהערט אירע רייד אַרויסגעזאָגטע מיט אַ סך פשטות און אפילו מיט דרייסטקייט, כ׳האָב אָבער נישט געהאַט קיין פאַרלאַנג און נישט געקענט זיין אַ שטומער אַפּאַטישער באַגלייטער פון אַ פרוי וועלכע כ׳קען טאַקע נישט, וועמענס געזיכט איז מיר געווען אומבאַקאַנט, אָבער וועמענס אָרעם איך האָב געדריקט אַלץ פעסטער צו זיך און אָפּגעפילט איר אייגענעם ציטער און אפילו איר אייגענע הנאה פון זיך פילן אין מיינע אָרעמס.

כ׳האָב מיך אָפּגערופן:

— מיינט איר אַז איר האַנדלט ריכטיק? אַז מיטן דערשטיקן אייערע געפילן וועט איר האָבן גוט געטאָן? און אויב איר דערשטיקט אייערע געפילן אַזאַ לאַנגע צייט, זענט איר זיכער אַז זיי וועלן זיך נאָך צוריק

אויפוועקן?... פאַרוואָס זיי לאָזן פאַרגליוועט ווערן? די האַנדלונג אייערע קען זיך נאָך אַמאָל שווער נוקם זיין אין אייך; איר קענט ווערן אָפּגעקילט אפילו פאַר אייער מאַן — האָב איך האַלב ערנסט און האַלב אין שפּאַס, צו איר גערעדט — ס׳איז אפשר פאַראַן אַ געוויסע היילונג צו דעם...

— איז ווער דאַרף עס זיין מיין דאָקטאָר?...

— אָ, דאָס מאָל פרעגט איר מיך שוין צופיל, דעם דאָקטאָר מוזט איר אַליין אויסגעפונען.

דער וועג האָט איצט געפירט אויף לינקס, און ביים פאַרקערעווען, האָבן מיר דערזען פייערלעך פון אַ נישט ווייטן דאָרף, קליינע און שוואַכע ליכט־פונקטן וואָס האָבן זיך געזען פון אייניקע פענצטער. מיר האָבן אויך געהערט ווייטע עכאָס פון הינט־בילעריי. כ׳האָב דערפילט אַ גרויסע צופרידנקייט וואָס כ׳רייס מיך אַרויס פון דער פינצטערניש און קום ענדלעך אָן צו מיין ציל. כ׳זאָג איר:

— אָט זעט איר, האָבן מיר שוין באַלד דערגרייכט אונזער ציל. איך וועל זיין צופרידן מיט אַ וואַרעמער היים ביי מיין חבר און איר מיין איך וועט אויך זיין צופרידן, ווען איר וועט שוין זיין ביי אייך אין שטוב.

— הייסט עס, — האָט זיך מיין אומבאַקאַנטע אָנגערופן — אַז מיר וועלן זיך באַלד שיידן, אז איר וועט אַוועק צו אייערע פריינט און איך וועל בלייבן אַליין... אָן אייער באַגלייטונג... פאַרוואָס האָט מיר דער הימל אַראָפּגעשיקט אַזאַ שלעכטן מענטשן ווי איר?

— פאַרוואָס אַזעלכע רייד? מיט וואָס בין איך שלעכט צו אייך?... האָב איך אייך דען נישט געהאָלפן מיט וויפל ס׳איז מיר נאָר מעגלעך געווען? זאָגט, ווי אַזוי וואָלט איר אַהערגעקומען אָן אימעצנס הילף? יאָ, די הילף איז מיר באַשערט געווען אייך צו געבן; איז פאַרוואָס אַזעלכע „גרויזאַמע" רייד אויף מיין חשבון האָב איך געשפּאַסט?

— אמת, כ׳ווייס טאַקע נישט וואָס וואָלט מיט מיר געשען אָן אייך, אָבער דאָס זיין אין אייער געזעלשאַפט בעת דעם שווערן וועג, דאָס הערן אייערע רייד און... אייערע וואָרענונגען, האָבן מיך ווי דער אמת, צעדרודערט, האָט איר מיך געוואָרנט סתם אַזוי? אָדער מיט אַ געוויסער כוונה?... זייט אויפריכטיק, זאָגט!

— ליבע אומבאַקאַנטע פרוי — האָב איך געזוכט ווערטער ווי אַזוי איר אָפּצוענטפערן אויף איר צערודערטקייט אין וועלכע זי האָט זיך מיר איצט מודה געווען.

— די נאָענטקייט אונזערע איז דאָך געבוירן געוואָרן אויף דעם דאָזיקן שווערן אומעטיקן וועג איבער וועלכן מיר גייען געאָרעמט, פילנדיק קעגנזייטיק אונזערע קלאַפּנדיקע הערצער, אַ נאָענטקייט וואָס רופט

אַרויס אַ געשטייגערטן פאַרלאַנג פון אַ סעקסועלער דערנענטערונג. דער־פון אייער צערודערטקייט אין וועלכער איר האָט זיך מיר איצט מודה געווען און דערפון אויך אונזער אויסטויש פון ווערטער, וואָס צווי זיך אומבאַקאַנטע, אַ מאַן און אַ פרוי קענען זיך עס דערלויבן זאָגן נאָר אין אונזערע באַדינגונגען, ד. ה. אין דער פינצטער. אָט, אין אַ פערטל אָדער אין אַ האַלבער שעה אַרום וועלן מיר זיך שוין האָבן צעשייד און בלייבן ווייטער אומבאַקאַנטע מענטשן. אָבער איך טראַכט, אַז איר וועט זיין צופרידן פון האָבן ענדלעך אַהיימגעקומען. זאָל זיין אַז ס׳איז געשען מיט דער הילף פון אַ מענטשן אַראָפּגעשיקט פון הימל. איר וועט זיך ענדלעך קענען אָפּרוען פון דעם אַדורכגעמאַכטן אויסטערלישן וועג און איך וועל מוזן זיין צופרידן מיטן טיטל וועלכן איר האָט מיר געשאָנקען אַלס „אומ־באַקאַנטן רעטער". מיר וועלן זיך בלייבן פרעמד, טראָץ אונזער נאָענט־קייט אין וועלכער מיר געפינען זיך נאָך איצט און דאָך וועלן מיר זיך באַלד צעשיידן, אַנשטאָט מיר זאָלן איצט בלייבן צוזאַמען...

— איר רעדט דאָס ערנסט? — האָט זי געפרעגט מיט אַ שטילער שטימע און כ׳האָב געפילט איר טוליען זיך צו מיר נאָך שטאַרקער.

— ס׳ווייזט אויס אַז יאָ, מיר וועלן זיך באַלד צעשיידן. איך בין שוין גאָר נאָענט צו דער וווינונג פון מיין חבר ווו ער און זיין פרוי וואַרטן אויף מיר. ס׳איז אַ וואַרעמע היים מיט אַ געגרייטן טיש.

מיר האָבן פאַרגעזעצט דאָס גיין נאָך פעסטער געאָרעמט.

— דער געדאַנק אַז איר וועט מיך אָט אָט פאַרלאָזן, אַז איר וועט אָוועקנעמען אייערע שטאַרקע הענט, אַז כ׳וועל ווידער בלייבן אַליין, איז פאַר מיר זייער שווער, אַפילו שרעקלעך. ס׳איז מיר אַזוי גוט מיט אייך, שוין לאַנג אַז כ׳האָב נישט אָפּגעפילט די באַרירונג פון אַ מאַן, און זיך נישט געפילט אין אַזעלכע פעסטע אָרעמס. כ׳וואָלט אויך, טראָץ אַלעם, געוואָלט אַז דער וועג זאָל דויערן וואָס לענגער. ס׳איז גוט זיך צו פילן באַשיצט פון עפּעס אַ... לעגענדאַרן העלד. כ׳פיל מיך אַזוי גוט. כ׳בין נישט מער אַזוי איינזאַם, ווען איר רעדט צו מיר, פיל איך אייער הייסן אָטעם. אייערע רייד וואָס איר האָט צו מיר גערעדט האָבן מיך אויפגע־רודערט, דערוואַרעמט און מיר דוכט זיך אַז כ׳גיי צו מיר אַהיים מיט מיין באַשערטן, וואָס האַלט מיך אַזוי פעסט געאָרעמט. ס׳איז מיר וואַרעם אין יעדן אבר, כ׳פיל גאַרנישט מיין גיין. מיר דוכט זיך אַז איך שוועב. אַז כ׳ווער געטראָגן פון אַ נישט געזעענעם כוח. שוין לאַנג אַז כ׳האָב אַזעל־כעס נישט געפילט. זאָל אָט דער דאָזיקער זיסער צושטאַנד דויערן וואָס לענגער, זאָל די נאַכט דויערן אייביק. איר הימלישער מענטש זענט דאָך

געקומען צו מיר אין דער נאַכט, איז האַלט מיך פעסט אַזוי לאַנג ווי די נאַכט דויערט.

אַ שאַד וואָס כ׳האָב נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו זען אין דעם מאָמענט איר פּנים און אפשר אויך, אירע צעגליטע אויגן, אַנדערש האָב איך זי מיר איצט נישט פאָרגעשטעלט און אפשר האָט זי איצט גערעדט פון היץ? איך זאָג איר:

— מיין ליבע, ס׳וואָלט אפשר געווען אָנגענעם צו שפּאַצירן אַזוי אַ גאַנצע נאַכט מיט אַ פרוי וואָס מען ווייס וועגן איר גאָרנישט און וועל־כע מען קען נישט. אָבער אַזאַ פאַרגעניגן קען מען זיך דערלויבן נאָר אין אַ זומער נאַכט, און נישט איצט, ביי די באַדינגונגען ווען מען זוכט וואָס שנעלער איבערצוקומען דעם שווערן און אומהיימלעכן וועג.

— איז פירט מיך צו מיר: איך האָב אויך אַ היים — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ שטילער שטימע — איר האָט געזאָגט, ווען איך וועל זיך געפינען אין אייערעביידע הענט, וועט עס זיין פיל בעסער און אויך האָט איר געזאָגט, אַז אַ פרוי איז גענוג רייך, צו באַלוינען דעם, וואָס האָט איר צוגעטיילט אַזוי פיל הילף, שענק איך אייך אַוועק מיין גאַנץ רייכטום. נאָר פאַרלאָזט מיך נישט, פירט מיך צו מיר.

— צו אייך? זייער גוט, וועלן מיר דאָך האָבן די מעגלעכקייט זיך צו זען.

— ניין! האָט זי כמעט אויסגעשריגן, און אָפּגעהאַלטן אירע טריט אַזוי, אַז מיר זענען כמעט שטיין געבליבן — מיר טאָרן זיך נישט זען. מיר וועלן בלייבן אין דער פינצטער. אין מיין פאַנטאַזיע זע איך אייך אַלס אַ זעלכן, וואָס מען קען דאָס נישט טרעפן אין דערווירקלעכקייט. אין דער פאַנטאַזיע איז אַלץ טויזנט מאָל אַנדערש ווי די ווירקלעכקייט. כ׳וויל פאַרבלייבן די נאַכט מיט אַ מענטשן וואָס בלויז די פאַנטאַזיע קען מיר דאָס געבן, פאַרברענגען אַ נאַכט מיט אַ הימלישן מענטש.

כ׳האָב געשטוינט ׳צו הערן די רייד און געפילט ווי ווייט ערנסט ס׳איז איר פאַרלאַנג מיר זאָלן זיך נישט זען.

— בלייבן אין דער פינצטער? — האָב איך איבערגעפרעגט, — און וואָס וועט זיין ווען מיר וועלן זיך זען ביים פאַרבייגיין די ליכט וואָס שיינט אַרויס פון די פענצטער? מיר וועלן זיך פאַרשטעלן די אויגן? — האָב איך געפרעגט אין שפּאַס.

— מיר מוזן נישט דווקא אַדורכגיין די באַלויכטענע פענצטער. מיר וועלן מאַכן אַ קליינעם אומוועג דורך אַ דערנעבנדיק פעלד, וועלן מיר אָנקומען צו מיר נישט געשטערט דורך דער ליכט.

כ׳האָב געשטוינט פון איר עקשנותדיקן פאַרלאַנג און געפילט

אַ טיפע באַדויערונג פון נישט קענען אין דעם מאָמענט זען דעם אויסדרוק פון איר געזיכט.

— און ווי וועט זיין אויב מיר וועלן פאַרשלאָפן ביז אין טאָג אַריין און זיך איבערוועקן ביי דער טאָג־ליכט און איר וועט דערזען אַז איר האָט פאַרברענגט נישט מיט קיין הימלישן, נאָר ערדישן מענטשן? — האָב איך געשפּאַסט.

— ניין, מיין ליבער, דאָס וועט נישט געשען: כ׳בעט אייך אַנטקעגן קומען מיין ווונטש, מיר וועלן בלייבן צוזאַמען, פאַרברענגען צוזאַמען און איידער עס וועט ווערן ליכטיק, וועלן מיר זיך צעשיידן. איר וועט מוזן אַוועק, זאָגט איר עס מיר צו?

מיר האָבן אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צום דאָרף און ס׳האָט זיך פּאָר מיר געשטעלט די פראַגע וואָס טאָן? וואָס אויסקלויבן? די וואַרעמע היים און געשמאַק־געגרייטן טיש, נאָך וואָס איך בין געווען פאַרבענקט, אָדער בלייבן מיט דער אומבאַקאַנטער, פאַרבענקטער נאָך אַ מאַן עקסצענ־טרירטער פרוי, וואָס האָט מיר צוגעזאָגט איר גאַנץ „רייכטום" ?...

— איך זאָג עס אייך צו, נאָר, אוי וואָלט איך אייך געוואָלט זען!

— מאָלט אייך אויס, קלויבט אייך אויס וועמען איר ווילט... — איז געקומען איר ענטפער.

איר ענטפער האָט אויף אַ ווייַלע אויפגעוועקט אין מיר געדאַנקען פון מיין יוגנט, וועגן אַ טייער מיידל וואָס איך האָב דאַן ליב געהאַט און וואָס האָט פאַרמאָגט אויגן וואָס האָבן געכישופט און האָב מיר פאַרגעשטעלט אַז כ׳שפּאַציר איצט מיט איר. כ׳האָב געטראַכט וועגן מיין פאַרשטייענדיקן פאַרברענגען מיט דער אומבאַקאַנטער פרוי און מיך אָנגעהויבן פילן ווי שיכור וועמען מען זאָגט צו טייערע געטראַנקען און אין געדאַנק מיך גע־זען פירן מיין שיין מיידל מיט די כישוף־אויגן, וואָס האָט מיך דאַן, אין מיין צוואַנציק יאָריקער עלטער, געלאָזט מיט מיינעליידן און אַוועק מיט אירע עלטערן ערגעץ קיין אויסלאַנד, קיין קאַנאַדע, צוגעזאָגט שרייבן און קיינמאָל נישט געשריבן און איצט, איז מיין מיידל, מיין אַדעלאַ צוריקגע־קומען צו מיר, זי פאַרבעט מיך צו זיך און זאָגט מיר צו אַזוי פיל, אַזוי פיל...

— איז כאָטש וואַרעם ביי אייך? — האָב איך געפרעגט.

— נאָך וואָס די פראַגע? פילט איר דען נישט אַז איך גלי אינגאַנצן? איר וועט זיך אָנוואַרעמען אין מיר...

ביים אויפשליסן די טיר פון איר הייזל, האָב איך דערפילט אַז מיין פריינדין ציטערט ממש פון אינערלעכער אויפרודערונג צוליב דער פאַר־שטייענדיקער איבערלעבעניש. דאָס עפענען די טיר איז איר שוין גאָרנישט לייכט אָנגעקומען.

אַריינקומענדיק אין דער וווינונג בין איך שטיין געבליבן נאָך אין אַ גרעסערער פּינצטערניש ווי אין דרויסן און מיך געפרעגט אין האַרצן, פאַרוואָס מיין פריינדין שרעקט זיך אַזוי שטאַרק אָנצוצינדן ליכט. ווער ווייסט מיט וואָס פאַראַ פאַרזעעניש כ׳וועל היינט פאַרברענגען? זי האָט מיך אָבער נישט געלאָזט לאַנג טראַכטן; מיך צוגעפירט צו אַ שטול וואָס איז געשטאַנען נעבן אַ בעט, און נאָך מיין אַוועקזעצן זיך, האָט זי גופא זיך צוגעשפּאַרט אויפן בעט, ביידע האָבן מיר עטוואָס געשוויגן רוענדיק נאָך דעם שווערן וועג, לסוף האָט זי מיר געזאָגט כ׳זאָל אַוועקלייגן מיינע זאַכן אויף דער זעלבער שטול, כדי אינדערפרי נישט דאַרפן זוכן אין דער פינצטער.

די אייניקע שעה וואָס מיר האָבן געהאַט פאַר זיך, זענען פאַרביי טאַקע ווי אַ זעלטן אָנגענעמער חלום. דאָס זענען געווען שעהן פון הייסע צערטלעכקייטן פון אַ פרוי וואָס איז לאַנג, לאַנג געווען פאַרבענקט נאָך אַ מאַן, דאָס זענען געווען צערטלעכקייטן וואָס זענען געלעגן דערשטיקט אין איר נשמה אין וועלכע דער צופאַל פון אונזער באַגעגעניש האָט אויפגעוועקט אין איר מיט דעם גאַנצן כוח און פלאַם פון איר יונג לייב. מיר זענען כמעט נישט געשלאָפן און ביים ערשטן קריי פון האָן, האָב איך מיך אָנגע־הויבן אָנטאָן.

זייענדיק שוין אָנגעטאָן, האָב איך מיך געפונען אין אַ מאָדנער פאַר־לעגנהייט פון נישט וויסן וווהין זיך צו ווענדן, ווו טרעפן צו דער טיר, כ׳האָב געמאַכט עטלעכע שריט נישט וויסנדיק וווהין און צוליב וואָס. אַדעלאַ, ווי איך האָב איר גערופן, האָט זיך אָבער גלייך געפונען נעבן מיר און אָננעמענדיק מיין האַנט, האָט זי מיך געפירט ערגעץ, כ׳האָב געהערט איר אויפשליסן דעם שלאָס פון אַ טיר. כ׳האָב געזוכט פאַסיקע ווערטער און דאָך נישט געוווסט וואָס צו זאָגן: זי האָט מיך באַפרייט פון מיין פאַר־לעגנהייט; זי האָט פאַרלייגט אירע הענט אַרום מיין האַלדז, און שטיל געשעפטשעט:

— אַדיע, מיין טייערער מאַרעק, — כ׳האָב איר געזאָגט אין דער נאַכט מיין נאָמען — אַדיע אומבאַקאַנטער הימלישער מענטש, אַדיע און אַ דאַנק פאַר אַלעם — און זי האָט אָפּגעדריקט אויף מיינע ליפּן אַ לעצטן פעסטן קוש.

ווען כ׳בין פריי געוואָרן פון אירע אָרעמס, האָב איך איר געזאָגט:

— אַדעלאַ, מיר האָבן אַדורכגעמאַכט אַ ליבע־שפּיל, וואָס וועט זיך אַזוי שנעל נישט פאַרגעסן; איז אפשר וואָלט דאָך מעגלעך געווען מיר זאָלן זיך טרעפן פון צייט צו צייט, נישט אין דער פינצטער? נאָר ווי צוויי אינטימע פריינט? צוליב וואָס די מיסטעריע? איז עס מעגלעך?

— ניין, דאָס נישט, — האָט זי געענטפערט מיט אַ מאָדנער אַנט־שלאָסנקייט, — די נאַכט איז ביי מיר געווען אַ זיסער חלום, וועלכן כ'וועל לאַנג געדענקען, אַ חלום איז זעלטן ער זאָל פאַרווירקלעכט ווערן. אויב מיר וועלן זיך טרעפן וועט דאָס זיין אויס חלום, אויס מיט דעם שענסטן וואָס אַ חלום קען געבן, זאָג איך דיר, ניין! ניין מיין טייערער! איך בעט דיך מיך פאַרשטיין און נישט פאָדערן מער גאָרנישט...

ניין, כ'האָב איר נישט געקענט פאַרשטיין, סאַראַ מאָדנער קאַפּריז! כ'האָב איר געזאָגט „אַדיע" און פאַרלאָזט איר שטוב.

29

אין דרויסן האָט מיך אַרומגענומען אַ שאַרפער פאַרטאָגיקער קאַל־טער ווינט. כ׳האָב מיך פעסטער איינגעהילט אין מיין מאַנטל און מיך אַרומ־געקוקט זוכנדיק אַ וועג צום צענטער פון שטעטל. ס׳איז אָבער נאָך געווען גוט פינצטער, פון דער ווייטנס האָב איך באַמערקט אַ באַלויכטן אָרט, כ׳בין אַוועק אין דער ריכטונג און דערקענט די בעקעריי וואָס געפינט זיך אין דער נאָענט פון מיין חברס וווינונג. ביי דער שוואַכער שיין האָב איך אַ קוק געטאָן אויף מיין האַנט זייגערל, ס׳איז געווען אַ פערטל נאָך זעקס, און כ׳האָב מיך געפרעגט וואָס צו טאָן? זאָל איך אַרויף אַזוי פרי צו מיין פריינט און זיין פרוי, וואָס ביידע האָבן זיי מיך נעכטן אָפּגעוואַרט אומזיסט? זאָל איך זיי אויפוועקן פון שלאָף? וואָס וועל איך זיי זאָגן? ווי אַזוי פאַרענטפערן מיין נישט קומען נעכטן און דעם איצטיקן אַזוי פריען וויזיט? כ׳האָב שפּאַצירט איבערן דאָרף הין און צוריק, נישט קע־נענדיק מיך דעצידירן וואָס צו טאָן, אָבער בלייבן אין דרויסן אויף דער שאַרפער קעלט איז געווען אוממעגלעך.

פון אַ פּלוצים אויפגעמאַכטער טיר האָט זיך דערטראָגן דער אַראָמאַט פון פריש־פאַרבריטער קאַפע און כ׳האָב דערפילט אַ גרייטקייט צו באַצאָלן יעדן פּרייז כדי זיך צו געפינען אין אַ וואַרעמער שטוב און טרינקען אַזאַ פריש־פאַרבריטע הייסע קאַפע וואָס וואָלט מיך איצט פּשוט מחיה געווען. כ׳האָב מיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו מיין חברס וווינונג און געטראַכט אַנצוקלאַפּן זייער שטיל, און אויב מען שלאָפט נאָך ביי אים, וועט דאָך מיין שטיל קלאַפּן קיינעם נישט אויפוועקן, און קומען ער, אָדער ווער פון דער משפחה איז שוין וואַך, וועט דאָך די טיר פון זיין שטוב זיין פאַר מיר אָפן.

אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן, און צו מיין אייגענער פאַרוווּנדערונג, האָב איך דערהערט מיין חברס שטיל פרעגן: „ווער איז עס?״ כ׳האָב אָנגערופן מיין נאָמען און גלייך דערהערט אויפשליסן די טיר וואָס האָט זיך עטוואָס געעפנט און כ׳האָב דערזען מיין חבר אַרויסקוקן פון דער שפּאַרע,

כדי זיך איבערצוצייגן אַז דאָס בין איך טאַקע און גלייך האָט זיך די טיר ברייטער געעפנט. כ׳בין שנעל אַריין אין דער ווינונג און גלייך אויך אַריין אין דער קיך און געזען אַז ער האָט זיך שוין דאָרט אַרומגעפּאָרעט ביים מאַכן פייער, ער האָט מיך באַטראַכט מיט פאַרווונדערונג און זעענדיק מיך שמייכלען, געפרעגט:

— פון וואַנען קומסטו איצט?

— כ׳וועל דיר אַלץ דערציילן, נאָר קודם כל וויל איך מיך אַביסל אַרומוואַשן און אויב מעגלעך, זיי מיך מכבד מיט אַ הייסן געטראַנק, וואָס עס זאָל נישט זיין, אַבי הייס, ס׳וועט מיך איצט דערקוויקן און אויב דו האָסט קאַפע, וועסטו מיך פּשוט מחיה זיין.

מיין חברס פרוי, ווייזט אויס דערהערט אַז ס׳איז אימעצער דאָ אין דער קיך, האָט זי אין דער גיך אַ כאַפּ געטאָן עפּעס אויף זיך און אַריינגעקומען, כדי זען ווער האָט זיך עס צו זיי צוגעשטעלט אַזוי פרי און דערזעענדיק מיך, האָט זי זיך אָפּגערופן:

אָ, איר זענט עס מאַרעק? מיר האָבן געוואַרט אויף אייך נעכטן ביז גאָר שפּעט אין אָוונט. וואָס איז מיט אייך געשען?

כ׳האָב שוין געהאַלטן אין טרינקען, ריכטיקער, אין שלינגען די קאַפע און דערקענענדיק מיין אויסגעפרוירנקייט, האָט זי זיך אָפּגערופן:

— מאַרעק, אייער געלעגער וואַרט אויף אייך פון נעכטן אָן, און אויב איר ווילט זיך לייגן, דאַרפט איר זיך נישט קווענקלען...

ווען כ׳האָב זיך איבערגעוועקט פון שלאָף איז שוין געווען עלף אַ זייגער, כ׳בין אַריין אין דער קיך ווו מיין חבר, זיין פרוי און קינדער האָבן זיך געפונען. ס׳איז געווען מחיהדיק וואַרעם, איך האָב באַמערקט אַ געוויסע פאַרזאָרגטקייט אויף די פּנימער פון מיין חבר און זיין פרוי און געפרעגט:

— דוכט זיך אַז איר זענט מיט עפּעס באַזאָרגט?

פון זייער ענטפער האָב איך מיך דערוווּסט אַז דאָס זענען זיי באַזאָרגט טאַקע צוליב מיר; מיין נישט קומען נעכטן אָוונט האָט זיי איבערגעשראָקן; זיי האָבן געטראַכט אַז מיט מיר איז עפּעס געשען און אויב איך כ׳בין צו זיי געקומען אַזוי פרי, זענען זיי חושד אַז כ׳בין אַנטלאָפן פון עפּעס אַ געפאַר וואָס דראָט היינט יעדן יידן און זיי וואַרטן טאַקע פול מיט זאָרג און שפּאַנונג, כ׳זאָל זיי דערציילן פון וואָס פאַרא געפאַר כ׳בין אַרויס, און צי בין איך טאַקע אין אַ געפאַר.

זעענדיק מיך שמייכלען וואָס איז באַלד אַריבער אין אַ געלעכטער, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן באַרויקן, כ׳האָב אָנגעהויבן דערציילן אַלץ, אַלץ וואָס ס׳איז מיט מיר געשען אויפן וועג צו זיי...

דאָס פאַרפאַלק האָט געלאַכט פון דער געשיכטע וואָס איז מיט מיר

געשען, אפילו די קינדער האָבן געלאַכט, שמייכלענדיק, האָט מיין חברס פרוי מיך געפרעגט:

— און דו ווייסט נישט ווער זי איז און ווי זי זעט אויס?

— ניין.

מיין חבר האָט נאָכגעטראַכט וועגן דער געשיכטע פון מיין מאָדנער באַקאַנטשאַפט און אַ שמייכלענדיקער זיך אָפּגערופן:

— אַבי ס׳איז מיט דיר נישט געשען עפּעס ערגערס און איצט וועלן מיר פאַרברענגען צוזאַמען די צוויי טעג פון שבת און זונטיק, אַבי אַלץ איז גוט.

נאָכן האָבן פאַרברענגט די צוויי טעג ביי מיינע פריינד, בעת וועלכע כ׳האָב מיך גוט אויסגעוואַרעמט, אויסגערוט און זיך מחיה געווען מיט די היימישע מאכלים, בין איך מאָנטיק פאַרטאָג, צוריק אַוועק מיטן זעלבן, כסדר גליטשיקן וועג, אין שטאָט אַריין צו מיין אַרבעט.

ס׳איז אַדורך דער ווינטער, און ביי די ערשטע זונען שטראַלן, ווען איטלעכער האָט זיך דערפרייט מיטן אָנקומענדיקן פרילינג, איז אָבער די יידישע פרייד גלייך צעשטערט געוואָרן פון אַ ניי געזעץ וואָס לאַוואַל האָט אונטערגעטראָגן זיין אויסגעהונגערט פאָלק: אַז אַלע מענער, אין דער עלטער פון 18 יאָר אָן, זאָלן זיך רעגיסטרירן כדי פאָרן אַרבעטן אין דייטש־לאַנד. אַ סך האָבן דאָס שוין פון פריער פאַרגעזען, ווייל דער אויפרוף וואָס דער זעלבער לאַוואַל האָט געמאַכט מיט אַ געוויסע צייט פריער, רופנדיק צו פאָרן אַרבעטן פרייוויליק קיין דייטשלאַנד, האָט נישט געהאַט קיין דער־פאָלג. נאָר אַ קליינע צאָל פראַנצויזן האָבן זיך דאָן אָפּגערופן, דערונטער אויך אַביסל אונטערוועלט־מענטשן, וואָס זענען שטענדיק גרייט צו פאַר־קויפן פאַר ברודיק געלט זייער געוויסן, זייער פאָטערלאַנד און גאָט. דייטש־לאַנדס קריגס־אינדוסטרי האָט זיך געניטיקט אין אַרבעטס־הענט. די דייטשן גופא זענען אַלץ מער מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי און לאַוואַל האָט זיך געאיילט אונטערצוטראָגן די דייטשן די דאָזיקע פרילינגס־מתנה.

ס׳איז געווען קלאָר, אַז אין שייכות מיטן צוואַנגס־געזעץ צו פאָרן אַרבעטן קיין דייטשלאַנד, וועלן זיך פאַרשטאַרקן די פּאָליציייִשע זוכונ־גען און פאַפירן־קאָנטראָל און דאָס וועט אויך טרעפן פיל יידן, וואָס האָבן אַזוי ווי איך גופא, געלעבט אויף פאַלשע דאָקומענטן אַלס אַריער.

אין דער פאַבריק וווּ איך האָב געאַרבעט, האָבן זיך אָנגעהויבן שטי־לע דיסקוסיעס און אין אַ געוויסן אָוונט, ביים פאַרלאָזן די אַרבעט, רופט מיך אַוועק אין אַ זייט איינער פון מיין אַרבעטס־גרופּע און רוימט מיר איין, אַז ער וויל מיט מיר עפּעס אַדורכרעדן; מיר האָבן אָפּגעשטימט אַ טרעף־פונקט און קומענדיק אויף דעם באַשטימטן אָרט פרעגט ער מיך,

— האָסט דיך שוין רעגיסטרירט צו פאָרן קיין דייטשלאַנד?

— פאַרוואָס פרעגסטו מיך וועגן דעם?

— איך, — פאַרטרויט ער זיך מיר — מיט אייניקע חברים האָבן אויסגעקליבן אַן אַנדערן וועג, און דו, ווייל דו ביסט אַ ייִד, גלויב איך, אַז דו וועסט מסכים זיין גיין צוזאַמען מיט אונז אַהין... ווו מען קעמפט פאַר פראַנקרייכס באַפרייאונג; פאַר אַלעמענס באַפרייאונג, ביסט מסכים?

כ׳בין געווען דערשטוינט צו הערן די ווערטער: כ׳האָב געלעבט אויף „גוטע" פאַלשע פאַפּירן אַלס אַריער און מיר געמאַכט די אילוזיע אַז קיינער ווייס נישט וועגן מיין יידישקייט!

אוודאי האָב איך צוגעשטימט מיך אַנצושליסן אין דער גרופּע און קורץ דערנאָך האָט ער מיך באַקענט מיט נאָך חברים און אין אייניקע טעג אַרום בין איך שוין געווען מיט די פּאַרטיזאַנער. ווו דאָס לעבן איז געווען האַרט, אָבער פאַרט פריי און די סביבה אַ חברישע; מיר האָבן אַדורכגעפירט פאַרשידענע סאַבאָטאַזש־אַקציעס און געוואַרט אויפן מאָ־מענט ווען ס׳וועט אויסקומען דירעקט זיך צו שלאָגן פּנים אל פּנים מיט די נאַציס און פאַרטרייבן די פאַרהאַסטע דייטשן פון פראַנקרייך.

אוודאי וועל איך דאָ נישט דערציילן די ליידן און פריידן וואָס איך האָב מיטגעמאַכט אין דער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג; דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל. כ׳וויל נאָר דאָ זאָגן, אַז נאָך צוויי יאָר פאַרשידענע אַקציעס און קאַמפן, האָב איך ענדלעך דערלעבט דעם טאָג פון פאַרטרייבן די נאַציס און אין אָנהויב מאַי 1945 בין איך באַפרייט געוואָרן פון מיינע מיליטערישע פליכטן און כ׳בין צוריקגעקומען אין באַפרייטן פּאַריז; אין דער שטאָט פון ליכט און פרייהייט און אָנגעטראָפן אירע איינוווינער אין אַ יום־טוב־דיקער שטימונג, צוליבן באַפרייט ווערן פון די נאַצישע האָרדעס. די פּנימער זענען געווען שמייכלענדיקע און מען האָט אָפט געזען זיך קושן ביים ווידער באַגעגענען זיך פון פריינד.

אָבער צווישן די מיליאָנען פּאַריזער, האָבן זיך געפונען אַזעלכע וואָס טראָץ זייער אויפנעמען די באַפרייאונג מיט פרייד, האָבן זיי אָפט אויך אָפּגעפילט טרערן אין די אויגן און אַרומגעגאַנגען מיט אַ צאַפּל אין האַרצן, פול מיט זאָרג וועגן זייערע נאָענטע און טייערע וואָס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן; די שרעק פאַר זייער גורל איז געווען גרויס; די דאָזיקע פאַר־זאָרגטע זענען געווען אונזערע ברידער־יידן און איך צווישן זיי. יידן וואָס זענען נאָר וואָס אַרויסגעקומען פון די באַהעלטענישן; פון ווייטע פאַר־וואָרפענע דערפער און לעכער און נישט געהאַט מער קיין היים, קיין פרוי און קינד און אָנגעהויבן זוכן זייערע משפחות. די פרייד פון דער באַפרייאונג איז טאַקע געווען גרויס, אָבער דער צער און ווייטיק איז געווען טויזנט

מאָל גרעסער, די פריערדיקע וווינונגען זענען געווען אויסגערויבט און באַזעצט מיט אַנדערע פּליטים פון די חרובע שטעט פון מזרח און צפון פראַנקרייך, מען האָט זיך אַרומגעדרייט פאַראיינזאַמט און פאַרביטערט מיט ווייטיק אין האַרצן. אויך מיין פריערדיקע וווינונג איז געווען פאַרנומען דורך אַ משפחה מיט קינדער; מען האָט מיר געגעבן אַן עצה אויף צו קענען צוריק באַקומען מיין וווינונג אָבער כ׳האָב מיך אָפּגעזאָגט פון דער עצה, ווייל די ווענט וועלן מיך כסדר דערמאָנען אין די פאַרלוירענע, אין מיין פרוי און קינד.

אַ טאָג, ווען כ׳האָב געוואַנדערט אָן אַ ציל איבער די פּאַריזער בולוואַרן, בין איך צוגעקומען צום הויז אין וועלכן ס׳האָט פריער, ביז צום אַנטלויפן פון דער שטאָט, געוווינט מיין חבר פון וועמען כ׳האָב פאַר די לעצטע וואָכן נישט געהאַט קיין ידיעות; פון אומגעריכט אויפגעשוומענער נייגעריקייט, בין איך אַרויף די טרעפּ און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון זיין פריערדיקער וווינונג, און צו מיין גרויסער איבעראַשונג, האָט מיין חבר גופא מיר געעפנט די טיר.

אוודאי איז די פרייד פון סיורפּריז, פון אַזאַ אומגעריכטן ווידערגעפונען זיך, געווען גרויס; האָט מען נישט אויפגעהערט צו רעדן און זיך נישט געקענט באַפרייען פון די ווייטיקן צוליבן פעלן פון אונזערע נאָענטע.

מיין פריינד און זיין פרוי, האָבן צוריק באַקומען זייער וווינונג וואָס איז געווען פאַרנומען דורך אַ יונג פּאָרפאָלק, וואָס האָט זיך גראָד געקליבן אָפּפאָרן אין אַ פראַנצויזישער קאָלאָניע, זענען זיי גלייך צוריק אַריין אין זייער פריערדיקער דירה.

זעענדיק מיין דערשלאָגנקייט, האָבן זיי מיר פאָרגעשלאָגן כ׳זאָל דערווייליע בלייבן מיט זיי, ווו כ׳וועל האָבן מיין צימער און אויך מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן און מיך געטרייסט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ האָפענונג אַז פיל דעפּאָרטירטע וועלן זיך אומקערן, ווייל אין די ערשטע וואָכן פון דער באַפרייאונג האָט מען נאָך נישט געוווּסט ווי גרויס ס׳איז אונזער חורבן.

ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנקומען באַפרייטע קריגס־געפאַנגענע, טויזנטער און טויזנטער מענטשן; פרויען און מוטערס האָבן באַלאַגערט די אָנקומענדיקע צוגן, נאָר די אָפּגעראַטעוועטע, צוריקגעקומענע יידישע קריגס־געפאַנגענע האָבן קיינעם כמעט נישט געפונען צווישן אָפּוואַרטנדיקן עולם. זיי האָבן זיכער געחלומט דעם גאַנצן וועג בעת זייער אַהיימפאָרן, אַז אָט באַלד און זיי וועלן אַריינפאַלן אין די אָרעמס פון זייערע פרויען און קינדער און גרויס איז געווען זייער ווייטיק, ווען אָנקומענדיק, פאַרמאַטערטע און אויסגעשעפּטע, האָבן זיי נישט געזען קיינעם פון זייערע נאָענטע און זיך

לסוף דערוווסט וועגן די טראַגישע דעפּאָרטאַציעס פון אַלט און יונג און אַז זייערע ליבסטע און נאָענטע וועלן שוין קיינמאָל מער נישט צוריקקומען.

ס׳האָבן אויך אָנגעהויבן אָנקומען איינצלנע פון די אויסראַטונג־לאַגערן; ס׳איז געווען שווער צו קוקן אויף זייערע אויסגעפּייניקטע גע־זיכטער און צו זען זייערע טרויעריקע אויגן, וואָס האָבן אומזיסט געזוכט אַ נאָענטן מענטשן און שטומערהייט זיך געפרעגט:

— איז טאַקע נאָך פאַראַן אַ וועלט? איז נאָך טאַקע פאַראַן אַזוי פיל מענטשן וואָס גייען אָנגעטון מענטשלעך אַזוי ווי פריער?

פון די ווייניקע צוריקגעקומענע פון די טויטן־לאַגערן, האָט מען זיך אָנגעהויבן דערוויסן די גרויסע בראָך, דעם שוידער וואָס איז צו די אומבאַהאָלפענע דעפּאָרטירטע אָפּגעטאָן געוואָרן און כ׳האָב שוין מער נישט געהאַט קיין האָפענונג ווידער צו זען מיין פרוי און קינד. מיינע פריינד האָבן מיך געטרייסט; כ׳זאָל פאַרט נישט אויפגעבן די האָפענונג צוריקצו־זען מיינע נאָענטע; אַז עס קען נאָך געשען דער נס.

— ניין מיינע ליבע! דער נס וועט שוין לײַדער נישט געשען, ווייל אויב מיר ווייסן שוין איצט אַביסל פון אונזער חורבן, ווייס איך שוין איצט אויך אַ ביסל טראַגישע איינצלהייטן וואָס פאַרטונקלט יעדע שיין פון האָ־פענונג, אַז ס׳זאָל נאָך ווער צוריק קומען פון דעם גיהנום, און אַט פאַרוואָס:

ס׳איז געווען אַ טייערער ייד, זיין נאָמען איז געווען אַרטור זיגלבוים; אַט דער זיגלבוים האָט געגלייבט באמונה־שלמה, אין די הומאַניסטישע כוחות פון דער וועלט; אפילו ווען ער האָט אַליין געזען, אַז די וועלט איז גלייכגילטיק צו דער שחיטה פון יידישן פאָלק, האָט ער אַלס פּראָטעסט וואָס די וועלט איז אַזוי גלייכגילטיק, אַוועקגעגעבן דאָס טייערסטע וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט, דאָס לעבן! און פאַר זיין טויט, זענען אין פייער און אין בלוט אומגעקומען די רעשטלעך פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און די „וועלט" האָט געשוויגן; צענדליקער באַנען האָבן טעגלעך געפירט יידן אין די טויטן־לאַגערן און די וועלט האָט געשוויגן; אויף די ימען זע־נען געשווימען צוויי אַלטע צעבראָכענע שיפן, „פּאַטריאַ" און „סטרומאַ" אָנגעשטאָפּט מיט יידן וואָס האָבן זיך על־פּי־נס געראַטעוועט פון די נאַ־צישע נעגל; זיי האָבן געקלאַפּט אין אַלע טירן פון דער וועלט, זיך געבעטן רחמים: „„ראַטעוועט"! און די טירן פון דער וועלט זענען געווען אַזוי פאַרשלאָסן ווי די הערצער פון די פעלקער...

און די וועלט האָט דאָך געהאַט אַ געלעגנהייט אַזוי גרינג תשובה צו טאָן אויף זייערע חטאים קעגן אונז, ווען זי לאָזט אַריין די פאַרצווייפלטע שווימענדיקע יידן.

צוגענומען האָט זיי דער ים אין זיינע טיפענישן.

און איך פרעג: ווי אַזוי האָט דער קדוש זיגלבוים געקענט גלויבן, אַז מיט זיין נעמען זיך דאָס לעבן, וועט די וועלט ווערן אויפגעציטערט? דערפאַר מיינע ליבע, ווייס איך אַז דער נס וועט שוין ליידער נישט געשען!

ס׳זענען אַדורך וואָכן און כ׳האָב אָנגעהויבן אַרבעטן כדי פאַרדינען אויף פרנסה. גלייכצייטיק האָב איך מיך באַקענט מיט יידישע יונגעלייט וואָס זענען געווען טעטיק אין אַן אַרבעט אין וועלכער אויך איך האָב מיט ענטוזיאַזם מיך אַריינגעוואָרפן; ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין העלפן דאָס איבערפירן, אין געהיים פאַרשטייט זיך, בחורים און מיידלעך און בכלל יידישע מענטשן, אָפּגעראַטעוועטע פון די לאַגערן און אויך אין רוסלאַנד, קיין ישראל. די דאָזיקע אַקטיוויטעט אין וועלכער כ׳האָב געקענט מיטהעלפן דאָ אויפן אָרט, איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע טרייסט, איך וואָלט דאָן אַליין אויך עולה געווען קיין ישראל, אָבער די האָפענונג וואָס האָט טראָץ דער טרויעריקער רעאַליטעט, פאַרט געלעבט אין האַרצן, אַז אפשר, אפשר וועט מיין פרוי און קינד זיך דאָך האָבן אָפּגעראַטעוועט און זיי וועלן צוריק קומען קיין פראַנקרייך... האָט מיך צוגעשמידט צום אָרט, ווו טראָץ דער מיליטערישער מפלה פון די נאַציס און זייערע פראַנצויזישע קאָלאַבאָראַ־טאָרן, האָבן מיר פאָרט אָפּגעפילט אַ געוויסן אַנטיסעמיטיזם און אַ ברוגז אויף די אָפּגעראַטעוועטע יידישע מענטשן און משפחות, וואָס האָבן אָנגעע־הויבן פאָדערן דאָס אומקערן זייערע ווויינונגען; אָפט האָט מען געהערט דעם סלאָגאַן אַז „אַלע יידן זענען צוריקגעקומען און זיי וואַרפן אַרויס די פראַנ־צויזן אויף דער גאַס״.

אין יענע טעג, האָט אין דער גרויסער פּאַריזער קאַפע „גלאָב״ אָנ־געהויבן אין די אָוונטן שפּילן אַ יידישער אָרקעסטער פון די ברידער וויניצקי; פּאַריזער יידן און אויך איך מיט מיין פריינד און זיין פרוי, זענען מיר אָפט אַהינגעגאַנגען הערן די יידישע ניגונים און ביי דער גע־לעגנהייט זיך טרעפן מיט אונדזערע ברידער־יידן. נישט איינמאָל, ביים הערן דאָס ליד „די יידישע מאַמע״, האָבן זיך ביי פיל יידן און כ׳בין מיך מודה אַז אויך ביי מיר גופא, געשטעלט טרערן אין די אויגן.

אַ יידישע מאַמע,
אוי ווי ביטער ווען זי פעלט!

און וועמען פון אונדז האָט נישט געפעלט די מאַמע? די אַלע טייערע יידישע מאַמעס וואָס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן און פאַרפייניקט געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע קינדער.

30

אַ געוויסן טאָג האָבן די צייטונגען געבראַכט אַ ידיעה וועגן אַ רע־גירונגס־באַשלוס, אויסצוצאָלן אַ באַשטימטע אַנטשעדיקונג די אָפּגעראַ־טעוועטע יידן וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע וווינונגען און ביי וועמען די דייטשן האָבן צוגערויבט זייער האָב און גוטס, מען האָט געדאַרפן זיך איינשאַפן אַ ריי פּאַפּירן וועגן דער גרויס פון דער וווינונג און פינאַנציעלן מצב ביז צו דער דייטשער אָקופּאַציע און זיי ביילייגן אין אַ ספּעציעלן אַמט, וואָס איז צו דעם צוועק געשאַפן געוואָרן.

אוודאי האָט מען ביים איינשאַפן די נייטיקע דאָקומענטן, זיך אָנ־געשטויסן אין אַמטן אויף אַ ריי נישט־פריינטלעכע און אפילו אַנטיסעמי־טישע עלעמענטן ; איינער אַזאַ באַאַמטער ביי וועמען כ׳האָב געדאַרפן דער־ליידיקן אַ לעצטע פאָרמאַליטעט, האָט זיך אויסגעדריקט צו מיר יידן־פיינטלעך, אַז כ׳האָב מיך מער נישט געקענט באַהערשן, כ׳האָב אים אָנ־געכאַפּט ביי די קלאַפּעס, אים געטרייסלט און געשריגן :

— וואָס מיינט איר ? אַז די געסטאַפּאָ שטייט הינטער אייך ? אַז איר דערלויבט אייך אַזעלכע רייד ?

אין אַמט איז געוואָרן אַ גרויסער טומל ; מען האָט מיך קוים אָפּ־געריסן פון אים, ס׳האָט אפילו געהאַלטן ביים אַרויסרופן פּאָליציי...

האָבנדיק מיר איינגעשאַפט אַלע נויטיקע דאָקומענטן, בין איך אַ געוויסן פרימאָרגן פון חודש יאַנואַר 1946 אַוועק אין אַמט ווו כ׳האָב גע־דאַרפן אָנגעבן מיין ביטע וועגן באַקומען די רעגירונגס־אַנטשעדיקונג... דעם פרייז פאַר אונדזער אומגליק, ס׳האָבן דאָרט געוואַרט נאָך יידן און כ׳האָב געוואַרט אויף מיין ריי.

ענדלעך בין איך אָנגעקומען צו דער באַאַמטין, ס׳איז געווען אַ יונגע און סימפּאַטישע פרוי וואָס האָט אָפּגענומען פון מיר מיינע פּאַפּירן, זיי דורכגעקוקט, זי האָט אויפגענומען איטלעכן און אויך מיך מיט אַ פריינטלעכן שמייכל אויף אירע ליפּן, באַרואיקט מיט רייד, אַז זי פאַר־שטייט זייער גוט אונדזער לאַגע, אַז אפילו ווען מען וואָלט יעדן איינעם

צוגעטיילט אַ סך אַ גרעסערע סומע, וועט מען נאָך נישט אימשטאַנד זיין צוריקשטעלן דאָס צוגערויבטע; ס'זענען אָבער פאַראַן פאַרשידענע נאַר־מעס און זי פּערזענלעך קען דאָ ליידער גאָרנישט ענדערן.

זי האָט פאַרענדיקט דאָס אַדורכקוקן מיינע פּאַפּירן, געבעטן מיט אַ זעלטענעם שמייכל אויף איר באַחנט פּנים, צו פאַרענטפערן אַ ריי פראַגן וועלכע זענען געווען נויטיק צו קאָמפּלעטירן מיין ווענדונג און דערביי באַדויערט וואָס געוויסע באַאַמטע זענען נאָך אַנגעשטעקט מיט נישט יידן־פריינטלעכקייט, ביי יעדן אונטערשטרייכן מיין נאָמען מאַרעק ווערנער, האָט זי אַזוי מאָדנע מיר אַריינגעקוקט אין פּנים און אַרויסגעלייענט פון מיינע פּאַפּירן:

„פאַרהייראַט" „איין קינד", אַדרעס דער און דער און לסוף מיך אַ פרעג געטאָן, באַטראַכטנדיק מיך מיט עפּעס אַ מאָדנעם בליק:

— און אייער פרוי? זי איז מיט אייך? אין פּאַריז?

פון דער פראַגע איז מיר געוואָרן זייער נישט היימלעך אויפן האַרצן, אוודאי, ס'איז דאָך געווען אַ נויטיקע פאָרמאַליטעט; אין געוויסע אַמטן האָט מען זיך אפילו געפרעגט אויף מיין פאָטער און מוטער; איז וואָס האָב איך איר געזאָלט ענטפערן? אַז מיין פרוי לעבט נישט? אַז זי איז פאַרפייניקט געוואָרן? אַז איר נשמה געפינט זיך צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע קרבנות ערגעץ ווו אין הימל? כ'האָב געטראַכט אַ ווייליע וואָס כ'זאָל איר זאָגן און מיך אַרויסגעכאַפּט:

— מיין פרוי? מיין פרוי איז אין הימל...

זי האָט האַסטיק אויפגעהויבן איר קאָפּ און מיך באַטראַכט מיט אַ מאָדנע שאַרפן בליק. אַ שאָטן האָט זיך באַוויזן אויף איר באַחנט פּנים פון וועלכן דער שמייכל איז גיך פאַרשוווּנדן. איר באַטראַכטן מיך האָט גע־דויערט לענגער ווי געוויינלעך און כ'האָב מיך געפרעגט אין האַרצן, פאַר־וואָס האָט איר מיין ענטפער אַזוי מאָדנע געטראָפן, נישט געפעלן?

ענדלעך האָט זי אַוועקגענומען אירע בליקן פון מיר און זיך ווידער־אַמאָל פאַרטיפט אין מיינע פּאַפּירן, מיר האָט זיך געדוכט אַז כ'הער אירע ליפּן מורמלען; מאַרעק ווערנער, מאַרעק, מאַרעק...

עפּעס איז מיט איר געשען, פאַרוואָס אַזאַ פּלוצימדיקע ענדערונג? יאָ, כ'האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז די סימפּאַטישע פרוי מאַכט אַדורך עפּעס אַ קריזיס, כ'האָב בפירוש געזען אַז זי פילט זיך נישט גוט, זי האָט זיך אויפגעהויבן פון איר פּלאַץ און אַרויסגעמורמלט אַן אַנטשולדיקונג וואָס זי לאָזט מיך אויף אַ ווייליע איבער, אַז זי קומט גלייך צוריק און האָט פאַרלאָזט דאָס ביוראָ־צימער.

כ'בין געבליבן וואַרטן פרעגנדיק מיך אין האַרצן, וואָס איז דער

פרוי געשען? זאָל עס מיין ענטפער איר האָבן אַזוי צערודערט? און אפשר האָט זי גאָר געקענט מיין פרוי? — איז מיר פלוצים אַדורך אַ געדאַנק.

און אָט האָט זיך די סימפּאַטישע באַאַמטין צוריק באַוויזן אין ביוראָ. זי האָט פאַרנומען איר פּלאַץ ביים טיש אויף וועלכן ס'זענען געלעגן מיינע פּאַפּירן און אויף דאָס ניי זיך אַנטשולדיקט פאַר מיר און אויף דאָס ביי מיך אַזוי מאָדנע באַטראַכט. זי האָט פאַרענדיקט די לעצטע פאָרמאַליטעטן אין שייכות מיט מיין ביטע וועגן דער אַנטשעדיקונג, אַריינגעלייגט די פּאַפּירן אין אַ ספּעציעלן קאַרטאָן און אויסגעשטעלט אַ באַשטעטיקונג וועגן דער דערהאַלטענער ביטע און ביים דערלאַנגען מיר דאָס צעטל, האָב איך ערשט באַמערקט אַז זי האַלט אין האַנט אַ בריוול, וואָס זי האָט דאָס מיר דערלאַנגט און מיט אַ לייכטער פאַרויטלטקייט אויף איר איצט זייער ערנסט געזיכט, און מיר געזאָגט:

— מיסיע מאַרעק ווערנער, לייענט דאָס וואָס איז דאָרט אָנגע־שריבן, נישט איצט, נישט דאָ אין ביוראָ און דער עיקר, טוט אַזוי ווי מען בעט אייך; ס'איז זייער וויכטיק — און אירע בליקן האָבן מיך באַ־גלייט ביז כ'האָב פאַרלאָזט דאָס ביוראָ־צימער.

מיין נייגעריקייט איז געווען גרויס: וואָס איז עס פאַראַ בריוול? כ'האָב געזען ווי זי האָט באַהאַנדלט די אינטערעסאַנטן וואָס זענען געווען פאַר מיר און פאַרוואָס האָט זי זיי נישט געגעבן קיין שום בריוול? און וואָס איז דער אינהאַלט זיינער?

פאַרלאָזנדיק דאָס ביוראָ, בין איך גלייך אַריין אין אַ קאַפע, און מיט אַ מאָדנעם ציטער אין האַרץ געלייענט די ווערטער:

„מיין ליבער פריינד, אייער ענין וועט זיין דערלעדיקט ווי אַמבעסטן, אָבער איך בעט אייך, אויב עס איז נאָר מעגלעך, צו זיין היינט אַרום אַכט אָוונט, ביי מיר אין שטוב אויף אָוונט־ברויט, טראַכט נישט שלעכט וועגן מיר און קומט אומבאַדינגט, טוט עס איך בעט אייך, איך וועל אייך אַלץ אויפקלערן.

און ס'איז נאָכגעקומען איר נאָמען און אַדרעס.

כ'בין געבליבן זיצן אַ שטאַרק פאַראינטריגירטער; וואָס זאָל דאָס באַדייטן? צוליב וואָס און פאַרוואָס די איינלאַדונג איר צו באַזוכן אין איר וווינונג און שוין היינט אָוונט, מערקווירדיק!

אַריינקומענדיק צו מיינע פריינד ביי וועמען כ'האָב נאָך אַלץ גע־וווינט, האָב איך מיך נישט געקענט אָפּהאַלטן און זיי גלייך דערציילט וועגן דער מאָדנער געשיכטע מיט דער באַאַמטין פון דער אַנטשעדיקונגס־ביוראָ און זיי געגעבן צו לייענען דאָס בריוועלע.

— אינטערעסאַנט — האָט מיין פריינד באַשטעטיקט — וואָס איז עס פאַרא מעשה?

— איך פאַרשטיי אויך גאָרנישט, די פרוי האָט מיך אויפגענומען פיין, געדעדט אײדל, מיט אַ שמייכל זיך אויסגעפרעגט אַלץ וואָס ס׳איז געווען נייטיק און מיך אויך געפרעגט וועגן מיין פרוי, ווי עס פירט זיך אין אַלע אַמטן, ווען כ׳האָב איר געזאָגט אַז מיין פרוי לעבט נישט מער, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק אַז דאָס האָט איר אַביסל געטראָפן; כ׳האָב באַמערקט אין איר אַ שטאַרקע ענדערונג, עטלעכע מאָל האָט זי דערביי איבערגעחזרט מיין נאָמען און מיך מאָדנע באַטראַכט, לסוף האָט זי זיך אַנטשולדיקט, מיך איבערגעלאָזט אויף אייניקע מינוט אין די ביורא און ווען זי איז צוריק אַריינגעקומען, האָט זי שוין געהאַט אָט דאָס בריוול אין האַנט, און ביים אַוועקגיין מיר געזאָגט, כ׳זאָל אומבאַדינג פאָלגן די אָנגע־שריבענע ווערטער; ס׳קומט מיר אויפן געדאַנק, אַז זי האָט אפשר געקענט מיין פרוי, און דערהערנדיק פון מיר אַז זי לעבט נישט, וויל זי מיר אפשר איבערגעבן איינצלהייטן, ווי דען אַנדערש?

נאָך אַ לענגערן נאָכטראַכטן פרעגט מיך מיין פריינד:

— ס׳איז זאָגסטו אַ סימפּאַטישע פרוי?

— פאַרוואָס פרעגסטו עס?

— כ׳ווייס? אפשר, דערוויסנדיק זיך אַז דו ביסט אַליין, אַזאַ שיינער יונגערמאַן ווי דו... אפשר טאַקע אַ פלירט?...

— בלויז דאָס האָסטו אויסגעפינען? דו, זע איך, ביסט שוין פאַר־טיק מיטן שידוך!...

— נו, אַביסל געדולד, דו וועסט דאָך ביי איר זיין, וועסטו עס נאָך היינט וויסן, צוליב וואָס ברעכן זיך דעם קאָפּ? מיר וועלן דאָך גאָרנישט צוטראַכטן.

מיין נייגיריקייט צו וויסן די סיבה פון דער איינלאַדונג, איז באמת געווען זייער גרויס; כ׳האָב מיך אָפּראַזירט, אָנגעטון פון בעסטן, וואָס כ׳האָב דעמאָלט פאַרמאָגט; געבאָרגט אַ קראַוואַט ביי מיין חבר און ווען כ׳בין שוין געווען ביי דער טיר, פרעגט מיך מיין חברס פרוי:

— וועסטו הייסט עס נישט עסן מיט אונדז דאָס אָוונט־ברויט?

— זי האָט דאָך מיך געבעטן צו זיך אויף אָוונט־ברויט...

31

כ׳בין אַרויס פון שטוב און געאײלט צו דער מעטראָ, איר װױנונג האָט זיך געפונען אויף אַ צװײטן שטאָק, אַז כ׳האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר האָב איך געפילט מײַן האַרץ שטאַרקער קלאַפּן; כ׳האָב באַטראַכט די טיר װאָס הינטער איר איז באַהאַלטן אַ סוד, אָבער װאָס פאַראַ סוד?

די טיר האָט זיך גלײַך געעפנט, װײַזט אויס אַז אויך זי האָט מיט אומגעדולד געװאַרט אויף מײַן קומען. זי איז געשטאַנען אַנטקעגן מיר און מיך באַטראַכט מיט אַ מאָדנעם בליק. עפּעס אַן אומרואיקייט האָט פון איר אַרויסגעקוקט. זי האָט איצט אויסגעזען אינגאַנצן אַנדערש װי אין דער ביוראָ; אירע שװאַרצע האָר זענען געװען פאַרקעמט אויף גלײַך און האָבן דערגרייכט ביז אירע אַקסלען, זי האָט איצט געטראָגן אַ רויט קלייד, װאָס האָט גאָר ספּעציעל אָפּגעצייכנט די װײַסקייט פון האַלדז און אָרעמס. טראָץ איר חנעװודיקן שמייכל האָט פון אירע אויגן אַרויסגעקוקט אַ געװיסע אומרואיקייט. זי איז באמת געװען אַ זייער שיינע פרוי, און איר האַלטונג האָט געװעקט צו איר דרך־ארץ.

אין דער טיר שטייענדיק, האָבן מיר אַ װײַלע זיך קעגנזײַטיק באַטראַכט און מיט אַ זשעסט פון איר האַנט האָט זי מיך אַרײַנגעבעטן אין דער װױנונג.

כ׳האָב מיך געפונען אין אַ גרויסן קאָרידאָר אין װעלכן כ׳האָב באַמערקט אַ ריי טירן, זי האָט געװאָלט כ׳זאָל אויסטאָן מײַן מאַנטל, און דערנאָך האָט זי מיך אַרײַנגעפירט אין אַ שיין מעבלירטן סאַלאָן. כ׳האָב שװײַגנדיק באַטראַכט דאָס צימער, דאָס מעבל און די באמת װערטפולע בילדער װאָס האָבן געהאָנגען אויף די װענט. אויף אַ קליין מאַרמאָרן טישל איז געשטאַנען אַ װאַזאָן מיט פרישע בלומען, װאָס האָט אָנגעפילט דאָס צימער מיט אַן אָנגענעמען ריח. אַ גרויסע שטיי־לאָמפּ מיט אַ בלויען אַבאַ־זשור האָט באַלויכטן דאָס צימער און געשאַפן אַן אָנגענעמע אינטימע שטימונג. אין אַ װינקל פון סאַלאָן איז געשטאַנען אַן עלעגאַנט ביוראָ־טישל, ס׳האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע װאַזאָנען מיט גרינע פלאַנצן.

פון אַלעם אַרום האָט געאָטעמט מיט געשמאַק און עלעגאַנץ.
זי האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ פאָטעל און זי גופא האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פאָטעל וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן איבער מיר.
ביידע האָבן מיר געשוויגן.
איך בין נישט געווען דרייסט צו פרעגן עפּעס און געוואַרט אויף אירס אַ וואָרט; ענדלעך האָט זי זיך אָפּגערופן:
— ליבער פריינד, איך האָב אייך אפשר באַלעסטיקט מיט דער ביטע אַרויפצוקומען גלייך היינט אָוונט, צו מיר אין מיין וווינונג; צו זיין היינט מיין גאַסט. דאָס איז אָבער געשען אַזוי אומגעריכט נישט נאָר פאַר אייך, נאָר אויך... פאַר מיר; פאַראַן דערפאַר אַ גאַר וויכטיקע סיבה און אין מיין ביוראָ ווו כ׳בין באַשעפטיקט, האָב איך וועגן דעם ענין, נישט געקענט רעדן, ס׳איז אַן ענין וועגן וועלכן מען קען נישט אַזוי פשוט רעדן... — זי האָט איבערגעריסן אויף אַ ווײַלע, מיך באַטראַכט מיט אַ מאָדנע דורכדרינגענדיקן בליק און איבערגעחזרט — ניין, ס׳איז גאָרנישט קיין פשוטער ענין.
כ׳בין געווען אַנטשטױנט צו הערן פון איר די רייד און מיך גאָרנישט געפילט באַקוועם פון איר אויפן קוקן אויף מיר, אַ זאַך וואָס האָט מיך אפילו צערודערט און כ׳האָב מיך געפרעגט אין האַרצן וואָס זאָל דאָס אַלץ באַדייטן?
— כ׳וויל אייך עפּעס פרעגן -- האָט זי מיר דערנאָך געזאָגט — און אויב עס וועט נאָר זיין מעגלעך, מיר ענטפערן אויף די געשטעלטע פראַגן, זענט איר מסכים?
— סאַראַ מאָדנע רייד הער איך פון אייך; אָבער ס׳מאַכט נישט אויס, פרעגט, כ׳וועל אייך אויף אַלע פראַגן גענוי ענטפערן.
ווייזט אויס אַז זי האָט דערפילט אַז זי האָט אַביסל איבערגעכאַפּט די מאָס מיטן אויפן פון רעדן, וועלנדיק אָפּווענדן די שטרענגקייט אירע האָט זי געפרעגט:
— אָבער פאַר אַלעם, וועט איר אפשר עפּעס טרינקען? אַן אַפּעריטיוו?
— מסכים.
זי האָט זיך אויפגעהויבן פון איר פּלאַץ, געפּאָרעט זיך אייניקע מינוט אַרום געטראַנק, וואָס איז פריער נאָך געווען צוגעגרייט אין אַ ווינקל פון סאַלאָן, סערווירט אים מיט אַ סך חן אין אירע באַוועגונגען און נאָכן פאַרזוכן פון געטראַנק, האָט זי זיך צוריק אַוועקגעזעצט אין איר פאָטעל אַנטקעגן איבער מיר, ווידער מיך באַטראַכט מיט איר מאָדנע בליק און זיך אָפּגערופן:
— אין אייער ביטע וועלכע כ׳האָב היינט פון אייך אָפּגענומען האָט

איר אָנגעגעבן אַז איר זענט געווען אַ פרייוויליק־אַנגאַזשירטער אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, און אַז נאָך דער דעמאָביליזאַציע אין חודש יולי 1940, זענט איר צוריקגעקומען קיין פּאַריז.

— יאָ.

— און ווען האָט איר ווידעראַמאָל פאַרלאָזט די שטאָט ?

— דאָס איז געשען אין חודש אויגוסט 1942, צוליב די דייטשע רדיפות אויף יידן.

— איר זענט דאַן צוריקגעקומען אין דער פרייער זאָנע, אין נישט אָקופּירטן פראַנקרייך, זאָגט זשע מיר, אין וועלכער שטאָט זענט איר געווען ?

איך האָב איר אָנגערופן דאָס אָרט, די שטאָט ווו כ'האָב מיך דאַן אויפגעהאַלטן און מיך געוווּנדערט אויף דער גרויסער פאַראינטערעסירונג וואָס כ'האָב אָראָפּגעלייענט פון איר פּנים.

— זענט איר דאָרט געווען אַליין ? אָדער מיט אייער פרוי און קינד ?

— אַליין ! מיין פרוי און קינד זענען דעפּאָרטירט געוואָרן פון פּאַריז.

— אָן נאָענטע ? אָן פריינד ?

— אַליין ! — האָב איך איבערגעחזרט, אָן צו פאַרשטיין וווּהין די פרוי צילט.

— האָט איר נישט געהאַט קיין פריינד מחוץ יענער שטאָט אין וועלכער איר האָט זיך דאַן אויפגעהאַלטן ?

— יאָ, כ'האָב געהאַט אַ פריינד וואָס האָט געוווינט אין אַ נישט וויטן דאָרף, צו וועמען כ'פלעג פון צייט צו צייט קומען, דער עיקר אויף אַ שבת און זונטיק.

זי האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט, און לסוף געפרעגט :

— אין וועלכן דאָרף האָט געוווינט אייער פריינד ?

כ'האָב איר אָנגערופן דעם נאָמען פון דער אָרטשאַפט.

זי איז אויף דאָס ניי אַנטשוויגן געוואָרן, אירע בליקן האָבן איצט געוואַנדערט איבער די ווענט און בילדער פון סאַלאָן. כ'האָב געזען אַז די פרוי לעבט איצט עפּעס אַדורך ; „וואָס געשעט מיט איר ?" האָב איך מיך געפרעגט ; זי האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן פון איר פאָטעל, צוגע־גאַנגען צום פענצטער און אַ ווײַלע שווייגנדיק אַרויסגעקוקט, דערנאָך האָט זי זיך צוריק אויסגעדרייט, פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו איר פאָטעל, איר פּנים איז איצט געווען פאַרגאָסן מיט אַ מאָדנער רויטלעכקייט פון אינערלעכער עמאָציע, זי האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף איר פאָטעל,

מיטביידע הענט זיך אָנגעהאַלטן אין די אַנלענען; אירע ברוסטן האָבן זיך שנעלער באַוועגט, און געריידט ווי צו זיך אַליין:

— מאַרעק ווערנער! מאַרעק... זי האָט זיך גענומען באַוועגן ווי וועלנדיק עפּעס זאָגן. נאָר איז וויזט אויס נישט געווען דעצידירט, ווי זיך געשראָקן פאַר עפּעס אָבער מיטאַמאָל, זענען אירע בליקן געוואָרן שאַרפער און שנעל, ווי וועלנדיק איבערקומען דאָס שווערסטע, מיך גע־פרעגט:

— זענט איר נישט אַמאָל געווען אין אַ געוויסן קאַלטן, גליטשיקן און פינצטערן אָוונט אַן... אומבאַקאַנטער רעטער?...

וואָס זאָל איך אייך דערציילן? דערהערנדיק פון איר די דאָזיקע רייד, בין איך אַ שפּרונג אויף געגעבן פון מיין פאָטעל, ווי מען וואָלט מיר אַ שטאָך געטאָן מיט געגליטע נאָדלען; ס׳איז מיר מיט איינמאָל קלאָר געוואָרן וועמען כ׳האָב פאַר מיר אין דער געשטאַלט פון דער סימפּאַטישער פרוי.

— אַדעלאַ! — האָב איך אויסגעשריגן — אַדעלאַ! גאָט מיינער, איר? איר? דאָס ביסט דו?

זי האָט עס באַשטעטיקט אָן ווערטער, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ אויף יאָ, נישט אויפהערנדיק צו שמייכלען.

— יאָ — האָט זי זיך לסוף אָפּגערופן — דאָס בין איך עס, מיין פּאַרדאַכט איז געווען אַ ריכטיקער, זעסט, דאָס ביסטו טאַקע מיין הימ־לישער מענטש, וואָס ביסט אויך איצט ווי אַראָפּגעפאַלן פון הימל, כדי ס׳זאָל זיך אפשר רעאַליזירן דער ווונטש פון מיין פאָטער...

מיר זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס און זיך צעקושט, ווי צוויי גוטע פריינד וואָס האָבן זיך שוין לאַנג, לאַנג נישט געזען.

— אַדעלאַ! אַדעלאַ! — האָב איך מיך נישט געקענט אָפּהאַלטן פון איבערחזרן מערערע מאָל איר נאָמען — אַזאַ זאַך, אַזאַ געשעעניש! ווער וואָלט זיך עס גאָר געקענט פאָרשטעלן? מען קען דאָך פּשוט אַראָפּ פון זינען. ווי אַזוי איז עס דיר איינגעפאַלן אַז איך בין עס דער „אומבאַקאַנטער רעטער" דיינער, פון יענעם אומפאַרגעסלעכן אָוונט? ווי אַזוי?

— מיין טייערער — האָט אַדעלאַ זיך צו מיר אָפּגערופן — איך מוז דיר זאָגן, אַז פון גרויס שפּאַנונג, צו ביסט עס טאַקע דער וועמען כ׳בין חושד געווען, האָב איך היינט אפילו קיין מיטאָג נישט געגעסן. איצט דערפיל איך ערשט דעם גרויסן הונגער מיינעם, אויך פאַר דיר איז שוין צייט צו עסן אָוונט־ברויט; וועלן מיר קודם כל עפּעס עסן, און רעדן וועלן מיר דערנאָך. מיר האָבן צייט צו רעדן אפילו ביז אין דערפרי... דאָס

מאָל — האָט זי אַ פאַררויטלטע צוגעגעבן — וועל איך דיך פאַרטאָג... נישט אַרויסטרייבן ווי דעמאָלט...

זי האָט אפילו נישט געוואָרט אויף מיין ענטפער, נאָר מיך אָנגענומען ביי אַ האַנט און מיך געפירט ווי אַ קינד דורכן לאַנגן קאָרידאָר ביז מיר זענען צוגעקומען צו דער קיך, ווען זי האָט ליכטיק געמאַכט בין איך ממש פאַרבלענד געוואָרן פון דער איינריכטונג וואָס כ'האָב דאָרט געזען; זי האָט מיר אָנגעוויזן דאָס אָרט וווּ זיך צו זעצן און אַליין זיך אָנגעהויבן פאַרען מיטן דערלאַנגען צום טיש, אויף וועלכן ס'האָט זיך באַוויזן וווּרשט, קעז, פוטער, ברויט, ווייך און קאָניאַק. דער אויסדרוק פון איר פנים און שמייכל אויף אירע ליפּן האָט באַשטעטיקט די צופרידנקייט פון איר זיג; זי האָט זיך נישט גענאַרט.

מיר האָבן געגעסן מיט אַפּעטיט און כסדר געקוקט אויף זיך און געשמייכלט צו איינאַנדער. כ'האָב געטראַכט און מיך געפרעגט; וואָס קומט דאָ אייגנטלעך פאָר? אָט אָ די, דוכט זיך, דאָרפישע שיקסע, ווינט אין אַזאַ שיינעם אַפּאַרטאַמענט, פאַרנעמט אַזאַ וויכטיקן אַמט אלס פונק־ציאָנאַרין. באַזיצט אַזעלכע שיינע, עלעגאַנטע מאַנירן, סיי אין רעדן און סיי אין איר האַלטונג. כ'האָב אויך געטראַכט מכוח דעם וואָס זי איז אויסן מיטן איינלאַדן מיך צו זיך, שוין היינט אָוונט גלייך נאָך אונדזער צונויפטרעפן זיך; פאַרוואָס די דאָזיקע העפלעכקייט? די אַרויסגעוויזענע פריינדשאַפט צו מיר? אמת, ס'האָבן אונדז פאַרבונדן די זכרונות פון דער פאַרברענגטער נאַכט, אָבער מיר האָבן זיך דאַן אפילו נישט געזען און אויב מיר האָבן זיך געטראָפן דריי יאָר שפּעטער, קען מען טאַקע זיין צופרידן פון דער באַגעגעניש, אָבער וואָס באַדייט דער איצטיקער יום־טוב אַרום מיר? וואָס טראַכט זי? וואָס זאָלן באַדייטן אירע רייד, אַז דער ווונטש פון איר פאָטער זאָל אפשר דערפילט ווערן?...

— מאַרעק — האָט זי איבערגעריסן מיין טראַכטן — דו ביסט דוכט זיך מיר איצט אויף דער לבנה, עפּעס טראַכסטו מער ווי דו עסט.

— איז דען נישטאָ פון וואָס צו טראַכטן? אונדזער באַגעגעניש פריער און די פון היינט! ווי איז מיר דען איינגעפאַלן צו טראַכטן אפילו, אַז כ'וועל דיך אַמאָל טרעפן, זען? זיין ביי דיר אין דיין וווינונג אין פאַריז? אפילו אין חלום האָב איך עס נישט געטראַכט און אָט געפין איך זיך איצט אַנטקעגן דיר, כ'באַטראַכט דיך און כ'רעד צו מיר: איז דאָס טאַקע די אַדעלאַ וועלכע כ'האָב געהאַט אַמאָל אין מיינע אָרעמס? און כ'מוז דיר איצט מודה זיין, אַז דעמאָלט, ווען דו האָסט זיך אַזוי אַנטקעגנ־געשטעלט מכוח אָנצינדן ליכט, כדי מיר זאָלן זיך נישט זען, האָב איך מיר געטראַכט: „ווער ווייסט מיט וואָס פאַראַ פאַרזעעניש איך וועל היינט

פאַרברענגען די נאַכט״... און כ׳האָב דיך גערופן אַדעלאַ, ס׳איז געווען אַ פאַנטאַסטישער נאָמען, ווייל אויך יענע נאַכט איז געווען פאַנטאַסטיש, און איצט טראַכט איך און פרעג מיך: צי איז דאָס אַלץ דאַן געווען אמת? אפשר חלום איך גאָר? ס׳איז מיר אויך שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי דו האָסט מיך דערקענט?

— נו? איז ווי געפינסטו איצט די פאַרזעעניש? — און זי האָט אַנגענעם געשמייכלט.

כ׳האָב איר געוואָלט מאַכן דעם קאָמפּלימענט, אַז זי איז שיין, אַז זי איז באמת אַ זייער שיינע פרוי, נאָר כ׳האָב מיך אָפּגעהאַלטן איר דאָס צו זאָגן און מיך אָפּגערופן:

— דערצייל מיר ליבע, ווי אַזוי דו האָסט מיך דערקענט?

דאָס אָוונט־ברויט איז געווען געענדיקט. אַדעלאַ האָט מיך אָנגענומען ביי אַ האַנט און מיך צוריק אַריינגעפירט אין זעלבן סאַלאָן וווּ מיר זענען פריער געזעסן. איך האָב מיך צוריק איינגעאָרדנט אין זעלבן פאָטעל, נאָכגעפאָלגט איר יעדע באַוועגונג און מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט זי זאָל מיר אויפקלערן מיין פראַגע.

זי האָט אַרויסגענומען פון אַנטיקן שענקעלע אַ שאַכטל מיט אַמע־ריקאַנער פּאַפּיראָסן, מיך מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס. כ׳האָב געטראַכט צי כ׳זאָל יאָ אָדער נישט נעמען דעם פּאַפּיראָס ווייל שוין פיר יאָר אַז כ׳האָב נישט גערויכערט, אָבער איצט, ווען די שפּאַנונג איז ביי מיר כסדר געשטיגן, האָב איך גענומען, דעם פּאַפּיראָס און מיר האָבן פאַר־רויכערט.

— אַדעלאַ, — האָב איך מיך צו איר אָפּגערופן, — פאַראַן אַ סך דיך צו פרעגן, אָבער קודם כל, דערצייל, ווי אַזוי האָסטו מיך דערקענט?

— גאַנץ פשוט, מיין ליבער, דו געדענקסט דאָך זיכער, אַז דעמאָלט, ווען מיר האָבן זיך געפונען אויף יענעם אומהיימלעכן וועג, האָב איך דיך געפרעגט וועגן דיין פרוי, האָסטו מיר דאַן געענטפערט דאָס זעלבע וואָס היינט, אַז דיין פרוי געפינט זיך אין הימל; האָסט עס אפילו אַרויס־געזאָגט מיטן זעלבן טאָן און מיטן זעלבן קול, ביי דעם ענטפער האָב איך שוין נישט געצווייפלט אַז דאָס ביסטו. איך מיין, אַז דו האָסט אפשר באַ־מערקט אין וואָס פאַראַ מצב כ׳האָב מיך געפונען. אוודאי, האָט דיר נישט געקענט איינפאַלן אַז דו ביסט די סיבה, צוליב וועלכער איך האָב אויף אייניקע מינוט פאַרלאָזט מיין שרייב־טיש און אַרויס פון ביוראָ כדי אויס־צובאַהאַלטן מיין עמאָציע. כ׳האָב אָבער פאַרט נישט געהאַט די זיכער־קייט אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט און דערפאַר האָב איך דיך איינגע־

לאָדן צו זיך, כדי דאָ, ביי מיר אין שטוב, קענען עס אויף זיכער אויפ־קלערן. אין ביורא איז עס דאָך נישט געווען מעגלעך.

— מערקווירדיק, מיר וואָלט אויף קיין פאַל נישט איינגעפאַלן אַז מיינע רייד וועגן מיין פרוי, האָבן דיך אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק אַז דאָס בין איך עס דער באַגלייטער דיינער פון יענער נאַכט און איך, כאָטש איך האָב געהערט דיין רעדן צו מיר, געהערט דיין שטימע, האָב דיך פאָרט נישט דערקענט.

— דאָס איז אפשר דערפאַר וואָס דו האָסט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן מיר. איך אָבער האָב פיל מאָל וועגן דיר געטראַכט און געוווּסט האָב איך אַז דו רופסט דיך מאַרעק און ווען כ'האָב דערהערט פון דיר היינט פרי, דיינע רייד און איבערגעלייענט דיין נאָמען „מאַרעק״, איז שוין ביי מיר כמעט מער קיין צווייפל נישט געווען, אַז דו ביסט יענער מאַרעק וואָס איז דעמאָלט ווי אַראָפגעפאַלן פון הימל, כדי מיר צו העלפן.

ביידע האָבן מיר אַ ווײַלע געשוויגן.

ס'זענען געווען אַזוי פיל פראַגן צו שטעלן: איך איר און זי, מסתמא מיך.

סוף כל סוף האָב איך איבערגעריסן אונדזער שווייגן:

— זאָג מיר אַדעלאַ, וואָס באַדייטן דיינע פריער אַרויסגעזאָגטע ווערטער אַז, „אפשר וועט איצט מעגלעך ווערן צו פאַרווירקלעכן דעם ווונטש פון מיין פאָטער״? דו האָסט מיר אויך דאָן, בעת אונדזער קור־צער באַגעגעניש, דערציילט אַז דו האָסט אַ מאַן, אַ קינד, דערצייל זשע מיר איצט וועגן זיך, ווו געפינען זיי זיך? דערצייל וועגן דיר, ווער ביסטו?...

דער שמייכל וואָס האָט ביז איצט גערוט אויף איר חנעוודיק פּנים איז לאַנגזאַם פאַרשוווּנדן. זי איז געוואָרן ערנסט, לסוף האָט זי זיך אָפּגערופן:

— מיין טייערער, כ'האָב פאַרשטייט זיך מיך געריכט אויף די דאָ־זיקע פראַגן און כ'וועל דיך נישט לאָזן לאַנג וואַרטן און דיר אַלץ אויפ־קלערן.

זי האָט זיך באַקוועמער איינגעזעצט אין איר פאָטעל, כ'האָב גע־זען אַז זי זוכט אין איר זכרון די פאַסיקע ווערטער, ווי געטראַכט ביי וואָס אָנצוהייבן. זי האָט אויף דאָס ניי פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס און אויך מיר אָנגעבאָטן צו פאַרויכערן און לסוף אָנגעהויבן רעדן מיט אַ שטילער שטימע, קוקנדיק מיר גלייך אין די אויגן אַריין.

32

— כ׳מוז דיר זאָגן, אַז איינע פון די סיבות צוליב וועלכע כ׳האָב אָפּט געטראַכט וועגן דיר, איז געווען דערפאַר, וואָס כ׳האָב געוווּסט אַז דו ביסט אַ ייד און כ׳מוז דיר זאָגן, גלייך פון אָנהויב, דו דאַרפסט עס וויסן כדי מיך צו פאַרשטיין, אַז איך גופא... יאָ... אַז אויך איך שטאַם פון יידן, וואָרעם מיין פאָטער איז געווען אַ ייד.

מיין איבעראַשונג איז געווען גרויס. כ׳בין ממש אויפגעשפּרונגען פון מיין אָרט. כ׳האָב געמוזט מאַכן אַן אָנשטרענגונג כ׳זאָל נישט צולויפן צו איר און איינשליסן אין מיינע אָרעמס. כ׳האָב געפילט אַז כ׳פאַרליר דאָס לשון.

— ווען כ׳בין נאָך געווען אַ קינד און דערנאָך אָנגעהויבן גיין אין דער שולע, האָב איך נאָך נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דאָס לעבן אין אַנדערע היימען. ביי אַנדערע פאַמיליעס; דערנאָך פלעג איך אָנהייבן אַרויפקומען אין די שטובן פון מיינע חברטעס און כ׳האָב דאָרט קיינמאָל נישט באַמערקט און נישט געהערט אַז זייערע מוטערס זאָלן שרייען, אָדער באַליידיקן זייערע מענער און אוודאי נישט בעת מיין אָנוועזנהייט.

אַנדערש איז עס אָבער געווען ביי אונדז, ביי מיינע עלטערן; דאָס איז געווען אַן אומגליקלעכע פאַרבינדונג. ס׳איז שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי אַזאַ פאַרבינדונג איז מעגלעך געוואָרן. מיין יידישער פאָטער איז געווען אַן איידעלער און שטילער מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט רו. אַנדערש איז עס אָבער געווען מיט מיין מוטער, וואָס האָט נאָך איר חתונה האָבן מיט אַ ייד, ווייזט אויס באַדויערט דעם שידוך, נאָר זיך נישט געקענט דעצידירן אויף פאַרלאָזן מיין פאָטער און אויך נישט געקענט שלום מאַכן דאָס בלייבן מיט אים. אפשר איז דאָס בלייבן מיט אים געווען די סיבה פון האָבן פון אים אַ קינד? יעדנפאַלס איז זי פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ מער פאַרביטערט און ביי יעדער געלעגנהייט אים געמאַכט שווערע סצענעס, אפילו אויך אין דער אָנוועזנהייט פון

פרעמדע, זייטיקע מענטשן, וואָס מיין פּאָטער האָט אָבער כסדר דאָס אַראָפּגעשלונגען.

איך ווייס אַז ער האָט פיל געליטן און זיך נישט געקענט דעצידירן אויף אָוועקגיין פון שטוב און ווי כ׳האָב עס מיט רעכט, חושד געווען, בין איך טאַקע געווען די סיבה פון זיין בלייבן מיט מיין מוטער. טראָץ דאָס זיין ווייט פון רעליגיעזן יידישן לעבן און זיין פאַרקערן דער עיקר אין נישט יידישע קרייזן, האָט ער אָבער אויף קיין פאַל נישט געוואָלט כ׳זאָל אינגאַנצן אַרונטערפאַלן אונטערן איינפלוס פון מיין קריסטלעכער מוטער, וואָס איז פון מאָל צו מאָל געוואָרן אַלץ פרומער: אָנגעהויבן אָפטער גיין אין דער קירכע און מיט דער צייט אָנגעהויבן אַרויסזאָגן געדאַנקען וועגן אָפּגעבן מיך אין אַ רעליגיעזן אינסטיטוט, כדי כ׳זאָל לסוף ווערן אַ נאָנע... אַזוי אַרום האָט זי געגלויבט, וועט זי אויסקויפן איר זינד פון האָבן געבערענגט אויף דער וועלט אַ קינד פון אַ יידישן מענטשן.

אַדעלאַ האָט אויף אַ ווײַלע זיך אָפּגערוט און באַלד ווידער פאַר־געזעצט:

— און ווען כ׳האָב צו מיינע 14 יאָר געענדיקט די עלעמענטאַרע שול, דאָס איז געווען אין יאָר 1933, האָט זי טאַקע פּרובירט מיך אָפּגעבן אין אַ רעליגיעזן אינסטיטוט, אָבער דאָס מאָל האָט מיין פּאָטער, וואָס האָט שטענדיק נאָכגעגעבן אירע קאַפּריזן, געפונען אין זיך כוח צו זאָגן, ניין! דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן ווען כ׳האָב געזען מיין פּאָטער אויף אַזאַ אַנטשלאָסענעם אופן זיך אַנטקעגנשטעלן איר ווילן. ביז היינט טראַכט איך, אַז מיין פּאָטער האָט אַזוי געהאַנדלט, כדי נישט צו דערלאָזן מיין ענטגילטיק אָפּגעריסן ווערן פון דער יידישער וועלט. אגב האָט ער עס מיר אַביסל שפּעטער באַשטעטיקט, געבנדיק מיר די עצה, אַז ווען כ׳וועל אַביסל אונטערוואַקסן, זיך נישט צו פאַרליבן אין אַ נישט־ייד... אָט וואָס פאַראַ רייד כ׳האָב פון אים אַמאָל געהערט, ווען כ׳האָב געפייערט מיינע 16 יאָר:

— די יאָרן לויפן מיין קינד: זיי לויפן שנעל און ס׳קען געשען, אַז דו וועסט דיך פאַרליבן אין אַ שיין יינגל וואָס וועט צו דיר רעדן שיינע רייד, פול מיט ליבע צו דיר, אָבער שפּעטער... שפּעטער, ענדערט עס זיך. קוים אָבער וועט דיין צוקונפטיקער נישט זיין פון זעלבן שטאַם וואָס איך ד.ה. אַ ייד, קען חלילה געשען, אַז ביי אַ באַשטימטער אומצופרידנ־הייט, זאָל ער רעדן צו דיר רייד וואָס כ׳האָב געהערט און כ׳הער פון דיין מוטער. ער זאָל דיר פאַרוואַרפן דיין יידישע אָפּשטאַמונג, אָדער דיר פשוט זאָגן „שמוציקע יידישקע״; רייד וואָס מיר יידן הערן אַזוי אָפט

פון נישט־יידן; ווערטער אַזעלכע וואָס אַ יידישער מענטש וועט קיינמאָל נישט זאָגן צו אַ נישט־ייד. ווײַל איך מיין קינד, אַז דו זאָלסט טראַכטן וועגן מיינע רייד און זאָלסט זיך צוגעווינען צום געדאַנק, אַז דיין קונפטיקער באַשערטער זאָל זיין אַ ייד, אַ ייד! וואָס פאַרא לעבן ס׳זאָל דיר נישט אויסקומען צו פירן, וועסטו אָבער פון אים נישט הערן די דאַזיקע זידל־רייד און פאַרוורפן פאַרן האָבן אַ יידישן טאַטן און אויב דו וועסט אַזוי האַנדלען, וועל איך אין דעם געפינען אַ גרויסע טרייסט פאַר מיין צעשטערט לעבן. איז געדענק וואָס כ׳האָב דיך געבעטן, דער אָפּגרונט וואָס ליגט צווישן אונדז יידן און די נישט־יידישע וועלט, וועט מען ליידער שוין קיינמאָל נישט ענדערן; זאָלסטו מיין קינד, קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם דאָזיקן אמת, כ׳ווייל אַז דו זאָלסט מיך פאָלגן, ס׳איז פאַר דיין גליק. געדענק, אַז די גאַנצע אָנשטרענגונג מיינע, מיין אַרבעט, און די געשעפטן וועלכע איך פיר, זענען דאָך נאָר פאַר דיר מיין קינד, ווען כ׳וואָלט דיך נישט געהאַט, ווייס איך נישט ווו איך וואָלט שוין היינט געווען. אין די שווערסטע מינוטן מיינע, האָב איך אָבער נישט געקענט צולאָזן דעם געדאַנק אַז דו זאָלסט האָבן אַ שטיף־טאַטן. איך האָף — האָט מיין פאָטער פאַרגעזעצט — אַז דו וועסט נישט פאַרגעסן מיינע ווערטער!

זי האָט איבערגעריסן דאָס דערציילן, איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און זיך געגרייט פאַרצוזעצן.

כ׳האָב געטראַכט אין דעם מאָמענט, אַז בעת אונדזער מערקווירדיקן צונויפטרעפן זיך אין יענער פינצטערער נאַכט, האָט זי דאָך מיר דער־ציילט אַז זי האָט אַ מאַן אין געפאַנגענשאַפט און אויך אַ קינד, „האָט זי טאַקע חתונה געהאַט מיט אַ ייד. אָדער מיט נישט אַ יידן?" האָב איך מיך געפרעגט אין האַרצן, מיין נייגעריקייט איז געווען גרויס און כ׳האָב איבערגעריסן מיין שווייגן:

— האָסטו געפאָלגט דיין פאָטערס עצה?...

— וועסט עס באַלד הערן — האָט זי זיך אָפּגערופן, נישט ענט־פערנדיק מיר אויף מיין פראַגע און פאַרגעזעצט — די רייד פון מיין פאָטער האָב איך לאַנג געדענקט, אָבער נישט דעמאָלט ווען כ׳האָב וועגן זיי אומבאַדינגט געדאַרפן טראַכטן. ווען כ׳בין אַלט געוואָרן אַכצן יאָר און שוין געלערנט אין אוניווערסיטעט, האָב איך באַקענט אַ ליבן און ביז גאָר סימפּאַטישן נישט־יידישן בחור און מיך אין אים פאַרליבט. כ׳האָב דאַן פאַרגעסן די רייד פון מיין פאָטער. דערצו האָט אויך דערפירט דעם בחורס לויב־ווערטער אויפן יידישן חשבון. דאָס איז געווען אין די טעג פון פאָלקס־פראָנט אין פראַנקרייך, ווען אין דער שפּיץ פון דער רעגירונג איז געשטאַנען לעאָן בלום. מיין בחור האָט אַזוי שיין גערעדט וועגן יידן;

אַז נאָר יידן זענען אימשטאַנד צו ברענגען גליק און וווילשטאַנד פאַר די פראַנצויזן; אַ פאַקט, די נייע רעפאָרמען וועלכע לעאָן בלום דער ייד, האָט איצט איינגעפירט אין לאַנד, וואָס זענען פון וווּנדערלעכן באַדייט פאַרן גאַנצן פאָלק. ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, האָט ער דערמאָנט אַז אויך קאַרל מאַרקס איז געווען אַ ייד און אַז אויך יעזוס איז עס געווען. די דאָזיקע שיינע רייד וועגן יידן, האָבן מיך פאַרכאַפּט און כ׳האָב פאַרגעסן דעם אַנזאָג פון מיין פאָטער.

דער דאָזיקער בחור וואָס האָט מיך ביז גאָר פאַרכאַפּט, איז געווען אַ יתום, ער האָט געהאַט בלויז אַ זיידן; אַ גרויסער און רייכער פּערמער, וואָס האָט געהאַט זיינע גיטער טאַקע אין דער געגנט ווו מיר האָבן זיך געטראָפן אין יענער פינצטערער נאַכט. דער דאָזיקער זיידע האָט אים אויסגעהאַלטן בעת זיין לערנען זיך און אין חודש יוני 1939, נאָכדעם ווי אונדזער פאַרבינדונג האָט אָנגעהאַלטן צוויי יאָר צייט, האָט דער זיידע אים אויפגעפאָדערט קומען צו אים, ווייל ער האָט זיך אָנגעהויבן פילן זייער שוואַך.

פאַר זיין אָפּפאָרן, האָבן מיר באַשטימט, דאָס אויב דער געזונט־צושטאַנד פון זיין זיידן וועט זיך נישט פאַרבעסערן און מיין בחור איז געווען זיין איינציקער יורש, וועט דאָרט מוזן בלייבן אַ לענגערע צייט, וועל איך צו אים אַריבערקומען און מיר וועלן דאָרט חתונה האָבן. כ׳בין געווען ביז גאָר צופרידן פון דאָזיקן געדאַנק, ווייל כ׳בין באמת שטאַרק פאַרליבט געווען אין מיין יינגל און נאָך מער דערפאַר, וואָס חתונה האָבן אין פאַריז, וואָלט איך עס נישט געקענט אויסבאַהאַלטן פון מיין פאָטער, וואָס וואָלט דערפון שטאַרק געליטן. מיין מוטער וואָלט זי־כער געווען צופרידן פון מיין חתונה האָבן מיט אַ נישט־ייד. זי וואָלט עס זיכער אויך באַטראַכט אַלס אירס אַ טריומף. אַ זאַך וואָס וואָלט נאָך מער שווערער געמאַכט מיין פאָטערס שטימונג און אויך דאָס האָב איך געוואָלט אומבאַדינגט אויסמיידן.

דער געזונט־צושטאַנד פון זיידן האָט טאַקע געשטערט מיין בחור צוריקצוקומען. האָב איך אויסגענוצט די וואַקאַציע־צייט פון יולי־חודש און כ׳בין אַוועק צו אים אין דער ווייטער פראַנצויזישער פּראָווינץ. ער האָט פאַרשטייט זיך, מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיין רייכן אין בעט ליגנדיקן קראַנקן זיידן, אָבער דער לעצטער האָט מיך געגומען אויף אַן ערנסטן פאַרהער; מיך אויסגעפרעגט מכוח מיינע עלטערן, מכוח דער באַשעפטי־קונג פון מיין פאָטער. ווו מיר ווינען און זיך געגוי איפּאַרמירט וועגן מיין פאַמיליע־נאָמען און כ׳האָב גלייך באַמערקט אויף זיין אָפּגעמאָגערט פּנים אַ לייכטן, איראָנישן שמייכל... זיינע גרויע וואָנסעס זענען ווי פאַר־

שטייפט געוואָרן און אין זיינע קליינע גרויע אויגן האָט אַ בליץ געטאָן אַ פייערל. נאָך אייניקע רגעס שטיל־שווייגן, האָט דער קראַנקער געבעטן מען זאָל אים לאָזן אַליין. אַביסל שפּעטער האָט ער אַריינגענומען צו זיך זיין אייניקל און געשמועסט מיט אים אַ לענגערע צייט און ווען מיין יינגל איז צוריק אַרויסגעקומען, איז ער געווען ביז גאָר ערנסט און אַ שטיקל צייט זיך אַרומגעדרייט אַ שטאַרק צעטומלטער. לסוף האָט ער מיר דערציילט אַז דער זיידע איז נישט מסכים אויף חתונה האָבן מיט מיר, טאַקע צוליב מיין יידישן פּאָטער...

— יאָ, מיין פאָטער איז געווען גערעכט — האָט אַדעלאַ נאָך אַ מינוט איבערייסן דאָס דערציילן איר לעבנס־געשיכטע, ווידער אָנגעהויבן, — מיין פאָטער האָט ליידער גוט געוווּסט, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין מעגלעכקייט פאַר אַ שלום צווישן די צוויי וועלטן. דערוויסנדיק מיך וועגן דעם זיידנס קעגנערשאַפט פאַר אונדזער פאַרבינדונג, האָב איך גלייך געוואָלט פאַרפּאַקן מיינע זאַכן און אַהיימפאָרן, אָבער מיין בחור איז צו־געשטאַנען צו מיר מיט זיין ליבשאַפט. אַז כ'זאָל נישט צעשטערן אונדזער ביידנס גליק. אַז כ'זאָל בלייבן, ווייל אָן מיר, שטעלט ער זיך נישט פאָר זיין וויטערדיק לעבן. אַז כ'זאָל אויף קיין פאַל נישט לייגן קיין אַכט אויף דעם וואָס עס טראַכט דער אַלטער און אַזוי קראַנקער רעאַקציאָנערער זיידע, וואָס האָט שוין נישט אויף לאַנג און דערנאָך וועט מער נישט זיין קיין שום שטערונג פאַר אונדזער גליק. ער האָט מיך סוף כל סוף באַווירקט און כ'בין געבליבן. צוליב זיין זיידנס אומצופרידנהייט, האָבן מיר דעם זעלבן חודש יולי 1939, אַדורכגעפירט אַ ציווילע חתונה אָן זיין וויסן. פאַרן זיידן האָט עס געהייסן אַז כ'בין צוריק געפאָרן קיין פּאַריז. מיר האָבן געדינגען אָן אַלט פאַרלאָזט הייזל פון צוויי צימערן; טאַקע דאָס הייזל ווו מיר האָבן פאַרברענגט צוזאַמען די נאַכט פון אונדזער צונויפ־טרעפן זיך.

ווי דו ווייסט עס, איז אייניקע וואָכן שפּעטער אויסגעבראָכן די מלחמה און מיין מאַן איז אַוועק אין מיליטער. געלט אויף צום לעבן האָב איך דערווייל געהאַט און ווען מיין קינד איז געבוירן געוואָרן, איז מיין מאַן געקומען אויף אורלאָב. ס'האָט נאָך דאַן אָנגעהאַלטן די אַזוי באַרימטע „מאָדנע מלחמה", ווען די אַרמייען זענען חדשים לאַנג געשטאַנען אויפן זעלבן אָרט און כמעט זיך נישט געשלאָגן און אין געווויסע וויכטיקע פאַ־מיליע־ענינים האָבן די זעלנער באַקומען לענגערע אורלאָבן. און מאָדנע, אין טאָג ווען מיין קינד איז געבוירן געוואָרן, איז דער זיידע געשטאָרבן, מיין מאַן איז געוואָרן דער יורש פון אַ גרויס פאַרמעגן; אָבער צוליב זיין געפינען זיך אין מיליטער, און צוליב דער אָנגייענדיקער מלחמה,

איז ער דערווייל געווען געשטערט אַדורכצופירן די נייטיקע פּאַרמאַליטעטן, כדי קענען איבערנעמען די רייכע ירושה. זיין קורצער אורלאָב האָט זיך גיך געענדיקט און כ׳בין ווידער געבליבן אַליין מיט מיין קינד. דעם צענטן מאַי פון זעלבן יאָר, האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע דייטשע אָפּענסיווע און אַכט טעג שפּעטער איז מיין מאַן שוין געווען אין דייטשער געפאַנגענשאַפט.

33

זי האָט ווידעראַמאָל איבערגעריסן איר דערציילן און געזעסן אַ ווײַלע שטיל, פאַרטיפט אין די געדאַנקען וועגן דער נישט ווײַטער פאַרגאַנגענהייט.

טראָץ מײַן נײַגיריקייט צו וויסן וועגן איר ווײַטערדיקן לעבן, האָב איך געשוויגן, איר גאָרנישט געפרעגט. כ׳האָב נישט געוואָלט שטערן איר געדאַנקען־גאַנג.

מיטאַמאָל האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— איז דיר עפּעס קלאָר געוואָרן פון מײַן ביז איצטיקן דערציילן?

— טיילווײַז, אָבער ווײַט נאָך נישט אַלץ — האָב איך מיך אָפּגערופן, — און דערפאַר בעט איך דיך, אַדעלאַ, זאָג מיר, ווו איז דײַן מאַן? דײַן קינד? וואָס איז מיט דײַן פאָטער? מיט דײַן מוטער? צו וועמען געהערט די וווינונג אין וועלכע מיר געפינען זיך איצט? איז זי דײַנע? זײַ מיר מוחל פאַר אַזוי פיל פראַגן, כ׳ווייס אויך נישט צי מעג איך דיר דאָס אַלץ פרעגן.

— דו מעגסט, דו מעגסט פרעגן. זעסט דאָך אַז איך דערצייל דיר מײַן לעבנס־געשיכטע. אפילו אָן דײַן פרעגן, האָב איך דעם ווילן אַלץ דיר אויפצוקלערן. כ׳וויל אויך אַז דו זאָלסט וויסן, אַז מײַן מאַן לעבט, אָבער... ער איז נישט מער מײַן מאַן. מיט קורצע טעג צוריק האָט זיך גראָד פאַרענדיקט אונדזער גט־פּראָצעס. די נביאות פון מײַן פאָטער האָט זיך טרויעריק רעאַליזירט.

ווי כ׳האָב עס שוין דיר דערציילט, איז מײַן מאַן געווען אַן אינטעליגענטער מענטש און מיך שטאַרק ליב געהאַט; אָבער אין דײַטשלאַנד, אין געפאַנגענשאַפט, איז ער אַרײַנגעפאַלן אין אַ סביבה פון אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן אים טראַגיש־באַווירקט. ווער וואָלט זיך עס גאָר פאַרגעשטעלט אַז דער דאָזיקער לינק־געשטימטער מענטש וועט צוריק קומען אַזאַ פאַרענדערטער און גאָר ספּעציעל אין באַצוג צו יידן? ר׳איז באמת, נישט

געווען מער צו דערקענען, און געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ פרעמדן פאַר אים מענטש.

אוודאי האָב איך, בעת זיין צוריק קומען, אים אויפגענומען מיט פרייד; דאָס איז דאָך אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, אָבער ער איז געווען צו מיר ביז גאָר קאַלט. כ׳האָב גלייך דערזען אַז ער איז נישט מער דער זעלבער. עפּעס אַ פרעמדער האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטוב, וואָס האָט געקוקט נאָר אויפן קינד, וואָס איז שוין געווען קנאַפּע פינף יאָר אַלט. בייטאָג, אַז ער איז געווען אין שטוב, האָט ער כמעט געשוויגן און אויף דער נאַכט איז ער אַוועק אין די גיטער וואָס זיין זיידע האָט אים געלאָזט. ער פלעגט זיך באַווייזן אויף קורצע מאָמענטן: אויף מאָרגן אָדער גאָר איבערמאָרגן, אָן מיר צו זאָגן אַ וואָרט. כ׳האָב אויף קיין פאַל נישט געקענט פאַרשטיין זיין האַנדלונג און אויף מיינע פראַגן וואָס מיט אים געשעט, האָט ער אפילו נישט אָפּגעענטפערט. ער איז ממש ווי פאַרווילדעוועט געוואָרן די פאַר יאָר זיין אַ קריגס־געפאַנגענער. כ׳האָב מאָמענטנווייז, אפילו אויך געטראַכט, אַז אפשר, אפשר... האָט ווער דיך באַמערקט, דעמאָלט, פאַרטאָג, ווען דו האָסט פאַרלאָזט מיין שטוב און אים דערציילט אַז איך פאַרברענג מיט אַן אַנדערן. כ׳מוז דיר זאָגן, אַז פון קלערן און זוכן צו פאַרשטיין וואָס דאָ געשעט, בין איך שיער נישט אַראָפּ פון זינען. כ׳האָב מיך געפרעגט: ווי איז עס מעגלעך אַז נאָך אַזוי פיל יאָרן אָפּוועזנהייט פון דער היים, צו קענען זיין אַזוי קאַלט, ממש אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן?

אַזוי זענען אַדורך אַכט ביז גאָר פיינלעכע טעג און נעכט. איך האָב געדולדיק געוואַרט אויף אַן ענדערונג און אַז די ענדערונג איז נישט געקומען בין איך צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל מיר אויפקלערן וואָס דאָ געשעט? דאַן האָב איך פון אים דערהערט פאָלגנדיקע רייד:

— הער מיך אויס, מיין טייערע, אויף דיין פראַגע האָב איך מיך געריכט און כ׳מוז דיר זאָגן אָט וואָס: דו ביסט די מוטער פון מיין קינד און שוין דערפאַר, וועל איך דיר אַלץ אויפקלערן און ווי די מוטער פון מיין קינד, וועל איך דיך חלילה נישט שלעכט באַהאַנדלען; מיין ליבע צו דיר איז אויסגעלאָשן געוואָרן; די פיר יאָר וואָס כ׳בין געווען צוזאַמען מיט חברים אין געפאַנגענשאַפט, זענען געווען פאַר מיר די בעסטע שולע; בעסער ווי דער אוניווערסיטעט. דאָרט האָט מען מיר געעפנט די אויגן אויף אייך יידן און כ׳האָב מיך איבערגעצייגט אַז איר זענט טאַקע דאָס וואָס מען זאָגט וועגן אייך, אַ נידעריקע ראַסע און ס׳איז פאַר מיר אומ־מעגלעך צו בלייבן מיט דיר אַלס מיין פרוי. אָבער ווייל דו ביסט נאָר אַ האַלבע יידישקע, דערלויב איך דיר דאָ צו בלייבן. דו ביסט געווען גוט צו מיר און דו ביסט די מוטער פון מיין קינד. איצט איז די ברירה ביי

דיר; ווילסטו בלייבן צוליב אונדזער מיידעלע, וועל איך דיר עס נישט שטערן, אָבער איך באַטראַכט מיך פאַר פריי און אָן שום פאַרפליכטונגען צו דיר האָסט עס פאַרשטאַנען?

אויסהערנדיק די דאָזיקע רייד, האָב איך אים געענטפערט:

— יאָ, איך האָב דיך פאַרשטאַנען. דו דערלויבסט מיר צו בלייבן אַ דערציערין, בעסער געזאָגט, די באַדינערין פון אונדזער קינד. אַנשטאָט אַ פרעמדע, קענסטו באַשטיין אַז איך זאָל עס זיין. דאַנק איך דיר פאַרן געבן מיר די האַלבע רעכט צו לעבן, אָבער מיין טייערער, נישט אויף דעם האָבן מיר זיך פאַרבונדן און נישט אויף די דאָזיקע רייד האָב איך געוואַרט די אַלע יאָרן, ביז כ׳האָב דערלעבט דיך צו זען צוריק. איך האָב אויך מיינע באַגריפן וועגן רעכט און פליכט. דערצו נאָך, בין איך אַ יונגע פרוי וואָס באַגער געליבט צו ווערן פונקט אַזוי ווי איך גופא קען ליב האָבן אַ מענטשן.

— אויב אַזוי — האָט ער זיך אָפּגערופן — אויב דו ווילסט ווערן געליבט, זוך זשע דיר דיינס גלייכן; צווישן אונדז איז אַלץ געענדיקט.

הערנדיק די דאָזיקע דעצידירנדיקע און באַליידנדיקע רייד, האָב איך געזען אַז אַלץ איז צווישן אונדז ווירקלעך געענדיקט. האָב איך אים בלויז אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף, אַז מיר זענען געזעצלעך פאַרבונדן, דאַרף דאָס שיידן זיך אויך געזעצלעך אַדורכגעפירט ווערן.

ער איז מסכים געווען דערצו און אין חודש סעפּטעמבער 1945, בלויז אייניקע חדשים נאָך זיין אַהיימקומען פון געפאַנגענשאַפט, האָט ער, כ׳ווייס נישט דורך וועלכע וועגן, געריכטלעך אַדורכגעפירט אונדזער גט. ס׳איז אים צוגעטיילט געוואָרן די רעכט צו דערציען אונדזער קינד און ער איז אויך מסכים געווען צו צאָלן מיר אַ חודשלעכע געלט סומע. דערווייל האַלט ער די פאַרפליכטונג.

אָט, דאָס איז אין קורצע ווערטער, אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו מיין מאַן — האָט אַדעלאַ צו מיר גערעדט, דאָס מאָל מיט אַ שוואַכע שטימע און איבערגעריסן איר דערציילן.

כ׳האָב געזען אַז דאָס דערציילן איז איר נישט אָנגעקומען לייכט. זי איז געווען אויפגערודערט פון די ווייט נישט פריילעכע זכרונות און טראָץ דעם וואָס כ׳האָב געוואָלט פון איר הערן, מיך דערוויסן נאָך אַ ריי דעטאַלן, בין איך דאָך געווען צופרידן פון איר אָפּרוען זיך פון כסדרדיקן דערציילן.

ביידע האָבן מיר איצט געשוויגן. לסוף האָט זי פאַרלאָזט איר פאָטעל, זיך דערנענטערט צו מיר, און געזאָגט:

— מיין ליבער, מיר וועלן עפּעס טרינקען, און דערנאָך, דערנאָך...

וועל איך דיר דערציילן דאָס איבעריקע, איך האָף אַז דו איילסט דיך נישט...

איר שטים האָט געקלונגען צאַרט, ממש ווי אַן איינלאַדונג זיך נישט צו איילן...

אַדעלאַ האָט זיך געפּאַרעט אַ ווײַלע אין דער נישט ווייטער קיך און באַלד צוריקגעקומען, טראָגנדיק אויף אַ טאַץ הייסע קאַפע. אויפן קליינעם טישעלע נעבן אונדז, האָט זיך אויך באַוויזן אַ פלאַש קאָניאַק. מיר האָבן געטרינקען די קאַפע, געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן אוןביידע האָבן מיר צופרידן געשמייכלט. ס'איז אונדז געווען גוט פון אונדזער צוזאַמענזיין אין דעם שיינעם סאַלאָן, פון נישט זיין געשטערט דורך קיינעם. כ'האָב אַפילו פאַרגעסן אַ קוק צו טאָן אויפן זייגער...

— זאָל איך דיר דערציילן ווייטער ? — האָט אַדעלאַ, נאָכן אויס־טרינקען די קאַפע, געפרעגט, אָוועקשטעלנדיק איר טאַס.

— יאָ, אַדעלאַ, דערצייל — האָב איך צו איר געזאָגט — דיין לעבן אינטערעסירט מיך זייער.

— דאַרף איך דיר איצט דערציילן וועגן מיינע עלטערן און קודם כל וועגן מיין פאָטער: אַך, ווען איך טראַכט וועגן אים, איז מיר שוין גאָר־נישט לייכט. איך האָב דאָך אים פאַרשאַפט אַזוי פיל עגמת נפש, אַזוי פיל.

איך האָב באַמערקט, אַז אין אירע שיינע אויגן האָבן איצט געפינקלט טרערן. איך בין געזעסן פול מיט שפּאַנונג צו הערן פון דער „שיקסע״ מכוח דעם עגמת נפש וואָס זי האָט פאַרשאַפט איר יידישן טאַטן און גע־טראַכט דערביי׃ וועגן דעם אויסטערלישן צופאַל, ווען כ'בין מיט דריי יאָר צוריק, געגאַנגען אין יענעם פינצטערן און קאַלטן אָוונט צו מיין חבר און געטראָפן ליגן אויפן וועג אַן אומבאַקאַנטע פרוי, וואָס איז אין אָנהויב געווען פאַר מיר אַ לאַסט, אָבער מיין געוויסן, דאָס ביסל מענטשלעכקייט, האָט מיך געצוווּנגען איר העלפן אין יענעם שווערן מאָמענט זיך שטעלן אויף די פיס, העלפן איר גיין אויף יענעם שווער־גליטשיקן וועג. דערנאָך, מיין אָפּגעבן זיך מיט איר, מיין שטיפן און שפּילן מיט ווערטער וועגן עפּעס אַ „הימלישן מענטש״, אַ שפּיל וואָס איז אויסן געווען צו פאַרלייכטערן איר גיין און וואָס האָט זיך פאַרענדיקט אַזוי ראָמאַנטיש ; מיט אַ פאַרברענגטער ליבע־נאַכט, אָן צו האָבן געוווּסט מיט וועמען כ'האָב פאַרברענגט און צי האָב איך דאָן, ביים פאַרלאָזן איר, אין יענעם פינצטערן פרי־מאָרגן, גע־קענט טראַכטן, האָט עס מיר גאָר געקענט איינפאַלן, אַז נאָך דער מלחמה, וועל איך אויך אַזוי אומגעריכט מיך צונויפטרעפן מיט דער דאָזיקער „שיק־סע״ און פאַרברענגען מיט איר אין אַזאַ שיינעם סאַלאָן פון איר פרעכטיקער

וווינונג און הערן איר דערציילן איר מערקווירדיקע לעבנס־געשיכטע, וועגן אירעליידן נאָך דערפאַר, וואָס זי איז אַ קינד פון אַ יידישן טאַטן? ליידן וואָס פאַר אונדז יידן, איז עס שוין ווייט נישט קיין נייעס. יאָ, כ'בין געווען נייגעריק צו וויסן וועגן גורל פון איר פאָטער: לעבט ער? אָדער האָט ער געטיילט דעם גורל פון די מיליאָנען קדושים אונדזערע? פון איר געזיכטס אויסדרוק און פון די טרערן וואָס האָבן געפינקלט אין אירע אויגן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איר פאָטער איז מער נישטאָ, אָבער ווי אַזוי איז עס געשען מיט אים? האָב איך מיך געפרעגט, נישט דערוועגנדיק איבערצו־רייסן איר איצטיק שווייגן.

זי האָט אָפּגעווישט אירע טרערן און פאַמעלעך, מיט אַ שטילער שטימע אָנגעהויבן איר ווייטערדיק דערציילן.

אוודאי דאַרף איך דיר זאָגן אַז מיין חתונה־אַקט איז נישט געבליבן קיין סוד פאַר מיינע עלטערן, וואָס האָבן זיך וועגן דעם דערוווסט פון איינע פון מיינע פּאַריזער פריינדינס, מיט וועמען כ'האָב מיך איבערגעשריבן. מיין מוטער האָט מיר גלייך געשריבן אַ ביז גאָר צופרידענעם בריוו, אין וועלכן זי האָט מיך געלויבט... פאַר מיין נישט נאָכטאָן איר פעלער... פאַר וועלכן זי קען זיך נישט מוחל זיין. די דאָזיקע ווערטער האָט זי אונטער־געשטראָכן אין איר בריוו. און כ'זאָל מיר נישט נעמען צום האַרצן די אומ־צופרידנהייט פון מיין פאָטער. געפונענדיק זיך פאַרן פאַקט, אַז מיינע על־טערן ווייסן שוין דעם אמת, און אַרויסלייענענדיק פון דעם בריוו וועגן מיין פאָטערס עגמת נפש, צוליב מיין שריט, פאַר וועלכן ער האָט מיך מיט יאָרן צוריק געבעטן כ'זאָל מיך אויסהיטן און געוואָרנט.

כ'האָב דאַן געשריבן צו מיינע עלטערן, דער עיקר צו מיין פאָטער; געבעטן אים צו טראַכטן וועגן מיין יונג לעבן, מיין פאַרליבטקייט, אים דערמאָנט אין בריוו אַז ער גופא האָט דאָך אַמאָל געליבט און אַז כ'האָף שטאַרק, אַז צווישן מיר און מיין מאַן, נאָכן איבערלעבן די שווערע מלחמה־צייט, וועלן נישט פאַרקומען די ביטערע מיספאַרשטענדענישן וואָס צעטיילן פעלקער און ראַסן, און געבעטן אים, מיר מוחל זיין מיין האַנדלונג.

אך, ווי נאַיוו כ'בין נאָך דאַן געווען. ווי האָב איך עס מיר גאָר גע־קענט פאָרשטעלן, אַז אַזאַ ליבעראַל־דענקענדיקער מענטש ווי ס'איז געווען מיין מאַן, זאָל זיך קענען אַזוי ענדערן!

אוודאי האָב איך מיין פאָטער נישט איבערצייגט מיט מיין גלויבן. ער האָט מיר געשריבן אַ זייער קורץ בריוול, אַז ער ווינטשט עס זאָל זיין ווי איך ווינטש. אָבער פון זיינע שורות האָב איך אַרויסגעלייענט זיין עגמת נפש און זיין סקעפּטיציזם צו מיינע האָפענונגען, וועלכע כ'האָב געלייגט אויף די יידיש־פריינטלעכע געפילן פון מיין מאַן.

די אַנגייענדיקע מלחמה און אָקופּאַציע־טעג האָבן געשטערט אונדזער

זעען זיך, מיין פאָטער האָט צוליב זיין יידישקייט, זיך נישט געטאָרט לאָזן אין אַ באַן־רייזע און ווי דער אמת, האָט מען מיך גופא, ווי אַ טאָכטער פון אַ יידן, געראָטן צו זיין פאַרזיכטיק, ווייל ס'איז ווייט נישט זיכער צי איך גופא בין אויסערן געפאַר.

אַזוי זענען געלאָפן חדשים, ביז אין אַ פרייליגגס־טאָג פון יאָר 1942, איז פון פאַריז פלוצים אָנגעקומען צו מיר, מיין מוטער. אַז כ'האָב איר דער־זען, דערצו נאָך איינע אַליין, האָט זיך מיר מיין האַרץ אָפּגעשטעלט פון שרעק; כ'האָב פשוט מורא געהאַט איר צו פרעגן אויפן פאָטער; כ'האָב גוט געוווּסט אַז אין פאַריז איז נישט גוט מיט יידן. די נייעסן האָב איך אָפּט באַקומען פון אונדזערס אַ פאַריזער שכנה, וואָס איר מאַן איז אויך געווען אַ ייד, און וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אונטער אַרישע פאַפּירן, אַ פּאָר צענדליק קילאָמעטער פון פאַריז, ווו ער האָט געאַרבעט אין אַ גאַ־ראַזש און פאַרלויפיק געווען „פאַרזיכערט" פון דער געפאַר אַרעסטירט און פאַרשיקט צו ווערן ערגעץ אין אַ לאַגער. מיין פאָטער איז אָבער געווען אויסגעשטעלט אויף אַלע געפאַרן, ווייל מיין מוטער, אַנשטאָט אים העלפן אין יענע געפערלעכע טעג, איז זי גאָר אַליין אַוועק פון שטוב אונטערן אויסרייד, אַז אויך זי איז אויסגעשטעלט אַריינצופאַלן צו די דייטשן, צו־ליב איר יידישן מאַן, און זי האָט אים געלאָזט אויף זיין גורל, זיך אויפגע־האַלטן ביי אירס אַ משפחה און דאָרט האָט זי כסדר איבערגעחזרט, „אַז אויב די דייטשן האָבן באַשלאָסן צו ליקווידירן די יידן, איז זאָלן זיי עס מאַכן וואָס שנעלער".

— ס'איז מיר געווען ביטער צו טראַכטן — האָט אַדעלאַ פאַרגע־זעצט — אַז מיין מוטער האָט זיך געווונטשן וואָס שנעלער פטור צו ווערן פון מיין פאָטער, פון איר יידישן מאַן, כדי זי זאָל שוין קענען אויף דאָס ניי זיין אין איר שיינער וווינונג וואָס ער האָט פאַר איר איינגעאָרדנט. אַז כ'האָב איר דערזען אַליין, האָט עס מיר אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן אין האַרצן, אַז כ'בין נישט געווען בכוח איר עפּעס צי פרעגן און בכלל אַרויסצו־ברענגען פון זיך אַ וואָרט.

זי האָט געזען מיין איבעראַשונג און זיך דערנענטערט צו מיר מיט די ווערטער:

— יעזוס מיינער, וואָס איז מיט דיר, מיין קינד? וואָס ביסטו אַזוי צערודערט? ס'איז מסתמא דערפאַר וואָס כ'האָב דיר נישט צווויסן גע־טאָן וועגן מיין קומען, אָבער זאָרג דיך נישט, כ'בין געקומען דיר אָנזאָגן אַ גוטע בשורה, אַז אַ דאַנק יעזוסן, זענען מיר כמעט שוין ווי געהאָלפן געוואָרן.

מיט גרויס אָנשטרענגונג האָב איך פון מיר אַרויסגעבראַכט:

— מיט וואָס מאַמע, זענען מיר כמעט ווי שוין געהאָלפן געוואָרן?

— יעזוס איינציקער, מיט וואָס פרעגסטו? דו מיינסט אַז איך ווייס נישט אַז דו באַהאַלטסט דיך דאָ אויס צוליב דיין ייִדישן פאָטער? האָסט אַפילו מורא געהאַט מיך איינצולאַדן אויף דיין חתונה, מיט דער אויסרע־דעניש אַז אפשר וועט דער טאַטע דיינער אויך קומען און דיר פאַראומערן דיין שמחה, כהאָב געטראַכט? אָבער איצט, קינד מיינס, אַ דאַנק יעזוסן, וועט ער שוין קיינעם נישט שטערן. ער טראָגט שוין איצט אַ געלע לאַטע און אַ סטעמפּל „ייד” אויף זיינע דאָקומענטן, ס׳איז שוין כמעט זי־כער, אַז אין געציילטע טעג אַרום, וועלן שוין אַ דאַנק יעזוס, נישט זיין מער קיין יידן אין פּאַריז; דערפאַר טאַקע בין איך געקומען דיך אַהיים נעמען, האָסט דיך שוין גענוג געוואַלגערט אין דעם דאָרף, אין פּאַריז האָסטו פאַר דיר ליכטיקע צימערן, מיר וועלן זיין צוזאַמען מיט דיין קינד און ווען דיין מאַן וועט צוריק קומען, וועט ער האָבן אַ היים און דו וועסט זיין גליק־לעך, פאַרשטייסט מיין קינד?

— ווען זי האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט איר שרעקלעכער דרשה, זוכנ־דיק מסתמא אויף מיין פּנים אַ גליקלעכן שמייכל, האָב איך איר געפרעגט:

— אייגנטלעך מאַמע, ווער האָט עס אָנגעטאָן די יידן די געלע לאַטע, יעזוס אָדער די דייטשן? אויב די דייטשן, איז פאַרוואָס זאָגסטו אַ דאַנק יעזוסן? און אויב ס׳איז נישט געשען אַ דאַנק יעזוסן, דאַרפסטו זאָגן, אַז אַ דאַנק די דייטשן טראָגן די יידן די געלע לאַטע.

— וואָס איז דען פאַראַ אונטערשיד, מיין קינד? אַבי מען האָט זיי רעגיסטרירט, אָפּגעסטעמפּלט זייערע דאָקומענטן, און גאָר אין קורצן וועלן מיר זיין באַפרייט פון זיי.

— וואָס זאָל איך דיר דערציילן — האָט אַדעלאַ מיט ביטערניש אין איר שטים, פאַרגעזעצט — אַז כ׳דערמאָן מיך אין די רייד וואָס כ׳האָב פון איר דעמאָלט געהערט, אַדורכגעפלאַכטן כסדר מיט איר איינציקן יעזוס, שוידער איך ווידער אויף. כ׳ווייס באמת נישט ווי אַזוי איך האָב מיך דע־מאָלט באַהערשט און נישט רעאַגירט אַזוי ווי איר רישעות און נאַרישקייט האָט עס געפאָדערט; כ׳האָב איר בלויז געזאָגט און גראַד מיט אַ רואיקער שטימע, אַז זי וועט אפשר אין קורצן פּטור ווערן פון איר מאַן, און אָנהויבן אַ ניי לעבן אָדער מיט איר איינציקן יעזוס, אָדער אפשר גאָר מיט די דייטשן, אָבער איך? מיר, מאַמע, ווילסטו אפשר געבן אַ צוויטן טאַטן? ניין, ניין! פאַר מיר איז מיין פאָטער איינציק. איך האָב אים ליב מיטן גאַנצן האַרצן, אַזוי ווי אַ קינד דאַרף ליב האָבן אַ גוטן פאָטער און אויב מיין פאָטער איז

אַ ייד, באַטראַכט איך מיך פאַר אַ יידישער טאָכטער, האָסט פאַרשטאַנען?
יאָ, כ׳בין אַ יידישקע, און אויב עס געפעלט דיר נישט, קענסטו מאַמע, גלייך צוריק פאָרן פון וואַנען דו ביסט געקומען — און מיטן גאַנצן כעס וואָס כ׳האָב מער נישט געקענט אונטערדריקן אין מיר, האָב איך אויס־געשריגן: — אַזוי לאַנג מאַמע, ווי דו האָסט אַזעלכע נישט־מענטשלעכע און אַפילו נישט־קריסטלעכע געדאַנקען, זאָלסטו דיך פאַר מיר נישט ווייזן, האָסט פאַרשטאַנען?

מיין מוטער איז געבליבן אָן ווערטער, ביז גאָר איבעראַשט פון מיין אויסברוך; אויף אַזעלכע רייד האָט זי זיך פון מיר אַבסאָלוט נישט געריכט, און זי האָט טאַקע גלייך צונויפגענומען אירע זאַכן, און פאַרלאָזנדיק מ־ין שטוב, מיר צוגעוואָרפן מיט כעס:

— אויב דו ביסט טאַקע און באַטראַכטסט דיך אַלס יידישקע, ווערסטו האָבן דעם זעלבן סוף וואָס דיין פאָטער ווערט האָבן — און צוגעבנדיק — יעזוס, זי איז משוגע געוואָרן, נישט אַנדערש ווי משוגע! — האָט זי פאַר־לאָזט מיין וווינונג.

וואָס איך האָב דעמאָלט איבערגעלעבט, איז נישט מעגלעך דיר צו שילדערן, איך האָב געפילט אַז איך ברעך זיך צוזאַמען און ס׳האָט לאַנג גע־דויערט ביז איך האָב פילוייניק מיך אָנגעהויבן באַרואיקן פון מיין מוטערס וויזיט. כ׳האָב אָנגעהויבן אַריינטראַכטן ווי אַזוי ראַטעווען מיין פאָטער פון געפאַר וואָס עס דראָט יידן, און אים, פאַרשטייט זיך. אָבער ווי אַזוי אים העלפן? כ׳האָב אַוועקגעשיקט אַ בריוו צו דער גוטער שכינה אונדזערע און אויף אַ פאַרשטעלטן אופן איר געבעטן אויסצוגעפינען פאַר אים אַן אויפ־האַלט-אָרט „מיט בעסערע לופט״, און אַז כ׳בין גרייט צו דעקן אַלע מעג־לעכע קאָסטן. זי האָט מיר געשריבן אַז זי ווערט זיך באַמיען וועגן דעם, אָבער לײדער איז איר נישט געלונגען צו דערפילן מיין ביטע.

35

ערשט אין חודש יאַנואַר 1943, צוויי יאָר נאָך אונדזער טרעפן זיך אין יענער אומפאַרגעסלעכער נאַכט, איז די שכינה אונדזערע אומגעריכט געקו־מען צו פאָרן צו מיר אין דאָרף אַריין, און נאָכן באַגריסן זיך, האָט זי מיר דערלאַנגט אַ שווערערן בריוו.

דערזעענדיק איר, האָב איך זיך שטאַרק דערפרייט. כ׳האָב נישט געצווייפלט אַז זי האָט אויסגעפונען אַ גוטן פלאַץ פאַר מיין פאָטער, אָבער צוליב פאַרזיכט־סיבות מיר נישט געשריבן קיין איינצעלהייטן, האַלטנדיק אַז די זאַך דאַרף אַרומגערעדט ווערן פערזענלעך. אָבער פון אירע ערשטע ווערטער, אַרויסגעזאָגטע לאַנגזאַם און ווייט נישט אין קיין פריילעכן טאָן, איז מיין פרייד פאַרשוווּנדן. כ׳האָב דערפילט אַז מיט מיין פאָטער איז עפּעס געשען. אַז דאָס פאַר וועלכן כ׳האָב מיך אַזוי געשראָקן, האָט זיך ביטער רעאַליזירט. יאָ, דאָס וואָס כ׳האָב אַראָפּגעלייענט פון איר פּנים, איז געווען אמת: זי האָט מיר דערציילט, אַז אין שייכות מיט די לעצטנס גרויסגעוואָרענע געפאַרן פאַר יעדן יידישן מענטשן, האָט מיין פאָטער, סך הכל נאָר מיט פיר טעג צוריק, איר איבערגעגעבן דעם דאָזיקן קאָנווערט מיט באַשטימטע פאַפּירן, און ער האָט געבעטן, אַז אין פאַל פון זיין פאַר־האַלטן ווערן, אומבאַדינגט איבערצוגעבן מיר און אַזוי ווי דאָס פאַטאַלע איז געשען מיט דריי טעג צוריק, ד. ה. אויף צומאָרגנס נאָכן איבערגעבן איר דעם קאָנווערט, איז זי גלייך געקומען צו פאָרן כדי אויספירן דעם צוזאָג.

אין קאָנווערט האָב איך צווישן אַ ריי פאַפּירן געפונען אַ בריוו פון מיין פאָטער, אין וועלכן כ׳האָב געלייענט וועגן די אומרואיקע טעג זיינע, וועלכע ער האָט אַדורכגעמאַכט אין פאַריז. אַז ער ווייסט נישט צי עס וועט זיך אים איינגעבן אויסצומיידן די געפאַר וואָס הענגט איבער אים, ווי איי־בער אַלע יידן פון אָקופּירטן פראַנקרייך, און ממילא איז נישט מעגלעך זיין לאָזן זיך אין וועג, כדי מיך צו זען. יעדער טריט, האָט ער געשריבן, איז פול מיט געפאַרן פאַרהאַלטן צו ווערן. אויך האָט ער מיר געשריבן, אַז

ער האָט אָנגענומען אַלע נויטיקע מיטלען, אַז זיין פאַרמעגן ווי בכלל אַלע זיינע אָפּשפּאָרונגען, זאָלן נישט פאַרלוירן גיין און אַז אַלע ידיעות וועגן באַהאַלטענעם פאַרמעגן, וועל איך געפינען אין די מיטגעשיקטע דאָקומענטן, כדי אין פאַל פון זיין נישט איבערלעבן די געשעענישן, זאָל איך דערפון קענען געניסן און זיין גליקלעך, און אַז כ׳זאָל געדענקען אין אים, וואָרעם ער איז געווען אַ פאָטער וואָס האָט מיך שטאַרק ליב געהאַט, און אַז כ׳זאָל אויף קיין פאַל נישט פאַרגעסן, אַז כ׳בין אַ קינד פון אַ יידישן טאַטן, אַ קינד פון אַ שווער געפּרוווט פאָלק, פון אַן אײדל פאָלק, וואָס האָט קיינעם נישט געטאָן קיין שלעכטס, און אויב, האָט מיין פאָטער ווייטער געשריבן, איך וועל וויסן די דאַטע פון זיין טויט, זאָל איך באָטש אין טאָג פון דער יאָרצייט אָנצינדן אַ ליכט.

ביי די רייד האָט זיך אַדעלאַ נישט געקענט מער באַהערשן, און אויסגעבראָכן אין אַ שווער געוויין, שעפּטשענדיק פון צייט צו צייט: „מיין אָרעמער פאָטער".

כ׳בין געווען ביז גאָר גערירט פון זען דאָס איידעלע וועזן, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן איבער מיר, אויפגעטרייסלט פון אירע דערינערונגען. אויך אין מיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. כ׳האָב שוין איצט פאַרשטאַנען, אַז איר פאָטער האָט זיך נישט אומגעקערט פון דעפּאָרטאַציע.

איר געוויין איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער, כ׳בין צו צו איר, זוכנדיק ווערטער איר צו טרייסטן. זי האָט זיך איצט געטוליעט צו מיר ווי אַ קליין אומבאַהאָלפן קינד. כ׳האָב געקושט איר שטערן, אירע אויגן און מיך באַמיט איר איינשטילן.ביידע האָבן מיר געפילט אַז אונדזערע טרערן וועגן גורל פון איר פאָטער האָבן געשאַפן אַ געוואַלטיקע נאָענטקייט צווישן אונדז. טוליענדיק איר צו זיך, האָבן מיר באַקומען דאָס געפיל, אַז אונדזערע ביידע גורלות זענען פאַרבונדן אויף תמיד. אַז דער צופאַל וואָס האָט אונדז איינמאָל צונויפגעפירט אויף אַזאַ מערקווירדיקן אופן, איז געווען פון פריער אָנגעצייכנט דורך דער השגחה, און אַז עס רעאַליזירט זיך איר פאָטערס פאַרלאַנג, זי צו זען פאַרבונדן מיט אַ יידן און אַז דער דאָזיקער ייד בין איך, וועמענס פרוי און קינד זענען אומגעקומען אויפן זעלבן אופן ווי איר פאָטער, וועמען זי האָט אַזוי ליב געהאַט.

ס׳איז שוין געווען שפּעט. זי האָט נאָך געהאַט אַזוי פיל צו דערציילן, אויפצוקלערן און איך גופא האָב נאָך געוואָלט אַזוי פיל וויסן סיי וועגן גורל פון איר רישעותדיקער מוטער און וועגן איר קינד, איר מיידעלע, וואָס איז געבליבן ביי איר נישט יידישן מאַן. פונקט אַזוי אויך, האָט זי, פאַרשטייט זיך, געוואָלט וואָס מער וויסן וועגן מיר, וועגן מיין לעבן ביז צו

דער מלחמה, וועגן מיינע פּלענער אויף ווייטער, און נאָך און נאָך. אָבערביידע האָבן מיר איצט דערפילט אונדזער גרויסע מידקייט. זי איז געווען אויסגעשעפּט פון דערציילן אירע זכרונות און פון די אויפטרייסלונגען וואָס דאָס דערציילן איר לעבן, האָט ביי איר אַרויסגערופן.

אַזוי האָב איך נישט ווייניקער געפילט די מידקייט פון די שעהן איבערגעלעבטע עמאָציעס, געשפּאַנטקייט און אויפגערודערטקייט ביים הערן און זיך דערוויסן די אַלע פּרטים פון איר שוין גאָרנישט לייכט לעבן. ס׳איז אויך נישט געווען וואָס זיך צו וווּנדערן אויף אונדזערביידנס מידקייט, ווייל ס׳איז שוין געווען נאָך דריי פאַרטאָג.

האַלטנדיק איר איר מיינע אָרעמס און קושנדיק איר שטערן, פּנים און ליפּן, האָב איך קוים אַרויסגערעדט:

— מיין ליבע, ס׳איז צייט אויף אָפּרו, ס׳איז צייט, מיר וועלן נאָך האָבן וועגן צו רעדן, מען דאַרף אַהיימגיין...

אַדעלאַ איז ווי אויפגעטרייסלט געוואָרן, הערנדיק פון מיר די רייד. זי האָט געקוקט מיר אין די אויגן, און געזאָגט:

— וואָס פאַראַ רייד? ווי פאַלסטו אויס אַזוי צו רעדן? מיין שטוב איז דיין שטוב, ביסט ביי זיך אינדערהיים.

זענען מיר פאַרבליבן צוזאַמען די נאַכט און אַלע איבעריקע נעכט פון אונדזער לעבן.

אויף צו מאָרגנס, נאָך אונדזער מערקווירדיקן אָפּגעפונען זיך, האָב איך מיך דערוווּסט אַלע איבעריקע איינצעלהייטן וועגן אַדעלאָס לעבן. דער עיקר וואָס האָט מיך אינטערעסירט איז געווען דאָס וויסן וועגן גורל פון איר מוטער, און דאָ האָט זי מיר דערציילט, אַז אויך איר מוטער לעבט נישט מער, אַז איניקע וואָכן נאָכן פאַרלאָזן אַדעלען און אַריינגעטרעטענעם ברוגז צווישן זיי, דערפאַר וואָס זי האָט זיך דערקלערט אַלס יידישקע, איז זי אַוועקגעפאַלן אויף אַ גייסטיקער דעפּרעסיע, און אַביסל שפּעטער איז זי געשטאָרבן אין דער קליניק וווּ זי האָט זיך געפונען.

אַדעלאַ איז געווען אַ קיילעכדיקער יתום און אַ יורשטע פון אַ גרויס פאַרמעגן וואָס איר פאָטער האָט באַוויזן אָפּצוראַטעווען, און אַ מוטער פון אַ מיידעלע וואָס האָט זיך געפונען ביי איר געוועזענעם קריסטלעכן מאַן.

כ׳האָב דאַן אויך באַקענט אַדעלען מיט מיין אייגן לעבן, ביז צום פאַרלירן מיין פרוי און קינד, אַ זאַך וואָס איז געשען אין חודש יולי 1942, אין זעלבן טאָג ווען די נאַציס האָבן צוגענומען אַזוי פיל יידן, דערונטער אויך איר אייגענעם פאָטער.

כ׳האָב איר דאַן אויסדערציילט ווי ווייט מיין נשמה איז אויפגעטרייסלט מיטן אומגליק וואָס עס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק, אַז ס׳איז נישט פאַראַן קיין איין יידישער מענטש וואָס איז נישט פאַריתומט געוואָרן, וואָס זאָל נישט האָבן פאַרלוירן זיינע נאָענטע, זיינע קרובים און פריינט, און אַז איצט, נאָך דער מלחמה, געפינען זיך טויזנטער פון די אָפּגעראַטעוועטע יידן אין לאַגערן אין דייטשלאַנד, וואָס ווילן מער נישט זיין קיין הפקר-מענטשן ווי ביז צו דער מלחמה, און רייסן זיך צו די ברעגעס פון אונדזער אַלט, היסטאָריש היימלאַנד ארץ־ישראל; אָבער ווהין זיי ווערן נישט דערלאָזט אַריינצוקומען דורך דעם ענגלישן פלאַט, וואָס באַוואַכט די ימען, און פאַרצוימט פאַר זיי דאָס קומען אַהין.

כ׳האָב איר דאַן פאַרטרויט, אַז ס׳גייט אָן אַ גרויסע אָרגאַניזירטע

באַוועגונג פון אַריינבערענגען די מאַסן יידן אין לאַנד אַריין אויף נישט לע־גאַלע וועגן און אַז אויך איך באַטייליק זיך אין דער דאָזיקער אַקציע.

און לסוף האָב איך צו איר געזאָגט:

— אַדעלאַ טייערע, דו ווייסט באמת נישט ווי ווייט דו האָסט געווונען מיין האַרץ; ווי ווייט כ׳בין גרייט צו פאַרבינדן אונדזערע ביידנס לעבן; אָבער איך האָב פעסט באַשלאָסן דאָס נאָכן האָבן געענדיקט די אַקציע פון אַריבערפירן די טויזנטער יידן וואָס רייסן זיך צו קומען קיין ארץ־ישראל, מיך דאָרט אויך צו באַזעצן, כדי צו לעבן אויסשליסלעך צווישן יידן און נישט הערן מער די אַלע אַנטיסעמיטישע זידלערייען אויף אונדזער פאָלק, וואָס וועט אָן ספק, אין רעזולטאַט פון די אָנגייענדיקע קאַמפן, דערפירן צו אַ זעלבסטשטענדיקער יידישער מדינה. די דאַרפסט דאָס וויסן, אַדעלאַ טייערע, ווערסטו דיך דעצידירן אויף מיטצופאָרן מיט מיר אין יענעם לאַנד אַריין, פון וואַנען איך און אַזוי אויך דיין פאָטער שטאַמען אָפּ?

אַדעלאַ האָט זיך מיר מודה געווען, אַז זינט די היטלער-געשעענישן אין פראַנקרייך און די אַלע אומגליקן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט מיט אונדזער פאָלק, צו וועלכן זי גופא פאַרעכנט זיך, האָט זי כסדר געלייענט אַלע ידיעות, זיך אינטערעסירט מיט אַלע געשעענישן פון יידישן לעבן אין דער וועלט און אין דער ערשטער ריי, מיטן העראָאישן קאַמף פון די יידן פאַר עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל פאַר די אָפּגעראַטעוועטע יידן, אַז זי האָט לעצטנס נישט איינמאָל געטראַכט, וועגן דער וויכטיקייט פון צוריק פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד אין אַ יידישער מדינה און אַז זי איז ביז גאָר צופרידן פון מיין ווילן זיך דאָרט באַזעצן און אַז ביז דאַן וועט זי זיין גליקלעך אויב זי וועט מיר קענען מיטהעלפן אין זעלבן קאַמף, פאַרן אַריבערברענגען וואָס מער פון די אָפּגעראַטעוועטע יידן קיין ארץ־ישראל.

כ׳בין געווען גליקלעך צו הערן פון איר די דאָזיקע רייד. כ׳האָב איר איינגעשלאָסן אין מיינע אָרעמס און איר אָפּגעדאַנקט מיט אַ הייסן קוש.

אַדעלאַ האָט זיך טאַקע מיט אַ סך ענערגיע אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון העלפן דער אומלעגאַלער עליה. זי איז מערערע מאָל געפאָרן אומדערמידלעך איבער פראַנקרייך, דייטשלאַנד, עסטרייך און צו די איטאַ־ליענישע און פראַנצויזישע פאָרטן און אויסגעפירט גאָר וויכטיקע מיסיעס ביז... ביז זי האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן, וואָרעם זי האָט זיך געגרייט צו ווערן די מוטער פון מיין קינד, וואָס איז אין קורצן געבוירן געוואָרן און וואָס איז צו אונדזער ביידנס פרייד געווען אַ ייִנגעלע, און וועמען מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן שימעלע, נאָך איר אומגעקומענעם פאָטער.

און ווען ס׳איז פראָקלאַמירט געוואָרן די מדינה, זענען אונדזערע סאָ־

לאָנען געווען צו קליין אויפצונעמען אַלע אונדזערע איינגעלאַדענע געסט, דערונטער אויך פיל אַנגעזעענע פּערזענלעכקייטן, וואָס זענען געקומען צו אונדז צום גרויסן יום־טוב.

קורץ דערנאָך, זענען מיר צוזאַמען מיטן שטראָם עולים אויך אַפּגעפאָרן קיין ישראל און טראָץ דעם, וואָס אַדעלאַ האָט פאַרמאָגט אַ גרויס פאַרמעגן, האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט פון באַזעצן זיך אין אַ גרעסערן צענטער; מיר האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין אַ קיבוץ און פירן אַ לעבן וואָס איז נישט נאָר מיר, נאָר אויך אַדעלען ביז גאָר געפעלן געוואָרן, און ווו מיר פירן אַ ביז גאָר גליקלעך לעבן.

דריי יאָר שפּעטער, האָט אַדעלאַ געבוירן נאָך אַ קינד, דאָס מאָל אַ מיידעלע, וואָס טראָגט דעם נאָמען ראָשעל.

אין יאָר 1955, ווען אַדעלאַ'ס טעכטערל פון איר געגעטן מאַן, איז אַלט געוואָרן 15 יאָר, האָט ער ענדלעך מסכים געווען אַרויסצוגעבן איר, איר קינד. דאָס איז געשען ווי מיר האָבן זיך עס דערוווסט, צוליב זיין צווייטער פרוי, וואָס איז נישט זייער צופרידן געווען, צו האָבן ביי זיך אין שטוב נישט אירס אַ קינד און וואַרשיינלעך האָט דאָ אויך געווירקט דער באַוווסטזיין, אַז דאָס איז אַ קינד וואָס שטאַמט פון אַ יידישן זיידן.

זענען מיר ווידער געקומען קיין אייראָפּע, קיין פּאַריז, ווו אַדעלאַ האָט אָפּגענומען איר דערוואַקסן קינד. זייענדיק אַ יאָר אין פּאַריז, איז אַדעלאַ צוריק געפאָרן צו אונדזער קיבוץ, מיטפירנדיק מיט זיך איר 16 יאָריקע טאָכטער און מיר זענען געווען פול מיט פרייד אין האַרצן, פון האָבן אָפּגעראַטעוועט אַ קינד פון יידישער אָפּשטאַמונג.

איך בין געבליבן אין פּאַריז צוליבן האָבן זייער אַ סך ענינים צום ליקווידירן און גלייכצייטיק אויך צוליבן פאַרקויפן דעם הערלעכן אַפּאַרטאַמענט, וואָס איז געווען ביז איצט פאַרדונגען, און ערשט אין די לעצטע וואָכן איז ער פריי געוואָרן, און נאָך דעם ווי דאָס איז דערלעדיקט געוואָרן, האָב איך דאָס געלט איבערגעשיקט אין אַ באַנק קיין ישראל, אויף דער טאָכטערס נאָמען, כדי אין פאַל, אויב זי וועט נישט וועלן פאַרבלייבן אין קיבוץ, אויב זי וויל פאַרזעצן דאָס לערנען, און וווינען אין אַן אַנדערן צענטער.

איצט, ווען אַלץ איז דערלעדיקט געוואָרן, פאָר איך צוריק אין מיין לאַנד, אין מיין קיבוץ, צו מיין אַדעלען און קינדער.

אָט איז די סיבה פון מיין איצטיקער רייזע מיט אייך קיין ישראל.

נישט לאַנג וואַרטנדיק, האָט גורעלי ווידער אָנגעגאָסן די גלעזער, דער ערשטער, האָט טאַקע מאַרעק אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום גלאָז פּרוכטן־זאַפט, נאָכן האָבן זיך דערפרישט מיט די געטראַנקען, האָט גו־רעלי זיך געוואָנדן צו זיינע פריינט:

— יאָ, מיינע ליבע, מיר האָבן שוין דאָ געהערט דריי דערציילונגען און איך מיין, אַז פון יעדער דערציילונג, קען מען אָנשרייבן אַ גאַר שיינעם ראָמאַן. איך מוז אייך זאָגן, אַז איך פיל איצט אַזאַ נאָענטקייט צו אייך און איך מיין אַז אַזוי אויך איינער צום אַנדערן, גלייך ווי מיר וואָלטן זיך שוין געקענט פון זייער לאַנג, ווייל אייך און דער זעלבער גורל האָט אונדז דאָ צוזאַמענגעפירט; וויל איך אייך זאָגן, אַז אויך איך וועל אייך נישט שולדיק בלייבן מיט מיין דערציילן פאַר אייך אַ וויכטיקן לעבנס־מאָמענט און אַזוי ווי יעדער פון אייך האָט אַ נאָמען געגעבן זיין דערציילונג מיט אַ נאָמען פון אַ פרוי, וועל איך אויך מיין דערציילונג באַטיטלען מיטן נאָמען פון מיין פרוי, וואָס רופט זיך נאַטאַלי, וואָס איז פאַרשטייט זיך, אויך אַ ראָמאַן. כ׳מוז אייך אויך זאָגן, אַז איך פאַר נישט איצט כדי זיך צו באַזעצן אין ישראל, ווייל איך גופא בין אַ ישראלדיקער. איך פאַר איצט צוריק אין מיין נייער היים וואָס איך האָב נאָך לאַנג זוכן, צוריק געפונען: מיין היים, מיין פרוי און מיינע קינדער. איך בין בלויז געווען אויף אַ באַזוך אין פּאַריז אויף קורצע דריי וואָכן, כדי מיך צו באַרואיקן פון אַן איבערלעבונג, אַ גע־שעעניש וואָס האָט מיך פשוט צעטרייסלט. איר וועט דאָס פאַרשטיין פון מיין דערציילונג. די דריי וואָכן אָפּרו, האָבן מיר געהאָלפן אָפּצוגעפונען מיין גלייכגעוויכט און כ׳מוז אויך צוגעבן, אַז אַ דאַנק אַ געוויסן פּאַריזער דאָקטאָר ס., אַ זייער סימפּאַטישער מענטש, וואָס איז געווען מיינער אַ שכן אויפן אַוויאָן, פליענדיק קיין פּאַריז, וואָס, דערוויסנדיק זיך, אַז איך בין אַ ישראל־ייד, איז ער שוין נישט אָפּגעטרעטן פון מיר, מיך איינגעלאָדן צו זיך. ער האָט אויך איינגעלאַדן זיינע פריינט אויף אַ פייערלעך אָוונט־ברויט

און מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיי. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער האָט מיך גע־פרעגט די סיבה פון מיין אַהערקומען, זיי האָבן זיך גאָרנישט געקענט פאַר־שטעלן אַז מען זאָל קומען „גלאַט אַזוי״, אויב נישט קיין ספּעציעלער שליח, מוז דאָך זיין עפּעס אַ סיבה, און בכלל זיך אויסגעפרעגט וועגן דער סיני-אַקציע. ס'איז דאָך דאָ אַזוי פיל צו דערציילן און איבערהויפּט איך, אַ ישראל־ייד, ווייס דאָך זיכער מער ווי די צייטונגען האָבן דאָס געשריבן — און איך, זיצנדיק ביי אַ פיין געדעקטן טיש, אין אַ גוטער יום־טובדיקער שטימונג און פילנדיק אויף זיך צענדליקער נייגעריקע בליקן וואָס פרעגן, נו? ווען וועל איך שוין עפּעס דערציילן? האָב איך פאַר זיי דערציילט דאָס אויסערגעוויינלעכע וואָס האָט מיט מיר פּאַסירט און אַזוי האָב איך פאַר־ברענגט דריי אינטערעסאַנטע וואָכן מיט פּאַריזער יידן און איצט פאָר איך צוריק אין מיין אָפּגעפונענער היים, אַ באַרואיקטער, און אַ גליקלע־כער.

און אַזוי ווי איר, וועל איך מיין דערציילונג אַ נאָמען געבן: „נאַטאַלי״.

נאטאלי

38

איך בין אויך אַן אָפּשטאַמיקער פון פּוילן, פון אַ שטעטל אין דער לובלינער געגנט, אַ שטעטל ווי אַלע שטעטלעך פון דעם פאַרמלחמהדיקן פּוילן. מיין פאָטער האָט דאָרט געפירט אַן אייזן-געשעפט. דאָס איז געווען דער נדן, וואָס מיין מוטערס ברודער, איינער פון די גרעסטע און רייכסטע אייזן־סוחרים פון וואַרשע, האָט אים געגעבן. מיר זענען געווען דריי קינדער אין שטוב, און איך — דער עלטסטער. ווען כ׳בין אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, האָט מען גאָר גרויסאַרטיק געפייערט מיין בר־מצווה און טאַקע פון דער צייט, הייבט זיך אָן מיין געשיכטע.

אויף מיין בר-מצווה־פייערונג זענען איינגעלאַדן געוואָרן זייער פיל געסט אָבער דער הויפּט־גאַסט איז געווען מיין פעטער, דער רייכער אייזן־סוחר פון וואַרשע מיט זיין פרוי. זיי זענען געקומען נישט בלויז אויף מיין בר־מצווה יום-טוב, נאָר אויך מיט אַ ספּעציעלער כוונה, וואָס איז מיר נאָך דאַן נישט געווען באַוווסט. צווישן די פאַרבעטענע געסט איז אויך געווען אונדזער שכן, דער פעלדשער פון שטעטל מיט זיין פרוי און זייער טעכטערל, אַ מיידעלע פון צוועלף יאָר, וואָס איז דעמאָלט שוין געווען גאַנץ אַנדערש ווי אַלע אַנדערע מיידלעך אין איר עלטער.

אונדזער שכן דער פעלדשער איז געווען אַן אָפטער גאַסט ביי אונדז אין שטוב. ער פלעגט אַריינקומען אין געוויסע אָוונטן כדי שפּילן אַ פּאַרטיע שאַך מיט מיין פאָטער, און ביי געלעגנהייטן, רעדנדיק וועגן היינטיקע קינדער, האָט ער אָפט געזאָגט, אַז ער איז אַ גליקלעכער פאָטער, אַז זיין איינציק טעכטערל פאַרשאַפט אים אַ סך נחת. זי לערנט זיך זייער גוט און אַחוץ יידיש און פּויליש, לערנט זי אַ פרעמדע שפּראַך, און אַז זי איז אויך זייער מוזיקאַליש: זי לערנט זיך שפּילן קלאַוויר און שפּילט זייער שיין, און דאָס איז טאַקע געווען אמת; אַהיימגייענדיק פון דער שולע, פלעג איך בלייבן שטיין הינטערן פענצטער פון זייער הויז און איינהערן זיך אין די קלאַנגען וואָס האָבן מיך ווי צוגעשמידט צום אָרט. דאָס איז נישט געווען

קיין שפּילן פון אַ געניטן פּיאַניסט; דאָס איז געווען אַ שפּילן אַן אַקאָרדן, בלויז ריינע מעלאָדיע. כ'האָב געוווּסט, אַז דאָס איז דעם פעלדשערס טאָכטער וואָס שפּילט אַזוי שיין.

און איצט, ווען כ'בין געזעסן אויבן אָן און באַטראַכט די געסט, צווישן וועלכן ס'זענען געווען אויך אַ טייל פון מיינע חברים און מיידלעך אין זעלבן עלטער, האָב איך באַמערקט, אַז דאָס מיידל פון דעם פעלדשער ווענדט נישט אָפּ פון מיר אירע שוואַרצע אויגן. טייל מאָל זענען אירע בליקן מיר געווען זייער אָנגענעם און מיך געגלעט און באַרואיקט; טייל מאָל אָבער, האָבן אירע בליקן מיך אויך אַ ביסל געקווֶעלט און געשראָקן. דאָס מיידל איז געווען געקליידט אַנדערש, ווי אַלע אַנדערע מיידלעך אין איר עלטער: זי האָט געטראָגן אַ רויט סאַמעט קליידל מיט גאָלדענע קנעפּלעך, צוגעקנעפּלט ביז היינטערן האַלדז. מען האָט אַרויסגעזען בלויז איר איידל פּנים מיט די שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן סיי געגלעט און סיי געשראָקן. אַפילו איר נאָמען איז אויך געווען אַן אַנדערשטיקער, אַ זעלטענער: מען האָט זי גערופן נאַטאַלי. איך האָב זיך געוווּנדערט וואָס אין איר עלטער לערנט זי שוין אַ פרעמדע שפּראַך, און אַז דאָס איז טאַקע אָט די קליינע וואָס שפּילט אַזוי שיין.

ווען כ'האָב פאַרענדיקט די אַלע ברכות און דרשות, וואָס אַ בר-מצווה בחור האָט צו זאָגן, האָבן מיינע עלטערן, מיין מומע און פעטער, און אויך נאָך נאָענטע פון די געסט, מיך געקושט. און צווישן די אַלע, וואָס האָבן מיך געקושט, האָט זיך אויך געפונען דאָס מיידל פון אונדזער פעלדשער, נאַטאַלי. יאָ, אויך זי האָט מיר דעמאָלט אַ קוש געטאָן. זי איז געבליבן שטיין האַרט נעבן מיר און מיך אַ גלעט געטאָן מיט בליקן פון אירע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן מיך אַזוי מאָדנע געשראָקן.

נאָך דער שמחה האָט מיין מוטער צוגעגרייט מיין וואַליזקע, ווייל גלייך צומאָרגנס האָב איך זיך געגרייט צו פאָרן קיין וואַרשע צוזאַמען מיט מיין מומע און פעטער, כדי אָנהייבן דאָרט לערנען. דער ווּנטש פון מיינע מומע און פעטער איז געווען, אַז כ'זאָל לערנען כדי ווערן דאָקטאָר. מיין פעטער האָט פאַרזיכערט אַז מיט זיין פּראַטעקציע, וועלן זיך עפענען פאַר מיר אַלע טירן. איך בין געווען דער ליבלינג פון דער רייכער מומע און פעטער, וואָס האָבן קיין קינדער נישט געהאַט.

כ'בין געקומען קיין וואַרשע, אין דער הויפּטשטאָט פון פּוילן. מיין מומע האָט מיר געוויזן אירע אַפּאַרטאַמענטן: מען האָט געקענט פאַרבלאָנדזשעט ווערן אין די צימערן און אין מערערע סאַלאָנען. זי האָט מיר אָנגעוויזן מיין צימער; דאָרט האָט מען געפּוצט און גערייניקט, גערוימט און

אָפּגעשטויבט יעדן טאָג. כ'האָב זיך געפילט ווי אַ פּרינץ אין זיין פּאַלאַץ. ס'האָט מיר פון גאָרנישט געפעלט. אַפילו טאַשן־געלט האָב איך באַקומען וויפל כ'האָב נאָר געוואָלט. אין יענער צייט, ווען אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט איז נאָך געווען אַ זעלטנקייט אַפילו אין וואַרשע, האָב איך געהאַט אין מיין צימער אַזאַ אַפּאַראַט, כדי כ'זאָל זיך נישט לאַנגווייליקן ביי די שווערע אויפגאַבעס פון דער שולע. איך האָב אויך געהאַט אַ פּריוואַט-לערער, וואָס האָט מיר געהאָלפן אין מיינע אויפגאַבעס. מיין מומע און פעטער האָבן מיר צוגעזאָגט, אַז כ'וועל האָבן אַלץ, וואָס כ'וועל נאָר דאַרפן, אָבער מיט איין באַדינג: כ'זאָל זיך לערנען פלייסיק און נישט אַהיימברענגען חלילה, קיין שלעכטע צייכנס פון דער שולע.

און אָט אין די באַקוועמע באַדינגונגען, ביי מיינע רייכע פעטער און מומע, ווו ס'האָט מיר פון גאָרנישט געפעלט, זענען אַדורך מערערע חדשים, ביז כ'בין אַלט געוואָרן 15 יאָר. דאָס לערנען איז געגאַנגען זייער גוט און מיינע פעטער און מומע זענען געווען איבער־גליקלעך. זיי האָבן מיך פאַר־געשטעלט ביי יעדער געלעגנהייט פאַר זייערע פריינט און מיט שטאָלץ גערימט ווי גוט איך לערן זיך, און אַז איך בין ביי זיי ווי אַן אייגן קינד. זיי האָבן נישט אויפגעהערט מיך פרעגן, צי ס'פעלט מיר נישט עפּעס? האָב איך דען געקענט זיי זאָגן, אַז ס'פעלן מיר די קלאַנגען פון באַטאַליס האַרציקע מעלאָדיעס? אַז ס'פעלן מיר די בליקן פון באַטאַליס שוואַרצע אויגן? עפּעס אַזאַ מאָדנער בענקשאַפט האָט מיך אַנגעהויבן נאָגן אונטערן האַרץ. דוכט זיך, ווען כ'וואָלט זי כאָטש איין מאָל געזען, וואָלט איך זיך באַרואיקט. אָט אָ די בענקשאַפט פלעגט מיר אויך זיין אַ שטער צו מיין שלאָף. כ'האָב זי געזען אַזוי פיל מאָל אין חלום. די בליקן פון אירע שוואַר־צע אויגן האָבן מיך געגלעט און טיילמאָל פלעג איך איינשלאָפן גאָר גאָר שפּעט אונטער די קלאַנגען פון אירע מעלאָדיעס, וואָס כ'פלעג הערן שטיי־ענדיק הינטערן פענצטער פון זייער וווינונג.

מיין מומע האָט באַמערקט, אַז כ'בין עפּעס צו פיל פאַרטראַכט. זי האָט געמיינט, אַז איך בענק נאָך מיינע עלטערן, און אַן מיר עפּעס צו זאָגן, זע־נען אויף די יום־טובים געקומען מיינע עלטערן קיין וואַרשע, ווו זיי האָבן שוין פאַרבראַכט ביז איבער סוכות. פאַרשטייט זיך, אַז כ'האָב זיך זייער שטאַרק דערפרייט מיט זייער קומען און זייער פאַרברענגען מיט מיר די גאַנצע צייט פון די יום־טובים, אָבער טראָץ דעם, האָט דאָס נישט פאַר־קלענערט מיין בענקשאַפט נאָך דער קליינער באַטאַלי.

און ווידער זענען אַדורך וואָכן און חדשים, ביז כ'בין אַלט געוואָרן אַכצן יאָר. כ'האָב פאַרענדיקט מיין עקזאַמען און מיט אַ שטאַרקן לויב פון

מיינע פּראָפעסאָרן, און צוליבן אויסהאַלטן דעם עקזאַמען און באַקומען הויכע אויסצייכענונגען, בין איך מיט מיין מומע אַהיימגעפאָרן צו מיינע עלטערן, אָבער מיין געדאַנק און מיין מוח איז געווען פאַרנומען מיט איין נאָמען: נאַטאַלי! כ׳האָב זיך געפרעגט: ווי זעט זי אויס היינט? זי האָט שוין זיבעצן יאָר. צי געדענקט זי נאָך אין מיר? צי ווייס זי, אַז ווען זי איז אַלט געווען צוועלף יאָר, האָט זי מיר אַ קוש געטאָן? און צי ווייס זי וועגן מיין קומען אַהיים? וועל איך האָבן די מעגלעכקייט זי צו זען?

געקומען אַהיים, איז די פרייד פון מיינע עלטערן און מיינע יינגערע ברידער געווען זייער גרויס. אין אָוונט זענען צו מיר אַרויפגעקומען אַ סך חברים. אויך שכנים זענען אַריינגעקומען מיך פרעגן, וואָס מען הערט אין וואַרשע? אָבער פון נאַטאַלי — אַפילו נישט קיין צייכן. אפשר איז זי גאָר נישט אין שטעטל? אפשר איז זי אַוועקגעפאָרן? און באמת, וואָס האָט דען אַזאַ מיידל ווי נאַטאַלי, וואָס לערנט שפּראַכן און מוזיק, צו טאָן דאָ אין דעם קליינעם שטעטל? ווען ס׳זענען אַדורך דריי טעג און כ׳האָב נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין צייכן פון נאַטאַלי, האָט דאָס מיך אויף אַן אמת דערשראָקן.

פרייטיק אָוונט זענען צו מיר אַרויפגעקומען חברים, און מיר פאַרגע־לייגט אַראָפּצוגיין אַביסל שפּאַצירן. דער אָוונט איז געווען אַ שיינער און אַ וואַרעמער. דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט און אָנגעזאָגט אַז אויך מאָרגן שבת, וועט זיין אַ שיינער טאָג. מיר שפּאַצירן אַזוי אויף דעם לו־בלינער שאָסיי ווו מיר טרעפן אָן זייער פיל באַקאַנטע. מיר שטעלן זיך אָפּ, יעדער איינער וויל הערן אַ וואָרט וועגן וואַרשע. און אָט קומט צו נאָך אַ גרופּע חברים וואָס זוכן מיך אַרום. זיי דערציילן אַז מאָרגן שבת, ווערט איינגעאָרדנט אַן אויספלוג אין די וועלדער, וווּ ס׳וועלן פאַרקומען פאַר־שידענע פאַרווייַלונגען און אויך אַ געיעג אויף וועלאָסיפּעדן. זיי פרעגן מיך, צי איך וויל אָנטייל נעמען: זיי ווייסן, אַז איך פאָר זייער גוט אויף אַ וועלאָסיפּעד. כ׳האָב מסכים געווען און ס׳איז אָפּגעשמועסט געוואָרן ווו זיך צו טרעפן מאָרגן.

דערנאָך האָבן מיר פאַרגעזעצט דאָס שפּאַצירן איבער דעם שאָסיי אין דעם שיינעם וואַרעמען אָוונט. מיר האָבן זיך כסדר געגרוסט צו די, וואָס זענען אונדז אַנטקעגן געקומען, און צווישן די אַלע אַנטקעגנקומענדיקע, האָב איך מיטאַמאָל באַמערקט אַ גרופּע פון פיר מיידלעך. ביי איינער פון די פיר, שטראַלן אין דער טונקלקייט אַרויס אַ פּאָר שוואַרצע אויגן, און ווען זיי זענען שוין געווען גאָר נאָענט נעבן אונדז, האָב איך דערפילט נאַטאַליס בליק. מיין האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן. ס׳האָט זיך מיר

געטאָן אַ מיש אין קאָפּ. מיינע טריט האָבן זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעהאַלטן. כ'האָב געפרעגט:

— איז נישט אַמאָל איינע פון די מיידלעך דעם פעלדשערס טאָכ־טער? אויב יאָ, האָב איך אַ גאָר וויכטיקן גרוס פאַר איר.

כ'האָב געזאָגט דעם פעלדשערס מיידל און זי נישט אָנגערופן ביים נאָמען, כדי נישט צו ווייזן פאַר מיינע חברים, אַז איך קען זי. ווען כ'האָב באַקומען אַן ענטפער, אַז דאָס איז זי טאַקע, האָב איך זיך אַנטשולדיקט און דעריאָגט די גרופּע מיידלעך. אַ ווײַלע האָבן מיר אַלע זיך אָנגעקוקט און דאַן האָב איך זיך געווענדט צו נאַטאַלי:

— אויב כ'האָב נישט קיין טעות, זענט איר פריילין נאַטאַלי...

— יאָ, דאָס בין איך — איז געקומען אַן ענטפער.

איך האָב געקוקט אויף די אַנדערע דריי און נישט געוווסט וואָס צו טאָן, זאָל איך וואָגן אָפּרייסן זי פון אירע הברטעס? און צי וועט זי מסכים זיין דערצו? כ'האָב זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט, לסוף זיך אָנגערופן צו איר:

— איך האָב אַ זייער וויכטיקן גרוס פאַר אייך, פריילין נאַטאַלי, דערפאַר האָב איך מיר דערלויבט אייך אָפּצושטעלן און אפשר אויך גע־שטערט; איז אייך מעגלעך מיר צו שענקען אַ פּאָר מינוט? כ'מיין אַז איי־ערע חברטעס וועלן אייך דאָס זיכער אַנטשולדיקן.

כ'האָב געוואַרט מיט אַ ציטער אויף איר ענטפער. ווער בין איך דען פאַר איר? צי קען זי מיך? צי געדענקט זי מיך? און צי וועט זי זיך דערלויבן איבערלאָזן אירע חברטעס און אַוועקגיין מיט מיר? און דאָס שטעטל וועט שוין האָבן פון וואָס צו רעדן? אָבער צו מיין גרויס איבערראַ־שונג, האָב איך נישט באַמערקט אויף איר קיין שום וואַקלען זיך. זי האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר אירע חברטעס, געמאַכט אַ טריט פאָרויס און מיר זענען אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג. אַ פּאָר מינוט זענען מיר געגאַנגען שווייגנדיק, דאַן האָב איך זיך אָנגערופן צו איר:

— נאַטאַלי, איך האָב דיר געזאָגט אין קעגנוואַרט פון דיינע חבר־טעס, „פריילין" ווייל ס'איז אפשר בעסער אַזוי, כ'וויל דיך אויך פרעגן, צי האָב איך דיך געקוועלט דערמיט, וואָס כ'האָב דיך אָפּגעריסן פון זיי?

זי האָט נישט באַלד געענטפערט. זי האָט מסתמא פאַרשטאַנען פון מיין זאָגן איר דו, אַז איך האַלט זיך גאָרנישט פרעמד צו איר, זי האָט מיר געענטפערט:

— ס'וואָלט מיך זיכער געקוועלט, ווען אויף דיין אָרט וואָלט געווען אַן אַנדערער.

איר ענטפֿער האָט מיך דערפֿרייט.

— נאַטאַלי! אַנטשולדיק מיר וואָס כ'האָב דיך אָפּגענאַרט, איך האָב נישט פֿאַר דיר קיין שום גרוס פֿון עמיצן, אויב איך האָב יאָ פֿאַר דיר אַ גרוס, איז דאָס פֿון מיר אַליין.

— כ'האָב דאָס גלייך פֿאַרשטאַנען — זאָגט זי מיר.

מיר זעצן פֿאָר דאָס שפּאַצירן און מיר גריסן נישט צו קיינעם. מיר שטעלן זיך נישט אָפּ מיט קיינעם. נאָך אַ לענגערע פּויזע פֿון אונדזער ביידנס שווייגן, זאָג איך איר:

— נאַטאַלי, איך דאַנק דיר זייער פֿאַר דער געלעגנהייט וואָס דו האָסט מיר געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו געפֿינען מיט דיר אַליין און האָבן אַזוי אַרום די מעגלעכקייט דיר עפּעס צו זאָגן — און כ'בין שטיל געבליבן. זי האָט געוואַרט כ'זאָל איר זאָגן דאָס נישט געזאָגטע, און איך האָב געטראַכט וואָס און ווי אַזוי רעדן צו איר.

— האָסט דוכט זיך געוואָלט עפּעס זאָגן?

— יאָ, נאַטאַלי, נישט כ'האָב געוואָלט, כ'וויל נאָך איצט אויך, און דאָס עפּעס איז נישט בלויז פֿון איצט, נאָר שוין פֿון לאַנג, פֿון גאָר לאַנג.

— פֿון גאָר לאַנג? — פֿרעגט זי מיט פֿאַרוווּנדערונג — נו, זאָג, חיימקע!

— דאָס אָנרופֿן מיך חיימקע, האָט מיר צוגעגעבן מוט, און כ'האָב איר געזאָגט:

— דו ווייסט, נאַטאַלי, אַז כ'בין געווען גאַנצע פֿינף יאָר אין וואַרשע? און כ'מוז דיר זאָגן, אַז דורך דער גאַנצער צייט האָב איך נישט אויפֿגעהערט צו טראַכטן פֿון דיר. כ'האָב מיך כסדר געפֿרעגט: ווי זעסטו אויס היינט? פֿאַרמאָגסטו נאָך דעם כישוף אין דיינע שיינע שוואַרצע אויגן? אַז ווען מען קוקט אין זיי איז דאָס לעבן אַזוי שיין און ס'ווערט וואַרעם אויפֿן האַרץ, און פֿון נאָך אַ זאַך האָב איך געטראַכט: צי וועל איך האָבן די מעגלעכקייט דיך צו זען, כדי דיר אָפּגעבן דעם חוב וואָס כ'בין דיר שולדיק.

— וואָס פֿאַראַ חוב ביסטו מיר שולדיק?

— וואָס פֿאַראַ חוב? געדענקסט, אויף מיין בר־מצווה־פֿייערונג, מיט פֿינף יאָר צוריק, האָסטו מיר אַ קוש געטאָן. דיין קוש האָב איך געפֿילט די גאַנצע פֿינף יאָר פֿון מיין זיין אין וואַרשע, און איצט, ווען איך זע דיך און רעד מיט דיר, פֿיל איך ווידער דיין קוש פֿון דעמאָלט. איך האָב געטראַכט אָט דעם קוש דיר אָפּצוגעבן, אָבער כ'האָב זיך געשראָקן ביים געדאַנק, צי כ'וועל האָבן די געלעגנהייט דערצו?

מיר זענען געגאַנגען אַלץ אין דער זעלבער ריכטונג און נישט אומ־געקערט זיך צוריק. מיר האָבן זיך דערזען אַליין, קיינער איז נישט דער־גאַנגען אַזוי ווייט אַוועק פון שטעטל. אַ שטילקייט האָט געהערשט אַרום. נאָך אַ ווילע זאָגט זי צו מיר:

— אַזוי האָט דיך מיין קוש געקוועלט וואָס דו זוכסט מיר אים אָפּ־צוגעבן? און אויב שוין אָפּגעבן, ווייסטו וויפיל פּראָצענט ס׳איז צוגעוואַקסן דורך די פינף יאָר?...

— וועגן פּראָצענט וועלן מיר אַדורכקומען, נאַטאַלי! צי ער האָט מיך געקוועלט? יאָ, נאַטאַלי, גאָר שטאַרק האָט ער מיך געקוועלט, אַז מיין שלאָף איז מיר געשטערט געוואָרן. כ׳האָב אויך געטראַכט, אַז ווען כ׳וועל דיר האָבן אָפּגעצאָלט דעם חוב, וועט מיין קרעדיט שטייגן...

נאָך די געזאָגטע ווערטער, האָבן מירביידע זיך אָפּגעשטעלט, נישט דערפאַר ווייל מיר האָבן אַזוי געוואָלט, נאָר ס׳איז געקומען פון זיך אַליין.

— חיימקע! כ׳מוז דיר זאָגן, אַז אַפילו אין חלום האָב איך נישט גע־טראַכט צו הערן פון דיר אַזעלכע ווערטער. כ׳האָב געצווייפלט צי דו וועסט בכלל מיר שענקען אויפמערקזאַמקייט. כ׳האָב געוווּסט דעם טאָג און די שעה ווען דו ביסט געקומען אין שטעטל, און טאַקע היינט בין איך אַרויס־געקומען אויף דעם שאָסיי מיט דער האָפענונג דיך צו טרעפן, דיך צו זען. אויך איך האָב געטראַכט און געחלומט פון דיר די גאַנצע צייט. אויך איך האָב זיך געפרעגט, צי דו ביסט נאָך אַזוי שיין ווי דו ביסט דעמאָלט גע־ווען?

און כ׳האָב באַמערקט אין דער טונקלקייט אירע געשלאָסענע אויגן, דאָס מויל אירס איז געווען האַלב אָפן און נישט אויפגעהערט צו שעפּטשען:

— צאָל אָפּ דיין חוב, חיימקע... צאָל אָפּ דיין חוב...

איך האָב אָנגענומען איר קאָפּ מיטביידע הענט און דערנענטערט מיינע ליפּן צו אירע. דערביי האָבן אירע הענט אַרומגענומען מיין האַלדז, און כ׳האָב איר געקושט. כ׳האָב איר אָפּגעצאָלט דעם חוב, און איר גע־שעפּטשעט אין דער שטיל:

— נאַטאַלי, איך האָב דיך ליב. דו ווייסט גאַרנישט ווי גליקלעך איך בין איצט. כ׳האָב זיך גאַרנישט פאַרגעשטעלט דו זאָלסט זיין אַזאַ טייער און ליב מיידל ווי דו ביסט, מיט וואָס פאַראַ ליבע דו האָסט מיך אויפגע־נומען. דעם ערשטן קוש האָסטו מיר געגעבן ווען מיר זענען נאָך כמעט קינדער געווען, אָבער דערמיט האָסטו אָנגעצונדן אין מיר אַ פלעמעלע, וואָס האָט זיך ביסלעכווייז פאַרגרעסערט. יאָ, נאַטאַלי טייערע, ס׳פעלן מיר אויס ווערטער, דיר צו זאָגן ווי איך האָב דיך ליב!

זי האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף מײַן ברוסט און מיר זענען אַזוי געשטאַנען עטלעכע מינוט איינגעטוליעט איינער אין אַנדערן. כ׳וואָלט אַזוי געשטאַנען אַ לעבן לאַנג, אָבער נאַטאַלי האָט מיך דערמאָנט, אַז ס׳ווערט שפּעט, אַז מען מוז אַהיימגיין.

ווען מיר זענען צוגעקומען צו איר גאַס, האָט זי מיר געזאָגט אויף דער גיך „אַ גוטע נאַכט״ און איז פֿאַרשווונדן געוואָרן אין דעם הייזל, ווו זי איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן.

39

דער שבתדיקער פרימאָרגן איז געווען אַ שײנער. ס'האָט זיך גע־שטעלט אַ הייסער טאָג. איך האָב אַנטײל גענומען אין דעם וועלאָסיפּעדן־געיעג. נאָכן אַדורכגעמאַכטן וועג פון 36 קילאָמעטער, בין איך אָנגעקומען אויפן באַשטימטן אָרט אינגאַנצן אַ דורכגעווייקטער פון שווייס. כ'בין געווען דער צווייטער אויף עטלעכע און צוואַנציק אַנטיילנעמער. די באַ־שטעלטע געטראַנקען זענען נאָך נישט געווען אָנגעקומען. דער פויער מיט זיין פּירל האָט זיך פאַרשפּעטיקט און פון מיר האָט געקאַפּעט דער שווייס. ס'האָט זיך מיר גאָר שטאַרק געוואָלט טרינקען. איך האָב באַמערקט, אַז נעבן טיש, אויף וועלכן ס'זענען געווען אויסגעלייגט די סאַנדוויטשן, איז געשטאַנען אַ פאַס מיט אוגערקעס אין ראָסל. האָב איך קיין סך נישט גע־קלערט און אויסגעטרונקען צווי גלעזער פון דעם געזאַלצענעם מין. דאָס האָט מיך אַביסל דערפרישט, אָבער נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין דורשט. ווען ס'זענען ענדלעך אָנגעקומען די פלעשלעך סינאַלקע אויף אייז, און אַזוי ווי איך בין געווען איינער פון די געווינער, האָט מען מיר דערלאַנגט איין פלעשל נאָכן אַנדערן, איך האָב זיך דערקוויקט מיט דעם גוטן קאַלטן געטראַנק, אָבער אומבאַרעכנט...

אין אָוונט, שוין זייענדיק אין שטוב, האָב איך דערפילט אַ לייכטן קאָפּווייטיק, אַ זאַך וואָס כ'האָב דאָס נאָך קיין מאָל נישט געפילט. מיין מו־טער האָט גלייך באַמערקט, אַז כ'בין עפּעס נישט אַזוי ווי אַלע מאָל. זי האָט צוגעלייגט אירע ליפּן צו מיין שטערן און פאַרבראָכן אירע הענט מיט אַן אויסגעשריי: „אַ בראָך האָט מיך געטראָפן!".

אין גרעסטן געאייל האָט זי געמאַכט פאַר מיר ס'געלעגער. זי האָט מיך געפרעגט מכוח וואָס אַזעלכעס איך האָב היינט געטאָן? כ'האָב איר דערציילט מיין חכמה. ווי נאָר איך האָב זיך געלייגט אין בעט, איז גלייך אַריינגעקומען אונדזער שכן דער פעלדשער, וועמען מיין מוטער האָט שנעל גערופן. נאָכן באַטראַכטן מיך, זאָגט ער מיר:

— ווי קומט דאָס, אַז אַזאַ חתן־בחור ווי דו, וואָס וויל שטודירן אויף דאָקטאָר, זאָל גאָר אָפּטאָן אַזאַ נאַרישקייט?

אָבער נישט אויף צו שטראָפן מיך איז ער אַריינגעקומען. מיין יונגע־רער ברודער איז גלייך אַוועק אין אַפּטייק קויפן די אַלע מעדיצינען, וואָס דער פעלדשער האָט פאַרשריבן. מען האָט מיר אויך געשטעלט ביינקעס און כ׳בין איינגעשלאָפן.

צומאָרגנס האָב איך פשוט געגליט. מיין טעמפּעראַטור איז געווען גאָר הויך און כ׳האָב כמעט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין. אין אַ געווויסן מאָמענט, ווען כ׳האָב געעפנט די אויגן, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז נאַטאַלי זיצט נעבן מיין בעט. זי נעמט אַראָפּ דעם קאָמפּרעס פון מיין קאָפּ, וואָס איז שנעל וואַרעם געוואָרן, און לייגט מיר צו אַן אַנדערן, וואָס איז אויך שנעל וואַרעם געוואָרן פון מיין גליענדיקן קאָפּ, און אַזוי איינער נאָכן אַנדערן. איך זע דאָס אַלץ ווי דורך אַ נעפּל. איך באַמי זיך צו דערגיין צי איז דאָס טאַקע נאַטאַלי, אָדער אַ האַלוצינאַציע? איך הייב אָן באַוועגן מיט די ליפּן, כ׳וויל עפּעס פרעגן. איך דערפיל איר האַנט אויף מיין מויל. זי שעפּטשעט שטיל, כ׳זאָל זיך נישט אָנשטרענגען, נאָר ליגן רויאיק, און ס׳דוכט זיך מיר, אַז כ׳האָב באַמערקט אַ טרער אין אירע שיינע אויגן.

כבין נאָך פעאיק געווען צו טראַכטן, אַז ס׳האָט זיך געלוינט דאָס קראַנק ווערן, אַבי האָבן נאַטאַלי נעבן מיר.

אויפן דריטן טאָג, בין איך שוין כמעט געזונט געווען, כ׳האָב זיך שוין אויפגעזעצט און נאָך מיטאָג, איז אַריינגעקומען דער פעלדשער, באַ־גלייט פון נאַטאַלי. ער האָט זיך דערנענטערט צו מיר, מיר דערלאַנגט זיין האַנט מיט אַ שמייכל און געזאָגט:

— נו, חתן מיינער, צי ווייסטו כאָטש אַז מען האָט דיך אַרויסגענו־מען פון אַ געפאַר?

אַנשטאָט אים צו ענטפערן אויף זיינע ווערטער, זענען מיינע בליקן געווען געוואַנדן אין דער זייט צו נאַטאַלי. כ׳האָב מיך אָפּגערופן:

— יאָ, איך ווייס, איך ווייס ווי איר האָט אייך די מי געגעבן אַרויס־צושלעפּן מיך פון דער געפאַר, אָבער דעם גרעסטן דאַנק דאַרף איך געבן נאַטאַלי; זי האָט מיך געזונט געמאַכט, אַ דאַנק איר באַמיאונג בין איך גאָר שנעל געזונט געוואָרן.

יאָ, כ׳האָב אַנטפּלעקט מיין סוד: כ׳האָב דאָס געזאָגט פאַר מיין מו־טער און פאַר איר פאָטער, און כ׳האָב באַמערקט ווי נאַטאַליס שיין און אידל פּנים האָט זיך באַדעקט מיט אַ ראָזאַ פאַרב. זי האָט מיר געשאָנקען אַ ליבן שמייכל פון אירע שוואַרצע אויגן. אויך מיין מוטער האָט צו מיר גע־

שמייכלט, און דער פעלדשער, נאַטאַליס פאָטער, האָט מיר אַ לייכטן קלאַפּ געטאָן איבערן אַקסל, צוזוואַרפנדיק אין מיין זייט די ווערטער:

— נו, זאָרג נישט, ס'וועט גוט זיין — און זיי זענען ביידע אַרויס פון שטוב.

עס זענען אַדורך עטלעכע טעג, כ'האָב שוין כמעט נישט געדענקט, אַז איך בין קראַנק געווען. דורך די עטלעכע טעג האָב איך נישט געזען קיין איין מאָל נאַטאַלי. וועלנדיק זיך איבערצייגן צי מיינע ווערטער האָבן אַמאָל נישט איבערגעלאָזט אַן איינדרוק אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, בין איך אין אַ פאַרנאַכט אַריינגעגאַנגען צום פעלדשער, כדי אים דאַנקען פאַר זיין הילף אין דער צייט פון מיין קראַנקהייט. כ'בין געבליבן שטיין ביי זייער טיר מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און זיך געפרעגט: אַנקלאַפּן?... ווי אַזוי וועלן זיי מיך אויפנעמען?

נאַטאַליס מוטער האָט מיר געעפנט די טיר. כ'בין געבליבן שטיין אויף דער שוועל, נישט וויסנדיק וואָס צו זאָגן, אָבער די מוטער האָט מיך אויפגענומען מיט אַ האַרציקן שמייכל, פון וואָס ס'איז מיר לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ, און מיט פרייד אויסגערופן:

— חיים! וואָס שטייט איר ביי דער טיר? קומט אַריין. איר זענט דאָך אַ שכן. וואָס מאַכט איר? כ'האָב געהערט אַז איר זענט גוט קראַנק געווען.

אויף די אויסרופן פון דער מוטער, איז נאַטאַלי אַריינגעקומען. זי איז געבליבן שטיין פון דער ווייטנס, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן. איך האָב געמאַכט עטלעכע טריט אין שטוב אַריין און קוים אַרויסגעזאָגט די פּאָר ווערטער:

— כ'בין געקומען דאַנקען פאַר דער זעלטענער באַהאַנדלונג אין דער צייט פון מיין קראַנקהייט... און אויך ביי דער געלעגנהייט, אויב ס'איז מעגלעך, הערן שפּילן נאַטאַלי...

די מוטער האָט מיך אָנגענומען אונטערן אָרעם, מיך אַריינגעפירט אין דעם צימער וווּ ס'איז געשטאַנען דער קלאַוויר און גלייך זיך געוואָנדן צו נאַטאַלי מיט די ווערטער:

— נאַטאַלי, איצט איז חיים געקומען צו דיר, איז באַמי זיך און דער־פיל זיין פאַרלאַנג.

און די מוטער האָט פאַרלאָזט דאָס צימער, ווו איך און נאַטאַלי זענען געבליבן אַליין. נאַטאַלי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים קלאַוויר און דאָס צימער איז באַלד פול געוואָרן מיט וווּנדערלעכע קלאַנגען. כ'בין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויפן דעק פון קלאַוויר און געקוקט ווי נאַטאַליס פינגער לויפן אַזוי גיך אויף די ווייסע און שוואַרצע קלאַווישן. די קלאַנגען האָבן

מיך ווי איינגעוויגט און ווען זי האָט פאַרענדיקט שפּילן, האָב איך גע־פרעגט:

— וואָס איז דאָס אַזעלכעס, וואָס דו האָסט נאָרוואָס געשפּילט?

נאַטאַלי דרייט זיך אויס אין מיין זייט און אַ שמייכלדיקע, פרעגט זי מיך:

— געפעלט דיר די מעלאָדיע?

— זייער, ווי רופט מען דאָס, און ווער איז דער קאָמפּאָזיטאָר?

— און אַז כ׳וועל דיר זאָגן, וועסטו מיר גלויבן?

— וואָס הייסט? וואָס איז דען דאָ נישט צום גלויבן?

— כ׳וויל דיר זאָגן, די מעלאָדיע האָט נאָך נישט קיין נאָמען, און דער קאָמפּאָזיטאָר פון דער מעלאָדיע בין איך...

כ׳בין געבליבן דערשטוינט פון איר ענטפער און אַזוי ווי איך האָב גאָרנישט נישט געזאָגט, האָט זי ווייטער פאָרגעזעצט:

— יאָ, חיימקע, דאָס האָב איך געשאַפן ספּעציעל פאַר דיר, אין דער צייט ווען דו ביסט געווען אין וואַרשע. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז דו וועסט נאָך אַמאָל קומען דאָ אַהער. כ׳האָב זיך אָבער געשראָקן פאַרן גע־דאַנק, ווער ווייס ווען דו וועסט קומען? און אפשר אַ פאַרליבטער אין אַן אַנדערע? ווען דאָס וואָלט געשען, וואָלט איך דיר אָוועקגעגעבן אָט די מעלאָדיע אַלס אַנדענק. צום גליק, איז מיין שרעק געווען אַן אומזיסטע.

— נאַטאַלי טייערע — האָב איך איר געזאָגט — וויפל איז ווערט אָט מיין אַריינקומען איצט צו דיר? און וואָס פאַראַ נאָמען האָסטו צו־געגרייט פאַר דער מעלאָדיע?

— כ׳האָב נאָך נישט צוגעגרייט קיין שום נאָמען. כ׳האָב געוואַרט אויף דיר. — און נאָך אַ ווײַלע פון שטילשווייגן זאָגט זי מיר: — ווייסטו וואָס? אַזוי ווי איך האָב געשאַפן פאַר דיר און ס׳געפעלט דיר זייער, איז לאָמיר אַ נאָמען טאָן דיין ליד „חיימקעס ליד״!

— איז אויב אַזוי — זאָג איך איר — שפּיל־זשע איצט „חיימקעס ליד״...

ווען כ׳האָב פאַרלאָזט זייער וווינונג, האָבן שוין אַלע דריי, נאַטאַלי, איר פאָטער און מוטער, מיך באַגלייט ביז דער טיר און מיר אָנגעזאָגט, אַז כ׳זאָל נישט זיין קיין גאַסט, נאָר קומען אָפטער.

אין עטלעכע טעג אַרום איז צום פעלדשער געקומען עפּעס אַ משפחה פון לובלין, צוזאַמען מיט אַן אַכצן־יאָריקן זון נאַטאַן. נאַטאַן איז געווען אַ צעבאַלעוועט יינגל; ער האָט נישט געלערנט און אויך נישט געקענט קיין שום פאַך, פּשוט אַ ליידיק־גייער. אויסער דעם, איז ער געווען אַ

גרויסער פלאַפּלער. דאָס גאַנצע שטעטל האָט באַלד געוווּסט אַז דער נאַטאַן האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר זיינע עלטערן, אַז אין שטעטל איז נישט פאַראַן קיין איין שיין מיידל... ס'גאַנצע שטעטל האָט אויך שוין געוווּסט, אַז ער איז מיטגעקומען מיט זיינע עלטערן, כדי זיך באַקענען מיט זיין קוזינקע נאַטאַלי, וואָס דאַרף ווערן זיין כלה. נאַטאַליס עלטערן האָבן זיך געוווּנטשן, אַז זיי זאָלן וואָס שנעלער אַהיימפאָרן קיין לובלין. אָבער טראָץ דעם, כדי זיי זאָלן נישט אָוועקפאָרן באַליידיקטע, איז נאַטאַלי געווען געצוווּנגען אַרויסצוגיין אַ פאַרנאַכט מיט אָט דעם נאַטאַן אויפן שאָסיי, ווו אַלע האָבן שפּאַצירט, אָבער זי האָט נאָך באַוויזן מיר מיטצוטיילן וועגן דעם און האָט מיך געבעטן, אַז אויך איך זאָל זיך געפינען אויף דעם שאָסיי, כדי זי זאָל נישט בלייבן מיט דעם נאַטאַן אַליין אויפן שפּאַציר.

און טאַקע אין יענעם אָוונט, ווען איך שפּאַציר מיט עטלעכע חברים אויפן לובלינער שאָסיי, קומט אונדז אַנטקעגן נאַטאַלי מיט נאַטאַן. זי לויפט גלייך צו מיר צו מיט די ווערטער:

— חיימקע, איך בעט דיך, באַשיץ מיך פון דעם יינגל... — דאָס וואָרט „יינגל" האָט שוין אַלץ געזאָגט.

— וואָס הייסט איך זאָל דיך באַשיצן? — פרעג איך מיט פאַרוווּנ־דערונג — ער גרייט זיך דען דיך שלאָגן?...

— זיינע ווערטער זענען ערגער ווי געשלאָגן.

ער איז אויך דערנאָך צוגעקומען און ער האָט זיך געווענדט דירעקט צו נאַטאַלי:

— דו באַהאַלטסט דיך, ווי אַ קינד אונטער דער מאַמעס פאַרטוך, האַ? מיינסטו אַז דאָס וועט דיר העלפן?

מיר אַלע זענען געבליבן שטיין פאַרוווּנדערט, הערנדיק זיינע ווער־טער. כ'האָב באַמערקט, אַז מיינער אַ חבר האָט זיך געגרייט אים זאָגן עפּעס, וואָס וואָלט אים זיכער נישט פאַרשאַפט קיין כבוד. איך האָב זיך באַמיט דאָס אויסצומיידן, האָב איך זיך אָנגערופן:

— חבר נאַטאַן, ווי פּאַסט דאָס פאַר אייך, היינטיקע צייטן, אַזוי צו רעדן? איר שעמט אייך גאָרנישט?

ער האָט גאָרנישט געענטפערט אויף מיינע ווערטער, נאָר צוגע־וואָרפן מיר בליקן פול מיט כעס און איז גלייך דערנאָך פאַרשוווּנדן.

צומאָרגנס, באַלד אין דער פרי, האָט ער פאַרלאָזט דאָס שטעטל צו־זאַמען מיט זיינע עלטערן.

ס'איז אָנגעקומען דער טאָג פון מיין אָפּפאָרן צוריק קיין וואַרשע. כ'בין אַריין צום פעלדשער זיך געזעגענען. נאַטאַלי האָט מיך געקושט אין

קעגנוואַרט פון אירע עלטערן און האָט דערביי געהאַט פאַרטרערטע אויגן. כ׳בין געבליבן הילפסלאָז דערזעענדיק די פאַרטרערטע אויגן אירע. ווען זי האָט זיך דערנאָך באַרואיקט, האָב איך איר געזאָגט, אַז כ׳פאָר נישט איצט אויף פינף יאָר, ניין! איך וועל צוריקקומען אויף פסח און מיר וועלן צוזאַמען פאַרברענגען די טעג פון יום־טוב.

40

אין אַ קורצער צייט אַרום, באַלד נאָך די יום־טובים, זיצנדיק ביים טיש מיט מיין פעטער און מומע, האָבן זיי מיר אָנגעזאָגט מיט אַ באַ־האַלטענער פרייד, אַז אין גיכן וועל איך האָבן אַן אָנגענעמען סורפּריז. און אויב אַ סורפּריז, איז דאָך נישט שייך צו פרעגן אין וואָס עס האַנדלט זיך. כ'האָב בלויז באַמערקט זייער שמייכל, און כ'בין געוואָרן נייגעריק. וועגן נאַטאַלי־סורפּריז האָב איך אַפילו נישט געחלומט, ווייל זיי קענען דאָך איר אינגאַנצן נישט. כ'האָב אויך נישט געהאַט קיין שום אַנונג וואָס ס'איז אָפּגעשמועסט געוואָרן צווישן מיינע עלטערן און די עלטערן פון נאַטאַלי, אַז אויך מיין פעטער און מומע זענען מיטבאַטייליקט אין דעם סוד.

און כ'האָב טאַקע גאָרנישט געפרעגט, ביז דער סורפּריז איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ גאָר גרויסער פרייד.

אין טאָג פון ערב סוכות, ווען כ'בין אַהיימגעקומען פון אוניווערסי־טעט, האָט מיך מיין מומע אויפגענומען מיט אַ שמייכל. זי איז מיר נאָכ־געגאַנגען יעדן טריט און נישט אויפגעהערט צו שמייכלען. זי האָט גע־וואַרט איך זאָל זי עפּעס פרעגן און אַזוי ווי די האַלטונג פון מיין מומע האָט מיר אויסגעזען עפּעס מאָדנע, האָב איך איר לסוף געפרעגט וואָס עס באַדייט איר שמייכל? מיין מומע האָט מיר גלייך געענטפערט אַז מיין סור־פּריז איז אָנגעקומען און זי האָט אויסגערופן:

— סורפּריז! קום אַריין!

כ'בין געבליבן אָן לשון, ווען כ'האָב דערזען, אַז אין דער טיר איז געשטאַנען נאַטאַלי.

זי איז אַ פריילעכע צו מיר צוגעלאָפן און כ'האָב זי געקושט אין דער אַנוועזנהייט פון מיין מומע.

אין אָוונט, נאָך דעם יומטובדיקן מאָלצייט, זענען מיר אַראָפּ אין גאַס שפּאַצירן. איך האָב איר געפירט געאָרעמט, אירע שוואַרצע אויגן האָבן געשטראַלט. זי האָט אָן אויפהער געשעפּטשעט די ווערטער:

— חימקע, חימקע! ווי גליקלעך איך בין! קיינער קען זיך איצט צו מיר נישט גלייכן...

און איך האָב איר געענטפערט:

— נאַטאַלי טייערע, דו האָסט געזען די שיינע צימערן אין וועלכע איך געפין זיך? דו זעסט די גרויסע שטאָט וואַרשע, אויף וועמענס גאַסן מיר שפּאַצירן איצט? אָט אין דעם אַלעם איז מיר געווען שרעקלעך ענג אָן דיר. כ׳וויל דיר אויך זאָגן, אַז אין דער קורצער צייט פון אונדזער צע־שיידונג, האָב איך נאָר וועגן דיר געטראַכט. יאָ, נאַטאַלי, איך האָב דיך אַזוי ליב, אַז ס׳פעלן מיר ווערטער דאָס אויסצודריקן. יעדער שטריך דיינער, יעדער באַוועג פון דיינע גלידער, אַלץ וואָס דו פאַרמאָגסט אין דיר, איז באַשאַפן געוואָרן געליבט צו ווערן. ווי גערן וואָלט איך איצט אויסגעקושט דיין יעדן אבר!

איך האָב אָנגענומען איר האַנט און געקושט.

— זעסט, נאַטאַלי טייערע, איך קוש איצט דיין האַנט, בלויז דיין האַנט, מיר זענען אַרומגערינגלט פון אַזוי פיל מענטשן, וואָס אויך זיי שפּאַצירן איצט גלייך מיט אונדז. דו זעסט די אַלע מענטשן אַרום אונדז?

אַרום צוועלף אַזייגער ביינאַכט זענען מיר אַרויפגעקומען אין שטוב. מען האָט אונדז געפרעגט מיט אַ שמייכל, צי דער שפּאַציר איז געווען אָנ־גענעם. ביינאַכט אויף מיין געלעגער, האָב איך זייער פיל געטראַכט וועגן נאַטאַלי, געזען אירע בליקן און איר הערלעכן שמייכל, האָבן מיך אַזוי געגלעט, אַז ס׳איז אַ שאָד געווען איינצושלאָפן.

אַכט טעג און אַכט אָוונטן האָב איך פאַרברענגט צוזאַמען מיט נאַטאַ־לי, און אין די דאָזיקע אַכט טעג איז פעסט געשלאָסן געוואָרן אונדזער פאַרבינדונג. מיר ביידע זענען געווען גליקלעך. נאָך די יום־טובים, איז נאַטאַלי אַהיימגעפאָרן. די מומע האָט מיר איינגערוימט, אַז גאָר אין קורצן וועט מען פייערן אונדזער פאַרלאָבונג און נאַטאַלי האָט דאָס באַשטעטיקט מיט אַ שמייכל פון אירע שיינע אויגן, אַז דער גליקלעכסטער טאָג קומט... און דער גליקלעכסטער טאָג אין לעבן איז געווען אין האַרבסט פון יאָר 1937: מען האָט געפייערט אויף אַ גאָר גרויסאַרטיקן אופן אונדזער חתונה.

אין אָט דעם גליקלעכן אָוונט, האָב איך אויך געהאַט אַ זייער אָנגע־נעמען סורפּריז: אונדזער חתונה איז געפייערט געוואָרן אין איינעם פון די שענסטע סאַלאָנען פון וואַרשע און די הויפּט־געסט זענען פאַרשטייט זיך געווען מיין פעטער און מומע. דאָס האָבן זיי זיך געזאָרגט דערפאַר, אַז די שמחה זאָל זיין וואָס מער פייערלעך און גרויסאַרטיק. ביי זיי האָט דאָס געהייסן אַז זיי מאַכן חתונה זייערע קינדער, זיי האָבן איינגעלאַדן זייער

פיל געסט און צווישן זיי זענען געווען עטלעכע פּראָפעסאָרן מיט זייערע פאַמיליעס. אין אַ געוויסן מאָמענט, נאָך אַלע צערעמאָניעס, האָט דער די־ריגענט פון אָרקעסטער געמאָלדן, אַז איצט הייבן זיך אָן די טענץ, און אַז עפענען דעם טאַנץ, וועלן חתן־כלה מיט אַ ספּעציעלער צוגעגרייטער מע־לאָדיע פאַר זיי. נאַטאַלי האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט צו מיר. אירע שוואַרצע אויגן האָבן אַרויסגעשיינט פון דעם ווייסן חופּה־קלייד, און גלייך דערנאָך האָב איך דערהערט די קלאַנגען פון אָרקעסטער: דאָס איז געווען די מעלאָדיע וואָס נאַטאַלי האָט קאָמפּאָנירט פאַר מיר, מיין ליד, חיימקעס ליד... איך האָב געקוקט אויף נאַטאַלי, אויף איר שמייכל. אַלע געסט האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום, ווי אויף אַ באַפעל, לאָזנדיק אין דעם גרויסן סאַ־לאָן וואָס מער פּלאַץ פאַרן טאַנץ פון חתן־כלה. איך האָב אָנגענומען נאַטאַ־לי און אָנגעהויבן טאַנצן מיט איר. הונדערטער אויגן האָבן אונדז באַגלייט אין אונדזערע באַוועגונגען. נישט מיר האָבן געטאַנצט, נאָר מיר האָבן גע־שוועבט אין דעם גרויסן העל־באַלויכטענעם סאַלאָן, געשוועבט אין אַ ים פון גליק, אין אַ ים פון פרייד, אַהין און צוריק, און ס'האָבן פון אונדז גע־שעפּט אַזוי פיל נחת מיינע עלטערן, מיין פעטער און מומע, און נאָך אַזוי פיל האַרציקע פריינט. אָט די אַלע האָבן אונדז באַשטראַלט מיט זייערע גוטע בליקן. דער אָרקעסטער, אפשר פון אַ פופצן מוזיקאַנטן, האָבן גע־שפּילט די מעלאָדיע איין מאָל און נאָך אַמאָל און אַזוי אָן אויפהער. ווייזט אויס, אויך זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר שוועבן איצט אין אַ ים פון גליק און אַז ס'איז אַ שאָד איבערצורייסן.

און ווען דער אָרקעסטער האָט ענדלעך אויפגעהערט שפּילן, און עס האָבן זיך דערהערט די רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן, זענען מיר געבליבן שטיין, אַרומגעקוקט זיך, ווי מיר וואָלטן נאָרוואָס אַראָפּגעפאַלן פון הימל און מיר זענען ווידער דאָ אויף דער ערד, גלייך מיט אַלע.

מען האָט אונדז דערנאָך אַזוי ווי געטראָגן אויף די הענט, און אונדז אָוועקגעזעצט ביידע צוזאַמען. איך האָב באַטראַכט מיין גליק, מיין נאַטאַלי, ווי מיך וואָלט אין גאַנצן נישט אינטערעסירט די געסט אַרום, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט כדי צו פייערן אונדזער חתונה.

נאָך די אַלע גרויסע אויסגאַבן, וואָס מיינע פעטער און מומע האָבן געהאַט, איז נאָך צוגעקומען זייער דרשה־געשאַנק: אַ שיינע אויסמעבלירטע וווינונג, און אַפילו מיט אַ קלאַוויר פאַר נאַטאַלי און אויך אַ קאָנטאָ אין באַנק אויף אונדזער ביידנס נעמען, כדי מיר זאָלן זיך נישט זאָרגן, און אַפילו קעסט אויף ווי לאַנג מיר האָבן נאָר געוואָלט.

אין שפּעטן פרילינג פון יאָר 1938 איז געבוירן געוואָרן אונדזער

ערשט קינד, אַ ייִנגעלע. זײַן נאָמען איז געווען שלמהלע. אַ פּאָר חדשים שפּעטער, האָט מען זיך געשראָקן פֿאַר אַ וועלט־מלחמה; דעמאָלט איז פּוילן געווען דער פֿאַרבינדעטער פֿון היטלער־דײַטשלאַנד. מען האָט גע־פֿליקט שטיקער פֿון דעם קליינעם לאַנד טשעכאָסלאָוואַקיי, אָבער דער טרויעריק־באַוווסטער מינכענער אָפּמאַך האָט אָפּגעשטופּט די מלחמה אויף אַ יאָר שפּעטער.

מיר האָבן געוווינט אין וואַרשע. איך האָב פֿאַרגעזעצט דאָס שטודירן און מיר האָבן געלעבט זייער גליקלעך. נאַטאַלי איז געווען די גליקלעכסטע אויף אונדזער וועלט. זי האָט מיר געשעפּטשעט אַזעלכע ווערטער, וואָס זענען געווען שענער ווי די שענסטע מוזיק. זי האָט געזאָגט, אַז אונדזער ליבע אַנטוויקלט זיך ערשט, אַז ביז איצט, זענען מיר געווען ווי קינדער און אַז איצט ליבט זי מיך אַלץ מער און מער, ליידנשאַפֿטלעכער און שטאַר־קער. מיר האָבן געלעבט זייער גליקלעך גאַנצע צוויי יאָר צײַט.

זומער פֿון יאָר 1939 זענען מיר געפֿאָרן אין שטעטל זיך זען מיט אונדזערע עלטערן. שלמה'לע איז שוין אַלט געווען פֿופֿצן חדשים, און זעלטן ווען מיר האָבן געזען אונדזער קינד. ער איז כסדר געווען בײַ מײַנע, און אויך בײַ נאַטאַלי'ס עלטערן, און טראָץ דעם וואָס מיר זענען שוין גע־ווען צוויי יאָר נאָך דער חתונה, איז אונדזער וואַקאַציע נאָך אַלץ געווען ווי אין ערשטן האָניק־חודש, נאַטאַלי איז געווען אַזאַ ליבע פֿרוי, אַז אַפֿילו אין מײַן פֿאַנטאַזיע האָב איך מיר דאָס נישט פֿאַרגעשטעלט.

נאָך דער וואַקאַציע, האָבן מיר זיך גענומען גרייטן אַהיימצופֿאָרן און שוין זייענדיק אין לובלין, האָבן מיר געהערט די שרעקלעכע נײַעס, אַז וואַר־שע איז באָמבאַרדירט געוואָרן, די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. מיר זענען תּיכּף צוריקגעפֿאָרן אין שטעטל צו אונדזערע עלטערן. די בהלה איז שוין געווען אַ שרעקלעכע, און טראָץ דער געפֿאַר און אַפֿילו אויך קעגן ווילן פֿון נאַטאַלי, בין איך געפֿאָרן אַליין קיין וואַרשע כּדי ראַטעווען מײַנע טײַערע מומע און פֿעטער. איך האָב זיי געטראָפֿן אין אַ זייער דערשלאָגענעם מצב. איך האָב זיי געבעטן, זיי זאָלן פֿאָרן צוזאַמען מיט מיר, מײַן שטעטל איז ווײַט פֿון וואַרשע און געפֿינט זיך נישט ווײַט פֿון רוסלאַנד, וווהין עס לויפֿן איצט אַזוי פֿיל ייִדן פֿון אומעטום. מײַן צושטיין און מײַן בעטן זיך בײַ זיי איז געבליבן אָן רעזולטאַט. זיי האָבן מיר געזאָגט:

— מיר זענען שוין אַלט, ווי גאָט וועט פֿירן, וועלן מיר אָננעמען פֿאַר ליב. ס'איז זײַן וועלט און נישט אונדזערע. איר זענט יונג, איר דאַרפֿט זיך ראַטעווען. דאָ האָט איר געלט, אַ סך געלט. נעמט אויך אונדזער צירונג, איר וועט זיך דערמיט העלפֿן.

זיי האָבן מיך געבעטן כ׳זאָל נישט בלייבן צו לאַנג אין וואַרשע, ווייל יעדער איבעריקער שעה דראָט אַ געפאַר.

מיט גרויסע שוועריקייטן, אויסמיידנדיק געפאַרן, בין איך צוריקגעפאָרן אין מיין שטעטל.

41

אויך מײַנע עלטערן און נאַטאַליס עלטערן האָבן נישט געוואָלט פאַר־לאָזן זייערע היימען. בלויז איך, נאַטאַלי מיט שלמהלען, זענען מיר אַנט־לאָפן אין דער ריכטונג קיין רוסלאַנד. עס איז שוין גאָרנישט געווען אַזוי לײַכט אַרײַנצוכאַפּן זיך אין דעם סאָוויעטישן גן־עדן. עטלעכע מאָל זענען מיר פאַרהאַלטן געוואָרן צוגלײַך מיט נאָך אַנדערע יידן, און מען האָט אונדז מיט געוואַלט צוריקגעשיקט. מיר האָבן זיך אַנגעהויבן אַרומוואַלגערן האַרט נעבן דער גרענעץ. סוף כל סוף זענען מיר אַריבער אויף דער רוסישער זײַט און ערשט דאָרט האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ טרויעריק בילד: מיר האָבן צוגעזען און אויך אַליין אַדורכגעמאַכט דאָס אַרומוואַלגערן זיך אויף די גאַסן פון טויזנטער מענטשן מיט קליינע קינדער. ס'איז נישט געווען ווו זיך אַהינצוטאָן און אויך נישט ווו צו באַקומען אַ שטיקל ברויט, אַביסל מילך פאַרן קינד און מען האָט גאָרנישט פאַרגעזען עפּעס אַן ענדערונג אויף צום בעסערן. יעדן טאָג זענען אָנגעקומען מאַסן פּליטים און די פון וואַרשע האָבן איבערגעגעבן שרעקלעכע ידיעות וועגן די כסדרדיקע באָמ־באַרדירונגען.

און דער שטראָם פון פּליטים איז געפלאָסן אָן אַן אויפהער, אָן אַן אָפּ־שטעל. טייל פון זיי האָבן שוין אויך איבערגעגעבן אַז וואַרשע איז געפאַלן, די פּוילישע אַרמיי איז צעשמעטערט און די דײַטשע מאַרשירן ווייטער צו דער רוסישער גרענעץ. אויך די רוסן האָבן אָנגעהויבן מאַרשירן פאָרויס, כדי צו פאַרנעמען אַ טייל פון די פּוילישע שטעט. אַזוי אַרום, גייען זיי אַנטקעגן זייערע קאַמפס־חברים פון נאַציאָנאַל־כאַציאַליזם; אַזוי איז פּוילן אײַנגעטיילט געוואָרן לויטן אָפּמאַך פון סטאַלין־היטלער־פאַקט.

אַ סך פון די פּליטים, דערוויסנדיק זיך, אַז די קאַמפן האָבן אויפגעע־הערט, און נישט קענענדיק איבערטראָגן די ליידן אין דעם סאָציאַליסטישן ראַטנפאַרבאַנד, זענען זיי צוריקגעפאָרן אין זייערע פריערדיקע היימען. ס'איז נישט מעגלעך געווען זיי אָפּצוהאַלטן פון דעם דאָזיקן שריט. מען האָט זיי לײַדער גאָרנישט געקענט צוזאָגן.

ווען די רעגנס האָבן זיך אָנגעהויבן איז די לאַגע פון די פּליטים געוואָרן ביז גאָר שרעקלעך. ס'האָט זיך מיר דערנאָך איינגעגעבן צו באַקומען פּאָר אַ גרעסערער סומע געלט, אַ ווינקל ערגעץ אין אַ שטוב אין עק פון שטאָט, ביי רוסישע מענטשן, און נאַטאַלי מיטן קינד האָבן זיך דאָרט איינגעאָרדנט. אויך איך פלעג דאָרט טיילמאָל איבערנעכטיקן. כ'בין אַרויסגעלאָפן, ווי אַ סך אַנדערע, צו באַקומען אַ געוויסע אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז ס'וואָלט מיר אָנגעקומען פיל לייכטער צו באַקומען אַרבעט ווען כ'וואָלט געווען אַ סטאָלער, אַ שוסטער, אָדער אַ שלאָסער. אָבער קיין סטודענטן האָבן זיי נישט געזוכט. נאָך וואָכן פון אַרומלויפן, האָבן מיר באַקומען יעדער איינער אַ לאָפּאַטע און מיר האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן. מען האָט געגראָבן און פאַרשיט. מיר איז נישט געווען קיין אונטערשיד וואָס פאַראַ אַרבעט, די הויפּטזאַך איז געווען: האָבן אַ רעכט אויף דעם שטיקל ברויט. נאַטאַלי, זעענדיק מיך פון צייט צו צייט אַן אויסגעמאַטערטן, אַ דערשעפּטן, און אויסגעמאָגערטן, האָט פּלוצים אָנגעהויבן באַקומען חשק צוריק אַהיימצופאָרן. ס'איז געווען גרויס די בענקשאַפט צו דער היים, צו זיין צוזאַמען מיט אונדזערע עלטערן, און כ'מוז צוגעבן, אַז טראָץ דעם וואָס מיין בענקשאַפט איז אויך געווען געוואַלדיק גרויס, האָב איך געפּרוווט איר טרייסטן; איך האָב איר געבעטן זיך האַלטן, אויפוויזנדיק איר, אַז זי איז דאָך נישט איינע אַליין, וואָס האָט פאַרלאָזט די היים, דאָרט הערשן דאָך די היטלעריסטן, און מיר ווייסן זייער גוט וואָס זיי האָבן פאַר אונדז צוגעגרייט. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי מסכים געווען מיט מיינע מיינונגען, אָבער כ'האָב געזען, אַז זי האָט פון דעם אַ סך געליטן.

מיר האָבן פילמאָל געטוישט דאָס אָרט פון דער אַרבעט. מיר פלעגן ווערן אָפּגעשיקט ווייט פון פרוי און קינד, און באַקומען די מעגלעכקייטן בלויז איין מאָל אין דריי חדשים זיך זען מיט די נאָענטסטע. אין אַ צייט אַרום האָט מען אונדז פאַרשיקט נאָך ווייטער, און כ'האָב אינגאַנצן אויפגעהערט צו האָבן וועלכע ס'איז ידיעות פון מיין נאַטאַלי מיטן קינד.

ס'איז אַדורך מער ווי אַ יאָר, און איך האָב נאָך אַלץ געאַרבעט אין דרויסן מיט דער לאָפּאַטע. בלויז אויף די גרויסע יום־טובים זייערע, האָבן מיר באַקומען די דערלויבעניש זיך צו זען מיט דער משפּחה. אַכט טעג בין איך געווען צוזאַמען מיט מיין פרוי און קינד, און דערנאָך געמוזט זיך צושטעלן צו דער געניוער צייט. פיר חדשים שפּעטער, אין פרילינג 1941, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די אַלע פרויען מיט קינדער וואָס זענען פּליטים, ווערן אַוועקגעשיקט אין דעם ווייטן אוראַל. מיין האַרץ האָט געצאַפּלט ביי דעם געדאַנק, צי וועל איך נאָך אַמאָל זען מיין פרוי און קינד.

ס׳איז נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט צו פֿאַרלאָזן די אַרבעט און גיין אויפֿזוכן נאָענטע משפּחה. ווער ס׳האָט זיך דערלויבט צו פֿאָדערן אַזאַ דערלויִבעניש, האָט מען מיט א וואָרענונג אָפּגעזאָגט, און ווער ס׳האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם אָפּזאָג, איז אַרעסטירט און פֿאַרשיקט געוואָרן, און קיינער האָט נישט געוווּסט וווּהין.

42

אין חודש יוני פון זעלבן יאָר, בעת מיר האָבן געאַרבעט ביי די שינעס פון דער באַן, נישט ווייט פון אַ סטאַציע, האָט מען אונדז אָוועקגענומען פון דער אַרבעט, ווייל ס'דאַרף אַדורכפאָרן אַ צוג. מיר האָבן זיך דערווייטערט אויף עטלעכע טריט פון די שינעס, ביי וועלכע מיר האָבן געאַרבעט, און אין אייניקע מינוטן אַרום האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער פייף. די באַן קומט אָן. די וואַגאָנען זענען געווען געפּאַקט. פון יעדן פענצטער האָט מען געזען אַרויסקוקן אפשר צוואַנציק קעפּ, און בלויז פרויען. מיטאַמאָל האָט מיין האַרץ אַ צאַפּל געטאָן: כ'האָב דערזען נאַטאַלי. איך הייב אָן שרייען מיט אַלע כוחות, ביז זי האָט מיך אויך דערזען. איך הייב אָן נאָכלויפן דעם צוג, הערן אַ וואָרט, אָבער די באַן איז שוין איצט געלאָפן שנעלער פון מיר. איך דערזע פון דער ווייטנס, ווי נאַטאַלי בייגט זיך אַרויס פון וואַגאָן און וואַרפט מיר אַרויס פון פענצטער אַ שטיקל איינגעקנייטשט פּאַפּירל. איך לויף מיט אַלע כוחות כדי כאַפּן דאָס פּאַפּירל, אפשר עפּעס אַ מיטטיילונג. לויפנדיק, האָב איך גאַרנישט געטראַכט, אַז איך טאָר דאָס נישט טאָן, אַז מען לויפט מיר נאָך. איך הייב אויף דאָס איינגעקנייטשטע שטיקל פּאַפּיר, איך דריי דאָס אויף ביידע זייטן, און באַמערק ווי ס'איז אויפגעשריבן מיט אַ גאַר שוואַכער שריפט אָט די ווערטער, און גראד אין יידיש: „איך שוואַנגער". איך שטיי און באַטראַכט די צוויי ווערטער, ווי מיטאַמאָל דערפיל איך הענט אויף מיין אַקסל. איך וויל זיי אויפקלערן, וואָס ס'איז געשען: אַז דאָס האָט מיין פרוי מיר אָנגעזאָגט דאָס גליקלעכע געשעעניש. איך פּרוּוו שמייכלען, אָבער מיין שמייכל ווערט באַלד פאַרקרומט אין אַ גרימאַסע פון ווייטיק. איך באַקום אַ ברוטאַלן שטויס, און מיט דער זעלבער ברוטאַלקייט האָבן מיינע היטערס מיך אַ שלעפּ געטאָן פון דעם אָרט און זיי זאָגן מיר:

— קום מיט אונדז, וועסט זיך שוין דאָרט פאַרטיידיקן.

איך פאַרשטיי נישט די באַדייטונג פון זייער האַנדלונג. איך ווייז זיי

דאָס אומשולדיקע שטיקל פּאַפּיר מיט דער שוואַכער אויפשריפט, און כ׳באַקום אויפסניי אַזאַ ברוטאַלן שטויס פון מיינע היטערס, מען פירט מיך.

באַגלייט פון מיינע היטערס בין איך אַריינגעקומען אין אַ שטוב, ווו הינטער אַ ביוראָ־טיש איז געזעסן איינער וואָס האָט אויף מיר געוואָרפן אַ דורכדרינגלעכן בליק פון בייזע אויגן. מיינע היטערס דערלאַנגען אים דאָס פּאַפּירל, ער באַטראַכט דאָס זייער לאַנג און דערביי וואַרפט ער נישט קיין היימלעכע בליקן אין מיין זייט און פרעגט מיך:

— פאַר וועמען אַרבעטסטו?

— וואָס הייסט פאַר וועמען? — פרעג איך — פאַר אייך.

— איך פרעג דיך נאָכאַמאָל: פאַר וועמען אַרבעטסטו?...

— טאָווואַרישטש! איך אַרבעט דאָך פאַר אייך!

— מאַלטשאַטש! — האָט ער אַ ריטשע געטאָן — וואָס פאַראַ טאָוואַ־רישטש בין איך דיר? זיי זיך מודה, וועט דאָס בעסער זיין פאַר דיר.

און ווייזנדיק מיר דאָס פּאַפּירל, פרעגט ער מיך ווידער:

— וואָס פאַראַ געהיימע שריפט איז דאָס? רעדט!

— כ׳האָב ערשט אָנגעהויבן פאַרשטיין אין וואָס מען באַשולדיקט מיך, און כ׳האָב אים געענטפערט מיט אַ בעטנדיקן טאָן:

— דאָס איז אַ פּערזענלעכער צייכן פון מיין פרוי, מער גאָרנישט. כ׳האָב איר שוין זייער לאַנג נישט געזען, האָט זי דערמיט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי שוואַנגערט, און מער נישט.

— אַזוי, אַ פּערזענלעכן צייכן, מער נישט? — ער האָט אַ ווונק גע־טאָן צו איינעם פון מיינע היטערס, און כ׳האָב באַקומען מיט דער פויסט אין פּנים מיט אַזאַ קראַפט, אַז כ׳בין אומגעפאַלן. כ׳האָב מיך אויפגעשטעלט און מיך געבעטן ביי אים:

— איך פאַרזיכער אייך נאָכאַמאָל, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ גרוס פון מיין פרוי. זי שרייבט מיר אַז זי שוואַנגערט, דאָס איינגאַנצן. איר האָט דאָך געוויס עמעצן, אייערס אַ פאַרטרויאונגס־מאַן, וואָס לייענט יידיש, זאָל ער דאָס איבערלייענען, וועט איר זען, אַז איך זאָג דעם אמת.

— נו גוט — זאָגט ער — כ׳וועל דאָס געבן איבערצולייענען, אָבער איך ראָט דיך, זאָלסט דיך גוט באַטראַכטן, אוז זיך מודה זיין און זאָגן פאַר וועמען דו אַרבעטסט, און כ׳גיב דיר דערויף 24 שעה; אויב דו וועסט מאָרגן ווידער זיין אַזוי איינגעשפּאַרט, וועט דאָס זיין זייער שלעכט פאַר דיר.

מען האָט מיך דערנאָך אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַמער. כ׳האָב אָנגע־הויבן באַטראַכטן מיין לאַגע. כ׳האָב אַרומגעשפּאַנט אַ פאַרזאָרגטער און מיט

שרעק אָנגעהויבן פאַרשטיין אין וואָס איך ווער באַשולדיקט. כ'האָב נאָך געהאַט אַ שטיקל האָפענונג אויף דעם, אַז זיי וועלן איבערלייענען די צוויי ווערטער פון מיין פרוי „איך שוואַנגער", אָבער וואָס פאַרא געהיימער שריפט? אין וואָס זאָל איך זיך מודה זיין?...

24 שעה בין איך אָפּגעלעגן אין דעם פינצטערן קאַמער אָן אַ ביסל וואַסער, און אָן אַ שטיקל ברויט. און פונקט צו די 24 שעה, האָט מען מיך ווידער אַריינגעפירט צו דעם זעלבן בייזן פאַרשוין, אַן אויסגעמאַטערטער, אַ דערשעפּטער פון אַזוי פיל קלערן און פון נישט שלאָפן. כ'בין געבליבן שטיין מיט אַ שרעקעוודיק האַרץ און געטראַכט: „וואָס וועט ער מיך איצט פרעגן? האָט ער געלייענט די צוויי אומשולדיקע ווערטער? און אפשר וועט ער זיך אַנטשולדיקן פאַר די ברוטאַלע האַנדלונג פון נעכטן? פאַרן שלאָגן מיך אומשולדיק?".

זיין ריטשען האָט איבערגעריסן מיין טראַכטן און אויך מיין האָפע־נונג אויף אַן אַנדערע באַציאונג צו מיר.

— נו? האָסט זיך שוין באַרעכנט? וועסטו זיך שוין איצט מודה זיין?

כ'האָב נישט געוווּסט ווי אַזוי אים טיטולירן: חבר קאָמיסאַר, חבר ריכטער, גענעראַל, אָדער אפשר גאָר חבר טייוול? איך ענטפער אים מיט אַ געבראָכענער שטימע:

— איך האָב גאָרנישט אין וואָס זיך מודה צו זיין. איך האָב קיין שום שלעכטס נישט געטאָן, וואָס זאָל איך זיך באַרעכענען?

— נאָך וואָס ביסטו אַהערגעקומען? — ריטשעט ער ווייטער — זאָג!

— איך בין דאָך נישט געקומען אַליין, כ'בין געקומען מיט מיין פרוי און קינד און מיט נאָך אַנדערע טויזנטער אומגליקלעכע ווי איך. מיר זע־נען דאָך אַנטלאָפן פאַר די היטלעריסטן, איך בין דאָך אַ ייד, איך בעט אייך און פאַרשטייט מיך.

כ'האָב ווידער באַקומען מיט דער פויסט אין פּנים, אַזש כ'האָב דער־זען פונקען פאַר מיינע אויגן. ער איז נישט אָפּגעשטאַנען און געשריגן:

— זאָג פאַר וועמען דו אַרבעטסט, זאָג אויס! אויב נישט, וועלן מיר דיך אַזוי לאַנג פּייניקן, ביז דו וועסט מוזן אויסזאָגן פאַר וועמען דו אַר־בעטסט! איז בעסער פאַר דיר זאָלסט דאָס זאָגן וואָס פריער.

— פאַר וועמען ווילט איר זאָל איך אַרבעטן! — האָב איך אויך אָנגעהויבן שרייען — פאַר די היטלעריסטן? פאַר די פּאָליאַקן? — און כ'האָב דערביי אָפּגעפילט אַ געוואַלטיקן כעס וואָס שטורעמט אויף מיין האַרץ, מיין מוח, גלייך ווי אַלע אברים צוזאַמען וואָלטן זיך פאַראייניקט

און מיר געגעבן אַ געוואַלטיקן כוח. כ׳האָב געשריגן העכער ווי טויזנט טייוולאָנים אַזעלכע ווי ער וואָלטן זיך צעריטשעט.

— פאַר וועמען ? !

מען האָט מיך אַזוי אָנגעהויבן שלאָגן, אַז כ׳האָב געמיינט, כ׳וועל נישט אַרויס מער קיין לעבעדיקער פון אונטער זייערע הענט. מען האָט מיך דערנאָך אַ צעהרגעטן, אַ פאַרבלוטיקטן, אַריינגעוואָרפן אין דעם זעלבן קאַמער ווי פריער. נישט נאָר האָב איך נישט געקענט שטיין, נאָר אַפילו אויך נישט ליגן אויף דער ערד.

מיין לאַגע איז געווען אַ טרויעריקע. איך האָב געוווסט, אַז זיי וועלן מיר אָפּהאַקן די לונגען און אפשר גאָר דערהרגענען. אין מיינע מחשבות האָב איך פלוצים דערזען נאַטאַלי מיט שלמה׳לען, ווי שיין זיי שמייכלען צו מיר. איצט טראָגט זי פון מיר נאָך אַ קינד, און דאָ איז מיין לעבן אין אַ געפאַר. זאָל איך דערלאָזן, אַז מיינע קינדער זאָלן בלייבן יתומים ? און כ׳האָב באַשלאָסן צו דערהאַלטן מיין לעבן פאַר יעדן פרייז. יאָ, כ׳האָב באַשטימט בלייבן ביים לעבן ! אָט די צוויי ווערטער זענען ביי מיר געוואָרן אַ הייליקייט. איך וועל מיך מודה זיין אין וואָס זיי וועלן נאָר פון מיר פאַרלאַנגען און וואָס זיי וועלן פון מיר פאָדערן, פאַר וועלכן טייוול ס׳זאָל נאָר נישט זיין, אויב הערשט היינט שווינדל און ליגן, מוז איך אויך ווערן צייטווייליק איינער פון זיי, כדי צו דערהאַלטן דאָס לעבן. איך וועל אונטערשרייבן יעדעס עקלהאַפטע פּאַפּיר, אַבי צו בלייבן לעבן.

גאַנצע 48 שעה בין איך אָפּגעלעגן אין דער קאַמער, ביז מען האָט מיך ווידער אַריינגעפירט צום זעלבן טייוול. איך האָב זיך קוים געהאַלטן אויף מיינע פיס. ער האָט מיך באַטראַכט מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל און דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט :

— נו ? האָסט שוין באַשלאָסן צו זאָגן דעם אמת ?

— יאָ — האָב איך קוים געענטפערט.

— אַהאַ, ענדלעך, נו ? פאַר וועמען אַרבעטסטו ?

כ׳האָב נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן און געזאָגט :

— אויב איר וועט זיין צופרידן דערמיט, צו פאַרוואַנדלען אָרנטלעכע מענטשן אין שפּיאָנען, בין איך איינער פון די, און כ׳שרייב דאָס אונטער.

ער האָט מיך באַטראַכט מיט דעם זעלבן שמייכל און מיר דערלאַנגט אַ פּאַפּיר מיט אַ פעדער. כ׳האָב דאָס גלייך אונטערגעשריבן. ער האָט מיר דערנאָך געזאָגט :

— מאָלאָדיעץ, 15 יאָר שווערע אַרבעט !

דערהערנדיק מיין אורטייל, האָב איך געוואָלט צוריקכאַפּן דאָס פּאַ-

פיר מיט מיין אונטערשריפט, אָבער דער טייוול איז געווען פלינקער פון מיר, ער האָט צוגעכאַפּט דאָס פּאַפּיר און באַפוילן מיך אַרויסצופירן.

נאָך דעם ווי כ׳האָב זיך „מודה געווען״, האָט מען מיך אַריינגעפירט אין דער זעלבער קאַמער, מען האָט מיר אַריינגעברענגט אַ שיסעלע הייסע קאַשע און אַ שטיק שוואַרץ ברויט. כ׳האָב אָנגעהויבן וואַרטן אויף מיין גורל.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען מיך אַרויסגעפירט אין דרויסן, ווו ס׳זענען אויך געשטאַנען אונטער אַ שטרענגער וואַך, ביי אַ 20 קאַנדידאַטן אויף פאַרשיקונג. כמעט אַלע זענען זיי געווען יידן. ס׳איז געווען זייער שטרענג פאַרבאָטן צו רעדן איינער מיטן אַנדערן. מען האָט אונדז געפירט אַ שטיקל וועג, ביז מען האָט אונדז אַנגעשלאָסן אין נאָך אַ גרופּע, אויך קאַנדידאַטן אויף פאַרשיקונג. מען האָט אונדז אַזוי געשלעפּט אויסגעשטעלטע אין רייען. מיר האָבן מאַרשירט קילאָמעטערס ווייט, ביז מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, וואַרטנדיק אויף אַ צוג.

ווען מיר זענען ענדלעך געווען צוזאַמענגעדרוקט ווי די הערינג אין שמוציקע וואַגאָנען, האָבן מיר געהערט די נייעס, אַז ס׳איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן דייטשלאַנד מיט רוסלאַנד. מיר האָבן זיך געוווּנדערט אויף די דאָזיקע נייעס, אָבער באַלד אין איר פאַרגעסן, ווייל מיר זענען געווען פאַרנומען מיט אונדזערע צרות. מיר האָבן געטראַכט וועגן טייערע און נאָענטע. דער צוג האָט זיך געשלעפּט אָן אַ סוף און אָן אַן עק. צוויי וואָכן, אַ חודש, דריי חדשים, אַ יאָר, אַן אייביקייט. מיר האָבן געמיינט אַז מיר וועלן שוין פאַרענדיקן אונדזערע טעג אין די שמוציקע שלעפּ־וואַגאָנען.

סוף כל סוף האָבן מיר זיך דערשלעפּט: מיר זענען אויסגעשטיגן אין אַ ווייסער געפרוירענער וועלט, ווו ס׳האָט געהערשט — טראָץ די ווייסקייט פון אַרום — אַ שטענדיקע פינצטערניש. פינצטער אַרום און אַרום. פינצטער אויפן געמיט, אויף דער נשמה, אַ פראָסט אוממעגלעך אָפּצושאַצן וויפל גראַד. מיר האָבן באַגעגנט באַשעפענישן, וואָס זענען געווען אַמאָל מענטשן אָן קליידער, אָן שיך, בלויז אַ פּעקל שמאַטעס האָט זיך באַוויגן. דער קערפּער, דער קאָפּ און די פיס אַרומגעבונדן מיט זעק. ווען כ׳האָב זיך אַביסל לענגער פאַרקוקט אויף אַזאַ באַשעפעניש, וואָס אַמאָל איז דאָס געווען אַ מענטש, האָט ער מיר געזאָגט, און גראַד אין יידיש:

— וואָס וווּנדערט איר זיך אַזוי? דאָס איז דאָך אייער סאָציאַליזם, ווו מען האָט אָפּגעשאַפט שקלאַפעריי!

איך האָב דערביי געטראַכט: צי וועל איך אויך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַזאַ קופּע שמאַטעס? און צי וועט מיר מעגלעך זיין אויסצוהאַלטן אין

אַט די שווערע אוממענטשלעכע באַדינגונגען ? און פאַרוואָס עפּעס 15 יאָר ? און פינף יאָר וועט דען ווער דאָ יאָ קענען אויסהאַלטן ? אַ שוידער איז מיר אַדורך אין די ביינער, אָבער נישט צוליב די שטאַרקע פראָסט ; ווען ס׳וואָלט געווען אַפילו אַ שטאַרקע היץ, וואָלט דער זעלבער קאַלטער שוידער אויך אַדורך אין די ביינער.

כ׳האָב נישט געוווסט ווען ס׳ווערט טאָג און ווען — נאַכט. מען האָט אונדז אַרויסגעיאָגט אין דער פינצטער און צוריק אַריינגעטריבן אין דער פינצטער. אונדזער לאַגע איז געווען אַ ביז גאָר שרעקלעכע. אוודאי האָבן מיר דעמאָלט נישט געוווסט פון קיין אוישוויץ, פון טרעבלינקאַ ; און וואָלטן מיר יאָ דאָס געוווסט, איז דאָך דאָרט געווען ווילדער פאַשיזם, ווילדער אַנ־טיסעמיטיזם, און דאָ איז טאָקע אויך ווילדער... ווי אַזוי דאָס אָנרופן ? אין וואָס איז דען געווען דער אונטערשיד פון ברוינע צי רויטע ?... מען האָט דאָרט געפּייניקט און מען פּייניקט דאָ. אין פאַרלויף פון איין יאָר, זענען מיר, די שקלאַפן־אַרבעטער, געבליבן ווייניקער ווי די העלפט. מען איז אויסגעשטאָרבן פון פאַרשידענע קראַנקהייטן, פון הונגער און פון קעלט און אויך מיר זענען ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט געוואָרן, יעדער איינער אין אַ פּעקל שמאַטעס. אַלץ אויף אונדז איז צעפליקט געוואָרן. מען האָט שוין אויך נישט געדענקט וואָס דאָס איז אַזעלכעס אַ העמד, אַ פּאָר גאַטקעס. די לייז האָבן געפרעסן און מען איז געשוואָלן געוואָרן פון הונגער און קעלט. איין פראַגע האָט געעגבערט אין מוח : ווי אַזוי אויסהאַלטן ?

43

מען האָט נישט געציילט די טעג. מען האָט מער נישט געוווּסט וואָסער טאָג, וואָסער חודש און אַפילו נישט דאָס יאָר. איין זאַך האָט מען יאָ געוווּסט, אַז ווען מען טרייבט אונדז אַרויס צו דער אַרבעט, באַקומט מען דאָס ביסל הייסע ברודיקע וואַסער, וואָס זיי רופן דאָס אַ קאַפע, און ווען מען טרייבט אונדז צוריק אין די באַראַקן, באַקומט מען דאָס ביסל שוואַרצע זופּ און 300 קראַם ליימיק ברויט. כ׳האָב אויך נישט געוווּסט ווי לאַנג איך געפין זיך שוין דאָ אין דער ווייסער פינצטערער און געפרוירענער וועלט. צי איז נאָך פאַראַן ערגעץ ווו אַ בעסערע וועלט, און אויב יאָ, צי מען באַנוצט זיך נאָך מיט אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי לעפל, גאָפּל, מעסער. צי איז נאָך פאַראַן ערגעץ ווו אַ בעט צום שלאָפן און וועש? וואָס איז דאָס אַזעלכעס וועש? מיר האָבן געלעבט ווי די חיות, אָן אַ מוח צום דענקען און אָן אַ ווילן עפּעס צו פאַרלאַנגען. איין ווילן האָבן מיר אַלע יאָ געהאַט: מכוח אַביסל שוואַרץ וואַסער בעת מען טרייבט אונדז צו דער אַרבעט, און אַ ביסל שוואַרצע זופּ, ווען מען טרייבט אונדז פון דער אַרבעט, און אַזוי אָן אַ סוף, טאָג־איין טאָג־אויס, יאָר־איין יאָר־אויס, און צי איז פאַראַן אַן ענדע צו דעם? גלויבט נאָך ווער אין דעם גליקלעכן טאָג פון אויסלייזונג?

איין מאָל האָב איך געהאַט אַ סורפּריז:

מיר קומען אַריין אין אונדזער באַראַק, איך דערנענטער זיך צו מיין נאַרע, קומט צו מיר איינער, שרעקלעך ווילד באַוואַקסן, אָנגעטאָן אין אַ צעריסענעם מיליטערישן שינעל, מיט אַ פּאָר שטיוול וואָס זענען אַמאָל געווען שטיוול... די רעשט פאַרבונדן מיט אַלטע זעק. ער לייגט אַרויף זיין האַנט אויף מיין אַקסל, קוקט אויף מיר זייער לאַנג און רופט אויס:

— חיים?

איך קוק אויף דעם באַוואַקסענעם, כ׳וויל זיך דערמאָנען, אָבער מיין זכרון דינט מיך נישט מער, איך פרעג אים:

— ווער זענט איר?

— חיים, דערקענסט מיך נישט? דאָס בין איך, נאַטאַן!

— נאַטאַן? נאַטאַן? — האָב איך געפּרוווט זיך דערמאָנען. יאָ, דאָס איז דאָך דער, וואָס האָט אַמאָל זיך איינגערעדט, אַז נאַטאַלי וועט זיין זיין כלה און אַ דאַנק אים, האָב איך זיך אויך דערמאָנט, אַז כ׳האָב אַמאָל געהאַט אַ פרוי, וואָס רופט זיך נאַטאַלי, זי שוואַנגערט... האָב איך זיך דערמאָנט... און מיין טייער קינד שלמהלע...

— איז וואָס מאַכסטו, נאַטאַן?

— זעסט דאָך, מען לעבט נאָך.

— דו לעבסט? און איך, איך לעב אויך?

— וואָס רעדסטו חיים? דו לעבסט גלייך מיט מיר, גלייך מיט אַלע.

— טאָקע? גלייך מיט אַלע? ס׳איז נישט מיין שאָטן וואָס וואַלגערט זיך דאָ אַרום? דאָ, אין דער וועלט פון ווייסע שדים?

— חיים! ווי אַזוי רעדסטו? איך קום דאָך אויך איצט פון אַן אַנדערער וועלט און זעסט? איך לעב, דו לעבסט, און מיר וועלן אַלע לעבן. האָסט געהערט? אונדזערע שלאָגן די דייטשן, אַז ס׳איז אַ בראָך צו זיי.

— מען שלאָגט זיך נאָך? איבער וואָס שלאָגט מען זיך? אפשר דערפאַר צו ווייזן ווער ס׳וועט קענען וואָס שטאַרקער פייניקן, האַ? דערפאַר שלאָגט מען זיך?

— חיים, ביסט הונגעריק? ווילסט ברויט?

— ברויט? האָסט ברויט? ווו האָסטו גענומען ברויט?

— וואָס הייסט ווו? כ׳האָב געגנבעט, האָב איך ברויט.

— געגנבעט? מען לאָזט גנבענען?

— וואָס הייסט „מען לאָזט”? אַלע גנבענען, ווער ס׳וויל לעבן, אויסהאַלטן, מוז גנבענען! וואָס קען מען דען טאָן דערפאַר? פאַרשיקן? ביסט דאָך שוין פאַרשיקט!

— איך קען נישט גנבענען.

— אויב אַזוי ברודערקע, וועסטו נישט אויסהאַלטן.

— און ווו האָסטו דאָס ברויט?

ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם אַ האַלב ברויטל און מיר דאָס דערלאַנגט. צי איך האָב דאָס געגעסן? כ׳ווייס נישט, דוכט מיר, אַז כ׳האָב עס מיט איין מאָל איינגעשלונגען.

— חיים — זאָגט ער מיר ווידער — מאָרגן וועל איך דיר ברענגען אַ גאַנץ ברויט, הערסט? אַ גאַנץ ברויט, איך האָב זיי אין דער ערד.

דוכט זיך, אַז נאָכן האָבן פאַרשלונגען דאָס ברויט, האָב איך אָנגע־

הויבן זען קלאָרער. אויך דער געדאַנק איז קלאָרער געוואָרן. איך פרעג אים:

— פון וואַנען קומסטו איצט, נאַטאַן?

— פון אַן אַנדער גיהנום.

— און פאַרוואָס ביסטו פון דאָרט אַוועק?

— כ׳בין נישט אַליין אַוועק, כמעט אַלע זענען אויסגעשטאָרבן, האָט מען די וואָס זענען נאָך געבליבן, אַהערגעשיקט.

— אַזוי, איז מאָרגן ברענגסטו אַ גאַנץ ברויט?

— יאָ חיים, מאָרגן ברענג איך אַ גאַנץ ברויט.

אָבער מער האָב איך אים נישט געזען; צי מען האָט אים געכאַפּט ביים גנבענען, אָדער ער איז אַנטלאָפן אַזוי ווי אַ סך אַנדערע? קיינער האָט מיר אויף דעם נישט געקענט ענטפערן.

ס׳האָבן אָנגעהויבן אויסשטאַרבן אַ סך פון די וואָס האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט אונז און ס׳איז שוין באַלד נישט געווען וועמען טרייבן צו דער אַרבעט. מיר זענען געבליבן אויף אונדזערע נאַרעס. מען האָט זיך גע־לויזט. מען האָט גאַרנישט געדאַרפן זיך לויזן: מען האָט בלויז אַריינגע־שטעקט די האַנט הינטער די שמאַטעס, האָט מען אָנגענומען אַ פולן גאַרשטש, דער הונגער האָט אָנגעהויבן גאָר שטאַרק צו פייניקן.

אין אַ צייט אַרום האָט זיך פאַרשפרייט אַ קלאַנג, אַז די מלחמה איז געענדיקט. נאַטשאַלסטוואָ איז געקומען צו אונדז און מיט אַ שמייכל גע-מאָלדן, אַז היינט באַקומט יעדער איינער אַ טאָפּלטע פּאָרציע זופּ און אויך אַ טאָפּלטע פּאָרציע ברויט, און אַזוי יעדן טאָג. איך בין געבליבן אויף מיין נאַרע און נישט געהאַט מער קיין כוח זיך צו רירן. די וואָס האָבן נאָך גע־האַט געוויסע קרעפטן, האָבן באַלאַגערט דעם נאַטשאַלניק און געבעטן זיי זאָגן פאַרוואָס דער געשאַנק, צוליב וועלכן יום־טוב? האָט ער זיך צעשמייכלט און אונדז דערקלערט:

— מיר האָבן געוווּנען די מלחמה. מען האָט זיי צעריבן די גער־מאַנסקע מאָרדעס!

מיר האָבן זיך אויך דערוווּסט, אַז מיר זענען שוין אין יאָר 1945. כ׳האָב איבערגעציילט אויף די פינגער, אַז שוין פיר יאָר ווי איך געפין זיך אין דעם ווייסן געפרוירענעם גיהנום. האָב איך נאָך אַלזאָ, עלף יאָר צו זיין פאַרמשפּט צו אָט דער שקלאַפן־אַרבעט.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אין רייען און מיר האָבן אָנגעהויבן מאַרשירן אָן צו האָבן אַן אָנונג וווהין. מיר זענען געבליבן 38 מאַן פון איבער צוויי הונדערט. אָפּמאַרשירנדיק אַזוי איבער

אַ שעה, האָבן מיר זיך געפונען אויף אַ וואָקזאַל. מיר האָבן נאָך אַלץ נישט געוווּסט וואָס דאָס דאַרף באַדייטן. ווען דער צוג איז אָנגעקומען, האָבן מיר פאַרנומען אַ וואַגאָן, און מיר זענען געפאָרן נישט וויסנדיק וווּהין און נאָך וואָס. אין אַ פּאָר שעה אַרום זענען מיר אָנגעקומען אין אַ גרויסער שטאָט. מיר האָבן באַוווּנדערט די הייזער; מיר האָבן געזען מענטשן אָנגעטאָן ווי מענטשן. דערנאָך האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ האַלע, ווו ס'איז געווען זייער וואַרעם. מען האָט אונדז באַפוילן זיך אויסטאָן, דאָס הייסט אַראָפּוואַרפן די שמאַטעס פון זיך, און מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ באָד, ווו ס'זענען געפלאָסן שטאַרקע שטראָמען הייס וואַסער. צי איך האָב זיך דערקוויקט? שוין פינף יאָר ווי מיין לייב איז נישט געוואַשן געוואָרן. אַרויסקומענדיק פון באָד, האָט מען יעדן פון אונדז צוגעטיילט האָקי-העמדער, הויזן, אַלטע שינעלן און האַלצערנע שיך. מען האָט אונדז אַוועקגעזעצט ביי לאַנגע טישן, ווו יעדער האָט באַקומען אַ גרויסע שיסל הייסע קאַשע און אַ גרויס שטיק ברויט.

מיר אַלע האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט, מען האָט געפילט, טראָץ דעם וואָס מען האָט אונדז דאָס נישט געזאָגט, אַז ענדלעך נעמט אַ סוף צו די שרעקלעכע צרות. דאָס מאָל האָבן מיר זיך נישט גענאַרט, מיר זענען געווען פריי...

**
*

דער דערציילער האָט זיך אויסגעגלייכט אויף זיין שטול, כדי אַביסל אָפּצואָטעמען. ער האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט, דערמאָנענדיק זיך ווייזט אויס, די אַלע פיינלעכע איבערלעבונגען. נאָך אַ קורצער ווײַלע האָט ער געזאָגט צו זיינע צוהערער:

— אָט דאָס, מיינע טייערע, וואָס כ'האָב דאָ דערציילט ביז איצט, איז נישט מער ווי אַן עפּיזאָד, בעסער געזאָגט — אַ פאָרוואָרט, און דאָס וואָס איך וועל אייך ווייטער דערציילן, וועט זיין דאָס וויכטיקסטע, דער עיקר פון מיין דערציילונג.

אַלע אַרום זענען געבליבן אין זייער פּויזע און נאָכגעטראַכט פון דעם, וואָס זיי האָבן ביז איצט געהערט. און ער האָט ווייטער פאָרגעזעצט:

44

— כ׳האָב אָנגעהויבן צו וואַנדערן איבער דעם גרויסן רוסלאַנד. כ׳בין געווען אין די געגנטן פון די קאַלמיקן, טשערקעסן, גרוזינער, ביז כ׳בין אָנגעקומען אין דער געגנט פון אוראַל, מיט דער האָפענונג אָפּצו־זוכן מיין פרוי און קינדער. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן איצט צוויי קינדער. איך בין געווען אין אַלע אָמטן, זיך נאָכגעפרעגט אויף זיי, אָבער קיינער האָט מיט גאָרנישט געקענט עפּעס העלפן צו געפינען כאָטש אַ שפּור פון זיי. אין אַ געוויסן אַמט, נאָך לאַנגע זוכענישן, האָט מען מיר געזאָגט: — יאָ, געווען דאָ איינע אַזעלכע, וואָס האָט זיך גערופן מיט דעם נאָמען און מיט צוויי קליינע קינדער, אָבער שוין לאַנג אַוועק, „פּאַשלאַ־דאַמאי״.

איז אויב „פּאַשלאַ־דאַמאי״, האָב איך זיך אָנגעהויבן איילן צו די גרענעצן פון פּוילן. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָב איך נאָך אַ לאַנג וואַנדערן איבערגעטרעטן די גרענעץ פון פּוילן, און גלייך זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג פון מיין שטעטל. צוקומענדיק צו מיין שטעטל, האָב איך שוין נישט געהאַט מער קיין אָטעם; נאָך אַזוי פיל יאָרן פון אָפּגעריסנקייט פון אַלע נאָענטע און טייערע, האָב איך מיט שרעק זיך געפרעגט: וואָס דערוואַרט מיך איצט? וועל איך טרעפן די אַלע, וואָס איך האָב דאָ איבערגעלאָזט מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק? און אפשר געפינט זיך דאָ אויך מיין נאַטאַלי מיט די קינדער? „פּאַשלאַ־דאַמאי״... אַ סך פריער פון מיר, ווו איז איצט איר היים?

מיט אַ באַהאַלטענער שרעק, און אפשר מיט פרייד, האָב איך געאיילט איבער די גוט באַקאַנטע פאַר מיר געסלעך פון דעם שטעטל. איך האָב זיך פאַרנומען צו די הייזלעך פון מיינע און אירע עלטערן, און געטראַכט דער־ביי: וועלן זיי מיך איצט דערקענען? און אפשר איך זיי אויך נישט? און פון מיין האַרץ האָט געטריפט אַ בלוטיקער ווייטיק, וואָרעם כ׳האָב קיינעם מער נישט דערקענט. ס׳איז קיינער מער נישט געווען. כ׳בין אַרומגעלאָפן

ווי משוגע פון איין געסל צום אַנדערן, כדי צו טרעפן וועמען, אויספרעגן אויף די נאָענטע, טרעפן כאָטש איין ייד. כ'האָב בלויז אַנגעטראָפן פיינט-לעכע בליקן אַרום מיר און עפּעס אַ מוראדיקע אומרואיקייט האָט מיך באַ-הערשט: ווו זענען אַהינגעקומען די יידן פון גאַנצן שטעטל?

כ'האָב דערנאָך געטראָפן אַן אַלטע גויע, וואָס פלעגט רוימען ביי נאָטאַליס עלטערן. איך האָב איר געפרעגט, צי זי ווייס וואָס עס איז געשען מיט די אַלע יידן פון שטעטל, האָט זי מיר געענטפערט:

— יאָ, די דייטשן, די דייטשן... און אונדזערע פּאָליאַקן אויך...

נישט האָבנדיק מער וואָס צו טאָן אין דעם טרויעריק-געוואָרענעם שטעטל, בין איך אַוועק קיין לובלין. דאָרט האָט מען מיר אָנגעוויזן, ווו עס האַלטן זיך אויף עטלעכע אָפּגעראַטעוועטע יידן, און ווו עס געפינט זיך דער יידישער קאָמיטעט.

אויך דאָרט האָב איך נישט אָנגעטראָפן וועמען, וואָס איך זאָל אים האָבן ערגעץ ווו אַמאָל געזען. מען האָט מיר אויך גאָרנישט געקענט העלפן כדי אָפּגעפונען מיינע נאָענטע. מען האָט מיך געראָטן צו פאָרן קיין דייטש-לאַנד; דאָרטן, אין די לאַגערן, זענען פאַראַן טויזנטער פּליטים, דאָרט וועל איך אפשר געפינען עמעצן פון מיין משפחה.

כ'בין געקומען קיין דייטשלאַנד. ס'איז איבעריק איצט צו שילדערן די לאַגע פון די לאַגערן דאָרט, נאָך דער שרעקלעכער מלחמה. איך האָב געזוכט אין אַלע לאַגערן-צענטערן, אָבער נישט געפונען קיין שפּור אַפילו פון מיין פרוי און קינדער. מען האָט מיר געזאָגט, אַז גאָר אַ סך זענען שוין אַוועקגעפאָרן מיט דער אומלעגאַלער עליה צו די ברעגן פון ישראל, אָבער כ'בין שוין דאָרט פאַרבליבן. נישט געווען מער קיין כוח ווייטער צו וואַנ-דערן. איך האָב אויך געטראַכט, אַז אפשר, מיט קליינע קינדער, איז דאָך דער וועג נישט אַזוי לייכט, אפשר זענען זיי געבליבן ערגעץ, זיך פאַרהאַלטן אָפּרוען און זיי וועלן גאָר אין גיכן אָנקומען.

אין די לאַגערן האָט מען געלעבט מיט אַ דערוואַרטונג אויף אַן אויס-לייזונג צום בעסערן. מען האָט געוואַרט צו קענען דערגרייכן צום אויס-געבענקטן לאַנד ישראל, וואָס דער וועג אַהינצו איז נאָך אַלץ געווען פאַר-שלאָסן, פאַרשפּאַרט און געהיט פון טויזנטער שומרים, כדי נישט צו דער-לאָזן די אומגליקלעכע שארית-הפליטה געפונען אַ מקום מנוחה נאָך די אַלע גהינומס.

ביסלעכווייז בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ זייער וויכטיקער אַרבעט: מיר האָבן אָרגאַניזירט, געלערנט, געוועקט, גערופן און אויך גע-טרייסט די אַלע אומגליקלעכע, אַז מיר זענען נישט אַליין אין אונדזער

קאַמף. מיר האָבן געגרייט פאַרשידענע אונטערנעמונגען און אָרגאַניזירט קאַמפּס־גרופּן, אַז אויב מען וועט דאַרפן, וועלן מיר מיט כּוח אַריין אין אונדזער לאַנד.

מער ווי אַ יאָר האָב איך געאַרבעט פאַר אַט דער הייליקער זאַך, און אין יאָר 1947, בין איך מיט נאָך אַנדערע, אָנגעקומען צו די אויסגעבענקטע ברעגעס פון לאַנד ישראל.

פאַרשטייט זיך, אַז ס'האָבן זיך געשטעלט פאַר מיר אויפגאַבן, וואָס איך מוז זיי פּראָבירן דערגרייכן: אויפזוכן מיין פרוי און קינדער, און פאָרזעצן מיין שטודירן. עס האָט מיר נישט קיין סך געפעלט, כדי צו באַקומען מיין דיפּלאָם אַלס דאָקטאָר.

האָבנדיק זייער אַ סך פאַרבינדונגען מיט מענטשן, וואָס כ'האָב מיט זיי מיטגעאַרבעט אין דייטשלאַנד ביים אָרגאַניזירן די אומלעגאַלע עליה, איז מיר זייער לייכט אָנגעקומען דורכצופירן די זוכונגען פון מיין פרוי און קינדער, וואָרעם די גאַנצע דעמאָלטיקע ישראל־פּרעסע איז געווען פול מיט די קרובים־זוכונגען. כ'האָב אַלאַרמירט אומעטום און גלייכצייטיק אָנגעהויבן לערנען.

איך האָב געוואַרט יעדן טאָג, אַז עמעצער וועט מיר מעלדן, אָנווייזן אָדער מיר ברענגען אַ ידיעה וועגן מיינע טייערע. איך האָב אויך פאַנטאַזירט אַז אפשר גאָר וועט נאַטאַלי אַליין זיך מעלדן צו מיר, ווען זי וועט געפינען מיין אַדרעס אין איינער פון די אַלע צייטונגען אין וועלכע איך האָב זיי געזוכט; אָבער פון די אַלע האָפענונגען און שיינע חלומות בין איך פאַרבליבן איינזאַם. קיינער האָט זיך צו מיר נישט געמאָלדן און קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן.

אין אַ געוויסן פאַרנאַכט האָט מען מיר אָנגעזאָגט, אַז ס'פרעגט זיך ווער אויף מיר. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ בין איך געלאָפן זען ווער דאָס איז און צו מיין גרויסער איבעראַשונג האָב איך דערזען נאַטאַנען, וואָס איז געשטאַנען, וואַרטנדיק אויף מיר.

פאַרשידענע געדאַנקען זענען מיר אַדורכגעלאָפן אין מיין מוח, בעת מיר האָבן באַטראַכט איינער דעם אַנדערן. איך פרעג אים:

— ווי האָסטו זיך דאָ איינגעאָרדנט?

— איך האָב זיך גאָרנישט איינגעאָרדנט — ענטפערט ער מיר — איך וואַרט אויף אַן ענטפער פון מיינע קרובים אין קאַנאַדע, כ'זאָל באַקומען די מעגלעכקייטן דאָרט אַהינצופאָרן.

— פאַרוואָס עפּעס קאַנאַדע? — פרעג איך אים — נאָך אַזאַ חורבן וואָס מיר יידן האָבן איבערגעלעבט, און איצט, אַז מען איז שוין פרייע

מענטשן אין אייגענעם לאַנד, און מיר האָפן אויך, אַז גאָר אין קורצן וועט דאָס זיין אָפיציעל אונדזער לאַנד, איז וואָס עפּעס גאָר קאַנאַדע?

— דו ווייסט דאָך — ענטפערט ער מיר — אַז איך האָב נישט קיין שום פאַך, איז וואָס וועל איך דאָ טאָן?

— דו האָסט נישט קיין פאַך? ווער דאַרף דאָ האָבן אַ פאַך? אַ לאַ־פּאַטע אין האַנט קענסטו האַלטן? ווייסטו וויפיל אַרבעט ס'איז פאַראַן דאָ אין לאַנד?

— אַזאַ גוטער פריינט ביסטו מיר, כ'זאָל אָנהייבן מיין קאַריערע מיט אַ לאַפּאַטע אין האַנט?

— וואָס עפּעס „גוטער פריינט"? און פאַרוואָס קווועלט דיך אַזוי צו האַלטן אַ לאַפּאַטע אין האַנט? פאַרוואָס האָט דיך נישט געקווועלט צו גראָבן און האַקן, בויען וועגן און אויפרייסן בערג דאָרט, פאַרן ווייסן אָדער רויטן טייוול? און דאָ וועסטו בויען פאַר דיר אַליין; פאַראַקערן דיין ערד, אויפ־בויען פאַר דיר אַ היים, דיין אייגענע היים. איז דאָס נישט ביי דיר קיין קאַ־ריערע? וואָס ווילסטן זוכן אין קאַנאַדע? אָנקומען צו לייטן? צו משפּחה? מען זאָל דיר געבן? לעבן ווי אַ שנאָרער דאָס גאַנצע לעבן אָן אַ פאַך, דאָס איז בעסער?

ער איז לאַנג אַזוי געשטאַנען דעם קאָפּ געזינקען צו דער ערד, איך האָב געוואַרט פון אים אויף אַ וואָרט און לסוף האָט ער זיך אָפּגערופן:

— חיים, נישט צוליב דיין פרעדיקן מיר מאָראַל בין איך איצט גע־קומען; וועגן דעם וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, וועל איך זיך נאָך באַ־טראַכטן. אָבער מיין קומען איצט צו דיר איז נישט מיט קיין פריילעכן גרוס. איך האָב געזען, געלייענט דיינע זוכונגען. דו זוכסט דיין נאַטאַלי; זיי־זשע מיר מוחל, וואָס כ'מוז דיר זאָגן, אַז דיין נאַטאַלי געפינט זיך מער נישט צווישן די לעבעדיקע... איך בעט דיך, האָב נישט פאַראיבל אויף מיר, פאַר דעםליידער טרויעריקן גרוס.

כ'בין געבליבן שטיין מיט אונטערגעהאַקטע קניען. כ'האָב געקוקט אויף אים מיט חשד: יאָ גלויבן, נישט גלויבן? כ'האָב זיך גלייכצייטיק דערמאָנט, אַז דאָרט אין רוסלאַנד, האָב איך באַקומען דעם ענטפער פון דעם פויערישן באַאַמטן: „יאָ, געווען דאָ אַזאַ איינע, מיט צוויי קינדער, אָבער שוין לאַנג אַוועק, „פאַשלאַ־דאַמאי". כ'בין געפאַלן אויף אַ שטול, נישט אָפּווענדנדיק מיינע בליקן פון אים, ווי איינער וואָס זוכט איבערצוצייגן זיך צי האָט ער טאַקע געזאָגט אָט די ווערטער, וואָס כ'האָב זיי נאָרוואָס געהערט, אָדער צי האָט זיך דאָס מיר אויסגעדוכט. איך פרעג אים:

— פון וואַנעט ווייסטו דאָס?

— פון וואַנעט איך ווייס דאָס? — האָט ער געקלערט אַ ווײַלע — דו ווייסט דאָך אויף געוויס, ווי אַזוי ס׳האָט אויסגעזען דאָס וואַנדערן איבער די רוסישע סטעפּעס. מען האָט טיילמאָל געוואַרט טעג, כדי צו געפינען אַ מעגלעכקייט צו כאַפּן אַן אַנדערן צוג און ווייטער צו פאָרן. און אַט אויף אַזעלכע סטאַנציעס, האָט מען טיילמאָל זיך געטראָפן מיט באַקאַנטע, און מען האָט זיך אויך נאָכגעפרעגט אויף באַקאַנטע. האָב איך אַמאָל געטראָפן איינע פון דיין שטעטל, וואָס האָט מיך דערקענט, און זי האָט מיר דערציילט, אַז נאַטאַלי איז אומגעקומען ווען זי האָט געדאַרפט ברענגען אויף דער וועלט איר קינד. קיינער איז נישט געווען מען זאָל איר דערטיילן הילף, און זי איז אומגעקומען צוזאַמען מיט איר קינד, וואָס האָט געהאַלטן ביים געבוירן ווערן.

ער האָט איבערגעריסן, געבליבן שטיין ווי אַ שולדיקער, וואָס וויל זיך פאַרענטפערן פאַר דעם געשעענעם. דערנאָך זאָגט ער מיר ווייטער:

— זיי נישט בייז אויף מיר, חיים. איך האָב דיר דאָס דערציילט, נאָכפאָלגנדיק דיינע זוכונגען. שוין זייט עטלעכע וואָכן, האָב איך באַשלאָסן קומען דיר דאָס זאָגן, כדי זאָלסט זיך נישט פּייניקן אומזיסט, און ווייסן ווי אַזוי איינצואָרדענען דיין לעבן און נישט וואַרטן איביק אויף דעם, וואָס וועט שוין ליידער מער נישט צוריקקומען.

כ׳האָב גאָרנישט געענטפערט אויף זיינע ווייטיקלעכע ווערטער, און נאָך אַ לענגערער צייט פון אונדזער ביידנס שטילשווייגן, האָט ער זיך שטיל אַרויסגעשאַרט פון מיין צימערל. נישט ווייסנדיק פאַרוואָס איז די לופט געווען אַ געשטיקטע אין זיין אַנוועזנהייט. ווען ער איז אַוועק, האָב איך עפּעס פרייער אָפּגעאָטעמט און איבערגעחזרט אין דער שטיל זיינע ווערטער: „נאַטאַלי איז אומגעקומען אין מאָמענט, ווען זי האָט זיך געגרייט ברענגען איר קינד אויף דער וועלט".

כ׳האָב אָבער נישט גענומען פאַר צו ערנסט זיינע ווערטער, ווייל ער האָט דאָס נישט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן. מען האָט אים דאָס דערציילט און אפשר זוכט ער אין מיר אַ נקמה? כ׳האָב נישט פאַרלוירן די האָפענונג זיי אָפּצוגעפינען.

און די צייט האָט געטאָן אירס. עס זענען אַדורך טעג און וואָכן, ביז מיר האָבן דערלעבט דעם פריידיקן טאָג, ווען ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אַז יידן באַקומען אַן אייגענע מלוכה. דערנאָך איז געקומען די באַפרייאונגס־מלחמה, אין וועלכער איך האָב גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל. אין די דאָזיקע קאַמפן האָב איך אַ טאָג, ממש פון טויט איינעם אָפּגעראַטעוועט, וואָס איז

געוואָרן פֿאַר מיר אַ האַרציקער חבר, היינט אַ באַרימטער אַדוואָקאַט, און אַ דאַנק אָט דעם חבר, בין איך מער נישט געווען אַזוי איינזאַם ווי ביז דעמאָלט. ער האָט געהאַט אַ פֿרוי מיט אַ קינד און יעדן שבת, האָב איך געמוזט זיין ביי זייער טיש. טיילמאָל אַפֿילו אין מיטן וואָך אויך און ווען כ'האָב באַקומען מיין דיפּלאָם אַלס דאָקטאָר־מעדיצין, האָט מען דאָס געפֿייערט טאַקע ביי מיין חבר אין שטוב, און אויך אַ דאַנק אים, האָב איך זיך גוט איינגעאָרדנט; קיין קליענטן האָבן נישט געפֿעלט.

45

די צייט איז געלאָפן. ס'איז אַדורך אַ יאָר נאָך אַ יאָר, אָבער איך האָב נישט פאַרלוירן די האָפענונג אָפּצוגעפינען מיינע טייערע, כ'בין זייער אָפט געווען ביי מיין חבר דעם אַדוואָקאַט און מיר האָבן פאַרברענגט צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד, און ביי אַ געוויסער געלעגנהייט האָט מיר זיין פרוי געזאָגט:

— חיים, ווי לאַנג איז דער שיעור צו לעבן אַזוי איינזאַם? אפשר איז דאָך אמת דאָס, וואָס דער נאָטאַן האָט אייך דערציילט? ווי איז דאָס מעגלעך אַנדערש, נאָך אַזוי פיל יאָרן זוכן?

— ניין — האָב איך געענטפערט אַנטשלאָסן — איך האָב נאָך מיין האָפענונג נישט פאַרלוירן. עפּעס אַ געהיימע שטימע זאָגט מיר, אַז מיין פרוי לעבט, אַז מיינע קינדער לעבן, און כ'מוז אָפּוואַרטן די גליקלעכע מינוט פון אָפּגעפונען זיי.

אין אָקטאָבער פון פאַריקן יאָר, דאָס הייסט אין 1956, האָבן צירקולירט פאַרשידענע קלאַנגען מכוח דעם, אַז עפּעס וואָס גרייט זיך. מען האָט כסדר נאָכגעפאָלגט די וויזיטן פון די העכסטע רוסישע מלוכה־פירער מיט כרושטשאָוון אין דער שפּיץ ביי דעם חוצפּהדיקן דיקטאַטאָר פון עגיפּטן. די גרויסע סאָוויעטישע געווער־ליפערונגען. און סוף חודש אָקטאָבער איז אויסגעבראָכן די מלחמה: אָט די מלחמה וואָס ווערט אָנגערופן די סיני־אַקציע. איך האָב נישט געוואָרט מען זאָל מיך רופן, מיר האָבן שוין געוווסט מיט אַ פּאָר טעג פריער וואָס עס גרייט זיך, און כ'האָב גלייך באַקומען מיין אָרט און אַמט אין דער מלחמה. ווי איר ווייסט, האָט דאָס צום גליק לאַנג נישט געדויערט און ווי שנעל די מלחמה איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָבן מיר דאָך געהאַט פאַרוווּנדעטע, וואָס דאָס היילן זיי און דער עיקר דאָס אויסהיילן זיי, האָט געדויערט אַ סך לענגער ווי די מלחמה. איך בין צוגעטיילט געוואָרן אין אַן אַנשטאַלט צו היילן איבער צענדליק יונגע מענטשן, פאַרוווּנדעטע פון פראָנט. צום גליק זענען זייערע וווּנדן נישט געווען קיין לעבנס־געפער-

לעכע און איך מיט דריי קראַנקן-שוועסטער האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט און מיט גרויסע אָנשטרענגונגען האָבן מיר זיך באַמיט קודם כל לינדערן די ווייטיקן און דערנאָך היילן.

צווישן די פאַרוווּנדעטע האָט זיך געפונען איינער אַ יונג בחורל מיט אַ זייער סימפּאַטישן אויסזען, אָבער ער האָט מיך באַלעסטיקט מער פון אַלע אַנדערע; ער האָט פשוט נישט איינגערוט קיין מינוט, און ווי נאָר איך האָב זיך צו אים דערנענטערט, האָט ער גלייך אָנגעהויבן מיך בעטן און וויינען:

— דאָקטאָר, דאָקטאָר, כ'וויל אַזוי לעבן! ראַטעוועט מיך, דאָקטאָר, איך בעט אייך!

איך האָב זיך באַמיט אים צו באַרויקן. אים דערקלערט, אַז ער דאַרף מיך גאָרנישט בעטן, דאָס איז דאָך מיין אויפגאַבע און אויך מיין פליכט, און אויסער דעם איז מיין ווילן צו ראַטעווען שטאַרקער נאָך פון מיין פליכט, איז פאַרוואָס שרייט ער אַזוי?

— מיינסטו — האָב איך אים געזאָגט — אַז די אַנדערע ווילן נישט לעבן? נאָר בלויז דו?

— ניין, דאָקטאָר, נישט דאָס, אַנטשולדיקט מיר, נישט פאַר מיר וויל איך לעבן, וואָלט זיך דאָס געהאַנדלט בלויז אין מיר, אין מיין לעבן, אָבער...

ער איז שטיל געבליבן, זוכנדיק די פּאַסיקע ווערטער, און אין אַ שטילערן טאָן האָט ער מיר פאַרטרויט, אַז ער איז שוין נישט אַליין דער בעל-הבית איבער זיין לעבן, ס'איז שוין דאָ נאָך עמיצער, וואָס האָט צו זאָגן איבער זיין לעבן, זיין מיידל... אַ טייער מיידל! אַזעלכע ווי זי געפינט מען נישט קיין סך. ה' דאָקטאָר, כ'האָב איר דאָס צוגעזאָגט, כ'וואָלט אַזוי געוואָלט האַלטן וואָרט, נישט פאַר מיר, נאָר פאַר איר. זי איז דאָס וואָרט. איר גלייבט מיר, ה דאָקטאָר? און אויב איך וועל נישט לעבן, וועט זי אויך נישט לעבן, אַזוי האָט זי מיר געזאָגט ווען כ'בין אַוועק אויף דער מלחמה.

כ'בין געוואָרן אַזוי איבערגענומען פון די רייד פון דעם סימפּאַטישן בחורל, אַז כ'האָב זיך אַוועקגעזעצט נעבן זיין בעטל און לאַנג אויף אים געקוקט און אים געזאָגט:

— זיי רואיק, יינגל, גאָר אין גיכן וועסטו זיין געזונט און דו וועסט אויך פעאיק זיין צו באַגליקן דיין מיידל.

ער האָט אָנגעכאַפּט מיין האַנט צום קושן און שטיל געשעפּטשעט:

— אַ דאַנק ה' דאָקטאָר, איר זענט צו מיר ווי אַ פאָטער.

אַט דאָס וואָרט „איר זענט צו מיר ווי אַ פאָטער”, האָט מיר אַזש אַ מיש געטאָן אין קאָפּ, איך האָב געטראַכט: ווען וועל איך שוין האָבן דאָס גליק צו הערן דאָס וואָרט פאָטער פון מיינס אַ קינד? איך פרעג אים:

— ווי רופט מען דיך, בחורל?

— מיך רופט מען שלמהלע — איז געקומען אַן ענטפער.

— שלמהלע? — האָב איך איבערגעחזרט מיט אַ ציטער אין האַרץ, און נישט וועלנדיק אַרויסווייזן אַז אַט דער נאָמען האָט מיך אַ ביסל צע־רודערט, פרעג איך אים ווייטער, בלויז דערפאַר, כדי עפּעס צו זאָגן:

— און דיין מיידל? ווי רופט מען זי?

— אסי — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן.

— נו גוט, שלמהלע, איך גיכן וועסטו ווידער שפּאַצירן מיט דיין אסי.

און כ'האָב פאַרלאָזט זיין בעט, כ'בין אַוועק צו אַנדערע פּאַרוואונדעטע כדי זיך דערוויסן אין וואָס יעדער איינער נויטיקט זיך.

צומאָרגנס, ווען כ'האָב ווידער באַזוכט מיינע קראַנקע, איז מיין ער־שטער וויזיט געווען ביי שלמהלען. ער האָט מיך אויפגענומען מיט אַ שמייכל פון זיינע בלייכע ליפּן און געקוקט אויף מיר מיט אַזאַ בליק, ווי איינער קוקט אויף דעם, וואָס פון אים איז אָפּהענגיק זיין גורל. איך האָב זיך גלייך געזעצט נעבן אים, געטאָן פאַר אים דאָס נויטיקע, אַפילו דאָס וואָס גע־הערט נישט צו מיר. ער האָט דאָס באַמערקט און געקוקט אויף מיר מיט דאַנקבאַרע בליקן. ווען כ'האָב פאַרענדיקט מיין אַרבעט און אים צוגעדעקט, האָט ער ווידער שטילערהייט געזאָגט:

— כ'דאַנק אייך ה' דאָקטאָר, איר זענט טאָקע צו מיר ווי אַ פאָטער!

כ'האָב לאַנג געקוקט אויף שלמהלען, געזוכט און געוואָלט געפינען עפּעס אַן ענלעכקייט, וואָס זאָל פאַרשטאַרקן מיין האָפענונג. אפשר?... ווער ווייסט? און כ'פרעג אים:

— פון וואַנען ביסטו, שלמהלע?

— פון חולון — האָט ער געענטפערט.

— געבוירן אין חולון?

— ניין, געבוירן אין וואַרשע.

מיין האַרץ האָט אַ שטאַרקערן צאַפּל געטאָן. כ'פרעג אים מיט אַ באַהאַלטענע שרעק:

— ווי רופט מען דיין פאָטער?

— משה.

— און דיין מוטער? — פרעג איך שוין גלאַט אַזוי.

— נאָטי — האָט ער געענטפערט.

— ביסטו אַ בן־יחיד, אָדער האָסטו נאָך ברידער אָדער שוועסטער?
— כ'האָב נאָך אַ שוועסטער, אַ ייִנגערע פון מיר.
— וואָס איז דײַן פאָטערס באַשעפטיקונג? — פרעג איך ווידער.
— אַן אונטערנעמער פון בויען הײַזער.
— כ'האָב דערנאָך לאַנג געקוקט אויף שלמהלען און אַ גלעט טוענ־דיק אים איבער זײַן שטערן, האָב איך זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן כדי אויס־צופירן מײַנע ווײַטערדיקע פליכטן.

עס זענען אַדורך עטלעכע וואָכן, ביסלעכווײַז זענען ליידיק געוואָרן די בעטן פון די פאַרוואונדעטע. אויך שלמהלע איז שוין באַלד געווען אין גאַנצער געזונט. ווען ס'איז געקומען דער טאָג פון זײַן גרייטן זיך אונדז צו פאַרלאָזן, האָב איך זיך באַמיט צו זײַן פריי, כדי זײַן אַנוועזנד ביי זײַן אַהיימגיין. אויך ער האָט געוואָרט אויף מיר, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט זיך געזעגענען מיט זײַן דאָקטאָר, וואָס האָט אים באַהאַנדלט ווי אַ פאָטער. ביים געזעגענען זיך, ווען ער איז געשטאַנען אַ שמייכלדיקער, און נאָך אַלע זײַנע דאַנקען און פאַרשידענע רייד, האָב איך זיך אָנגערופן צו אים:

— דו ווייסט שלמהלע? ס'זענען ביי מיר געבליבן אין זכרון דײַנע ווערטער, וואָס דו האָסט מיר געהאַט געזאָגט, אַז דו ווילסט בלײַבן לעבן צוליב דײַן מיידל. געדענקסט דײַנע ווערטער? ס'איז מיר געקומען אַ גע־דאַנק צו קענען דײַן מיידל, דײַן אסי. איז דאָס מעגלעך?

— אָ, ה' דאָקטאָר. געוויס איז דאָס מעגלעך און נישט בלויז מעגלעך, נאָר ס'איז פאַר מיר אַ גרויסע ערע, אַז איר, ה' דאָקטאָר, האָט אַ ווילן צו קענען מײַן אסי, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן ה' דאָקטאָר!

— נו, — זאָג איך אים — ווען איך זאָל אײַך אײַנלאַדן צו מיר, וועסטו קומען?

— געוויס, ה' דאָקטאָר, מיט גרויס פאַרגעניגן. אויך מײַן אסי וועט זײַן צופרידן זיך צו באַקענען מיט מײַן דאָקטאָר, און מיר וועלן קומען ווען איר וועט וועלן.

— אָט גיב איך דיר מײַן אַדרעס, און אַזוי ווי כ'בין שוין הײַנט אַ ביסל פרייער, וועסטו מיך טרעפן יעדן אָוונט. דו קענסט קומען וועלכן אָוונט דו ווילסט, וועלכן אָוונט דו וועסט געפינען באַקוועמער פאַר דיר; אָבער נישט אין אַ פּאָר חדשים אַרום.

— ניין, ה' דאָקטאָר, איך קום צו אײַך מיט מײַן אסי פרײַטיק אָוונט, פרײַטיק וועט זײַן פאַר אונדז זייער באַקוועם.

— נו גוט — ענטפער איך אים — איך וועל אויף אײַך וואַרטן.

און מיט אַ צאַפּל אין האַרצן, אַ צאַפּל צוזאַמען מיט אַ געוויסער האָ־

פענונג, האָב איך אָנגעהויבן וואַרטן אויף דעם פרייטיק־אָוונט. שוין אַזוי פיל יאָרן, ווי איך האָב אויף קיינעם נישט געוואַרט.

ענדלעך איז געקומען דער פרייטיק־אָוונט. איך זיץ אין מיין צימער און לייען די שבתדיקע אויסגאַבן פון די צייטונגען. און כ׳דערהער אַ קלינג אין טיר. די הויז־דינערין צפורה איז געגאַנגען עפענען און ס׳איז אַריינגעקומען שלמהלע מיט זיין מיידל, אָנגעטאָענע יום־טובדיק און מיט אַ יום־טובדיקן שמייכל אויף זייערע ליפּן. איך האָב זיי אַריינגעפירט אין מיין צימער. אויפן טיש איז שוין געשטאַנען פון כל־טוב. זיי האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויף די אָנגעוויזענע פּלעצער. קיינער האָט נישט איבערגעריסן די שטילקייט אין צימער. מיינע געסט האָבן זיך נישט גענומען די דרייסטקייט צו זאָגן עפּעס אַ וואָרט און כדי איבערצורייסן דאָס שווייגן, האָב איך זיך געוואָנדן צו צפורה׳ן זאָגנדיק איר, אַז זי קען שוין אַהיימגיין, אַז כ׳וועל זיך שוין אַליין אַן עצה טאָן.

טראָץ דעם, וואָס דאָס מיידל פון שלמהלען איז ווירקלעך געווען אַ ליב און טייער קינד, האָב איך דאָך מיינע בליקן נישט אָפּגעווענדט פון שלמהלען, וועלנדיק געפינען אויף אים עפּעס אַ שטריך פון אַמאָל, אָבער ווי איז דאָס מעגלעך? אויב ער זאָל אַפילו זיין מיין קינד, איז ווי קען מען אים דערקענען, אַז ווען איך האָב אים געזען דאָס לעצטע מאָל, איז ער קוים צוויי יאָר אַלט געווען, און איצט זיצט ביי מיר אַ פריילעכער בחור שוין באַלד 19 יאָר אַלט.

— נו, קינדער — האָב איך זיך געוואָנדן צו זיי — איך בין אפשר נישט אַזוי געראָטן צו קענען און וויסן ווי אַזוי מכבד צו זיין געסט. אַ פרוי אויף מיין אָרט וואָלט דאָס אפשר בעסער געמאַכט, איז לאָזט אייך נישט בעטן, זאָל עס אייך דוכטן, אַז מיר זענען איצט ביי אייך אין דער היים; פאַרזוכט פון וואָס נאָך אייך געפעלט, און אויב עס וועט אויספעלן, איז פאַראַן נאָך, שעמט אייך נישט, איר זענט איצט ביי אַן אייגענעם...

ווען זיי האָבן שוין געהאַט פאַרזוכט פון פרוכטן און פון אַנדערע זאַכן, פרעגט מיך שלמהלע מיט אַ שמייכל:

— נו, דאָקטאָר, ווי געפעלט אייך מיין אסי? דוכט מיר, אַז איך האָב אייך נישט גענאַרט.

— ניין, שלמהלע — ענטפער איך אים — האָסט מיך טאַקע נישט גענאַרט, און אפשר וועל איך נאָך טאַנצן אויף אייער חתונה אויך.

— וואָס הייסט אפשר? — זאָגט שלמהלע — געוויס ה׳ דאָקטאָר! איר קענט דען אָפּשאַצן מיין שטאָלץ ווען כ׳וועל קענען פאַרשטעלן פאַר

אַזוי פיל געסט מיין דאָקטאָר מיט זיין פרוי? מיין דאָקטאָר, וואָס האָט מיך געראַטעוועט? יאָ, און ווו איז איצט אייער פרוי?

— דערווייל, שלמהלע, האָב איך נאָך נישט קיין פרוי.

— וואָס הייסט דערווייל? — פרעגט ער איבער.

איך האָב נישט גלייך געענטפערט. נישט געווען אַזוי לייכט צו ענטפערן אויף דער פראַגע. אָבער זעענדיק וויביידע וואַרטן אויף מיינס אַן ענטפער, האָב איך זיי געזאָגט:

— הערט מיך אויס, קינדערלעך; כ'מוז אייך זאָגן, אַז זינט איך געפין זיך דאָ אין לאַנד, זענט איר די ערשטע געסט מיינע, און דאָס איינלאַדן אייך, איז אויך געווען מיט אַ געוויסער כוונה, און כ'וועל זיין אויפריכטיק און אייך גלייך זאָגן אין וואָס עס באַשטייט מיין כוונה.

כ'האָב איצט טיף אָפּגעאָטעמט און געזאָגט צו זיי:

— הערט מיך אויס קינדער, כ'וועל אייך דאָ דערציילן אַ ביסעלע פון מיין לעבן; און מיין דערציילן פאַר אייך האָט אויך אַ שייכות צו דעם, פאַרוואָס איך האָב אייך דאָ איינגעלאַדן. כ'וויל האָפן, אַז איר וועט מיר אפשר קענען דערביי מיט עפּעס העלפן.

די צוויי קינדער האָבן אויפגעהערט שמייכלען און קוקנדיק אויף מיין ערנסטן אויסדרוק, זענען זיי אויך געבליבן זיצן ערנסטע, גלייך ווי זיי וואָלטן שוין געוווסט אין וואָס עס דאַרף באַשטיין זייער הילף פאַר מיר, און אַז די זאַך איז שוין גאָרנישט אַזאַ לייכטע. האָבן זיי אָנגעהאָנגען זייערע בליקן אויף מיר און געוואַרט וואָס איך האָב צו פאַרלאַנגען פון זיי. כ'האָב אָנגעהויבן:

— ווי איר ווייסט, מיינע טייערע, איז געווען אַ שרעקלעכע מלחמה, כ'מיין די גרויזאַמע וועלט־מלחמה. מען האָט אויסגעראָטן זעקס מיליאָן פון אונדזער פאָלק און אַפילו ביי די וואָס זענען על פּי נס געבליבן, זענען אַנטשטאַנען זייער פיל טראַגעדיעס. אַ סך האָבן זיך נישט אָפּגעפונען, מען האָט געזוכט און מען זוכט אַפילו נאָך היינט. איך בין איינער פון די, וואָס זוכן נאָך זייערע נאָענטע, זייערע טייערע.

מען האָט מיך פאַרשיקט אין רוסלאַנד ערגעץ ווו אין אַ פאַרלוירענער ווייסער וועלט. מיך אָפּגעריסן פון פרוי און קינד, און נאָך פינף יאָר פון אַן אוממענטשלעך לאַגער־לעבן, האָב איך אָנגעהויבן זוכן מיין פרוי און צוויי קינדער, און איך זוך זיי ביזן היינטיקן טאָג. מען קלאַמערט זיך מיט האָפענונג אין יעדן צייכן, ווי שוואַך דער צייכן זאָל נישט זיין, האָפט מען אַז אפשר? און דאָ איז געשען אָט וואָס: ווען כ'האָב זיך דערנענטערט צו שלמהלען איידער איך האָב נאָך געוווסט זיין נאָמען און ווען ער האָט מיר

געזאָגט, אַז איך בין צו אים ווי אַ פּאָטער, האָט מיר אַ צוויק געטאָן ביים האַרץ; איך דערוואַרט און האָף שוין אַזויפיל יאָרן צו הערן דאָס טייערע וואָרט „פּאָטער"; דערנאָך, דערוויסנדיק זיך זיין נאָמען, אַז מען רופט אים שלמהלע, האָב איך זיך פאַראינטערעסירט צו וויסן דעם טאָג פון זיין געבוירן און אין וועלכער שטאָט. מוז איך אייך דאָ זאָגן, אַז מיין קינד, וואָס כ׳האָב אים געזען דאָס לעצטע מאָל אין רוסלאַנד, ווען ער איז בלויז צוויי יאָר אַלט געווען, איז געבוירן אין וואַרשע און אין זעלבן טאָג וואָס דו, שלמהלע, און ער האָט אויך געטראָגן דעם נאָמען שלמהלע... נו? ווי קענט איר דאָס פאַרשטיין? און נאָך אַ זאַך: שוין באַלד צען יאָר, ווי איך זוך אַרום מיינע טייערע, און דורך דער גאַנצער צייט האָב איך קיינעם נישט געזען, אַפילו אין חלום. אָבער פון דער צייט אָן, ווען כ׳האָב אָנגעהויבן שמועסן מיט דיר, שלמהלע, זע איך כמעט יעדער נאַכט אין חלום מיין נאַטאַלי, דאָס הייסט מיין פרוי. איך זע זי אין פאַרשידענע פּאָזעס: דע־מאָלט, ווען כ׳בין קראַנק געווען, אַלט זייענדיק 18 יאָר, ווען כ׳האָב נאָך אַפילו נישט געחלומט, אַז נאַטאַלי וועט זיין מיינע, איז זי געזעסן נעבן מיין בעט און מיר כסדר געלייגט קאָמפּרעסן צו מיין קאָפּ; איך זע היינט ווידער־אַמאָל ווי זי זיצט נעבן מיין בעט און לייגט מיר די קאַלטע קאָמפּרעסן; איך וויל עפּעס זאָגן, פרעגן, פאַרשטעלט זי מיר מיט איר האַנט מיין מויל, כ׳זאָל גאַרנישט זאָגן. איך זע זי אין אַזויפיל אַנדערע פּאָזעס: ווי זי זיצט ביים קלאַוויר און שפּילט פאַר מיר אַ ליד מיר געווידמעט; איך זע זי ווי זי איז געקומען צו מיר קיין וואַרשע, אָבער דאָן אין דערווירקלעכקייט. האָב איך זי געזען אַ שמייכלדיקע און היינט אין חלום, זע איך זי אַזאַ ערנסטע און טיילמאָל אַפילו מיט פאַרטרערטע אויגן און ווען איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף, בלייב איך ליגן אויף מיין געלעגער און איך טראַכט, נישט אַנ־דערש, נאָר מיין פרוי לעבט, מיינע קינדער לעבן, זי בעט זיך ביי מיר, זי רייסט זיך צו מיר; טראַכטנדיק וועגן אָט די אַלע חלומות, בין איך גע־קומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיין פרוי און מיינע קינדער לעבן ערגעץ, אָבער ווו? ווו קען איך זיי געפינען?

— איבעראַשט פון די געהערטע ווערטער, זענען זיי געבליבן זיצן נישט וויסנדיק וואָס מיר צו זאָגן. פאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען געווען גרייט צו טאָן אַלץ וואָס נאָר מעגלעך כדי מיט עפּעס העלפן אָט דעם גוטן אומ־גליקלעכן דאָקטאָר. אָבער וואָס האָבן זיי דען געקענט טאָן? מיט אַן אויס־דרוק פון שולד אויף זיין פּנים, האָט זיך שלמהלע אָנגערופן:

— ליבער ה׳ דאָקטאָר, לויט אייערע רייד, דוכט זיך אייך אַז אפשר בין איך דאָס אייער פאַרלוירן שלמהלע; כ׳וואָלט גאַרנישט געווען אומצו־

פרידן ווען דאָס זאָל זיין אמת, אָבער טראַץ דעם, וואָס איך בין אויך געווען אין רוסלאַנד מיט מיין מוטער, און מיר האָבן אויך געוואַרט אויף אונדזער פאָטער, האָט ער זיך אָבער אָפּגעפונען אַ פּאָר חדשים נאָך דער באַפרייאונג און מיר זענען אַלע דערנאָך אַוועקגעפאָרן קיין ישראל. איז ווי אַזוי און מיט וואָס קענען מיר אייך העלפן? זאָגט דאָקטאָר, איך וועל זיין גרייט אַלץ צו טאָן.

— ווייסט איר וואָס? אויב איר זענט גרייט צו טאָן עפּעס פאַר מיר, בעט איך אייך אַ קליינע זאַך: דו, שלמהלע, האָסט דאָך אַ שוועסטערל, וואָס איז יונגער פון דיר מיט אַ דריי יאָר, און דאָס האָט אויך אַ שייכות צו מיר, ווייל ווען איך האָב געאַרבעט אין רוסלאַנד ביי די באַן-שינעס, מיט נאָך אַנדערע שקלאַפן אַזעלכע ווי איך, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ס'דאַרף אָנקומען אַ צוג מיט פּליטים, בלויז פרויען און קינדער. איך האָב דעם צוג אָפּגעוואַרט און צום גליק האָב איך דערזען מיין פרוי און זי מיך אויך. דעמאָלט האָט זי מיר אַראָפּגעוואָרפן אַן איינגעקנייטשט פּאַפּירל, כדי דער ווינט זאָל דאָס נישט פאַרטראָגן ערגעץ. אין דעם פּאַפּירל האָט זי מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז זי שוואַנגערט. אַט דער אָנזאָג האָט מיך אויך טייער געקאָסט, אָבער דאָס איז נישט אויף איצט; לויט מיין אויסרעכענונג, דאַרף דאָס צווייטע קינד זיין יונגער פון מיין שלמהלע מיט אַ דריי יאָר. פאַרשטייט זיך, אַז איך ווייס נאָך נישט ביז איצט צי דאָס צווייטע קינד איז אַ ייִנגל אָדער אַ מיידל, און דערפאַר וויל איך אייך בעטן, אויב איר זענט טאַקע גרייט מיר מיט עפּעס העלפן, איז קומט מאָרגן אָוונט מיט דיין שוועסטערל. שלמהלע, זאָג איר, אַז איך בעט איר, זי זאָל מיטקומען מיט אייך, זאָג איר אַז דו, שלמהלע, וועסט איר באַקענען מיט דעם דאָקטאָר, וואָס האָט דיך אָפּגעראַטעוועט. איז דאָס מעגלעך? שלמהלע, זאָגסטו דאָס מיר צו? און ווי רופט מען דיין שוועסטערל?

— יאָ דאָקטאָר, איך זאָג דאָס אייך צו, איך וועל קומען מיט מיין שוועסטערל וואָס איר נאָמען איז לאהלע, אָבער וואָס מיינט איר צו קענען זיך דערוויסן פון איר?

— דאָס איז שווער צו ענטפערן, שלמהלע, אָבער ווען מען זוכט, פּרוּווט מען יעדער מעגלעכקייט: אפשר ווייס זי עפּעס מער פון דיר, אפשר וועט זי זאָגן אַ וואָרט אַזאַ וואָס קען מיך אַרויספירן אויפן ריכטיקן וועג.

— גוט, דאָקטאָר, זי וועט אויך זיין צופרידן פון דעם, ווייל מיט יאונדז וועט די מאַמאַ זי לאָזן אַרויסגיין. אַליין אַרויסגיין, לאָזט נישט די מאַמאַ.

— די מאַמאַ? און אייער פאָטער? וואָס זאָגט ער?

— ער מישט זיך גאָר ווייניק, דאָס איז די אויפגאַבע פון דער מאַמאַ.

— נו גוט — זאָג איך אַ צופרידענער — און איצט, לאָמיר איבער־רייסן מיט מיין טרויעריקער געשיכטע; שוין גענוג, דאָ אויפן טיש זענען נאָך פאַראַן אַזוי פיל גוטע זאַכן, וואָס איר האָט נאָך אפילו נישט אָנגערירט.

דער סוף פון וויזיט איז צוגעגאַנגען כמעט אין דער שטיל. מען האָט גערעדט ווייניק. איך בין געווען פאַרטיפט אין מיינע געדאַנקען, און דוכט זיך, אַז זיי אויך. ווען ס'איז געוואָרן שפּעטלעך, האָב איך זיי באַגלייט אַ שטיקל וועג און נאָך אַמאָל געבעטן נישט צו פאַרגעסן מאָרגן, שבת אָוונט, קומען מיט לאה'לען.

כ'בין דערנאָך לאַנג געבליבן זיצן און אַ סך נאָכגעטראַכט, צי איז דאָס אַ שפּיל מיט דער פאַנטאַזיע? אָדער אפשר בין איך טאַקע אויפן ריכטיקן וועג? און אַפילו מאָרגן ווען כ'וועל זען זיין שוועסטערל, וואָס רופט זיך לאה'לע, איז וואָס פאַראַ נייעס קאָן זי דען מיר ברענגען מיט איר באַווייזן זיך ביי מיר? אָבער ווי קומט דאָס פאַרט, וואָס אָט דער שלמהלע איז געבוירן געוואָרן פונקט אין זעלבן טאָג און אין דער זעלבער שטאָט ווי מיין שלמהלע? דאָס קען געשען, אָבער זייער זעלטן. אָט מיט די גע־דאַנקען האָב איך מיך געלייגט אויף מיין געלעגער, און פאַר מיר אַליין האָב איך אַזוי פיל מאָל איבערגעחזרט און אויסגעלייגט, אַז אפשר יאָ, און אפשר ניין, ביז כ'בין איינגעשלאָפן.

צומאָרגנס האָב איך דערוואַרט מיינע געסט און געטראַכט: לאָמיך האָבן דאָס פאַרגעניגן צו פאַנטאַזירן אַז ער איז מיין זון, און לאהלע — מיין אומבאַקאַנט טעכטערל. ס'איז דאָך גוט צו טראַכטן אַזוי אין מיין איינזאַמ־קייט, און אויב נישט, וועל איך דאָך זיי בעטן קומען צו מיר פון צייט צו צייט און ס'וועט מיך גאַרנישט אַרן אויב איך וועל זיך אַליין אָפּנאַרן און זיך איינרעדן, פאַר זייער קומען, אַז באַלד קומען צו מיר מיינע קינדער.

פאַר ניין אַ זייגער אין אָוונט האָט מען געקלונגען ביי מיין טיר. כ׳האָב זיך געאײַלט עפֿענען. אַלע דריי זענען זיי אַריינגעקומען און שלמהלע האָט פאַר מיר פאַרגעשטעלט זיין שוועסטערל לאהלע. ווען זי האָט מיר דערלאַנגט איר האַנט, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק ווי איך וואָלט איצט געדרוקט די האַנט פֿון נאַטאַלי מיידלוויז. איך האָב זי לאַנג אָבסערווירט, וועלנדיק אויף איר געפינען עפּעס אַן ענלעכקייט און ווען זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף זייערע ערטער, האָט לאַנג געדויערט אַז עמיצער זאָל דער ערשטער זאָגן עפּעס וואָס, ביז איך האָב מיך דערמאָנט, אַז זיי זענען מיינע געסט, און אַז איך מוז איבערייסן דאָס אומבאַקוועמע שווייגן.

— נו קינדערלעך, כ׳מוז אייך זאָגן, אַז איך בין ביז גאָר צופרידן פֿון אייער וויזיט, אָבער איר זענט דאָך נישט געקומען שווייגן, איז קודם־כל פאַרזוכט עפּעס און מיר וועלן זיך אונטערהאַלטן, אַזוי ווי מען זאָגט דאָס, און אפשר וועלן מיר אויך וועגן עפּעס שמועסן. היינט איז שבת אָוונט, דער שענסטער אָוונט פֿון דער וואָך, בעט איך אייך, הייבט אָן, פאַרזוכט עפּעס.

דוכט מיר, אַז איך האָב גערעדט צו זיי, נישט וויסנדיק וואָס איך רעד און ווען איך האָב צו זיי גערעדט, האָב איך נישט אָפּגעווענדט מיינע בליקן פֿון דעם מיידל לאהלע. עפּעס אַן אומבאַקאַנטער נאָענטקייט האָב איך אָפּגעפילט צו איר, טראָץ דעם וואָס איך זע איר איצט צום ערשטן מאָל; אַ נאָענטקייט פיל מערער ווי צו שלמהלען. פאַרוואָס אַזאַ געפיל, האָב איך אַליין נישט געוווּסט. עפּעס אַ מאָדנער פאַרגעפיל האָט מיך געגאַגט ביים האַרץ.. כ׳בין אַפילו גרייט געווען זי קושן, גלייך זי וואָלט טאַקע געווען מיין אייגן קינד.

די שטימונג אַרום דעם קליינעם טיש האָט זיך געענדערט צום גוטן. עס האָבן אַפילו נישט געפעלט קיין טרעפלעכע וויצן וועגן דער לעצטער מלחמה, די סיני־אַקציע; וועגן די געפונענע טויזנטער קאָנסערוון־שאַכטלען מיט חזיר־פלייש און נאָך אַנדערע פּראָדוקטן. דערביי האָט מען טאַקע

אויך פאַרזוכט פון די גוטע זאַכן וואָס איך האָב געהאַט צוגעגרייט פאַר מיינע געסט.

די אַטמאָספער איז געוואָרן אַלץ מער און מערער אַן אָנגענעמערע און כ׳האָב זיך אָפּגערופן צו זיי, אַ שמייכלדיקער, אַז כ׳האָב גאָר פאַרגעסן דאָס איך פאַרמאָג אַ פלאַש פראַנצויזישן קאָניאַק, און אַז איצט איז אַ פּאַסיקער מאָמענט צו עפענען די פלאַש, קיין בעסערע געלעגנהייט דאַרף מען גאָרנישט זוכן.

און כ׳שטעל זיך אויף פון מיין אָרט און גיי צו צום שענקל ווו די פלאַש קאָניאַק האָט זיך געפונען. איך זוך אַ ווײַלע, און דורך דער קורצער צייט, האָט שלמהלע עפּעס גערעדט מיט זיין מיידל און לאהלע, וואָס איז אין דער מינוט ווי געבליבן אַליין, האָט אָנגעהויבן אַזוי אונטערברומען אַ ניגון. האַלטנדיק שוין די פלאַש קאָניאַק אין מיין האַנט, האָב איך מיך געוואָלט אומקערן צוריק צום טיש, צו מיינע געסט. אָבער מיטאַמאָל בין איך ווי פאַראַליזירט געוואָרן; דאָס בלוט אין מיר איז ממש געגליווערט געוואָרן אין מיינע אָדערן. עס האָט מיר אַ מיש געטאָן אין קאָפּ. כ׳האָב מיך סטיכיש צוריקגערוקט צו דעם שענקל, און וואָלט דאָס שענקל געווען נאָך ווייט, וואָלט איך זיכער אומגעפאַלן אויף דער ערד. כ׳בין געבליבן שטיין ווי אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד און גאָרנישט אָפּגעפילט אַז די פלאַש קאָניאַק איז מיר אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט און מיט אַ שטאַרקן טראַסק געפאַלן אויף דער ערד און צעבראָכן געוואָרן אויף שטיקלעך.

שלמהלע און אסי זענען גלייך צוגעלאָפן צו מיר און אָנגעהויבן מיט שרעק צו שרייען:

— דאָקטאָר! וואָס איז מיט אייך? דאָקטאָר! דאָקטאָר!

איך האָב מער גאָרנישט געפילט, נישט געהערט זייער רופן צו מיר, זייער בעטן כ׳זאָל זאָגן, ענטפערן, וואָס איז מיט מיר. איך האָב געקוקט אויף לאהלען. מיינע בליקן האָבן מסתמא אויסגעזען ווי ביי איינעם וואָס איז פלוצים משוגע געוואָרן; מיינע אויערן האָבן נישט מער פאַרנומען ווי דעם ניגון, וואָס לאהלע האָט געברומט ווי פאַר זיך אַליין. דאָס איז געווען דער ניגון פון מיין ליד, „חיימקעס ליד״.

אין דער צייט ווען שלמהלע און אסי האָבן מיך אונטערגעהאַלטן, מיינענדיק אַז אָט־אָט וועל איך אומפאַלן, בין איך צו צו לאהלען און געשריגן ווי אַ ווילד־געוואָרענער, מיט אַן אוממענטשלעך קול:

— זינג, לאהלע! זינג! זינג!...

מער האָב איך נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט פון מיר. טרערן פון פרייד האָבן מיך אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז. כ׳האָב מער

נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט, ביז אַ שטראָם טרערן האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיר און אויסגעבראָכן אין אַ הויך געוויין.

שלמהלע און אסי, וואָס האָבן מיך פעסט אונטערגעהאַלטן, האָבן אָבער נישט געקענט זיך באַהערשן, דערזעענדיק מיך וויינען, האָבן זיי אויך אָנגעהויבן וויינען. לאהלע איז פאַרבליבן אַליין ביים טיש און דערהערנדיק מיינע ווילדע אויסגעשרייען „זינג לאהלע, זינג!", האָט זיך אויך אויפגעריסן פון איר אָרט, נישט קענענדיק פאַרשטיין וואָס דאָ איז געשען. זי האָט אפשר געמיינט, אַז דאָס איז זי די שולדיקע פון דעם געשעענעם, איז זי צוגעלאָפן צו אונדז מיט דער כוונה מיך צו באַרואיקן, אָבער ווי נאָר זי האָט זיך דערנענטערט צו מיר, איז מיין געוויין געוואָרן נאָך שטאַרקער.

אָבער פאַר זיי איז דאָס געשעענע, דער אויסברוך מיינער, פאַרט געווען אַן אומפאַרשטענדלעכער; האָט שלמהלע אָנגעהויבן מיר בעטן:

— דאָקטאָר, וואָס איז מיט אייך? דאָקטאָר, מיר בעטן אייך, זאָגט!

— נישט דאָקטאָר, שלמהלע, ניין, נישט דאָקטאָר! פון איצט אָן, רוף מיך פאָטער! יאָ שלמהלע, איך בין אייער פאָטער און איר מיינע קינדער! דאָס האָב איך געפילט פון דער ערשטער מינוט אָן, ווען כ'האָב דיך דערזען און מיין פאַרגעפיל האָט מיך נישט גענאַרט; דאָס האָט איצט לאהלע באַשטעטיקט מיט איר זינגען מיין ליד, „חיימקעס ליד", די מעלאָדיע קען נישט קיינער אויסער איך און די מאַמע, און אויב לאהלע האָט דאָס געזונגען, האָט זי דאָס זיכער געהערט נאָר פון אייער מוטער, מיין נאַטאַלי!

און כ'האָב זיי אַלע דריי אָנגעהויבן קושן און דערביי נישט אויפגעהערט רעדן צו זיי:

— יאָ, קינדערלעך מיינע, ענדלעך אייך אָפּגעפונען, ענדלעך, ענדלעך!

זיי האָבן געקוקט אויף מיר מיט אַזעלכע בליקן, נישט פאַרשטייענדיק צי זאָל דאָס אַלץ זיין אמת, אָדער צי בין איך עפּעס נישט אין אָרדענונג מיט די געדאַנקען. האָב איך זיי געזאָגט שוין אָביסל אַ באַרואיקטער:

— קינדער מיינע, איך פאַרשטיי אייער צווייפל, אָבער קענט איר פאַרשטיין מיין פרייד? אָט די מעלאָדיע, וואָס לאהלע האָט פריער געזונגען, אָט די מעלאָדיע האָט אייער מוטער געשאַפן פאַר מיר, ספּעציעל פאַר מיר, און מיר האָבן דאָס אַ נאָמען געגעבן „חיימקעס ליד".

און אָנכאַפּנדיק דעם אָטעם, האָב איך געזאָגט צו לאהלען:

— קום לאהלע, קום, טייער קינד מיינס, דיך האָב איך דאָך אינגאַנצן נישט געקענט, וויל ווען דו ביסט געבוירן געוואָרן, בין איך שוין געווען

ערגעץ ווייט אין דעם סיבירישן לאַגער, איז קום-זשע, לאהלע, און מיר וועלן זינגען דאָס ליד וואָס דו האָסט פריער דאָ געזונגען.

איך האָב אויסגעשטרעקט מיינע הענט צו איר, און זי, אַ ביסל צו־ריקגעהאַלטן אין איר צוטרוי צו מיר, האָט זי זיך דאָך אַריינגעוואָרפן אין מיינע אָרעמס. די מעלאָדיע האָבן אַלע געקענט, האָבן זיי זי געזונגען און איך מיט לאהלען האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ פריידיקן טאַנץ, און טאַנ־צנדיק, האָב איך געזען פאַר מיר יענעם באַלויכטענעם סאַלאָן, ווו כ׳האָב געטאַנצט מיט נאַטאַלי אויף אונדזער חתונה.

דערנאָך, ווען כ׳האָב זיי ווידער געבעטן צום טיש, ווו מיר אַלע האָבן פאַרנומען די פריערדיקע ערטער, האָב איך זיך דערמאָנט אין עפּעס און כ׳בין צו צו מיין שרייב־טיש, איך האָב געזוכט אַ ווײַלע און געפונען די פאָטאָגראַפיע פון מיר, נאַטאַלי און שלמהלע, ווען ער איז אַלט געווען 15 חדשים. דאָס האָבן מיר זיך פאָטאָגראַפירט אין שטעטל, נאָך פאַרן אויס־ברוך פון דער וועלט־מלחמה. איך האָב זיי געוויזן די פאָטאָגראַפיע און צוגעגעבן:

— דאָס ביסטו, שלמהלע, ווען דו ביסט אַלט געווען 15 חדשים. און זאָגט מיר צי איר דערקענט די מאַמאַ, צי איר דערקענט מיך?

די פאָטאָגראַפיע איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. זיי האָבן געקוקט איין מאָל און נאָך אַמאָל; געקוקט אויף מיר און די פאָטאָגראַפיע, וואָס האָט באַשטעטיקט און פאַרפעסטיקט די איבערצייגונג, אַז איך בין טאַקע נישט קיין אַנדערער נאָר זייער פאָטער.

— נו, קינדערלעך, גענוג! היינט איז ביי מיר דער גרעסטער יום־טוב, היינט בין איך דער גליקלעכסטער אויף דער וועלט, און היינט וועלן מיר פייערן דאָס אָפּגעפונען אייך נאָך אַזוי פיל יאָרן פון זיין צעשיידט, נאָך אַזויפיל יאָרן פון מיין אַרומזוכן אייך.

דערנאָך האָב איך מיך געווענדעט צו לאהלען:

— זאָג מיר, טייער קינד, ביסט שוין אַמאָל געזעסן אויף דער שויס פון דעם, וואָס דו האָסט ביז איצט גערופן פאָטער? האָט ער דיר שוין אַמאָל אַ קוש געטאָן? האָט ער דיר שוין עפּעס דערציילט? און צי האָט ער אייך שוין אַמאָל עפּעס מיטגעברענגט פון גאַס, אַזוי ווי אַ פאָטער טוט דאָס געוויינלעך? זאָגט, ענטפערט מיר!

לאהלע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין״.

— איז אויב אַזוי לאהלע, קום־זשע איצט צו דיין פאָטער אויף דער שויס, קום, ווייל דיך האָב איך דאָך נאָך קיינמאָל נישט געהאַלטן אויף מיין שויס!

אַן וואַקלענישן האָט לאהלע זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט, איז צו־געקומען אַ שמייכלדיקע, זיך געזעצט אויף מיין שויס, מיך אַרומגענומען מיט אירע צאַרטע הענט און דערביי געפרעגט:

— און איצט? וואָס קלערסטו צו טאָן?

— יאָ טאַקע — רופט זיך אָן שלמהלע — ווּעסטו זען די מאַמאַ?

איך האָב שוין איצט אויך געטראַכט דאָס זעלבע און זיי געענטפערט:

— הערט מיך אויס, קינדערלעך, איין זאַך ווייס איך אויף באַשטימט: אַז דאָ איז אָפּגעטאָן געוואָרן אַ פאַרברעכן; אַ פאַרברעכן קעגן מיר, קעגן אייך און קעגן דער מאַמאַ. איך ווייס אָבער נישט ווער ס׳איז אָט דער פאַר־ברעכער, וואָס האָט אייך אַלע אויסבאַהאַלטן פון מיר און מיך פון אייך. ס׳קען מיר גאָרנישט קומען אויפן געדאַנק, אַז די מאַמאַ זאָל דאָ האָבן עפּעס אַ געוויסן חלק פון מיטשולד, דאָס איז אוממעגלעך, אַז די מאַמאַ זאָל וויסן אַז איך לעב און געפין זיך דאָ אין לאַנד, דעריבער מיין איך, אַז דאָ מוז מען האַנדלען זייער פאָרזיכטיק; ווען כ׳באַווייז מיך אַזוי פּלוצים פאַר איר, קען דאָס מיטברענגען שווערע רעזולטאַטן צוליב איבעראַשונג. איך האָב אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

— ווייסט איר וואָס, קינדערלעך? מאָרגן זונטיק, ווען אייער ביז איצטיקער פאָטער וועט אַוועק צו זיין באַשעפטיקונג, זאָלט איר פרעגן דער מאַמאַ, צי איז אָט דער מאַן אירער, אייער אמתער פאָטער? איר וועט זאָגן, אַז איר האָט פון ווּעמען עפּעס געהערט, ווילט איר דאָס אומבאַדינגט וויסן; אויב די מאַמאַ האָט דאָס אויסבאַהאַלטן פאַר אייך צוליב סיבות וואָס זענען מיר נאָך אומבאַקאַנט, וועט זי אָבער נאָך אייער פרעגן, מער אייך נישט נאַרן און זי וועט אייך זאָגן דעם אמת. נאָר איך בעט אייך, איר זאָלט נישט דערמאָנען דערביי אַז איר האָט מיך געזען, און אויך נישט זאָגן, אַז איר ווייסט אַז איך לעב. דאָס לאָזט פאַר מיר, און איר מעגט איר אויך פרעגן, וואָס עס איז געשען מיט אייער אמתן פאָטער. נו? וועט איר פעאיק זיין אויף אַזאַ אויספאָרשונג?

כ׳האָב נישט גלייך באַקומען קיין ענטפער אויף מיינע ווערטער. זיי אַלע זענען געבליבן זיצן שטאַרק פאַרטראַכטע, דערנאָך רופט זיך אָפּ שלמהלע:

— זאָרג זיך נישט, פאָטער, מיר וועלן שוין דאָס דערלעדיקן ווי ס׳דאַרף צו זיין. מאָרגן אין דער צייט, וועסטו שוין אַלץ וויסן.

— און איצט קינדערלעך, וועט איר זיך גרייטן אַהיימצוגיין, ס׳ווערט שפּעט. איך וועל אייך באַגלייטן צום אויטאָבוס.

און ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן בין איך געקושט געוואָרן פון מיינע ביידע אייגענע קינדער, ווען זיי האָבן זיך מיט מיר געזעגנט ביז מאָרגן.

**
*

דאָקטאָר גורעלי האָט איצט ווידער איבערגעריסן זיין דערציילן, און צו דער פאַרוואונדערונג פון אַלע אַרום, האָט ער אַרויסגענומען זיין טאַשן־טיכל, כדי אויסצווישן זיינע פייכט געוואָרענע אויגן, און נאָך אייניקע מינוטן פון אַ הערשנדיקן שטילשווייגן, ווייל קיינער האָט גאָרנישט געפרעגט, זיי האָבן דערוואַרט דאָס ווייטערדיקע, וואָס דאַרף פאַר זיי אויפדעקן אַזויפיל, האָט דאָקטאָר גורעלי פאָרגעזעצט:

— כ׳ווייס נישט, צי ווען פון אייך איז שוין אויסגעקומען צו וואַרטן אויף אַ גאַר וויכטיקע נייעס, וואָס יעדע מינוט איז נישט נאָר לאַנג, נאָר זעט אויס צו ציען זיך ווי אַ יאָר.

47

בקיצור, כ׳האָב דערלעבט דעם אָוונט, מיינע קינדער זענען געקו־מען צו מיר, בלויז לאהלע און שלמהלע; אסי איז נישט מיטגעקומען. כ׳האָב נישט געפרעגט פאַרוואָס, כ׳האָב אויך דערקענט אין זייערע ערנסטע אויס־דרוקן, אַז זיי האָבן מיר גאָר וויכטיקע נייעס איבערצוגעבן. ביים אַריינ־קומען, האָבן זיי מיך שטאַרק געקושט, זיי זענען פשוט אַרויפגעפאַלן אויף מיר.

און איצט, מיינע ליבע, וועל איך אייך דערציילן נישט ווי איך וואָלט דאָס בלויז געהערט, נאָר ווי איך אַליין וואָלט געווען דערביי און זיך צו־געהערט צו דעם אַלעם, וואָס איז פאָרגעקומען, און צו דעם געשפרעך פון מיינע קינדער מיט זייער מוטער.

זונטיק נאָך מיטאָג, ווען זיי זענען געבליבן אַליין מיט זייער מוטער, איז פאָרגעקומען אַזאַ מין געאַמפער צווישן שלמהלע מיט לאהלע, ווער ס׳זאָל אָנהייבן דער ערשטער רעדן. ווען די מוטער איז געווען אין דעם זעלבן צימער, האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט ווי פרעמדע, ווי געקוועלט פון געפינען זיך אין אַ פרעמדער וווינונג. ווי נאָר זייער מוטער האָט פאַרלאָזט דאָס צימער אויף אַ ווײַלע, איז זייער געשפרעך ווידער אָנגעגאַנגען, און אַזוי עטלעכע מאָל, ביז זייער מוטער איז עפּעס אויפפאַלנדיק געוואָרן זייער אויסהיטן זיך פאַר איר. זי איז געבליבן שטיין, זיי באַטראַכט מיט אַ שמייכל און געזאָגט:

— קינדער, וואָס איז דאָס היינט מיט אייך? עפּעס זעט איר מיר אויס ווי איר וואָלט זיך מיט עפּעס געהיטן פאַר מיר. האָט איר נישט אַמאָל אָפּגעטאָן עפּעס אַזעלכעס וואָס איר האָט אפשר מורא מען זאָל אייך דער־פאַר נישט מאַכן קיין פאָרווורפן?

— מיר האָבן אָפּגעטאָן? — האָט לאהלע געענטפערט — מיר האָבן מורא פאַר פאָרווורפן? אפשר האָסטו גאָר אָפּגעטאָן אַזאַ זאַך, וואָס מען דאַרף דיר דערפאַר מאַכן פאָרווורפן?...

זי האָט אויפגעהערט שמייכלען, זיך דערנענטערט צו זיי און מיט אַ מאָדנער שרעק אין איר קול געפרעגט:

— שלמהלע! לאהלע! ווי אַזוי רעדט איר? וואָס פאַראַ ווערטער הער איך דאָ? וואָס אַזעלכעס האָב איך געטאָן, קינדער מיינע?

— מאַמאַ, הער איר נישט, זי איז אויפגערעגט און ווייס נישט וואָס זי רעדט.

— ניין שלמהלע, דאָס זענען עפּעס נייע ווערטער, וואָס כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט. איך זע אייך אין אַזאַ צערודערטן צושטאַנד, איך בעט אייך, זאָגט מיר וואָס אַזעלכעס האָב איך אָפּגעטאָן, אַז מען דאַרף מיר מאַכן פאַרווורפן?

— מאַמאַ! — האָט ווידער לאהלע זיך אָנגערופן — מיר ווילן דיך עפּעס פרעגן און מיר בעטן דיך אונדז זאָגן דעם אמת.

אינגאַנצן אַן איבערגעשראָקענע, האָט זי אויסגערופן:

— קינדער, וואָס פאַראַ אמת? וועלכן אמת ווילט איר וויסן?

— מאַמאַ — האָט שלמהלע זיך אָפּגערופן — כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז לאהלע איז אויפגערעגט. הער מיך אויס, פאַרשטייסט... מיר האָבן עפּעס געהערט, און דאָס געהערטע האָט אונדז אַ ביסל צערודערט. מיר זענען דאָך נישט מער קיין קליינע קינדער. מיר זענען דאָך שוין דערוואַקסענע, דערפאַר ווילן מיר דיך פרעגן און מיר בעטן דיך זאָלסט אונדז זאָגן צי איז דער, וועמען מיר האַלטן פאַר אונדזער פאָטער, טאַקע אונדזער אמתער פאָטער?

זיי האָבן באַמערקט אַ געוואַלטיקע ענדערונג אויפן פּנים פון זייער מוטער. זי איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך, זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרץ און מיט אַ שטאַרקן זיפץ אַרויפגעפאַלן אויף אַ שטול, וואָס איז געשטאַנען נעבן איר. נאָך אַ לענגערע ווײַלע האָט זי קוים אַרויסגעזאָגט די ווערטער:

— וואָס עפּעס פּלוצים אַזאַ פראַגע?

— מאַמאַ, פאַר וואָס ענטפערסטו מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע? מיר האָבן דאָך דיר עפּעס געפרעגט.

זי האָט אָנגעהויבן שאָקלען מיטן קאָפּ אויף ניין און אין אירע בליקן האָט מען געקענט באַמערקן אַ באַהאַלטענער שרעק.

— ניין, ניין קינדערלעך, ער איז נישט אייער פאָטער!

לאהלע מיט שלמהלע האָבן זיך אָנגעקוקט מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל, דערנאָך האָט שלמהלע ווידער געפרעגט:

— פאַרוואָס, מאַמאַ, האָסטו אויסבאַהאַלטן פאַר אונדז אַזוי לאַנג דעם סוד? איז וואָס איז געשען מיט אונדזער פאָטער? פאַר וואָס האָבן מיר

דאָס קיין מאָל נישט געוווּסט? אויב לעבט ער נישט מער, איז דאָך אונדזער הייליקער חוב אַמאָל קדיש זאָגן, אָדער צינדן אַ יאָרצייט-ליכט...

די מוטער איז אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, און נאָך אַ לענגערע צייט, ווען זי האָט זיך ענדלעך אַביסל באַהערשט, האָט זי געזאָגט:

— פאַרוואָס האָט איר איצט ווידער געעפנט מיינע ווונדן, וואָס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פאַרהיילן?

— וועלכע ווונדן? וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן? — האָט לאהלע געפרעגט — האָסטו דען נישט געקענט אויסמיידן אָט דאָס, וואָס דו רופסט אָן, שוין באַלד פאַרהיילטע ווונדן?...

— לאהלע?! ווי אַזוי רעדסטו צו מיר? ווי אַזוי האָב איך געקענט דאָס אויסמיידן? אייער פאָטער איז דאָך אומגעקומען ביי אַזעלכע שרעק־לעכע באַדינגונגען צוגלייך מיט אַנדערע טויזנטער; און וואָס באַשולדיקט איר מיך? יאָ, קינדערלעך, ווייסט איר דען, וואָס ס'איז געשען אין דער שרעקלעכער צייט פון דער מלחמה? זענען דען נישט פאַראַן קיין טויזנטער יתומים?

— ביסטו טאַקע זיכער, אַז אונדזער פאָטער איז אומגעקומען? — פרעגט לאהלע.

— וואָס פלאַפלסטו?! — האָט שלמהלע איר אָנגעשריגן.

די מוטער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן פאַר לאהלען, זיך אָנגעכאַפּט אין איר קלייד, אַז זי האָט דאָס שיעור נישט אַראָפּגעריסן פון איר.

— קינד מיינס! קינדער מיינע! זאָגט, זאָגט וואָס איר ווייסט! איך גיי אַראָפּ פון זינען, איך בעט אייך, זאָגט עס מיר!

— מאַמאַ, מיר ווייסן פון גאָרנישט, מיר ווייסן גלייך מיט דיר, דאָס וואָס לאהלע זאָגט דיר, איז פון אויפרעגונג, פון די ערשטע מינוט אָן איז זי אויפגערעגט. אָבער דו, מאַמאַ, זאָג אונדז פון וואַנען ווייסטו, אַז אונדזער פאָטער איז אומגעקומען, און פאַרוואָס האָסטו דאָס אויסבאַהאַלטן פאַר אונדז?

זי האָט זיך גלייך איבערגעוואָרפן צו שלמהלען, און אָנגעהויבן שרייען ווי נאָך קיינמאָל נישט.

— האַלט איר מיך, הייסט עס, פאַר שולדיק אין דעם אומקום פון אייער פאָטער — איז טאַקע צייט, אַזוי ווי איר האָט שוין אויפגעוועקט מיינע ווונדן, מיר אַלץ צו זאָגן וואָס איר טראַכט. שטראָפט מיך מיט וואָס איר ווילט, איך בין גרייט אויף אַלעם!

— מאַמאַ! מיר ווילן דיך גאָרנישט שטראָפן! פאַרוואָס זאָלסטו זאָגן אַזעלכע ווערטער און דערמיט אונדז אַזוי פיל וויי טאָן? מיר ווילן פון דיר

בלויז, זאָלסט אונדז דערציילן וואָס דו ווייסט, ווייל ביז איצט האָבן מיר דאָך נישט געוווּסט, אַז אונדזער פּאָטער איז אומגעקומען. פאַרוואָס זאָלן מיר נישט טרויערן נאָך אים?

איצט, נאָך די ווערטער פון שלמהלען, אַ ביסל אַ באַרואיקטע נאָך דער שרעק, וואָס לאהלעס ווערטער האָבן ביי איר אַרויסגערופן, האָט די מוטער לאַנג געקוקט אויף אירע קינדער, וואָס זענען געשטאַנען אין דער־וואַרטונג זיך צו דערוויסן דעם סוד.

— מיינע ליבע קינדערלעך — האָט די מוטער געזאָגט — אַלץ וואָס איז געשען, איז געווען צוליב אייך, ווען איך בין פאַרשיקט געוואָרן מיט טויזנטער אַנדערע אומגליקלעכע, אַזוי ווי איך, מיט דיר, שלמהלע, אויף דער האַנט און מיט לאהלען אונטער מיין האַרץ, האָב איך דעמאָלט צום לעצטן מאָל געזען אייער פּאָטער. דאָס איז געווען אין יאָר 1940, און פון דעמאָלט אָן, האָב איך נישט באַקומען קיין שום צייכן, קיין שום סימן, אַז ער לעבט, אַז ער געפינט זיך ערגעץ. אָבער איך האָב נישט פאַרלוירן די האָפענונג, איך האָב געוואַרט, געליטן, געחלומט און געהאָפט, אַז ס׳וועט קומען אַ סוף צו דעם שרעקלעכן קאָשמאַר. די מלחמה וועט זיך ענדיקן און מיר וועלן יוידער זיין צוזאַמען. די מלחמה האָט זיך טאַקע געענדיקט און מען האָט אונדז פריי געלאָזט, כדי צו גיין אָפּזוכן אונדזערע טייערסטע און נאָענטסטע. איך האָב נישט אויפגעהערט זוכן, ביז מיר זענען אָנגעקומען, מיט נאָך טויזנטער יידישע פּליטים, קיין דייטשלאַנד. ווידער אין אַזעלכע לאַגערן, אָבער שוין באַפרייטע. איך האָב דאָרט באַקומען אַ ווינקל פאַר מיר און פאַר אייך, קינדער. צום עסן האָט אונדז שוין דעמאָלט נישט גע־פעלט. איז מען אַזוי געזעסן חדשים לאַנג און געוואַרט, געצאַפּלט און גע־האָפט. יעדן טאָג זענען אָנגעקומען נייע פּליטים, פרויען האָבן געפונען זייערע מענער, און איך האָב געטראַכט, אַז אין אַ געוויסן טאָג, וועט אייער פּאָטער אויך זיך באַווייזן. אָבער דער געוויסער טאָג איז געווען אַן אַנדערער, אַ טרויעריקער. אָט וואָס כ׳האָב זיך אַ געוויסן טאָג דערוווּסט:

כ׳בין געווען אין דרויסן, נעבן אונדזער שטוב; כ׳האָב דעמאָלט גראָד געוואַשן וועש פאַר אייך. דאָס גערודער און געטומל איז געווען אויסערגע־וויינלעך, און מיט אַמאָל האָט זיך איינער אָוועקגעשטעלט נישט ווייט פון מיר און מיך כסדר אָבסערווירט. ווען כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם דאָ־זיקן מענטשן, האָט מיר באַלד אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן. כ׳האָב זיך צוגעהאַלטן פאַרן בענקל, ביי וועלכן איך בין געשטאַנען, כדי נישט אומ־צופאַלן אויף דער ערד. דער דאָזיקער מאַן האָט דערזען די שלעכטע וויר־

קונג אויף מיר פון זיין באַוויזן זיך, האָט ער מיך בלויז באַגריסט און איז אַוועק.

צוויי טעג דערנאָך האָט ער זיך ווידער אַרומגעדרייט נעבן אונדזער שטוב און ווען כ׳בין צופעליק אַרויס אין דרויסן, האָט ער מיך ווידער באַגריסט און איז ווידער אַוועק.

צום דריטן מאָל, ווען ער האָט מיך דערזען, איז ער שוין צוגעקומען צו מיר און געזאָגט:

— נאַטאַלי, איך קען מער נישט באַהאַלטן דעם סוד, וואָס איך טראָג אין מיר אַרום. דאָס איז אַזאַ סוד, וואָס איך מוז דיר דאָס זאָגן.

— גיי מיט דיינע סודות — האָב איך געענטפערט דעם מענטשן, וואָס כ׳האָב אים געקענט פון די יונגע יאָרן, און כ׳האָב מיך פאַרנומען צו גיין מיין וועג.

— ניין, נאַטאַלי — האָט ער אויסגעשריגן — מיין נישט, אַז ס׳איז אַמאָל, אין די ייִנגלערישע יאָרן, ווען מען איז געווען נאַריש און לייכט־זיניק. אין דער מלחמה, אין די שרעקלעכע צרות, האָט דער מענטש באַקומען אַן אַנדערן שכל. מען איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן און אויסגעניכטערט און מען קוקט היינט אויף דער וועלט מיט אַנדערע אויגן. דאָס וואָס איך האָב דיר צו זאָגן, איז ביז גאָר ערנסט, און איך בעט דיך זאָלסט מיך אויס־הערן.

כ׳בין געבליבן שטיין און געוואַרט צו הערן, וואָס אַזעלכעס ער האָט מיר צו זאָגן.

— נאַטאַלי, איך האָב געשווירן ביי זיין טויטן־בעט, אַז איך וועל האַלטן וואָרט, אויב איך וועל דיך געפונען; אַז איך וועל אויספירן די צוואה וואָס איז מיר אָנפאַרטרויט געוואָרן. דעריבער בעט איך דיך, זיי שטאַרק... און הער מיך אויס.

מיינע פיס זענען שוין געווען, נאָך די געזאָגטע ווערטער, ווי אונטער־געהאַקט. מיט אַ ציטער אין האַרץ האָב איך דערוואַרט צו הערן דאָס שרעק־לעכע. ער האָט פאַרגעזעצט:

— איך האָב זיך געפונען צוזאַמען מיט דיין חיימקע אויף פאַרשיקונג. דאָרט איז די לאַגע געווען אַ שרעקלעכע. מיר זענען צעפרעסן געוואָרן פון די לייז. צענדליקער זענען אומגעקומען יעדן טאָג פון הונגער, פון פראָסט און פון פאַרשידענע קראַנקהייטן. איינמאָל האָט זיך מיר איינגעגעבן גנבענען אַ ברויט, אַ העלפט דערפון האָב איך געגעבן חיימקען און ער האָט מיר אַזוי געזאָגט: „נישט נויטיק געווען דאָס צו טאָן, מיר וועט דאָס שוין מער נישט העלפן. איך פיל ווי די כוחות פאַרלאָזן מיך און כ׳וועל שוין לאַנג

נישט אויסהאַלטן״. צומאַרגנס, ווען מען האָט אונדז צוריקגעטריבן פון אונדזער שקלאַפן־אַרבעט, האָט ער זיך דערפילט זייער נישט גוט. איך בין גראָד געזעסן נעבן אים, כ׳האָב נישט אויפגעהערט אים טרייסטן, אָבער ער האָט מיר דאָן אַזוי געזאָגט:

— איך פיל, אַז דאָס זענען שוין מיינע לעצטע מינוטן, וויל איך דיר זאָגן, אַז נאַטאַלי האָט שוין איצט צוויי קינדער און איך ווייס אַז מיינע קינדער וועלן בלייבן יתומים. וויל איך אַז דו, וואָס דו ביסט דער נאָענס־טער מענטש דאָ, זאָלסט זיין אַ פאָטער צו מיינע קינדער, אַז מיינע קינדער זאָלן נישט זיין קיין יתומים. זאָג מיר דאָס צו, אַז דו וועסט אָפּהיטן און אויך אויספירן מיין צוואה און כ׳מוז דיר זאָגן, נאַטאַלי, אַז ווייניקער ווי אַ שעה דערנאָך, האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה.

כ׳האָב אויסגעהערט די רייד און איך ווייס נישט וואָס מיט מיר איז דערנאָך געשען... כ׳בין ווייזט אויס אַוועקגעפאַלן אין חלשות. ווען כ׳האָב אין אַ צייט אַרום געעפנט די אויגן, איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען נעבן מיר און מיך אונטערגעהאַלטן, ווען כ׳האָב זיך אַ ביסל באַרואיקט, האָט ער מיר ווייטער גערעדט:

— זיי שטאַרק, נאַטאַלי, אין דעם פאַל ביסטו דאָך נישט די איינציקע. די מלחמה האָט דאָך פאַרטיליקט אַזוי פיל, אַזוי פיל. ווי דו זעסט, האָב איך עס דיר נישט גלייך געזאָגט ביים זען דיך צום ערשטן מאָל. איך בין נישט געווען דעצידירט אַנצוזאָגן דיר אַזאַ טרויעריקע בשורה און ווען איך וואָלט נישט געווען אים געשווירן פאַר זיין טויט, וויס איך גאָרנישט צי איך וואָלט געזוכט דיך צו באַגעגענען, און דיר ברענגען אַזאַ טרויעריקן גרוס. זיין צוואה האָט מיך אָבער געצוווּנגען צו האַלטן וואָרט, אָפּהיטן זי ווי אַ הייליקייט. אַז כ׳זאָל זיין אַ פאָטער צו זיינע קינדער, איצט ווענדעט זיך דאָס נאָר אין דיר. טראַכט עס איבער — האָט ער לסוף געזאָגט, און ער איז אַוועק.

טעג און נעכט, האָב איך זיך דערנאָך געפּייניקט, נישט אויפגעהערט וויינען און באַווייגען אייער טייערן פאָטער, מיין חיימקע, און כ׳האָב זיך געמאַטערט מיטן געדאַנק: זאָל איך מסכים זיין, אָדער נישט? איך האָב אים געקענט פאַר אַ לייכטזיניקן בחור און דאָ האָט ער גערעדט מיט טרערן אין די אויגן. כ׳בין יעדער נאַכט געשטאַנען נעבן אייער געלעגער, קינדער־לעך. איר האָט נישט געזען מיינע טרערן ווען איך האָב זיך געפרעגט: זאָל איך אייך געבן אַ פאָטער? זאָל איך אייך געבן אַ היים? איך שווער אייך, קינדער מיינע, ווען איך וואָלט געווען אַליין, וואָלט איך קיין איין שעה מער נישט געלעבט; אויב מיין טייערער איז אומגעקומען, איז נאָך וואָס

לעבן? איך האָב מיט זיך געקעמפּט, ביז כ׳האָב באַשלאָסן, פאַר אייך, נאָר פאַר אייך, קינדער, אויספירן די צוואה, די לעצטע ווערטער פון אייער טייערן פאָטער, און געבן אייך אַ היים, אַ פאָטער, אַז איר זאָלט נישט פילן דעם טעם פון זיין יתומים, איר זאָלט זיין גליקלעך.

אין איינעקע טעג אַרום, ווען ער איז ווידער געקומען צו מיר, האָב איך אים געזאָגט:

— אויב איז דאָס געווען דער ווונטש פון מיין חיימקע, וועל איך זיין ווונטש דערפילן, נאָר מיט אַ באַדינג: זיין ווונטש איז געווען, אַז דו זאָלסט זיין אַ פאָטער צו זיינע קינדער, אָבער קיינמאָל נישט אַ מאַן צו זיין פרוי, דו הערסט? קיינמאָל נישט!

ער האָט מסכים געווען און דערנאָך מיר אַזוי געזאָגט:

— פאַרשטיי מיך, נאַטאַלי, כדי די קינדער זאָלן נישט אָפּפילן דאָס אומנאַטירלעכע, אַז ס׳איז עפּעס נישט אַזוי ווי ס׳דאַרף זיין, כדי זיי זאָלן באמת זיין גליקלעך, האָב איך צוגעטראַכט אַ פּלאַן: אַזוי ווי דיין שלמהלע איז שוין באַלד אַכט יאָר אַלט, אַ קינד, וואָס פאַרשטייט שוין עפּעס, קענסטו דאָך נישט אויפנעמען דעם פאָטער, וואָס איז צוריקגעקומען, ווי אַ פרעמדן, דו מוזט דאָך אויך אַרויסווייזן אַ געוויסע פרייד, וועל איך צושיקן צו אייך אַ מענטשן, וואָס וועט אייך אָנזאָגן, אַז איך בין דאָ, אַז איך קום, דאָס וועט הייסן, אַז דיין מאַן און דער פאָטער פון דיינע קינדער איז צוריקגעקומען. דו האָסט דאָך זיכער דערציילט דיינע קינדער, אַז זייער פאָטער דאַרף אָנקומען, איז זאָלן דיינע קינדער זיך פרייען מיט אַן אמתער פרייד, די קינדער האָבן דאָך נישט געקענט חיימען, דו פאַרשטייסט, וואָס איך מיין?

— יאָ, קינדער מיינע, צוליב אייך בין איך מסכים געווען צו זיין פּלאַן, און אפשר געדענקט איר יענעם טאָג, ווען איך בין געווען געצוווּנגען, צוליב אייך, אים אַ קוש טאָן? אָבער טראָץ אַלעם, האָט ער זיין וואָרט געהאַלטן. ער איז געקומען און מיר אויך געוויזן, אַז ער האָט אַ סערטיפיקאַט אויף צו פאָרן לעגאַל קיין ישראל, און אַז ער קען צום סערטיפיקאַט צושרייבן מיך ווי זיין פרוי און אייך ווי זיינע קינדער. מיר זענען אָפּגעפאָרן אין לאַנד און איך האָב אייך געזען גליקלעכע. איר זענט געוואַקסן, גרעסער געוואָרן, געהאַט אַ היים, און דערפאַר בין איך געווען גליקלעך, אָבער איך האָב קיין מאָל נישט פאַרגעסן אין מיין חיימקע, אין אייער אמתן פאָטער, און אַזוי ווי איר זענט שוין איצט גרויס, איר פאַרשטייט שוין דאָס צוזאַמענלעבן פון מאַן און פרוי, מוז איך אייך זאָגן, אַז אַ לענגערע צייט האָב איך אים נישט צוגעלאָזט צו מיר. איך האָב אים שטענדיק דערמאָנט די צוואה פון חיימקען, האָט ער מיר איינמאָל אַזוי געזאָגט:

— הער מיך אויס, נאַטאַלי, געזעצלעך ביסטו מיין פרוי און איך בין אויך דער פאָטער פון דיינע קינדער. אויב דו ווילסט אייביק האַלטן דאָס וואָס חיימקע האָט געזאָגט אין זיינע לעצטע ווערטער, וועל איך דיר דאָס נישט שטערן, אָבער דו מוזט פאַרשטיין, אַז מען קען נישט אייביק לעבן מיט אַ טויטן, אין דער צייט ווען דו האָסט ביי דיר אין שטוב אַ לעבעדיקן מאַן, וואָס אַרבעט פאַר דיר, וואָס זאָרגט פאַר דיר און פאַר דיינע קינדער. איז אויב ווילסטו דאָך זיין פאַר מיר שטענדיק אַזוי פאַרשלאָסן, מוזטו פאַרשטיין, אַז איך בין אַ מענטש פון פלייש און בלוט, איך דאַרף האָבן אַ פרוי, און דיין באַציאונג צו מיר קען מיך צווינגען, איך זאָל אָנהייבן פאַרקערן מיט גאַסן־פרויען, און דאָס קען באַמערקט ווערן דורך אונדזערע באַקאַנטע, אַפילו אויך דורך שכנים, וואָס וועלן זיך שושקען וועגן דעם, אַז איך לויף צו גאַסן־פרויען. דערפאַר בעט איך דיך, זאָלסט זיך וועגן דעם גוט באַטראַכטן.

יאָ, קינדערלעך, זיינע אַרגומענטן זענען געווען גענוג שטאַרק, און איך האָב נישט געקענט געפינען קיין קעגן־אַרגומענטן, און כ׳בין געצוווּנגען געוואָרן אונטערגעבן זיך זיין ווילן.

אָט דאָס, קינדערלעך, האָב איך געהאַט אייך צו זאָגן, און אויב איר געפינט אויס, אַז מען דאַרף מיך דערפאַר באַשטראָפן, בין איך גרייט אויפצונעמען יעדער שטראָף.

— יאָ, מאַמאַ, ביסט ווערט אַ שטראָף, אַ גרויסע שטראָף! — האָט לאהלע אויסגעשריגן — פאַרוואָס האָסטו געגלויבט אַלץ וואָס ער האָט דיר דערציילט? פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי לייכט אונטערגעגעבן דעמאָלט זיין ווילן? ווען דו וואַרטסט נאָך אַ פּאָר טעג אָדער וואָכן, וואָלט דיין חיימקע, אונדזער פאָטער, אָנגעקומען... און ס׳איז גאָרנישט אויסגעשלאָסן אַז אונדזער פאָטער זאָל אפשר מאָרגן דאָ אַריינקומען!...

— לאהלע! קינדער מיינע, וואָס האָט איר גע... — מער האָט זי נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט. זי האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט און זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו אונדז מיט אַזעלכע אויגן, וואָס האָבן אונדז אָנגעהויבן שרעקן, אָבער זי איז נישט דערגאַנגען, זי איז מיטאַמאָל אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד און געבליבן ליגן אָן שום באַוועגונג, אָן אַ סימן פון לעבן. מיר האָבן זיך גלייך געוואָרפן צו איר, אָנגעוואָנדן אַלץ, וואָס מען דאַרף טאָן אין אַזאַ מאָמענט, כדי צו מונטערן. ווען זי איז אַביסל געקומען צו זיך, האָט זי זיך אַרומגעקוקט, גלייך ווי זי וואָלט איצט געזען די שטוב, און אויך אונדז, צום ערשטן מאָל. מיר האָבן איר געגעבן עפּעס צום טרינקען. נאָכן ערשטן שלונק, האָט זי אונדז אָפּגעשטויסן פון זיך, און

איז אַזוי געבליבן זיצן, קוקנדיק ערגעץ אויף אַ פּונקט, אַזוי אַ לענגערע צייט, ביז זי האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרקן, און געפרעגט מיט אַ גאַר שוואַכע שטימע:

— וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? זאָגט מיר, איז דאָ ווער געווען?

— ניין מאַמאַ, ס'איז דאָ קיינער נישט געווען.

— קיינער נישט? קיינער נישט? — האָט זי עטלעכע מאָל איבער־געחזרט — איז פאַרוואָס האָט זיך מיר געדוכט, אַז ס'איז יאָ ווער דאָ גע־ווען, עפּעס אַ נאָענטער מענטש, אַ גאַר נאָענטער מענטש. — זי האָט אָנ־געהויבן וואַנדערן מיט אירע בליקן אַרום דעם צימער, און ווייטער גע־רעדט ווי צו זיך אַליין:

— דוכט מיר, אַז כ'האָב געזען חיימקען, מיין חיים איז דאָ געווען? זאָגט מיר, פאַרוואָס באַהאַלט איר אַזוי אַלץ פאַר מיר? פאַרוואָס סודעט איר זיך אַזוי פיל? וואָס קומט דאָ פאָר? קינדער מיינע, זאָגט מיר, איז דאָ קיינער נישט געווען?

מיר האָבן זי אַריינגעפירט אין איר שלאָפצימער און געטראַכט וועגן רופן אַ דאָקטאָר. מיר האָבן אויך געטראַכט, אפשר רופן דיך, פּאַפּאַ? דו וואָלסט דאָך געווען פאַר איר דער בעסטער דאָקטאָר. פאַר נאַכט איז איר אַביסל בעסער געוואָרן, און ווען „ער" איז געקומען, זענען מיר אַוועק און געקומען צו דיר.

אָט דאָס, פאָטער, האָבן מיר געהאַט דיר צו דערציילן.

אַ לאַנגע צייט דערנאָך האָט געהערשט אין צימער אַ שטילשווייגן. די קינדער האָבן מער גאַרנישט געהאַט וואָס צוצוגעבן און אויך איך האָב מער גאַרנישט געהאַט וואָס צו פרעגן. אָבער טראָץ דעם, וואָס איך האָב שוין פאַרשטאַנען, ווער דאָס איז אָט דער עקלהאַפטער מענטש, האָב איך דאָך, כדי צו זיין אינגאַנצן זיכער, געפרעגט:

— יאָ קינדער טייערע, איך האָב אַלץ זייער גוט פאַרשטאַנען, און טראָץ דעם, וואָס איך ווייס שוין אויף באַשטימט ווער דאָס איז אָט דער, וואָס האָט אייער מאַמאַ, און אויך מיך, אַזויפיל געגאַרט, זאָגט־זשע מיר: האָט ער זיך נישט גערופן פריער מיטן נאָמען נאָטאַן?

— יאָ, פאָטער — האָט שלמהלע געענטפערט.

— אַזוי, אָט דער פאַרברעכער האָט דאָס מיך פאַרטרעטן, אָט דער האָט צוגערויבט מיין היים, מיין פרוי און קינדער, אָט דער נאָטאַן!

איך האָב אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבערן צימער אַהין און צוריק, ווען כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט נעבן מיינע קינדער, האָט לאהלע געפרעגט:

— ווי אַזוי קלערסטו איצט צו האַנדלען? וואָס באַשליסטו צו טאָן?

כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע, זיי צוגערופן צו מיר און געזאָגט:

— זעצט אייך דאָ, נעבן מיר, און מיר דריי וועלן באַשליסן, וואָס אָנהייבן טאָן. פאַרשטייט זיך, אַז מען טאָר דאָס נישט אָפּלייגן אויף שפּעטער, ס׳איז שוין געווען גענוג שפּעט און כ׳קען אייך נאָר זאָגן, אַז מאָרגן בין איך ביי אייך, יאָ, מאָרגן! אָבער ס׳וועט הייסן, אַז נישט איך בין עס. דאָס טו איך, פאַרשטייט זיך, צוליב דער מאַמאַ, אַזוי ווי זי איז שוין אַביסל נישט אין אָרדענונג מיטן געזונט, טאָר איך זיך נישט באַווייזן גלייך פאַר איר.

— ווי אַזוי וועסטו דאָס טאָן? — האָבן ביידע געפרעגט מיט נייגעריקייט.

— גאַנץ פּשוט, איך וועל זיין אַזוי פאַרשטעלט, אַז איר אַליין וועט מיך נישט דערקענען, און אַזוי אַרום וועל איך זיך באַווייזן פאַר אים; כ׳וועל שוין האָבן וועגן וואָס מיט אים צו שמועסן. כ׳וועל אים צופירן צו אַזאַ צושטאַנד, אַז ער זאָל ווערן אויפגערעגט; ערשט דעמאָלט וועל איך זיך פאַר אים פאַרשטעלן, און מען וועט זען וואָס ס׳וועט ווייטער געשען.

לאהלע און שלמהלע האָבן געשוויגן. זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט ווי אַזוי ס׳וועט אויסזען אָט די סצענע, וואָס זייער פאָטער גרייט צו אויף מאָרגן און נאָך אַ קורץ שוויגן, האָב איך פאַרגעזעצט:

— מאָרגן וועל איך צו אים אָנקלינגען און אים פרעגן ווען ער קען מיך אויפנעמען אין אָוונט מכוח שליסן אַ געשעפט, ווייל איך קום פון ירושלים און אויב ער וועט מסכים זיין אויף דער צייט, זאָלט איר וויסן קינדערלעך, אַז מאָרגן אַכט אַזייגער אָוונט, וועל איך אָנקלינגען ביי אייער טיר. איר וועט מיר עפענען און איך וועל אייך זאָגן גאָר שטיל, אַז „דאָס בין איך”, איר ביידע וועט פאַרלאָזן דאָס צימער צוזאַמען מיט דער מאַמאַ, כדי איך זאָל בלייבן מיט אים אַליין. געדענקט קינדער, וואָס איך זאָג אייך אָן!

איך האָב זיך מיט זיי געזעגנט, און ווען כ׳בין געבליבן אַליין, האָב איך אָנגעהויבן אַריינטראַכטן וועגן מאָרגנדיקן וויזיט, און ווידער איז ביי מיר געוועזן אַ נאַכט פון גרויסער שפּאַנונג: מאָרגן, מאָרגן, וועל איך ענדלעך זען מיין נאַטאַלי. מאָרגן וועט אויך אַנטדעקט ווערן דער שווינדל. כ׳האָב זיך אָבער נישט געקענט פאַרשטעלן, אַז ס׳זאָל געשען דאָס, וואָס עס איז ליידער געשען.

48

צומאַרגנס, אַזייגער אַכט אין אָוונט, האָט שלמהלע מיר געעפנט די טיר און נאָכן זאָגן אים די פּאָר אָפּגערעדטע ווערטער, איז ער מיט אַ באַ־האַלטענעם שמייכל צוריק אַריין אין דעם סאַלאָן, ווו אַלע זענען געווען. ער האָט געמאָלדן זיין „פּאַטער", אַז עמיצער פרעגט זיך אויף אים, און גלייך דערנאָך זענען אַלע דריי, נאַטאַלי, שלמהלע און לאהלע, אַריין אין אַן אַנדער צימער. גלייך דערנאָך בין איך געבליבן פּנים אל פּנים מיט נאַטאַן. ער האָט מיך געפרעגט וואָס איך פאַרלאַנג, און כ'האָב געזאָגט:

— איר ווייסט שוין פון מיין טעלעפאָנירן צו אייך, אַז כ'בין געקומען וועגן קויפן אַ דירה, אַ זאַך מיט וואָס איר באַשעפטיקט זיך; איך גרייט זיך חתונה האָבן און איך דאַרף אַ גרעסערע דירה.

איך בין געווען אַזוי פאַרשטעלט, אַז קיינער האָט מיך טאַקע נישט דערקענט, אַ געלע באָרד מיט וואָנסעס, און דיקע ברעמען, אַ צעדרייטן קאַפּעלוש, אַ דאַרפישן שטעקן אויף דער האַנט.

אויסהערנדיק מיין פאַרלאַנג, האָט ער אַרויסגענומען זיין טאַשן־ביכל, געמישט די בלעטלעך, זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ בלעטל און זיך אָפּגערופן:

— איך קען אייך געבן אַ דירה פון דריי צימערן, און דאָס וועט אייך קאָסטן...

— אַנטשולדיקט — האָב איך אים איבערגעריסן — דאָס וואָס וועט מיך קאָסטן, דאָס איז אַ קלייניקייט, נישט אין פּרייז האַנדלט זיך דאָ, נאָר ווי שוין געזאָגט, גרייט איך מיך חתונה צו האָבן מיט אַ פרוי, וואָס האָט צוויי דערוואַקסענע קינדער, אַ זון פון 19 יאָר און אַ טאָכטער שוין באַלד 17 יאָר, פאַרשטייט איר דאָך, אַז איך דאַרף האָבן דריי שלאָף־צימערן... אַ דריי צימער וווינונג איז פאַר מיר צו קליין.

ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און מיר געזאָגט:

— ליידער, האָב איך נישט דערווייל קיין גרעסערע וווינונגען.

נאָך אַ ווײַלע פון אונדזער ביידנס שווייגן, רוף איך זיך אָפּ צו אים:

— ווי איך האָב באַמערקט, האָט איר אויך צוויי דערוואַקסענע קינ־דער, האָט איר דאָך זיכער אַ גרעסערע וווינונג, איז אפשר וואָלט איר מיר פאַרקויפט אייער דירה? איר וועט זיך שוין אָן עצה טאָן?...

— ניין, רב ייד, מיין וווינונג פאַרקויף איך נישט.

— און אויב פאַר אַ גאָר גוטן פּרייז?

— אַפילו פאַר מיליאָנען פאַרקויף איך נישט דאָס וואָס איז מיינס.

— און פאַרוואָס האָט איר גענומען דאָס, וואָס איז נישט געווען אייערס?

— רב ייד, נאָך וואָס זענט איר דאָ געקומען?

— קויפן אייער דירה, ווייל איך מיין, אַז אין גיכן וועט איר די דירה מער נישט דאַרפן, איז פאַרקויפט מיר אייער דירה.

— רב ייד! — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ העכער קול — איר זעט מיר אויס ווי אַן אומנאָרמאַלער, וואָס נאָך וועט איר וועלן? אפשר פאַר־קויפן אייך מיין ווייב אויך?

— דאָס זיכער נישט, דאָס דאַרפט איר נישט טאָן. אייער ווייב וויל איך נישט קויפן ווייל זי וועט אַליין קומען צו מיר... איך פרעג אייך נישט צי איר ווילט זי מיר פאַרקויפן.

— רב ייד! — שרייט ער שוין מיט כעס — דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר משוגעים, און גייט אייך פון דאַנען!

— ניין — זאָג איך — כ׳האָב גראַד איצט צייט, און כ׳וועל נישט אַוועקגיין ביז איר וועט מיר נישט פאַרקויפן אייער דירה.

ער האָט זיך אַ האַסטיקן שטעל אויף געטאָן, און געשריגן מיט אַ סך כעס:

— איך וואָרן אייך! אויב גייט איר נישט גלייך אַרויס, וועל איך אייך מיאוס פון דאַנען אַרויסוואַרפן, איר הערט?

כ׳האָב דערזען, אַז ער איז שוין אַזוי צעקאָכט, אַז ס׳איז שוין צייט אָנזייען די קאַרטאָפל. האָב איך אַראָפּגענומען מיין מאַסקע, געבליבן שטיין פאַר אים אין מיין אויסזען, און געשריגן נאָך העכער פון אים:

— אַרויסוואַרפן? מיך ווילסטו אַרויסוואַרפן? דו עקלהאַפטער מענטש וואָס דו ביסט, נו פּרווו מיך אַרויסוואַרפן!

אַ צעטומלטער האָט ער אַ טראָט געטאָן אויף צוריק, כ׳האָב נאָכ־געפאָלגט זיין יעדער באַוועגונג, כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז אָט דער מענטש וועט נישט אַזוי לייכט קאַפּיטולירן. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אָנגענומען דאָס שווערע מעטאַלענע בענקל וואָס ביים קלאַוויר און זיך צעשריגן:

— אַזוי ווי דו ביסט שוין פאַרעכנט ביי אונדז ווי פאַר אַ געשטאָרבע־נעם, וועסטו שוין קיין לעבעדיקער נישט אַרויס פון דאַנען!

און מיט אַ שנעלער באַוועגונג, האָט ער מיר געוואָרפן דאָס שווערע מעטאַלענע בענקל.

היות ווי כ׳האָב זיך גערעכנט אויף עפּעס אַזעלכעס, האָב איך זיך געוואָרפן אויף דער ערד; אַזוי אַז דאָס בענקל איז אַריבער מיין קאָפּ און געטראָפן אין די גלעזערנע טירן, וואָס זענען צעשמעטערט געוואָרן אויף שטיקלעך.

ער האָט פּראָבירט כאַפּן אַן אַנדערן קעגנשטאַנד, אָבער דאָ בין איך שוין געווען פלינקער פון אים. כ׳האָב אָנגעהויבן אים דערלאַנגען מיט מיין שטעקן. פריער האָב איך גערעכנט, אַז ווען ער וועט מיך דערזען, וועט ער זיך געפינען אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע און אפשר בעטן ביי מיר אַנט־שולדיקונג, זוכן תירוצים, זיך פאַרענטפערן, אָבער ווען ער האָט גאָר אויס־גערופן אַז קיין לעבעדיקער וועל איך שוין נישט אַרויס, האָב איך גענומען פאַרטיידיקן מיין לעבן, און אים געגעבן שווערע קלעפּ.

ווען כ׳האָב דערזען, אַז ער ליגט אויף דער ערד אָן שום באַוועגונג, בין איך צו צום טעלעפאָן, אָנגעקלונגען צו מיין חבר דודי דער אַדוואָקאַט און אים געבעטן גלייך קומען, אָנגעבנדיק אים דעם אַדרעס. דערנאָך האָב איך אויך אָנגעקלונגען אין דער פּאָליציי און געמאָלדן, אַז כ׳האָב עמיצן געשלאָגן, פאַרוווּנדעט און אַז זיי זאָלן שנעל קומען.

אין דעם מאָמענט ווען די גלעזערנע טירן זענען צעטראַסקעט געוואָרן פון דעם בענקל, וואָס ער האָט געצילט אין מיר, זענען די קינדער מיט זייער מוטער געקומען צו לויפן. דעמאָלט האָב איך שוין געהאַלטן ביים טע־לעפאָנירן און ווען כ׳האָב זיך שוין געהאַט אָפּגעפּאַרטיקט מיט די טעלעפאָן־געשפּרעכן, האָט מיך ערשט נאַטאַלי דערזען. מיט אַ געשריי „חיים” איז זי אַוועקגעפאַלן חלשות. די קינדער האָבן זי צוריק אַריינגעפירט אין דעם צימער ווו זיי זענען פריער געווען. איך האָב זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער, וואַרטנדיק אויף מיין חבר און די פּאָליציי.

ווען זיי זענען ענדלעך אָנגעקומען, האָט דער פּאָליציי־אָפיציר, דער־קענענדיק מיך, זיך אָנגערופן:

— אָ, ה׳ דאָקטאָר, איר זענט שוין הייסט עס דאָ, כדי אויסצופירן אייער פּליכט?

— ניין, ה׳ פּאָליציי־אָפיציר, נישט ווי אַלע מאָל; היינט בין איך דאָס געווען דער שלעגער, דאָס האָב איך צו אייך געקלינגען און איצט — אַרעס־טירט מיך.

— ה׳ דאָקטאָר — זאָגט דער פּאָליציי־מאַן — אין אַזאַ פאַל שפּאַסט מען נישט!

— ס׳איז גאָרנישט קיין שפּאַס, ה׳ פּאָליציי־אָפיציר, איך בעט אייך מיך אַרעסטירן, און איך חזר איבער, אַז איך בין דאָס דער שלעגער, איך האָב פאַרווונדעט אָט דעם דאָזיקן, טאַקע צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, אָבער איצט איז דאָס דער אמת און מ׳דאַרף אַרויסטראָגן דעם פאַרווונדעטן, ווייל ער דאַרף אַ מעדיצינישע הילף, דורך דער צייט וועט מיין אַדוואָקאַט זיכער אָנקומען.

אין אייניקע מינוטן אַרום איז מיין חבר אָנגעקומען, און מיך געפרעגט מכוח די סיבה פון מיין רופן אים? ער האָט מיך דערזען אין אַ צושטאַנד, ווי נאָך קיין מאָל נישט, איך האָב אים געבעטן האָבן אַביסל געדולד און אַלץ וועט אים שנעל קלאָר ווערן.

דעם פאַרווונדעטן האָט מען צוגענומען פון דער שטוב. שלמהלע איז געשטאַנען נעבן מיר און זיך געשראָקן פאַר מיין גורל. כ׳האָב אים באַ-רואיקט און געבעטן, ער זאָל באַרואיקן די מוטער.

אין דער פּאָליציי־ביוראָ האָט מיר דער אָפיציר דערקלערט, אַז טראָץ דעם, וואָס ער שעצט מיך זייער, מוז ער אָבער אויספירן זיינע פליכטן און אַז לויטן געזעץ מוז ער מיך פאַרהאַלטן אויף אַ געוויסער צייט. נאָכן האָבן פאַרענדיקט דעם פּראָטאָקאָל, האָט ער מיר דערקלערט, אַז ס׳וועט אוודאי זיין אַ משפּט איבער דעם געשעענעם. דערנאָך האָט ער מיך באַפרייט ביז צום משפּט. איך בין אַוועק מיט מיין חבר דודי צו אים אַהיים. זייענדיק שוין ביי אים, האָט ער מיר געזאָגט:

— נו, חיים, איך ווייס שוין אַלץ, איז וואָס קלערסטו איצט צו טאָן?

— כ׳מוז דיר זאָגן, אַז כ׳באַדויער זייער דאָס געשעענע, ווייל כ׳האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געשלאָגן וועמען. וואָלט ער אָפּגעטרעטן פאַרן אמת, וואָס האָט זיך באַוויזן פאַר אים, וואָלט דאָך נישט אויסגעקומען צו הייבן אַ האַנט; אָבער ווען ער האָט געשריגן, אַז פאַר אים געהער איך מער נישט צו די לעבעדיקע, און כ׳וועל שוין קיין לעבעדיקער נישט אַרויס, ווי אַזוי האָב איך געקענט אַנדערש האַנדלען?

— חיים, פאַר מיר דאַרפסטו זיך נישט פאַרטיידיקן. ביי מיר ביסטו מער ווי גערעכט, אַפילו אויפן משפּט וועסטו זיין גערעכט. וואָס האָסטו באַשלאָסן וועגן דיין פרוי, וועגן דיינע קינדער?

— הער מיך אויס דודי: דעמאָלט, מיט צוויי טעג צוריק, ווען כ׳בין איבעראַשט געוואָרן פון צוריקגעפונען מיינע קינדער, האָב איך געוואָלט גלייך לויפן זען אויך מיין נאַטאַלי. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז נאָך

אַזאַ פרייד אין דעם זעלבן טאָג וועט מיין האַרץ נישט אויסהאַלטן, און כ׳האָב זיך באַרואיקט מיט דער פרייד וואָס כ׳האָב מיינע קינדער. איצט, ווען דער אויפברויז האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט און כ׳ווייס אַז זי איז דאָ, כ׳האָב זי שוין געזען, הויבן אָן קומען אַנדערע געדאַנקען, מער ניכ־טערע; די פראַגע איז איצט אַזעלכע: איך דאַרף איינאָרדענען מיין היים, מיט כבוד און נישט אַריינרייסן זיך צו איר אין אַ פרעמדער וווינונג, דאָרט ווו זי געפינט זיך איצט. פון דאָרטן מוז מען זיי וואָס שנעלער אַרויסנעמען, בעסער געזאָגט באַפרייען! ווי דו ווייסט, האָב איך אַ סך געליטן; זי האָט אפשר אויך געליטן, אָבער ווייניקער פון מיר. זי האָט געהאָט די קינדער מיט זיך. זי האָט באַווינט בלויז מיך און איך — אַלע דריי. און צוליב דעם וועל איך זי לאָזן איצט אַ ביסל וואַרטן. זי טראָגט אויף זיך אַ גרויסע שולד; נו, וועגן דעם וועלן מיר נאָך שמועסן. איצט וואַרט איך אויף מיין משפּט. כ׳וויל אָנהייבן לעבן מיט אַ ריין געוויסן, אַז כ׳בין נישט פאַרמשפּט געוואָרן פאַר אַ פאַרברעכן און דערנאָך קומען צו מיין פרוי און צו מיינע קינדער. אָט דאָס זענען דערווייל מיינע געדאַנקען און נאָך עפּעס: צוליב די אַלע אי־בערלעבונגען פון די לעצטע טעג, פעלט מיר איין אַ געדאַנק אַוועקצופאָרן ערגעץ אויף אַ פּאָר טעג, אַפילו קיין אויסלאַנד און נאָכן צוריקקומען ערשט טרעפן מיין פרוי און מיינע קינדער. ס׳וועט הייסן, אַז אָט מיט מיין צוריק־קומען האָב איך זיי ערשט געפונען ריינע, אומשולדיקע, אָן אַנדערע קאָמפּלי־קאַציעס. אָט וועגן דעם טראַכט איך איצט.

— איז אויב אַזוי, בלייב דאָ דערווייל מיט אונדז, ביי אונדז, פאַרנעם זיך נישט איצט מיט קיין שום זייטיקע זאַכן און אויך מיט קיין שום אַרבעט. דורך דער צייט וועלן מיר געפינען און אויך איינאָרדענען דיין נייע דירה און אויב דו וועסט פאַרלאַנגען, וועלן די קינדער קומען צו דיר, דיך באַ־זוכן. איך פון מיין זייט וועל זיך באַמיען, אַז דער משפּט זאָל פאַרקומען וואָס שנעלער, כדי דו זאָלסט וואָס גיכער קענען אָנהייבן דיין ניי לעבן.

49

און כ׳האָב אָנגעהויבן וואַרטן אויף מיין משפט, דורך דער צייט האָב איך זיך גאָר שטאַרק פאַראינטערעסירט ווי אַזוי אויפצובויען מיין היים. לאהלע איז צו מיר געקומען יעדן טאָג און זי האָט מיר איבערגעגעבן, אַז די מאַמאַ הערט נישט אויף צו וויינען. זי שרעקט זיך, אַז איך וועל מער נישט קומען צו איר, זי איז גרייט אויפצונעמען מיט ליבשאַפט יעדע שטראָף פון מיין זייט, אָבער זי וועט דאָס נישט איבערטראָגן, אויב איך וועל איר נישט דערלויבן קומען צו מיר.

די ווערטער אירע האָבן מיר שטאַרק וויי געטאָן און מיך גערירט ביז טרערן. כ׳האָב געבעטן לאהלען זאָגן די מאַמאַ, זי זאָל זיך גאָרנישט שרעקן, אַז איך בין גאָר שטאַרק פאַרנומען ביים צוגרייטן אונדזער נייע היים און ווען אַלץ וועט שוין זיין גרייט, וועלן מיר דערנאָך אַלע צוזאַמען אָנהויבן אַ נייי גליקלעך לעבן.

ס׳איז אָנגעקומען דער טאָג פון מיין משפט. דער געריכט-זאַל איז געווען איבערפולט פון נייגעריקע. דעם אינהאַלט פון משפט האָבן כמעט אַלע געוווּסט. עס זענען אויך געווען אָנוועזנדיק אייניקע זשורנאַליסטן, כדי דערנאָך באַשרייבן די סענסאַציע. דער פאָרזיצער פון געריכט האָט פאָרגע־לייענט דעם באַשולדיקונגס-אַקט. דער ערשטער עדות איז געווען מיין פרוי. זי האָט דערציילט כמעט דאָס זעלבע ווי פאַר די קינדער, אָבער מיט אַ סך מער פאַרביטערטקייט. זי האָט דערביי מיך געזען און ס׳איז איר זייער שווער אָנגעקומען זי זאָל זיך קענען באַהערשן פון די טרערן וואָס האָבן איר אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז. פיל פון פובליקום האָבן אויך זיך גע־ווישט די אויגן. זי האָט דערציילט פון אונדזער ליבע, פון דער מלחמה, וואָס איז געקומען בלויז צוויי יאָר נאָך אונדזער חתונה און וואָס האָט אונדז פונאַנדערגעשיידט. זי האָט געשילדערט אירע יאָרן אין רוסלאַנד — צו ערשט מיט שלמהלע בלויז און דערנאָך שוין מיט צוויי קליינע קינדער. זי האָט געשילדערט דאָס אָנקומען אין לאַגער אין דייטשלאַנד, שוין נאָך דער

באַפרייאונג און די באַגעגעניש מיט דעם וואָס האָט איר פאַרפירט מיט אַזוי פיל העסלעכע ליגנס.

ביי אַן אָנגעשטרענגטער שטילקייט האָט דערנאָך שלמהלע זיך גע־שטעלט פאַרן געריכט. ער האָט געשילדערט זיינע קאַמפן אויפן פראָנט, ווו ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן, דערנאָך דאָס זיין אין שפּיטאָל מיט נאָך אַנדערע חברים, און ווי אַזוי ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אָט דעם דאָקטאָר, וואָס זיצט דאָ אַלס באַשולדיקטער; ווי אַזוי און מיט וואָס פאַראַ אויסערגעווייגלעכע איבערגעגעבנהייט איך האָב זיי געהיילט און געלינדערט זייערע ווייטיקן; ווי איך האָב זיך באַצויגן צו אַלע די פאַרוואונדעטע ווי אַ פאָטער; ווי אַזוי ס'האָט אויף מיר געווירקט דאָס דער־וויסן זיך, אַז ער און זיין שוועסטערל זענען טאַקע נישט קיין אַנדערע ווי זיינע אייגענע קינדער; ווי כ'האָב זיך אויך דערוווּסט דעם צווייטן אמת, דאָס הייסט זיך דערוווּסט ווער דאָס איז געווען דער, וואָס איז אָנגעגאַנגען מיט דעם שווינדל. אַז איך האָב קיינמאָל נישט דערמאָנט דאָס וואָרט נקמה, נאָר כסדר גערעדט און פלאַנירט וועגן ווידער אויפבויען אונדזער היים.

ווען מיין אַדוואָקאַט האָט זיך אויפגעשטעלט האַלטן זיין פאַרטיידי־קונגס־רעדע, איז געוואָרן אַזוי שטיל אין דעם געריכט־זאַל, אַז מען האָט געהערט דעם טיק־טאַק פון הונדערטער הערצער, יעדער האָט זיך אָנגע־שטרענגט אָפּהיטן די שטילקייט, כדי נישט צו פאַרפעלן קיין וואָרט וואָס דער פאַרטיידיקער האָט איצט צו זאָגן. נאָכן האָבן אָפּגעגעבן דעם טראַדי־ציאָנעלן כבוד און טיטל פאַר די ריכטער, פאַרן פּובליקום, ווי ס'פירט זיך, האָט ער דערנאָך גלייך געענדערט זיין טאָן און אויך זיינע באַוועגונגען, און הויך אויסגעשריגן:

— וואָס קומט דאָ פאָר? ווּעמען זע איך דאָ אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק? און ווער איז דאָס דער, וואָס ווערט דאָ באַשולדיקט? אָט דער באַ־ליבטער פון אַלע? דעם קרבן האָט איר דאָ אַלס אַ באַשולדיקטן! אַ שול־דיקער אין וואָס? וואָס פאַראַ פאַטאַלער טעות קומט דאָ פאָר? — און אומ־קערנדיק זיך צום פּובליקום, האָט ער אויסגערופן:

— איר האָט דאָ געהערט די ווערטער, וואָס זענען דאָ געזאָגט גע־וואָרן? ווערטער אַזעלכע, וואָס מען הערט זיי זייער זעלטן. איז נאָך פאַראַן עפּעס צוצוגעבן צו די ווערטער פון דער דאָזיקער פאַמיליע־דראַמע? יאָ! און גראַד זייער אַ סך; אָט יענער אומערלעכער, וואָס האָט אַזוי מאַנעווּרירט מיט ליגנס און שווינדל, וואָס האָט באַוווסטזיניק צוגערויבט די פרוי פון איר מאַן, קינדער פון זייער פאָטער, האָט ער נאָך אויך מיט אַן אומפאַר־שעמטן ליגנט דערווייטערט דעם מאַן פון זיין פרוי, ווילט איר וויסן ווי אַזוי?

אין יאָר 1949, שוין נאָך דער באַפרייאונגס-מלחמה, האָט דער דאָזי־קער נפש געלייענט טאָג־טעגלעך אין דער פּרעסע, אַז דער מאַן וואָס זיצט דאָ, הערט נישט אויף צו אַלאַרמירן יעדן טאָג וועגן זיין פרוי און קינדער, האָט זיך דער דאָזיקער צוגעשטעלט צו אים אַ געוויסן טאָג און אים אַזוי געזאָגט:

— חיים, איך האָב געלייענט אין די צייטונגען, אַז איר זוכט אייער פרוי און קינדער. ליידער מוז איך אייך זאָגן, כדי איר זאָלט אייך נישט מאַ־טערן אומזיסט, אַז אייער פרוי נאַטאַלי געפינט זיך מער נישט צווישן די לעבעדיקע; זי איז אומגעקומען אין מאָמענט ווען זי האָט געגרייט ברענ־גען אויף דער וועלט איר צווייט קינד, און לויט ווי איך האָב געהערט — האָט ער ווייטער פאָרגעזעצט — איז זי געווען אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף, ערגעץ ווו טיף אין רוסלאַנד און ס׳איז נישט געווען ווער ס׳זאָל איר העלפן אין דעם שווערן מאָמענט. דאָס קינד איז אין איר דערשטיקט געוואָרן און דערביי האָט זי אויך אויסגעהויכט איר נשמה.

אָט זיצט דאָ דאָס קינד נעבן איר מוטער נאַטאַלי, וואָס זאָל האָבן דערשטיקט געוואָרן מיט העכער זעכצן יאָר צוריק ביים געבוירן ווערן און נעבן איר, די מוטער וואָס האָט נעבעך אויסגעהויכט די נשמה, לויט די רייד פון יענעם נפש. דאָס האָבן די ריכטער זיכער נישט געוווסט, און אויב דער צופאַל, דער גורל, האָט זיי געהאָלפן און זיי האָבן זיך אַלע אָפּגעפונען, איז וואָס זאָל טאָן אַזאַ איינער וואָס זוכט אַרום זיין פרוי שוין זעכצן יאָר? ער האָט זיך באַגעגנט מיט דעם דאָזיקן נישט מיט קיין נקמה־געפילן און אויך נישט מיט קיין שום הינטערגעדאַנקען, נאָר זיך צו איבערצייגן צי איז דאָס טאַקע אמת? לעבט טאַקע זיין פרוי?

דער אַדוואָקאַט האָט אָפּגעהאַקט אויף אַ ווײַלע, ווי וועלנדיק כאַפּן דעם אָטעם, און פאָרגעזעצט:

איך מוז זיך דאָ באַנוצן מיט אַ פּסיכאָלאָגיש געזעץ. ס׳איז גוט באַ־קאַנט, אַז ווען מען כאַפּט אַ גנב ביי דער האַנט, פּרוּווט ער קודם כל צו אַנטלויפן און אויב דאָס גיט זיך אים נישט איין, פּרוּווט ער זיך פאַרטיי־דיקן; אָט דער נפש האָט נישט געפּרוּווט אַנטלויפן און נישט זיך צו פאַר־טיידיקן, ער זעט פאַר זיך דעם מאַן פון וועלכן ער האָט צוגערויבט זיין היים, זיין לעבן, זיין משפחה-גליק, און ער פּרוּווט נישט אַנטלויפן, ווי אַ גנב, ער באַשליסט צו ענדיקן מיט אים און שרייט אויס: „ביי מיר ביסטו פאַררעכנט פאַר אַ געשטאָרבענעם און ווי אַזעלכער וועסטו שוין קיין לע־בעדיקער נישט אַרויס פון דאַנען״. ער האָט זיך אויף אים פאַרמאָסטן ס׳צווייטע מאָל אים צו דערהרגענען: איינמאָל האָט ער אים דערהרגעט

מאָראַליש, און ס'צווייטע מאָל האָט ער געפּרווט אים דערהרגענען פּיזיש. צום גליק האָט זיך אים דאָס נישט איינגעגעבן! איז ווען, פרעג איך, האָט מען דאָ אַוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק? דאָ איז נישט קיין פראַגע צי אַ מענטש האָט געשלאָגן דעם אַנדערן, דאָ האָט דער אמת געשלאָגן דעם שקר, דעריבער, נישט בלויז זיין באַפרייאונג פאַרלאַנג איך פון געריכט, איך פאַרלאַנג פאַר אים אַ פאַרגיטיקונג, אַז אויף זיין אָרט זאָל אַוועקגעזעצט ווערן דער אמתער שולדיקער, וואָס נאָך די אַלע זיינע פאַר־ברעכנס, האָט ער זיך נאָך אויך פאַרמאָסטן צו שפּאַלטן דעם קאָפּ זיין קרבן!

50

איך בין באַפּרייט געוואָרן, אײנגאַנצן אַ ריין־געוואַשענער פון יעדער שולד. ווען כ׳בין אַרויסגעקומען אין דרויסן, האָט שוין אויף מיר געוואַרט מיין פרוי און די קינדער און אויך מיין חבר, וואָס האָט מיך פאַרטיידיקט. איך האָב באַמערקט, אַז נאַטאַלי מאַכט אַ באַוועגונג זיך צו דערנענטערן צו מיר. אָט די מינוט איז פאַר מיר געווען די שרעקלעכסטע, ווייל איך האָב אַנדערש באַשלאָסן, און איר געזאָגט:

— ניין, טייערע נאַטאַלי! נאָך נישט איצט איז געקומען די צייט פאַר דעם, טראַץ דעם, וואָס אויף דער מינוט האָב איך געהאָפּט גאַנצע זעכצן יאָר. ליידער איז אַ ביסל צושטערט געוואָרן די באַלדיקע פרייד און דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס אויך דיין שולד. זיי ווייסן, טייערע נאַטאַלי, אַז ס׳איז פאַר מיר אוממעגלעך דאָס צו טאָן, ס׳זענען נאָך צו פריש אין מיין זכרון די אומשטענדן, אין וועלכע כ׳האָב דיך געפונען, און דערפאַר איז דאָס אויך אוממעגלעך אַזוי גיך צו פאַרגעסן. איך האָב געטרוימט דיך צו טרעפן אַ ריינע, אַזוי ריין ווי דו ביסט שטענדיק געווען, אָבער איצט, פילט זיך נאָך פון דיר אַ ריח פון אַן אַנדערע היים... און אויך, ווען דו וואָלסט כאָטש איין מאָל אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג, וואָלסטו מיך געפונען, געזען ווי איך זוך דיך אַרום. ווען דו וואָלסט כאָטש איינמאָל געפּרוווט אַריינגיין אין איינעם פון די צענדליקער אַמטן וווּ ס׳זענען געווען רשימות מיט טויזנטער נעמען פון מענטשן וואָס זוכן משפחות, וואָלסטו מיך געפונען. דו האָסט דאָס אָבער נישט געטאָן, דו האָסט געזען פאַר דיר בלויז דיין היים, די קינדער, דאָס איז געווען דיין גליק. דו האָסט אָט דעם נפש אַלץ געגלויבט, אָבער איך האָב נאָך אַ גרויסע טרייסט, וואָס דיין האַרץ איז געבליבן ריין, און דאָס פילט מיך אָן מיט אַ גרויסער פרייד. אָבער איצט פאַר איך אַוועק אויף עטלעכע טעג, כדי צו פאַרגעסן דעם קאָשמאַר און זיך באַרויִקן פון דעם אַלעם וואָס איך האָב מיטגעמאַכט די לעצטע טעג. פיין און פרייד מישן זיך נאָך אין מיין מוח. מיט מיין אַוועקפליען וועט די פיין פאַר־

שווונדן. פון דאָרטן ווי איך וועל זיין, וועל איך דיר צוווייסן געבן אין וועלכן טאָג, אין וועלכער שעה איך קום צוריק. דו וועסט מיך אָפּוואַרטן ביי מיין אָנקומען, איך וועל דיך דערזען און ס'וועט ביי מיר הייסן, אַז אָט אין דער מינוט האָב איך דיך ווידער געפונען און פון דער מינוט אָן וועט זיך אָנהייבן אונדזער נייַ צוזאַמענלעבן, צוזאַמען מיט אונדזערע טייערע קינדער, צוזאַמען מיט גוטע ערלעכע פריינט.

די פּאָר מינוטן, וואָס איך האָב צו איר גערעדט, איז זי טאַקע געשטאַנען ווי אַ שולדיקע, ווען איך האָב פאַרענדיקט אַ זאַץ, האָט זי מיט אַ וויינענדיק קול צוגעשטימט צו מיינע ווערטער און אָן אויפהער צוגעגעבן:

— יאָ, חיימקע, יאָ, חיימקע.

און איך האָב ווייטער גערעדט:

— דעריבער בעט איך דיך, אַזוי ווי אַלץ איז שוין כמעט גרייט און ס'פעלט בלויז די האַנט פון אַ גוטער ווירטן, וויל איך האָפן, אַז דו וועסט מיט ליבע און פאַרשטענדעניש צוגרייטן אונדזער היים. איז דערווייל זייַ זשע מיר געזונט און די פּופּצן טעג פון מיין אָפּוועזנהייט, וועסטו וואַרטן אויף מיין קומען, און כ'בעט דיך אויך, גאַרנישט מיטנעמען פון יענער וווינונג, ווו דו ביסט געוווינט ביז איצט. אַלץ וועט ווערן באַנייט.

כ'האָב זיך געזעגנט מיט מיין חבר און געקושט די קינדער. זי איז געשטאַנען אַביסל אָפּגערוקט און נישט אויפגעהערט מורמלען:

— יאָ, חיימקע, יאָ, חיימקע.

זי האָט וויזט אויס אויפגענומען מיט ליבע מיין שטראָף...

איך בין אַריין אין דער טאַקסי, וועלכע האָט שוין געוואַרט אויף מיר. אַלץ איז שוין געווען באַשטימט און צוגעגרייט פון פאָרויס. איך האָב צוגעוואָרפן די קינדער די פּאָר ווערטער:

— גיט אַכטונג אויף דער מוטער... און באַמיט אייך, אַז אַלץ זאָל זיין אין בעסטן אָרדענונג.

די טאַקסי קיין לוד האָט גערירט פון אָרט כדי צו פליען אין דער וועלט אַריין און באַרואיקן מיינע נערוון.

אָט דאָס, מיינע ליבע, איז מיין געשיכטע. אָט דאָס האָב איך געהאַט צו דערציילן!

***

די שיף האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו די ברעגן פון ישראל. אַ פאַרטאָגיקע שטילקייט האָט געהערשט איבעראַל. נאָך דער געענדיקטער

דערציילונג פון דאָקטאָר גורעלי איז אַריינגעטרעטן אַ לענגערער שטיל־שווייגן. דער ערשטער וואָס האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן איז געווען אַלבערט:

— הייסט עס? אַז מיר קענען שוין איצט די געשיכטע פון יעדן איינעם און מיר זענען דאָ בלויז פיר פערזאָן: איך מיין, אַז ווען מיר וואָלטן דאָ געווען הונדערטער צי אַפילו טויזנטער, וואָלט יעדער געהאַט וואָס צו דערציילן. וויל איך פרעגן: צי איז אונדזער געוואָרענע נאָענטקייט, אונדזער אויסדערציילן איינער פאַרן אַנדערן, בלויז אַ צייט פאַרטרייב? אָדער וועט דאָס אונדז עפּעס געבן אויף ווייטער? איך, פון מיין זייט, וואָלט שטאַרק געוואָלט באַקענען אָט די נאַטאַלי, די קינדער, אויך אַדעלאַ מיט די קינדער און איבערהויפּט, דאָס קלוגע קינד שלום׳ל, וואָס ביי זיינע צען יאָר האָט ער געהאַט אַזוי פיל שכל צו געבן זיין פאָטער די עצה צו בלייבן בעסער דאָ אין לאַנד, איידער ערגעץ ווו אין גלות. אפשר זענט איר אויך פאַראינטערעסירט צו באַקענען מיין מינקע, מיינע קינדער? איז דעריבער פרעג איך אייך: היינט קומען מיר אָן קיין חיפה, יעדער איינער וועט זיך באַלד פרייען מיט זיינע נאָענטע, און וואָס ווייטער? דערנאָך וועט יעדער איינער אַוועק צו זיך אַהיים, און דערנאָך?...

— איר זענט גערעכט, פריינט אַלבערט; איך האָב שוין געטראַכט, אַז אויף מיין שלמהלעס חתונה וועל איך האָבן נאָך געסט איינצולאַדן, אייך! איז מיין פאָרשלאַג: אַזוי ווי ס׳איז שוין איצט שפּעט און איך גלייב אַז יעדער פון אונדז איז אויך גוט מיד, איז זאָל מען איצט נאָך באַוויזן אַריינצוכאַפּן אַ שלאָף, און וואָס און ווי אַזוי מיר וועלן זיך טרעפן, וועלן מיר דאָס באַשטימען דערנאָך, ביים אַראָפּשטייגן פון דער שיף, ווען מיר וועלן זיין צוזאַמען מיט אונדזערע נאָענטע. מיט גורעליס מיינונג זענען אַלע מסכים געווען, האָט מען אויסגעלאָשן דאָס ליכט און אין אַ פּאָר מינוטן שפּעטער זענען אַלע פיר שוין געשמאַק געשלאָפן.

אַ שטאַרקער טומל, האָט זיי אויפגעוועקט אין דער פרי. שוין געווען באַלד ניין דער זייגער. מאַרעק האָט אַ בליק געטאָן דורכן קליינעם רונדן שייבעלע און דערזען, ווי די שיף האַלט שוין ביים אַנקערן אין פּאָרט פון חיפה. די איבעריקע דריי זענען אויך שנעל צוגעלאָפן און אַרויסגעקוקט. אַ פריידיקער אויסגעשריי האָט זיך דערהערט פון אַלע פיר און גלייך האָבן אַלע זיך אָנגעהויבן ראַזירן און אַרומוואַשן זיך. אָנגעטאָן די יום־טובדיקע מלבושים און אויף דער שנעל אַרויסגעלאָפן אין דרויסן אויף דעם דעק פון שיף, כדי חלילה נישט פאַרשפּעטיקן דאָס וויכטיקסטע; ס׳האָט געדויערט מער ווי צוויי שעה, ביז די ערשטע פּאַסאַזשירן האָבן אָנגעהויבן

פאַרלאָזן די שיף, און צווישן די ערשטע, איז געווען אונדזער דאָקטאָר גו־רעלי. ער האָט נישט געהאַט צו וואַרטן אויף זיין באַגאַזש, וואָרעם זיין גאַנ־צער באַגאַזש איז באַשטאַנען פון די קליינע וואַליזקע וואָס ער האָט זי געהאַט מיט זיך. צווישן די הונדערטער אַפּוואַרטנדיקע, האָט זיך אויך געפונען נאַ־טאַלי מיט די קינדער: לאהלע, שלמהלע און אסי. נאַטאַלי, אַביסל צוריק־געהאַלטן, נישט מיט דער פולער דרייסטקייט, איז איצט אַריינגעפאַלן אין חיימקעס אָרעמס. די קינדער זענען געשטאַנען אַ פּאָר טריט ווייטער און זיך נישט געקענט באַהערשן פון לאָזן אַ טרער, צוזעענדיק די פריידיקע סצענע פון זייערע איצט שוין גליקלעכע עלטערן.

ווען גורעלי און נאַטאַלי האָבן זיך באַגעגנט מיט די קינדער, האָט שלמהלע איינגערוימט דעם פאָטער, אַז די טאַקסי וואַרט...

— נאָך נישט איצט, מיינע טייערע — האָט ער זיי געענטפערט — מיר מוזן נאָך וואַרטן אויף עטלעכע טייערע מענטשן, מיט וועלכע איך האָב זיך באַפריינדעט אויף דער שיף און דאָס וועט נאָך דויערן. שיקט אַוועק די טאַקסי און מיר וועלן דערווייל אַריינגיין אין אַ קאַפע־הויז, עפּעס טרינקען און כ׳וויל האָפן, אַז ס׳וועט נישט לאַנג דויערן.

ווייניקער ווי אין אַ שעה אַרום, האָבן זיך שוין אַלע געפונען צוזאַ־מען, מיט זייערע פרויען. פון די קינדער איז געווען בלויז דודי און שלום׳ל. מען האָט זיך באַקענט, געפרייט און זיך אָנגעקוקט שווייגנדיק, מיט אַ שמייכל.

מינקע איז גלייך נאָענט געוואָרן מיט אַדעלאַ. דערהערנדיק פון וועלכן קיבוץ זי קומט, וואָס איז גראַד נישט ווייט געווען פון איר קיבוץ. זי האָט דאָס גלייך איבערגעגעבן אַלבערטן און אַלבערט האָט טאַקע באַלד געזאָגט צו מאַרעקן:

— מאַרעק! דו ווייסט אַז מיר זענען שכנים?

— אַזוי גאָר? נו, איז דאָך גוט, צו וועלכן קיבוץ געהערסטו?

דערהערנדיק דעם נאָמען פון זיין קיבוץ, האָט ער מיט אַ פרייד אויס־געשריגן:

— טאַקע שכנים! האָבן מיר דאָך אויך איין און דעם זעלבן שונא, די סיריער!

אַלע האָבן געלאַכט, נאַטאַלי, וואָס האָט זיך נאָך נישט געקענט באַ־הערשן פון איר פרייד, האָט אויך מיטגעלאַכט.

גורעלי, געפינענדיק זיך נעבן זיין נאַטאַלי און קינדער, האָט זיך אָנגערופן:

— הייסט עס? אַז איצט וועל איך אָפּפאָרן אין מיין נייער היים!

— וואָס עפּעס בלויז דו? — רופט זיך אָן בערנאַרד — און איך?

— און איך? — רופט זיך אָן אַלבערט — איך פּאַר דאָך אויך איצט אין מיין נייער היים!

ווייסט איר וואָס? — זאָגט מאַרעק — וואָס האַלט איר זיך עפּעס פאַר אַזעלכע גרויסע יחסנים?... איר מיינט, אַז בלויז איר האָט אַ נייער היים? מיר אַלע האָבן אַ נייע היים, גאַנץ ישראל איז אונדזער אַלעמענס נייער היים...

און נאָך אַ געוויסער צייט פון אונטערהאַלטן זיך, איז טאַקע באַשלאָסן געוואָרן אַז יעדן פרייטיק צונאַכטס, וועלן זיך אַלע טרעפן ביי דאָקטאָר גור־רעלי. די איבעריקע זענען נישט מסכים געווען, און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אַז יעדן פרייטיק צונאַכטס ביי אַן אַנדערן, איינמאָל ביי מאַרעקן, איינמאָל ביי בערנאַרדן, און אַזוי כסדר.

און דערנאָך, איז יעדער טאַקע אַוועק צו זיך אַהיים.

צ ו ו י י ט ע ר   ט י י ל

ערב מלחמה

פרילינג 1967

פרייטיק אָוונט דעם 19-טן מאַי ווי יעדן פרייטיק-צונאַכטס, האָבן זיך די פיר משפּחות פאַרזאַמלט אין קיבוץ ביי מאַרעק און אַדעלאַ. די שטימונג איז געווען אַ געדרוקטע. דאָס מאַלצייט וואָס איז שטענדיק פאַרגעקומען ביי אַ פריילעכער הייטערקייט, איז איצט אַדורך שווייגעוודיק. קיינער האָט נישט געוואָגט קיין וואָרט אַרויסצוזאָגן. אַלע האָבן געוווסט אַז עפּעס גרייט זיך. אַלע האָבן געטראַכט וועגן דער פּלוצימדיקער פאַראָרדענונג פון גע־נעראַל־סעקרעטאַר פון דער אָנו או־טאַנט צוריקצוציען די אינטערנאַציאָ־נאַלע מיליטערישע אָפּטיילונג, וועלכע די אָנו האָט מיט צען יאָר צוריק אַריין געשיקט אינעם עזה־פּאַס און אין שאַרם־על־שייך, ביים אַקאַבאַ־אויסגוס, כדי אָפּצוהיטן דעם וואָפנשטילשטאַנד צווישן ישראל און עגיפּטן.

— אָט דאָס אַליין איז דאָך שוין אַ שלעכטער סימן.

— הייסט עס — האָט מאַרעק דער ערשטער איבערגעריסן דאָס פּיינ־לעכע שווייגן — גרייטן טאַקע די אַראַבער אָן איבערפאַל אויף ישראל? וועלן מיר טאַקע האָבן מלחמה? און אפשר זענען יענע געשעענישן פון חודש נאָוועמבער 1966, ווען ס׳איז געשלאָסן געוואָרן אַ מיליטערישער אָפּמאַך צווישן סיריע און מצרים, וועלכער האָט פאַרויסגעזען אַז עגיפּטן זאָל קומען צוהילף סיריע אין פאַל פון אַ קאָנפליקט מיט ישראל, איז דאָס שוין געווען צוגעגרייט פון אָט דער דאַטע אָן?

אין דער זעלבער צייט, האָבן די אַראַבישע שכנים, בעיקר סיריע, כסדר געזייט אומרו און שעדיקונגען אין די קיבוצים, ביי די גרענעצן, וואָס אין אַ סך פאַלן זענען זיי געווען פאַרבונדן מיט מענטשלעכע קרבנות. „אל־פאַטאַך״־טעראָריסטן פלעגן אַריינדרינגען אין דער ישראל־טעריטאָריע און אונטערלייגן אויפרייס־מאַטעריאַל ביי די אָרטשאַפטן, אויף באַן־ליניעס, שאָסייען א. א. וו. די לאַגע איז דעמאָלט געוואָרן אַזוי אומדערטרעגלעך, אַז דער פּרעמיער־מיניסטער ה׳ לוי אשכול, האָט געוואָרנט פון דער כנסת־טריבונע, דאָס אויב די אַראַבער וועלן נישט אויפהערן מיט זייערע פּראָ־

וואַקאַציעס, וועלן זיי טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די עווענטועלע קאָנסעקווענצן; די אַראַבישע מדינות, און די לענדער אויף דער וועלט דאַרפן וויסן, אַז יעדע גרענעץ, ווו עס איז שטיל פון זייער זייט, וועט אויך זיין שטיל פון אונדזער זייט, און אויב זיי וועלן מאַכן אַ פּרווו פון אויפשטו־רעמען אונדזער גרענעץ, וועלן מיר אויך אויפשטורעמען זייער גרענעץ.
דער אַראַבישער צד האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו באַאומרואיקן די ישראלדיקע באַפעלקערונג, און האָט איבערגעטראָגן דעם ברען־פּונקט יע־דעס מאָל אויף אַן אַנדערער גרענעץ־ליניע און אין דעם זעלבן חודש איז די לאַגע געוואָרן ביז גאָר אָנגעשטרענגט אויף דער יאַרדאַניש־ישראלדיקער גרענעץ; צוויי עגיפּטישע אַוויאָנען פון סאָוויעטישער פּראָדוקציע, זענען אַריינגעדרונגען אין דער ישראלדיקער טעריטאָריע און נאָך אַ שלאַכט אין דער לופט, זענען זיי אַראָפּגעשאָסן געוואָרן.
זאָל דאָס האָבן געווען אַזאַ פּרווו, אַזאַ פאַרשפּיל, צו דעם וואָס זיי גרייטן איצט?
און נאָך אַ שלעכטער סימן:
אין חודש יאַנואַר, שוין אין יאָר 1967, האָט דער קעניג חוסיין פון יאַרדאַניע מסכים געווען אַריינצולאָזן אַראַביש מיליטער פון אַן אַנדערע מלוכה אויף זיין טעריטאָריע, בעת פריער האָט ער זיך כּסדר קעגנגעשטעלט דעם דאָזיקן אַקט, מורא האָבנדיק פאַר דער סוווערעניטעט פון זיין מלוכה און אַפילו, ווי מיר וויסן עס, פאַר זיין קרוין. די צושטימונג אַריינצולאָזן פרעמדע מיליטער־אָפּטיילונגען קיין יאַרדאַניע, איז קודם־כּל געווען אין סתירה צום „סטאַטוס־קוואָ", וואָס האָט פאַרפליכטעט די אַראַבישע שכנים לויטן וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך פון יאָר 1948 און צווייטנס, איז עס אַן אָנזאָג פון אַ פּראָוואָקאַטאָרישע כּוחות־קאָנצענטראַציע ביי די ישראל־גרענעצן.
און די אַראַבישע סאַבאָטאַזש־אַקטן האָבן אָנגענומען געפער־לעכע פאָרמען. סיריע האָט זיך אַפילו דערלויבט צו פּראָוואָצירן ישראל, דורך אַריינדרינגען פון אירע אַוויאָנען אין לופט־חלל פון אונדזער מדינה. זעקס סירישע „מיג"־אַוויאָנען זענען אַראָפּגעשאָסן געוואָרן. דאָס האָט, פון איין זייט, געהויבן דעם אָנזען פון דער ישראלדיקער אַוויאַציע, וואָס האָט באַוויזן איר אומפאַרגלייכלעך העכערן קאַמפס־ווערט, ווי די פון אַראַבישע פליער. אָבער פון דער אַנדערער זייט, האָט די מפּלה פון די „מיג"־אַוויאָנען פון סאָוויעטישער פּראָדוקציע, אַרויסגערופן דעם ווילדן כּעס פון ראַטנ־פאַרבאַנד, וואָס האָט פונאַנדערגעוויקלט אַ וואַקכאַנאַליע־קאַמפּאַניע קעגן מדינת ישראל.

דער פאַרשטייער פון סאָוויעט־רוסלאַנד אין זיכערהייטס־ראַט, האָט מיט זיין „וועטאָ״־רעכט נישט דערלאָזט אָנצונעמען קיין באַשלוס, וואָס רופט סיריע זיך אָפּצוהאַלטן פון פּראָוואָקאַציעס אויף דער ישראל־גרענעץ.

און ווי מיר ווייסן, האָט רוסלאַנד אויף אַ מיאוסן אופן באַשולדיקט יש־ראל, אַז זי קאָנצענטרירט מיליטער אויף דער סירישער גרענעץ, בכדי כלומרשט אָנצופאַלן אויף דער דאָזיקער מלוכה. נאָך מער, וואָרעם באַלד דערנאָך, האָט מאָסקווע פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע דעקלאַראַציע:

„זייט דעם אָנגריף פון ישראל קעגן דער סירישער טעריטאָריע, האַלטן אָן די ישראל־מנהיגים אַ מיליטערישן קריגס־פּסיכאָז״; און צוגעגעבן: „עס איז פאַרשטענדלעך, אַז ישראל וואָלט עס נישט געוואַגט, ווען זי וואָלט נישט דערמוטיקט געוואָרן דורך די אימפּעריאַליסטישע לענדער, וואָס ווילן איינ־פירן דעם קאָלאָניאַליזם אויפן אַראַבישן באָדן״ — און ווייטער: „די יש־ראלדיקע עקסטרעמיסטן האָבן שיינבאַר געוואָלט פאַרכאַפּן סיריע, פּראָפּי־טירנדיק פון איר איזאָלירונג, אָבער זיי האָבן געמאַכט אַ פאַלשן חשבון, אויספילנדיק אירע התחייבות אַלס אַליאירטע, האָט עגיפּטן אונטערגענומען שריט, צו האַמעווען די דאָזיקע אַגרעסיע״.

— נו? ווי געפעלט אייך אָט די נייעס? און ס׳איז נאָך נישט אַלץ! — האָט מאַרעק געזאָגט און צוגעגעבן: — דער מאָסקווער ראַדיאָ האָט אויך געמאָלדן אַז: „נאָכן אָנגריף פון זיבעטן אַפּריל, האָט דער ראַטנפאַרבאַנד געוואָרנט ישראל, אַז זי וועט טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די קאָנ־סעקווענצן, וואָס וועלן דערפון אַרויסדרינגען, און אַז ישראל איז פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַרן קריזיס אין מיטעלן מזרח״.

וועלנדיק אויפווייזן די פאַלשע באַשולדיקונג פון ראַטנפאַרבאַנד, האָט פּרעמיער לוי אשכול פאַרבעטן דעם סאָוויעטישן אַמבאַסאַדאָר פון ישראל, אַז ער זאָל מיט אים צוזאַמען פאָרן און מאַכן אַ גענויע קאָנטראָל פון דער ישראל־סירישער גרענעץ, וועט ער האָבן די מעגלעכקייט צו זען און זיך איבערצייגן, אַז די באַשולדיקונג איז אַן אויסגעטראַכטע. דער סאָוויעטי־שער אַמבאַסאַדאָר אין ישראל האָט די איינלאַדונג נישט אָנגענומען, און דער סאָוויעטישער ראַדיאָ, די פּרעסע, אירע וואָרטזאָגער, האָבן אָבער נישט אויפגעהערט צו באַשולדיקן ישראל, אַז זי גרייט צו אַן אַגרעסיע קעגן סיריע.

נאָך די געשעענישן, ווו ס׳זענען געפאַלן עטלעכע קרבנות פון די טע־ראָריסטישע איבערפאַלן, האָט פּרעמיער לוי אשכול גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט:

— די געשיכטע פון אונדזער פאָלק אין זיין צעשפּרייטקייט, איז דורכ־

געווייקט מיט בלוט און טרערן. מיר האָבן שטענדיק געמוזט קעמפן פאַר אונדזער קיום. מיר אַלע, די רעגירונג, צה״ל און דאָס גאַנצע פאָלק, שטייען שטיל נעבן די פרישע קברים און אונדזער תפילה איז, אַז מיר זאָלן נישט האָבן מער קיין געפאַלענע און מיר זאָלן נישט דאַרפן אַרויסגיין אין קיין מלחמה. אויב אָבער עס וועט געשלאָסן ווערן פאַר אונדזערע שיפן דער ים־סוף, וועלן מיר צונישט מאַכן יעדן פּרווו צו שטערן דעם פרייען פאַרקער פון די ישראל־שיפן, אומאָפּהענגיק וועך די שטערער זאָלן נישט זיין. היינט צו טאָג האָט סיריע געגומען אויף זיך די ראָל צו זיין די ערשטע אין דער מלחמה קעגן אונדז. דער כוח פון די סיריער איז אייגנטלעך נישט גרויס און נישט אומזיסט זוכט סיריע שוץ ביי גרעסערע מאַכטן. דאָס דאַרף נישט דערוועקן קיין בהלה, אָבער מיר וועלן זיך נישט פאַרלאָזן אויף נסים. מיר וועלן שטיין אויף דער וואַך און זיין גרייט צו יעדער מעגלעכקייט.

דערויף האָט נאַסער געענטפערט:

„מיט אַ יאָר צוריק, האָב איך דערקלערט, אַז מיר האָבן נאָך נישט קיין געניויעם פּלאַן פאַרן באַפרייען פאַלעסטינע, אָבער דער איינציקער וועג איז אַן אַראַבישע רעוואָלוציאָנערע אַקציע. איצט האָבן מיר אַ האָפענונג צו זיגן אין קאַמף מיט ישראל. מען מאַכט אונדז פאַרווורפן, אַז מיר האָבן געדולדעט דעם אָנו־כוח, אָבער מיר זענען נישט געווען גרייט, האָבן מיר געוואָלט אָפּוואַרטן, ביז מיר האָבן קאָנסאָלידירט אונדזערע אַרמייען און דערווייטערט די אָנו־כוחות. דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן וועגן שאַרם־על־שייך. די באַזעצונג פון שאַרם־על־שייך באַדייט פאַר אונדז אַז מיר וועלן זיין בכוח צו פירן אַ טאָטאַלע מלחמה מיט ישראל. מיר האָבן נישט געוואָלט קיין לאָקאַליזירטע אַקציע, דעריבער האָבן מיר געמוזט וואַרטן ביז מיר וועלן זיין גרייט. דער קאַמף קעגן ישראל וועט זיין אַ טאָטאַלער. די שלאַכט וועט נישט זיין באַגרענעצט פאַר סיריע, אָדער עגיפּטן. אונדזער פונדאַמענטאַלער ציל וועט זיין די פאַרניכטונג פון ישראל. איראַק האָט געשיקט טרופּן קיין סיריע. אַלזשעריע וועט אונדז שיקן אירע טרופן און קאָוויט שיקט געווער״.

און אכמעד שוקיירי האָט צוגעגעבן:

„אויף דער דאָזיקער מלחמה וואַרטן מיר שוין זייט יאָרן. די שעה פון מלחמה האָט געשלאָגן. אונדזערע זעלנער אויף די גרענעצן שטייען גרייט זיך צו וואַרפן אין קאַמף פאַר באַפרייען תל־אביב״...

נאָך די העץ־רעדעס פון די אַראַבישע פירער, זענען געקומען פאַר־שידענע אָפּרופן פון דער אויסלענדישער פרעסע.

דער גוט באַקאַנטער ראַזשע מאַסיפּ שרייבט אין „לע פיגאַראָ“, אַז

סיריע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער איצטיקער שפּאַנונג, דערמיט וואָס זי דערמוטיקט די סאַבאָטאַזש־אַקטן אויף דער ישראל־טעריטאָריע און באַהאַלט אויס ביי זיך די אל־פאַטאַך און אַנדערע טעראָריסטן־באַנדעס. די האַלטונג פון עגיפּטן איז גיכער בכדי אויסצומיידן רעפּרעסיעס מצד ישראל, קעגן סיריע, ווי פּאַקטיש צו ווערן זיך אַריינלאָזן אין אַ מלחמה, וואָס איז פון פאָרויס, גיכער אַ פאַרשפּילטע". און ראָזשע מאַסיפ איז אויך ביי דער מיינונג, אַז או־טאַנט האָט זיך צו גיך אַנטשלאָסן אַרויסצונעמען די אָנו־כוחות פון עזה־פּאַס און דער מחבר וואַרפט אָפּ יעטוועדע עווענטואַליטעט פון אַ קריג צווישן ישראל און עגיפּטן. ער האַלט, אַז כאָטש ישראל איז באַדייטנדיק מיליטעריש שטאַרקער, איז אָבער ישראל פון תמיד אָן, פאַר אַ פרידלעכע לייזונג פון די סכסוכים. פון דער אַנדערער זייט, איז נאַסער אויך ניש פאַראינטערעסירט אין איצטיקן מאָמענט אין אַ מלחמה, זייענדיק איצט אַנגאַזשירט אין תימן. חוץ מזה, איז נאַסערס שטעלונג, אַז קודם־כל דאַרף מען זיך באַפרייען פון די „אימפּעריאַליסטן" וואָס שטיצן ישראל, און נאָכדעם ערשט אַנגרייפן ישראל.

די צייטונג „ל'אָראָר" פרעגט:

„צי איז דאָס אַ נערוון־קריג? אָדער אַ ווילן צו פּראָוואָצירן אַ מלחמה אין מיטעלן מזרח? דאָס איז דאָס ערשטע מאָל זייט צען יאָר, וואָס עגיפּטישע חיילות זענען אַריבער דעם סועץ־קאַנאַל און זיך קאָנצענטרירט אין האַלב־אינדזל פון סיני. אַכמעד שוקיירי האָט בעת אַ משוגענער העץ־רעדע באַשטעטיקט, אַז ער באַוואָפנט זיינע זעלנער מיט וואָפן וואָס ער באַקומט פון כינע".

פראַנסואַ פאָנסע שרייבט אין „לע פיגאַראָ":

„אַ וויכטיקע און אַנטשיידנדיקע באַדייטונג האָט די האַלטונג פון רוסלאַנד. דער ראַטנפאַרבאַנד האַלט אין זיינע הענט דעם גורל פון שלום אין נאָענטן מזרח. מען זאָגט אונדז, אַז רוסלאַנד איז געוואָרן מער שכלדיק און אַז זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע רעוואָלוציאָנערע אַמביציעס און אַז זיי זענען פאַרבונדן מיט דער פּאָליטיק פון פרידלעכער קאָעקזיסטענץ. היינט איז געקומען דער מאָמענט, פאַר דעם ראַטנפאַרבאַנד דאָס צו באַווייזן".

די פראַנצויזישע פּרעסע־אַגענטור ברענגט פאָלגנדיקע נייעס:

„די באַגרענעצטע מאָביליזאַציע פון רעזערוויסטן אין דער ישראל־אַרמיי איז פאַרענדיקט. די ישראלדיקע טאַנקן האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו דער גרענעץ פון סיני, וווּ די עגיפּטער האָבן קאָנצענטרירט הונדערט טויזנט זעלנער".

די זיכערקייטס־מאַסמיטלען פּילט מען וואָס אַמאָל מער. אין די

גאַסן און אויף די וועגן הערשט אַן אַטמאָספערע פון מאָביליזאַציע; אָבער שטילערהייט, אָן נערוואָזיטעט. טראָץ דעם צווייפלט מען אין ישראל, צי נאַסער וועט זיך לאָזן אַריינשלעפּן, און שטערן דעם ישראלדיקן ים־פאַרקער פון אילת דורכן רויטן ים. ירושלים האָט תמיד צוויסן געגעבן, אַז אַזאַ פאַל וועט אויטאָמאַטיש זיין אַ קריגס־דערקלערונג".

אַ לענגערער צייט האָט אַרום טיש געהערשט אַ שטילשווייגן. קיינער האָט נישט אַרויסגעזאָגט עפּעס אַ מיינונג. נאַטאַלי איז געווען דרייסטער פון איטלעכן און וועלנדיק טרייסטן די אַרומיקע און אויך זיך אַליין, האָט זי זיך אָנגערופן:

— וואָס אַן אמת, איז די לאַגע אַן ערנסטע, אָבער איך בין מסכים מיט דעם פראַנצויזישן זשורנאַליסט ראַזשע מאַסיפּ, אַז ס׳וועט נישט זיין קיין מלחמה. זשורנאַליסטן האָבן ליב די זאַך צו צעשפּרייטן און מאַכן פון אַ געוויס געשעעניש אַ סענסאַציע, און דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן דאָ איצט געהערט לייענען, זאָגן זיך די מערסטע אַרויס, אַז ס׳איז נישט מער ווי אַ מאַנעוור, איין גרויסער בלאָף און איך מיין אויך, אַז נאַסער וועט זיך נאָך גוט באַטראַכטן איידער ער וועט זיך אַריינלאָזן אין אַזאַ אַוואַנטורע, ווי אָנהייבן אַ קריג. איבעריקנס, וואָס האָבן מיר דאָ צו דיסקוטירן? איך מוז אויך צוגעבן, אַז אַריינטראַכטנדיק אין די מיינונגען פון די אַלע פּאָליטיקער און זשורנאַליסטן, הייבט אַזש אָן דער קאָפּ זיך צו פאַרדרייען. וואָלט איך פאָרגעלייגט, מען זאָל אויפהערן דיסקוטירן און לאָמיר האָפן, אַז אָט דער שטורעם וועט פאַרביי, די שוואַרצע כמאַרעס וועלן צערינען און די זון וועט ווייטער שיינען אויף דעם בלויען ישראלדיקן הימל.

— גערעכט! — זאָגט מינקע — מיר וועלן דאָ גאָרנישט אויסגעפונען מיט אונדזער דיסקוטירן. ס׳איז נאָך דערווייל אַלץ פאַרנעפּלט. איך וויל דאָ טיילן די מיינונג פון נאַטאַלי, אַז דעם קומענדיקן פרייטיק אָוונט, וועלן מיר האָבן בעסערע נייעס און ווען מיר וועלן זיך ווידער טרעפן, וועלן מיר דעמאָלט דיסקוטירן.

אַלע זענען געווען מסכים מיט די מיינונג פון נאַטאַלי און מינקע. מען האָט זיך אָנגעהויבן געזעגענען און באַשטימט דעם קומענדיקן פרייטיק אָוונט ביי בערנאַרדן, אין זיין אַפּאַרטאַמענט.

פרייטיק אָוונט דעם 26-טן מאַי, האָט בערנאַרד און זיין פרוי אָפּגעוואַרט זייערע געסט, וואָס זענען אָנגעקומען פאַרנוויז, די שטימונג איז געווען אַ נאָך מער געדרוקטע ווי דעם פאַרגאַנגענעם פרייטיק אָוונט. קיינער האָט שוין איצט נישט געצווייפלט, אַז די מלחמה קען אויסברעכן אין די נאָענטסטע טעג, ווי עס האָבן עס געוויזן די געשעענישן פון דער אָפּגע־

לאָפּענער וואָך. בערנאַרד און די געסט האָבן געהאַט וואָס צו דערציילן פון אַ גאַנצער וואָך.ביים מאָלצייט, איז קיין איין וואָרט נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון קיינעם. מען האָט זיך נאָר באַגנוגנט מיט די לעצטע ידיעות פון ראַדיאָ. נאָכן עסן, זענען אַלע פאַרבעטן געוואָרן אין סאַלאָן אויף אַ קאַ־פע און ביים טרינקען די קאַפע האָט דאָקטאָר גורעלי דער ערשטער איבער־געריסן דאָס שווייגן און געפרעגט:

— נו? ווי געפעלן אייך די גאָר לעצטע נייעסן? אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס אַזעלכעס זאָגט די וועלט? עפּעס דוכט זיך מיר, אַז מיר זענען לעצטנס באַרייכערט געוואָרן מיט אַזוי פיל גוטע פריינט, אַ וועלט מיט פריינט און ווי ס׳וויזט זיך אַרויס, איז די עפנטלעכע מיינונג פון דער וועלט מיט אונדז און מיר דוכט זיך אויך, אַז זיי האָבן אויף אונדז רחמנות, ווייל מען גרייט זיך אונדז אויסצושעכטן. אָבער טראָץ דעם, איז זייער אינטערע־סאַנט צו הערן זייערע ווערטער, זייערע מיינונגען און כ׳וועל איבערגעבן דאָס וואָרט בערנאַרדן; לאָמיר פון אים הערן נייעס פון דער וועלט.

ס׳האָט זיך גלייך דערהערט אַ שאַרכן פון געמישטע ציַיטונגס-בלע־טער און בערנאַרד האָט אָנגעהויבן, פרעגנדיק:

— צי קען מען דען אויסמיידן, אָדער זיגן אין אַ מלחמה מיט דער עפנטלעכער מיינונג? — און ער האָט גלייך אָנגעהויבן לייענען:

די צייטונג „לע־פיגאַראָ" שרייבט:

„ווי עס זאָל נישט זיין, קענען נישט די גרויסע מלוכות פאַרלאָזן יש־ראל; זיי האָבן מיט זייער באַשלוס אָקצעפּטירט די אָנטשטייאונג פון מדינת ישראל; זיי קענען און דאַרפן נישט אָן חרפּה און פאַרלוסט פון כבוד, צוריק־ציען היינט זייער אונטערשטיצונג דעם יידישן לאַנד. זייער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט איז אַ גרויסע. נישט קוקנדיק אויף די ציינישע דערקלערונגען פון נאַסערן, דעם באַוווּנדערער און נאָכפאָלגער פון היטלערן, קען מען נישט זאָגן, אַז די שולד פאַר דער היינטיקער שפּאַנונג פאַלט אויף ישראל".

אין דער זעלבער צייטונג שרייבט ראַזשע מאַסיפּ:

„די אַרומרינגלונג פון ישראל מאַכט די לאַגע זייער ערנסט. דאָס „ברידערלעכע קושן זיך" פון נאַסערן מיט דעם קעניג חוסיין, קען נאָר אַרויסרופן אַ שמייכל. ווען תל־אביב דערמאָנט, אַז אַ נייער מינכען וועט מאַכן די לאַגע נאָך געפערלעכער, פרעג איך: ווער קען זיך אַרויסזאָגן קעגן דער דאָזיקער מיינונג? ישראל איז צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און אַ פאַר־טיידיקונגס־אַקציע פון ישראל איז גאַנץ אומפאַרמיידלעך — און ער גיט ווייטער צו: — די פירער פון קרעמל, אויב זיי האָבן נישט פּראָוואָצירט, האָבן זיי אָבער דערלויבט, אַז עס זאָל אַנטשטיין די איצטיקע דראַמע".

„קאָמבאַ" שרייבט אין אַ לייט־אַרטיקל, אַז „עס קומט פאַר אין גאַנץ פראַנקרייך, און אין אַלע לענדער פון דער וועלט, אַ כוואַליע פון סימפּאַטיע פאַר ישראל, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג — און ווייטער שרייבט די צייטונג — קודם כל איז עס פאַרבונדן מיט דער פערזענלעכקייט פון ישראל, און פון די ישראלים; ישראל איז אַ לאַנד פון אַ מקום מקלט און ישראל רעדט טראַגיש צום געוויסן פון די פעלקער. די ישראלים האָבן פון דאָזיקן מדבר־באָדן געמאַכט אַ גאָרטן און מען איז דאַנקבאַר ישראל פאַרן האָבן עדות געזאָגט וועגן די ווערטן פון מענטש".

קלאָד פּוזיע פרעגט:

„פאַרוואָס איז אויסגעבראָכן דער קריזיס? דער פּרעטעקסט זענען די פּאַלעסטינער פּליטים. זיי געפינען זיך אין די לאַגערן אויף די גרענעצן. די אַראַבישע מלוכות זענען געווען אומפּעאיק זיי איינצוגלידערן. צווישן זיי רעקרוטירן זיך מיטגלידער פון די קאָמאַנדאָס, וואָס פירן אויס טעראָר־אַקטן אויף דער ישראל־טעריטאָריע; זייער שטימונג איז ענלעך צו דער שטימונג פון די דייטשן פון שלעזיע, פּאָמערן און מזרח־פּרייסן, וואָס האָבן פאַרלאָזט די טעריטאָריעס. די באַפעלקערונג איז געווען דייטש זינט יאָר־הונדערטער. די פאַרשידענע לינקע, אַנערקענען די ליניע „אָדער — ניסע", קענען זיי נישט אַנערקענען די גרענעצן פון ישראל? ווען מענס פאָלק איז צעשפּרייט געוואָרן קעגן זיין ווילן, און וואָס האָט צוריקגעפונען זיין איצ־טיקע ערד?".

„מען קען אַלזאָ טראַכטן, אַז די מיליאַרדן, וואָס זענען שוין פאַר־שלונגען געוואָרן אין דעם וואָפן־געיעג, וואָלטן בעסער באַנוצט געוואָרן פאַר איינאָרדענען, איינגלידערן די פּאַלעסטינער פּליטים, וועלכע האָבן געקענט האָפן, ווי אונדזערע רעפּאַטריאַנטן פון אַלזשעריע, אַז זיי וועלן געפינען ווו אַנדערש, ביי זייערע נאַציאָנאַלע אַראַבישע ברידער, מיטלען פון ווידער־אויפבויען זייער עקזיסטענץ, איז עס גוט געווען, צו מאַכן פון זיי אייביקע „רעוואַנשיסטן"? איז עס גוט זיי ווייטער אויפצוהעצן קעגן אַנדערע פּלי־טים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון פּאָגראָמען, פון דעם אַנטיסעמיטישן טעראָר און פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן?".

„מדינת ישראל האָט דאָס רעכט צו בויען איר סאָציאַליזם, וואָס איז נישט דער זעלבער ווי דער סאָציאַליזם פון עגיפּטישן נאַסעריזם, אָדער פון סירישן באַאַטיזם; אין ישראל זענען די מדברות איצט פול מיט בלומען, און די זעקס מיליאָן קדושים זענען געוואָרן זעקס מיליאָן ביימער. יעדנפאַלס באַווייזט די באַטייליקונג פון ישראל אין דערווירטשאַפטלעכער און טעכ־

נישער הילף פאַר די לענדער פון דער דריטער וועלט, אַז זי האָט מער אינ־טערעסן אין שלום ווי אין אַ קאַלטן אָדער הייסן קריג״.

און ער פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

„מיר ווילן האָפן, אַז דער שכל וועט זיגן און אַז די גרויסמאַכטן וועלן אינטערווענירן, אַז זיי וועלן זיך אָפּזאָגן זיך אַנצושליסן אין די פּרעטעקסטן אויף וועלכע איינע אָדער אַנדערע קענען זיך פאַרופן, כדי צו באַרעכטיקן דאָס בלוט־פאַרגיסן אין דער דאָזיקער געגנט. ישראל עקזיסטירט און האָט דאָס רעכט צו עקזיסטירן אין שלום״.

בערנאַרד האָט אויפגעהויבן זיינע בליקן פון דער צייטונג און זיי גע־וואַנדן צו אַלע אַרום, כדי זען צי האָבן די ווערטער באַרואיקט זיינע צוהערער און נאָך אַ ווײַלע פון אַלעמענס שטילשווייגן האָט ער פאַרגעזעצט דאָס לייענען די וויטערדיקע מיינונגען פון דער פראַנצויזישער פּרעסע.

די צייטונג „ל'אָראָר״ שרייבט:

„אילת איז אַ פענצטער פון ישראל, קיין שום פראַגע איז נישט אַזוי פּאָפּולער איצט אין אַמעריקע, ווי די פראַגע פון דער זיכערקייט פון יש־ראל, ווייל די לאַגע אויף דער ישראל־עגיפּטישער גרענעץ פאַרערגערט זיך פון שעה צו שעה. די אָנו־כוחות האָבן פאַרלאָזט די זאָנע פון עזה־פּאַס. איצט פאַרנעמען זייער אָרט, די פּאַלעסטינער איינהייטן, צווישן זיי די „קאָמאַנ־דאָס פון טויט״. די עגיפּטישע פאַרשטאַרקונגען ציילן מערערע טאַנקן־די־וויזיעס און אינפאַנטעריע, און זיי טראַנספּאָרטירן זייערע אָפענסיווע־פּאָ־זיציעס און גרייטן אויף צו וואַרפן די „טויט־קאָמאַנדאָס״ פון עזה־פּאַס קעגן ישראל״.

דער „ניו־יאָרק העראַלד טריבון״ שרייבט:

„רוסלאַנד פאַרלאַנגט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פון ענגלאַנד, און פון די מערב־מלוכות צו צוימען ישראל. דער מערב האָט דאָס רעכט צו פאָדערן פון דעם ראַטנפאַרבאַנד, צו צוימען דעם אימפּעט פון נאַסערן״.

און אין דער צייטונג „קאַנאַר אַנשענע״ שרייבט ראָבער טרענאַ און־טערן קעפּל „דער גרויסער שווינדל״, אַז: „ווי אין דער צייט פון מינכען, נעמט מען פעלקער אין אַ פּולאַפּקע; וואָס איז בעסער? דער קריג, אָדער מקריב זיין אַ קליין לאַנד? דער אונטערשיד איז נאָר, אַז טאָקע זינט מינ־כען, ווייסט מען וווהין דאָס דערפירט. די פּולאַפּקע האָבן דאָס מאָל, די רוסן אויפגעשטעלט, כדי צו ציען ווער ווייסט וועלכן פּראָפיט; יעדנפאַלס איז אַ פאַקט, אַז מען ליפערט אויס ישראל צו נאַסערן און דער לעצטער דאַרף נעמען די ליפערונג, אויב ער קען עס״.

„מען שטעלט פעסט ביי דער געלעגנהייט אויסטערלישע שטעלונגען:

מזרח-דייטשלאַנד גיט איר הסכם אויף דער שחיטה פון דער יידישער מלוכה. זי האָט גאַרנישט קיין געמיינזאַמעס מיטן דריטן רייך, דאָס איז קלאָר, אָבער פונדעסטוועגן...".

„צפון-וויעטנאַם איז אויך מסכים מיט דער בלאָקאַדע פון אַקאַבאַ, אַנדערש געזאָגט, האָ-שי-מין וואָלט אַפּלאָדירט די פולשטענדיקע צעשטע־רונג מיט וועלכער נאָסער דראָט דער קליינטשיקער מדינת ישראל... אַזאַ אויסוואַל גיט אונדז צו טראַכטן... צום סוף פאַרזיכערט פעקין נאָסערן די אונטערשטיצונג פון 700 מיליאָן כינעזער... כדי צו פאַרניכטן צוויי מיליאָן ישראלים. דאַרף מען אַזאַ גרויסע מאַסע?".

„עס זענען דאָ מענטשן און רעגירונגען, וואָס גייען צו לייכט אַריבער אויף דער אַנדערער זייט פון דער באַריקאַדע: פון דער זייט פון די קרב־נות, אויף דער זייט פון די תלינים... מיר נישט... מען זאָל אונדז טויזנט מאָל אַנטשולדיקן. דער גרויסער שווינדל איז, אַז מען וויל איינרעדן מענטשן, דאָס אויב די אַמעריקאַנער וואָלטן אינטערווענירט, כדי צו ראַטעווען די עקזיסטענץ פון ישראל, איז מען גרייט צו מאַכן דעם אויספּיר, אַז ישראל איז אַן אַגענט פון דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. לאָמיר זאָגן ביי דער געלעגנהייט, אַז זי וואָלט זיך אויך געלאָזט ראַטעווען דורך די רוסן, אויב די לעצטע וואָלט דאָס געוואָלט".

„דער גרויסער שווינדל איז אויך פאַרצושטעלן דעם פירער פון קאַירא אַלס אַפּאָסטאָל פון סאָציאַליזם און די אַראַבישע שקלאַפן-באַזיצער אַלס מאַרטירער. די גרויסע אַפּנאַרעריי איז אויך מצד דעם גענעראַל דע גאָל, וועלכער פּרוווט צו איבערצייגן די וועלט מיט זיין פאַרשלאָג פון אַ קאָנ־פערענץ פון די פיר, אַז פראַנקרייך איז נאָך איינע פון די „גרויסע". די פאַראַכטונג, מיט וועלכער מאָסקווע האָט אויפגענומען זיין איניציאַטיוו טראָץ אַלע פלאַפלערייען וועגן דער באַרימטער פראַנצויזיש-סאָוויעטישער דערנענטערונג, איז כאַראַקטעריסטיש... דער גרויסער שווינדל — די גרוי־סע אַפּנאַרעריי... אָבער ווער איז אין תוך אָפּגענאַרט פון דעם אַלעמען? אַפילו די פון דער קאָמוניסטישער „הומאַניטע" — איוו מאַראָ. און רענע אַנדריע, ווייסן גאַנץ גוט, אַז דאָס גאַנצע פּראָבלעם ליגט אין וועלן מאַכן אַ סוף צו דער לעגאַלער עקזיסטענץ פון ישראל".

בערנאַרד איז ווידער שטיל געבליבן און דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— נו? ווי געפעלן אייך אָט די אַלע מיינונגען און שיינע ווערטער? וואַרט צו, איצט וועט איר הערן נאָך שענערע ווערטער פון איינעם, וואָס ער רעכנט זיך, אַז ער געהערט זיך עפּעס אָן דעם יידישן פאָלק, זיין פאָטער איז געווען אַ קריסט, אַן אָפיציר פון דער „אייזערנער גוואַרדיע" אין רומע־

ניע, אָבער זיין מוטער איז געווען אַ יידישע. דאָס איז דער באַרימטער שרייי־
בער און מחבר פון טעאַטער־פּיעסעס, זיין נאָמען איז עוזשען יאָנעסקאָ,
ווען עמעצער געוויסן האָט רעוואָלטירט. זיין אַרטיקל רופט ער אָן: „מיאוסע
אויסוואורפן" — הערט אייך צו:

„אַ פאָלק איז באַדראָט דורך פאַרניכטונג; אַ פאָלק וואָס וויל נישט
דאָס אָרט פון אַנדערע, נאָר וויל אַ קליין אָרט, כדי צו לעבן אין דער וועלט.
אַ פאָלק וואָס האָט דאָס רעכט צו לעבן ווי אַנדערע און אפשר מער רעכט
ווי אַנדערע. אַ פאָלק וואָס איז געווען אַממייסטן באַליידיקט, פאַרפאָלגט און
געפּייניקט. אַ פאָלק, וואָס גלויבט באמת אין עטיק, אין דער פּאָליטיק, אַ
זאַך וועגן וועלכער מען רעדט אַ סך אין איצטיקן מאָמענט, ווייל מען גלויבט
אין דעם נישט".

„עס איז דאָ אַ פּאַנסלאַוויזם, וועלכער הייסט נישט מער אַזוי, אָבער
וועלכער בושעוועט ווייטער אונטער אַן אַנדערן נאָמען; וועלכער באַדראָט
נישט בלויז די אומאָפּהענגיקייט פון אַזויפיל לענדער, נאָר קאָמפּראָמיטירט
אויך דעם נאָמען פון סאָציאַליזם. עס איז געווען און עס איז נאָך דאָ אַ
פּאַן־גערמאַניזם, עס זענען דאָ אַנדערע אימפּעריאַליזמען, כלומרשט „רע־
וואָלוציאָנערע", עס איז אָבער נישטאָ קיין יידישער אימפּעריאַליזם. עס איז
דאָ נאַסערס אימפּעריאַליזם און נאַסערס ראַסיזם, וואָס האָט דערמאָרדעט
אַ האַלבן מיליאָן נעגער אין סודאַן און וואָס וויל איצט די פולע פאַרניכטונג
פון ישראל און פון די יידן, וואָס האָבן געגעבן דער וועלט רעליגיעס, אַ
מאָראַל, פּילאָזאָפיעס. נאָך מער, דאָס איז אַ פאָלק, וואָס ווינט אויף אַ
שטיקל ערד און וואָס עס האָט פרוכטבאַר געמאַכט אַ מדבר, וואָס קען
איצט באַווינט ווערן, דאַרף די ערד נישט געהערן צו דעם, וואָס אַרבעט
און מאַכט זי פרוכטבאַר, צו די, וואָס האָבן פאַרוואַנדלט דעם מדבר אין
גערטנער? דאָס איז אַן אָרעם פאָלק, אָן אינדוסטריעס, אָן נאַפט, אָן אַנ־
דערע רייכטימער, ווי נאָר זיין מוט".

„דער שענדלעכער אויסוואורף פון דער געשיכטע, היטלער, האָט גע־
וואָלט פאַרניכטן פעלקער, ראַסעס, נאַציעס, זיין תלמיד נאַסער וויל, פּרוווט
צו טאָן די זעלבע זאַך. די מעסיקייט פון די רעאַקציעס פון דעם מאָראַלן
געוויסן פון דער וועלט רעגט מיך אויף, אַזוי איז עס שטענדיק געווען...
דאָס געזעץ באַשטראָפט פאַר נישט געבן הילף אַ פּערזאָן אין געפאַר; וואָס
פאַר אַ געזעץ וואָלט געקענט באַשטראָפן דעם אָפּזאָג פון הילף פאַר אַ פאָלק
אין געפאַר! אַ פאָלק איז באַדראָט דורך גענאָסיד, אַנדערע פעלקער געפינען
פאַר זיך אַנטשולדיקונגען, כדי נישט צו העלפן, דעסאָלידאַריזירן זיך צוליב
פאַלשע מאָטיוון, בלייבן גלייכגילטיק, אַבי דאָס זאָל נישט פאַרקומען ביי

אונדז, אַבי מ׳זאָל אונדז נישט הרגענען, וואָס קען דאָס אונדז אינטערעסירן, אַז מ׳וועט אויסראָטן די אַנדערע?!...״

דער פראַנצויזיש־יידישער סאָציאַליסטישער לידער דאַניעל מאַיער האָט געלאָזט הערן זיין שטים מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„איך שעם זיך צו זיין אַ סאָציאַליסט, אויב דאָס דאַרף זיין דער עפּי־טעט פאַר אַן אַגרעסיע־פּאָליטיק, דערמוטיקט דורכן ראַטנפאַרבאַנד. איך שעם זיך צו זיין אַ פראַנצויז, ווייל די אָפיציעלע פּאָליטיק פון פראַנקרייך, שוין צום צווייטן מאָל אין משך פון דרייסיק יאָר, האָט פאַרלאָזט אין אַן עת־צרה, אַ פריינטלעך פאָלק און פאַרבינדעטן. איך שעם זיך צו זיין אַ מענטש, ווייל עס איז גאָרנישט געטאָן געוואָרן פאַר דער מענטשהייט, קעגן אַן איבערחזרונג פון אַ גענאָסיד. און כ׳וויל צוגעבן, אַז איך שעם זיך נישט צו זיין אַ ייד״.

— אָט דאָס זענען דערוויַיל די עטלעכע אָפּרופן פון דער פראַנצויזי־שער פּרעסע, און כ׳גיב איבער דאָס וואָרט אונדזער פריינט אַלבערט, וואָס האָט אויך עפּעס צו דערציילן.

און אַלבערט האָט גלייך אָנגעהויבן:

— אהרן מיעדניק, אַ טייערער ייד, האָט געשריגן צו דער יידישער וועלט: „יידן, ס׳ברענט! נישט נאָר אונדזער ישראלדיק שטעטל, נאָר אונד־זער גאַנצער יידישער וועלט שטייט אין געפאַר אָנועקצוגיין מיט רויך און פלאַם. די צוואַנציק יאָר פרידן זענען אַריבער. מער ווי צוואַנציק יאָר אַן וועלט־מלחמה, קען אונדזער „ציוויליזירטע וועלט״ נישט אויסהאַלטן. די משוגענע וועלט פאַרגעסט, אַז דער ישראלדיקער געטאָ איז עפּעס אַנדערש ווי דער וואַרשעווער, און אַז פון תל־אביבער ווענט קענען זיך שאַפן אַ פלאַנעטאַרישער יריחו; דער תמות נפשי אם פלישתים קען זיין שרעקלעך און געפערלעך סיי פאַר ירושלים, סיי פאַר ניו־יאָרק, ווי פאַר מאָסקווע, קאַיראָ, פּאַריז צי רוים. מעכטיקע אינטערעסן זענען גרייט אונדז אַלעמען מקריב צו זיין אויפן מזבח פון ווער ווייסט וועלכע ביזנעס״.

„יידן! שטייט נישט מיט פאַרלייגטע הענט! אַלץ איז מעגלעך! סדום איז אַלמעכטיק, דער וואָל־סטריט דאַרף אַרויס פונעם קריזיס! די בערזע פאַלט, אַ מבול פון בלוט און טרערן וועלן הייבן די שלוזן, און עס וועט גיין אַ גאַנג ווי אַמאָל אין די גוטע היטלערישע צייטן״.

„יידן! דאָ און אומעטום, אין דער גאַנצער וועלט, רופט פּראָטעסט־

מאַניפעסטאַציעס, דערקלערט דעם אמת, שרייט אין דער עפנטלעכקייט, טיילט פראָקלאַמאַציעס, אַפּישירט, שרייט אין ראַדיאָ, מאָביליזירט אַלץ וואָס איר קענט, די צייטונגען און די טעלעוויזיעס!״״.

„און איר אַלע, וואָס קענט טראָגן געווער, פאַרשרייבט אייך אַלס פריי־ווילקע. עס גייט נישט נאָר אינעם לעבן דאָרט, אין ישראל, נאָר אויך אומעטום, ווי עס אָטעמט אַ ייד, און איר אַלע, וואָס קענען נישט געבן קיין בלוט, גיט געלט, גיט וואָס איר קענט, וואָס איר האָט, ס׳לעצטע העמד! ס׳קומט אָן אַ כמאַרע פול מיט געפאַרן! זאָל קיינער פון אייך נישט פעלן! זאָל קיינער פון אייך נישט האָבן וואָס זיך פאַרצוואַרפן אַז ער האָט נישט געטאָן זיין חוב!״.

מענדל מאַן, רעדאַקטאָר פון דער פּאַריזער יידישער טאָג־צייטונג „אונדזער וואָרט״ שרייבט:

„פאַרוואָס איז דער ראַטנפאַרבאַנד מיט אירע סאַטעליטן-מדינות אויף דער זייט פון די אַראַבער? אין די אַראַבישע לענדער איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאַרבאָטן, עס הערשן אין די לענדער דיקטאַטאָרן, וואָס דינען דער רעאַקציע, וואָס זענען אונטערדריקער פון זייער אייגן פאָלק. הערשער, וואָס אַחוץ פראַזן, האָבן זיי גאָרנישט וואָס צו געבן זייער באַפעלקערונג. איראַקישע נאַפּט-מאַגנאַטן און סאוד־אַראַבישע שייכן, קאָווייטער מיליאָנערן און פעלאַכן פון יאַרדאַניע, אויפגעקומענע ביוראָקראַטן און סתם אַוואַנטוריסטן. סירישע שקלאַפן-הענדלער און כינעזיש-סאָוויעטישע „רעוואָלוציאָנערן״, מדבר־שייכן, וואָס פאַר גאָלדענע מטבעות, קענען זיי דינען אַלעמען, ווער עס וועט נאָר געבן מער! און שוקיירים פאַרשוינען, וואָס האָדעווען זיך אויפן חשבון פון די אָנר-פאָנדן, אין די „פליטים-לאַגערן״, וואָס זענען נישט מער ווי פּאַראַזיטישע קאָנצענטראַציעס פון יידיקגייערס, וועלכע מען לאָזט נישט איינוואָרצלען זיך, ווייל מען דאַרף זיי האָבן ווי עדות, אַז ישראל האָט זיי פאַרטריבן.

„גראַד אָט דעם אָנלויף פון הפקר-פאַרשוינען פון פעאָדאַלן, רעאַקציאָנערן און פאַרדעכטיקטע „רעוואָלוציאָנערן״, וואָס זענען פאַרבונדן מיט די נעאָ־נאַציס, און עס-עס-לייט, גראַד זיי האָט דער ראַטנפאַרבאַנד באַשלאָסן צו פאַרטיידיקן און צו געבן די פולע אונטערשטיצונג!

„ישראל, אַ לאַנד, וו די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין אַלע אירע שאַטירונגען, אַפילו די פראָ־כינעזישע, זענען לעגאַל; וו עס הערשט פולשטענדיקע דעמאָקראַטיע; וו עס איז פאַראַן פרייהייט פון וואָרט פאַר אַלעמען אָן אונטערשיד פון איבערצייגונג, וו עס הערשט אַ סאָציאַלע געזעצגעבונג, וואָס קען זיין אַ מוסטער פאַר די פעלקער פון אָריענט — גראַד דאָס דאָ־

זיקע לאַנד ווערט אַזוי העפטיק באַקעמפט פון גאַנצן סאָוויעטישן בלאָק, און באַטראַכט פאַר קאַפּיטאַליסטיש־אימפּעריאַליסטיש און אַגרעסאָריש.

פאַרוואָס טוען זיי דאָס?

„זיי ווילן אַרויסרופן אַ מלחמה אין נאָענטן מזרח, צוליב זייערע אימ־פּעריאַליסטישע פּראָפיטן. דאָס וועט זיין אַ מלחמה אויף לעבן און טויט. נאָסער האָט אָנגעזאָגט די פולשטענדיקע פאַרטיליקונג פון מדינת ישראל. „אויף די גאַסן פון עזה מאַרשירן שוקיירים מענטשן און ליאַרמען: „מיר ווילן זיך שלאָגן! מיר ווילן מלחמה! מיר ווילן פאַרטיליקן ישראל!" און רופן די ישראלדיקע אַראַבער העלפן אויסשעכטן אַלע יידן פון ישראל, אַפילו אַ קינד זאָל נישט איבערבלייבן, און אויב די ישראלדיקע אַראַבער וועלן זיך נישט רעוואָלטירן, וועלן זיי ווערן אויסגעשאָכטן צוגלייך מיט די ישראלים. זיי האָבן פאַרנומען די סטראַטעגישע פּאָזיציעס אין עזה און די האַרמאַטן און טאַנקן זענען אָנגעשטעלט אויף די פרידלעכע ישובים פון נגב און אין יעדער רגע קען קומען די אַטאַקע".

ביי די לעצטע ווערטער, אַז „אין יעדער רגע קען קומען די אַטאַקע" — זענען אַלע געבליבן פאַרטראַכטע מיט מאָדנע געדאַנקען איבערן גורל פון לאַנד און פאָלק. די שטילקייט האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט. דער־נאָך האָט מאַרעק זיך געוואָנדן צו אַלעמען זאָגנדיק, אַז ער וויל דאָ לייענען צוויי אינטערעסאַנטע בריוו פון ישראל־מענטשן, און געבעטן זיך צוצו־הערן:

— אַ בריוו פון ד"ר בערל פרימער, צו פריינט אין אַמעריקע:

„לאָמיר אָנהויבן פון דעם וויטנסטן, אומשולדיקסטן און שענסטן. ס'איז ביי אונדז מילד, וואַרעם און זוניק. פריי־זומער מיט דער בשמימדיקייט פון פרילינג. די לופט איז דורכזיכטיק און שאַרף און אַלץ איז קלאָר און בולט, אַ גרויסע גערעטעניש אין תבואה, אַ שפע אין בלומען, אַ מזל־ברכה אין פּירות. די פּרימאַרגנס זענען קיל־טויאיקע און די אָוונטן ווי שטענדיק טיפע און באַשטערנטע. איך בין נישט אין דאָרף, אָבער אויך מיין ווייסע שטאָט תל־אביב שיינט מיט אַלע חנען, באַזונדערס ווען עס שימערן די פּייערלעך פון די שיכונים אין פאַרנאַכטיקער פאַרחלומדיקייט.

„איז פאַרוואָס־זשע בין איך פלוצים אַזוי ליריש און אַפילו אומגע־לומפּערט פּאָעטיש? אפשר דערפאַר, ווייל דאָס דאָזיקע צאַרטע יידישע מלוכהלע איז איצט אויסגעשטעלט אויף דער גרעסטער סכנה? אַז אויף דער שיינער בליעכץ און יצירה פון גאָט און מענטש הענגט איצט דער חלף פון פאַרניכטונג און חורבן, פלאַמען און בלוט?

„ס'איז שווער זיך צו פאָרשטעלן, אַז דער דאָזיקער שמאָלער בלוי־

ימיקער פּאַס איז דער שטורעם־צענטער פון דער וועלט. אָבער קוק זיך צו נאָענטער: פון די גאַסן איז פאַרשווונדן אָט די ברויזנדיקע, טומלדיקע, פילפאַרביקע מאַסן פון יוגנט; מענטשן גראָבן אָקאָפּעס. לאַנגע רייען וואַרטן אויף דער קליינער צאָל, פול געפּאַקטע אויטאָבוסן. אין די הייזער קלאַפּט אָן אַ יונגער סאָלדאַט און אַ האַלב־פאַרשלאָפן יידיש יינגל טוט זיך אָן אויף שנעל און איילט אַוועק.

„אויף די אילומינירטע רעקלאַמע־אַנאָנסן אין סאַמע מיטן פון די פאַרביקע און שטיפערישע אָנזאָגונגען וועגן רעפּעראַטן, רעציטאַלן און טעאַטערן, געפינען זיך איצט אָנווייזונגען וועגן דעם ווי אַזוי אויפפירן זיך אין צייט פון באָמבאַרדירונג. אָוונט־צייט איילן זיך מענטשן אַהיים מיט געשפּאַנטע געזיכטער. אין מיטן גאַס אַמבולאַנסן פאַר בלוט־באַשטייערונג. גימנאַזיסטן טיילן פּאָסט און זקנים טרייבן אויטאָבוסן. דער מקלט ווערט אַ חשובער טייל פון הויז.

יאָ, מאַך נישט קיין טעות: דאָס איז די אומהיימלעך באַקאַנטע רואיקייט פון ערב מלחמה און אפשר זענען מיר שוין אין איר ווען דאָס בעסטע פון אונדזער יוגנט שטייט פאַרפּאַנצערט אויף די הייסע זאַמדן פון מדבר.

דו פרעגסט מיך ווו איז די „מאָראַל" (אַ שאַבלאָן־וואָרט) פון דער באַפעלקערונג פון הינטערלאַנד? ס'איז אַ געמיש פון טרויער, גבורה, אָנגעשטרענגטקייט און נערוון צעטרייסלדיקע דערוואַרטונג.

יאָ, ס'איז בפירוש, אומעט — ווי דען אַנדערש? קען דען וועלכער ס'איז מענטש אויף דער וועלט זיין היינט קאַמפּסלוסטיק, אָדער אפילו ווילּיק? בפרט אַ פאָלק ווי אונדזערער, וואָס האָט אָרגאַניש פיינט בלוט און שווערדן־געפעכט? בפרט ישראל, וועמענס גאַנצע געשיכטע איז איין טריאומף פון פלייס און אַרבעט פון שלום? אין ישראל לעבן הונדערטער טויזנטער מענטשן וואָס האָבן דורכגעמאַכט די גרוילן פון דער וועלט־מלחמה. די קאָשמאַרן פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואָס האָבן דורכגעוויטערט די מלחמת העצמאות און פאַר דעם, די געראַנגלען מיט דער מאַנדאַטן־מאַכט; — האָבן זיי געמיינט, אַז זיי זענען ענדלעך געקומען צו מנוחה און נחלה. דער טרויער איז נאָך טיפער, ווייל קיינער מאַכט זיך נישט קיין אילוזיעס וועגן דעם פאַרנעם און אכזריותדיקייט פון דער מלחמה. מען ווייסט אַז דאָס וועט נישט זיין סתם אַ צוזאַמענשטויס; אַז מען וועט גיין אויפן שווערן יסורים־וועג פון בלוט און טרערן.

אפשר דערפאַר איז דאָ נישטאָ קיין מאַניפעסטאַציע פון הוראַ־

פּאַטריאָטן, קיין מיליטערישע פּאַראַדן און הייזעריק־נאַציאָנאַליסטישע אויפרופן אין ראַדיאָ. אַלץ גייט צו אין דער שטיל, דיסקרעט אָבער מוראדיק סיסטעמאַטיש. אין 48 שעה טוט זיך אָן אַ פֿאָלק סאָלדאַטן־קליידער. ער ווערט אַנדערש איבער נאַכט. וואָלט דאָס געווען אין אַן אַנדער צייט און ביי אַנדערע אומשטענדן, וואָלט מען געקענט שעפּן נחת פון דעם ים פון ליבע און זאָרג פאַרן סאָלדאַט, אַ גרויס פֿאָלק!

און ס'איז דאָ אַנטשלאָסנקייט; פּראָסט און פּשוט, מען פילט באַשיינפּערלעך אַז דאָס איז נישט קיין קאַמף פאַר פּרעסטיזש, אפילו נישט נאָר פאַר אַ דורכגאַנג פון שיפן, און אויך נישט פאַר דער סוווערעניטעט פון אונדזער מדינה. כ'נעם מיר דעם מוט צו זאָגן: ס'איז אַ קאַמף פאַרן פיזישן קיום און לעבן פאַר צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן, קעגן היטלער־נוסח נומער צוויי. די אַלטערנאַטיווע קען נישט זיין קיין אַנדערע: קעמפן ביזן לעצטן, אָדער רויט מאַכן דעם ים מיט אונדזער בלוט.

...דערביי איז עס אַן אינטעלעקטועל פֿאָלק. אַן אָפענער קאָפּ. אַ פאַרשעריישער מוח. אויגן וואָס זעען און ווילן וויסן און פאַרשטיין. מען פֿאָלגט טאַקע, אָבער מען וויל פאַרשטיין וואָס מען טוט. אין די גאַסן פראַוועט מען פּאָליטיק; הונדערטער טויזנטער זענען צוגעשמידט צום כישוף־אַפּאַראַט פון ראַדיאָ; מען טייטשט אַריין אין יעדער דערקלערונג, אין יעדער ידיעה, אין יעדן אַרטיקל פון צייטונג, היט דיך שונא פאַרן קלוגן און טרויעריק דערפאַרענעם יידישן מענטשן!

די גרויסע כוואַליע פון סימפּאַטיע און מאָראַלישע שטיצע פון די בעסטע טיילן פון דער אידעאַליסטישער און אינטעלעקטועלער וועלט און דער עיקר, עס איז צעמענטירט געוואָרן אין טאָג פון צער און צאָרן, די בריק צווישן ישראל און די יידן אין דער וועלט; מיר זענען געוואָרן ווידער איינס.

אָט האָב איך באַזוכט מלחמה־לאַגערן; סאַראַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט. סאַראַ שווערער יאָך אויף די צאַרטע יינגלישע פּלייצעס. סאַראַ לירישע אַלטמאָדישע ליבע צו מאַמע, פרוי און מיידל און וואָס פאַראַ יידישע חכמה. וואָס עס דענקען און פילן יידן אין דער וועלט דאַרף איך דאָך נישט דערציילן. דאָס איז אָן פּרעצעדענט אין אונדזער שטורמישן דיאַלאָג; אַזוינס איז נישט פאָרגעקומען אפילו נישט אין די געבורטסטעג פון דער יידישער מלוכה; די ריזיקע דעמאָנסטראַציעס, די פינאַנציעלע הילף און דער עיקר, די אויסגעבענקטע יוגנט וואָס קומט איצט צו אונדז; יאָ, אַזוי זענען מיר שוין, ווי איידעלער מעטאַל ווערן מיר געלייטערט אין פייער.

עס וויל זיך נאָך שרייבן וועגן אונדז אַליין, וועגן אונדזער באַ־וועגונג־משפּחה, אָבער דער בריוו איז שוין אַזוי אויך צו לאַנג, שטאַרק זיך און שטאַרק אונדזערע הענט!״

און איצט הערט דעם צווייטן בריוו:

דער דיכטער פון ישראל, ג. מאַרק, פּרעגט, שרייט צו אַ רוסישן דיכטער אין ראַטנפאַרבאַנד:

„ווו ביסטו יעווטושענקאָ?״ פאַרוואָס שווייגסטו? ווי מעגסטו אין אַזאַ צייט שווייגן? — דו, וואָס האָסט פאַרגעשטעלט פּראָפעטיש:

„אַ וועלט ווו ס׳וועט דער ווינט פון האַס נישט בלאָזן״

ווו, „עס וועלן חבריש פאַרברידערט זיצן, אַ ישראל־פויער נעבן אַן אַראַבישן פעלאַך״. אַ וועלט ווו:

„מענטשן־פראַצע פּראָדוצירן אין אחדות, ליכט און ברידערשאַפט...

איז וואָסזשע שווייגסטו חבר יעווטושענקאָ? וואָס צעפּאַכעסטו

נישט דיין שאַרפע שווערד? דיין נישט מאַסקירטע שפּראַך?״

„איך האָב אין דיר געזען אַ גלגול פון אַ נביא; איז דאָס געווען פאַר מיר אַ האָפענונג און טרייסט; אַ נביא, ווי דו ווייסט, האָט נישט קיין מורא שליידערן דעם אמת אויך אין פּנים פון שטרענגסטן הערשער... וועסט אויך דאָ מיט ברוגזדיקן פּאַטאָס זאָגן אָפן אַלצדינג וואָס דו הערסט און זעסט... צו ביסטו חס־ושלום בלויז רעקלאַמע־נביא?״

„שווייג זשע נישט פריינד יעווטושענקאָ! טינק דיין פעדער אינעם בלוט פון האַרץ און שריי אַרויס די גאַנצע וועלט זאָל הערן:

— פּאַלק מיינס! צייט שוין עפענען די אויגן און זיך איבערצייגן אַז דו שיצסט אַ קראָקאָדיל, וואָס זיין פאַרלאַנג, זיין איינציק ברענענדי־קער ציל — צעפליישן און פאַרשלינגען אַ פאָלק אַ גאַנצעס, וואָס וויל נישט מער ווי רו און שלום״...

„ווען דו וועסט דאָס דאָזיקע געשריי צעדונערן פאַר דער גאַרער וועלט, וועט אויס דעם חושכדיקן תוהו־ובוהודיקן יאוש, דער נאָמען „יעווטושענקאָ״ זיין צעהעלט״.

— „לעהיי אַ נייער פּראָמעטעאוש״...

מינקע האָט זיך פּלוצים צעוויינט. און גלייך נאָך איר, אַדעלאַ און נאַטאַלי. די איבעריקע זענען געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט, איינהאַלטנ־דיק זייערע טרערן, וואָס זענען געקומען אפשר פון די אַלע רייד, פון די אַלע טרייסט און וואָרענונגס־ווערטער אויפן חשבון פון ישראל. אָבער מען מוז זיין שטאַרק און האָפן, ווי ס׳האָבן דאָס געזאָגט די שענסטע גייס־

טער פון דער וועלט, „אַז די מלחמה פאַר נאַסערן איז פון פאָרויס אַ פאַרשפּילטע", טאָר מען נישט זיין פאַרצווייפלט.

ס׳האָט געדויערט אַ לענגערע ווײַלע ביז אַלע האָבן זיך אַביסל באַרואיקט, דאַן האָט מינקע דערקלערט:

— מיר דוכט זיך, אַז נאָך די אַלע לויב־ווערטער, וואָס ווערן דאָ געזאָגט אויפן אַדרעס פון ישראל, זעט עס מיר אויס, אַז מען גרייט זיך אומדז צו באַווייזן און כ׳האָב געהאַט אַ פאַרשטעלונג, ווי איך וואָלט געזען גאַנץ ישראל אין פלאַמען...

מען האָט איר פאַרשטאַנען. מען האָט טאַקע צו פיל געלייענט און געשמועסט וועגן דער געפאַר וואָס הענגט איבער ישראל. מען האָט זיך אָנגעהויבן געזעגענען און באַשטימט, אַז דעם קומענדיקן פרייטיק, וועט מען זיך טרעפן טאַקע ביי מינקען און אַלבערטן אין קיבוץ. מיט דער האָפענונג, אַז דער שכל וועט טאַקע זיגן, ווי ס׳האָט עס געזאָגט דער זשורנאַליסט קלאָד פוזיע און ס׳וועט נישט זיין קיין מלחמה איז יעדער אַוועק צו זיך אַהיים.

***

פרייטיק אָוונט, דעם 2־טן יוני, האָבן זיך אונדזערע פיר משפחות פאַרזאַמלט ווי פאַרגעזען, ביי אַלבערטן און מינקע אין זייער שטוב, כדי צו דיסקוטירן און אויסהערן די לעצטע וויכטיקסטע ידיעות וועגן דער אָנגעשטרענגטער לאַגע און טאַקע גלייך נאָכן עסן, וואָס איז צוגעגאַנגען שטיל און גיך, האָט זיך דער עולם באַקוועם געמאַכט אויף זייערע זיץ־ערטער, פּילנדיק און וויסנדיק, אַז היינט וועט זיין זייער אַ סך פון וואָס צו שמועסן, ווייל די לאַגע איז געוואָרן ביז גאָר אָן אָנגעשטרענגטע.

דער פאָרזיצער פון דעם דאָזיקן אָוונט איז געווען טאַקע אַלבערט אַליין און ער האָט איבערגעגעבן וועגן אַ זייער אינטערעסאַנטער דיסקוסיע וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין 15־יעריקן זון משה׳לע, ער האָט דערציילט:

— מיט צוויי טעג פריער, איז מיין משה׳לע צוגעשטאַנען צו מיר, איך זאָל אים פאַרענטפערן אָט די פראַגע:

— פאַרוואָס — האָט ער געפרעגט — ווען אונדזער לאַנד איז אין אַ געפאַר, לאָזט מען אים אינדערהיים? איז ער דען נישט פּעאיק צו האַלטן געווער אין האַנט און גלייך מיט איטלעכן עס פאַרטיידיקן?

וואָס האָב איך אים געהאַט צו ענטפערן? כ׳האָב אים געזאָגט:

— הער אויס מיין קינד, דו ביסט דאָך נאָך יונג, אינגאַנצן נאָר 15 יאָר און איך בין שוין צו אַלט, טראָץ דעם, וואָסביידע זענען מיר פּעאיק צו האַלטן געווער אין האַנט און מיר ביידע, קענען אויך צוהעלפן פּאַרטיידיקן דאָס לאַנד. אָבער אַ לאַנד מוז האָבן רעזערוון און אַזעלכע ווי מיר זענען פאַראַן אין די טויזנטער. אויב חלילה, די שעה זאָל נישט זיין, פאַרשטייסט? אָבער מיר האָבן צוטרוי צו אונדזער רעגירונג, צו צה״ל און צו אונדזערע אַרמיי־פירער און זיי רואיק מיין קינד.

האָט ער זיך דערנאָך באַרואיקט...

און איצט וועלן מיר צוגיין צום טאָג אָרדענונג, און כ׳וועל געבן דאָס וואָרט בערנאַרדן; לאָמיר הערן וואָס עס שרייבט די אויסלענדישע פּרעסע:

— קיין ספּעציעלעס איז נישטאָ — האָט זיך בערנאַרד אָפּגערופן

— מען חזרט כסדר איבער דאָס זעלבע. אַלע ראַדיאָ־סטאַציעס פון די אַראַבישע הויפּטשטעט רופן אָן אויפהער זייערע לענדער צום „הייליקן קריג״: דער ראַדיאָ פון קאָווייט האָט אָפן פּראָקלאַמירט אַז:

„ישראל, וואָס איז אַנטשטאַנען דורך קריג, דאַרף פאַרשווינדן דורך קריג. מיר רופן די דאָזיקע מלחמה מיטן גאַנצן האַרצן, מיט געאייניקטע אַראַבישע כוחות וועט מען באַוויזן אָפּצווישן די חרפה און אַ סוף מאַכן צום ציוניזם״.

איצט די בעסערע וועלט? וואָס זאָל זי נאָך זאָגן? זי האָט נאָך אַמאָל באַשטעטיקט און אַרויסגעגעבן פאַר אונדז אַזאַ „באַשטעטיקונגס־סערטיפיקאַט״, אַז מיר האָבן אַ רעכט צו לעבן... און וואָס זאָלן זיי נאָך זאָגן? איצט שוויגן די דיפּלאָמאַטן און האָבן איבערגעגעבן דאָס וואָרט די האַרמאַטן. אָבער טראָץ דעם, איז נאָך דאָ פון וואָס צו שמועסן.

דער לאָנדאָנער „ניו־סטייטסמען״ שרייבט:

„דאָס אויפהאַלטן דעם שלום איז אָפּהענגיק קודם־כל פון דער מעגלעכקייט פון אַמעריקע צו צוימען די ישראלים, אַז זיי זאָלן נישט האַנדלען אויף אייגענער האַנט, און זאָלן נישט אַרויס אין אַ פאַרטיידי־קונגס־אַקציע״.

— דאָס דאַרף הייסן — האָט זיך גורעלי אָפּגערופן — מיר זאָלן וואַרטן ביז מען וועט אונדז אויסשעכטן און דערנאָך וועלן קומען די ענגלענדער און זאָגן צו די אַראַבער:

„פּע! נישט שיין פון אייער זייט, אויסצושעכטן צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן מיט איינמאָל. איר האָט דאָך דאָס געקענט איינטיילן אַמ־

וויניקסטנס, אין דריי מאָל... וואָלט דאָך דאָס פאַרברעכן נישט געווען אַזוי גרויס״.

—יאָ, — ענטפערט בערנאַרד — אָבער, דער „טיימס״, אויך פון לאָנדאָן שרייבט:

„אַז די עגיפּטער זאָלן זיך גוט פאַרטראַכטן וועגן דעם וואָס זיי גייען טאָן, וואָרעם ישראל באַזיצט אַלע נויטיקע עלעמענטן צו דערלאַנגען דעם שונא אַזאַ קלאַפּ, וואָס וועט אים צופירן צו אַ שרעקלעכער נידערלאַגע״.

און דער „העראַלד־טריבון״ שרייבט:

„לאָמיר מאַכן אַ שטיקל סך־הכל. ווי מיר האַלטן איצט אין דער פּאָליטישער וועלט, וואָרעם דאָס שאַך־ברעט מיט אַלע פיגורן זענען שוין אויסגעשטעלט און מען וואַרט בלויז אויפן ערשטן צוג פון דער קאָנפראָנטאַציע.

פּרעזידענט דזשאָנסאָן האָט עס געמאַכט קליפּ און קלאָר, אין זיין ראַדיאָ־מעסאַזש האָט ער געזאָגט אָפענע דיבורים:

„דאָס בלאָקירן אויף אייגענער האַנט דעם אַקאַבאַ־גאָלף, האָט דערפירט צו אַ נייער און געפערלעכער אויסברייטערונג פונעם קריזיס. אַמעריקע באַטראַכט דעם גאָלף פון אַקאַבאַ אַלס אינטערנאַציאָנאַל וואַסער און האַלט דאָס פאַרבלאָקירן די ישראלדיקע שיפן פאַר אומלע־גאַל און קאַטאַסטראָפאַל״.

דער פּאַריזער „פראַנס סואַר״ שרייבט:

„דאָס דאָזיקע יונגע פאָלק ווייס, אַז אויב עס וועט בלייבן איינזאַם. וועט עס זיין געצוווּנגען צו קעמפן פאַר זיין עקזיסטענץ. דאָס דאָזיקע פאָלק איז איבערצייגט, אַז עס וועט זיגן אין דער מלחמה. עס ווייסט אָבער אויך, ווי דאָס האָט געזאָגט דער אויסערן־מיניסטער אבא אבן צום פּרעזידענט דע גאָל, אַז דאָס וועט זיין אַ טראַגישער זיג, וועמענס פּרייז וועט זיין טויזנטער טויטע, און חורבן פון אַ פאָלק.

די גאַנצע וועלט, בפרט אייראָפּע און אַמעריקע, וועלן נישט מסכים זיין צום צווייטן מאָל מיטן מאָרד איבערן יידישן פאָלק״.

די צייטונג, „קוריער דע־לאַ סעראַ״ פון מילאַנאָ, (איטאַליע) שרייבט:

„נישטאָ קיין שלום אין מיטעלן מזרח: און ווי אַזוי קען זיין שלום, ווען אין קאַיר זיצט נאַסער? פאַר דער מערב־וועלט איז נייטיק געווען אַ סך צייט, כדי צו פאַרשטיין דעם דאָזיקן מענטש, זיינע שטרעבונגען, זיין פּאָליטיק, דאָס איז אַ קליינער היטלער.

ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס ער האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אַ באַנדע נאַצישע פאַרברעכער אויף וועלכער ער האָט אַרויפגעלייגט

„אידעלע״ אָדער פאַרברעכערישע אויפגאַבן: שפּיאָנאַזש, פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזירן מאָרד־פּרוון, אַנדערע נאַציס זענען טעטיק ביים בויען ראַ־קעטעס; נאָסער, דאָס „באַשעפּעניש פון שמוץ״, האָט פונקט ווי היטלער, אין די 15 יאָר פון זיין הערשונג, זיך פאַרנומען מיט חלומות וועגן דעראָבערונגען, וועלכע ער האָט נישט געקענט דערגרייכן און וואָס מער ער איז הילפסלאָז, אַלץ מער זענען זיינע חלומות אומגעצוימט.

לאָמיר דאָ אויך דערמאָנען, וואָס עס איז פאָרגעקומען דעם 31־טן אויגוסט 1939, אַלע צייטונגען פון דער וועלט האָבן פונאַנדערגעפּויקט מיט גרויסע אותיות די ידיעה, אַז „נעכטן האָבן 300 פּוילישע זעלנער זיך אַריינגעריסן אין דער דייטשער ראַדיאָ־סטאַציע פון גלייוויץ און דאָרט חרוב געמאַכט די איינריכטונג״.

פאַקטיש האָט היטלער אַרויסגענומען פון די דייטשע תפיסות סתם קרימינעלע פאַרברעכער, פאַרמשפּטע אויף לאַנגע יאָרן תפיסה, זיי אָנ־געטאָן אין פּוילישע מונדירן און באַפוילן די דייטשע געסטאַפּאָ אויף זיי צו שיסן. דערנאָך האָט היטלער צוזאַמענגערופן עטלעכע הונדערט זשורנאַליסטן פון דער גאָרער וועלט און זיי געוויזן די „שענדלעכע פּראָ־וואָקאַציע״ פון די פּאָלאַקן, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אויף דער דייטשער טעריטאָריע און געוואָלט פאַרכאַפּן אַ דייטשע ראַדיאָ־סטאַציע. „דייטשלאַנד וועט מער נישט דולדן — האָט היטלער מיט זיין הייזעריקער שטימע געשריגן — אַזעלכע פּוילישע פּראָוואָקאַציעס און ענטפערן מיט אַ שטראָף־אַקציע״. ער האָט אפילו נישט געדאַרפט דערקלערן קיין מלחמה פּוילן. פאַר אים איז עס געווען בלויז אַ שטראָף־עקספּעדיציע.

צומאָרגנס, דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939, האָט היטלער איבער־געשריטן די פּוילישע גרענעץ מיט זיינע אַרמייען, וואָס האָבן אַרומגערינגלט פּוילן פון אַלע זייטן, פון צפון, מערב און דרום און דערמיט אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה.

אַזוי האָט זיך עס דעמאָלט אָנגעהויבן; אויך איצט איז די זעלבע פּראָוואָקאַציע נאָר אין אַן אַנדערן פאָרם; אַז „ישראל האָט קאָנצענטרירט ביי די סירישע גרענעצן זעקס דיוויזיעס און גרייט זיך פאַרכאַפּן סיריע״.

ס׳איז וויכטיק אַז מענטשן זאָלן קענען עפּעס לערנען פון דער פאַרגאַנגענהייט און נישט באַגיין די זעלבע פעלערן פון אַמאָל; ליידער ווייזט זיך אַרויס, אַז די גרויסע מלוכה־מענער ווילן זיין קלוגער פון דער געשיכטע און ווילן טאַקע יאָ איבערחזרן געשעענישן אין דער איבער־צייגונג, אַז דאָס מאָל וועט דאָס ראָד פון דער געשיכטע זיך אַנדערש דרייען.

***

אַלבערט לייענט פון דער ישראל פּרעסע:

— דער פּרעמיער און זיכערקייטס־מיניסטער לוי אשכול האָט אויף דער סעסיע פון כנסת, איבערגעגעבן וועגן די לעצטע אַנטוויקלונגען אין ראַיאָן און ער האָט דערקלערט, אַז די קאָנצענטראַציעס פון עגיפּטישן מיליטער האָט געוואַלדיק פאַרשאַרפט די שפּאַנונג אין ראַיאָן.

איידער די עגיפּטישע כוחות זענען אַריבער דעם סועץ־קאַנאַל, האָט ישראל מיטגעטיילט דער אָנו, אַז די עגיפּטישע טענות זענען גרונט־לאָז; אָנו־אָבסערוואַטאָרן האָבן באַשטעטיקט, אַז ישראל קאָנצענטרירט נישט קיין מיליטער אויף דער צפונדיקער גרענעץ און דאָס האָט אויך באַשטעטיקט דער אָנו־סעקרעטאַר אין זיין באַריכט פאַרן זיכערקייטס־ראַט. טראָץ דעם איז די קאָנצענטראַציע פון עגיפּטישן מיליטער פאַר־געזעצט געוואָרן.

דער פּרעמיער האָט געמאַכט אַ פייערלעכן רוף צו די גרויס־מאַכטן, צו דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס און צו די אַראַבישע מדינות.

„איך וויל זאָגן, פון דער טריבונע, צו די אַראַבישע מדינות, עגיפּטן און סיריע בפרט, אַז מיר האָבן נישט קיין שום אַגרעסיווע כוונות קעגן זיי, מיר האָבן קיין שום אינטערעס צו פאַרגוואַלדיקן זייער טעריטאָריע, אָדער זייער לעגיטימע רעכט".

„איך מאַך אַ רוף צו אַלע פעלקער פון מיטעלן מזרח, צו אַ קעגנ־זייטיקן רעספּעקט פון דער סווערעניטעט און גאַנצקייט און פון די אינטערנאַציאָנאַלע רעכט פאַר יעדן פון אונדזערע פעלקער — און צוגעגעבן:

„ישראל האָט פולשטענדיקן צוטרוי אין איר פעאיקייט. אין איר ווירדיקער פאַרטיידיקונג. אין איר מאַכט און אין גייסט פון קרבנות־גרייטקייט. אַ דאַנק די דאָזיקע זעלבסט־זיכערקייט, וואָס קומט צום אויס־דרוק אין די ערנסטע שעהן, איז זי גרייט, מיט אַלץ, וואָס שטייט אין איר רשות, בייצושטייערן צו יעדער אָנשטרענגונג כדי צו פאַרשטאַרקן די סטאַביליטעט און פאַרויסגאַנג פונעם שלום אין אונדזער ראַיאָן".

— ווי מיינט איר? — האָט אַלבערט געפרעגט — ס׳וועט ווירקן דער דראַמאַטישער רוף פון פּרעמיער אשכול?

— און לסוף האָט ער צוגעגעבן — און איצט אַ פּאָר ווערטער פון אונדזערע מיליטערישע קאָרעספּאָנדענטן:

„די רויטע בערעטן"

„זייער נאָמען אַליין ברענגט אַריין האָפענונג און באַרואיקונג צווישן אונדז. אַניאָגנדיק אַ פחד אויפן שונא. אמת, דאָס זענען רעזער־וויסטן, מענטשן וואָס האָבן זיך באַטייליקט כמעט אין אַלע רעוואַנש־אַקציעס פון צה״ל; פאַר זיי עקזיסטירן נישט קיין גרענעצן און פיל מאָל זענען זיי שוין געווען אויף דער צווייטער זייט גרענעץ. איצט זענען זיי ווידער נעבן דער גרענעץ און וואַרטן אויפן מאָמענט פון „סטאַרטי"; אין זייער מחיצה פילסטו נישט קיין שום שפּאַנונג, נאָר רואיקייט. זיי זענען שוין געפּרוווט געוואָרן מיט דעם אַלעם, מיט וואָס אַ זעלנער קען געפּרוווט ווערן און דעריבער זענען זיי אַזוי זיכער אין זייער כוח".

„זיי קענען דעם שונא זייער גוט און פון זייער נאָענט; דעריבער ווייסן זיי אַז אויך דאָס מאָל וועלן זיי אים בייקומען. זיי זענען געקומען אַהערצו נישט וואַרטנדיק אויפן מאָבילייזיר־צעטל, דערשמעקט די געפאַר און געשטעלט זיך; מלחמה־וועטעראַנען וואָס האָבן געשמעקט מיטן נאָז אין דער פאַרגאַנגענהייט פולווער נישט איין מאָל. אָט למשל, איז איינער פון זיי, זיין נאָמען איז באַקאַנט: מאיר הר ציון, כלומרשט אַ מלחמה־אינוואַליד; אַזוי איז פאַרצייכנט אין זיין מעדיצינישער לעגיטימאַציע. אָבער נאָר פאָרמעל. „גיט מיר מענטשן און איך וועל זיי פירן". שעפּטשעט ער מיט זיין שטילער שטימע. אים דאַרף מען נישט פרעגן וווהין? אַלע פאַרשטייען אים. זיין נאָמען איז געוואָרן אַ לעגענדע".

„די דאָזיקע מענטשן ווייסן נישט וואָס הייסט רו, „דאָס איז גוט פאַר באַאַמטע" — זאָגן זיי — זיי האַלטן פון זיין גרייט צום שפּרונג, צום אָנגריף. שטענדיק איז דאָס געווער צוגעפּעסטיקט צו זייער קערפּער, שטענדיק איז עס אויסגעפּוצט און ריין, גרייט צו דער אַקציע יעדן מאָמענט, יעדע סעקונדע".

„איבונגען אָן אויפהער, ווייל דאָס ליידיק גיין איז דאָך דער גע־פערלעכסטער שונא פון זעלנער; „אַ מינוט, וואָס דו גייסט נישט פאָרויס, גייסטו צוריק" — שטעלט פעסט דער קאָמאַנדיר פונעם כוח — און מיר טאָרן נישט צוריקציען זיך. עס איז אויך נישטאָ וווהין. יעדער אונדזער פּאַראַשוטיסט דאַרף זיין ווי אַ ספּרוזשינע — אַקצענטירט ער — גרייט און געשפּאַנט. גרייט אַ ריס צו טאָן זיך יעדע סעקונדע און טרעפן אין ציל".

„עס דאַכט זיך אַז זיי האָבן צעלייגט זיך אויף דער גרענעץ און קוקן אויס דעם שונא; אָבער זיי בלייבן נישט אויפן אָרט; ווידער זענען

זיי אין באַוועגונג. די איינהייט באַקומט אַ מעלדונג צו רירן זיך פאַרויס. דאָס זיצן כסדר אויף איין אָרט שאַפּט זאָרגלאָזיקייט. דאָס איז נישט לויטן גייסט און כאַראַקטער פון דער דאָזיקער איינהייט. זיי גייען אַוועק פונדאַנען ווייטער און לויטן באַגריף פון די פאַראַשוטיסטן באַדייט טויש פון אָרט — אַ שריט פאָרויס פון עטלעכע צענדליק קילאָמעטער״.

„ווידער פאַרלאָדן זיי די כלים. אַ טייל אויף לאַסט אויטאָס און דאָס איבעריקע אויף די פּלייצעס און גייען אַזוי צענדליקער קילאָמעטער, שטענדיק מיט געזאַנג. סיי באַגינען, סיי ביי דער שיין פון דער לבֿנה, סיי אין דער פינצטערער נאַכט. פאַר אַ פאַראַשוטיסט איז נישטאָ קיין אונטערשיד ווען און וווהין״.

און ווייטער.

„עפּעס איז דאָ אין דער לופטן״...

„דער וועג פירט אויפן דרום, פאַמעלעך, פאַמעלעך שוועבן פאַרביי די וועג־צייכנס און עס פאַרשווונדן באַוווינטע ערטער. דער וועג ענדיקט זיך אין תהום פון די באַקאַנטע שטעט און גייט איבער אין אַ ראַיאָן „ערגעץ דאָרט״. ביסלעכווייז קומען מיר אָן „ערגעץ דאָרט״ און פון דאַנען אויף ווייטער איינגעהילט אין געהיימענישן קוקט צו אונדז אַרויס אַ האַרמאַט־לופע פון אונטער אַ קאַמופלאַזש־נעץ; איצט געפינען מיר זיך אין סאַמע מיטן פון „ערגעץ דאָרט״.

דער קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג געפינט זיך אינעווייניק. ער האָט אַ געזונטן ברייט־פּלייציקן אויסזען. טראָגט ברילן און דאָס שיידל פון רעוואָלווער ליגט אויפן טיש. ער איז רואיק, שמייכלדיק און וואַרט. דאָ איז דער נעוראַלגישער צענטער פון דער אָפּטיילונג. דער קאָמאַנדיר דערציילט אונדז געמען וועגן כוח מיט וועלכן ער פירט אָן. מען וואַרט — צי דאָס איז אַ נאָרמאַלע גרייטקייט אויף דער מינוט, ווען אַלע וועלן וויסן און וואָס וועט קומען סוף כל סוף. מיר פרעגן: וואָס הערט מען?

דער ענטפער איז: „עפּעס איז דאָ אין דער לופט״.

דער קאָמאַנדיר דערציילט אונדז, אַז ער האָט אין זיין איינהייט דריי ברידער, און ער גיט צו, „ווען די רעגירונג וואָלט געגעבן ספּעציעלע אויסצייכענונגען פאַר מוטערס, וואָס ברענגען זייערביישטייער פאַרן אָנשטרענג פון זיכערקייט, וואָלט אַזאַ אויסצייכענונג זיכער פאַרדינט די פרוי רחל רחמים פון חיפה, וואָס האָט אָפּגעשיקט אין צה״ל אַ גאַנצע קאָמפּאַניע, אירע 12 קינדער, 11 בחורים און איין מיידל, וואָס זענען אַלע אין דער אַרמיי.

די עלטערן זענען פאַרשטייט זיך, שטאָלץ מיט זייערע קינדער.

אָבער דאָס געפיל איז אַ געמיש מיט אומרו, ווייל זיי געהערן אַלע צו קעמפערישע איינהייטן.

אַן אויסשפּיר־דזשיפּ פירט אונדז קילאָמעטערס איבער שטעגן. דאָס געפיל פון „ערגעץ דאָרט" פאַרשטאַרקט זיך; נישטאָ קיין געפאַר — אַזוי טראַכט איך מיר — אַז איך זאָל אויסזאָגן ווו געפינען זיך די איינהייטן; איך אַליין ווייס נישט ווו.

אַ יונגער סרן טויכט אויף פון איינער פון די קאַמופלאַזש נעצן. דער ערשטער ענטפער אויף דער פראַגע „וואָס הערט מען" איז: „עפּעס איז דאָ אין דער לופט".

אַלע האָפן אויף שלום, אָבער זענען גרייט צו מלחמה. די מעכטי־קייט וואָס שטעקט אין די פאַנצערס, איז פאַרבאָרגן אונטער די קאַמופלאַזש נעצן. פון דער נאָענט וואַרפן זיך אין די אויגן די סילועטן פון טאַנקן. אונטער דער נעץ געפינען זיך די מענטשן וואָס באַדינען זיי. דאָס זענען די מוסקולן פון טאַנקן און זיי רוען איצט אין זייער שאָטן. פרעגט מען וועמען, „וואָס הערט מען?" איז דער ענטפער: „עפּעס איז דאָ אין דער לופט".

אָבער ווי לאַנג נאָך?...

יעדער, וואָס קען די געזעצן פון מאָביליזאַציע און מלחמה פירונג ווייס, אַז לאַנג קען מען דאָ נישט האַלטן גרויסע מיליטערישע איינהייטן און ניי מאָביליזירטע. עס זענען נישטא פאַראַן קיין שום איינריכטונגען און קיין שום מעגלעכקייטן צו לאָזן אַן אַרמיי אין פרייען מדבר אָדער אין געצעלטן.

די מיצרישע אַרמייען זענען ווייט פון זייערע באַזעס. עס איז שווער דאָס באַזאָרגן די מאָביליזירטע מיט דעם נויטיקן עקיפּאַזש. אַזאַ מאָבילי־זירטע אַרמיי האָט צוויי אויסוועגן:

1) אָנהייבן די מיליטערישע אָפּעראַציעס אָן שום אָפּהאַלט.

2) צוריקציען די הויפּט כוחות און לאָזן, בלויז לשם דעמאָנסטראַציע, גרענעץ גרופּן.

דערווייל שטייען די מאָביליזירטע אַראַבישע אַרמייען און וואַרטן.

— הייסט עס — זאָגט גורעלי — אויב די עגיפּטער האָבן אַריינגע־שיקט אַזוי פיל מיליטער אין סיני, ווייט פון זייערע באַזעס, זענען זיי געצוווּנגען אָנצוהייבן וואָס שנעלער די מלחמה.

— ווייזט אויס אַזוי — ענטפערט אַלבערט — און דערפאַר טאַקע, האָט גאָלדע מאיר זיך געוואַנדן צום רמטכ"ל רב־אלוף יצחק ראבין און אים געפרעגט:

— וואָס הערט זיך יצחקל? ווי איז דיין מיינונג פון דער געשאַפענער לאַגע?

האָט ער געענטפערט אַ שמייכלדיקער:

— זיי רואיק מאַמע, מען וועט אונדז נישט אַריינוואַרפן אין ים אַריין.

נאָך דער דערקלערונג פון יצחק ראבין, דערציילט מען פאַלגנדיקעס:

פאַראַן אַ בילד פון דעם פראַנצויזישן מייסטער מעסאָניע, וואָס שטעלט פאָר ווי נאַפּאָלעאָן דער ערשטער דערשיינט פאַר זיין אַרמיי און די ריזיקע מחנה ווערט פּלוצים עלעקטריזירט; איר זעט ווי טויזנטער רויע פּנימער ווערן מיטאַמאָל לויטער גייסט, פלאַמען שלאָגן פון די מעכטיקע פויסטן, וואָס האַלטן די צוימען פון זייערע פערד; אַלע מיילער זענען אָפן, אַלע אויגן בליצן, אַלע ליפּן צוקן פון אַנטציקונג און פון אַלעמענס העלדזער רייסט זיך אַ דונערדיקער הוראַ, וואָס בלייבט הענגען אין דער לופט ווי אַ פייערדיקער וואָלקן, אין עמוד האש.

אָט אַזאַ געמעל האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די צה"ל־מחנה ביים דערשיינען פון רמטכ"ל, רב־אלוף יצחק רבין. ער האָט גערעדט צו די זעלנער פּשוטע און שטילע רייד, און אפילו די אויסערגעוויינלעכע ווערטער האָבן געקלונגען פּשוט און נאַטירלעך. דער איינפלוס פון זיין געשטאַלט האָט עלעקטריזירט די לופט, אָנגעפילט יעדנס האַרץ מיט מוט און אַלע הענט האָבן זיך געהויבן צום שטורמישן אַפּלויז און די רופן האָבן זיך אַרויסגעריסן ווי דונערן פון מעכטיקע וואָלקנס:

די אַרמיי איז גרייט!

און ער האָט געזאָגט:

— מיר זענען בכוח צו באַזיגן דעם שונא, נישט בלויז צו האַמעווען זיין אַגרעסיע קעגן אונדזער מדינה, נאָר אַריבערפירן דעם קריג אויף זיין טעריטאָריע און אים צעשמעטערן.

הערנדיק די ווערטער, האָט מען זיך געפרעגט:

— ווי איז דאָס מעגלעך? איז דאָס אַזאַ באַרואיקונגס דערקלערונג?

און אפשר איז דאָס טאַקע מעגלעך? — זאָגט בערנאַרד — ישראל מאַכט נישט קיין שום פּראָפּאַגאַנדע, איבערהויפּט מאַכט עס נישט יצחק רבין.

— איך מיין — זאָגט גורעלי — אַז לויט דערפאַרונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, איז דאָס גאַנץ מעגלעך. די אַרמיי איז גרייט צו פאַרטיידיקן אונדזער לעבן, ווי מען זאָגט, „אין ברירה" און לאָמיר האָפן אַז אַזוי וועט עס זיין.

און דערוויל הערשט אין ישראל אַ קריגס־שטימונג. מען זעט נישט קיין סאָלדאַטן אויף דער גאַס. דאָס איז טאַקע אַ סימן אַז די לאַגע איז נישט קיין נאָרמאַלע. די האָטעלן זענען ליידיק. כמעט אַלע טוריסטן זענען אַוועקגעפאָרן. עס פעלן אויך טאַקסיס, און עס זענען דאָ ווייניקער אויטאָבוסן. געוויסע בענזין־פּאָסטנס זענען באַגרענעצט ביים פאַרקויפן די פליסיקייט. עס פעלט נישט קיין לעבנסמיטל. ביי דער ישראל־באַ־פעלקערונג הערשט רו. מען זעט נישט קיין שום סימן פון נערוואָזיטעט.

אַ טייל פון דער באַפעלקערונג איז אומצופרידן מיט דער פאָרזיכטי־קער האַלטונג און פּאָליטיק פון פּרעמיער אשכול. דער קאָרעספּאָנדענט פון פּאַריזער „לע־מאָנד" אין תל־אביב, פיליפ דעקרען ציטירט אַ דער־קלערונג פון אַ סטודענט:

„מיר זענען אַ העלדן־פאָלק" און מיר ווינטשן זיך אַז אויך די רעגירונג זאָל אַרויסווייזן העלדישע און אַנטשיידנדע באַשלוסן".

אַ געוועזענער קאָמבאַטאַנט פון אומאָפּהענגיקייטס־קריג, און פון דער סיני־אַקציע האָט געזאָגט: „אויב מיר וועלן זיך שלאָגן היינט, וועלן מיר זיגן; אויב מיר וועלן זיך שלאָגן מאָרגן, וועלן מיר פאַרלירן".

קינדער, יוגנטלעכע און אפילו זקנים, גראָבן אין די גאַסן שוץ־גריבער.

מען קען איצט די איינוווינער פון ישראל ממש נישט דערקענען; גרייטקייט צו העלפן יעדן מאָביליזירטן. פריינדשאַפט צו שכנים און צו פרעמדע און קרבנות־גרייטקייט.

אין ירושלימער קאָרידאָר שטייען ביים שאָסיי פרויען און פאַר־בעטן די דורכפאָרנדיקע חיילים אין זייער ישוב אַריין, וווּ ס'שטייען צוגעגרייטע טישן פון כל־טוב.

„עסט קינדער פון ישראל און זאָל אייך דער אויבערשטער שיצן".

אַזאַ כוואַליע פון ליבשאַפט צום לאַנד און צו קרבנות־גרייטקייט, האָט מען נאָך נישט געזען. קינד און קייט גרייט זיך צו דער שעה און אויב זי זאָל חס־וחלילה קומען, וועט דאָס פאָלק אַרויס קעגן שונא.

— אָט דאָס מיינע ליבע, זענען די לעצטע נייעסן און קאָמענטאָרן.

ס'איז שטיל געוואָרן, ווי נאָכן אויסהערן אַ באַשולדיקונגס אַקט קעגן אַ פאַרמשפּטן. אַלע זענען געזעסן פאַרטראַכטע אין זיך. יעדער איינער האָט געפילט אַז דער שטורעם דערנענטערט זיך. מינקע האָט געטראַכט פון איר דודי וואָס איז אין מיליטער. אויך אַדעלאַ און סאָניע, האָבן גע־טראַכט פון זייערע קינדער שימעלע און שלום'ל, וואָס זענען אויך אין מיליטער. נאַטאַלי האָט געטראַכט פון איר שלמה'לע, וואָס געפינט זיך

אין אַ מיליטערישער איינהייט. די מענער האָבן אפשר געטראַכט דאָס זעלבע און נאָך אַ גאַר לענגערן שטילשווייגן, האָט גורעלי געזאָגט:

— יאָ, מיינע ליבע, איך צווייפל שוין גאָרנישט, צי מיר וועלן האָבן מלחמה און זי קען אויסברעכן יעדן טאָג, יעדע שעה און אפילו יעדע מינוט, ווייל ביז איצט און אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט פון די אַלע דראָאונגען פון דער אַראַבישער זייט, וועגן פאַרטיליקן, אויס־שחטן אַלע יידן פון ישראל, האָבן מיר נאָר געהערט שיינע ווערטער בלויז פון געוויסע פערזענלעכקייטן, אָבער קיין איין מלוכה־מאַן, סיי פון אַ קליינער מאַכט, אָדער פון אַ גרויס־מאַכט, האָט נישט געהאַט דעם מוט צו וואָרענען נאַסערן מיט זיינע שותפים אויף נישט וואַגן אָנהויבן אַ מלחמה; אפילו נישט די אָנו; בלויז זשורנאַליסטן האָבן באַשטעטיקט אונדזער רעכט אויף עקזיסטענץ; אַזוי אַז נאַסער וועט אָנהויבן די מלחמה מיט דער צושטימונג פון דער גאַנצער וועלט, ווייל די וועלט שווייגט און מיטן שווייגן פון דער וועלט און מיט דער אונטערשטיצונג פון סאָ־וויעטישן בלאָק, ווערן זיי חוצפּהדיקער און האָבן די פולע זיכערקייט אַז זיי מעגן אָנהויבן דאָס פאַרברעכן; מיינט איר אַז זיי וועלן נאָך לאַנג וואַרטן? דערפאַר מיינע ווערטער, אַז די מלחמה קען אויסברעכן יעדע מינוט.

נאָך די ווערטער פון דאָקטאָר גורעלי, האָט יעדער גענומען זיך קלויבן אין וועג אַריין. איטלעכער האָט געהאַט דאָס געפיל אַז אָט, אָט, און דער שטורעם קען אויסברעכן און מען דאַרף וואָס שנעלער זיין אין דער היים.

האָט מען זיך אויף דער שנעל געזעגנט. די פרויען האָבן מיט פאַרטערטע אויגן זיך געווונטשן, זיך צו טרעפן איבער אַכט טאָג פריי־טיק, אויב... ס׳וועט נאָך זיין ווו זיך צו טרעפן... און צי מען וועט נאָך דערלעבן דעם קומענדיקן פרייטיק; אפשר וועט דאָך געשען דער נס; ס׳זאָל אויסגעמיטן ווערן די מלחמה?

מיט די דאָזיקע געדאַנקען און האָפענונגען, איז יעדער אַוועק צו זיך אַהיים.

מלחמה

מאָנטיק דעם פינפטן יוני 1967.

ירושלים: היינט פרי האָבן די עגיפּטער אַטאַקירט ישראל מיט טאַנקן און עראָפּלאַנען אין דרום פון לאַנד. ישראלדיקע טרופּן האָבן באַלד רעאַגירט. שווערע קאַמפן קומען איצט פאָר צווישן ישראלדיקע און עגיפּטישע טרופּן. פון פאַרטאָג אָן, קומען פאָר פאַרביטערטע שלאַכטן אויף דער יבשה און אין דער לופט. לויט די ידיעות פון תל־אביב, האָבן די עגיפּטער געוואָלט איבערשניידן ישראל אין צוויי חלקים.

אַזייגער צען פרי, האָט ראַדיאָ־ירושלים מודיע געווען, אַז די ישראל־אַרמיי גייט פאָרויס אין דרום, דאָס הייסט, אַז זי קעמפט איצט אויף דער עגיפּטישער טעריטאָריע. לויט ווייטערדיקע ידיעות האָבן די ישראל־איינהייטן געבראָכן דעם עגיפּטישן ווידערשטאַנד אויף פאַרשידענע פּונקטן.

לויט אַ קאָמוניקאַט פון דער עגיפּטישער הויך־קאָמאַנדע, „האָט די ישראל־אַוויאַציע באָמבאַרדירט אַ צאָל מיליטערישע פלי־פּלעצער אין סיני, ביים סועץ־קאַנאַל און אַ לופט־באַזע ביי קאַיראָ.

לויט ווי די ישראל־אַמבאַסאַדע אין פּאַריז האָט איבערגעגעבן, זענען 117 עגיפּטישע אַוויאָנען אַראָפּגעשאָסן געוואָרן בעת די לופט־קאַמפן. לויט דעם ישראל־ראַדיאָ, זענען 150 עגיפּטישע אַפּאַראַטן פאַרניכטעט געוואָרן און די לופט־באַזע אין על־אריש איז פולשטענדיק צעקלאַפּט.

ירושלים: די ערשטע ידיעות פון ישראל מעלדן, אַז ישראל־טרופּן גייען פאָרויס אויף אַלע דרום־אָפּשניטן. פאַרביטערטע קאַמפן קומען פאָר צווישן עגיפּטישער אַוויאַציע מיט ישראלדיקע לופט־כוחות. דער ישראלדיקער ראַדיאָ האָט געמאָלדן, אַז די עגיפּטישע כוחות האָבן אומדערוואַרט אַטאַקירט. די אַטאַקע איז פּינקטלעך צוגעגרייט געוואָרן. די ישראל־איינהייטן האָבן גיך רעאַגירט און געוואָרפן אַ קעגן־אַטאַקע. אונדזערע פּילאָטן קעמפן מיט גרויס איבערגעגעבנקייט. די ישראל־אַרמיי פּראָגרעסירט אין דרום אין פאַרשידענע ריכטונגען.

**
*

דער זשורנאַליסט עריק רולאָ, וואָס איז דער קאָרעספּאָנדענט פון „לע מאָנד" אין קאַירא, האָט איבערגעשיקט פאָלגנדיקן באַריכט:

„שוין פיר שעה ווי ישראל-אַעראָפּלאַנען באָמבאַרדירן אומאויפהערלעך דאָס האַרץ פון מצרים. מען הערט ריזיקע עקספּלאָזיעס אין די פאָרשטעט פון קאַירא. די ווענט פון מיין האָטעל ציטערן אַזוי ווי זיי וואָלטן געהאַלטן ביים איינפאַלן".

אין די מיטאָג־שעהן האָט רולאָ איבערגעגעבן: „דאָס איז שוין דער פינפטער לופט־אַטאַק פון ישראל. מען באָמבאַרדירט די לופט-פעלדער פון קאַירא, סועץ־קאַנאַל, אין על־אריש, שאַרם־על־שייך, צפון־מצרים און אַפילו אין אַסואַן־ראַיאָן. די שווערסטע באָמבעס האָט מען געוואָרפן אויף די פליפעלדער נישט ווייט פון קאַירא. אין די הימלען פון קאַירא, פירן זיך שווערן שלאַכטן".

אין דער ערשטער אוידיציע, צען אַזייגער אינדערפרי, האָט רולאָ איבערגעגעבן, אַז אין קאַירא האָט געהערשט אַ גרויסע פרייד ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז עס זענען אויסגעבראָכן שלאַכטן. מענטשן האָבן געטאַנצט און געזונגען אויף די גאַסן. אָבער מיט צוויי שעה שפּעטער, האָט רולאָ איבערגעגעבן אַ גאַנץ אַנדערן באַריכט: „קאַירא איז ליידיק פון מענטשן. די שטאָט איז פּאַראַליזירט. איך קען נישט באַקומען אַפילו קיין טאַקסי. מען הערט אַלאַרם-סיגנאַלן. די אַנטי־אַוויאַציע שיסט. מען זעט נישט קיין עראָפּלאַנען...".

ירושלים: „זיגרייכער פּאַרויסמאַרש פון דער ישראל־אַרמיי; באַוווּנדערונג אין דער גאַנצער וועלט. ישראל־איינהייטן שטייען שוין נאָענט פון סועץ־קאַנאַל. עזה און חאַן-יוניס זענען שוין אין יידישע הענט. דער עזה־פּאַס איז כמעט דעראָבערט".

נאָך שווערע קאַמפן איז באַפרייט געוואָרן די אַלטשטאָט פון ירושלים.

נאָך 20 יאָר — דער כותל מערבי אין יידישע הענט.

יידן פון ירושלים וויינען און טאַנצן ביים כותל־מערבי.

דער הויפּט־רב פון ישראל האָט געבלאָזן שופר ביים כותל-מערבי.

אויפן הר־הצופים פלאַטערט די בלוי־ווייסע פאָן.

צעשמעטערט די וויכטיקסטע אַעראָפּלאַנען־באַזעס פון די פּאַראייניקטע אַראַבישע אַרמייען. באָמבאַרדירט די אַראַבישע קאָנצענטראַציעס ביי קאַלקילאַ און זיי פּאַריאַגט אין די טיפענישן פון יאַרדאַניע. צעטומלונג אין מאָסקווע. דער פּרווו פון קרעמל צו „דראָען" און צו „וואָרענען".

נעכטן פרי האָט מאָסקווע פּראָקלאַמירט איר נישט-אריינמישונג און געדראָט אַז אויך אַמעריקע זאָל זיך נישט אַריינמישן. די דיפּלאָמאַטיע אַר־

בעט מעשים און וויל ראַטעווען די אַראַבער. דעצידירן וועט אָבער דאָס זיגרייכע יידישע געוווער!

די קאַמפן גייען ווייטער אַן אויף דריי הויפּט־פראָנטן, ווו די ישראל־כוחות פירן זייער אָפענסיווע קעגן פאַרשידענע אַראַבישע אַרמייען. אויב מאַנטיק זענען די קאַמפן פאָרגעקומען דער עיקר אין דער לופט, זענען די היינטיקע קאַמפן פאָרגעקומען אויף דער יבשה, הויפּטזעכלעך מיט אַרטי־לעריע און טאַנקען. די דאָזיקע אַנטוויקלונג באַשטעטיקט די דערקלערונג, וועלכע עס האָט געמאַכט דער שעף פון ישראלדיקן גענעראַל־שטאַב, גענע־ראַל יצחק רבין און דער שעף פון דער אַוויאַציע מרדכי הוד, אַז די ישראל־אַוויאַציע האָט פאַרניכטעט 372 פייַנטלעכע אַוויאָנען פון דער אַראַבישער אַרמיי. אייניקע מינוטן שפּעטער האָט זיך די צאָל פאַרגרעסערט מיט נאָך 37 אַוויאָנען, דערפון 300 עגיפּטישע, 52 סירישע און 20 יאַרדאַנישע אַפּאַ־ראַטן. ישראל האָט פאַרלוירן 39 אַוויאָנען.

קאַירע האָט איבערגעריסן אירע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט וואַשינגטאָן. רומעניע שטייט אויף דער זייט פון ישראל אין קאָנפליקט אין מיטעלן מזרח. אשכול האָט זיך געוואָנדן צו קאָסיגינען, ער זאָל אויפריכ־טיק איינשטעלן שלום צווישן ישראל און אירע שכנים.

אין אַ נייער ווענדונג פון מאָסקווע צו ישראל, בעט זי, לייגט פאַר, באַשולדיקט און פאַראורטיילט. די סאָוויעטישע ווענדונג האָט אַרויסגערופן דערשטוינונג. דער פירער פון די קאָמוניסטן אין ישראל, מיקוניס האָט געשיקט באַגריסונגען צו די קעמפנדיקע צה״ל־העלדן קעגן די נאַסערישע אָנגריפן.

אין דער ריכטונג פון סועץ־קאַנאַל קומען פאָר שווערע קאַמפן צווישן ישראלדיקע און עגיפּטישע טאַנק־קאָלאָנען. די וועלט־עפנטלעכקייט קאָ־מענטירט די ביז־איצטיקע מיליטערישע דערגרייכונגען פון צה״ל אַלס גרוי־סער נצחון פון ישראל אין דער לופט און אויף דער יבשה.

אַ טאָג־באַפעל פון משה דיין:

„ירושלים — מיר זענען אַ קליין לאַנד, אָבער מיר קענען קעמפן. מיר ענטפערן אויף דער אַגרעסיע. דער פייַנט וויל אונדז פאַרטיליקן און אונדז בלאָקירט. אַלץ האָט ער מאָביליזירט קעגן אונדז. פון אַלזשעריע ביז קאָ־וויט. זעלנער! איר זענט אונדזער האָפענונג. דער קאַמף אויף דער יבשה און אין דער לופט גייט ווייטער, מיר זענען זיכער פון אונדזער נצחון!״.

אויפן ישראל־עגיפּטישן פראָנט:

אין אַן אָפיציעלן קאָמוניקאַט, האָט גענעראַל יצחק רבין געמאָלדן, אַז זיין אַרמיי האָט מאָנטיק איינגענומען שייך־זועד און כאַן־יוניס אין דרום

פון עזה־פאַס און דערמיט איז דער רוב פון די „פּאַלעסטינער קאָמאַנדאָס״ פולקאָם אַרומגערינגלט געוואָרן און גענומען אין געפאַנגענשאַפט.

ווייטער אין דרום, האָבן ישראל־איינהייטן איינגענומען די שטאָט על־אַריש, וועמענס אַעראָדראָם איז שוין פריער באָמבאַרדירט געוואָרן און פאַרויסגעגאַנגען אין דער ריכטונג פון אַבו־אַגעלאַ, אין דער טיף פון סיני. דינסטיק, איז נאָך אַ פאַרביטערטן קאַמף, איינגענומען געוואָרן על־קונטילאַ, צופוסנס פון באַרג סיני. די עגיפטישע טרופּן זענען אַנטלאָפן אונטערן דרוק פון די ישראלדיקע טאַנקן. באַלד דערנאָך איז אויך איינגענומען געוואָרן דער סטראַטעגישער פונקט אום־קוטעף.

שווערע שלאַכטן קומען אויך פאָר אויף דער יאַרדאַנישער טעריטאָריע. די שטעט דזשענין און לאַטרון זענען איינגענומען געוואָרן דורך ישראלדיקע כוחות. דער סירישער פראָנט איז מאָנטיק געווען שטיל, נעכטן האָט אַ סירישער אַוויאָן באָמבאַרדירט חיפה און געוואָרן אַראָפּגעשאָסן דורך ישראל־אַעראָפּלאַנען.

דינסטיק זענען אויסגעבראָכן שווערע קאַמפן אין צפון פון לאַנד, מיט די סירישע כוחות, וועלכע האָבן אַטאַקירט די ישראלדיקע גרענעץ־פּאָזיציעס. די סירישע אַטאַקע איז צוריקגעשטויסן געוואָרן. די ישראלדיקע אַוויאַציע האָט אַטאַקירט סירישע טאַנקן. אינדערפרי האָט די ישראל־אַוויאַציע אַטאַקירט דעם לופט־פלאַץ פון דמשק.

***

ווי אויף אַ פילם־לענטע לויפן פאַרביי די גרויסע איבעראַשנדיקע „קעפּ״ פון די פרימאָרגן־צייטונגען און אין די ספּעציעלע אויסגאַבן פון די אָונט־צייטונגען. צ״הל האָט צעשטערט און ליקווידירט 400 אַעראָפּלאַנען פון די אַראַבישע לופט־פלאַטן. „פיל געפאַנגענע, אַ שלל פון טאַנקן און האַרמאַטן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון צה״ל! עטלעכע צענדליק שטעט זענען דעראָבערט געוואָרן!״. און דאָס אַלץ נאָך קאַמפן פון בלויז איין מעת־לעת! ווי אַזוי־זשע האָט די דאָזיקע צעשמעטערנדיקע, וויסטע מפּלה געווירקט אויף די צעפלאַקערטע אַראַבישע געמיטער, וועמענס סלאָגאַן ס׳איז געווען אין דעם פרימאָרגן פון דעם זעלבן טאָג, צו זען זיך אין צוויי שעה אַרום אין תל־אביב ?...

ביז מאָנטיק 8.30 אינדערפרי, האָבן ראַדיאָ־קאַיראָ און די איבעריקע אַראַבישע סטאַנציעס, געזענדעט זייערע „געוויינלעכע״ פּראָגראַמען: מיליטערישע מאַרשן און אַ וויסטע העצע צו פירן אַ „הייליקע מלחמה״ קעגן

ישראל. שפּעטער האָט זיך גאַנץ פּלוצים געענדערט דער טאָן. אַ מצרישער מיליטערישער וואָרטזאָגער האָט פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע מעלדונג, אין וועלכער ס׳ווערט געזאָגט, אַז ישראל האָט היינט פרי אָנגעהויבן מיט אַן אָנגריף און האָט אַדורכגעפירט לופט־באָמבאַרדירונגען אויף קאַירא און אויף אַנדערע טיילן פון מצרים.

נאָך די ערשטע מיליטערישע מעלדונגען, האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן „די פאַנטאַסטישע נצחונות פון מצרים״: דער צעהיצטער מצרישער ספּיקער האָט אויסגערופן מיט פּאַטאָס: „ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מפּלה פון ציוניסטישע פיינט, ער אַנטלויפט!״.

די ראַדיאָ־סטאַציעס פון יאַרדאַניע, סיריע, איראַק און לבנון זענען געגאַנגען אַ „קאָנקורס״: זיי האָבן זיך באַמיט צו איבערשטייגן איינער דעם אַנדערן אין „נצחונות״. די צאָל „אַראָפּגעשאָסענע״ ישראלדיקע עראָפּלאַנען איז געשטיגן פון מינוט צו מינוט. די שטימע פון מצרישן ספּיקער וואָס זענדעט אין אַ צעבראָכענעם עברית צו די איינוווינער פון דער „דעראָבערטער פּאַלעסטינע״, איז געוואָרן הייזעריקער; ער האָט געראָטן די איינוווינער פון ישראל צו אַנטלויפן „כל זמן ס׳איז נאָך נישט צו שפּעט״ און האָט אויסגערופן: „תל־אביב ווערט איצט באָמבאַרדירט דורך די מצרישע עראָפּלאַנען, די גאַנצע שטאָט ברענט! אויף די נאַפט־ראַפינעריעס אין חיפה זענען אין פלאַמען״...

הערנדיק די דאָזיקע ליגנס פון ראַדיאָ־קאַירא, האָט אַן אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט טעלעגראַפירט צו זיין צייטונג: „כ׳שפּאַציר איצטער איבער די לעבהאַפטע גאַסן פון תל־אביב״...

לויט אַנדערע מלחמה־קאָרעספּאָנדענטן, וועט דער נצחון פון ישראל־מיליטער אין פאַרלויף פון בלויז זעקס און דרייסיק שעה, אַריין אין דער געשיכטע פון מלחמות אַלס אַ וווּנדער. אַ מיליטערישער כוח פון אַ פערטל מיליאָן סאָלדאַטן, צוויי טויזנט טאַנקן, געדעקט פון אַ לופט־אַרמיי וואָס איז באַשטאַנען פון הונדערטער סילאָן־עראָפּלאַנען, איז געמאַכט געוואָרן פאַר אומשעדלעך און אין איר מערהייט פאַרטיליקט געוואָרן אין פאַרלויף פון די זעקס און דרייסיק שעה.

די עגיפּטער ציען זיך צוריק אין גרויס בהלה אויף יענער זייט סועץ. די ירדן־מלוכה האָט געגעבטן וואָפנשטילשטאַנד. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט אַריינגעטראָגן אַ באַשלוס תיכף ומיד אָפּשטעלן די מלחמה־אָפּעראַציעס.

די פראַנצויזישע פּרעסע שטייט פאַר דעם פאַקט, אַז די אַרמיי פון ישראל געפינט זיך פאַר די טויערן פון סועץ־קאַנאַל און אַז די עגיפּטישע אַרמיי געפינט זיך אין אַ כאַאָטישן ריקצוג. אין דער צייטונג „ל׳אָראָר״ איז

פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ לייט-אַרטיקל פון סערזש גרוסאַר וועגן די מיליטערישע לאַגע:

„די ישראלים האָבן אַדורכגעפירט די נאַפּאָלעאָנישע סטראַטעגיע דורך דעם, וואָס זיי האָבן גלייך פון ערשטן טאָג באַהערשט די קאָמוניקאַציע־וועגן פון שונא און צעשטערט די אַעראָדראָמען. די יידישע אַוויאַציע האָט גלייך פון אָנפאַנג אָן באַהערשט די לופט. די ישראלים האָבן געלאָזן אַ פאַרהעלטנישמעסיק שוואַכע דעקונג אויף די פראָנטן פון יאַרדאַניע, סיריע און לבנון, קאָנצענטרירנדיק די הויפּט־קראַפט קעגן עגיפּטן".

ראָזשע מאַסיפּ שרייבט אין „לע פיגאַראָ":

„דער אמתער פּראָבלעם פון דער שעה איז די פאַרהאַנדלונגען און די דיפּלאָמאַטישע אַקציע. ביז איצט, האָט זיך מאָסקווע פאַרהאַלטן רואיק — און ער וווּנדערט זיך — אַז נאַסער נאָך דער מפּלה האָט נאָך די העזה נישט צוצושטימען צום פייער־איבעררייס, וואָס מאָסקווע פאַרלאַנגט אין אַ כמעט אולטימאַטיווער פאָרם פון ישראל".

דער לאָנדאָנער „טיימס" שרייבט:

„דער אינטערעס פון ישראל ליגט איצט אין דעם, אַז זי זאָל זיך אָפּהאַלטן פון פאַרטיפן די מלחמה. ישראל האָט איצט געוווּנען אַ מיליטערישע און פּאָליטישע פּאָזיציע, וואָס דערלויבט איר אויסצונוצן איר כוח מיט גרויס פאָרזיכטיקייט".

דער לאָנדאָנער „דיילי־טעלעגראַף" שרייבט אַז:

„נאַסער האָט זיך געשאַפן אַ לעגענדע וועגן די אַנגלאָ־אַמעריקאַנישע אינטערווענץ אין דעם קאַמף, בכדי צו שליסן דעם סועץ־קאַנאַל, און אַז די אַראַבישע מלוכות זאָלן איבעררייסן די פּעטראָל־ליפערונגען פאַר די מערב־לענדער".

דער „שיקאַגאָ־טריבון" שרייבט:

„די אַראַבישע לענדער זענען אַליין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מלחמה און זיי זענען נישט אימשטאַנד צו געבן עצות וועגן די באַציאונגען צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און ישראל".

***

פרייטיק אָוונט, דעם 9־טן יוני, איז ביי בערנאַרדן צוגעגרייט געוואָרן אַ פייערלעך מאָלצייט. דער גרויסער דענטיסטישער סאַלאָן איז געוואָרן אויסגערייניקט און אינגאַנצן באַנייט צום הייַנטיקן יום־טוב. אַלע לאָמפּן האָבן העל און יום־טובדיק באַלויכטן דעם גרויסן סאַלאָן. דער לאָנ-

גער טיש איז געווען באַדעקט מיט אַ ניי ווייס טישטוך אויף וועלכן ס׳איז געשטאַנען אַ זילבערנע מנורה מיט אָנגעצונדענע ליכט און דערמיט נאָך מער יום־טובדיקער געמאַכט דעם שבתדיקן טיש, אויף וועלכן ס׳איז געווען אָנ־געשטעלט פון כל־טוב. עס האָבן געפינקלט אונטער די ליכט־שטראַלן, פלע־שער מיט די בעסטע ווײַנען וואָס זענען צוגעגרייט געוואָרן צום הײַנטיקן יום־טוב, כדי צו מאַכן דעם אמתן לחיים, וואָרעם מען איז דאָך ווי אויפגע־שטאַנען „תחית־המתים״... בערנאַרד און זײַן פרוי סאָניאַ האָבן מיט אַ פריידיקן שמייכל אויפגענומען די געסט וואָס זענען אָנגעקומען איינער נאָכן אַנדערן. מען האָט זיך געהאַלדזט און געקושט און אויך נישט אויסגעמיטן לאָזן אַ טרער פון פרייד. נאַטאַלי האָט אַלעמען באַגריסט מיט די פריידיקע ווערטער:

— מיר זענען דאָ! מען האָט אונדז נישט אַריינגעוואָרפן אין ים אַרײַן!

מיט אַ הייטערער שטימונג האָט דער עולם זיך געזעצט צום טיש. מען האָט געעפנט די פלעשער ווײַן און מיט אַ לחיים פון „עם ישראל חי״ האָט מען געטרונקען פאַר דער העלדישער ישראל-אַרמיי. מען האָט גע־טרונקען פאַרן געזונט פון פאָלק און פאַר אַלע יידן אויף דער וועלט. גורעלי האָט נישט אויפגעהערט צו מונטערן:

— לאָמיר טרינקען, טרינקען, אַפילו ביז שיכור ווערן!

ביים עסן האָט דאָקטאָר גורעלי געזאָגט לאַכנדיק:

— מען ווײַצלט זיך שוין, אַז נאַסער האָט געטאָן אַ גרויסן פעלער, וואָס ער האָט נישט אָפּגעשריבן דאָס האַלב־אינדזל סיני אויף זײַן ווײַבס נאָמען...

און מאַרעק האָט דערציילט אַז „אַן עגיפּטישער דיפּלאָמאַט האָט זיך אויסגעדרוקט, אַז ער האָט געוווּסט, אַז דער שונא וועט אים דאָס מאָל אויך נישט אַנטוישן״...

אַלע האָבן געלאַכט און מינקע, העכער און האַרציקער פון אַלעמען, מאַרעק האָט איר טאַקע געזאָגט:

— דו זעסט מינקע, וואָס די צייט קען מיט זיך מיטברענגען? דעם פאַריקן פרייטיק האָסטו געוויינט פאַר שרעק איבערן גורל פון אונדזער לאַנד און פאָלק. און הײַנט? בלויז איין וואָך איז אַדורך און מיר לאַכן שוין, פול מיט פרייד!

אַלע אַרום טיש האָבן געשײַנט און טאַקע געלאַכט פון פרייד, און דאָס נאַכטמאָל איז צוגעגאַנגען אין אַ יום־טובדיקער פריילעכקייט. די שמחה איז געווען גרויס.

נאָכן עסן, האָט בערנאַרד זיך אָפּגערופן:

— אויף וויפל מיר וויסן שוין די פריידיקע ידיעות, איז דאָך אָנגע־נעם נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל זיי צו באַטראַכטן און איבערחזרן, ווייל נישט בלויז זענען מיר אויפגעטרייסלט פון די אויסערגעוויינלעכע געשעע־נישן און פון דעם נס, נאָר אויך די גאַנצע וועלט איז אויפגעטרייסלט גע־וואָרן פון די געשעענישן. איז לאָמיר איבערדערציילן די אַלע געשעענישן פון דער אָפּגעלאָפּענער וואָך.

— האַלט! — האָט זיך אָפּגערופן מאַרעק — דאָס וואָס איז געשען ווייסן מיר, אָבער ווי אַזוי דאָס איז געשען? דאָס איז דאָך נישט בלויז אַ נס, נאָר אַ וואונדער! איז וואָס זאָגט די וועלט צו דעם וואונדער? דאָס איז אינ־טערעסאַנט!

— וואַרט צו — רופט זיך אָן אַלבערט — די וועלט איז דערווײלע צעטומלט. זי ווייסט נאָך נישט, צי זי זאָל זיך מיטפריידן מיט אונדז, וואָס ס׳איז צונישט געמאַכט געוואָרן אַ גענאָסיד, אָדער שרייען פאַר כעס, פאַר־וואָס מיר האָבן געוואָגט צו זיגן. איבעריקנס, פאַר אונדז איז די הויפּטזאַך דער נס; אָבער איך בין נישט קעגן קיינעמס מיינונג. מיך אינטערעסירט צו וויסן ווי אַזוי דאָס וואונדער איז געשען. די צייטונגען האָבן נישט געקאַרגט צו באַשרייבן אָט דאָס אויסערגעוויינלעכע וואונדער און אין זייערע שורות און אָפּהאַנדלונגען זענען פאַראַן אַזעלכע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, וואָס קומען גראָד נישט פון אונדז. מיר האָבן איבערגעגעבן דאָס וואָרט דער וועלט און די וועלט האָט אַרויסגעזאָגט דורך אָפּשאַצונגען אַזעלכע ווערטער, וואָס מען קען זיי הערן בלויז איין מאָל אין טויזנט יאָר; איז לאָמיר הערן וואָס די וועלט זאָגט.

— ווייסט איר וואָס? — רופט זיך אָפּ גורעלי — די היינטיקע נאַכט איז דאָך אַ נייע סדר־נאַכט. פון שלאָפן איז דאָך אָפּגערעדט. ווער קען דען היינט שלאָפן? היינט איז דאָך דער גרעסטער יום־טוב פון אַלע יום־טובים, ווײלן מיר, ערשטנס, פייערן אונדזער תחית־המתים, ווייל לויט זיי... האָבן מיר דאָך שוין געזאָלט זיין דערטרונקענע אין ים, אָדער געשאָכטענע ערגעץ וו אין די זאַמדן. וועלן מיר דעריבער היינט פייערן צווישן אונדז, אונדזער זיג און מיר דאַרפן שוין אויך שאַפן אַ נייע הגדה צו גאָר אַ נייעם סדר! וועלן מיר דערציילן די נסים אַ גאַנצע נאַכט און ס׳איז דאָ וואָס צו דער־ציילן! און פאַרוואָס טאַקע נישט? און אויב ס׳וועט ווער וועלן פרעגן די קשיות, וועלן מיר זיך באַמיען צו פאַרענטפערן די קשיות, וואָרעם מיר דערציילן נאָך היינט, יעדעס יאָר אין יום־טוב פסח דעם נס פון יציאת מצרים. דער היינטיקער נס איז דאָך נאָר וואָס געשען. דעמאָלט האָט אונדז משה אַרויסגעפירט פון מצרים און היינט האָט אונדז אַן אַנדערער משה

אַריינגעפירט קיין מצרים... דעמאָלט זענען מיר געווען קנעכט ביי פּרעהן פון מצרים און היינט זענען מיר געווען פאַרמשפּט פון אַנדערע פּרעה׳עס פאַרניכטעט צו ווערן. איז לאָמיר דערציילן די נסים וואָס זענען געשען און דערציילן זיי אַ גאַנצע נאַכט. אַזוי אַרום וועלן מיר אָפּריכטן דעם נייעם סדר און ווער ס׳וועט נאָר וועלן, וועט קענען פרעגן די קשיות אויך, ווי ס׳זינגט זיך אין דעם גוט באַקאַנטן פאָלקס ליד:

„רבותי, חכמים אָן אַ ברעג, כ׳וועל אייך פרעגן, כ׳וועל אייך פרעגן. פרעגט זשע, פרעגט זשע, פרעגט! ענטפערט אַלע אויף מיין שאלה ווי אַזוי? ווי אַזוי?

און אויב איר ווילט וויסן ווי אַזוי? וועלן מיר אויסהערן די ראַדיאָ־קאָמענטאַרן פול מיט חכמה, פון אונדזער גענעראַל חיים הערצאָג און ווי מיר ווייסן עס, איז ער דער זון פון הרב הראשי הערצאָג ז״ל און זיינע באַריכטן זענען נישט געווען סתם באַריכטן פון אַ מלחמה־קאָרעספּאָנדענט, נאָר אַזעלכעס, וואָס האָט דערפרייט אונדזערע הערצער און אויך צעטומלט דעם שונא; איז לאָמיר צוערשט אויסהערן זיינע קאָמענטאַרן און דערנאָך וועלן מיר דערציילן די מיינונגען פון דער וועלט, מסכים?

— ניין — זאָגט מאַרעק — די קאָמענטאַרן פון גענעראַל הערצאָג וועלן מיר דערציילן שפּעטער. אָבער איצט, איז דאָ צו דערציילן עפּעס וויכטיקערס, ווייל ערשט איצט זענען באַקאַנט געוואָרן די אַלע געהיימע פּלענער וואָס זענען צוגעגרייט געוואָרן מכוח ווי אַזוי אונדז צו פאַרניכטן. איז לאָמיר פריער זיך באַקענען מיט די דאָזיקע שוידער־פּלענער, כאָטש זיי האָבן נישט געמאַכט קיין סוד דערפון. אָבער, לאָמיר פריער נעמען אַ גלעזל, מאַכן קידוש און דערנאָך וועל איך דערציילן, מסכים?

— מסכים — האָבן זיך אַלע אָפּגערופן. האָט מען אָנגעגאָסן די גלעזער און נאָכן האָבן זיי אויסגעליידיקט, האָט מאַרעק געזאָגט:

— גלויבט מיר, אַז פון דעם וואָס מיר ווייסן איצט, פון דעם מאַ־קאַברישן פּלאַן וואָס איז געווען צוגעגרייט פאַר אונדז גייט אדורך אַ שוידער איבערן לייב, און אַז מיר האָבן באַזיגט די אַראַבישע אַרמייען, צוזאַמען מיט זייערע העלפער, איז עס פון די גרעסטע נסים וואָס איז ווען געשען און ווער האָט דאָס צוגעגרייט אָט דעם שוידער פּלאַן? וועט איר הערן; ס׳איז באַוווסט געוואָרן זייער אַ סך איינצלהייטן, וואָס מיר וועלן דאָ היינט דערציילן, אָבער צו ערשט דעם הויפּט פּלאַן:

— אָט אָ, דער מאַקאַברישער פּלאַן איז צוגעגרייט געוואָרן סיס־טעמאַטיש, מיט אַ קאַלטער אויסרעכענונג, דורך אַ פולשטענדיקער איזאָ־לירונג פון ישראל. די איזאָלאַציע האָט געדאַרפט דערגרייכט ווערן דורך

אויפצווינגען די גרויסמאַכטן, אַ שטרענגע נייטראַליטעט. דער „דריטער כוח״, דאָס הייסט, די אַפראָ־אַזיאַטישע מדינות, אַריינגערעכנט אינדיע און יוגאָסלאַוויע, האָבן געדאַרפט געבן זייער מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף די פּאַראַייניקטע אַראַבישע אַרמייען און דער ראַטנפאַרבאַנד האָט געדאַרפט פאַרשליסן דאָס קליינע ישראל אין צווייטן רינג. דעם רינג פון דערוועראַגנדיקע נייטראַליטעט, העלפנדיק דערביי די אַראַבישע אַרמייען מיט אַלעם וואָס עס וועט נאָר נויטיק זיין.

דער פּלאַן אַ סוף צו מאַכן מיט ישראל, איז אויפגעקומען ווען גראָמיקאָ איז דאָ נישט לאַנג געקומען אין אַ געהיימער שליחות קיין קאַירא; קיין שום קאָמוניקאַט איז נאָך זיין באַזוך נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. עס האָבן דערנאָך אָנגעהויבן צו פליען אַראַבישע מלוכה לייט פון ערשטן ראַנג קיין מאָסקווע; דער עגיפּטישער קריגס־מיניסטער מאַרשאַל אַמער איז אויפגענומען געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד מיט גרויס פּאַראַד, דורכן סאָוויעטישן קריגס־מיניסטער מאַרשאַל גרעטשקאָ; סי־רישע גענעראַלן האָבן זיך באַוויזן אין קרעמל; עס איז אָנגעגאַנגען אַן אומגעוועונלעך אַקטיווע דיפּלאָמאַטישע, מיליטערישע און געהיימע טעטיקייט.

גלייך דערנאָך, האָט סיריע באַקומען פון געהיימע סאָוויעטישע פאַרשטייער אַ ידיעה, אַז אויף איר גרענעץ האָט ישראל קאָנצענטרירט זעקס דיוויזיעס; אַז ישראל גרייט זיך צו באַפאַלן סיריע. די סיריער האָבן אַלאַרמירט וועגן דעם די עגיפּטער. גלייך האָט זיך צעבושעוועט די מלחמה־היסטעריע: מאָסקווע האָט צוגעזאָגט נאָסערן פולשטענדיקע דעקונג. דער פּאַן־אַראַביזם האָט דערוואַכט. שוקיירי איז דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פון אַ דיפּלאָמאַט. מאָסקווע האָט פאַרטאָפּלט די געווער ליפערונגען.

דער פּלאַן האָט געדאַרפט רעאַליזירט ווערן שטופנווייז; מיט אַראַבישע אַריינדרינגונגען מיט טעראָריסטישע אַקטן; פון שיסערייען פון עזה־פּאַס אויף קיבוצים און פון אומאויפהערלעכע אויפטרייסלונגען אויף דער ישראל־טעריטאָריע פון אַראַבישע אינפילטראַנטן און דער עיקר אַן אויפשטאַנד פון דעם ערך 250 טויזנט אַראַבער אין ישראל.

דאָס אַלץ האָט געדאַרפן ביזן יסוד צעטרייסלען ישראל; דעמאָלט האָט געדאַרפן קומען די לעצטע פאַזע פון דעם פּלאַן; דער אַריינמאַרש פון די אַראַבישע אַרמייען; דעראָבערן דעם נגב. אַריין אין תּל־אביב. די סיריער זאָלן באַזעצן דעם גאַנצן גליל. אויסשעכטן וואָס מער יידן און גלייך נאָך דעם, די פּאַרמיטלעריי פון קרעמל אויף „איינצושטעלן אָרדענונג״ און נאָך די שחיטות איבער די יידן, וואָס וואָלטן געבליבן,

לויט זייער רעכענונג, ביי אַ פּופּציק טויזנט לעבעדיקע נפשות, וואָלט געקומען די „הילף פון ראַטנפאַרבאַנד צו ראַטעווען" די לעבנגעבליבענע יידן דורך אַ דערקלערונג, אַז „ישראל האָט אַ רעכט אויף עקזיסטענץ" און לויט אַ קאָמוניסטישן פּירער פון אַרגענטינע, וואָס האָט פייערלעך דערקלערט, אַז באַלד נאָכן חורבן־ישראל, וועלן די רעשטלעך ישראל־יידן איבערגעשיקט ווערן קיין... ביראָבידזשאַן און דער נאָענטער־מזרח וואָלט געבליבן יידן־ריין... און וואָלט געווען אונטער דער השפּעה פון ראַטנ־פאַרבאַנד. אַזוי אַרום וואָלט דער גאַנצער נאָענטער־מזרח געווען אונטער מאָסקוועס איינפלוסן. פון דאַנען זענען פאַראַן אָפענע טויערן צו אַפריקע און רוסלאַנד וואָלט געהאַט אַזאַ דערפאָלג, וואָס וואָלט איר געשטעלט אין שפּיץ פון אַלע מזרח־פעלקער און דער עיקר, זי וואָלט אויסגעשפּילט כינע און אַרויס ווי די אמתע פירערין פון אַלע מזרח־פעלקער קעגן קאָלאָניאַליזם, אימפּעריאַליזם, א. אַ. וו.

אַזוי אַרום — האָט מאַרעק צוגעגעבן — האָט די ישראל אַרמיי נישט בלויז געראַטעוועט ישראל, נאָר זי האָט אויך צעשטערט דעם קרעמלס פּלענער פאַרן נאָענטן מזרח; זי האָט באַוויזן אַז מען קען שלאָגן מיליטעריש די נאָענטסטע פריינד פון קרעמל; אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן אין זייער לאַך דעם מעדאַל „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד" ווי ס'האָט עס דער קאָלאָנעל נאַסער...

**
*

— אָט אַזוי איז עס געווען צוגעגרייט — האָט מאַרעק פאַרענדיקט און צוגעגעבן: גיסט זשע אָן די גלעזער, און לאָמיר טרינקען לחיים!

— דו ווייסט כאָטש ביי וועלכן כוס מיר האַלטן שוין? — האָט גורעלי געפרעגט.

— וואָס איז דען פאַר אַן אונטערשיד, ס'איז נאָך נישטאָ קיין שיעור צו די צאָל כוסות וואָס מען וועט דאַרפן טרינקען ביים נייעם סדר און איצט דאַרף מען נישט ציילן.

דאָ האָט אַלבערט זיך אָנגערופן:

— ס'איז נאָך עפּעס דאָ צו דערציילן: איר האָט געהערט די קאָמישע געשיכטע פון איבערכאַפּן דאָס טעלעפאָנישע געשפּרעך צווישן נאַסערן און קעניג חוסיין, וואָס די שפּיאָנאַזש־אָפּטיילונג פון דער ישראל־דיקער־אַרמיי האָט דורכגעפירט און פאַררעגיסטרירט אויפן מאַגנעטאָ־

פאַן? ווי אַזוי זיי האָבן געוואָלט פאַרענטפערן און פאַרדעקן זייער מורא־דיקע מפלה, מיט כלומרשטער מיליטערישער הילף פון אַמעריקע און ענגלאַנד פאַר ישראל? דאָס איז אויסערגעוויינלעך!

די דאָזיקע מאַגנעטישע לענטע איז שוין אָפּגעשיקט געוואָרן קיין ניו־יאָרק צו דער „אָנו”, ווו די דיפּלאָמאַטן פון דער גאַרער וועלט וועלן האָרציק לאַכן, ווען זיי וועלן דערהערן די שטימע פון נאַסערן, וואָס האָט געזאָגט צו חוסיינען:

„איך מאַך אַ דערקלערונג, אַז אַמעריקאַנישע אַוויאָנען באָמבאַרדירן עגיפּטיש מיליטער; ווי מיינט איר? אפשר איז גוט צוצוגעבן, אַז אויך ענגלישע אַוויאָנען באָמבאַרדירן אונדז?

קעניג חוסיין ענטפערט — מסכים”.

— איר ווייסט? איבערצוכאַפּן אַזאַ טעלעפאָניש געשפּרעך פון די צוויי אַראַבישע מושלים און דאָס צו פאַררעגיסטרירן אויף אַ מאַג־נעטישער לענטע איז שוין איינמאָל געווען אַ שטיקל אַרבעט פון דעם ישראלדיקן שפּיאָנאַזש־דינסט.

און ס׳איז דאָ נאָך עפּעס קאָמישעס: אַלזשעריע האָט באַשלאָסן קומען צוהילף נאַסערן און האָט אים געשיקט אַ צוויי צענדליק אַעראָפּ־לאַנען, (פאַרשטייט זיך אַז דאָס זענען געווען סאָוויעטישע) און ס׳איז געשען נאָכדעם, ווי דער גרעסטער טייל פון דער עגיפּטישער לופט־פלאָט איז אין די ערשטע שעהן דורך דעם ישראלדיקן לופט־כוח געוואָרן צע־שמעטערט. די אַלזשירער סטראַטעגן האָבן אויסגעפונען אַז עס וועט זיין אַמבעסטן אַז, „זייערע אַעראָפּלאַנען זאָלן לאַנדן אין על־אריש” און פון דאָרט העלפן די עגיפּטער; האָבן אָבער בומעדיענס מלחמה־ספּעציאַליסטן געמאַכט אַ „קליינעם” טעות און זייערע אַעראָפּלאַנען זענען אָנגעקומען קיין על־אריש אַביסל צו שפּעט. ס׳איז געשען דאַן ווען אָט דער וויכטי־קער סטראַטעגישער פּונקט איז שוין געווען פאַרנומען דורך דער ישראל־אַרמיי; צווישן די ישראלדיקע מיליטערישע כוחות זענען דאָך אויך פאַראַן אַלזשיריער יידן, איראַקישע און עגיפּטישע יידן, וואָס רעדן אַראַביש בעסער פון די אַלזשיריער לופט־פליער; האָבן אונדזערע מי־ליטער־לייט זיי געגעבן די אַלע נויטיקע סיגנאַלן אויף צו לאַנדן מיט זייערע אַעראָפּלאַנען אין על־אריש און ווען זיי זענען אַראָפּגעקומען, האָבן די קעמפער פון ישראל זיי געגעבן נאָך אַ סיגנאַל: „די הענט אין דער הויך!” און אַזוי זענען די אַלזשיריער פליער מיט זייערע אַעראָפּלאַנען אַריינגעפאַלן גאַנצערהייט אין די הענט פון די ישראל־חיילים.

— איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן? — האָט זיך בערנאַרד אָפּגערופן, איך וועל זאָגן דאָס זעלבע וואָס אליעזר וויזעל האָט געזאָגט:

„איז דען דאָס אַלץ צו גלויבן? די קומענדיקע דורות וועלן מסתמא נישט גלויבן, אַז דאָס אַלץ האָט פּאַסירט; עס וועט דעם לערער אָנקומען שווער איבערצוצייגן זיינע שילער אַז דאָס וואָס עס קלינגט ווי לעגענדעס, האָט זיך טאַקע אָפּגעשפּילט אין דער ווירקלעכקייט, די קינדער אין קלאָס וועלן נאַטירלעך שלינגען יעדעס וואָרט, אָבער שפּעטער, אַלס דערוואַקסענע, וועלן זיי שאָקלען מיטן קאָפּ און שמייכלענדיק באַמערקן, אַז דאָס זענען געשעענישן, וואָס געהערן צום פאַנטאַזיע־טייל פון דער געשיכטע."

ניין, עס וועט זיך זיי נישט גלויבן אַז אַ קליינע מדינה, אַרומגע־רינגלט פון האַס, פייער און רציחה, האָט אַזוי שנעל, מיט אַזאַ גבורה, באַוויזן אַזאַ נס. עס וועט זיין שווער זיך פאָרצושטעלן ווי אַזוי, אַ קליינע אַרמיי האָט פאַרטריבן און דערנידעריקט גוט־באַוואָפנטע מיליטערישע לעגיאָנען פון אַזוי פיל אַראַבישע לענדער.

ווי זאָגט דער באַרימטער געלערנטער און תלמוד־פּראָפעסאָר שמואל ליבערמאַן: „אין צוויי טויזנט יאָר אַרום, וועלן מענטשן באַטראַכטן די איצטיקע געשעענישן גענוי ווי מיר באַטראַכטן איצט די שילדערונ־גען בנוגע די מכבייער און זייערע נצחונות".

אין צוויי טויזנט יאָר אַרום? ניין, איבער אַ יאָר, מאָרגן, עס וועט מאָרגן זיין שווער אויפצוקלערן אונדזערע קינדער און אייניקלעך ווי אַזוי דאָס אַלץ האָט פּאַסירט — און געקענט פּאַסירן.

שבת האָבן מיר נאָך געהערט אויף טעלעוויזיע און ראַדיאָ אַלער־ליי דיפּלאָמאַטן וואָס האָבן געסטראַשעט מדינת־ישראל מיט „טאָטאַלער מלחמה", מיט אכזריותדיקע קאָנסעקווענצן, זונטיק האָבן די אַראַבער און זייערע שותפים זיך נאָך באַרימט אַז אויב ישראל זאָל נאָר וואַגן זיך אַ ריר צו געבן, וועט זי דערפאַר באַצאָלן מיט איר עקזיסטענץ, און גע־ציילטע שטונדן דערנאָך האָבן יידישע העלדן גענומען מאַרשירן פאַר־אויס. די גאַנצע וועלט האָט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, נאָכגעפאָלגט זייער גאַנג.

— מאַרעק, גיסט אָן די גלעזער אויב ס'איז נאָך דאָ, און לאָמיר טרינקען, טרינקען!

און מען האָט געטרונקען; מען האָט זיך אָנגעקוקט מיט אַ צו־פרידענעם שמייכל, און מען האָט געוווסט פאַרוואָס מען טרינקט...

דערנאָך האָט בערנאַרד געזאָגט צו אַלע, אַז ער האָט פאַרגעסן נאָך

צוויי וויכטיקע קאָמענטאַרן פון דער אויסלענדישער פרעסע, און זיך גע־גרייט אָנהייבן לייענען.

— ניין — זאָגט גורעלי — איצט איז מיין ריי.

— בלויז די צוויי — בעט זיך בערנאַרד — זיי זענען זייער וויכטיק, און איך זאָג דיר צו, אַז דערנאָך וועט זיין דיין ריי.

און האָט אָנגעהויבן לייענען.

דער לאָנדאָנער „אָבסערווער" שרייבט:

„אַ נצחון וועלכער האָט נישט זיינס גלייכן, אַ נצחון פון אַזאַ פּאַר־נעם האָט נישט צו זיך קיין ביישפּיל אין דער מאָדערנער געשיכטע. מיר האָבן דערוואַרט צו זען חרובע שטעט און קופּעס פון טויטע קערפּערס און הונגעריקע קינדער אין די גאַסן. אָבער אַזעלכעס איז נישט געווען. ישראל האָט געפירט איר מלחמה אָן שנאה. וואָלט צה"ל געוואָלט, וואָלט זי געקענט זיין אין פּאָרט סאַיד, אין דמשק און אפילו אין קאַיר".

„אויב ס'איז פאַראַן „אַ ריינע מלחמה", איז דאָס די מלחמה וואָס ישראל האָט געפירט".

און איצט נאָך איין קאָמענטאַר פון די ציריכער, „די וועלטוואָכע".

אָט וואָס די צייטונג שרייבט:

„די מפּלה פון נאַסערס מיליטער, איז אויך די מפּלה פון קרעמל. ווען די סאָוויעטן האָבן דערמוטיקט די אַראַבער צו אַ מלחמה קעגן ישראל, איז פאַר אַמעריקע אַוועקגעשטעלט געוואָרן די ברירה — אָדער זיך דירעקט אַריינמישן לטובת דער יידישער מדינה וועלכע געפינט זיך אין געפאַר, אָדער מוותר זיין אויף איר גלאָבאַלער אויפגאַבע און פאַרלאָזן איר סטראַטעגישע פּאָזיציע אין נאָענטן מזרח. די וואַקלונגען פון וואַשינגטאָן און אירע הילפסלאָזע פּרוּוון צו מאַכן אַן איינדרוק פון קעגנערשאַפט צו נאַסערן דורך אַן אַקציע פאַר אַ דעקלאַראַציע פון די ים־גרויסמאַכטן האָבן באַשיימפּערלעך באַוויזן אויף ווי ווייט ס'איז באַגרענעצט דער מאַ־נעוור־שטח פון מערב אין אָנבליק פון דער געמיינזאַמער אַראַביש־סאָוויעטישער טעטיקייט.

די ישראלדיקע אַרמיי האָט באַפרייט דזשאָנסאָנען פון דער שווערער דילעמע, נישט אָנקומענדיק נאָך דער הילף פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט ישראל איבערגעשניטן די קייט פון אַרומרינגלונג און אויסגעמיטן אַ מינכען פון מיטעלן מזרח".

***

און איצט גורעלי, גיב איך דיר איבער דאָס וואָרט, און דערצייל.

גורעלי האָט זיך צעשמייכלט, און געזאָגט:

— ענדלעך — און נישט לאַנג טאַקע וואַרטנדיק, האָט ער אָנגעהויבן לייענען די אינטערעסאַנטע קאָמענטאַרן פון גענעראַל הערצאָג:

רעזומע — אייניקע טעג בלויז פון קאַמף און פון נצחון.

דוכט זיך, עס איז נאָך נישט געווען אַזאַ פּרעצעדענט, אַז אַ מיליטערישער קאָמענטאַטאָר, וועלנדיק רעזומירן געשעענישן פון עטלע־כע טעג, זאָל מיט דעם רעזומירן אַ גאַנצע מלחמה, וואָס האָט אויפגערו־דערט די וועלט און איז שוין געוואָרן ממש אַ לעגענדע.

היינט, מיט אַ וואָך צוריק, זענען די אַרמייען פון אַלע אַראַבישע לענדער וואָס גרענעצן זיך מיט ישראל, געשטאַנען גרייט אונדז צו פאַר־לענדן. זיי זענען געשטאַנען אויפן פלאַצדאַרם מיט לפּחות אַ פערטל מיליאָן זעלנער, צוויי טויזנט טאַנקן, און אַרום 500 אַעראָפּלאַנען. די ערשטע ליניע — אַ ריזיקער און מעכטיקער כוח לויט די באַגריפן פון אונדזער ראַיאָן, אונטער אַ געמיינזאַמער קאָמאַנדשאַפט, פאַראייניקט אין אַ מיליטערישן בונד, און מיט איין און איינציקער כוונה — פאַרניכטן מדינת ישראל. זיי האָבן געגאָסן פון דער אַבסאָלוטער שטיצע פון אַ ריזי־קער גרויסמאַכט, וואָס האָט זיי איינגערוימט אין אויער ליגנס וועגן די כוונות פון מדינת ישראל. דאָס קאָנצענטרירן די אַרמייען לענגאויס די גרענעצן איז געווען באַגלייט מיט אַן אומגעצוימטער פּסיכאָלאָגישער מלחמה, אין וועלכער מען האָט אונדז, יעדן איינעם פון אונדז — אודזערע פרויען און קינדער — אָנגעזאָגט אַ שרעקלעכן און ביטערן סוף. די וועלט איז געווען איבעראַשט און האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן, און אין צווישן איז דער מצרישער דיקטאַטאָר געוואָרן אַ געפאַנגענער פון זיינע אייגענע דעקלאַראַציעס, און צוזאַמען מיט אים — זיינע נאָכגייערס אין סיריע און אין די איבעריקע לענדער. אַ טעות אין דער אָפּשאַצונג פון דער לאַגע האָט כוסיינען באַוויגן ער זאָל באַגיין נאָך אַ טעות און ער זאָל זיך אונטערוואָרפן דער מצרישער קאָמאַנדע, אַ זאַך, וואָס איז געווען זיין פאַטאַ־לער לעבנס־טעות.

צה״ל איז געווען גרייט אין זיינע דריי ראַיאָנען, זייענדיק געבויט אַזוי, ער זאָל קענען ווירקן אי באַזונדער, אי אין יעדן פון זיי, און אי אין אַלע צוזאַמען. אויב עס וועט זיין בויטיק — אַ זאַך, וואָס איז דעם שונא נישט געווען באַוווסט, און דאָ איז געווען נאָך אַ טעות זיינער, דער שונא, די וועלט, און אויב איך מעג דאָס זאָגן — היינט שוין — אויך אַ סך יידן אין מדינת ישראל, האָבן נישט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פונעם קריגס־מעכאַניזם, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך צה״ל, געבויט אויף

אַ הינטערלאַנד, וואָס איז איבער נאַכט צוגעפּאַסט געוואָרן אין אין גאַנצן פאַר מלחמה־צוועקן; זיי האָבן נישט ריכטיק אָפּגעשאַצט די מעגלעכקייט פונעם מיליטערישן כוח, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין ישראל, במשך פון יאָרן. זינט דער אַנטשטייאונג פון צה״ל, האָבן די צה״ל־קאָמאַנדירן, וואָס האָבן אויפגעשטעלט אונדזער מיליטער און געפירט עס ביז איצט, אויסגענוצט יעדע מעגלעכקייט, און זיי האָבן צוגעגרייט אונדזער מיליטער, מיט זיין אויסאיבונג און מיטן גייסט וואָס זיי האָבן אין אים איינגעפּלאַנצט. אין דריי טעג האָט די וועלט געזען די פּרוכט פון אַן אומדערמידלעכער אַרבעט במשך פון יאָרן, ביים אויפשטעלן און דערציען אַ דור פון קאָמאַנדירן, וואָס איז מסוגל געווען צו פירן די זעלנער אין אכזריותדיקן און ביטערן קאַמף און צו זיגן.

נאַסערס אָפּשאַצונג האָבן מיר געהערט. ער האָט אַ טעות געהאַט. דאָס איז נישט געווען זיין ערשטער טעות, אָבער — זיין גורלדיקסטער.

ער איז אַנגעפאַלן און צוריקגעשטויסן געוואָרן, און דאַן איז דער גאַנצער כוח פון דער ישראלדיקער פויסט אַריבער אין קעגן־אַנגריף. די ישראל־אַוויאַציע האָט אין געציילטע שעהן ממש, געשאַפן אַ נייעם באַגריף אין דער מיליטערישער געשיכטע. אַזוי איז פאַרניכטעט געוואָרן דעם שונאס כוח. שאַרם־אל־שייך איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט און אונדזער צווייטער ים איז געעפנט געוואָרן פאַר אונדזער נאַוויגאַציע. דער האַלב־אינדזל סיני איז דורך אונדז פאַרנומען געוואָרן און פון דאָס ניי איז אַנגעקניפּט געוואָרן די פאַרבינדונג מיטן מעמד הר־סיני, ווו מיר האָבן באַקומען די ווערטן. אויב דער קאַמף אין סיני איז געווען אַ מיליטערישער קאַמף, איז דער קאַמף קעגן ירדן געווען ממש אַ יידישע מלחמה. די יידישע מלחמות פון די צייטן פון יהושע בן־נון ביז דער מלחמת־העצמאות, זענען געקעמפט געוואָרן פון דאָס ניי, און אונדזער העראָישע געשיכטע האָט אויפגעלעבט פאַר אונדזערע אויגן, און האָט באַפרייט דעם מערב־טייל פון ירדן: בית אל, שכם, גבעון, חברון, בית לחם, יריחו, שילו, גוש־עציון. געווען איז דאָס ווי אַ בלאַט פון תנ״ך, און מיר האָבן זוכה געווען דערצו. נאָך דעם ווי עס איז געשלאָסן געוואָרן דער רינג אַרום ירושלים, האָט איינע פון די בעסטע איינהייטן פון אונדזער מיליטער מיט אַ זעלטענער גבורה אַריינגעריסן זיך אין דער אַלט־שטאָט, האָט דעראָבערט דעם הר־הבית, און האָט אומגעקערט דעם פאָלק זיין קרוין. די דאָזיקע בחורים, פון די בעסטע פון אונדזער יוגנט, וואָס האָבן אַזוי פיל דורכגעמאַכט אויפן שלאַכטפעלד, האָבן געוויינט ווי קינדער, זיי און זייערע קאָמאַנדירן, ווען זיי זענען אָנגעקומען צו זייער ציל. חלוואי זאָל פון זיי אַראָפּגענומען ווערן די אַנאָנימקייט, וואָס פאַרפליכטעט

די צה״ל־אײנהייטן, און דאָס יידישע פאָלק זאָל זיי אייביק געדענקען. דאָס בילד ווי הונדערטער בחורים פון דער דאָזיקער אײנהייט שטייען צוזאַמענס אין טלית און תפילין און דאַווענען מיט גרויס דבקות שחרית ביים כותל־מערבי.

דאָס פאָלק ישראל האָט זוכה געווען צו טעג, וואָס זענען פון די שענסטע אין זיין לאַנגער געשיכטע. דאָס יידישע פאָלק וואָס איז טריי געשטאַנען מיט אונדז האָט געוווסט וואָס עס באַדייט פאַר אים דער קיום פון ישראל און עס פילט היינט, מער ווי ווען עס איז, אַ נאַציאָנאַלן יידישן שטאָלץ.

איך טראַנסמיטיר די דאָזיקע ווערטער פון אַ ישראלדיקער שטאַב־פּאָזיציע, וואָס איז ערשט מיט דריי טעג צוריק געווען אַ ירדנישער שטאַב. פונעם פענצטער זע איך דעם הר־הבית און ווידעראַמאָל היט אַ יידישע מיליטער־וואַך די מויערן אויף וועלכער עס פלאַטערט די יידישע פאָן. אַ פאַרברענטער טאַנק ליגט נעבן דער מויער, אַ שטילער עדות פונעם פּרייז וואָס אונדזער פאָלק האָט באַצאָלט. הלוואי מיר זאָלן ראוי זיין דעם דאָזיקן פּרייז.

***

— אָט דאָס האָב איך געוואָלט אייך זאָגן — האָט גורעלי פאַרענדיקט — אָט דאָס איז אין קורצן בלויז אַ רעזומע; דאָס הייסט, אַ סך־הכל פון איניקע טעג פון קאַמף און נצחון, און איצט, ווער עס וויל אַ וואָרט, קען זיך ווענדן:

— איך — האָט זיך אַלבערט אָפּגערופן — איך האָב וואָס צו דערציילן.

— נו דערצייל — האָבן זיך כמעט אַלע אָפּגערופן.

— ערשטנס וויל איך פרעגן — האָט אַלבערט אָנגעהויבן — צי קען מען דערציילן פון אַזעלכע אויסערגעוויינלעכע געשעענישן מיט אַ טרוקענעם האַלדז? — אַלע האָבן געלאַכט — נו, כ׳האָב געהערט ווי גורעלי האָט געפרעגט מאַרעקן — דו ווייסט כאָטש ביי וועלכן כוס מיר האַלטן שוין? וואָס איז דאָס פאַראַ ווערטער? ווילט איר מען זאָל פאַרברענגען און דערציילן פון אַזעלכע געשעענישן אָן אַ יום־טובדיקן כוס? וואָס עפּעס קאַרגן פונקט היינט צו טרינקען? האָסט דאָך געזאָגט ביים אָנפאַנג, אַז היינט דאַרף מען טרינקען ביז שיכור ווערן, און דערוויל בין איך נאָך נישט שיכור.

מיט אַ צופרידענעם שמייכל האָט מען אָנגעגאָסן די גלעזער, און

נאָכן האָבן אויסגעטרונקען אַ העלפט, האָט אַלבערט אָנגעהויבן דערציילן:

— איך וועל דאָ איבערגעבן אייניקע געדאַנקען פון דעם גוט באַקאַנטן רעדאַקטאָר פון דער פּאַריזער יידישער טאָג־צייטונג, מענדל מאַן, וואָס זאָגט:

„מיר לעבן איצט איבער די שענסטע און העראָישסטע טעג פון דער נייער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. אונטער די קלעפּ פון דער ישראל־אַרמיי ברעכט זיך דער משונהדיקער אַראַבישער איינהייט־בלאָק. די טעג פון נאַסערס פּאַרריסענער, אַוואַנטוריסטישער הערשאַפט און דיקטאַטור זענען געציילטע. די זעלביקע באַוווּנדערער פון נאַסערן, וועלן אים אַראָפּשליידערן פון זיין דיקטאַטאָרישן טראָן. כוסיין בעט איצט גנאָד און וויל שלום.

רוסלאַנד „פּראָטעסטירט", „פאָדערט", „פאַרלאַנגט" און שיקט כמו־אולטימאַטומס, אָבער וויל זיך נישט אַנגאַזשירן מיליטעריש. מאָסקווע קען נישט ריזיקירן. רוסלאַנד איז קיין מאָל נישט געווען אַזוי גרויס טעריטאָריאַל ווי אין אונדזער צייט. דעריבער האָט זי איינגעלאַדן אַ פאָרשטייער פון וואַשינגטאָן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיפּלאָמאַטישער יאַריד. או־טאַנט האָט געשטעלט אויף אַ פאַלשע קאָרט, דער אַראַבישער לאַקיי או־טאַנט איז אויסגעשפּילט.

ווי עס זאָלן נישט זיין די רעזולטאַטן פון דעם דיפּלאָמאַטישן שפּיל, האָט ישראל אָנשטאָט רחמנות דערוועקט באַוווּנדערונג, אָנשטאָט מיטלייד — שטוינונג פון איר גבורה".

און מענדל מאַן זאָגט ווייטער:

„ווען מען לייענט אין אונדזערע ספרים וועגן נס חנוכה און נס פון פּורים, ווי אַזוי מען האָט געוואָלט אונדז „להשמיד, להרג ולאבד" זיין ביז איינעם. מענער, פרויען און קינדער. ווען אַ הייפל העלדן האָט באַזיגט דעמאָלט דעם איבערמעכטיקן שונא, אַזוי איז דער איצטעקער נצחון נאָך מער פאַנטאַסטיש. ווען 13 אַראַבישע מדינות האָבן זיך געגרייט אונדז צו פאַרניכטן, פאַרטיליקן און אויסראָטן ביז איינעם, וועט אין דורות אַרום דאָס יידישע פאָלק פּייערן אָט דעם מאָדערנעם נס, ווי איינעם פון זיינע שענסטע ימים־טובים.

איז לאָמיר זינגען שירה, דאָס יידישע פאָלק טוט עס ביי דער כותל המערבי, אַ נייע תקופה פון וווּל, גליק און פּראָספּעריטעט הויבט זיך אָן פאַרן יידישן פאָלק, און פאַר מדינת ישראל. לעולם ועד".

— און איך וויל צוגעבן, לאָמיר טרינקען לחיים — און האָט אויסגעליידיקט די רעשט פון זיין גלאָז.

גורעלי האָט אים באַמערקט מיט אַ שמייכל:

— פֿאַר די פֿאַר ווערטער איז דיר׳ שוין טרוקן געוועז אין האַלדז? כ׳האָב געמיינט אַז דו גרייטסט זיך דערציילן כאָטש אַ שעה צייט, איבער־הויפּט וועגן די מיינונגען פֿון דער וועלט. האָסט דאָך געזאָגט, אַז נאָר דאָס פֿאַראינטערעסירט דיך. איז ווו זענען אָט די מיינונגען זייערע?

— איך קען נאָך נישט אַלע זייערע מיינונגען — האָט אַלבערט געענטפֿערט —זיי האַלטן איצט אין מיטן... און זענען אויך געטיילט, ווי איך האָב שוין דאָס געזאָגט, ווייס נאָך נישט די וועלט וואָס צו טאָן, לאַכן פֿאַר פֿרייד, אָדער שרייען פֿאַר כעס. אַלנפֿאַלס, ס׳הייבט זיך שוין אָן אַ דיפּלאָמאַטישער שפּיל. מען גיט אונדז שוין עצות וואָס טאָן, ווי אַזוי האַנדלען, און אַ סך האָבן שוין אויך רחמנות אויף די אָרעמע אַראַבער. אָבער מיר וועלן לאָזן אָט די שפּיל פֿאַר דער וועלט, און מיר וועלן פֿאַר־זעצן פֿייערן אונדזער זיג. דעם גרויסן נס, און איך מיין אַז נישט בלויז מיר פֿייערן היינט דעם גרויסן נס, נאָר אַלע יידן אויף דער גאַנצער וועלט און אויך אין אַלע פֿאַרוואָרפֿענע ווינקעלעך. אפֿילו די יידן פֿון די קאָמוניסטישע לענדער, רעכטן היינט אַפּ דעם סדר, פֿאַרשטייט זיך באַ־האַלטענערהייט, ווי אַמאָל די אנוסים אין שפּאַניע. און מען פֿרייט זיך, און מען טרינקט לחיים. און כ׳וויל צוגעבן אַז, מענדל מאַן פֿאַרענדיקט זיין אַרטיקל מיט די ווערטער:

„די ערשטע קרבנות זענען קוים געפֿאַלן און אין די הויפּט־שטעט פֿון דער וועלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע וועגן דער פֿראַגע: ווער איז דער אַגרעסאָר? די דיפּלאָמאַטיע פּרוווט שיטער מאַכן דאָס בלוט וואָס גיסט זיך, מיט אַ מבול פֿון וואַסערדיקע רייד און דעקלאַראַציעס.

פֿאַר אונדז איז דער ענטפֿער אַ קלאָרער: די, וואָס פּרעדיקן זינט יאָרן, אַז זיי ווילן אויסראָטן דאָס פֿאָלק פֿון ישראל; די אַלע, וואָס האָבן קיינמאָל נישט באַהאַלטן זייער כוונה צו אָפּצומעקן די יידישע מדינה פֿון דער לאַנד־קאַרטע; ווער עס האָט געמאַכט דעם ערשטן שריט צו ענדערן דעם סטאַטוס־קוואָ אין דורכגוס פֿון טיראַן, און ווער עס האָט קאָנצענ־טרירט זיינע באַוואָפֿנטע כוחות נאָענט פֿון דער ישראלדיקער גרענעץ — די אַלע זענען די אַגרעסאָרן".

— יאָ — האָט מאַרעק זיך אָפּגערופֿן — ריכטיקע ווערטער.

אַ לענגערע ווייַלע האָט געהערשט אַ שטילקייט. מיטאַמאָל, האָט נאַטאַלי זיך אָפּגערופֿן, אַז זי וויל עפּעס זאָגן.

— האָסט וואָס צו דערציילן? — זאָגט גורעלי — אדרבא, דערצייל.

— ס׳האָט נאָך קיינער נישט באַרירט די העסלעכע קאַריקאַטורן וואָס איז פֿול געווען אין אַלע פֿיינטלעכע צייטונגען — האָט נאַטאַלי געזאָגט — איך וויל דאָ רעדן פֿון עטלעכע אַזעלכע קאַריקאַטורן, וואָס האָט

אַנגעוואָרפן אַ שרעק, און וואָס וועט אויך ווערט זיין אָפּצודרוקן אין דער נייער הגדה, אויב אַזעלכע וועלן געדרוקט ווערן. דאָס וועט זיין אַזאַ באַ־ווייז אויף דורות, וואָס זיי האָבן געגרייט צו טאָן מיט אונדז.

אין אַ פּוילישער צייטונג פון וואַרשע, איז געווען אַזאַ קאַריקאַטור:

אין אַ אָקאָפּע, זענען געלעגן אַ צענדליק יונגע לייט מיט לאַנגע פּיאות, און קאַפּעלעך אויף די קעפּ, און יעדער איינער פון זיי האָט געהאַלטן אַ ביקס. אַ ביסל ווייטער איז געשטאַנען נאָסער מיט זיין חברה און האָבן געלאַכט פון דער יידישער אַרמיי וואָס די קאַריקאַטור האָט פאָר־געשטעלט, און הינטן איז געווען אַזאַ צושריפט, מיט דעם באַקאַנטן פּויליש־אַנטיסעמיטישן סלאָגאַן: „יוינע פּוידזשיע נאַ וווינע". דאָס הייסט — יונה גייט מאַכן מלחמה — און שטעלט אייך פאָר ווי דאָס פּוילישע פאָלק האָט געלאַכט ווי אַזוי זיי האָבן פאַרגעשטעלט אונדזער אַרמיי.

— נעם דיר נישט צום האַרץ, נאַטאַלי — האָט איר גורעלי גע־זאָגט — זיי לאַכן שוין נישט מער איצט. זיי האָבן שוין איצט אַן אַנדערן באַגריף פון דער ישראל אַרמיי.

— און איצט — זאָגט נאַטאַלי — איז אין די אַראַבישע צייטונגען געווען אַזעלכע קאַריקאַטורן: איין קאַריקאַטור האָט פאַרגעשטעלט פיר אַראַבישע טאַנקן פון פיר לענדער, איינע אַן עגיפּטישע, אַ סירישע, אַ יאַרדאַנישע און אַ איראַקישער טאַנק. און די אַלע פיר טאַנקן זענען גע־ווען אַזוי אויסגעשטעלט, אַז די פיר לופעס פון די טאַנקן האָבן געשאַפן אַזאַ פּירקאַנט, און אין דערמיט פון די פיר לופעס אַ קליינע פיגור וואָס אויף איר איז געווען אָנגעשריבן — ישראל — דאָס הייסט אַז די פיר טאַנקן פון די פיר אַראַבישע אַרמייען האָבן דערשטיקט ישראל.

אַן אַנדערע קאַריקאַטור ווייזט, אין ים התיכון טויזנטער קליינע קעפּ און הענט וואָס שטרעקן אַרויס פאַרן דערטרינקען ווערן, און עטלעכע וואָס קענען שווימען קומען צום ברעג כדי זיך צו ראַטעווען. דערביי שטייען עטלעכע אַראַבישע סאָלדאַטן אויף יעדן אָנגעשריבן זיין נאַציאָ־נאַליטעט, און שיסן אויף די וואָס פּרוון זיך וועלן ראַטעווען. אַזוי אַרום, זענען לויט זייער פאַנטאַזיע, אַלע ישראלים דערטרונקען געוואָרן.

און נאָך איין קאַריקאַטור — אַ שטאָט אין פלאַמען. אַ שטאָט ברענט, און אין מיטן די פלאַמען זעט זיך אַן אויפשריפט — תל־אביב — דאָס הייסט לויט זייער פאַנטאַזיע, אַז תל־אביב שטייט אין פלאַמען. קליינע פיגורן ווייזן ווי די מענטשן ווילן אַנטלויפן פון די פלאַמען, אָבער די אַראַ־בישע סאָלדאַטן, אָנגעשריבן אויף יעדן זיין נאַציאָנאַליטעט שטייען מיט גרויסע בעזעמער און קערן אויס די אַנטלויפנדיקע צוריק צו די פלאַמען.

אַזוי אַרום איז לויט זייער צעהיצטער פּאַנטאַזיע, אַלע ישראלים אומ־געקומען אין די פלאַמען פון דער ברענענדיקער שטאָט תל־אביב.

— יאָ — זאָגט אַלבערט — לויט זייער ווילדער פּאַנטאַזיע האָבן זיי זיך אַזוי פאַרגעשטעלט. מען דאַרף זיי איצט ווייזן אַן אַנדער בילד, ווי אין ישראל זעלנער שטייט און היט אַ גאַנצע מחנה געפאַנגענע אַראַבישע זעלנער. דאָס האָבן זיי זיך נישט פאַרגעשטעלט!

נו, מיר דערציילן דאָס אַלץ אין פריידן — האָט מינקע זיך אָפּגערופן. זאָלן נאָר אונדזערע קינדער אַהיים קומען בשלום, וועט מען אויפסניי זיך גוט פרייען.

ס׳איז געוואָרן שפּעט, אַדעלאַ האָט זיך אַ לאַכנדיקע צעגעגעצט, נאַטאַלי האָט איר גלייך געפרעגט:

— וואָס איז? דו קליין קינד וואָס דו ביסט? ס׳איז פאַר דיר שווער אויפצוזיין ביים סדר?

— נישט דאָס — ענטפערט אַדעלאַ — צו הערן אַזעלכע ידיעות קען איך אויפזיין אפילו אַ גאַנצע וואָך. אָבער, מיינט איר אַז ס׳איז אַזוי גוט אַריינצוכאַפּן די גאַנצע פרייד אין איין נאַכט? לאָמיר לאָזן אַביסל אויף שפּעטער, נישט אַלץ אין איין מאָל.

— אויב אַזוי — זאָגט גורעלי — וועלן מיר איצט פאַרענדיקן די סדרה, און דעם סדר פאַרזעצן איבער אַכט טאָג. מיינט איר, אַז מיר האָבן זיך היינט גענוג געפרייט?

און מען האָט טאַקע פאַרענדיקט דעם נייעם סדר. מען האָט זיך געזעגנט פריילעכע, אויך מינקע האָט זיך מיטאַמאָל צעגעגעצט, און גלייך זיך צעלאַכט, און מען האָט באַשטימט זיך צו טרעפן דעם קומענדיקן פרייטיק ביי דאָקטאָר גורעלי.

פריילעכע, און אויך אַ ביסל בגלופנדיק פון די שטאַרקע ווײַנען וואָס מען האָט געטרונקען אַזוי פיל, איז יעדער אַוועק צו זיך אַהיים.





אזוי האָבן זיי געוואָלט...

קאריקאטור אין אן אראבישער צייטונג

...און אזוי האָבן זיי פארענדיקט!

קריגס־געפאנגענע אין אל־עריש (סיני)

נאך דער מלחמה

פייער איבעררייס אויף אַלע פראָנטן

מאָסקווע איבערגעריסן דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט ישראל.

נאַסערס קאָמעדיאַנטישע „אַוועקגיין" און צוריקקומען.

אויף אַלע פראָנטן איז איצט רואיק. דער וואָפנשטילשטאַנד איז אַריין אין קראַפט נאָך אַ טאָג פון שווערע קאַמפן אין צפון. די שמחה צוליבן נצחון איז אין ישראל גרויס און געמישט מיט טרויער צוליבן הויכן פּרייז פון בלוט, וואָס דער זיג האָט געקאָסט. דער זין פון די שלאַכטן אין די לעצטע 24 שעה איז פאַר אַלעמען קלאָר; אויסצוּוואָרצלען דעם באַ־פעסטיקטן נעסט, פון וועלכן די סיריער האָבן געזייט טויט אויף די פרידלעכע קיבוצים אין גליל. צה"ל האָט צעשמעטערט זייערע פּאָזיציעס און נאָר די אומנויטיקייט און צוועקלאָזיקייט האָבן אָפּגעהאַלטן די ישראל־כוחות פון פאַרענדיקן דעם קריג מיטן זיגרייכן סימבאָל פון אָקופּירן דמשק.

דער פּסיכאָלאָגישער נצחון פון ישראל איבער דער לעגענדע נאַ־סער, און איבער דער פּאַן־אַראַבישער אילוזיע, איז נישט קלענער און נישט ווייניקער וויכטיק, ווי דער מיליטערישער זיג.

עס געהערט איצט צו די גרויסמאַכטן צו זאָרגן, אַז דער פאַרמעסט זאָל זיין דער לעצטער. וועלן זיי אָפּשטעלן די פּאָליטיק פון פאַר יוני 1967, וועלן זיי אָנווענדן דעם זעלביקן אָנשטרענג, וואָס זיי האָבן געמאַכט פאַרן איבעררייס פון קריג, כדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל געפינען אַ פּרינציפּיעלע לייזונג פון ישראל־אַראַבישן פּראָבלעם דורך דערפירן צו דירעקטע אונטערהאַנדלונגען, וועט דער קריג פון פאַריקער וואָך זיין דער לעצטער אין מיטעלן מזרח.

אָבער אין יעדן פאַל דאַרפן אַלע צדדים וויסן, אַז ישראל וועט נישט אַרויסלאָזן פון אירע הענט די דערגרייכונגען פון איר רומפולער אַרמיי אָן וועזנטלעכע גאַראַנטיעס פאַר רו אויף אירע גרענעצן און פאַר אַ צוקונפט פון אַן אמתן שלום.

דאַניעל קוקיעלקאַ

אַ באַריכט פון סירישן פראָנט:

אויף אַן איילבירטן־פּלאַנטאַציע, ערגעץ אויף די גליל־הויכקייטן, איז געזעסן פול מיט שפּאַנונג דער שטאַב פון דער פּאַנצער־דיוויזיע. מיט עטלעכע מינוט צוריק איז אָנגעקומען אַ באַפעל זיין גרייט זיך תיכף צו לאָזן אין וועג.

קיינער ווייסט נישט דאָס פּינקטלעכסטע אָרט. אָבער אַלע ווייסן דעם ציל: רמת הגולן, דאָס וואָס מ׳רופט די סירישע הויכקייט. פון וואַנען עס זענען במשך פון דער וואָך געקומען די דונערן פון די קאַנאָנען. די סאָלדאַטן זענען שוין געווען גרייט צו דעם און יעדער מענטש האָט זיך רואיק אָנגעקגעשטעלט אויף זיין פּלאַץ און געוואַרט.

דער אָפּעראַציע־אָפיציר, איז געזעסן אויפן קאָמאַנדאַ־אויטאָ, איינ־געבויגן אויף מאַפּעס, רואיק און באַהערשט. פאַרבינדונגס־ מכשירים זע־נען קאָנטראָלירט געוואָרן און עס האָבן זיך שוין געהערט פון זיי פאַר־שידענע באַפעלן און מעלדונגען.

די זון איז שוין געשטאַנען הויך אויפן הימל, פון פאַרבינדונגס־מכשיר האָט זיך געהערט אַ קול. דער אָפּעראַציע־אָפיציר האָט זיך אויפ־געשטעלט, אַ פייף געטאָן און אויפגעהויבן די האַנט. אין עטלעכע סעקונדן איז שוין דער גאַנצער שטאַב געווען אויף די אויטאָס און אין עטלעכע מינוט איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טייל פון אַ לאַנגן קאַראַוואַן, וואָס האָט זיך באַוועגט אויפן כביש צפת ראש־פינה, אויף די וועגן פון גליל. אומעטום לאַנגע קאַראַוואַנען און שווערע לאָקאָמאָציע־מיטלען, טאַנקן און טאַנקן, קאַנאָנען און קייטן־אויטאָס.

דער עמק עפולה איז געווען באַדעקט מיט דיקע און שווערע נעפּ־לען. וואָס הערט זיך אויף רמת־הגולן? די בערג זעט מען נישט דורכן נעפּל; אָבער די רעזולטאַטן פון די מעשים וואָס ווערן דאָרט געטאָן זעט מען און מען הערט... מען זעט די פעלדער פון גליל אויף וועלכע עס איז מיט עטלעכע טעג צוריק געוואַקסן תבואה און היינט זענען זיי שוואַרץ און פול מיט אַש.

מען זעט רויך, זיילן הויבן זיך אין די גרענעץ־ישובים פון חרמון ביז כנרת, און פון צייט צו צייט אַ שפּרונג פון אַ פלאַם. מען הערט אויך דעם אויפרייס פון די קאַנאָנען־קוילן. איינער איז פאַרדעמפּט, דער צווייטער איז קלאָר. די מענטשן פון די ישובים אַרום האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו דעם. פרייטיק איז געווען דער 6־טער טאָג אין משך פון וועלכע זיי זענען כמעט נישט אַרויס פון די בונקערס.

כוואַליעס פליען פאַרביי די ישראַלדיקע אַעראָפּלאַנען און באַגיסן מיט פייער די סירישע בונקערס. די אַעראָפּלאַנען לאָזן זיך אַרונטער און דערנאָך באַווייזן זיך שוואָמען, אַ ווייסער שוואָם, אַ שוואַרצער און ווידער אַ ווייסער, וואָס וואַרפט אָן אויפרייס־באָמבע, אַ שוואַרצער שוואָם — אַ נאַפּאַלם־באָמבע.

די פּאַנצער־קאַנאָנען האָבן זיך שנעל באַוועגט. אויף אַ שווערן טאַנק האָבן די זעלנער אויפגעהאָנגען צוויי בילדער; פון רעכטס נאַסער, פון לינקס כּוסיין. אַנדערע האָבן געבראַכט די נאַציאָנאַלע פאָן און זי אָנגע־האָנגען אויף דער אַנטענע.

איינער פון די דזשיפּן איז אויסגעפּוצט געוואָרן אויף זייער אַן אָרי־גינעלן אופן; מיט אַ קראַנץ פון בלויע דערנער, וואָס פאַרפילן די נישט באַאַרבעטע פעלדער. די טאַנקן זענען שנעל געפאָרן פאָרויס, נישטאָ קיין צייט. די באַשטימטע שעה דערנענטערט זיך. דערווייל האָבן זיך פאַר־זאַמלט בירגער אויף די זייטן פון די וועגן, באַגריסט די זעלנער, וואָס פאָרן פאַרביי. די אַעראָפּלאַנען וואָס האָבן פאַרענדיקט זייער שווערע אַרבעט, הויבן זיך שנעל אויף אין דער הויך, שליסן זיך אָן מיט זייערע פליגלען אין דער באַגריסונג פון מוט און גבורה.

די פּאַנצער־וואָגנס, וואָס פאָרן דורך דעם כביש, פאַרוואַנדלען דעם שוואַרצן אַספאַלט אין אַ גראָען צעקרישלטן שטאָף, אויף וועלכן מען זעט סימנים פון אייזערנע קייטן.

זעט דער מאַרש וואָלט דערגרייכט ביז דמשק, וווהין דאָס סירישע מיליטער האָט זיך אין גרויס געאייל צוריקגעצויגן. אָבער ישראל האָט געפאָלגט דעם אָנו באַשלוס וועגן אַ פייער־אָפּשטעל.

בריוו פון ישראל

טײַערע קאָרנהענדלערס.

אַ האַרציקן דאַנק פאַר אייער בריוו.

מיר האָבן אַדורכגעלעבט גרויסע טעג, שעהן פון נישט פאַרשטענד־לעכע געשעענישן, צייטן פון משיח, אַ גאַנג איבער פאַפירענע בריקן, רגעס פון דערהויבנקייט און גליק, גליק וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם און פילסט נישט, אַז דו ווײַנסט מיט טרערן פון פרייד, אַנטשפּאַנונג און הצלחה.

מען האָט אונדז איבערגעצייגט, אַז גערעכטיקייט איז שוואַך, שוואַכער ווי כּוח און מיר האָבן געוויזן, אַז עס איז דאָ אַ גערעכטער כּוח. אונדזער קאַמף איז געווען אויף טויט אָדער לעבן. אין די ערשטע רייען אַנטקעגן דעם שונא זענען געגאַנגען זעקס מיליאָן דערהרגעטע יידן, מײַנע קינדער

צווישן זיי. יידן שאַטנס, שאָטנס, וואָס האָבן נישט קיין מורא פאַר באָמ־בעס, פייער, קוילן און גאַז. שאָטנס קען מען נישט דערהרגענען. אונדזערע יונגען מיט פייער אין די אויגן, מיט אייזערנע פליגל און געפּאַנצערטע פויסטן האָבן זיך אַ לאָז אַרויס געטאָן! עס האָט געקעמפט אַ דור פון טויזנטער בלוטיקע יאָרן, אַ געפּייניקט פאָלק, אַ פּאַראייניזאַמסט.

דריי טעג פון געוואַלטיקן נצחון, נישט נאָר פון זעלנער, נאָר פון אַ גאַנץ פאָלק, אַלטע לייט, פרויען, קינדער, אַלע גבורים, רואיקע, קאָנ־צענטרירטע און גרייט אויף יעדן קרבן. נישטאָ קיין באַגריף, וואָס זאָל אָנרופן ביים נאָמען די טעג פון גרעאַנגל פאַר און בשעת דער מלחמה.

שווער צו שרייבן, ווערטער קומען אַרויס ווי אינוואַלידן, דאָס האַרץ איז איבערפולט, דער קאָפּ איז באַרוישט.

מיר וויסן נאָך נישט ווי גרויס עס זענען די פאַרלוסטן פון אונדזערע טייערע קינדער, די ערשטע נעקראָלאָגן באַווייזן זיך שוין, פון אָפענע פענצטער הערן זיך דאָ און דאָרט אַ דערשטיקט געוויין.

איך שרייב איצט נישט מער. איך בין שטאַרק מיד. אפילו שלאָפן קען איך נישט. זייט האַרציק געגרוסט און געקושט פון
אייערע איבערגעגעבענע

חיה, ישראל און רות עלבוים - דאַרענבום

אויסצוגן פון רחל אויערבאַכס בריוו

וויפל איר הערט און ווייסט וועגן דעם, וואָס ביי אונדז האָט זיך אָפּגעשפּילט, קענט איר זיך דאָס נישט פאָרשטעלן. מיר אַליין קאָנען עס נאָך נישט באַנעמען און דערפאַסן. בשעת דעם מבצע סיני אין יאָר 1956 האָב איך איבערלעבט און אויסערלעבט: איך מיין אויך פון מיליטערישן שטאַנדפונקט און פון שטאַנדפונקט פון אינערלעכער בירגערלעכער מאָ־ביליזאַציע — געהאַלטן פאַר אַן איינמאָליקער מופתדיקער דערשוונונג.

איך האָב מיר נישט פאָרגעשטעלט, אַז דאָס קען זיך איבערחזרן. איצט, אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס מיר האָבן מיטגעמאַכט, צוגעזען, איבערגעלעבט אין משך פון דער לעצטער וואָך, איז דאָס פריערדיקע געווען בלויז אַ פאָרשפּיל, אַ מין „תרגיל". איר געדענקט דעם טיטל פון יוסף פּאַפּיערניקאָווס אַ ליד וועגן דער מלחמת השיהרור: „איך האָב מיינע ברידער נישט דערקענט". אַזוי אַנדערש, אַזוי שיין, אַזוי מעכטיק זענען געוואָרן אונדזערע ברידער, די יידן פון אַ גאַנץ יאָר, און אַז מען

וויל קאָן מען זאָגן: איך האָב זיי איצט אויף אַן אמת דערקענט. און די וועלט האָט זיי דערקענט.

דער דאָזיקער עקזאַמען. וואָס מיר האָבן איצט באַלייגט אַלס פאָלק, אַלס מדינה, אַלס פעאיקע טאָט־קרעפטיקע, מוטיקע, אַנטשלאָסענע, ד י ס צ י פ ל י נ י ר ט ע פרייע בירגער פון אַ פריי לאַנד!

די טראַגיש־דערהויבענע דעטערמינאַציע, די דראַמאַטישע שפּאַנונג, דער סאַרקאַטישער רוגז אויף די געמיינע פּאַרלוימדונגען, מיט וועלכע די „וועלט־דערלייזערישע" גרויסמאַכט האָלט נאָך אַלץ אין באַרעכטיקן, איר איינשטעלן זיך פאַר דער עוולה פון גרויסע קעגן דער „אַגרעסיע" פון די קליינע — ניין, אין אַ קורץ /בריוול קען מען דאָס נישט באַשרייבן.

רחל אויערבאַך

אַ בריוו פון בערל פרימער

דעם 10־טן יוני.

אין גאַנצן איין וואָך אַדורך פון מיין לעצטן בריוו און שוין נאָך אַלעמען. ווייס איך אַז איך בין דיר שולדיק אַ חוב: די מלחמה אַליין. אָבער איך בין נישט פעאיק וועגן איר צו שרייבן. דער מענטשלעכער לשון איז צו באַגרענעצט און די געשעענישן צי נסימדיק און וואַרשיינלעך, אַז איך האָב פשוט מורא פאַר חילול הקודש.

וואָס זאָל איך טאָן אַז אַלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי מעטעאָריש שנעל, איינגאַנצן פינף טעג. (מען זאָגט אפילו אַז די מלחמה איז אַנטשידן גע־וואָרן אין די ערשטע דריי שעה, ווען אונטער די מעכטיקע קלעפּ פון אונ־זער אַוויאַציע זענען די אַראַבישע אַדלער־עראָפּלאַנען פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין בלייענע גולמס). ממש טויזנט און איין נאַכט, אָבער אויף יידיש...

אָט איז צעבראָכן געוואָרן דער רוקן־ביין פון דער מצרישער אַרמיי אויפן צענטראַלן פראָנט. אָט איז איינגענומען געוואָרן ירושלים און ברוינע סאָלדאַטן־הענט האָבן זי צוגעטראָגן, די גאָלדענע, די אייביקע, די אויס־געבענקטע שטאָט — צום יידישן פאָלק.

אָט זענען געפאַלן איינע נאָך דער אַנדערער די שטעט פון תנ"ך־ישער גרויסקייט און קדושה: בית־לחם, חברון, יריחו. אָט האָבן מיר גע־לאַנדעט אויף די טיראַן־דורכגענג און אויפגעהויבן די ישראל־פאָן אויפן סאַמע סועץ. אָט האָבן מיר דורכגעבראָכן זיך אַ וועג אויף די סירישע פעלדזן דורך אומבאַשרייבלעכע קרבנות...

איז מיין נישט אַז די קורצקייט פון דער צייט פאַרפלאַכט איר אייביקע טיפקייט. גרויסע מאָמענטן אין דער מענטשלעכער און יידישער געשיכטע זענען שטענדיק התגלות־דיק־קורץ. עס איז טאַקע אַ בליץ־וווּנדער פון שכל, פלאַנירונג און גבורה, אָבער די ווירקונג איז אויף לאַנגע דורות. גיב נאָר אַ טראַכט, וואָס מיר האָבן אַלץ אויפגעטאָן אין די הונדערט שעהן אייביקייטן:

עס איז געפאַלן דער היטלער פון נאָענטן מזרח און עס איז באַזייטיקט געוואָרן די סכנה פון אַ וועלט־מלחמה. ישראל איז געראַטעוועט געוואָרן פון שחיטה און דאָס יידישע פאָלק פון חורבן. די אַרמיי פון דעם כלומרשט בטלנות־גייסטיקן פאָלק האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס איינע פון די בעסטע פון דער וועלט, און די באַפעלקערונג פון ישראל — אַ מוסטער פון דערהויבנקייט און דיסציפּלין.

ירושלים של מעלה האָט זיך יידישלעך באַהעפט מיט ירושלים של מטה און יידישע שיפן וועלן שווימען פריי אויף אַלע ימים פון דער וועלט. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ נייער גלייכגעוויכט פון כוחות אין נאָענטן מזרח און מיר הויבן אָן אַ נייעם קאַפּיטל אין דער טויזנט יעריקער געשיכטע פון יידישן פאָלק. מען דאַרף נאָר איין זאַך בעטן, אַז דאָס צעבראָכן יידיש האַרץ, וואָס האָט אויסגעהאַלטן דעם צער פון געטאָס, זאָל חלילה נישט פּלאַצן פון גרויס שמחה, עס זאָל אונז נישט פאַרשאַטן; דאַרפן מיר מיט געוואַלד זיך אָנטאָן אַ כוח און בלייבן רואיק, דאָס אויג טרוקן און דער מוח קלאָר און ליכטיק, זיין באַשיידן און צניעותדיק, ווי עס פּאַסט פאַר אמתע גיבורים, ווייל מיר גייען אַריין אין אַ נייער מלחמה, אַ קאָמפּליצירטע און נישט מיט ווייניק שפיכת דמים.

ערשט איצט קענט איר אין גלות שפּילן די אמתע ראָלע. שונאים וועלן ווערן פאַרביטערטער און פריינט אָפּגעקילטער; מען וועט פּרוון אויסליידיקן דעם נצחון פון זיין אינהאַלט און אַפּעלירן צו אונזער „גרויסמוטיקייט" און רחמנות. (וואָס וואָלט געוועזן ווען עס וואָלט הלילה געווען פאַרקערט?) און ווען עס וועט נישט העלפן, וועט מען אויף אונז דריקן און דראָען.

דו ווייסט אַז דעם גאַנצן טאָג שפּילט היינט דער ישראל־ראַדיאָ טרויער־מעלאָדיען און אין הונדערטער יידישע הייזער קומען אָן די ביטערע בשורות וועגן געפאַלענע — קען דען געמאָלט זיין אַז דאָס אַלץ זאָל זיין אומזיסט? און אַז מיר זאָלן געניסן פון אַן אָטעם־פּויזע אָן סטאַבילן שלום, מיט פאַרקרימטע גרענעצן, מיט אַ צעטיילטער ירושלים, מיט מערדערלעכע באַנדעס ביי אונזער נאָז?

איז העלפט אונז, זעצט פאַר דעם פּאָליטישן דרוק! אין אַ געוויסער מאָס רוקט זיך איצט אַריבער דער פראָנט פון ישראל קיין ניו־יאָרק,

לאָנדאָן, פּאַריז! מיר זענען שוין ווייט נישט אַזוי הילפלאָז אויך אין אונ־זער צעשפּליטערקייט!

און איך וויל פאַרענדיקן גראָדע מיט אַ פּאָר באַמערקונגען און דאָס וועגן אַלטמאָדישע באַגריפן, וואָס זענען רעהאַביליטירט געוואָרן, למשל די עפּנטלעכע מיינונג. עפּעס האָט אונז די איצטיקע מלחמה געלערנט. יאָ, אפילו אין דער דאָזיקער צינישער, מאַטעריאַליסטישער וועלט איז נאָך דאָ אַזאַ זאַך ווי געוויסן, מאָראַלישער אויפברויז אין אַנטפּלעקונגען פון נאָבעלן רעוואָלט. קען מען דען אָפּשאַצן דעם ווערט פון דער מעכטיקער סימפּאַניע, וואָס האָט אַרומגענומען ישראל אין די דאָזיקע גורלדיקע וואָכן?

וויפל איז דאָס ווערט אין קאַנאַדע און דיוויזיעס אַט דער פּרעכטיקער אויפברויז אין פראַנקרייך, די האַרצרייסנדיקע ליבשאַפט פון די האָלענ־דער, די קעמפנדע ראָלע פון צייטונגען, ראַדיאָ, טעלעוויזיע, די סאַרטר־דערקלערונג און די ליכטיקע ווערטער פון לוטער קינג?

און צום סוף: איך ווער נאָך אַמאָל אַ ציוניסט. דוכט זיך מיר אַז דער ציוניזם ווערט ווידער אַמאָל געבוירן; ער איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט. גיב נאָר אַ קוק וואָס עס מיינט קאָנצענטראַציע אין אַ לאַנד: אַ שטיקל אָנשפּאַר אויף אַ הייס־געליבטער ערד, אַ פּאָליטישע סוווערע־ניטעט, אַ שטיקל שטימע אין דער וועלט און וואָס יידישער שכל קען אויפטאָן, ווען מען גיט אים די געלעגנהייט.

אָבער דוכט זיך אַז דאָ איבערצייג איך שוין דעם איבערגעצייגטן.

מיט אהבת ישראל גרוסן,

דיין בערל פרימער.

אויסצוגן פון אַן עפנטלעכן בריוו

זאָלן זיך טיף שעמען אין זייערע הערצער די, וועלכע האָבן געוואָגט אָנצורופן מיין לאַנד ישראל, וועלכע בויט זיך מיטן בלוט און שווייס פון ערלעכע יוגנט־הענט, און מיין דורות־לאַנג פאַרפאָלגטן פרייהייטס־ליבנדיקן יידישן פאָלק מיטן העסלעכן נאָמען אַגרעסאָרן און מיט אַנדערע מיאוסע נעמען, וועלכע זיי האָבן מעכאַניש אַרויסגעלייענט פון ביליקע שאַבלאָנישע פּראָפּאַגאַנדע־ביכלעך. זאָלן זיך נישט ווייניקער פון זיי און מיט זיי צו־זאַמען שעמען, פאַרגיין זיך אין שאַנד, די פאַרפירטע אָפיציעלע וואָרט־זאָגער פון באַשטימטע סאָציאַליסטישע לענדער, וואָס האָבן זיך געלאָזט דעגראַדירן צו דער מדרגה פון פּאַנטאָפל־קנעכט און האָבן מעכאַניש, ווי

מאַלפּעס און פּאַפּוגייען, בלינד נאָכגעזאָגט די העסלעכע שאַנד־ווערטער אויף מיין פּאָלק און מיין לאַנד, אויף זיינע פּיאָנערן און קעמפער פאַר זיין פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט קעגן בלוטדורשטיקע, אויפגעהעצטע און מיט וואָפן פון סאָוויעטישער אַרבעטער־פּראַצע באַוואָפנט כוליגאַנישע אַנגרייפער.

זאָלן זיך שעמען און פאַרגיין זיך אין בושה די העסלעכע מאָלער וואָס האָבן געוואָגט צו באַשמוצן דאָס פּאַפּיר פון די צענטראַלע אָרגאַנען פון ראַטנפאַרבאַנד מיט זייערע שמוציקע נאַצישע פּאָגראָם־בילדער.

קיין אַרגומענט, קיין דערקלערונג און קיין אָנשפּאַר אויף פּראַקטישע אינטערעסן וועלן נישט קאָנען פאַרמינערן די זינד און נישט זיין ביכולת אָפּצוווישן דעם שאַנד־פלעק פון די, וואָס האָבן שווער פאַרראַטן די יסודות פון ערע, מענטשלעכקייט און געוויסן.

זאָל דורך מיר און דורך צענדליקער טויזנט טרייע קאָמוניסטן ווי איך געוואָרפן ווערן זיי דרייסט אין פּנים די שווערע באַשולדיקונג אַז מיט זייערע מענטשן — און פעלקער — פיינטלעכע העצע־אַרטיקלען, אויפרופן, רעדעס און בילדער, וואָס זענען אין די מיליאָנען פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן ראַטנפאַרבאַנד און איבער גאָר דער וועלט, האָבן זיי פאַרסמט די קלאָרע סאָציאַלע לופט פון דער נייער וועלט, אָפּגעווישט די דערגרייכונגען פון דער פיל־יאָריקער קאָמוניסטישער יוגנט־דערציאונג, געבראַכט אַ וואָגיקן ביישטייער דעם נעאָ־נאַציזם און אַנטיסעמיטיזם און האָבן שטערב־לעך פאַרלעצט די ווייסע טויב פון וועלט־שלום, אונטער די פליגלען פון וועלכער עס לאָזן זיך נישט באַהאַלטן די עקלהאַפטע העצערישע אַרויס־טרעטונגען קעגן אַ גערודפטע פאָלק. וועלכער האָט פאַרלוירן אין קאַמף קעגן נאַציזם זעקס מיליאָן פון זיינע זין און טעכטער און וואָס האָט מיט כבוד געקעמפט פאַר אַ וועלט פון שלום און פעלקער־פריינטשאַפט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי און אין די רייען פון אויפשטענדלער און פאַרטיזאַנען אין אַלע לענדער פון אייראָפּע.

אַלס ייד, אַלס מענטש, אַלס קאָמוניסט, אַלס מיטגליד פון וועלט־ראַט פון דער שלום־באַוועגונג, אַלס פּרעזידיום־מיטגליד פון דער ישראל־סאָוויעטישער פריינטשאַפט באַוועגונג און אַלס אַלטער ישראלדיקער וויסנשאַפטלער — באַשולדיק איך אייך שווער, איר, מענטשן־פאַרפירער אין פאַלש קאָמוניסטישן געוואַנט, איר, העצער קעגן מיין פאָלק און לאַנד.

שטעלט אָפּ וואָס גיכער אייערע גיפטיקע נאַצישע אויסרופן, ליקווי־דירט אייערע אין גרונט פאַלשע פאַרפירערישע און געפערלעכע פּאָליטיק אויפן נאָענטן מזרח, אַנטשולדיקט זיך פאַר דעם אומפאַרדינטן צער און צאָרן וואָס איר האָט פאַרשאַפט מיין פאָלק און מיין לאַנד, בייגט בהכנעה

אייערע קעפּ פֿאַר די קברים פֿון די יידישע און אַראַבישע קרבנות, וואָס זענען געפֿאַלן אַ דאַנק אייער פֿאַלשער פֿאַרפֿירערישער פּאָליטיק.

אַנשטאָט צו באַוואָפֿענען ישראלס פֿיינט, וואָס הערן נישט אויף צו דראָען אים מיט אַ טאָטאַלער פֿאַרניכטונג, אַנשטאָט צו דערמוטיקן זיי צו אַ נייער אַגרעסיע און צו צווינגען מיין לאַנד צו דער פֿאַרברייטערונג און אַקטיוויזירונג פֿון איר פֿאַרטיידיקונגס קריג — נוצט אויס אייער דע־צידירנדיקע ווירקונג אויף די אַראַבישע לענדער און ברענגט צו שלום פֿאַרהאַנדלונגען צווישן זיי און צווישן אונדזער שלום גאַרנדיקן לאַנד. אונטערגעשריבן:

פּראָפֿ. שמואל אייזנשטאַדט
(תל־אביב)

פֿון תיאודור התלגי

מיין נאָטיץ־ביכל ליגט פֿאַר מיר. פֿאַראַן דאָרט אַ בריוו צו אייך, אַ בריוו וואָס איך האָב אָנגעהויבן שרייבן און האָב נישט פֿאַרענדיקט. ער איז דאַטירט פֿון 5־טן יוני. ער לייענט זיך אַזוי:

„מיט אַ פּאָר מינוט צוריק, צען מינוט נאָך אַכט אין דער פֿרי, האָט „קול ישראל" איבערגעריסן זיין פּראָגראַם פֿון מוזיק און האָט איבערגעגעבן די נייעס וועגן דעם אויסברוך פֿון די קריגס־אָפּעראַציעס אויפֿן דרום־פֿראָנט. הייסט דאָס, אַז עס איז געשען — דאָס, וואָס יעדער איינער האָט דערוואַרט מיט פּחד, מיט האָפֿענונג, מיט פֿאַרצווייפֿלונג אין משך פֿון דריי וואָכן פֿון וואַקסנדיקער, אומדערטרעגלעכער שפּאַנונג. און דאָך איז עס געקומען, ווי אַ שאָק, און אין דער זעלבער צייט ווי אַ פֿאַרלייכטערונג.

„מיר ווייסן, אַז מיר דאַרפֿן קעמפֿן אַליין, אונזער אַרמיי איז אונזער איינציקע האָפֿענונג. דאָס יידישע פֿאָלק איז אונזער איינציקער פֿאַרביג־דעטער. מיר מוזן געווינען, ווייל אַנדערש וואָלט דאָס געמיינט די פֿיזישע פֿאַרניכטונג פֿון יעדן איינעם פֿון אונז. אונזערע שונאים האָבן נישט גע־מאַכט וועגן דעם קיין סוד. זיי האָבן עס פּראָקלאַמירט אָפֿן טאָג און נאַכט אויף זייערע ראַדיאָ־סטאַציעס. וועלן זיי אַלע זיך פֿאַרייניקן קעגן אונז, אַזוי ווי זיי האָבן געזאָגט אַז זיי וועלן טאָן? ביז איצט ווערט אין דעם קאָ־מוניקאַט איבערגעגעבן וועגן דער מלחמה בלויז אויפֿן עגיפּטישן פֿראָנט.

„איך הער אויף שרייבן אַ מינוט, און איך וואַרף אַ בליק דורך מיין פֿענצטער, וואָס גייט אַרויס צו די מויערן פֿון דער אַלט־שטאָט — אַ מרחק

פון עטלעכע הונדערט יאָרד, וועלן די פלאַמען פון קריג אַרומכאַפּן אויך די דאָזיקע גרענעץ, אַ ליאַדע טאָג איצט, אַ ליאַדע שעה, אַ ליאַדע מינוט?

איצט דריי טעג שפּעטער, לייען איך איבער מיין נישט פאַרענדיקטן בריוו. מיין נאָטיץ־ביכל איז געבליבן אויפן טיש, ווו איך האָב עס איבער־געלאָזן. נעבן דעם אויף מיין בענקל, איז געלעגן אַ גרויס שטיק שראַפּנעל. איך האָב געמוזט איבעררייסן דאָס שרייבן, ווען עס האָט זיך דערהערט די אַלאַרם־סירענע. באַלד דערנאָך, כמעט אויגנבליקלעך, איז געקומען אַ משוגענער געוויש. דער טייל פון דער שטאָט, וואָס איז געווען אָקופּירט דורך דעם שונא, האָט אָנגעהויבן שפּייען אויף אונז מיט פייער. מיר זענען אַראָפּגעגאַנגען אין שעלטער. סעקרעטאַרן און פירער פון אָפּטיילונגען, באַ־אַמטע און שיק־ייִנגלעך, בוכאַלטערן און פרעסע־פאַרשטייער — מיר אַלע פון דעם הויפּט־ביוראָ פון קרן קימת לישראל זענען דאָרט געווען. מיט אַ טומל און געבראַזג זענען די קוילן געפאַלן אויף די גאַסן און הייזער פון אונזער שטאָט.

...דאָס אַלץ איז געשען מיט דריי טעג צוריק. דריי טעג — אַ גאַנצע איבערקערעניש אין דער געשיכטע. צווישן דעמאָלט און איצט האָט דאָס פאָלק, וואָס איז געווען באַדראָט פון חורבן, אַרומגערינגלט דורך אַ פּאָר־אייניקטן פראָנט פון שינאה, און קעמפנדיק איינער אַליין קעגן דעם שונא, וואָס איז אומגעהויער גרעסער אין צאָל — פאַרוואַנדלט פאַרצווייפלונג אין פרייד, פּחד אין זיכערקייט, האָפענונג אין ווירקלעכקייט.

איר זענט איצט באַקאַנט מיט די פּרטים פון דער זעקסטאָגיק־שעהדיקער מלחמה. איך וועל זיי דאָ אייך נישט איבערחזרן. איך וועל אייך נישט שרייבן וועגן דער צאָל פיינטלעכע אַעראָפּלאַנען וועלכע זענען צעשמעטערט געוואָרן אין די ערשטע מינוטן פון קאַמף; אויך נישט וועגן די ערטער וואָס זענען פאַרנומען געוואָרן און באַפרייט געוואָרן: אויך נישט וועגן די גרויסע „קעפּ" אין די צייטונגען וואָס אונזערע נצחונות האָבן אַרויסגערופן; אויך נישט וועגן דער אומגלויבלעכער איבערראַשונג מיט אונזערע זיגן, וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין די קאָמענטאַרן פון די אויסלענדישע ראַדיאָ און טעלעוויזיע־קאָרעספּאָנדענטן. איר ווייסט וועגן דעם אַלעם. איר האָט דאָס געלייענט, געהערט און געזען.

וואָס מען האָט נישט געקענט לייענען אין די צייטונגען, נישט גע־הערט אין ראַדיאָ און נישט געזען אויף טעלעוויזיע — איז געווען דאָס געפיל פון איבערלעבן געשיכטע.

מיר האָבן דאָ געהאַט די זכיה דאָס איבערצולעבן. ווי אין 1948, ווי אין 1956, און עס קאָן זיין, אַז אפילו מער, שטאַרקער און קלאָרער. ווייל

קיינמאָל האָט אַ פֿאָלק אין אַזאַ קורצער צייט נישט פֿאַרוואַנדלט אַזאַ שווי־דערלעכע געפֿאַר אין אַזאַ גלאָררייכן נצחון. און ווייל דער דאָזיקער נצחון האָט פֿאַרווירקלעכט חלומות, וועלכע קוים עמיצער פֿון אונז האָט געהאַט, אַז זיי וועלן מקוים ווערן, ווען ער וועט נאָך לעבן.

מיר האָבן געפֿילט דעם פּולס פֿון געשיכטע אין דעם שעלטער פֿון אונזער הויז אין דער פֿאַרגאַנגענער נאַכט, ווען די שטים פֿון דעם ראַדיאָ־ספּיקער, וואָס איז געשטערט געוואָרן דורך דעם געבראַזג פֿון אויפֿרייסנ־דיקע קוילן, האָט אָנגעזאָגט די בשורה, אַז די אַלט־שטאָט און דער כותל מערבי, דער הר הצופים און הר הזיתים, און דער קבר רחל זענען ווידער אונזערע — און אויף אייביק.

מיר האָבן געפֿילט דעם פּולס פֿון דער געשיכטע, ווען עטלעכע מינוט שפּעטער זענען מיר אַרויס אין דרויסן, אויף דער פֿרייער און פֿרישער לופֿט פֿון אַ קילן ירושלימער זומער־אָוונט, אין די היימישע גאַסן פֿון אונ־זער טייערער שטאָט — און מיר האָבן געזען, ווי מענטשן קושן זיך און זאָגן איינער צום אַנדערן „מזל־טוב", וויינען פֿון פֿרייד; וואַרפֿן בלומען אויף די פֿאַרבייפֿאָרנדיקע טאַנקן און מיליטערישע וואַגנס; אײלן זיך פֿאַר־בייצוגיין דעם „מלון המלך דוד", צו דער אַלטער ווינטמיל פֿון ימין משה, פֿון וואַנען עס האָבן אַראָפּגעקוקט אויף אונז די מויערן פֿון דער אַלט־שטאָט מיט אַזאַ פּלוצימדיקער רואיקייט דעם אָוונט, און נישט ווי פֿרייער ווי אַ סימבאָל פֿון שרעק — נאָר ווי אַ צוריקקומען, ווי אַ צוריקקער.

און ווען מיר זענען דאָרט אַזוי געשטאַנען, נאָך אַלץ נישט גלויבנ־דיק וואָס אונזערע אויגן זען, ווי דאָס וואָלט געווען אין אַ חלום — האָבן מיר דערזען פֿונדערווייטנס אַ סאָלדאַט, אַרויפֿגייענדיק אויף אַ מויער פֿון אינעווייניק און אַרויסהענגענדיק די בלוי־ווייסע פֿאָן נאָענט צום מגדל דוד.

און מיר האָבן געוווּסט אַז אונזער האָפֿענונג איז מקוים געוואָרן.

...און איצט — צוריק צו דער אַרבעט. איך האָף, אַז גאָר אינגיכן וועל איך אייך קאָנען מודיע זיין די פּרטים פֿון דעם נייעם, זייער שטאַרק אויסגעברייטערטן פּראָגראַם פֿון קרן קימת לישראל־טעטיקייטן, אין דעם ליכט פֿון דער נייער לאַגע.

מיר קומען אַרויס אויף אַ נייער תקופֿה פֿון פֿרידלעכער אַנטוויקלונג. דער יידישער נאַציאָנאַל־פֿאָנד — און איר — וועלן האָבן דעם זכות צו זיין אין דער פֿראָנט־ליניע פֿון דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם נייעם פֿרידלעכן אַנטוויקלונגס־פּראָגראַם.

שלום!

מאיר וברכה שילדקרויט

מיר האָבן דאָ געגויע באַריכטן וועגן דער שטימונג אין דער יידישער און נישט־יידישער וועלט. מיר ווייסן וואָס איר האָט איבערגעלעבט אין אַלגעמיין, און יעדער אינדיווידועל. מיר ווייסן שוין אויך וועגן דער כוואַליע פון פרייד, וואָס האָט אייך אַלעמען אַרומגעכאַפּט און צוריקגעגעבן אייך די גלייכגעוויכט פון ווירדע אַלס מענטש און ייד. דערלויבט מיר. טייערע גיטעלע און קאַראַש, אויף דער הייסער מינוט איבערצוגעבן אייך אונזערע פריערדיקע שטימונגען און די איצטיקע פרייד־נצחונות.

מיר האָבן נישט געמאַכט קיין גאַסן־דעמאָנסטראַציעס צו פּראָטעס־טירן קעגן דער געמיינער וועלט פון רעכטס און לינקס, וועלכע האָט זיך צוגעקוקט ווי אַזוי די אַראַבישע וועלט גרייט זיך צו פאַרוואַרפן די פּעטליע אַרום אונזער האַלדז. מיר זענען נישט געגאַנגען צו די אַמבאַסאַדעס פון ענגלאַנד און אַמעריקע, וועלכע האָבן אונז געהייסן וואַרטן ביז... זיי וועלן צוגרייטן אַ נוסח פון שיינע רעדעס נאָכן אומקום פון דער מדינה. מיר זענען אויך נישט געגאַנגען דעמאָנסטרירן צו דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע, וועלכע האָט נישט אויפגעהערט צו פאַרלאַנגען פון אונז אַז מיר זאָלן זיך לאָזן דערוואָרגן און דערשטיקן, דאָס מאָל נישט דורך גאַז־קאַמערן, נאָר דורך אַוויאָנען און האַרמאַטן, באַגלייט מיט אַ ווילדע, העצערישע אַראַ־בישע פּראָפּאַגאַנדע פון רויב און מאָרד.

מיר האָבן קודם כל זיך אַליין מאָראַליש געשטאַרקט. מיר האָבן באַגלייט די מענער און די זין אויפן רוף פון צה״ל, מיט אַ געפיל פון ווייטיק און צער, אָבער אָן טרערן, נישט צוזאַמענגעבראָכן. אַ שטאָלענער אונטער־פראָנט איז געשאַפן געוואָרן פון די מאַמעס און טאַטעס, וועמענס קינדער זענען געווען אויף דער פראָנט־ליניע. עס איז דאָך אוממעגלעך צו באַשרייבן וועגן דער ווירדיקער האַלטונג פון די מאַמעס מיט די קליינע קינדערלעך, וועלכע זענען אַראָפּ אין די בונקערס בעת אַן אַלאַרם.

אויף אַ פראַגע פון אַ 4־יאָריק קינד פאַרוואָס איז דער אבא איצט נישטאָ מיט אונז, קומט אַ קורצער ענטפער: דער אבא קעמפט אויפן פראָנט. מען דאַרף האָבן פּסיכאָלאָגן און וויסנשאַפטס־מענער, אַז זיי זאָלן פאָרשן און באַשרייבן די פּסיכאָלאָגישע ענדערונגען, וועלכע זענען פאָר־געקומען נישט בלויז ביי יחידים, נאָר ביי דעם גאַנצן פאָלק אין ישראל אין משך פון אָט די 3 וואָכן.

***

מיר דאַכט זיך אַז אויך די נצחונות פון צה״ל איבער די, וועלכע האָבן אונז געוואָלט אומברענגען, נעמען מיר אויף אַנדערש. מיר מאַכן נישט קיין מאַניפעסטאַציעס און יובלען נישט אין די גאַסן. אַן אינערלעכע פרייד און גלויבן אין זיך און נאָר אין די אייגענע כוחות. אַ טיפע זאָרג, אַז די וועלט־מאַכטן זאָלן אַמאָל נישט אַנהויבן דיקטירן און געבן „גוטע עצות״ אויף איינצושטעלן דעם שלום אין דעם וועלט־ווינקל.

די גרויסע און אַקטיווע באַטייליקונג פון אַלע יידישע ישובים אין דער גאָרער וועלט, אין אַט די גורל־טעג, שטעלט זיך ווידער אַוועק די פראַגע: און וואָס ווייטער? יידן אין דער וועלט גיבן מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף, און דער עיקר מאַטעריעלע, אויף צו קעמפן. מיר אָבער דאַ דאַרפן די הילף נישט בלויז ווען די האַרמאַטן דונערן, נאָר דעמאָלט ווען מען דאַרף בויען און אַנטוויקלען.

נאָך עפּעס, און דאָס איז דער עיקר: וועט קומען אַן עליה פון דער ברייטער יידישער וועלט אויף באַזעצן זיך אין די באַפרייטע געביטן, און דער עיקר, אַז אין דער עליה זאָל אויך זיין אַן אַרבעטנדיקער יוגנט־כוח, וועלכער זאָל זיין באַהויכט מיט אַ חלוצישן גייסט.

דאָס זענען אַלץ פראַגן, וועלכע באַגלייטן אונז אין די פריידיקע טעג פון נצחון, וועלכע עס האָט דערגרייכט צה״ל דורך אירע זין פון פאָלק.

האַרציקע גרוסן און קושן דעם גאַנצן בני־בית.

אייערע

מאר וברכה שילדקרויט

אַ בריוו צו אַ פריינד פון **אברהם גאפלאט**

טייערער ניקאָליי!

שוין איבער צען יאָר ווי איך האָב דיר נישט געשריבן. אינטערעסאַנט, אַז אויך דעם לעצטן בריוו האָב איך דיר געשריבן נאָך אַ מלחמה... איך דערמאָן זיך ווי היינט, אַז גלייך נאָכן אומקערן זיך אַהיים, נאָכן צעקושן זיך מיט ווייב און קינדער און נאָכן אַראָפּוואַשן פון זיך דעם שטויב פון מדבר סיני — האָב איך זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן דיר אַ בריוו. איך האָב דאַן געהאָפט, אַז דאָס וועט זיין דער לעצטער נאָך־מלחמה־בריוו, ווייל שוין דריי אַזעלכע בריוו האָב איך דיר געשריבן: איינעם אין 1945, דעם צווייטן אין 1948 און דעם דריטן אין 1956. אין יעדן פון די בריוו האָב איך אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז דאָס וועט שוין זיין דער לעצטער

נאָך־מלחמה־בריוו און שוין דריי מאָל — ווי איך האָב זיך אַנטוישט...
וועל איך זיך אויך איצטער אַנטוישן?

איך מוז זיך מודה זיין, אַז דאַסמאָל שרייב איך מיט אַ ספּעציעל שווער געמיט: איך ווייס אפילו נישט, צי מיין בריוו וועט דערגיין צו דיר: היינט געפינען מיר זיך דאָך אין צוויי קעגנזעצלעכע מחנות. די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען צווישן אונדזערע לענדער זענען איבערגעריסן געוואָרן. דו ביסט געבליבן אַ געטרייער קאָמסאָמאָלעץ און איך בין געוואָרן — אַ נאַצי!

יאָ — „אַ נאַצי"; ווייל איך האָב נישט דערלויבט מען זאָל אונדז אויסשעכטן און אַריינוואַרפן אין ים אַריין! אַ „נאַצי" — ווייל איך האָב געהאַט די העזה צו זיגן אין אַ מלחמה, וועלכע איז אויף אונדז אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן דורך די „פּאַרגעשריטענע אַראַבישע מדינות"...

דעם אמת געזאָגט פיל איך זיך טאַקע אַ ביסל שולדיק: מיט אייגענע הענט האָב איך צעשטערט זיבן טאַנקן ט־34 און זייערע „ברידער" ס־55. דאָס האַרץ טוט טאַקע וויי. האָבן מיר דאָך ביידע, אויף די זעלבע טאַנקן, דורכגעמאַכט אַזאַ לאַנגן־לאַנגן בלוטיקן וועג פון מאָסקווע ביז בערלין. נאָך היינט כאַפּ איך, פון צייט צו צייט, אַ בליק אויף אונדזער בילד פון יענער צייט וואָס איז מיר פאַרבליבן: מיר שטייען ביידע אַרומגענומען אויף דעם ט־34 און צווישן אונדז שטאַרצט אַרויס די לאַנגע, גלאַנציקע האַרמאַטן־לופע... דו טשטירעסט מיט דיינע ווייסע ציינער און אין אונדזערע אויגן שפּיגלט זיך אָפּ פרייד און דאַנקבאַרקייט דעם גורל, וועלכער האָט אונדז פאַרהיטן פון אַלדאָס שלעכטס. ווייל ווער ווי דו און איך ווייסן, ווי גוט עס איז צו בלייבן לעבן?

יאָ, מיר זענען דאַן געווען גליקלעך! מיר ביידע זענען געבליבן לעבן, צוויי אומצעשיידבאַרע חברים, וועלכע האָבן דערלעבט דעם גליקלעכן טאָג פונעם נצחון איבערן גרויזאַמען פאַשיזם!

און היינט בין איך אַליין אַ פאַשיסט... אַזוי דערקלערן דיינע פירער, ווייל היינט האָב איך אַליין פאַרניכטעט זיבן טאַנקן ט־34, וועלכע האָבן זיך געפונען אין מדבר סיני — אויפן וועג קיין תל־אביב...

איך בין אַ נאַצי, ווייל איך האָב באַשיצט דאָס לעבן פון מיין פרוי און קינדער; איך בין אַ נאַצי — ווייל איך האָב באַשיצט די גאַנצקייט פון מיין לאַנד און פאָלק, ווען עס האָט געדראָט אַ פיזישע פאַרניכטונג; איך בין אַ נאַצי, ווייל איך האָב נישט דערלויבט דעם „פּאַרגעשריטענעם, סאָציאַליסטישן" נאַסער צעשטערן אונדזערע בליענדיקע ישובים, וועלכע מיר האָבן, מיט אַזויפיל בלוט און שוויס, אויפגעבויט פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר...

צוויי־און־אַ האַלבן מיליאָן „נאַציס", וועלכע האָבן געהאַט די חוצפה אַנטקעגנצושטעלן זיך דריי אַראַבישע מדינות מיט קרוב הונדערט מיליאָן „מוזולמענישע דעמאָקראַטן"...

יאָ, קאַליאַ, שוין די פערטע מלחמה האָב איך דורכגעמאַכט און יע־דעס מאָל קער איך זיך אום אַהיים מיט דעם זעלבן ווונטש: זאָל דאָס שוין זיין די לעצטע מלחמה, שוין גענוג בלוט פאַרגאָסן, שוין גענוג!

דו ווייסט, אַז איך האָב פיינט מלחמות, דו ווייסט, אַז אויב איך נעם די ביקס אין האַנט, טו איך עס נישט גערן, טו איך עס נאָר דאַן, ווען קיין אַנדערע ברירה איז שוין נישט פאַראַן, אָבער דאָסמאָל, ווען איך בין אַריין אינעם טאַנק איז מיין איינציקער ווונטש געווען: וואָס שנעלער באַקומען דעם באַפעל פאָרויסצוגיין! ווייל ווי לאַנג מענטשן „מלחמה׳ווען" — איז נאָך, דוכט זיך, אַזאַ געראַכטע מלחמה נישט געווען. ווייל דאָסמאָל האָט אונדז געדראָט ממש פיזישע פאַרניכטונג. דערפאַר זענען מיר מיט אַזוי פיל פאַרביסנקייט אַריין אין קאַמף, דערפאַר האָבן מיר אַזוי שנעל געזיגט...

איך דערמאָן זיך ווי איצט די שלאַכט פאַר נאַרא־פאַמינסק אונטער מאָסקווע. דריי טעג האָבן זיי אויף אונדז אומאויפהערלעך געפייערט; אַריבער מיט זייערע טאַנקן אונדזערע שוץ־גריבער און צעקוועטשט מיט זייער משא די — וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו פאַלן אויפן דנאָ. מיר האָבן זיי באַוואָרפן מיט גראַנאַטן, מיט „מאַלאָטאָוו"־פלעשער און דאַן אַרויס, מיט אויפגעשטאָכענע באַיאָנעטן אין קאַמף „פנים לפנים".

די שלאַכט וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אין דער שלאַכט האָבן מיר דאָך געשלאָסן אונדזער בלוטיקן בונד... אין דער שלאַכט, אין וועלכער עס זענען פאַרלוירן געגאַנגען אַלע מענטשלעכע געפילן, וועלכע האָבן אָפּגעטרעטן דעם פּלאַץ פאַרן מלאך המוות און דעם יצר־הרע וועלכער האָט באַפוילן: הרגע, טויט, פאַרניכט דעם בלוטיקן שונא. אין דער דאָזיקער שלאַכט איז אויסגעוואַקסן איינע פון די שענסטע, איינע פון די ריינסטע מענטשלעכע געפילן — די אייביקע פריינטשאַפט צווישן דיר און מיר, אַ פריינדשאַפט פון מענטש צו מענטש, פון חבר צו חבר. צוויי מאָל האָסטו מיר, אין דעם גהינום פון שלאַכט, אָפּגעראַטעוועט מיין לעבן. צוויי מאָל האָסטו פאַרניכטעט דעם פיינט, וועלכער האָט מיך געוואָלט אומברענגען, ווען איך בין געווען „פאַרנומען" מיט זיינס אַ „קאַמעראַד" און צוויי מאָל האָב איך דיר צוריקגעצאָלט מיט דער זעלבער מטבעה: איינמאָל, ווען איך האָב פאַרניכטעט אַ דייטש, וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף דיר מיט זיין באַיאָנעט און דעם צווייטן מאָל, ווען איך האָבן דיך, אַן אָפּגעיענדיקן מיט בלוט, געטראָגן, אינמיטן קאַמף, צו דעם ווייטן פעלד־לאַזאַרעט אויף מיינע פּלייצעס...

ווען איך פאַרשפעטיק דאָן מיט געציילטע מינוטן — וואָלט איך שוין היינט נישט געהאַט צו וועמען צו שרייבן דעם דאָזיקן בריוו...

איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם פאַל אין מדבר סיני ווען מיר זענען פשוט געפלויגן מיט אונדזערע טאַנקן אין דער ריכטונג צום סועץ. אויפן וועג האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף מצרישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן פאַרלאָזן זייערע אומבאַשעדיקטע טאַנקן מיט נאָך אָפענע פאַרבינ־דונגס־מכשירים. מיר האָבן זיי נישט געטשעפּעט, מיר האָבן זיי דערלאַנגט וואַסער, פונקט ווי איך האָב אַמאָל, אין 45־טן יאָר דערלאַנגט ברויט די אויסגעהונגערטע דייטשע פרויען מיט קינדער אויף די הענט... (אוי, דו אומגליקלעך יידיש האַרץ וואָס ווייסט נישט קיין נקמה!).

איך האָב אויף זיי געקוקט, ווי אַמאָל אויף „אונדזערע אייזערבאַ־דזשאַנער”... נאָר אַז מיר זענען אַוועק פאָרויס, זענען זיי צוריק אַריין אין די טאַנקן און געעפנט אויף אונדז אַ פייער פון הינטן...

נאָך דעם ווי איך האָב געשטילט זייער דורשט מיט וואַסער, האָב איך איצט זייער אומדאַנקבאַרקייט אָפּגעצאָלט מיט — פייער.

דאָס זענען געווען די ערשטע דריי ט־34 וועלכע איך האָב פאַר־ניכטעט...

דו ווייסט, אַז איך האָב פיינט מלחמות. דו קענסט און ווייסט, אַז איך האָב ליב דאָס לעבן, אַז איך פריי זיך מיט יעדער בלום, מיט יעדן בוים וואָס איך באַגעגן אין וועג. דערפאַר האָב איך אַזוי פאַרביסן געקעמפט, ווייל שוין 20 יאָר ווי זיי האָבן געפייערט אויף אונדזערע גרינע ישובים, אויף אונדזערע בליענדיקע גערטנער וועלכע מיר האָבן מיט אַזוי פיל בלוט און שווייס אויפגעבויט, באַוואַסערט און צעאַקערט אונטער דעם אומאויפ־הערלעכן פייער פון די סירישע באַבונקערטע בערג. נישט איינמאָל האָב איך זיך אַליין געפרעגט: ווי אַזוי קען אַזאַ סירישער סאָלדאַט האָבן אַ האַרץ און שיקן זיינע טויט־קוילן אויף אַזעלכע פּרעכטיקע ישובים, וועלכע זענען געלעגן ווי אויף זיין האַנט־דלאָניע?

אָבער ווייזט אויס, אַז זיי האָבן געקענט, פונקט ווי עס האָבן געקענט די מצרישע רוצחים אונטערלייגן מינעס אויף די וועגן, באַשיסן אונדזערע אויטאָבוסן און דערמאָרדן בר־מצווה בחורים בשעת זייער תפילה אין בית־המדרש!...

דאָס אַלץ האָבן זיי געקענט באַווייזן אין צוויט פון „ניבע־שלום”, היינט שטעל זיך פאָר צו וואָס זיי וואָלטן פעאיק געווען, ווען, חלילה, זיי וואָלטן געזיגט אין דער מלחמה?...

אפשר דערפאַר זענען מיר נאַציס, ווייל מיר האָבן נישט געוואָלט מאַכן אַזאַ עקספּערימענט?

דיינע פירער פֿאָדערן איצט פון אונדז, אַז מיר זאָלן צוריק אָפּגעבן די פֿאַרנומענע שטחים, אַז מיר זאָלן צוריקקערן זיך צו די גרענעצן פון 5־טן יוני. אַז מיר זאָלן ווידער זיך אומקערן צו דער תקופה פון גרענעץ־טעראָר, אַז מיר זאָלן ווידער זיין אין אַרביט פון דער ירדאַנישער אַרטילעריע, וועלכע האָט אַזוי פֿאַרברעכעריש באַשאָסן ירושלים און — תל־אביב. ניין טייערער קאָליאַ — מיר קענען נישט דערפילן דעם ווונטש, אויך מיר מוזן האָבן אַ זיכערהייט־זאָנע ווי עס מוזן עס האָבן דיינע פירער און וועלכע באַשטייט פון: ליטע, לעטלאַנד, עסטאָניע, ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע, וועלכע האָבן פריער געהערט צו פוילן, פון אַ שטיק רומעניע און פון פרייסן...

מיר זענען טאַקע אַ קליין, פּיצינקע לענדלע, אָבער איך מיין, אַז אויך מיר דאַרפן אומבאַדינגט אַ זיכערהייטס־סטרעפּע. טאַקע אַ קלענערע ווי אייערע, אָבער עפּעס־וואָס האָבן מיר פֿאַרט געמוזט ענדערן אויף דער דערשטיקונגס־מאַפּע פון אונדזער ראַיאָן. בפרט, ווען אונדזערע אַראַבישע שכנים טענהען כסדר, אַז זיי זענען מיט אונדז אין קריגס־באַציאונגען!...

ניין קאָליאַ, מיר פרייען זיך נישט מיטן נצחון, מיר האָבן פֿאַר אים באַצאָלט אַ טייערן, אַ בלוטיקן פּרייז! ביי אונדז זענען נישט געווען קיין נצחון־סאַלוטן, אונדזער הימל איז נישט באַלויכטן געוואָרן מיט קאָליר־פולע פייערווערק, מיר האָבן נישט געטרונקען קיין „לחיים”, מיר זענען אַ פֿאָלק וואָס קען זיך קיינמאָל נישט פרייען מיט זיינע נצחונות, ווייל צופיל שונאים האָבן מיר תמיד, וועלכע ווילן טרינקען „לחיים” — נאָך אונדזער מפּלה...

מיר האָבן געקעמפט, ווייל מיר ווילן שלום; אַ פּערמאַנענטן שלום, אַ דויערנדיקן! מיר אָטעמען מיט שלום, מיר באַגריסן זיך מיט „שלום”, מיר שטערבן צו אים! דערפֿאַר האָבן מיר געמוזט קעמפן — און זיגן!

און דערפֿאַר — זענען מיר אין די אויגן פון דיינע פירער — נאַציס!...

געדענקסט די בייזוויליקע וויצן, וועלכע מען האָט אַמאָל דערציילט וועגן די „יידישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן פֿאַרנומען אָמסק, טאָמסק און סווערדלאָווסק?” געדענקסט די וויצן וועגן דער קרומער ביקסן־ליופע מיט וועלכער יידישע סאָלדאַטן באַנוצן זיך כדי צו קענען שיסן פון הינטער אַ וואַנט? איך האָב די דאָזיקע וויצן קיינמאָל נישט גענומען ערנסט, איך האָב געוווסט, אַז יידן קענען נישט ערגער קעמפן — פון מיר... אויך היינט נעם איך זיך נישט איבער מיט די „שטירמער”־אַרטיקעל, גיפטיקע אַנטי־סעמיטישע וויצן און קאַריקאַטורן אין אייער פּרעסע. יעדנפֿאַלס — נישט מיר דאַרפן זיך מיט זיי שעמען.

מיר האָפן, אַז אויך די דאָזיקע תקופה וועט פֿאַרביי און ווידער וועט אויפשיינען די זון אויך אין אונדזער ראַיאָן. אפשר וועלן אונדזערע אַראַ־

בישע שכנים סוף־כל־סוף פאַרשטיין, אַז מיטן זעצן זיך צום טיש און דער־גרייכן אַ ווּנטשלעכן שלום, קען מען אויך פאַרוואַנדלען אונדזער ראַיאָן אין אַ בליענדיקן גאָרטן אין וועלכן עס וועלן געפינען אַרבעט און ברויט אַלע די, וועלכע נייטיקן זיך אין דעם און אַז נאָר מיט דעם דאָזיקן וועג קען מען פאַרענדיקן דאָס אומזיניקע בלוט־פאַרגיסן פון וועלכן קיינער גע־ווינט גאָרנישט.

דעם דאָזיקן ציל קענען מיר דערגרייכן נאָר דאַן, ווען דיינע פירער וועלן עס פאַרשטיין און אויפהערן ליפערן טויט־געווער פאַר די אָפּגע־שטאַנענע, טראַכאָמע־קראַנקע אַראַבישע פעלקער, וועלכע דאַרפן מעל און נישט קיין האַרמאַטן, וועלכע דאַרפן דאָקטוירים און נישט קיין קריגס־אַעראָפּלאַנען...

מיר וועלן קענען לעבן בשלום, ווען דיינע פירער וועלן סוף־כל־סוף פאַרשטיין, אַז אויך קליינע פעלקער ווילן לעבן און עקזיסטירן און צווישן זיי — דאָס אויסגעפּייניקטע פאָלק ישראל, וואָס איז נאָך אַזוי פיל דורכ־געלעבטע צרות, מאָרדן און פּאָגראָמען — געקומען צו זיין ברעג אויף וועלכן ער וויל לעבן שטיל און דאָ בויען זיין הויז און היים!

ערשט דאַן וועל איך דיר קענען שרייבן אַ בריוו, אַ פשוטן מענטש־לעכן בריוו. אָט אַזאַ, וועלכן עס שרייבן צו זיך אמתע, איבערגעגעבענע פריינד.

איך בין זיכער, קאָליאַ, אַז דער דאָזיקער טאָג איז שוין נישט ווייט און אויב עס וועט זיך נישט רירן דאָס געוויסן ביי דיינע איצטיקע פירער, וועט עס זיך זיכער רירן ביי די — וועלכע וועלן קומען — נאָך זיי!...

זיי מיר געזונט, ליבער קאָליאַ און צום — ווידערהערן!

דיין אברהם גאפלאט

**
*

אויף פרייטיק דעם 16־טן יוני, איז באַשטימט געוואָרן זיך צו טרעפן ביי דאָקטאָר גורעלי, און שוין צוויי טעג פריער האָט זיך נאַטאַלי שוין געפּאָרעט אויף צוצוגרייטן פון שענסטן און פון בעסטן לכבוד אַזאַ אָוונט. לכבוד אַזאַ גרויסאַרטיקן יום־טוב, וואָס דאַרף זיין די פאָרזעצונג פון פאַריקן פרייטיק. דעם נישט פאַרענדיקטן סדר.

איז פרייטיק פרי, לאהלע געקומען צוהעלפן איר מוטער. אויך גורעלי האָט זיך איצט מיטגעפּאָרעט. פאַרלענגערט דעם טיש, געגרייט

די געטראַנקען, און אויך אַכטונג געגעבן ס׳זאָל אַלץ זיין אין אָרדענונג. ס׳זאָל גאָרנישט פעלן צו דעם פייערלעכן מאָלצייט.

האַרט פאַר ליכט בענטשן, זענען מיט שטראַלנדיקע פּנימער אָנגעקומען מאַרעק מיט אַדעלאַ. און אַלבערט מיט מינקע. מען האָט זיך געהאַלדזט און געקושט. די פרייד איז געווען גרויס. נאָכן האָבן אויסגעטוישט עטלעכע ווערטער, האָט גורעלי אָנגעגאָסן די גלעזער כדי טרינקען לחיים לכבוד דער העלדישער ישראל־אַרמיי. פאַרן לאַנד ישראל. און פאַרן עם ישראל; דער ווייַן האָט געפינקלט אין די גלעזער, און דער לחיים איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן גאַנץ אַנדערש ווי יעדעס מאָל. ביי די פרויען האָבן פון גרויס פרייד געפינקלט פריידיקע טרערן.

נאָכן האָבן אויסגעליידיקט די גלעזער, האָט מען זיך ערשט אַרומגעזען אַז בערנאַרד מיט זיין פרוי זענען נאָך נישטאָ. קיין גרויסע זאָרגן האָט זייער פאַרשפּעטיקונג נישט אַרויסגערופן. מען איז געווען צופיל פאַרנומען מיט די פריילעכע ידיעות. דער שמייכל איז אויף קיין רגע נישט פאַרשוווּנדן פון די פּנימער. וואָס צו רעדן אָדער דערציילן האָט איצט נישט אויסגעפעלט. איז מען אָנגעגאַנגען מיטן שמועס, און געוואַרט אויף זייער קומען.

ווען דער זייגער האָט געוויזן האַלב צען, און זיי זענען נאָך אַלץ נישט געווען, האָט מען שוין אָנגעהויבן קלערן וועגן דער סיבה פון זייער נישט קומען. ווייל ס׳האָט קיינמאָל נישט פּאַסירט ס׳זאָל ווער פאַרפעלן צו קומען אָדער זיך פאַרשפּעטיקן. איז גורעלי צו צום טעלעפאָן כדי זיך דערוויסן די סיבה פון זייער נישט קומען ווי יעדעס מאָל צו דער צייט.

ס׳האָט זייער לאַנג געדויערט ביז ס׳האָט זיך ווער אָנגערופן. ס׳האָט זיך דערהערט אַ שוואַכע מענער שטים. דאָס איז געווען בערנאַרד אַליין, וואָס האָט מיט לאַנגזאַמע ווערטער געענטפערט:

— שלום׳ל; אונדזער טייערער שלום׳ל, איז געפאַלן ביי ירושלים — און האָט אויפגעהאַנגען דאָס טעלעפאָן־טרייבל.

גורעלי איז לאַנג אַזוי געבליבן שטיין ביים טעלעפאָן מיטן טרייבל אין האַנט, טראַץ דעם וואָס קיינער האָט פון יענער זייט מער גאָרנישט געזאָגט. ער איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט פון דער טרויעריקער ידיעה, און איז צוריק אַריינגעקומען מיט געמאָסטענע טריט. געבליבן שטיין ביי דער טיר, באַטראַכטנדיק אַלע אַרום, גלייך ווי ער וואָלט זיי איצט געזען צום ערשטן מאָל, און לאַנגזאַם איבערגעגעבן די טרויעריקע ידיעה זיינע געסט. אַלע זענען געבליבן ווי אָן אָטעם. אַ לענגערע צייט זענען זיי געבליבן מיט געבויגענע קעפּ. דער יום־טוב, וואָס מען האָט זיך געגרייט

פייערן, איז צוליב דער טרויעריקער ידיעה צעשטערט געוואָרן. מינקע האָט די ערשטע איבערגעריסן דאָס פּיינלעכע שווייגן מיט די ווערטער:

— וואָס טוען מיר איצט דאָ? מיר מוזן שוין אַהינפאָרן. זיי דאַרפן אונדז האָבן. זיי דאַרפן אונדזערס אַ וואָרט, אַ טרייסט וואָרט. לאָמיר נישט פאַרזוימען נאָר גלייך אַהינפאָרן.

אָנקומענדיק, האָבן זיי געטראָפן סאָניען און בערנאַרדן זיצן טרויעריק. שוין געווען דער פינפטער טאָג פון זייער טרויער. אַלע זענען שטיין גע־בליבן נעבן דער טיר, נישט דרייסט געווען אַ ווייטערן טריט צו שטעלן, און אויך נישט געוווסט וואָס צו זאָגן.

ביי זייער אַריינקומען, האָט זיך סאָניע ערשט צעוויינט אויפן קול. גלייך איז מינקע צוגעלאָפן צו איר, וו ביידע האָבן זיך שטאַרק צעוויינט, און אויף זייער געוויין, אויך די איבעריקע.

ווען ס׳האָט זיך נאָך די אַלע טרייסט־ווערטער אַביסל איינגעשטילט, האָט זיך ערשט מינקע שטיל צעוויינט. אויף אַ פראַגע — וואָס שוין ווידער? — האָט זי שטילערהייט געזאָגט די ווערטער:

— דודי, ער ליגט אין שפּיטאָל אַ שווער פאַרוווּנדעטער. און בעט בסדר מען זאָל נישט קומען צו אים, ווייל ס׳איז זייער ווייט. ער וועט אין קורצן געזונט ווערן, און קומען אַהיים, ווער ווייסט?...

נאָך אַ לענגערער צייט פון שטילשווייגן, האָט מען זיך שטיל גע־זעגנט, און יעדער איז אַוועק צו זיך אַהיים. אָן צו באַשטימען ווען און וו זיך ווידער צו טרעפן.

נאָך אָן איבעררייס פון דריי וואָכן, צוליבן טרויער וואָס האָט גע־הערשט ביי בערנאַרדן און זיין פרוי, פאַרלירנדיק זייער איינציקן זון שלום׳ל, האָבן זיך די פיר משפחות ווידער געטראָפן פּרייטיק דעם 7־טן יולי אין הויז ביי דאָקטאָר גורעלי.

אין גאַנצן לאַנד האָט אָנגעהאַלטן אַן אויסערגעוויינלעכע לעבּ־האַפטע באַוועגונג. צענדליקער טויזנטער טוריסטן, יידן, און אויך נישט יידן האָבן פאַרפלייצט די באַפרייטע געביטן וואָס די ישראל־אַרמיי האָט דעראָבערט אין דער לעצטער מלחמה. די גרעסטע באַוועגונג איז געווען צום רמת־הגולן, זען די באַפעסטיקטע קאַזעמאַטן דורך וועלכן די סי־ריער האָבן אין פאַרלויף פון 19 יאָר באַשאָסן אָן אויפהער די פרידלעכע ישובים פון גליל.

די פיר משפחות האָבן איצט נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון פרייד. אַלע האָבן מיטגעפילט דעם טרויער פון בערנאַרד און סאָניע, וואָס האָבן געטיילט דעם גורל פון אַכט הונדערט ישראלדיקע משפחות. דאָס מאָלצייט איז צוגעגאַנגען שטיל און באַשיידן, זעלטן ווען ס׳האָט ווער גע־

לאָזט פאַלן אַ וואָרט, און אויב ס׳האָט ווער יאָ געזאָגט אַ וואָרט, איז עס געווען פון אַ גאָר וויכטיק און פריידיק געשעעניש. מען האָט אָבער נישט געקענט אָפּקומען אַן אָוונט און גאָרנישט זאָגן. האָט מען ערשטנס נאָך אַמאָל זיי געטרייסט מיט די ווערטער אַז יעדער איינער איז גרייט געווען אויף קרבנות, און קיינער האָט נישט געוווּסט וועמענס גורל ס׳וועט אויס־פאַלן. און אַלע האָבן זיי געבעטן געפינען אַ טרייסט אין דעם צוריק אויפגעלעבטן לאַנד ישראל, וואָס איז געווען באַדראָט פאַרניכטעט צו ווערן.

אָבער בערנאַרד איז געווען פאַרנומען מיט אַן אַנדערן געדאַנק. שוין עטלעכע מאָל ווי ער איז געווען ביים קבר פון זיין זון, האָט ער שטענדיק באַמערקט ביי זיין אָנקומען ווי אַ קליינע פרוי, באַגלייט פון צוויי יונגע מיידלעך פאַרלאָזן דאָס אָרט פון שלום׳לס קבר. און האָט שטענדיק געפונען בלומען אויף דעם קבר, און האָט געטראַכט: „צי האָט זיין זון ליב געהאַט אַ מיידל און דאָס אויסבאַהאַלטן פאַר אים?“ ווייל ווער קען דען קומען אויף זיין קבר און לייגן בלומען? אָבער ס׳איז אים נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז דאָס קען זיין — ניקאָל — זיין אמתע מוטער... וואָס איז געקומען אין לאַנד כמעט גלייך מיט איר קינד, און איז שטענדיק געווען אין אַ דיסקרעטן קאָנטאַקט מיט איר שלום׳ל. וואָס נישט דאָס קינד, און אויך נישט קיינער האָבן געוווּסט ווער זי איז.

נאָך אַ לענגערן שטיל־שווייגן, האָט גורעלי געפרעגט:

— נו? וואָס הערט זיך עפּעס אין לאַנד? און איבערהויפּט אויף דער וועלט? דו אַלבערט האָסט דאָך געזאָגט ס׳לעצטע מאָל, אַז די וועלט האַלט אין מיטן... און האָט נאָך נישט אָנגענומען קיין באַשלוס ווי אַזוי רעאַגירן, און איצט?

אַלבערט האָט נישט גלייך געענטפערט, נאָך אַ קורצער צייט פון טראַכטן האָט ער זיך אָפּגערופן:

— אויב די וועלט, דאָס איז דאָך היינט די אָנו, די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, ווייסט איר גאָרנישט וואָס דאָרט טוט זיך? עס טומלט זיך דאָרט גאָר שטאַרק, דער גרויסער קו־האַנדל האָט זיך אָנגעהויבן.

— אויב דו ווייסט עפּעס, דערצייל — האָט מאַרעק געזאָגט — ווייל לעצטנס לייען איך ווייניקער, און אויך דעם ראַדיאָ הער איך זעל־טענער, דערצייל.

— ערשטנס קען איך אייך איבערגעבן אַ גוטע נייעס — האָט אַלבערט אָנגעהויבן — אַז אויף דער זיצונג פון זיכערקייטס־ראָט, איז אָפּגערופן געוואָרן דער פאָרשלאָג פון סאָוויעטישן פאָרשטייער פעדאָרענקאָ

אויפצוצווינגען ישראל אַז זי זאָל תיקף צוריקטרעטן צו די גרענעצן פון פאַרן 5־טן יוני, ווי אויך דאָס שטעמפּלען ישראל ווי אַן אַגרעסאָר.

דאָס איז איינע פון די ערשטע נצחונות פון ישראל אין דער דיפּ־לאָמאַטישער און פּאָליטישער מלחמה, וואָס דער סאָוויעטישער בלאָק צוזאַמען מיט די אַראַבישע מלוכות פירן. דער פאָרשלאַג האָט באַקומען בלויז פיר שטימען. אַ טייל מיטגלידער פון זיכערקייטס־ראַט האָבן דער־ביי דערקלערט, אַז דער פאָרשלאַג פון פעדאָרענקאָ קען דערפירן צו אַ נייער מלחמה.

אָבער דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט אָנגעהויבן נאָך אַן אָפענסיווע: זי פאַרלאַנגט אַן אויסעראָרדנטלעכע, אַלגעמיינע אַסאַמבלע פון אַלע מיט־גלידער פון דער אָנו.

או־טאַנט האָט גלייך אַרויסגעשיקט 120 טעלעגראַמעס, און די גענעראַל־אַסאַמבלע דאַרף פאַרקומען אין די נאָענטסטע טעג.

די ערשטע האָבן פאַרשטייט זיך אָקצעפּטירט די אַראַבער, און אויך, פראַנקרייך... מיטן אויסרייד, אַז „דאָס איז נישט לויט זייער מיינונג דער וועג צו לייזן דעם פּראָבלעם". דאָס וועט זיין — זאָגט דער פראַנ־צויזישער פאַרשטייער — נישט מער „ווי אַ טריבונע ווו מען וועט טומל־דיק דעמאָנסטרירן די אַראַבישע פריינטשאַפט"... דערפאַר האָבן מיר מסכים געווען אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג פון אָנו.

קאָסיגין וועט זיך באַטייליקן אין דער אַלגעמיינער אָנו־פאַרזאַמלונג בלויז דעמאָלט, ווען עס וועט זיין פאַרזיכערט אַ מערהייט פאַר זיין פאָר־שלאַג. ער וויל נישט איינשטעלן דעם פּערזענלעכן פרעסטיזש אַלס שעף פון דער סאָוויעטישער מלוכה.

און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַס־רעגן מיט רייד. הימל און ערד און רייד, און הערט נישט אויף צו גיסן. ממש אַ מבול פון ווערטער, און אַלץ וועגן מדינת ישראל און די אַראַבישע שכנים.

מען ווייסט נאָך נישט צי דאָס וועט ברענגען פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. ס'איז נישט מער ווי אַן אויסרייד פאַר צעוויקלען אַ נייע קאַמפּאַניע קעגן ישראל.

די וועלט עפנטלעכקייט שטיצט פולשטענדיק די ישראל־טעזע, אַז נאָר דורך דירעקטע שלום פאַרהאַנדלונגען מיט די אַראַבישע לענדער אָן דער אַריינמישונג פון פרעמדע, קען דער שלום דערגרייכט ווערן, דאָס איז אויך געווען דער באַשלוס פון דער לעצטער זיצונג פון זיכערקייטס־ראַט.

אָבער די סאָוויעטישע דעלעגאַציע קען דאָס נישט איבערטראָגן. האָט טאַקע פעדאָרענקאָ געפאָדערט אַ נייע זיצונג פון זיכערקייטס־ראַט

אויף וועלכער דער סאָוויעטישער דעלעגאַט האָט ווידער געגאָסן אייל אויפן פייער — וואָס האָט זיך שוין געהאַט איינגעשטילט, שרייענדיק אַז ישראל האָט באָמבאַרדירט דמשק, הגם אָר־טאַנט אַליין האָט ביים דער־עפענען די זיצונג געמאָלדן אַז ער האָט נישט באַקומען קיין שום נייעס פון דמשק און נישט פון ישראל זייט דעם פייער איבערייס. דאָס האָט אויך דער פאָרזיצער פון דער זיצונג, ה׳ טאַבאָר, באַשטעטיקט.

אָבער אויף דער העצע פון פעדאָרענקאָ האָבן באַלד די סירישע און עגיפּטישע דעלעגאַטן געפאָדערט אַ זאַפאָרטיקע פאַראורטיילונג פון ישראל, אַז זי האָט פאַרגוואַלטיקט דעם פייער איבערייס.

איז אויפן פאָרשלאַג פון אַמעריקאַנער דעלעגאַט, גאָלדבערג, די זיצונג אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ האַלבע שעה, כדי צו דערמעגלעכן דעם גענעראַל־סעקרעטאַר זיך צו פאַרבינדן מיט גענעראַל אָד בול, כדי פעסט־צושטעלן צי דער פייער איבערייס ווערט אויסגעפירט לויט דעם באַשלוס פון זיכערקייטס־ראָט.

דער ענטפער פון גענעראַל אדבול האָט געלויטעט: אַז קיין שום פאַרגוואַלטיקונג פון פייער איבערייס איז נישט פאָרגעקומען.

אָבער פעדאָרענקאָ האָט געשריגן אַז ס׳איז אַ ליגן, און אַרויס מיט אַזאַ אומפאַרשעמטער העצערישער רעדע קעגן ישראל, אַז דער ישראל־דעלעגאַט רפאל האָט אים אונטערגעבראָכן און אויסגעשריגן:

— מיר געפינען זיך נישט דאָ אויף קיין מאָסקווער פּראָצעס, און איר שטייט נישט ביי דעם באַשולדיקונגס שטענדער און נישט אויפן אָרט פון פּראָקוראָר. אייער שטעלונג רופט אַרויס אין אונדזער זכרון די פּראָצעסן וואָס זענען פאָרגעקומען אין ראַטנפאַרבאַנד באַלד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, די פּראָצעסן פון די „ווייסע כאַלאַטן‟, וואָס אילוסט־רירן דעם סאָוויעטישן אַנטיסעמיטיזם.

און ווענדנדיק זיך צו פעדאָרענקאָ:

אנשטאט אונטערצושטיצן די אָנשטרענגונגען וועלכע ווערן געמאַכט צו דערגרייכן אַ פרידלעכע רעגולירונג פון קאָנפליקט אין מיטעלן מזרח, אַ רעגולירונג וואָס דער ראַטנפאַרבאַנד פּרעטענדירט אַז דאָס איז איר ציל — בלאָזט איר אויף די פלאַמען פון האַס און איר וועט טראָגן די הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין דער קאַטאַסטראָפע וואָס האָט איצט געטראָפן די אַראַבישע לענדער.

באַלד דערנאָך איז די זיצונג פאַרענדיקט געוואָרן.

ווען אַלבערט איז שטיל געבליבן, פרעגט אים גורעלי:

— און וואָס איז געוואָרן?

— וואָס ס׳איז געוואָרן וועלן מיר וויסן אין וואָכן אָדער אין חדשים

אַרום, ווייל דאָס איז נאָך נישט אויף מאָרגן, דערווייל גיסט זיך אַ גאָס רעגן מיט רייד, אַ ברודיקער רעגן, און אויך אַ קלאָרער רעגן, מוז מען וואַרטן.

— וועגן דער האַלטונג פון פראַנצויזישן פאַרשטייער אין דער אָנו — האָט זיך מאַרעק אָפּגערופן — איז דאָס געווען אַ צייכן פון אויבן, און ס׳איז כדי זיך צו באַקענען מיט דעם קאָמענטאַר פון א. רוס. וואָס איז זייער באַלערנדיק. אָט וואָס ער זאָגט אין זיין קאָמענטאַר:

„דער פּרעמיער אַלעקסיי קאָסיגין מיט אַ סוויטע פון 50 יועצים איז אַוועק קיין ניו יאָרק, צו גיסן אויף דער העכסטער טריבונע פון אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענקום פעך און שוועבל אויף ישראל, וואָס האָט געהאַט די חוצפּה זיך אַנטקעגנצושטעלן און צעשמעטערן דעם טיוולאָנישן סאָוויעטיש־אַראַבישן פּלאַן פון דער היטלעריסטישער „ענדגילטיקער לייזונג״ איבער די יידן פון ישראל.

דער פּרעזידענט ניקאָליי פּאָדגאָרני, צוזאַמען מיט אַ הויכער מי־ ליטערישער דעלעגאַציע איז געקומען קיין קאַירא, כדי אָפּצוראַטעווען דעם קליין־היטלער פון דעם פאַרדינטן צאַרן פון דעם עגיפּטישן פאָלק און כדי אויפסניי באַוואָפענען נאַסערס סאָלדאַטן מיט סאָוויעטישע מאָדערנע כלי־זין און זיי גרייטן צו אַ נייעם בלוט־מבול אין אַ מלחמה קעגן ישראל.

דער צ.ק. פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט נישט פאַר זיך קיין מער וויכטיקערע ענינים ווי שטאַרקן די הענט פון דעם מצרישן טיראַן, אין וועמענס תפיסות עס שמאַכטן און ווערן געפּייניקט יאָרן לאַנג עגיפּטישע קאָמוניסטן, און קאָמוניסטישע פירער! איז אין דעם אַלעם פאַראַן אַ טראָפּן פון שכל־הישר, אַ טרערעלע פון סאָציאַליסטישן געוויסן, מיר האָבן געזאָגט: היסטעריע! ווער ווייסט, אפשר איז אויך דאָס וואָרט צו שוואַך אויסצודריקן דעם מאָראַלישן גרויל און טיפן שווי־ דער צו וועלכע די סאָוויעטישע נעאָ־סטאַליניסטישע אָנפירונג האָט זיך דערקייקלט.

ווי געזאָגט, קען מען „פאַרשטיין״ די סאָוויעטישע היסטעריע, אָבער אַז דער נצחון פון צה״ל זאָל אויך אַרויספירן פון גלייכגעוויכט דעם פּרעזידענט דע־גאָל, דאָס איז געווען שווער זיך פאָרצושטעלן אפילו אין דער סאַמע פינצטערער פאַנטאַזיע.

דע גאָל טאַדלט ישראל הלמאי זי האָט געגעבן דעם „ערשטן״ שאָס, אפילו או־טאַנט האָט דערקלערט אין אָנו אַז ס׳איז אוממעגלעך פעסט־ צושטעלן ווער עס האָט אָנגעהויבן די מלחמה, איז טאַקע דע גאָל געווען מחויב צו שטיצן די סאָוויעטישע בייזוויליקע שטעלונג אין דעם פּרט?

צווייטנס, פאַרוואָס האָט דע גאָל נישט געלאָזט הערן זיין שטים

אין משך פון די געשפּאַנטע וואָכן פאַר דעם אויסברוך פון קריג, בעת נאַסער האָט געשלאָסן דעם אַקאַבאַ־אויסגוס, בעת ער האָט קאָנצענטרירט ריזיקע מיליטער־כוחות אויף די ישראל גרענעצן און אָפן דערקלערט זיין ווילן חרוב צו מאַכן ישראל און אויסראָטן איר יידישע באַפעלקערונג?

עס איז זייער פיינלעך וואָס אין דעם געראַנגל צווישן ישראל און די אַראַבישע מדינות וועמענס קווינט־עסענץ איז אַ טיף מאָראַלישער, ווייל וואָס קען זיין מער מאָראַליש ווי אַ קאַמף פון אַ פאָלק פאַר זיין פרייהייט, פאַר זיין זעלבסטשטענדיקייט, פאַר זיין רעכט צו לעבן און אַנטקעגן שטעלן זיך שונאים, וואָס ווילן אים אומברענגען און פאַרטיליקן?

דער נצחון פון צה״ל שטייט ווי אַ דאָרן אין אויג פון נאָך אַנדערע פירער און פאָליטיקער, פון פריינד און פיינט צוגלייך, אָבער, די אומבאַ־רעכטיקטע אַנטי־דעגאָליסטישע האַלטונג פון דע־גאָלן אַליין האָט איבערראַשט, דערויף האָבן מיר זיך נישט פאַרדינט, די איינציקע טרייסט איז, וואָס דאָס פראַנצויזישע פאָלק גייט נישט אין שפּאַן פון איר פירער״.

ווען מאַרעק האָט געענדיקט לייענען, האָבן כמעט אַלע באַדויערט די ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין דער פראַנצויזישער פּאָליטיק צום שלעכטן פאַר ישראל.

— א. רוס האָט דאָס געשריבן אין אַ זייער העפלעכן טאָן — האָט מאַרעק פאַרגעזעצט — איז אָבער געקומען אַן אַנדערער, מיט אַ שאַרפן ענטפער אויף דער האַלטונג פון דע־גאָלן, דאָס איז דער באַקאַנטער בעלגישער שטאַטסמאַן, פּאָול האַנרי ספּאַק. האָט ער אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אין דער גרעסטער בעלגישער צייטונג, „לע־סואַר״, אונטערן קעפּל: „איך בין נישט נייטראַל״, ער באַהאַנדלט דעם קאָנפליקט צווישן ישראל און די אַראַבישע לענדער. דאָס אַרטיקל האָט אַרויסגערופן אַ רושם נישט נאָר צוליב דעם וואָס ספּאַאַק איז אַ גרויסע בעלגישע און אינטערנאַציאָנאַלע פערזענלעכקייט, נאָר אויך ווייל ער איז נישט געווען באַקאַנט אַלס גרויסער ישראל־פריינד.

אין אַזעלכע פּראָבלעמען — שרייבט ער — דאַרף מען זיך נישט אַריינלאָזן אין פּאָליטישע און יורידישע קעגנזאַצן. אין קאָנפליקט פון מיטעלן מזרח בין איך פאַר ישראל, ווייל איך קען נישט אָננעמען אַ רעגירונג, זאָל דורך אירס אַ באַשלוס ענדערן אַן אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע, וועלכע הערשט זייט יאָרן. איך קען אויך נישט אָננעמען אַז זי זאָל אָנ־געבן אַלס ציל אָפּצומעקן אַ לאַנד פון דער וועלט־קאַרטע. דאָס איז אין קעגנזאַץ פון אַלע עלעמענטאַרסטע געזעצן פון מאָראַל און רעכט, און קעגן דער שאַרטע פון די פאַראייניקטע נאַציעס.

נאַסער האָט שוין דורך אַ געשאַפענעם פאַקט נאַציאָנאַליזירט דעם

סועץ־קאַנאַל, און איצט האָט ער בלאָקירט דעם אַקאַבאַ־אויסגוס. אויב מען וויל אויפהאַלטן דעם שלום, טאָר מען נישט טאָלערירן אַזעלכע אַקציעס.

אונדזער שוואַכקייט קעגנאיבער היטלערן האָט אונדז געעפנט די אויגן. מיר טאָרן נישט דערלאָזן אַז געוויסע רעגירונגען זאָלן זיך אַליין אורטיילן אונטער דעם אויסרייד, אַז זיי האָבן נישט אונטערגעשריבן קיין שלום־אָפּמאַכן מיט זייער קעגנער און אַז זיי זענען אין אַ מלחמה מצב מיט זייערע קעגנער, און אַז זייער ענדציל איז די אַלגעמיינע פאַרניכטונג פון זייער קעגנער.

עס איז ווירקלעך אַ היפּאָקריזיע צו דיסקוטירן ווער איז דער אָנ־גרייפער, עס אינטערעסירט מיך איבערהויפּט נישט צו וויסן ווער עס האָט געגעבן דעם ערשטן שאָס, אין דעם פאַל איז די פּראָוואָקאַציע און מלחמה צוגרייטונג געווען אַזוי אָנזעעוודיק אַז קיינער קען נישט פאַר־וואַרפן ישראל אויב זי זאָל האָבן אָנגעפאַנגען די מלחמה.

נאָסער און די אַראַבישע מלוכות האָבן געפּרעדיקט אַ הייליקע מלחמה, אַ קאָאַליציע פון מער ווי 50 מיליאָן מענטשן האָט זיך גרופּירט, בכדי צו דערדריקן אַ לאַנד פון צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן מענטשן. צי האָט מען געקענט פאָדערן פון ישראל, אַז זי זאָל צוואַרטן ביז דער מעכטיקער שונא וועט זיך אויסקלויבן די שעה זיי אָנצוגרייפן. ס'איז אַן אַבסורד, דער אָנגרייפער איז נישט דער, וועלכער פאַנגט אָן די קאַמפן, עס איז דער, וועלכער ברענגט צו צו אַ מצב, ווו די קאַמפן זענען אומ־פאַרמיידלעך.

דאָס זענען די פּאָליטישע און יורידישע סיבות, וועלכע האָבן מיך געבערענגט צו נעמען קאַטעגאָריש אַ שטעלונג לטובת ישראל.

די אַראַבער זאָגן אַז זיי קענען נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די קאָנסעקווענצן פון היטלערס פאַרברעכן. דאָס איז נישט די פראַגע. מיר ווילן נאָר אַז זיי זאָלן נישט אויפסניי באַגיין די זעלבע פאַרברעכנס, זיי מוזן וויסן אַז זייערע היסטערישע געוואַלדן האָבן מיר געהערט ביים ראַדיאָ, און געוויסע מאַניפעסטאַציעס, וועלכע מען האָט איבערגעגעבן דורך דער טעלעוויזיע, האָבן אונדז דערמאָנט נאַציסטישע גרויזאַמקייטן.

דער האַס פון געוויסע אַראַבישע פירער באַגרענעצט זיך נישט נאָר אויף ישראל, נאָר איז אויך געווענדעט קעגן די אַלע, וועלכע האָבן נישט די זעלבע אָפּשטאַמונג, די זעלבע טראַדיציעס און דעם זעלבן גלויבן ווי זיי.

מיר זענען איבערצייגט אַז מען קען דערליידיקן אַלע פּראָבלעמען דורך שלום.

מדינת ישראל האָט זיך פאַרטיידיקט קעגן אַנזעעוודיקע פּראָ־וואָקאַציעס, זי האָט אָפּגעהאַלטן אַ סענסאַציאָנעלן זיג.

אין מאָמענט, ווען דער ראַטנפאַרבאַנד און געוויסע קאָמוניסטישע לענדער נעמען אָפּן שטעלונג אַן שום מאָס און ניואַנסן פאַר די אַראַבער, איז נייטראַליטעט נישט באַגרייפּבאַר. זאָלן די רוסן אונטערשטיצן די הינטערשטעליקע רעזשימען פון מיטעלן מזרח. עס איז אַ געשעעניש פון וועלכער מיר וועלן מוזן ציען מסקנות. דאָס דאַרף אונדז נישט אַנט־מוטיקן און ברענגען דערצו אַז מיר זאָלן פאַרלאָזן אַ מוטיק פאָלק, וואָס קעמפט אויף רעכט צו עקזיסטירן. נייטראַליטעט אין אַזאַ פאַל וואָלט געווען אַ קאָלעקטיווע פאָרם פון פּחדנות. דאָס וואָס מיר ווילן איז מען זאָל רעספּעקטירן די אינטערנאַציאָנאַלע רעכט און מאָראַל. מיר טאָרן נישט איבערחזרן די פעלערן פון 1939, ווייל מיר וועלן דערנאָך טייער באַצאָלן דערפאַר.

— אָט, דאָס הייסט אויפריכטיקע רייד — זאָגט גורעלי.

— וואַרט צו — ענטפערט מאַרעק — די ציריכער צייטונג „די וועלט וואָכע” איז געווען נאָך שאַרפער, זי מאַכט גאָר נידעריק דעם גרויסן און מעכטיקן סופּערשטאַטסמאַן, (געמיינט דעם גענעראַל דע־גאָל) און דערמאָנט אים אויך געוויסע קלייניקייטן... איר ווייסט? ווען איך בין אויפן אָרט פון דע־גאָל, וואָלט איך אָנגעקלאָגט די צייטונג אין געריכט פאַר באַליידיקונג, אָט וואָס די צייטונג שרייבט אונטערן קעפּל: „מיר די אידיאָטן”.

די אידיאָטן זענען מיר, ווייניקסטנס זעען עס אַזוי די מענער, וואָס באַשטימען דעם גורל פון דער וועלט; שטאַטסמענער, פּרעזידענטן, מאַר־שאַלן, גענעראַלן, פּרעמיער־מיניסטערס, „פירער” א.אַ.וו. זיי האָבן נישט קיין הויכע מיינונג וועגן דעם אָרעמען פלעבס, די צייטונג לייענער, די טעלעוויזיע זעערס, די אַמאָרפע מאַסע, וואָס קומט צונויף אַלס ווײלער און סימבאַליזירט דעם „קליינעם מאַן”, נו יאָ, מיר, די געשיכטלאָזע אידיאָטן וועמען מ׳קען אַלץ איינרעדן.

וואָס האָט מען דאָ לעצטנס אין אָט דער סורעאַליסטישער רעאַ־ליטעט נישט געפּרוווט אונדז איינרעדן? נאָכדעם ווי מיר האָבן געמוזט הערן, צי מיר האָבן געוואָלט צי נישט, אַז ישראל מוז „אויסגעלאָשן” ווערן, (שחט זיי און וואַרפט זיי אין ים אַריין! — האָבן געשריגן די אַראַבישע שטאַטס־מענער) ווערן אין עטלעכע וואָכן אַרום, דורך די זעלבע „שטאַטס־מענער” די ישראלים פאַרשריגן ווי „פאַרברעכערישע אַגרעסאָרן”.

די סאָוויעטישע „סופּערשטאַטסמענער” ווילן אונדז אָרעמע אידיאָטן איבערצייגן, אַז: 1. ס׳איז קיינמאָל נישט געווען קיין מאַלאָטאָוו־ריבענ־

טראַפּ פּאַקט; 2. אַז עסטלאַנד, לעטלאַנד און ליטע זענען תמיד געווען רוסיש; 3. אַז די ישראלים ווענדן אָן ערגערע מעטאָדן פון די היטלער באַנדיטן; 4. אַז דאָס גאַנצע איז איין קאָמפּלאָט פון די נאַפט-אָרעמע אימפּעריאַליסטן קעגן די אָרעמע נאַפט-רייכע אַראַבישע פּראָלעטאַריער.

„אַגרעסאָר" איז געווען דאָס געפליגלטע וואָרט פון היינטיקן זומער, צו אונדזער אומפאַרגעניגן, אפילו דער מעכטיקער סופערשטאַטסמאַן, וואָס כאַטש ער רעדט אַ קלאַנגפולן פראַנצויזיש, און אָפּט געגוג הויל, פלאַפּלט נאָך דאָס וואָרט, גלייך ווי „אַגרעסאָר" וואָלט געווען אַנדערש פון אָנגרייפער, און אין אַלץ זענען שולדיק די אַמיס (אַמעריקאַנער) פאַרשטייט זיך, ווי וואָלט אָבער היינט געווען דער מעכטיקער סופערשטאַטסמאַן אָן די אַמיס, וואָס האָבן אין יענעם באַשטימטן טאָג געלאַנדעט אין נאָרמאַנדיע?

וואָס איז געשען מיטן מאַרשאַל-שטאַטסמאַן פון באַלקאַן, דער וואָס האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג אין דער פרייער וועלט, בעת ער מיט זיינע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך געפונען אין דער זעלבער סיטואַציע ווי שפּעטער ישראל; קודם (1942) קעגן די „היטלער-באַנדיטן" און דערנאָך (1948) קעגן די „סטאַלין-באַנדיטן". אויך ער בלאָזט אין אַגרעסאָרן-האָרן און פאַרגלייכט די ישראלים צו די „היטלער-באַנדיטן". פאַרוואָס טאָקע נישט? די אידיאָטן אונטן אין לאַנד גלייבן עס, אויב ווערט עס זיי נאָר עטלעכע מאָל איבערחזרן, אָרעמער מאַרשאַל — ווו זענען היינט דיינע פריינד פון דער „דריטער מאַכט"? נערו לעבט שוין נישט, און וואָס איז מיט בן-בעלאַ, נקרומאַ, סוקאַרנאַ, נאַסער? דאָ העלפט שוין אפילו נישט קיין היימיש פלעשל סליוואָוויץ, העכסט אַן אימפּעריאַליסטישער אלקאַ-געטראַנק.

אַפּראָפּאָ אימפּעריאַליסטן: אויך זיי זענען איבערצייגט, אַז דער „ליטל מען" גלייבט אין אַלץ, אויב מ'ווייסט נאָר ווי אַזוי אים עס אונטערצוטראָגן, שטייט אין דער נאָענטסטער נאָך נישט-פאַרעפנטלעכער אויסגאַבע פון דער מאַאָ-צע-טונ-ביבל. „ווילסטו בלייבן שטאַטסמאַן, שריי אַריין אומזין אין דער וועלט און בייס זיך נישט די צונג"! (קאָנפוציוס).

אָבער עס קומט אַ מאָל אויך אונדזער טאָג — דער טאָג פון די אידיאָטן — אין דעם טאָג וועלן פלוצים די „שטאַטס-מענער" שפּורלאָז פאַרזינקען אין דער געשיכטע און פאַרשווינדן ווערן, און דער דאַזיקער זומער וועט ווערט זיין, לויט קאַפקאַן, אַ שפּיי, מעגלעך, אַז לאַכן די לעצטע וועלן מיר, די אידיאָטן, אָבער — צום בעסטן.

***

— נו, האָבן מיר דאָך נאָך פריינד אויך אויף דער וועלט — זאָגט גורעלי.

— אויב פריינד — האָט זיך אַלבערט אָפּגערופן — איז כדי זיך צו באַקענען מיט אַ פּאָר ווערטער פון דעם גוט באַקאַנטן יידישן שרייבער — ברוך שעפנער — זיין אַרטיקל הייסט „דער קאָנטראַסט", און וואָס איז זייער טרעפלעך, זאָגט ער אַזוי:

„וואָס מער איך לייען וועגן דער זעקס־טאָגיקער מלחמה צווישן ישראל און די אַראַבישע מלוכות — און איך באַמי זיך צו לייענען אַלץ, וואָס איז ביז איצט וועגן איר געשריבן געוואָרן — אַלץ מער ווערט מיר קלאָר, וואָס פאַר אַ גרויסע ראָל עס האָט דאָ געשפּילט דער עלעמענט פון קאָנטראַסט.

ווען איר האָט דערזען דעם קאָנטראַסט צווישן די צילן פון נאַסערן מיט זיינע שותפים, און די צילן פון ישראל, איז אייך אַ קעלט אַדורך איבערן לייב.

נאַסער האָט געזאָגט — מיר ווילן אייך פאַרניכטן!

און ישראל האָט געזאָגט — מיר ווילן לעבן!

און ווי קען דאָ זיין אַ פראַגע ביי אַ נאָרמאַלן מענטשן, אויף וועלכער זייט זיך צו שטעלן?

דער קאָנטראַסט פון דוד און גלית האָט אין אַמעריקע, בעת דער ישראל־אַראַבישער מלחמה, אַממערסטן געווירקט אויפן אַמעריקאַנער. פון איין זייט — אַ קליין גערודפט פאָלק, פון נישט קיין גאַנצע דריי מיליאָן, וואָס האָט מיטן שווייס פון זיין שטערן אַרויסגעריסן אַ ביסל גרינס פון די נאַקעטע פעלדזן און פון דער פאַרהאַרטעוועטער ערד, וואָס איז גע־לעגן אַ פאַרחלשטע טויזנטער יאָרן; און פון דער צווייטער זייט אַ טוץ מלוכות מיט אומענדלעכע ערד־שטחים און מיט אַ באַפעלקערונג פון אַ סך צענדליקער מיליאָנען, געפירט פון אַריענטאַלישע מאָנאַרכן און פעאָ־דאַלן, פון דיקטאַטאָרן און קריגסלייט, וואָס בלוט אָפּרעכענונגען זענען פונקט אַזאַ טייל פון זייערע באַליבסטע חלומות ווי די פאַרגעניגנס פון אַלאַ'ס גן־עדן.

איז אַט די צוויי צדדים דאַרפן זיך דאָס פאַרמעסטן. דער געפּאַנ־צערטער גלית קוקט אַראָפּ מיט אַ פאַראַכטנדיקן שמייכל אויף דעם קליינעם דוד און פון זיין מויל גייט אַרויס אַ קורצער זאַץ, וואָס קלינגט אפילו גוטמוטיק:

— אַט באַלד וועל איך דיך מיט אַט די צוויי פינגער אַ וואָרף־טאָן אין ים אַריין און דוד זאָגט גאָרנישט, אָבער עס איז קלאָר וואָס ער טראַכט:

— פאַרפאַלן, מען וועט מוזן פּרוּוון זיך פאַרטיידיקן... נישטאָ קיין אַנדער עצה...

און אין געציילטע שעה'ן איז געשען די פאַרוואַנדלונג — אָבער נאָך פיל שטאַרקער ווי אין דער ביבלישער מעשׂה. ווי גרויס עס איז נישט געווען דער קאָנטראַסט צווישן די ביבלישע דוד און גלית, איז איצט דער קאָנטראַסט געווען נאָך גרעסער, אָבער — מיט געענדערטע ראָלן.

און די וועלט איז געשטאַנען און אַפּלאָדירט.

די בעסערע וועלט; די וועלט מיט אַ האַרץ. די וועלט מיט אַ געפיל פאַר גערעכטיקייט.

עס איז געגנוג אַ מיש צו טאָן די צייטונגען פון די דעמאָקראַטישע לענדער, כדי צו זען די שענסטע גייסטער פון דער וועלט, די געלערנטע און קינסטלער; אַלץ וואָס איז ליבעראַל, אַלץ וואָס איז פּראָגרעסיוו, האָט אַפּלאָדירט ישׂראלס זיג.

בלויז די קאָמוניסטן און די עקסטרעם — רעאַקציאָנערע עלע־מענטן מיט געזאַ־גאַציס אין דער שפּיץ זענען געווען דער „שיינענדיקער" אויסנאַם.

און איצט גיט אַ פּרוּוו צו ציען דעם קאָנטראַסט אַ ביסל ווייטער:

מיר אַלע ווייסן, ווי עס זעט אויס עגיפּטן איצט, און אויך ווי עס זעען אויס די אַנדערע באַזיגטע אַראַבישע מלוכות, וואָס האָבן ווייניקער אייפער ווי נאַסער, אָדער גאָר מיט מער אייפער (למשל, די ווילדע סי־רישע פאַנאַטיקער, וואָס זייער האַרץ ליגט צווישן מאָסקווע און פּעקין, בעת זייער גאַל ליגט אין קאַיראָ) אָבער צי האָט איר געפּרוּווט זיך פאָר־שטעלן ווי עס וואָלט אויסגעזען ישׂראל, ווען עס וואָלט געזיגט נאַסער און זיינע פאַרבינדעטע?

נו? ווי געפעלן אייך די ווערטער? — האָט אַלבערט פאַרענדיקט.

— אַלץ איז זייער גוט — זאָגט מאַרעק — נאָר נישט די ענדע; ווייל, ווער האָט זיך דען נישט פאָרגעשטעלט ווי מיר וואָלטן אויסגעזען ווען חלילה זיי וואָלטן געזיגט. איבעריקנס, זיי האָבן דאָך נישט געמאַכט קיין סוד דערפון.

בערנאַרד האָט די גאַנצע צייט זיך גאָרנישט אָפּגערופן, גאָרנישט געזאָגט. ער און זיין פרוי זענען געזעסן שטיל פאַרטרויערט, און זיך צוגעהערט צו די רייד וואָס די אַנדערע האָבן געזאָגט. ער איז אויך גע־ווען שטאַרק פאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס יעדעס מאָל ווען ער קומט צום קבר פון זיין זון, טרעפט ער שטענדיק אָט די קליינע פרוי מיט די צוויי יונגע מיידלעך פאַרלאָזן דאָס אָרט.

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ שטילקייט. דערנאָך האָט זיך גורעלי אָפּגערופֿן, אַז איצט וועט מען מאַכן אַ טיול, אַן אויספֿלוג איבערן לאַנד, און זיך באַקענען מיט די נײַע גרענעצן וואָס צה״ל האָט פֿאַרנומען. מסכּים?

און אַזוי ווי אַלע זענען מסכּים געווען, האָט ער אָנגעהויבן לייענען:

ווי זעען אויס די נײַע גרענעצן וואָס צה״ל האָט פֿאַרנומען?

די היסטאָרישע פֿאַקטן, וואָס באַאײַנפֿלוסן די פּאָליטישע מאַפּע פֿון יעדן לאַנד, הענגען אָפּ פֿון די געאָגראַפֿישע באַדינגונגען. דער האַלב־אינדזל סיני איז אַ וויסטע געגנט ווי דער ישׂראלדיקער נגבֿ. פֿרעגט זיך, ווי אַזוי זענען אינם דאָזיקן וויסטן ראַיאָן פֿאָרגעקומען וויכטיקע געשיכטלעכע געשעענישן און אין דער געשיכטע פֿון מצרים און ארץ־ישׂראל ווערט ער דערמאָנט ווי אַ וועגן־קנופּ פֿאַר קאַראַוואַנען און עולי רגל? צוליב וועלכע סיבות איז דער האַלב־אינדזל סיני געווען אין דער פֿאַרגאַנגענהייט אַ צענטער פֿון מלחמות, און הײַנט איז די אילת־בוכטע אַ צענטראַלער שטרײַט־פּונקט צווישן מצרים און מדינת ישׂראל, און אין דער לעצטער מלחמה פֿון יוני 1967 האָט מצרים דאָרט קאָנצענטרירט אַרום 100.000 מיליטער־לײַט און איר עיקרדיקע אַרטילעריע קעגן ישׂראל?

געאָפֿיזישער געבוי

דער האַלב־אינדזל סיני האָט די פֿאָרם פֿון אַ דרײַעק, וועמענס שפּיץ באַרירט דאָס וואַסער פֿון ים־סוף אין דרום און זײַן באַזע שווענקט זיך אין מיטללענדישן ים אין צפֿון. ער פֿאַרנעמט אַ שטח פֿון 61.000 קוואַדראַט קילאָמעטער און איז דרײַ מאָל אַזוי גרויס ווי מדינת ישׂראל.

דער האַלב־אינדזל סיני ווערט אײַנגעטיילט אין צוויי הויפּט־טיילן:

א) דער דרומדיקער, באַרגיקער טייל איז דער העכסטער פֿון גאַנץ מצרים און זײַנע שפּיצן דערגרייכן צו 2640 מעטער איבערן ים־שפּיגל. דאָס איז איינער פֿון די אינטערעסאַנטסטע ערטער אין דער וועלט, ווײַל דאָ טרעפֿן זיך צונויף, אויף דעם קלענסטן שטח, דרײַ באַצויבערנדיקע פּייזאַזשן: האַרבעוואַטע און פֿילפֿאַרביקע בערג, וואָס הייבן זיך אויף אין דער הויך; אַ בלויער און טיפֿער ים וואָס נעמט אַרום בײדע זײַטן סיני און אין וועלכן עס שפּיגלען זיך אָפּ יעדן פֿרימאָרגן און יעדן פֿאַרנאַכט קאָליר־רײַכע בערג; אַן אָנטבלויזטער מדבר, וואָס גיסט זיך וווּנדערבאַר צונויף מיטן בלויען ים און הימל.

ב) דער צפונדיקער טייל איז געבויט ווי אַן איין־קאַליריקער ברייטער באַרג, וואָס רופט זיך דער מדבר פון די בלאָנדזשענדיקע, ווייל לויט דער טראַדיציע, האָבן דאָ אַרומגעוואָנדערט און געבלאָנדזשעט די בני ישראל, וואָס זענען אַרויס פון מצרים. צפון־צו ווערט דער באַרג אַלץ נידעריקער ביז צו אַ זאַמדיקער פלאַך, ווען ער דערגרייכט דעם מיטל־לענדישן ים. לענגאויס דעם דאָזיקן באַרג ציען זיך די צופלוסן פונעם טייך על אריש, וואָס פאַרנעמען אַ שטח גרויס ווי מדינת ישראל, ד. ה. 20.000 קוואַדראַט קילאָמעטער, און גיסן זיך אַריין אין מיטללענדישן ים.

סיני פאַרבינדט אַפריקע אין מערב, מיט אַזיע אין מזרח און די קאָנטינענטאַלע בריק צווישן דיביידע וועלט־טיילן געפינט זיך אינעם צפון־טייל פונעם האַלב־אינדזל. דורך אַ בוכטע און דורך דעם סועץ־קאַנאַל איז סיני אָפּגעטיילט פון מצרים; דורך דער אילת־בוכטע איז סיני אָפּגעטיילט פון סאַודיע און פון יאַרדאַניע; פון ארץ־ישראל — דורך דעם קאָנטינענטאַלן פּאַס, וואָס ציט זיך פון דער אילת־בוכטע ביז צום מיטללענדישן ים לעבן שטעטל רפיח (מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז דער האַלב־אינדזל ווערט אַריינגערעכנט אין אַזיע, און אין דער פאַר־גאַנגענהייט איז ער שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט אַזיע).

די באַזונדערע היסטאָרישע וויכטיקייט פון סיני באַשטייט אין דעם, וואָס דאָ האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן דריי וויכטיקע קולטורן פון די אַמאָליקע אָריענטאַלע פעלקער: מצרים, כנען אָדער ארץ־ישראל און אַראַביע. צו אַראַביע האָבן אין די אַמאָליקע צייטן געהערט די שבטים פון די לענדער מדין און אדום.

ווילקירלעך אָפּגעטיילט פון ארץ-ישראל

זינט 1882 האָבן די ענגלענדער געהערשט אין מצרים און די טערקן אין ארץ־ישראל און אין סיריע (אגב אינטערעסאַנט, אַז אינעם זעלבן יאָר ווען די ענגלענדער זענען אַריין קיין מצרים, האָבן די בילו״אים אָנגעהויבן די מאָדערנע שיבת ציון). די ענגלענדער האָבן מורא געהאַט, טאָמער וועלן די טערקן באַהערשן דעם סועץ־קאַנאַל פונקט ווי זיי האָבן באַהערשט די אילת־בוכטע ווען זיי האָבן, אין יאָר 1905, געלייגט אַ באַן־ליניע פון דמשק אין דער ריכטונג צו מעקאַ. דעריבער האָבן די ענגלענדער געפאָדערט פאַר מצרים רעכט אויפן האַלב־אינדזל סיני, בעת די טערקן האָבן געטענהט, אַז סיני געהערט צו אַזיע, און נישט צו אַפריקע. די ענגלענדער זענען געקומען מיט קריגס־שיפן אין דער עקבה־בוכטע און געצוווּנגען די טערקן אָנצונעמען די ווילקירלעכע גרענעץ צווישן אלית

און רפיח, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן אין יאָר 1906. פון דעמאָלט אָן איז די פּאָליטישע גרענעץ פון מצרים מיט טערקיי, און שפּעטער — מיט ארץ ישראל, פאַרבליבן אויף דער דאָזיקער גלייכער ליניע, כאָטש זי האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער היסטאָרישער גרענעץ.

וויכטיקייט פאַר מצרים

וואָס איז די וויכטיקייט פונעם האַלב־אינדזל סיני פאַר מצרים היינט־צו־טאָג? ווען מיר פאָלגן נאָך די מלחמות פון צה״ל, איבערצייגן מיר זיך, אַז זיי זענען פאָרגעקומען אין די זעלבע ערטער. אין די לעצטע צוואַנציק יאָר זענען אויפן האַלב־אינדזל סיני פאָרגעקומען דריי מלחמות, און זיי האָבן זיך געפירט אויף די זעלבע ליניעס: עזה — על־אריש — רימאני — סועץ־קאַנאַל; ניצנה — אבו אגיילא — לביני — ביר־גאַפגאַפאַ — איסמאַלליא; קיסיימאַ — ביר־על־כאַסנאַ — מיטלע דורכפאַר — סועץ־קאַנאַל; אילת — קונטילע — נחל־חמד — מיטלע — סועץ.

סיני איז באַזונדערס וויכטיק פאַר מצרים צוליב עקאָנאָמישע און זיכערהייטס־סיבות. דער צפונדיקער טייל פונעם האַלב־אינדזל האָט צוליב זיין פלאַכקייט אַ באַזונדער גרויסע באַדייטונג ווי אַ בריק צווישן מצרים און ארץ־ישראל, צווישן מצרים, יאַרדאַניע און סאַודיע. פונקט ווי אין די אַמאָליקע צייטן, האָבן זיך דאָ דורכגעשניטן די וויכטיקסטע וועגן. ווען די בני ישראל האָבן געוואַנדערט פון מצרים קיין כנען ווערן דערמאָנט פאָלגנדיקע פיר וועגן:

א) „דער וועג פון פלשתים־לאַנד לענגאויס דעם מיטללענדישן ים־וועג, וואָס ווערט דערמאָנט אין ספר שמות. די בני ישראל האָבן מורא געהאַט צו גיין מיט דעם וועג שרעקנדיק זיך פאַר אַ מלחמה, ווייל אויף דעם וועג זענען אויפגעבויט געוואָרן פעסטונגען. אויף דעם וועג האָבן געפירט זייערע מלחמות די קעניגן פון אשור, בבל און פערסיע, די רוימישע הערשער, די קרייץ־צוגלער, נאַפּאָלעאָן, די ענגלענדער און די סאָלדאַטן פון צה״ל אויפן וועג קיין מצרים שוין צום דריטן מאָל. אויף דעם וועג זענען די כוחות פון צה״ל געקומען פון רפיח און על־אריש, אין יוני 1967, ביז רומני און דעם סועץ.

ב) „דרך שור״, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער היינטיקער שטאָט איסמאַעליע ביים סועץ קאַנאַל אין דער ריכטונג פון קדש־ברנע און ניצנה קיין באר שבע. אויף דעם וועג וואָס האָט געניצט פאַר וואַנדערער און הענדלער, האָט געבלאָנדזשעט הגר, ווען זי איז אַנטלאָפן מיט איר קינד

ישמעאל פאַר שרה (בראשית ט״ז, ז׳). אויף דער ליניע האָט צה״ל צע־בראָכן דעם מצרישן כוח אין דער סיני־אָפּעראַציע (1956) און דער שונא איז אין פּאַניק אַנטלאָפן פון אַבו אַגיילאַ קיין מצרים. דאָס זעלבע האָט צה״ל איבערגעחזרט אין דער לעצטער מלחמה (יוני 1967) און צוריק־געשטויסן די רעשטלעך פון דער מצרישער אַרמיי, וועלכע זענען מיט שרעק אַנטלאָפן.

ג) „דרך האתרים״, דורך וועלכע די בני־ישראל האָבן געפּרוווט אַריינדרינגען אין לאַנד אויפן וועג פון ערד (אַראַד) אין נגב, וועלכער האָט זיי אָפּגעהאַלטן. דער דאָזיקער וועג האָט, וואַרשיינלעך, זיך געצויגן פון קדש־ברנע קיין נחל־צין ביז ערד. די מצרישע אַרמיי האָט געפּלאַנט אין יוני 1967 צו שיקן אַ כוח פון דער סועץ־בוכטע קיין אילת, כדי אָפּ־צושניידן אילת פונעם נגב און אַזוי אַרום באַהערשן ביידע צוגאַנגען צום ים־סוף.

ד) „דורך מדבר ים־סוף״, וואָס האָט זיך געצויגן פון סועץ לענג־אויס דעם וועג פון די מוסולמענישע עולי רגל, וואָס זיינען געקומען פון צפון־אַפריקע און פון מצרים קיין אילת און פון דאָרט ווייטער געגאַנגען די, פאַר זיי הייליקע ערטער מעקאַ און מדינאַ. דער דאָזיקער וועג האָט פאַרבונדן ביידע אָפּצווייגונגען פון ים־סוף, און דעריבער איז ער געווען אַזוי וויכטיק בעת דער סיני־אַקציע אין 1956 און אויך היינט.

פון דעם אויבנגעזאָגטן זעען מיר, אַז אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן די וועגן אין צפון־סיני געדינט פאַר מלחמות, פאַר סוחרים און פאַר קאַראַוואַנען מיט וואַנדערער.

לאָמיר איצט זען מיט וואָס איז דער דרומדיקער טייל פון סיני וויכטיק פאַר מצרים היינט? ער האָט אַ גרויסע עקאָנאָמישע, רעליגיעזע און האַנדלס־באַדייטונג. די עקאָנאָמישע באַדייטונג — נישט ווייט פון דער סועץ־בוכטע, אין ראַס־אַ־סודער געפינען זיך וויכטיקע נאַפט־ברונעמער. אין אום־בונמאַ אין דער סועץ־בוכטע געפינען זיך מצרימס רייכע מאַנגאַן־מינעס וועלכע זענען זייער וויכטיק פאַר דער שטאַל־אינדוסטריע אין דער וועלט.

די רעליגיעזע באַדייטונג: דער מאַנאַסטיר קאַטאַרינאַ איז הייליק פאַר די קריסטן. צום שפּיץ פונעם באַרג סיני קומען אַ סך קריסטלעכע און אַנדערע טוריסטן פון אַלע טיילן וועלט. די דאָרטיקע ריזן־פעלדזן באַצויבערן יעדעס אויג מיט זייער פּילפאַרביקייט און מדברדיקער ווילדקייט.

די האַנדלס־באַדייטונג: דער סועץ־קאַנאַל, וואָס פאַרבינדט דעם ים־סוף מיטן מיטללענדישן ים, טיילט פונאַנדער דעם אַפריקאַנישן קאָנ־טינענט און דעם אַזיאַטישן. דעם קאַנאַל האָט אויסגעגראָבן אַ פראַנצויזי־שע געזעלשאַפט אין די יאָרן 1866־1869 און ער ציט זיך פון פאָרט־סאַיד אויפן מיטללענדישן ים־ברעג ביז צו דער שטאָט סועץ אויפן ברעג פון דער סועץ־בוכטע. די לענג פונעם קאַנאַל איז 160 קילאָמעטער און די ברייט אויפן שמאָלסטן אָרט איז 66 מעטער. די מינימאַלע טיף איז 13 מעטער. דער קאַנאַל פאַרקירצט דעם וועג צו דרום־מזרח אַזיע מיט 4,800 קילאָמעטער.

לויט דעם „פאַקט פון סועץ־קאַנאַל", דאַרף דער דורכפאָר דורכן קאַנאַל זיין פריי פאַר אַלע מדינות אין פרידנס און אין מלחמה־צייט. אָבער מצרים דערלויבט נישט ישראלדיקע שיפן דורכצופאָרן דעם קאַנאַל און די גאַנצע וועלט האָט עס איצט ביז פאַרשוויגן. אַ קענטיקער טייל פון מצרימס הכנסה און רייכקייט שעפט זי פון די שטייערן פאַר דורכ־פאָרן דעם קאַנאַל.

פאַר אונז איז סיני לעבנס־וויכטיק צוליב דריי טעמים:

ערשטנס, כדי צו פאַרזיכערן אונזערע רעכט אויף נאַוויגאַציע פון דעם אינדישן אָקעאַן דורך דעם רויטן ים צום אילת־פּאָרט; צווייטנס, כדי צו פאַרזיכערן די רעכט פון אונזער נאַוויגאַציע דורך דעם סועץ־קאַנאַל, וועלכער פירט פון אינדישן אָקעאַן צום מיטללענדישן ים און צו אונזערע פאָרטן אין דעם דאָזיקן ים. אָן אונזער הערשונג אין דער געגנט פון שאַרם־אַ־שייך (וואָס מיר רופן היינט: מפרץ שלמה) קענען מיר נישט פאַרזיכערן אונזערע נאַוויגאַציע־רעכט, סיי אין אילת־גאָלף און סיי אין סועץ־קאַנאַל; און, דריטנס — מיר האָבן דערוויטערט די נעווראַלגישע ישראל־מצרישע גרענעץ אויף אַ מרחק פון קרוב צו 200 קילאָמעטער.

לאָמיר ביי דער געלעגנהייט דערמאָנען, אַז אין פאַריקן יאָרהונ־דערט איז די גרענעץ פון מצרים נישט געווען אויף דער ליניע רפיה — אילת, נאָר לענגאויס דעם וואדי על־אריש, וועלכער שניידט דורך גאַנץ סיני און וועלכער האָט אַמאָל געהייסן: „נחל מצרים". דער נחל־מצרים ווערט אייניקע מאָל דערמאָנט אין תנ"ך, ווי די נאַטירלעכע גרע־נעץ פון ארץ־ישראל. ערשט אין יאָר 1899 איז די ענגלענדער, וועלכע האָבן דעמאָלט געהערשט אין מצרים, געלונגען נאָך מער צו דערווייטערן די טערקן פונעם סועץ־קאַנאַל, וועלכע האָבן דעמאָלט געהערשט איבער ארץ־ישראל, און זיי האָבן איבערגערוקט די גרענעץ צום מזרח, אויף אַ פאָר צענדליק קילאָמעטער.

דער עזה־פּאַס

אַ צווייטע ענדערונג איז פּאַרגעקומען אין דעם אַזוי גערופענעם עזה־פּאַס. דאָס איז אַ קליין שטיקל לאַנד, וואָס פאַרנעמט אַ שטח פון 800 קוואַדראַט קילאָמעטער. עס איז לאַנג אַ 50 קילאָמעטער און ברייט 8־4 קל״מ. די גרענעץ צווישן עזה־פּאַס און מדינת ישראל איז געווען 59 קל״מ לאַנג. די מצרים האָבן קיינמאָל אָפיציעל נישט געוואָלט געבן די פּאַס־איינוווינער פון דאָזיקן לאַנד מצרישע בירגער־רעכט, זיי האָבן עס געהאַלטן אַלס אַן אָקופּירטע טעריטאָריע, וואָס האָט זיי געדאַרפט דינען אַלס שפּרינג־ברעט צו אַטאַקירן מדינת ישראל. די מצרים האָבן אָקופּירט דאָס דאָזיקע קליין שטיקל לאַנד, וואָס איז געווען באַזעצט בלויז פון אַראַבער, אין יאָר 1948. בעת דער סיני־אַקציע, אין יאָר 1956, האָבן מיר עס געהאַלטן אין משך פון אייניקע חדשים.

דער עזה־פּאַס איז אַ פּרוכטבאַר לאַנד און רייך מיט וואַסער־קוואַלן. עס ציילט אַ 350־300 טויזנט נפשות — דערונטער 250 טויזנט פּליטים, וואָס די מצרים האָבן נישט צוגעלאָזט, אַז זיי זאָלן איבערבויען זייער לעבן. די עקזיסטענץ פון עזה־פּאַס אַלס אַ דראָענדיק מעסער אין קערפּער פון מדינת ישראל איז אַן אומזין. דער פּראָבלעם איז, ווי אַזוי צו לייזן די פּליטים־פּראָגע. נאָר מדינת ישראל קען עס טאָן.

אונזערע גרענעצן אויפן מזרח

ביז דעם 4־טן יוני איז ירושלים געווען אַ צעטיילטע שטאָט און די יאַרדאַניער פלעגן פון צייט־צו־צייט באַשיסן דעם יידישן, נייעם טייל פון ירושלים, פון די אַרומיקע בערג און פון די מויערן פון דער אַלטער שטאָט. דער הר־הצופים, ווו עס האָבן זיך געפונען די געביידעס פונעם העברעאישן אוניווערסיטעט און פון דעם מעדיצינישן צענטער „הדסה״, איז געווען אין אונזערע הענט, אָבער האָט נישט געהאַט קיין טעריטאָריאַלע פאַרבינדונג מיט מדינת ישראל. אין קעגנזאַץ צו די וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַכן, האָבן די יאַרדאַניער נישט צוגעלאָזט די יידן צו זייערע הייליקע מקומות. אויך דער שאָסיי צווישן תל־אביב און ירושלים, דורך לאַטרון, איז אָפּגעשניטן געוואָרן דורך די יאַרדאַניער. מיר האָבן געמוזט פלאַסטערן אַן אומוועג קיין ירושלים.

אַ בליק אויף דער אַמאָליקער מאַפּע ווייזט געווי, ווי יאַרדאַניע האָט געהאַלטן אַ טעריטאָריע מיט אומנאַטירלעכע גרענעצן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קאָפּ מיט אַן אָפּן מויל, האַלטנדיק אין מויל ירושלים.

די אַמאָליקע ישראל־יאַרדאַנישע גרענעצן זיינען געווען 531 קילאָמעטער די לענג. כדאי צו פאַרגלייכן: מיט מצרים (סיני) — 206 קילאָמעטער; מיט סיריע — 76 קילאָמעטער און מיט לבנון (די איינציקע גרענעץ, וועלכע איז געבליבן אומפאַרענדערט נאָכן 6־טאָגיקן קריג) — 79 קילאָמעטער.

דאָס זענען געווען אומנאַטירלעכע און אַבסורדאַלע גרענעצן, וועלכע האָבן ממש איינגעלאַדן צו טעראָר־אַקציעס.

ווי שטייט די לאַגע היינט מיט אונזערע גרענעצן אויפן מזרח?

פון אילת ביז צום ים המלח און פון דאָרט ביז אַ קילאָמעטער העכער פון עין־גדי אויפן ים המלח, איז געבליבן די אַלטע גרענעץ. פון דאָרט, לענג־אויס דעם ים המלח ביז צום אָרט, ווו דער ירדן גיסט זיך אַריין אין ים המלח און דערנאָך, לענגויס דעם ירדן, איז געשאַפן געוואָרן די נייע גרענעץ, אַ דאַנק דעם וואָס צה"ל האָט דעראָבערט יענע פּראָווינץ פון יאַרדאַניע, וואָס מען רופט „הגדה המערבית" (דער מערב־ברעג פון ירדן) — אַ שטח פון 550 קוואַדראַט קילאָמעטער. אַביסעלע העכער בילדעט ווייטער דער ירדן ביז צום כנרת אַזוי ווי פריער, אונזער גרענעץ.

דער נייער שטח נעמט אַרום די יהודה־ און אפרים־בערג, ישוּבים און ערטער, וועלכע זענען דורכגעווייקט מיט אַלטער יידישער געשיכטע: אַלט־ירושלים מיטן כותל המערבי; בית לחם מיטן קבר רחל, חברון מיט דער מערת המכפלה, יריחו מיט די היילן פון די מגילות הגנוזות, שכם מיט די הייליקטימער פון די שומרונים און אַנדערע שטעט און דערפער. עס איז אָפּגעשאַפן געוואָרן דער אַבסורד, וואָס די גרענעץ איז דורכגעגאַנגען אַ פּאָר צענדליק מעטער פון דער כנסת אין ירושלים, 25 קילאָמעטער פון תל־אביב, בלויז אַ פּאָר קילאָמעטער פונעם פּליפלאַץ און 13 קילאָמעטער פון נתניה... אונזער ים־ברעג ביי אילת איז געווען 10 קילאָמעטער די לענג.

היינט איז די גרענעץ מיט יאַרדאַניע אַ נאַטירלעכע און איז אידענטיש מיט דער גרענעץ פון דער אַמאָליקער מאַנדאַטאָרישער פּאַלעסטינע מיט עבר־הירדן פון פאַרן יאָר 1948. די וואָס רעדן קעגן האַלטן דעראָבערטע טעריטאָריעס בעת אַ מלחמה, טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז יאַרדאַניע האָט דעראָבערט איר „גדת מערבית" און מצרים — דעם עזה־פּאַס (שטחים וואָס האָבן צו זיי קיינמאָל נישט געהערט!) דווקא בעת דער מלחמה. דער שווערסטער פּראָבלעם פון דער גדה מערבית פאַר אונז איז די אַראַבישע באַפעלקערונג און די פּליטים, וואָס געפינען זיך אין איר.

דאַניעל קוקיעלקאַ

די רמת הגולן

אַ גאַנץ נייער פּראָבלעם בילדעט מיט זיך די אַזוי גערופענע „רמת הגולן" — דאָס הויכלאַנד פון גולן, וואָס אונזער אַרמיי האָט דעראָבערט אין די לעצטע 2 טעג פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. די גרענעצן צווישן פריערדיקער פּאַלעסטינע (און שפּעטער מדינת ישראל) און סיריע זענען באַשטימט געוואָרן אין 1920 דורך די ענג־לישע אָקופּאַנטן פון פּאַלעסטינע און טראַנסיאַרדאַניע און פון די פראַנ־צויזישע אָקופּאַנטן פונעם לעוואַנט (סיריע און לבנון). די ענגלענדער האָבן געזאָרגט אַז דער גאַנצער ירדן־טייך און דער ים כנרת זאָלן זיין אין די גרענעצן פון פּאַלעסטינע. אייניקע ירדן־קוואַלן (דער חצבני מיטן וזני) זענען אָבער געבליבן אין לבנון און איין ירדן־קוואַל (דער באַניאַס) — אין סיריע.

די סיריער האָבן אויסגענוצט דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן זיך גע־פונען אויפן הויכלאַנד און די ישראלדיקע ישובים אין טאָל און אָנגעטאָן צרות. זיי האָבן אויך געוואָלט אויסנוצן די דעמיליטאַריזירטע זאָנעס כדי אונז צו שטערן אויסצונוצן די ירדן־וואַסערן פאַר לאַנדווירטשאַפט־לעכער איריגאַציע. דאָס לעבן אויף די גרענעץ־געביטן מיט סיריע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנום. עס זענען פאָרגעקומען אומצאָליקע אינצידענטן, וואָס האָבן געקאָסט דאָס לעבן פון ישראל־בירגער. די סי־ריער זענען אויך געווען די עקסטרעמסטע העצער קעגן מדינת ישראל און זיי האָבן אויך די גאַנצע צייט אַריינגעשיקט טעראָריסטישע אינפילט־ראַנטן. ווען זיי האָבן נישט מסכים געווען צום פייער־איבעררייס פון זי־כערהייטס־ראָט, האָט צה"ל אונטערגענומען אַן אָקציע און במשך פון 36 שעה באַזעצט דאָס גולן־הויכלאַנד לענגאויס 70 קילאָמעטער: פון חרמון־באַרג אין צפון ביז דער גרענעץ פון יאַרדאַניע אין דרום, אין אַ טיפקייט פון 20 קילאָמעטער.

אויסער דעם דערמאָנטן באַניאַס־קוואַל, געפינען זיך אויפן דע־ראָבערטן גולן־שטח אייניקע קליינע שטעטלעך און דערפער, פון וואַנען דער רוב פון דער באַפעלקערונג בערך אַ 40 טויזנט נפשות איז אַנטלאָפן. געבליבן זענען בעיקר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן: דרוזן און טשערקעסן.

לאָמיר דערמאָנען, אַז לענגאויס און צו דרום פון ים כנרת האָבן מיר באַפרייט אייניקע ישובים, וועלכע האָבן געהערט צום אַמאָליקן פּאַלעסטינע און די סיריער זיי האָבן פאַרכאַפּט בעת דער מלחמה פון 1948, דערונטער דאָס גרעסערע שטעטעלע על־כאממא מיט אירע באַ־

רימטע הייסע קוואַלן, וואָס האָט געבילדעט אַ מין „צונג" צווישן סיריע און יאַרדאַניע. ביז 1950 האָבן זיך אונזערע כוחות געפונען אין על־כאממא.

צום ערשטן מאָל זינט דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל קענען די ישובים לענגאויס דעם כנרית, דעם ירדן און דעם חולה־טאָל פריי באַאַרבעטן זייערע פעלדער, נישט מורא האָבנדיק פאַר אַ מערדערישער קויל, וואָס קומט פון די סירישע פּאָזיציעס אויף די גולן־בערג. אין אונזערע הענט געפינט זיך אויך די גאַנצע טראַסע פון די אַזוי־גערופענע „אַפּלענקונגס־אַרבעטן פונעם ירדן", וועמענס ציל עס איז געווען אָוועקצונעמען ביי אונז דאָס לעבנס־וויכטיקסטע וואַסער.

לבנון

דאָס איינציקע לאַנד, וועמענס גרענעצן מיט מדינת ישראל עס האָבן זיך נישט געענדערט, איז לבנון. אירע 79־קילאָמעטער־גרענעץ מיט מדינת ישראל האָט זיך נישט געענדערט מיט גאָרנישט. די סיבה איז אַ פּשוטע: לבנון האָט זיך נישט אָנגעשלאָסן אין דעם אָנגרייפערישן בלאָק קעגן מדינת ישראל. זי האָט נישט אָנגעגריפן — איז מיט איר נישט פאָרגעקומען קיין מלחמה.

— יאָ, יאָ, — זאָגט אַלבערט — ס'איז זייער אינטערעסאַנט געווען דער טיול, ווי דו האָסט דאָס אָנגערופן, איבער די דעראָבערטע געביטן. וועלן מיר איצט מאַכן אַ טיול איבער ירושלים. וועגן דער געשיכטע פון ירושלים, פון מיט 4000 יאָר צוריק, ביז היינט. און איך מיין, אַז ס'איז נישט ווייניקער אינטערעסאַנט ווי דער טיול איבער די דעראָבערטע געביטן וואָס דו האָסט דערציילט.

און נישט פרעגנדיק צי מען איז מסכים אָדער נישט, האָט ער אָנגעהויבן לייענען:

אינעם וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך, וואָס ישראל האָט אין יאַנואַר 1949 געשלאָסן מיט מדינת־ירדן איז געווען אַ פּונקט 8, וואָס האָט פאַרזיכערט די בירגער פון מדינת ישראל דאָס רעכט צו באַזוכן דעם כותל המערבי אין דער אַלט־שטאָט ירושלים. וועלכע איז נאָך דעם באַפרייאונגס־קריג פון 1948 איבערגעגאַנגען צו מדינת־ירדן. אָבער גלייך אין די ערשטע טעג נאָכן אונטערשרייבן דעם וואָפנשטילשטאַד־אָפּמאַך האָבן די ירדנער אָפן דערקלערט, אַז זיי וועלן נישט דערפילן דעם פּאַראַגראַף 8 פונעם אָפּמאַך, וואָס דערלויבט יעדן בירגער פון מדינת ישראל צו האָבן אַ צוטריט צום כותל המערבי אין דער אַלט־שטאָט. די ישראל רעגירונג

האָט וועגן דעם זיך באַקלאָגט אין דער אָנו, און אויך ביי אַנדערע אינס־טאַנצן. אָבער די ירדנער האָבן זיך נישט וויסנדיק געמאַכט און אויף אַלע טענות זיך פשוט אויסגעלאַכט.

איז פאַר ישראל געבליבן בלויז אָנצונעמען די גזירה, אָדער צו פאַרשאַפן זיך דאָס רעכט וואָס עס קומט זיי מיט כוח. מ׳האָט וועגן דעם אַ סך דיסקוטירט אין די רייען פון דער ישראל־רעגירונג. אָבער עס איז דערביי געבליבן און אין אַלע 19 יאָר זינט די אַלטע שטאָט ירושלים איז אַריבערגעגאַנגען צו מדינת־ירדן, האָבן יידן פון ישראל דאָרט קיין צו־טריט נישט געהאַט. אויסלענדישע יידן האָבן פון צייט־צו־צייט יאָ באַזוכט די אַלטע שטאָט. געווען ביים כותל המערבי, און אויך געהאַט גרוסן פון זשונאַליסטן, ווי: דער פאַרשטאָרבענער חיים שאַשקעס, אָדער פון יבדל לחיים דזשעסי לוריע פון די „הדסה־בלעטער״ און דער „דזשערו־זאַלעם פאָסט״. אָבער דער כותל איז געשטאַנען פאַריתומט. בלויז אַראַ־בישע קינדער האָבן זיך דאָרט געשפּילט אין משך פון טאָג.

פריער, פלעגט דאָרט שטענדיק, ביי טאָג און אין די אָוונטן, זיין אַ יידישער עולם. אייניקע פלעגן דאָרט זאָגן תפילות, אַנדערע פלעגן דאָרט אַריינשטעקן קוויטלעך אין די שפּאַלטן צווישן די ריזיקע שטיינער, אין וועלכע מ׳פלעגט בעטן ביים אויבערשטן אַ רפואה שלימה פאַר אַ שווער קראַנקן. ערב תשעה באב פלעגן טויזנטער יידן אין ירושלים גיין צום כותל. דאָס גיין צום כותל אין מאַסן, פלעגט זיך אָנהויבן באַלד נאָכן זון־אונטערגאַנג און פלעגט דויערן, זיך ציען ביז פאַרטאָג.

ירושלים איז איינע פון די עלטסטע שטעט אין דער וועלט, עס האָט דאָרט געלעבט אברהם אבינו. ירושלים ווערט דערמאָנט אין די עגיפּטי־שע העראָגליפן שוין אינעם יאָר 2000 פאַר אונדזער צייט רעכענונג, דאָס מיינט מיט 4000 יאָר צוריק.

ישראלים האָבן איינגענומען די שטאָט אין 13־טן יאָרהונדערט פאַר קריסטוס. דוד המלך האָט דעראָבערט ירושלים אינעם יאָר 1000 און האָט זי געמאַכט פאַר דער הויפּט־שטאָט פון זיין קעניגרייך. דוד המלך׳ס זון, שלמה המלך, האָט דאָרט אויפגעבויט דעם בית־המקדש און האָט פאַרוואַנדלט ירושלים אין אַ גייסטיקן און רעליגיעזן צענטער. ווען די יידישע מדינה איז צעטיילט געוואָרן אויף ישראל און יהודה, איז ירושלים געבליבן די הויפּט־שטאָט פון יהודה. אין דער תקופה פונעם מלך צדקיהו איז ירושלים גענומען געוואָרן פון נבוכדנצר, וועלכער האָט צעשטערט ירושלים אינעם יאָר 587 פאַר קריסטוס. אין 538 זענען די יידן צוריקגעקומען פון גלות בבל און אין 455 איז ירושלים ווידער אויפ־

געבויט געוואָרן. אין 320, אַלץ פּאַר קריסטוס, איז ירושלים איינגענו־מען געוואָרן פון די גריכן; אין 165 האָבן די חשמונאים ווידער אויפ־געבויט די שטאָט; אין יאָר 37 האָט דאָרט געהערשט הורדוס, וואָס האָט אויפגעשטעלט אַ סך פּרעכטיקע בנינים.

אין יאָר 70, שוין אין דער היינטיקער צייט רעכענונג, קומט פּאַר אַ רעוואָלט קעגן די רוימער. ווידעראַמאָל ירושלים — אין באַלאַגערונג. ירושלים און דער בית המקדש ווערן פאַרברענט. אין יאָר 136 שטעלן אויף די רוימער אַ נייע שטאָט אויף די חורבות פון ירושלים, וואָס איז געענצלעך רואינירט געוואָרן בעתן בונט פון בר כוכבא. די שטאָט ווערט אויפגעשטעלט צום כבוד וועגן פון אַדריאַנוס, און הייסט „אליא קפּיטו־לינא". יידן ווערט פאַרבאָטן, ביז טויט־שטראָף, דער אַריינגאַנג קיין ירושלים. אין אַ צייט אַרום איז דערלויבט געוואָרן יידן, צו קומען איינ־מאָל אין יאָר קיין ירושלים, כדי צו וויינען אויפן חורבן פון בית המקדש.

עס גייען אַריבער הונדערטער יאָרן, און אין יאָר 614 דעראָבערן די פּערסער ירושלים און זיי גיבן איבער די הערשאַפט איבער ירושלים צו די יידן.. עס דויערט נישט לאַנג, סך־הכל 24 יאָר — און אין יאָר 638 דעראָבערט עומאר, דער זון פון חטאב די שטאָט ירושלים, און ער היט זיין צוזאָג צו די קריסטן, אַז יידן טאָרן נישט קומען קיין ירושלים. אין יאָר 750 געפינט זיך ירושלים אונטער דער הערשאַפט פון דער עבאָס־דינאַסטיע. אין 780 איז ירושלים אונטער מצרישער הערשאַפט.

מיר שפּרינגען אַריבער ביי 320 יאָר; אין יאָר 1099 דעראָבערן ירושלים די קרייציגלער. זיי ליקווידירן די יידישע קהילה וואָס האָט זיך אינצווישן אָרגאַניזירט — און זיי שטעלן איין אין ירושלים דעם צענטער פון זייער רעגירונג.

און אָט אַנדערע דאַטעס, וואָס גייען אַדורך ווי אויפן לויפנדיקן באַנד:

אין יאָר 1141 איז עולה קיין ירושלים דער גרויסער העברעאישער דיכטער און פילאָזאָף רב יהודה הלוי. ער שרייט אויס פון טיפן האַרצן די גרויסע קינה „ציון, הלא תשאלי לשלום אסיריך".

אין יאָר 1187 דעראָבערט ירושלים צאלח א דין און דער יידישער ישוב ווערט דאָרט באַנייט. און אָט אין 1259 — קומען טאַטאַרישע איינ־וואַדאָרן און מאַכן חרוב די שטאָט. אין 8 יאָר אַרום — 1267 (מיט 700 יאָר צוריק, לויט די היינטיקע דאַטע, באַנייט דער רמב"ן דעם יידישן ישוב אין ירושלים. (געפונען דאָרט בעת ער איז געקומען, בסך הכל צוויי יידישע פאַרבערס).

און אַט ווידעראַמאָל אַ שפּרונג איבער אַ תקופה פון 270 יאָר; דער טערקישער סולטאַן סאַלים דעראָבערט ירושלים, און אין יאָר 1538 בויט דער סולטאַן סולימאַן („דער פּרעכטיקער") די נייע מויער פון ירושלים. זאָל דאָ אויך געזאָגט ווערן די דאַטע פון יאָר 1546, בעת ירושלים האָט דורכגעמאַכט אַן ערד־ציטערניש.

עס גייען בערך 150 יאָר — און אין יאָר 1701 קומט פאָר די עליה קיין ירושלים פון ר' יהודה החסיד און זיין גרופּע.

און אַט אַ ביסל דאַטעס פון 19־טן יאָרהונדערט: אין 1840 איז ווידעראַמאָל ירושלים אונטער דער הערשאַפט פון די טערקן. וואָס שייך דער אַנטוויקלונג פון ירושלים; אין 1857 בויט זיך די מיל ביים אַריינגאַנג אין שכונה ימין משה. (אויפן נאָמען פון סער משה מאָנטעפיאָרע). אין 1859 איז דערוואָרבן געוואָרן דער באַרג פון מוצא. אין 1860 איז געבויט געוואָרן די ערשטע שכונה אויסערהאַלב די מויערן פון אַלט ירושלים. אין 1869 איז געפלאַסטערט געוואָרן דער שאָסיי יפו־ירושלים. אין 1895 איז געגרינדעט געוואָרן די שכונה מאה שערים.

אין יאָר 1892 מיט 75 יאָר צוריק, איז געעפנט געוואָרן די באַן־סטאַציע אין ירושלים און עס איז געפייערט געוואָרן די דערעפענונג פון דער באַן־ליניע אין שפלה. אין זעלבן יאָר איז געגרינדעט געוואָרן די קאָלאָניע עטרות. נאָכדעם איז זי פאַרלאָזן געוואָרן און ווידער געבויט געוואָרן דורכן קרן היסוד אין יאָר 1922, און אין יאָר 1948 איז זי חרוב געוואָרן. עטרות איז אויפן באָדן פון דעם אַראַבישן דאָרף קאַלאַנדיאַ, לעבן ראַמאַללה ווו עס געפינט זיך איצט דער פּלי פלאַץ. (איצט אין די הענט פון צה"ל). אין זעלבן יאָר 1892 איז אויפגעשטעלט געוואָרן די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק, און נאָך אַ געשעעניש אין אַ טייל פון דער גרויסער אוניווערסיטעט ביבליאָטעק. אין דער זעלבער צייט איז גע־גינדעט געוואָרן די שכונה ימין משה, אַ שכונה וואָס האָט געשריבן הערלאישע קאַפּיטלעך אין גוראַנגל פאַר ירושלים, אין פאַרשידענע צייטן.

און לאָמיר נישט פאַרגעסן נאָך אַ דאַטע: אין 1898 האָט באַזוכט ד"ר הערצל, דער וויזיאָנער פון „יודענשטאַט", ירושלים.

און אַט ירושלימער דאַטעס פון 20־טן יאָרהונדערט: אין 1914 אין סאַמע יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דערוואָרבן געוואָרן דער באָדן אויפן הר הצופים, פאַרן בוי פונעם העברעאישן אוניווערסיטעט. דער עצם דערווערב פון דאָזיקן באָדן איז אַן עדות פון דער גרויסער אמונה פונעם יידישן פאָלק אין דער אייביקייט פון ירושלים.

און אַט, דער 9־טער דעצעמבער 1917: דאָס בריטישע מיליטער גייט אַריין אין ירושלים, און דעם 4־טן אַפּריל 1920 — בלוטיקע אומ־רוען אין ירושלים קעגן יידן.

און דער „קאַראַוואַן גייט זיין וועג": אין 1922 — די גרונטשטיין לייגונג פאַר דער שכונה בית הכרם. אין 1924 די גרינדונג פון דער מושבה נוה יעקב, ביי עטרות. (ליידער חרוב געוואָרן אין יאָר 1948); אין 1925 — רמת רחל, אַ ישוב פון קרן היסוד אין דרום פון ירושלים. דעם 23־טן אויגוסט 1929 איז רמת רחל פאַרלאָזן געוואָרן און חרוב גע־וואָרן דורך אַראַבישע פּאַגראָמטשיקעס. אין זעלבן יאָר איז געווען אַ שחיטה אין מוצא, און עס זענען פאַרגעקומען אָנגריפן פון די אַראַבישע פּאָגראָמטשיקעס אויף די יידישע שכונות אין שטאָט. אין זעלבן יאָר איז געגרינדעט געוואָרן די שכונה בית וגן, און אין יאָר 1930 איז רמת רחל רעהאַביליטירט געוואָרן.

און אָט אַ שפּרונג צום יאָר 1948: אין יאַנואַר 1948 עקספּלאָזירט די „הגנה" דעם האָטעל „סמיראַמיס" וואָס האָט געדינט ווי אַ צענטער פאַר די אַראַבישע כנופיות. דעם 16־טן יאַנואַר 1948 איילן די 35 גבורים צו הילף פון באַלאַגערטן „גוש עציון" און זיי פאַלן אויפן וועג צום „גוש עציון" אָט דער דאָזיקער בלאָק האָט געהאַט פאַרשידענע ישובים וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן דורכן קרן היסוד.

און אָט קומען שווערע טעג פאַר ירושלים. עס זענען עקספּלאָדירט געוואָרן בנינים אין בן יהודה גאַס, אין סאַמע האַרץ פון ירושלים. עס איז עקספּלאָדירט געוואָרן דער בנין פון קרן היסוד און עס זענען געפאַלן פון דער דאָזיקער עקספּלאָזיע 13 פּערזאָן, צווישן זיי דער לאַנגיאָריקער דירעקטאָר פון קרן היסוד, לייב יפה.

אין אַפּריל האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַרמעסט „נחשון", און עס זענען פאַרגעקומען שווערע קאַמפן אויפן קאַסטעל. ביז אַ פלמ"ח־איינהייט האָט אים דעראָבערט. און דעם 30־טן אַפּריל האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע פאַר דעראָבערן קאַטאַמאָן אין ראַם פון דער אַקציע „יבוסי".

אין דעם זעלבן יאָר איז קאַטאַמאָן דעראָבערט געוואָרן, אָבער גוש עציון איז געפאַלן אין די הענט פון שונא, פאַרלאָזן עטרות פון נוה יעקב. געווען שווערע קאַמפן אין דער אַלט־שטאָט. און דעם 28־טן מאַי האָט זיך אונטערגעגעבן דער ישוב וואָס איז געשטאַנען מיט אַ וואונדערבאַרער גבורה ביז צום סוף.

**
*

און וואָס שייך דער עציון־בלאָק, איז זייער וויכטיק דאָ דערציילט צו ווערן וועגן די טראַגישע געשעענישן פון דער באַפרייאונגס־מלחמה, וואָס איז געשריבן געוואָרן פון דעם גוט באַקאַנטן יידישן שרייבער פון פּאַריז — משה לבני — אין זיין אַרטיקל „כפר עציון":

אַ גרופּע יונגע חלוצים האָט זיך מיט איניקע טעג צוריק אינסטאַלירט אין כפר עציון, ווו זייערע עלטערן זענען מיט קנאַפּע 20 יאָר צוריק געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט אין דער שלאַכט פאַר ירושלים און איר אומגעגנט. וואָס איז געווען איינער פון די שוידערלעכסטע עפּיזאָדן אין באַפרייאונגס־קריג פון ישראל. דער צוריקקער אַהיים אין איינעם פון די באַדייטונגספולסטע היסטאָרישע פּונקטן פון ארץ־ישראל און צו דער ערד, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט בלוט פון יידישע גבורים.

גוש־עציון, דער עציון־בלאָק, געפינט זיך אין די בערג פון חברון. אַרום 25 ק"מ דרום צו פון ירושלים, אויף אַ הויך פון קנאַפּע 1000 מעטער איבערן ים־פלאַך. 4 ישובים זענען דאָרט געווען: כפר־עציון, משואות־יצחק, עין־צורים און רבדים. דער ערשטער, כפר־עציון, איז געגרינדעט געוואָרן אין 1943 דורך אַ ייד מיטן נאָמען ש. צ. האָלצמאַן, וועלכער האָט העברעאיזירט זיין נאָמען אויף עציון, און אַזוי איז דאָס דאָרף און די געגנט אָנגערופן געוואָרן.

די געגנט אין האַרץ פון די יהודה־בערג, איז רייך אין באַרימטע היסטאָרישע ערטער און געשעענישן. נאָענט פון דאַנען געפינט זיך דער עמק אלה, ווו דוד האָט באַזיגט דעם פּלשתי גלית. אַ ביסל ווייטער געפינט זיך דער עמק ברכה, ווו יהושפט, דער מלך פון יהודה האָט באַזיגט מואב און עמון. אין דער געגנט פון גוש־עציון האָבן די מכבים אָפּגעהאַלטן זייער גלענצנדיקן זיג אין צווייטן יאָרהונדערט פאַר אונדזער צייטרעכענונג קעגן די גריכן, וואָס האָבן געריטן אויף זייערע עלעפאַנטן אין דער ריכטונג פון ירושלים. אין דער שלאַכט איז עס געפאַלן אלעזר המכבי.

ווי נאָר עס איז באַקאַנט געוואָרן אין נאָוועמבער 1947 דער אָנובאַשלוס וועגן דער גרינדונג פון מדינת ישראל און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די בלוטיקע אַראַבישע אָנפאַלן, האָט זיך עציון־בלאָק געפונען אין אַ זייער געפערלעכער סיטואַציע. אַלע וועגן, וואָס האָבן געפירט צו די פיר יידישע דערפער זענען אָפּגעשניטן געוואָרן. די אַראַבער זענען באַפאַלן די יידישע קאַראַוואַנען וואָס האָבן געפּרוּווט צו ברענגען שפּייז און הילף די איינוווינער פון גוש־עציון. דעם 16־טן יאַנואַר 1948 האָט

אַ גרופּע פון 35 יונגע הגנה־קעמפער געפרוווט צו דערגיין פון ירושלים דורך שמאָלע באַרג־סטעזשקעס צו גוש־עציון. טויזנטער אַראַבער האָבן זיי באַפאַלן און אַלע 35 זענען געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט. ס׳איז געווען איינער פון די טרויעריקסטע טעג פאַרן ישוב.

די פאַרטיידיקער פון גוש־עציון האָבן דערנאָך אויסגעבויט אַ קליינעם אַעראָדראָם אויף וועלכן עס האָבן געקענט לאַנדן נאָר גאַנץ קליינע אַוויאָנען, וואָס האָבן זיי געבראַכט שפּייז, וואַסער און אַמוניציע. אַ דאַנק דעם האָבן זיי באַזעצט אייניקע וויכטיקע סטראַטעגישע פּאָזיציעס, ווי דאָס אַראַבישע דאָרף חורבת־זכריה, דעם רוסישן מאָנאַסטיר נעבן שאָסיי חברון־ירושלים א. אַ.

אין מערץ 1948 איז אַ געפּאַנצערטע קאָלאָנע פון ירושלים געלונגען צו דערגיין צו גוש עציון מיט שפּייז און אַמוניציע. אויף צוריקוועגס איז אָבער די קאָלאָנע באַפאַלן געוואָרן דורך מאַסן אַראַבער, געשטיצטע פון ענגלענדער מיט אַ סך געווער. אין דער דאָזיקער שלאַכט האָט זיך צום ערשטן מאָל באַטייליקט אַ ישראלדיקער אַוויאָן. דער אָפיציר פון דער גרופּע האָט זיך באַפעסטיקט אין אַ פּאַנצער וואָגן און האָט געדעקט מיט אַ פייער זיין גאַנצע גרופּע, וועלכע האָט זיך געקענט צוריקציען. ווען ער האָט געזען אַז ער וועט זיך נישט קענען ראַטעווען, האָט ער זיך אויפגעריסן מיט זיין פּאַנצער און מיט זיינע פאַרוווּנדעטע חברים. ער איז עס איינער פון די 12 אויסגעצייכנטע גרעסטע גבורים פון ישראלדיקן באַפרייאונגס־קריג.

דערווייל האָט דער אַראַבישער לעגיאָן צוזאַמען מיט מאַסן אָרטיקע אַראַבער באַזעצט חברון און די אומגעגנט און דעם 4־טן מאַי 1948 האָבן די אַראַבער אָנגעהויבן אַ גענעראַל אַטאַקע קעגן די 4 דערפער פון גוש עציון מיט אַ ריזיק גרויסן כוח פון 3 ענגלישע טאַנקן, 15 פּאַנצער־אויטאָס, אַרטילעריע, רעגולערע אינפאַנטעריע, אָנגעפירט פון ענגלישע אָפיצירן און אַ מאַסע פון טויזנטער באַוואָפנטע אַראַבער.

דער אָנגריף איז געמאַכט געוואָרן פון אַלע זייטן. צוערשט אויף דעם סטראַטעגישן פּונקט איכּף־מוכתר, וועלכן עס האָבן פאַרטיידיקט קוים 15 קעמפער פון גוש עציון. צוויי טעג פאַר דעם, ווי די ענגלענדער האָבן פאַרלאָזן ירושלים, האָט דער אַראַבישער לעגיאָן קאָנצענטרירט זיינע בעסטע אייגהייטן און פּאַנצער גרופּעס און צוזאַמען מיט גרויסע באַנדעס אַראַבער פון בית־לחם, חברון און ירושלים האָבן זיי אַטאַקירט כּפר־עציון. אַלע פאַרטיידיקער פון כּפר־עציון זענען געפאַלן דעם 13־טן

מאַי 1948. צומאָרגנס, אין טאָג ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די מדינה, זענען די אַנדערע דריי דערפער פון גוש עציון געווען געצוווּנגען זיך אונטערצוגעבן און זיי זענען גענומען געוואָרן אין געפענגעניש דורכן אַראַבישן לעגיאָן.

בעת דער דאָזיקער שלאַכט זענען אין די 4 דערפער פון גוש עציון געווען 422 יידישע קעמפער און קעמפערינס. פון זיי זענען געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט 154, אין געפאַנגענשאַפט זענען אַריינגעפאַלן 268.

אין גוש עציון און אויף די וועגן צו גוש עציון זענען געפאַלן 232 יידישע קעמפער, זיי זענען אַלע געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן הר־הרצל אין ירושלים.

זייער קרבן איז אָבער נישט געווען אומזיסט. אַ דאַנק דעם, וואָס די העלדישע פאַרטיידיקער פון גוש עציון האָבן מיט זייער פאַרצווייפלטן קאַמף געצוווּנגען דעם אַראַבישן לעגיאָן צו קאָנצענטרירן אין דעם אָרט די בעסטע און גרעסטע כוחות איז מעגלעך געוואָרן פאַר די הגנה־כוחות צו דעראָבערן דעם גרעסטן טייל פון ירושלים, ווי נאָר די ענגלענדער האָבן פאַרלאָזן די שטאָט.

דער עציון־בלאָק האָט אַ דאַנק דעם העלדישן קאַמף פון זיינע פאַרטיידיקער צוגעצויגן און פאַרבונדן במשך לאַנגע טעג גרויסע כוחות פון לעגיאָן און דערמיט האָט ער דערמעגלעכט צו ראַטעווען ירושלים פון די אַראַבער, אָפּצושטויסן דעם אַראַבישן כוח און צו באַזעצן די שטאָט.

איצט זענען די קינדער פון די איבער 200 געפאַלענע גבורים צוריקגעקומען צו זייער ערד, וואָס האָט איינגעזאַפּט דאָס בלוט פון זייערע עלטערן, כדי אָנצוהייבן אויף דעם הייליקן אָרט אַ ניי לעבן און מיט שווייס פונדאַסניי צעאַקערן דעם באָדן, וואָס איז זיי טייער און וואָס איז במשך 20 יאָר פאַרוואַקסן געוואָרן מיט ווילדע געוויקסן און באַפּעלקערט געוואָרן פון שאַקאַלן.

***

ווען ער האָט געענדיקט לייענען אָט די ביז גאָר אינטערעסאַנטע שורות פון ירושלים, און פון גוש־עציון, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— כ׳וויל דאָ נאָך צוגעבן אַ פּאָעמע, וואָס איז אַ געזאַנג צו ירושלים, און ס׳איז אַ שאָד ס׳זאָל פאַרלוירן גיין, די פּאָעמע הייסט:

— ירושלים — פון יעקב צבי שאַרגעל.

דיך האָב איך גערופן דורך טרערן און דורך תפילות,
אין שעה פון רו און ווען געשמיסן מ׳האָט מיין לייב,
דיין וועג פון גבורה — מיט מיין גאַנצן זיין איך פיל עס, —
פילט אַן מיט חיות דעם לעצטן איבערבלייב.

דיך האָב איך געלעבט דורך אַלע אַלע דורות;
צו דיר האָב איך געהאַפט אויף אַלע וועגן, —
דערפאַר אַצינד פאַרטרייב איך אַלע מורא׳ס,
און מיט אַן אָפן האַרץ איך גיי דיין היינט אַנטקעגן.

צו דיר האָב איך געשמייכלט וויינענדיק אין וויגל,
מיט דיר האָט מיך געגערט מיין מאַמעס זיסער זאַפט.
אַצינד איך שטיי דערשטוינט אין סאַמע העלן עיגול,
נאָך יעדער שחיטה טאָפּלסטו מיין קראַפט.

מיט דיר האָב איך געשאַפן יאָר נאָך יאָר,
און אין יום־טוב־טעג מיט דיר געטרונקען קידוש —
אַצינד מיט פולע לונגען פון זינגענדיקער וואָר,
איך זינג דיין זיין אויף מיין מאַמעס לשון — יידיש.

— און איצט וויל איך פאַרענדיקן מיט אַ פּאָר ווערטער וואָס איז אויך אַ געזאַנג צו ירושלים. פון יאָסל חריף.

„גייען מיר פאַרחלומטע, דאָס מויל מיט געלעכטער אָנגעפילט און די צונג מיט געזאַנג, איבער גאַסן און געסלעך פון ירושלים, און פאַר אונדזערע אויגן לייכטן די שטיינער פון די ווענט אַרויס ווי אַ באַהאַלטן ליכט נאָך אַ גרויס פינצטערניש, וואָס אַנטפּלעקט זיך פּלוצים, און עס באַלייכט אונדז נייע וועגן און שטעגן אויף אונדזער צוריקקום אין אויסלייזערישן וועג, אין די אָפענע טויערן פון באַפרייטן ירושלים״...

— נו? — פרעגט גורעלי — וואָס נאָך איז דאָ צו דערציילן?

— ס׳איז דאָ — ענטפערט מאַרעק — נישט קיין סך, כ׳וויל דאָ איבערגעבן וועגן די סאָוויעטישע נאָטע צו ישראל, וואָס האָט אַרויסגע־רופן אַ שטורעם, אַלזאָ, קודם־כל די נאָטע.

אין תל־אביב איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די נאָטע וואָס דער

ראַטנפאַרבאַנד האָט צוגעשיקט דער ישראל־רעגירונג ביי דער געלעגנהייט פון זייער איבעררייסן די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט ישראל.

אין דער דאָזיקער נאָטע וואַרפט מאָסקווע פאָר דער ישראל־רעגירונג, אַז זי האָט אָנגעוואָנדן „היטלערישע אינוואַזיע־מעטאָדן, דעפּאָרטאַציעס פון דער באַפעלקערונג, דאָס אינסטאַלירן מיליטערישע פולמאַכטן אין די אָקופּירטע געביטן״. די צייטונג „ל׳אָראָר״, וואָס ברענגט די ידיעה גיט צו:

„די דאָזיקע נידערטרעכטיקייט קומט דווקא פון אַ לאַנד, וואָס איז באַקאַנט מיט איר אויפפירונג אין די געביטן, וואָס זי האָט דעראָבערט ביי זירע פיינט און אפילו ביי אירע פריינד ווי צום ביישפּיל אין פוילן.

די אומפאַרשעמטקייט פון סאָוויעט־רוסלאַנד האָט באמת נישט קיין גרענעץ, אַ לאַנד ווו שרייבער און קינסטלער שמאַכטן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווו מיליאָנען אומשולדיקע זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די קאַטאָרגעס, אַן „אַרבעטער־רעגירונג״ וואָס באַוואָפנט עגיפּטן כדי זי זאָל פאַרניכטן יעדן מאַן, יעדע פרוי, און אַלע קינדער פון ישראל, צאָרנט וואָס די קרבנות, וואָס נאַסער האָט געוואָלט טאָטאַל פאַרניכטן, האָבן זיך נישט געלאָזן אויסשעכטן״.

שוין איינמאָל אַ פּראָלעטאָרישער הומאַניזם!

***

און איצט וועגן אַ באַדויערנדיקן באַשלוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון די אַלע פּראָנט־קעמפער וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס פאַר די מזרח לענדער, און אויב איך האָב געזאָגט, אַ באַדויערנדיקער באַשלוס, איז עס אָבער מענטשלעך און ווירדיק!

עס געפינען זיך אין ישראל אָנטיילנעמער אין מלחמות פון די פאַרשידנסטע לענדער אינעם מזרח־בלאָק. פאַראַן קעמפער, פאַרדינסטפולע מענטשן, וועלכע האָבן באַקומען אויף די פּראָנטן הויכע אויסצייכענונגען און אָרדנס. דער רוב האָבן זיך באַטייליקט אין סאָוויעטיש־דייטשן־קריג. אויך אין פוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, יוגאָסלאַוויע, בולגאַריע, א. אַ. וו. זענען מיר עדות פון אַן אומגעווייטלעכן אַקט, די טויזנטער קעמפערס און אינוואַלידן, האָבן אַלס פּראָטעסט קעגן דער פיינטלעכער שטעלונג צו די לעבנס־אינטערעסן פון יידישן פאָלק — מצד די מזרח־לענדער — באַשלאָסן צוריקשיקן זייערע אויסצייכענונגען און אָרדנס די גענעראַל־שטאַבן פון יענע לענדער, וועלכע האָבן זיי אויסגעצייכנט.

דער פּראָטעסט איז נישט סתם קיין פאָרמעלער אַקט, נאָר אַן אויסדרוק פון אָנגעזאַמלטן צאָרן און נאַציאָנאַלן שטאָלץ. ס׳איז שווער אָנצוגעבן גענויע ציפערן וועגן דער צאָל קעמפער און געפאַלענע יידן אויף אַלע פראָנטן אָנהייבנדיק פון אומאָפּהענגיקייט קאַמפן און אויפשטאַנדן. שפּעטער ביים פאַרטיידיקן וועסטערפלאַטע, און ביי דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע. אויף די פּאָזיציעס אין אוקראַינע, ביי מאָסקווע, ביי דער בלאָקאַדע פון לענינגראַד, אין פייער פון סטאַלינגראַד. שפּעטער אונטער לענינאָ, ביי דער ווייסל ביז בערלין און פּראַג; אין די אַטריאַדן פון קאַלפּאַק און טיטאָ.

צענדליקער טויזנטער יידן האָבן דאָרט זייערע לעבנס איבערגעלאָזט, פיל לעבנגעבליבענע זענען געוואָרן אינוואַלידן. האָבן דעריבער די יידן־זעלנער און פּאַרטיזאַנער, מיט שטאָלץ אָפּגעהיטן די אויסצייכענונגען אין די צייטן פון וואָגלענישן און זיי מיטגענומען מיט זיך קיין ישראל. אין שווערע מינוטן, האָבן אפשר די דאָזיקע סימבאָלן, אויף

קופּער אויסגראַווירטע צייכנס, געטרייסט, געוואָרעמט, אינספּירירט זכרונות וועגן יענע פאַרגאַנגענע שווערע טעג אין די קאַמפן, וויפיל קרבנות אָן מצבות, וויפיל אַנאָנימע קברים — ווי גרויס וואָלט באַדאַרפט זיין דער דענקמאָל פון „אומבאַקאַנטן יידישן זעלנער״, וועלכן קיינער האָט ביז היינט נישט אויפגעשטעלט!

איצט, אין די שווערע מאָמענטן פאַרן קיום העם אין די גרויסע זעקס־טעג פאַרן יידישן גורל, האָבן יענע פעלקער פון מזרח־בלאָק געשטעלט זיך אין איין פּאָזיציע מיט די פיינט פון ישראל, אין שפּיץ פון די פיינטלעכע כוחות; געהאָלפן זיי מיט וואָפן, אינסטרוקציע און העצפּראָפּאַגאַנדע, דערקלערנדיק ישראל, די יידן, פאַר נאַציס און אימפּעריאַליסטן.

אַלע יענע בלוט־פאַרבינדעטע מיט די פעלקער פון מזרח — די אָרדן־טרעגערס — פון יענע לענדער, וועלכע האָבן מיט פּיעטעט געהיטן די אויסצייכענונגען, האָבן געפילט אויף זיך דעם שפּיי אין פּנים, געפילט זיך געטראָפן, באַליידיקט, אַלס יחידים און אַלס יידישער קאָלעקטיוו.

געוויס איז נישט מיט קיין לייכטן געמיט און נישט אָן טיפן איבערלעבן, נישט אָן אַ האַרץ־ציטער, געפאַלן דער באַשלוס.

אפשר וועט דערגיין צום באַוווסטזיין פון יענע מלוכה־מענער און מיליטער־לייט, אַז זיי האָבן פאַרראַטן דעם צוזאָג, דעם דעוויז — „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט״.

דער דאַזיקער אַקט איז טראַגיש אין זיינע אומשטענדן — אָבער מענטשלעך — ווירדיק.

טאַקע מענטשלעך און ווירדיק — זאָגט גורעלי, און נאָך אַ ווײַלע פון אַלעמענס שטיל־שווייגן, האָט ער פאַרגעזעצט — און איצט מײַנע ליבע, ס'איז טאַקע שוין שפּעט, אָבער מאָרגן איז דאָך שבת, קיינער דאַרף נישט גיין צו קיין שום באַשעפטיקונג, וועט איר מיר דערלויבן, אַזוי ווי איך האָב דאָ אַ יוגאָסלאַווישע צײַטונג, וואָס שילדערט די מלחמה אין סיני, און וואָס איז העכסט אינטערעסאַנט, און טאַקע דערפאַר וואָס די שורות זענען געדרוקט געוואָרן אין יוגאָסלאַוויע, און ביז איצט, האָבן מיר נאָך נישט געהערט קיין שילדערונג פון קיינעם וועגן דער שלאַכט אין סיני, מעגט איר דאָס הערן:

קיינער איז נישט געווען קעגן, האָט גורעלי אָנגעהויבן לייענען:

— אָט איז אַ רעפּאָרטאַזש פון יוגאָסלאַווישן זשורנאַליסט זשיווקאָ מיליץ, וועלכער איז געווען אין ישראל אין די טעג פון קריג.

**
*

„אין מדבר זענען נישטאָ קיין שטיינער, די פאַרבינדונגס־קאַנאַלן פון דער עגיפּטישער פאַרטיידיקונג זענען אַלזאָ געבויט געוואָרן פון גרויסע בעטאָן־בלאָקן, וועער ווייס פון וואַנען מען האָט זיי געבראַכט, די פאַרבינדונגס־קאַנאַלן זענען געבויט געוואָרן אַזוי, אַז אויך היינט האָבן זיי דאָ, אין אבו עגילה אַזאַ מין געאָרדנטן אויסזען.

נאָך איצט פײַפט דער ווינט אין די קאַנאַלן און זיי פּילן זיך אָן מיט זאַמד... דאָס ברויט פון דעם זעלנער וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן מסתמא ביים עק פון דעם קאַנאַל, ווערט אויסגעטריקנט אונטערן ברענענדיקן פייער פון דער זון, די לענגלעכע לעבלעך ברויט ליגן ווי זיי וואָלטן געוואָרט אויף דער זון, זי זאָל אויך אָפּקאָכן דעם גולאַש אין די קאָנסערוון־שאַכטלען, וואָס ליגן צעוואָרפן איבערן שטח.

אַוועקגעוואָרפענע מונדירן, היטלען, וועש — אַזוי ווי מיסט. און אין איינעם פון די בונקערס — אַ זײַדענע פּיזשאַמע... און אַ העפט וואָס דער ווינט שפּילט זיך מיט זײַנע זײַטלעך, זענען אָרײַנגעשריבן לעקציעס פון העברעאיש. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין דער דאָזיקער איינהייט האָט מען נישט דערוואַרט קיין מפּלה, נאָר אַ פאַרויסמאַרש איבער דער ישראלדיקער גרענעץ.

דער מדבר איז אַ משנהדיקער שלאַכט־פעלד, ער איז געגליכן צו אַ פאַרמאַכטן און פאַרשלאָסענעם פאַרום, אין וועלכן קיינער קאָן נישט

אַריינגייען, אויב ער איז נישט אַדורך דורך די טויערן, די אַספאַלט־פּאַסן, די שאָסייען, נישטאָ דאָרט קיין שטעט און נישט קיין דערפער. נישט קיין פלאַנצן און נישט קיין גערעטעניש, וואָס מען דאַרף אָפּהיטן, און נישט קיין שאָטן פון קיין ביימער, אונטער וועלכע אַ מענטש אָדער אייזל זאָל קענען געפינען אַ באַהעלטעניש. אין מדבר זענען אפילו נישטאָ קיין צושויער פון דער דאָזיקער מלחמה, אויסער די ווייניקע צעוואָרפענע בעדואינער.

דער זאַמד אין מדבר איז ווי אַ ים אין וועלכן מען קען נישט שווימען, מען קען זיך נישט אויסבאַהאַלטן אין אים פאַר די אַעראָפּלאַנען און פאַר די חוצפּהדיקע פייגל וואָס פליען איבער אים, אין מדבר קען מען זיגן אין שלאַכט אויך ווען די כוחות־פאַרהעלטענישן זענען דריי צו זיבן, ווי דאָס איז געווען די לעצטע שלאַכט אין סיני, און אויך דאָ נעבן אבו עגילה פרעגט דער מענטש זיך אַליין, און נישט צום ערשטן מאָל: ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? פאַר די פאָרטיפיקאַציע־ליניעס, וואָס זענען געבויט געוואָרן אַזוי זאָרגפעליק און זענען פאַרבונדן געוואָרן מיט פאַרבינדונגס קאַנאַלן, פאַרן סיסטעם פון די אונטערערדישע בונקערס, איבער וועלכע עס שפּרייטן זיך אויס ביז היינט צו טאָג מינע־פעלדער ווי אַזוי האָבן די ישראלים מצליח געווען אַריינצודרינגען אין אַזאַ פּאָזיציע?

אַ ביסל ווייטער באַווייזט זיך אַן אויסערגעוויינלעך בילד; די וויסטע איז פול מיט רוסישע אותיות, דער קירילישער בוכשטאַב — אויף יעדן אָרט; אויף די לאַסט־אויטאָס אויף די אינסטרוקציע־טאָוולען פון די טאַנקן, אויף די האַרמאַטן, אויף די אַמוניציע קעסטלעך, אויף די קוילן־וואַרפערס, און אויף די אויטאָ־רייפן, וואָס זענען צעוואָרפן אויפן ווינט.

אין די שיך פעלט אפילו נישט קיין נאָגל, נישטאָ קיין לאַטעס אויף די מונדירן, נישטאָ קיין אויסגעריבענע אויטאָ־רייפן, אַלץ איז ניי, מאָדערן, און דאָך, דאָס דאָזיקע גאַנצע בילד דאָ, אין אבו עגילה, זאָגט: מפלה.

— ווי אַזוי איז דאָס געווען מעגלעך? — וואונדער איך זיך ווידער.

— עס וואָלט כדי געווען צו געפינען דעם אייגנטימער פון דער פּיזשאַמע און רעדן מיט אים וועגן דעם — זאָגט דער באַגלייטער. ער מיינט, אַז זי האָט געהערט צום קאָמאַנדיר פון דער עגיפּטישער פּאָזי־ציע, אין די דריי ישראלדיקע דיוויזיעס, וואָס האָבן געזיגט אין מדבר, איז נישט געווען קיין איין זיידענע פּיזשאַמע...

— פון הינטערלאַנד — זאָגט דער באַגלייטער — אין ערשטן טאָג

פון דער שלאַכט האָבן מיר אַראָפּגעלאָזט הינטער די פּאָזיציעס פּאַראַ־שוטיסטן פון אַ העליקאָפּטער. מיר זענען דערשינען פון אַן אומדער־וואַרטער ריכטונג...

די זעלבע זאַך איז געווען נעבן עזה, און אויך אין רפיח און דאָ אין אבו עגילה. פון הינטן איז די פּאָזיציע געווען באַשיצט דורך אַ קורצן טונעל און צוויי קוילן־וואָרפערס. און אַזוי אין יעדן אָרט חזרט זיך איבער די זעלבע געשיכטע; ישראל־זעלנער באַוויזן זיך פון הינטערלאַנד! איז דאָך באַוווסט, אַז אין יעדער מלחמה שטרעבט דער פיינט צו קומען דווקא פון דאָרטן.

איך שפּאַציר פון איין האַרמאַט צום צווייטן, צווישן איין כלי און דער אַנדערער וואָס זענען פאַרזייט געוואָרן אין די דאָזיקע לאַנדשאַפטן און זענען ווי איבערנאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואַלד פון שטאָל אינמיטן מדבר, אין אַ פאַרלאָזענעם טאַנק פון סאָוויעטישער פּראָדוקציע מיט אַן אינסטאַלאַציע פון נאַכט־לענקונג מיט דער הילף פון אינפראַ־רויטע שטראַלן, האָט דער ספּידאָמעטער זיך אָפּגעשטעלט אויפן נומער 1085 קילאָמעטער. דאָס איז דער מרחק, וואָס האָט אים דערמעגלעכט אָנצוקומען אַהער, דער ציפערבלאַט פון די שאָסן ווייזט, אַז זיין האַרמאַט האָט אַרויסגעשאָסן נאָר 9 סנאַריאַדן און די דאַטעס זענען פון פאַר דער מלחמה, די שאָסן זענען אָפּגעגעבן געוואָרן בעת די איבונגען...

פון אַ סך האַרמאַטן־לופעס זענען אפילו די לייוונטענע און לע־דערנע שוץ־דעקן נאָך נישט אַראָפּגענומען געוואָרן.

פון אבו עגילה האָבן מיר זיך צוריקגעקערט צו דער גרענעץ, צום נגב, די שפּורן פון דער מלחמה ווערן אַלץ קלענער און ווייניקער, קיין שטאָל זעט מען שוין נישט מער, נאָר אַ געוויינלעכן מדבר, מיר האָבן זיך געפונען אין ישראל; דער סיני איז געבליבן וויט הינטער אונדז, צוזאַמען מיט אַלע פראַגן וואָס זענען פאַרבליבן נישט פאַר־ענטפערט...

***

געענדיקט לייענען, האָט דער עולם זיך געגרייט צום געזעגענען, איינצלנע ווערטער און פראַגן זענען נאָך געפאַלן פון פריוואַטן לעבן, צום סוף האָט גורעלי געפרעגט מינקען, וועגן דודי, וואָס ער מאַכט, און ווען קומט ער שוין אַהיים, ביי דער געלעגנהייט האָט מינקע געוויזן אַ בריוו פון דודי וווּ ער שרייבט, אַז היינט אָדער מאָרגן קומט ער שוין אַהיים אויף זיכער, האָט מען זיך געזעגנט, און באַשטימט זיך צו טרעפן דעם קומענדיקן פרייטיק אָונט ביי מאַרעקן אין זיין קיבוץ.

אָבער געקומען זענען אַלע גאָר צו מינקע און אַלבערט, צוליבן אַהיים קומען פון דעם אויסגעקוקטן גאַסט, דודי. ווייל, דאָנערשטיק, דעם 13־טן יולי, איז אין קיבוץ פון מינקע און אַלבערט אָנגעקומען אַ טע־לעפאָנישע ידיעה, אַז זייער זון דודי קומט היינט אַהיים. נאָך דער ידיעה האָט זיך כּמעט דער גאַנצער קיבוץ געגרייט אויפצונעמען דעם ליבן גאַסט. דעם טייערן און שטענדיק פריילעכן דודי. וואָס דאַרף נאָר וואָס אָנקומען פון שפּיטאָל שוין אָן אויסגעהיילטער. נישט קיין וווּנדער וואָס אַ סך זענען געווען אומגעדולדיק אים שוין צו זען. ווייל ס'איז געגאַנגען אַ קלאַנג, אַז דודין האָט מען אַראָפּגענומען ביידע פיס. פאַרשטייט זיך אַז מינקע און אַלבערט און אויך דאָס הערלעכע מיידל רוטי, אָדער ווי מען האָט איר פון קינדוויז אָן גערופן אין קיבוץ. דאָס יתומהלע. און וואָס האָט זיך שוין גערעכנט אַלס דודיס צוקונפטיקע, האָבן נישט געהאַט קיין אָנונג וועגן דעם טראַגישן סוד, וואָס ס'איז געשען מיט דודי. אין קיבוץ האָט מען בלויז געוווּסט אַז, דודי איז פאַרוווּנדעט געוואָרן. און היינט קומט ער אַהיים צו זיינע עלטערן צו אַלע זיינע פריינט און צו זיין רוטי. אַ געזונטער.

ערשט אַרום פינף פאַרנאַכט איז אַ קליינער מיליטערישער לאַסט־וואָגן אַריינגעפאָרן אין קיבוץ, און זיך אָפּגעשטעלט נעבן דער וווינונג פון זיינע עלטערן. דער גאַנצער קיבוץ איז שוין דאָרט געווען פאַרזאַמלט. בלויז עטלעכע חברים וואָס האָבן געוווּסט דעם אמת, האָבן אים אָפּגעוואַרט אין דרויסן פאַרן אַריינפאָר אין קיבוץ און זענען איצט נאָכגעלאָפן דעם וואָגן אין וועלכן דודי איז געזעסן פאַרדעקט מיט אַ דעק, טראָץ דער גרויסער היץ וואָס האָט נאָך אָנגעהאַלטן.

דודי האָט מיט זיינע פריילעכע בליקן באַטראַכט די אַלע וואָס זענען געקומען אים באַגעגענען, און וואָס ער האָט זיי אַלעמען אַזוי גוט געקענט. ער האָט גוטמוטיק געשמייכלט צו זיינע עלטערן. ער איז אָבער ערנסטער געוואָרן. ווען זיינע בליקן האָבן געזוכט רוטין, און איר נישט געזען. זי איז געשטאַנען הינטער מינקע און געוואָרפן אַביסל צעשראָקענע בליקן אויף דודי, צוליב זיין נישט רירן זיך פון אָרט. נישט באַוועגן זיך. נישט אַראָפּשפּרינגען ווי יעדעס מאָל אַזוי פלינק פון זיין פּלאַץ. און זי האָט זיך געפרעגט — פאַרוואָס עפּעס אַ לאַסט־מאַשין? פאַרוואָס נישט קיין געוויינלעכע מאַשין? און פאַרוואָס איז ער איינגעהילט אין אַ דעק אין אַזאַ היץ?

און מינקע? זי האָט אויך גערעדט ווי צו זיך אַליין — פאַרוואָס קומט ער נישט אַראָפּ פון וואָגן? פאַרוואָס לויפט ער נישט צו צו אונדז? פאַרוואָס דאָס זיצן אומבאַוועגלעך?

אָבער גלייך זענען פון וואָגן אַרויס צוויי סאָלדאַטן, וואָס האָבן לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט די אונטערשטע קלאַפּע פון אויטאָ, און מען האָט צו אַלעמענס איבעראַשונג דערזען דודין זיצן אויף זיין אינוואַלידן־וועגעלע.

דער דאָזיקער מאָמענט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ טראַגישן ספּעקטאַקל. אַלע אַרום האָבן מיטאַמאָל אַרויסגעלאָזט אַן איבעראַשנדן געשריי, וואָס איז איבערגעגאַנגען אין אַ געוויין. ס'האָט זיך אָבער גלייך איינגעשטילט אַז מען האָט ממש געהערט דאָס קלאַפּן פון אַלעמענס הער־צער ווען די צוויי סאָלדאַטן האָבן אַראָפּגעשטעלט דאָס אינוואַלידן־וועגעלע מיט דודין. און נאָכן האָבן זיך געזעגנט מיט אים, איז דער וואָגן צוריק אָוועקגעפאָרן.

איצט האָבן אַלע דערזען אַז אָנשטאָט פיס, האָבן גאָר אַראָפּגעהאָנגען ביי דודין צוויי ליידיקע הויזן. און די צוויי פרויען, מינקע און רוטי, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד פאַרן וועגעלע, און יעדע פון זיי האָט אָנגענומען אַ ליידיקן הויז. ערשט איצט זענען זיי אויסגעבראָכן אין אַ געיאָמער.

אויף זייער געוויין, האָבן אַ סך מיטגעוויינט. אַלבערט איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן. שרייען פאַר ווייטיק? וויינען? און האָט זיך מער נישט געקענט באַהערשן, און איז אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעך געוויין.

דודי איז געוואָרן אַביסל צעטומלט פון דעם וויינען אַרום אים. זיינע בליקן האָבן איצט אויסגעדריקט אַ סך ווייטיק און אויך אַ געוויסע שרעק. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, און זיך צעשריגן:

— וואָס וויינט איר? פאַרוואָס דאָס וויינען? איך לעב דאָך נאָך. האָט איר דען געזען מיינע חברים וואָס זענען געפאַלן נעבן מיר? איך ווייס שוין אויך אַז שלומל איז מער נישטאָ. איז פאַרוואָס וויינט איר? עס פעלן מיר די פיס? האָב איך דען געמאַכט אַ שלעכטן אויסטויש? כ'האָב באַצאָלט מיט מיינע פיס כדי איר אַלע זאָלט בלייבן לעבן. ווייסט איר דען נישט. אַז מיר זענען געווען פאַרמשפּט אויסגעשאָכטן צו ווערן? איז פאַרוואָס דאָס וויינען?

דערהערנדיק די דאָזיקע ווערטער פון דודי, האָט אָנגעהויבן אַריינטרעטן אַ געוויסע באַרויקונג. מינקע האָט אָנגעהויבן ווישן אירע אויגן. דערנאָך האָט איר דודי מיט אַ שטילער, מילדער שטימע, געזאָגט:

— געדענקסט מאַמע? האָסט דיר שטענדיק געוווּנטשן, און אין יעדן בריוו וואָס דו האָסט מיר געשריבן, איז דיין באַגער געווען אַז דו זאָלסט נאָר דערלעבן מיך ווידער צו זען. נו? בין איך דאָ. איז פאַרוואָס וויינסטו?

גלייך נאָך די ווערטער צו זיין מוטער האָט ער זיך ווי אין עפּעס דערמאָנט. זיינע בליקן האָבן געוואַנדערט ערגעץ ווייט, און פּלוצים גע־וואָרן אָנגעלאָפן מיט בלוט. און אַ שרעקלעכער כעס האָט געפינקלט אין זיינע אויגן. זיי האָבן באַקומען אַן אויסזען וואָס האָט אַלעמען דערשראָקן. און מיט אַ שטימע פול מיט צאָרן האָט ער כמעט ווי געשריגן:

— פאַרוואָס האָט מען זיי אַזוי ווילד דערצויגן? פאַרוואָס האָט מען אין זיי אַריינגעגעבן אַזאַ ווילדן האַס צו אונדז? — גלייך האָט מען אָבער דערפילט אַז ער דאָמינירט זיין אויפברויז. האָט ער פאַרגעזעצט אָבער שוין מיט אַ רואיקערן טאָן.

— מיר זענען געפאָרן פיר חברים אין מדבר סיני. אויף דעם וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן הונדערטער צעשטערטע טאַנקן, קאַנאָנען, און פיל אַנדערע פאַרשידענע קריגס־כלים. און אויך אין די הונדערטער, אָדער אפשר גאָר טויזנטער עגיפּטישע זעלנער, געהרגעטע, פאַרוווּנדעטע, און אויך פאַרשמאַכטע פון דער גליענדיקער זון און היץ. אויף אַ געוויס אָרט האָבן מיר דערהערט אַ שטיל געבעט אין אַראַביש, „וואַסער־וואַסער". מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. איך בין אַראָפּ פון דזשיפּ, זיך דערנענטערט צו דעם קוים זשיפּענדיקן עגיפּטער. אים דערלאַנגט מיין וואַסער־פלאַש. אָבער ער איז נישט פעאיק געווען אויסצושטרעקן אַ האַנט זי צו נעמען. האָב איך זיך אַראָפּגעבויגן צו אים, כדי אים געבן צו טרינקען. ער האָט אויסגעטרינקען דאָס וואַסער ביז צום לעצטן טראָפּן. דערנאָך האָב איך אים אָנגעוויזן אויף אונדזער מאַשין. ער זאָל מיטפאָרן מיט אונדז. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. האָב איך זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צוריק צו מיי־נע חברים, צום דזשיפּ. דעמאָלט האָט דער עגיפּטער אַ כאַפּ געטאָן זיין מאַשין־געווער, וואָס איז געלעגן אומבאַמערקט פאַר מיר אין אַ זייט, און מיר אָפּגעדאַנקט פאַר דעם וואַסער מיט אַ געדיכט פייער. און אַזוי אַרום מיר אונטערגעשניטן מיינע פיס. מיינע חברים האָבן גלייך רעאַגירט, איינשטילנדיק דעם עגיפּטער אויף אייביק.

ער האָט איבערגעריסן אויף אַ ווײַלע, אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם. האָט ער אויפסניי זיך צעשריגן:

— פאַרוואָס האָט ער דאָס געטאָן? ער האָט דאָך געקענט ראַטעווען זיין לעבן; ער האָט דאָך געקענט בלייבן לעבן!

אַ שטאַרק אויפגערודערטער איז דודי אַנטשוויגן געוואָרן. ווייזט אויס אַז ער האָט איצט ווידער איבערגעלעבט יענע פיינלעכע געשעענישׂ.

אַ ווײַנענדיקע, האָט מינקע צו אים שטיל גערעדט:

— יאָ דודי, דיין גוט האַרץ האָט דיך טייער געקאָסט.

— נישט בלויז מיין גוט האַרץ מאַמע. אַלע האָבן מיר גוטע הער־צער. אַזוי האָט מען אונדז געלערנט. אַזוי האָט מען אונדז יידן דערצויגן.

און נאָך אַ ווײַלע פון שטיל־שווײַגן, האָט דודי אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף רוטיס אַן אַקסל און איר געזאָגט:

— געדענקסט רוטי? ווען מיר פלעגן אין די פאַרנאַכטן שפּאַצירן אין אַט אָ די הערלעכע אומגעבונג. האָסטו מיר געזאָגט — אַז דו באַוווּנ־דערסט מײַנע אויגן. וואָס אין זייער גלאַנץ שפּיגלט זיך אָפּ אונזער פאַר־שטייענדיק גליק. נו. די זעלבע אויגן פאַרמאָג איך נאָך. דו האָסט באַוווּנ־דערט מײַנע געדיכט־געקרויזלטע האָר. וואָס בלויז אין זיי, ווי דו האָסט עס מיר געזאָגט. קען מען זיך שוין פאַרליבן. נו. איז ווי דו זעסט. האָב איך נאָך מײַנע געדיכט־געקרײַזלטע האָר אויך. דו האָסט באַוווּנדערט מײַן אויסזען. וואָס מאַכט ציטערן דײַן האַרץ פאַר פרייד. אַז איך געהער דיר. און דו ביסט אײַפערזיכטיק געווען אויף יעדן. וואָס האָט נאָר צו מיר געשמייכלט. אפילו אויף דער מאַמען. זע איך דען איצט אַנדערש אויס? האָסט אויך באַוווּנדערט מײַן האַרץ. אַז איך בין אַזאַ גוטער צו יעדן איינעם. האָסט באַוווּנדערט מײַנע הענט וואָס האָבן דיך געצערטלט. ווײַל דו האָסט קיינמאָל נישט געפילט קיין צאַרטע האַנט פון אַ מאַמען. און אָט דאָס אַלץ פאַרמאָג איך נאָך. בלויז מײַנע פיס האָסטו קיינמאָל נישט דערמאָנט. דערמיט האָסטו זיי פאַרשעמט. דערפאַר זענען זיי אַוועק פון מיר. אָבער איך בין צוריק געקומען צו דיר אָן די פיס. און איצט. בין איך נאָך דײַנער?...

אַ ספּאַזמאַטיש געוויין איז געווען איר ענטפער אויף זײַנע ווערטער. און באַהאַלטנדיק איר פאַרווײנט שיין פּנים, מיט אירע הענט, האָט זי זיך אויף דער שנעל אַדורכגעשלייכט צווישן אַלעמען. ווי פּרובירט אַנט־לויפן. זי איז אָבער גלייך צוריקגעקומען. זיך געוואָרפן אויף דער ערד פאַר דודי:

— פאַרוואָס אַזעלכע רייד? דודי! פאַרוואָס? איך בין דײַנע אַזוי ווי מיר האָבן עס שוין פון לאַנג באַשלאָסן. טאָקע אַ ווײַטיק דײַנע פיס. נאָר איך וועל פאַר דיר אַלע וועגן לויפן. איצט ביסטו שוין פריי. ביסט דאָ. לאָמיר נישט וואַרטן מער. און נישט אָפּלייגן. נאָר שוין. אפילו נאָך היינט. שטעלן אַ חופּה. יאָ דודי. איך בין דײַנע. דײַנע אויף אייביק — און זיך אויפסניי צעוויינט; ס׳איז נישט אַזוי לײַכט אָנגעקומען אײַנצושטילן איר. און איר אָפּצורייסן פון דודיס אינוואַלידן־וועגעלע.

דערנאָך האָט איר מינקע קוים אויפגעהויבן פון אָרט נעבן דודין. און אַרײַנגעפירט רוטין אין שטוב. און דאָרט אויפסניי זיך שטיל צעוויינט.

גלייך דערנאָך איז דער עולם זיך פונאַנדערגעגאַנגען. אויך דודיס

חברים זענען גרייט געווען זיך געזעגענען מיט אים. האָט דודי זיי געבעטן בלייבן. ער דאַרף מיט זיי נייטיק עפּעס שמועסן.

בלייבנדיק אַליין מיט זיינע חברים, האָט ער זיי געזאָגט פאָלגנדיקעס:

— איר האָט בייגעווינט די סצענע פון מיינע עלטערן. און אויך פון רוטי. זיי האָבן געוויינט אָנשטאָט זיך צו פרייען מיט מיין אַהיימקומען. זיי האָבן געוויינט צוליב דעם, וואָס איך האָב פאַרלוירן מיינע פיס. און כ׳מוז אייך זאָגן, אַז אויף אַזאַ סצענע האָב איך זיך געריכט. איך האָב זיך אפילו געשראָקן. אַז מיין רוטי וועט איצט זוכן אַ וועג מיך אויסצומיידן. ווייל איך בין געוואָרן אַן אינוואַליד. אַ מענטש וואָס טויג מער צו גאָרנישט. ווי מען זאָגט דאָס. אַ קאַליקע. צום גליק. האָט רוטי דאָס נישט געטאָן. פאַרקערט. זי וויל איצט וואָס שנעלער שטעלן אַ חופּה. און אויב רוטי שענקט מיר דאָס גליק. וויל איך נישט פאַרלירן קיין צייט. און וויל פייערן מיין חתונה מיט רוטין. און פייערן אויף אַ גרויסאַרטיקן אופן. אַזוי ווי איך האָב זיך דאָס פאַרגעשטעלט איידער איך בין געוואָרן אַן אינוואַליד. און. כדי זיך נישט פילן פאַראייניזאַמט אין מיין לאַגע. וויל איך פון אייך אָט וואָס:

— איך וויל פייערן אונדזער חתונה פון דעם דינסטיק איבער אַכט טאָג. דאָס הייסט דעם 25־טן דעם חודש. און ווי שוין געזאָגט. זיך נישט פילן פאַראייניזאַמט אין מיין לאַגע. זאָלט איר אויסזוכן אינוואַלידן וואָס זענען ענלעך צו מיר. אָן פיס. און זיי איינלאַדן אין מיין נאָמען; און אויך. וועמען עס פעלט נאָר איין פוס. און אויב מעגלעך קריגס־אינוואַלידן. און וואָס מער וועט עס זיין בעסער. און איר זאָלט אויך איינלאַדן אין מיין נאָמען עטלעכע שכנותדיקע קיבוצים. זיי זאָלן אָנטייל נעמען אויף מיין שמחה. און איר זאָלט אויך איינלאַדן אַ באַרימטע זינגערין. איינע פון די בעסטע. אָן אונטערשיד פאַר וועלכן פּרייז. און אין די אַלע קיבוצים איז מיין איך, פאַראַן געגנוג מוזיקערס. זאָלן זיי אין די צוועלף טעג ביז דער חתונה זיך גוט איינרעפּעטירן אפילו צוזאַמען מיט די זינגערין, און אויב מעגלעך; מען זאָל אויך איינאָרדענען אַן אינוואַלידן־טאַנץ. ווו איך וועל אויך אָנטייל נעמען. פאַרוואָס זאָל איך נישט טאַנצן אויף מיין אייגענער חתונה? כ׳וויל דערמיט באַווייזן אַז איך בין נישט אינגאַנצן אומבאַהאָלפן. נו שוין. יאָ, נאָך אַ זאַך, די פייערונג זאָל זיך נישט אָנהויבן צו שפּעט. כדי מעגלעך צו מאַכן אויסצופירן דעם גאַנצן פּראָגראַם. און. וואָס שייך איך אַליין. האָב איך מיך איבערגעצייגט לויטן וויינען פון מיינע עלטערן און פון רוטי. און האָב אויך גוט באַמערקט די באַדויערונגס בליקן אויף מיין חשבון פון אַלע אַרום. אַז איך בין נישט דער זעלבער וואָס געווען אַזוי איז די מיינונג פון יעדער געזעלשאַפט.

די וואָס פאַלן פאַרגעסט מען אין זיי גאַר שנעל. אויסער די גאַר נאָענטע. און דער וואָס בלייבט אַזוי ווי איך. אַן אינוואַליד. ווער איך צוגערעכנט פאַר אַן איבעריקן מענטש. וואָס כ׳ברענג נישט מער קיין שום נוצן פאַר קיינעם. און איך צווייפל. אויב רוטי וועט מיך לאַנג נאָך ליב האָבן. צי וועל איך נישט ווערן פאַר איר אַ לאַסט.

— דודי! ווי אַזוי רעדסטו? וואָס איז מיט דיר? — האָט איינער פון זיינע חברים איבערגעריסן זיינע רייד — זיי נישט פאַרצווייפלט. איך בעט דיך אין נאָמען פון אַלע. טרייב אַוועק פון דיר די בייזע געדאַנקען. דו ביסט ביי אַלע זייער באַליבט. און איצט נאָכמער.

— דו ווילסט זאָגן, אַז מען האָט אויף מיר רחמנות.

— ניין דודי! — האָבן אַלע פיר אויסגעשריגן — דו האָסט צו־פיל געטראַכט. און דו טראָגסט דיך אַרום מיט זייער שלעכטע און בייזע געדאַנקען.

— גוט. — האָט דודי זיך צעשמייכלט. — גוט. איך וועל פרובירן פאַרטרייבן מיינע שלעכטע געדאַנקען. אָבער. וועגן מיין פאַרלאַנג צו אייך? זענט איר יאָ מסכים?

— יאָ דודי. מיר נעמען אויף זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויסצופירן דיין פאַרלאַנג. אפילו נאָך מער ווי דו אַליין פאַרלאַנגסט. וועגן דעם קענסטו זיין רואיק. אַלץ וועט ווערן דערלעדיקט ווי אַמבעסטן.

— נו. דאַנק איך אייך — האָט דודי געזאָגט אַ צופרידענער — אָבער. איך האָב נאָך אַ ביטע צו אייך. וואָס האָט אַ שייכות צו מיר אַליין. איך וויל. אַז נאָך דעם ווי אַלץ וועט שוין זיין פאַרענדיקט. ווייסט איר דאָך ווי עס פירט זיך ביי אַ חתונה. מען פירט אַוועק דאָס יונגע פּאָר אין זייער וווינונג. וויל איך. אין די היצן. זאָלן מיר פאַרברענגען אונדזער ערשטע נאַכט אין אונדזער ווינקל אויף דער פרייער לופט. דאָרט ביי די דרייביימער. ווייל דאָרט האָבן מיר זיך פאַרליבט. דאָרט האָבן מיר כסדר פאַרברענגט. דאָס ווינקל רופן מיר אָן: „אונדזער גן־עדן״. וויל איך פאַרברענגען מיט מיין רוטי די ערשטע נאַכט אין אונדזער גן־עדן. און אַזוי ווי איך בין אַן אומבאַהאָלפענער. זאָלט איר אונדז דאָרט אַהינ־פירן. און איך מיין. אַז פאַרטאָג וועט זיכער ווערן קילער. זאָלט איר אויסשפרייטן אויפן גראָז עטלעכע דיקע דעקן. און אויך. אַכטונג געבן. אַז אין דער שעה. זאָל זיך קיינער נישט געפינען דאָרט. און פאַרטאָג. ווען די זון וועט אויפשיינען. זאָל ווער פון אייך אונדז קומען זוכן. איז דאָס אַלץ מעגלעך?

— זיי רואיק דודי. אַלץ וועט זיין אין בעסטן אָרדענונג.

נאָכן געשפרעך. איז דודי מיט זיינע חברים אַריינגעקומען צו די איבעריקע. און זיי האָבן פאַרברענגט ביז שפּעט אין אָוונט.

דינסטיק דעם 25־טן יולי האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן צו פייערן די חתונה פון דודי און רותי. דודיס חברים זענען גאָר פרי שוין געווען אויפן פּלאַץ. כדי באַשטימען פּאַסנדע ערטער ווי בעסער איינצואָרדענען. ווי אַוועקשטעלן טישן און בענק. און ס׳זאָל בלייבן גענוג פּלאַץ פאַר די אַטראַקציעס צו וועלכע זיי האָבן זיך געגרייט פאַר דער הייניקער חתונה. פון אַלע קיבוצים אַרום. האָבן פון מיטן טאָג אָן געשטראָמט אַ קאַראַוואַן פון אויטאָס מיטברענגענדיק טישן. בענק. און אויך פאַרשידענע מאכלים וואָס יעדער קיבוץ האָט ספּעציעל צוגעגרייט צום היינטיקן יום־טוב. אַרום פינף פאַרנאַכט. זענען אַרום די טישן געווען אויסגעזעצט אַן עולם פון העכער טויזנט מענטשן. אַ ספּעציעלער טיש איז געווען רע־זערווירט פאַר די אינוואַלידן וואָס האָט זיי געפעלט איין פוס. און געגאַנ־גען אויף קולעס. אַן אַנדערער טיש דערנעבן. איז געווען פאַר די אינוואַלידן וואָס האָבן זיך באַוויגן אַזוי ווי דודי. אויף אינוואַלידן־וועגעלעך. פאַר דער חופּה־צערעמאָניע איז אָנגעקומען אַ מיליטערישער אויטאָ. פון וועלכן ס׳איז אויסגעשטיגן צוויי מענער ציוויל געקליידעט. און האָבן פאַרנומען אַן אָרט ביי דעם ערן־טיש. דער דאָזיקער טיש איז געווען רעזערווירט פאַר חתן־כלה פאַר די מחותנים. און זייערע בעסטע פריינט. דאָקטאָר גורעלי מיט זיין פרוי נאַטאַלי. בערנאַרד און זיין פרוי סאָניע. און מאַרעק און אַדעלאַ. וואָס האָבן שוין געהאַט פאַרנומען זייערע פּלעצער ביים טיש.

די חופּה איז געטראָגן געוואָרן אָנשטאָט אויף האָלצערנע שטאַנגען. אויף פיר קעגנשטאַנדן. אויף אַ ביקס. אַ לאָפּעטע. אַ שווערד. און אַ קולע. בערנאַרד און סאָניע. וואָס האָבן פאַרלוירן זייער זון שלומל אין דער דאָזיקער מלחמה. האָט מען מכבד געווען מיט דער מצווה צו פירן די כלה צו דער חופּה. אינמיטן פון דעם ליידיקן פּלאַץ. איז געשטאַנען ביי דער חופּה דער רב און געוואַרט. ענדלעך האָבן זיך באַוויזן מינקע און אַלבערט וואָס האָבן געפירט זייער זון דודי אויף זיין וועגעלע. און באַלד דערנאָך. האָט מען דערזען ווי בערנאַרד און סאָניע האָבן געפירט רותין. רותי האָט געשטראַלט פאַר פרייד. אירע צוויי טרערן. אין יעדן אויג איינע. האָבן געפינקלט ווי צוויי ברילאַנטן און דודי האָט כסדר אַרויפגעקוקט צו רותיס שטראַלנדיק פּנים מיט די צוויי ברילאַנטענע טרערן אין אירע אויגן. די מוזיק האָט אויפגעשפּילט דעם באַקאַנטן חתונה מאַרש. דער עולם האָבן זיך פּשוט געשטעלט אויף טישן און אויף בענק. וועלנדיק אַזוי אַרום בעסער זען די חופּה צערעמאָניע.

נאָך דער חופּה צערעמאָניע. האָט דער רב געהאַלטן אַ רעדע פאַר

חתן־כלה. דערמאָנענדיק אויך די נעמען פון רוטיס אומגעקומענע עלטערן. און וואָס איז געווען אַזוי רירנדיק אַז דער גאַנצער עולם אַרום האָבן זיך נישט געקענט אָפּהאַלטן פון וויינען. טייל אפילו הויך אויפן קול. סאַניע האָט מיט אירע טרערן נאַס געמאַכט רוטיס קלייד און שטילערהייט געשעפטשעט:

— טייערער אָרעמער דודי. חלוואי וואָלט כאָטש מיין שלומל אַהיים געקומען אַזוי ווי דו. אָן פּיס. וואָלט איך דאָך אויך דערלעבט אים פירן צו דער חופה.

דערנאָך האָט מען זיי צוגעפירט צום ערן טיש. פון חתן־כלה און מחותנים. ווי ס׳זענען אויך שוין געזעסן די צוויי אומבאַקאַנטע געסט. און ס׳איז געגאַנגען אַ קלאַנג צווישן עולם. אַז דאָס זענען אָפיצירן פון דודיס מיליטער־איינהייט. און נאָכן ערשטן לחיים. האָט דער אָרקעסטער אָנגעהויבן שפּילן. און גלייך האָט זיך נעבן אָרקעסטער אויפגעשטעלט אַ זינגערין מיט אַ מיקראָפאָן אין האַנט. און אָנגעהויבן זינגען דאָס באַקאַנטע ליד פון אַלע שמחות:

— לאָמיר אַלע. אַלע אין איינעם. חתן כלה מקבל־פּנים זיין.

און דער גאַנצער עולם האָט באַלד פאַרהילכט די לופט מיט אַ מעכטיק געזאַנג דעם רעפריין:

— לאָמיר אַלע אינאיינעם, לאָמיר אַלע אינאיינעם, טרינקען אַ גלעזעלע וויין, וויין, וויין, וויין. א. אַ. וו.

די זינגערין האָט געזינגען דערוויל בלויז דריי לידער, און פאַרשטייט זיך דאָס נייעסטע ליד: „ירושלים של זהב״. און אויך דאָ האָט דער עולם געזונגען דעם רעפריין.

נאָך די דריי לידער. האָט איינער פון דודיס חברים געמאָלדן דורכן מיקראָ, אַז דער עולם זאָל זיך פאַרהאַלטן עטלעכע מינוט רואיק. און איבערגעגעבן איינעם פון די צוויי אָפיצירן דאָס וואָרט. דאָס איז געווען דער קאָמאַנדיר פון דודיס איינהייט. ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט, איז געוואָרן שטיל, אַז מען האָט געקענט הערן דאָס קלאַפּן פון איטלעכנס האַרץ. זיין רעדע איז געווען געווענדעט דער עיקר צו דודי.

— די ווערטער וועלכע איך וועל דאָ זאָגן, זענען ווי אַן אויסצייכענונג פאַר דיר, מיין ליבער דודי; דאָס איז נישט קיין אויסצייכענונג פאַר דיין העלדישקייט. ווייל מיר טיילן נישט קיין מעדאַלן פאַר קיין העלדישקייטן. ווען יאָ. דאַרפן מיר צוטיילן צוויי און אַ האַלבן מיליאָן אויסצייכענונגען. נאָר דאָס איז פאַר דיין מענטשלעכער האַנדלונג. וואָס דו האָסט דיך געטיילט מיט דיין ביסל וואַסער. וועלנדיק דערמיט ראַטעווען אַ מענטש. אָן אונטערשיד ווער דער מענטש זאָל נישט האָבן געווען. און

אויב האָט דייַן הטמאַניטאַרעד זשעסט דיך טייער געקאָסט. זענען מיר יידן שוין געווינט דערצו. אונזער תורה לערנט אונז — זאָלסט געבן אַ הונגעריקן ברויט, און אַ דורשטיקן וואַסער. טראַץ דעם, וואָס ער דינט דיר אָפּ דערפאַר מיט שטיינער. און איך זאָג דאָ פאַר דיר. דודי. פאַר דייַנע עלטערן. פאַר דייַן רותי. און פאַר איטלעכן וואָס זענען איצט פאַרזאַמלט אויף דייַן שמחה. אַז מיר וועלן דיך נישט פאַרגעסן. און מיר צווייפלען נישט, אַז דו וועסט ווידער זייַן נוצלעך און זיך קענען באַשעפטיקן סיי מיט אַרבעט אין דייַן קיבוץ. און אויך לטובת אונזער פאָלק.

די ווערטער פון דודיס קאָמאַנדיר האָבן אַרויסגערופן אַפּלאָדיסמענטן. און פאַרשטייט זיך אויך טרערן. און אַזוי ווי דודיס חברים האָבן געוווסט, אַז מען דאַרף נישט צולאָזן אויף דער היינטיקער שמחה צופיל סענטימענטן, און נאָך ווייניקער. טרויער. האָבן זיי געגעבן אַ צייכן דעם אָרקעסטער. און ס׳איז אויפגעשפילט געוואָרן אַ הורא. אַ פריילעכן. און דער עולם. יונג און אַלט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום פרייען פלאַץ. און האָבן פאַרמירט אַ גרויסן קרייז. און אָנגעהויבן טאַנצן דעם הורא. אָבער זייער אַ גרויסער עולם האָבן זיך געוואָלט אָנשליסן אין דעם טאַנץ. אַזוי אַז ס׳האָט זיך גלייך פאָרמירט אַ צווייטער קרייז וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם ערשטן. און אפילו אַ דריטער. און אַ פערטער. און אַלע פיר גרויסע קרייזן האָבן פריילעך געטאַנצט. אויב האָט זיך דער ערשטער קרייז געדרייט אויף רעכטס, האָט זיך דער צווייטער געדרייט אויף לינקס. דער דריטער ווידער אויף רעכטס. ווייזט אויס אַז ס׳איז געוואָרן אַזוי אויסגערעכנט. ס׳האָט זיך געשאַפן אַזאַ כּישוף־קרייז. וואָס יעדער האָט באַוווּנדערט ווי אַזוי דער הורא־טאַנץ איז אויסגעפירט געוואָרן. האַרמאָניש. מיט טאַקט. אַזוי ווי אַן איינגעשטודירטער באַלעט.

ווען חברה זענען מיד געוואָרן פון אַזוי לאַנג טאַנצן, איז דער פלאַץ באַלד פריי געוואָרן. און ס׳האָט זיך באַוויזן אַ גרופּע בחורים און מיידלעך; אָנגעטאָן ווי חסידים. און האָבן אויסגעפירט ביי דער מעלאָדיע פון „זמר־חסידי” אַ חסידים־טאַנץ. און דער גאַנצער עולם האָט דאָס באַוווּנדערט.

ווען ס׳איז פאַרענדיקט געוואָרן דער חסידים־טאַנץ, איז אויף אַ צייכן פון דודיס חברים דער אָרקעסטער שטיל געבליבן. דורכן מיקראָפאָן איז געמאָלדן געוואָרן, אַז אַלע זאָלן פאַרנעמען זייערע פריערדיקע פלעצער. ווען אַלץ איז שוין געווען אין אָרדענונג האָבן זיך אויפגעשטעלט די איין־פוסיקע אינוואַלידן, און זיך אָנגעהויבן דערנענטערן אויף זייערע קוליעס צום טאַנץ־פלאַץ. און האָבן פאָרמירט אַ גרויסן קרייז. ווען אַלע אינוואַלידן זענען שוין געווען אויסגעשטעלט, האָט מען פון זיי צוגענומען

די קולעס, אָנגעהאַנגען אַ צעטל מיט די נעמען פון יעדן איינעם. און גלייך האָבן זיך הענט פאַרוואָרפן אויף אַקסלען, זיך פעסט איינגעשלאָסן און געוואַרט. דער פאַרלאַנג צו טאַנצן אַ הורא, איז ביי די אינוואַלידן געווען אַ געוואַלטיקער. שוין אַזוי פיל יאָרן נישט געטאַנצט און ווי אַזוי קען מען טאַנצן מיט איין פוס? אָבער איצט איז זיי געגעבן געוואָרן אַט די געלעגנהייט צו טאַנצן אַזאַ קאָלעקטיוון טאַנץ. די מוזיק האָט אָנגעהויבן שטיל און לאַנגזאַם צו שפּילן דעם הורא:

— מרד הלילה. רד שורנו. הבוקע לשמים —

דער גאַנצער קרייז האָט אָנגעהויבן זיך באַוועגן מיט די קערפּערס. און מיט קולעס און געטאַנצט. דערנאָך האָבן זיי שטאַרק צופרידענע צו־ריק פאַרנומען זייערע פריערדיקע ערטער.

גלייך דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צום פּלאַץ די אַלע אויף די אינוואַלידן ווענעלעך. און האָבן אָנגעהויבן אַרומרינגלען דודין מיט רותי, וואָס זענען געבליבן וואַרטנדיק אויף די אָנקומענדיקע און האָבן אויך פאַרמירט אַ קרייז. דער אָרקעסטער האָט אָנגעהויבן שפּילן. און אַזוי ווי די אינוואַלידן האָבן שוין פון לאַנג פאַרלוירן די האָפענונג צו קענען אַמאָל אַזעלכעס באַווייזן, האָבן זיי איצט מיט אַלע כוחות זיך באַמיט אַז ס׳זאָל זיין ווי געטאַנצט. און זיי האָבן געטאַנצט. נישט מיט די פיס. ווייל זיי האָבן שוין פון לאַנג פאַרגעסן אַז זיי האָבן אַמאָל געהאַט פיס. האָבן זיי איצט געטאַנצט מיט די הענט, וואָס האָבן פלינק געאַרבעט אויף די רעדער אַהין און צוריק. און קיינער איז נישט געבליבן הינטערשטעליק. און קיין איינער האָט נישט דעריאָגט דעם אַנדערן. נאָר אַלע גלייך און דודי מיט רותי אין מיטן. וואָס האָבן אַ שטאַרקן אָנטייל גענומען אין דעם אויסטערלישן טאַנץ.

ווען ס׳האָט זיך באַוויזן אַ געוויסע מידקייט פון די אינוואַלידן, וואָס זענען כסדר אָבסערווירט געוואָרן פון דודיס חברים. איז געגעבן געוואָרן אַ צייכן צום אָרקעסטער, אויפהערן; און זיי האָבן ווידער פאַרנומען שטאַרק צופרידענע זייערע פריערדיקע ערטער.

ווען אָט דער מערקווירדיקער טאַנץ איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָט דער אָרקעסטער ווידער אָנגעהויבן שפּילן. און דער גאַנצער עולם ווער ס׳האָט נאָר געוואָלט זיך איצט פאַרנומען צום טאַנצן. און געטאַנצט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. קיין געטראַנקען האָבן נישט אויסגעפעלט. מען האָט כסדר דערלאַנגט נאָך און נאָך.

שפּעט ביינאַכט האָט זיך פאַרענדיקט די פריילעכע שמחה. ס׳האָט זיך פאַרענדיקט מיט די טרערן און פריידן. מיט די געזאַנגען און הוראס. מיט די ווונטשן און רעדעס. דער עולם איז ביסלעכווייז זיך פונאַנדער־

געגאַנגען. מען האָט פונאַנדערגענומען די טישן און בענק. און צענדליקער אויטאָמאָבילן האָבן געאיילט אין פאַרשידענע ריכטונגען. בלויז איין טיש איז פאַרבליבן. ווי ס׳זענען געזעסן דאָס יונגע פּאָרל אין מיטן פון טיש. מינקע אין דודיס זייט. אַלבערט אין רוטיס זייט. ס׳זענען אויך פאַרבליבן מינקעס און אַלבערט׳ס שטענדיקע פריינט. און אויך דודיס חברים וואָס האָבן פאַרשטאַנען אַז ער דודי וועט זיך נאָך נויטיקן אין זיי.

שמועסנדיק וועגן די נאַר וואָס פאַרגעקומענע חתונה־צערעמאָניע, איז רוטי איינגעשלאָפן אָנשפּאַרנדיק איר קאָפּ אויף דודיס אַקסל. מינקע האָט דאָס גלייך באַמערקט. האָט זי דערמאָנט די אָנוועזנדיקע אַז ס׳איז צייט צו פאַרענדיקן מיט די שמועסן. די קינדער זענען מיד און שלעפעריק. און מען דאַרף נישט פאַרגעסן אַז היינט איז געווען זייער חופּה נאַכט.

מיט אַ לייכטן באַוועג פון דודין,האָט זיך רוטי אויפגעוועקט פון איר זיסן דרימל. דער קליינער עולם האָבן זיך אויפגעשטעלט פון זייערע ערטער. און דודי האָט געזאָגט צו אַלע. אַז היינטיקן אָוונט האָט ער געזאָגט דעם „הרי־את״. אַזוי אַז ער נעמט זיך דאָס רעכט ווי עס פּירט זיך. טראָגן זיין רוטין אויף זיינע הענט ביז צו איר געלעגער.

צוויי חברים האָבן דערלאַנגט רוטין אויף דודיס הענט. און זענען גרייט געווען זיי אַהינצופירן אויף זייער אָרט. דער קליינער עולם האָט זיך מיט זיי געזעגנט אָנווינטשנדיק זייער פּיל. און איבערהויפּט אַ גוטע נאַכט. דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן פירן דודין האַלטנדיק רוטין אויף זיינע הענט. און וואָס האָט נאָך געטראָגן דאָס חופּה קלייד. צום באַשטימטן אָרט. די אַנדערע צוויי זענען געלאָפן פאַרויס מיט אַ פּעקל וואַרעמע דעקן צו לייגן אויפן גראָז. און אויך זיך צוצודעקן שפּעטער אויב ס׳וועט ווערן קילער און אויך צו זען צו געפינט זיך נישט קיינער ביי דעם שווים־באַסיין. ווהין זיי האָבן איצט געפירט דאָס יונגע פּאָרל. ווען קיינער איז דאָרט נישט געווען אין דער שפּעטער שעה. האָבן זיי געלאָזט דאָס גליקלעכע פּאָרל אַליין. זיך מיט זיי געזעגנט. צוזאָגנדיק, אַז מאָרגן ביים אויפשיינען פון דער זון וועלן זיי קומען אַריינצופירן זיי אין זייער דירה וואָס איז שוין געווען פאַר זיי צוגעגרייט.

ווען דאָס יונגע פּאָרל זענען געבליבן אַליין אויף זייער ראָמאַנטיש אָרט ביי די דרייביימער, האָט דודי זיך געוואַנדן צו רוטין, זאָגנדיק:

— זעסט רוטי? אָט געפינען מיר זיך דאָ. וואָס איז שוין פון לאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אונזער ראָמאַנטיש ווינקל. אונזערע נעמען זעט זיך געגנוג שאַרף אָן. גלייך ווי כ׳וואָלט זיי ערשט נאָר וואָס אויסגעקריצט. אַזוי אַז מיר געפינען זיך ביי אונז. דאָס איז אונזער ווינקל. וואָס אָט ביי

די דריי ביימער האָבן מיר זיך געשווירן אייביקע ליבע. און אַזוי ווי דאָס איז טאַקע פאַרווירקלעכט געוואָרן. ווען מיר דאָ פאַרבערענגען אונזער ערשטע ליבע נאַכט.

ביי די ווערטער האָט ער אויסגעטאָן דאָס ווייסע העמדל וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיין לייב. וואָס טראָץ דער שפּעטער שעה איז נאָך געווען זייער הייס. און האָט אַראָפּגעלאָזט רוטין פון זיינע הענט. און איר געלייגט אויף די אויסגעשפּרייטע דעקן און ר׳איז אַראָפּ פון זיין אינוואַלידן־וועגעלע. זיך דערנענטערט צו איר. אויסגעטאָן דאָס חופּה־קלייד וואָס זי האָט נאָך געטראָגן אויף זיך. איר אויסגעטאָן די שיך. און ביסלעכווייז די איבעריקע ווייניק זאַכן וואָס זי האָט נאָך געטראָגן. און איז געבליבן ליגן ווי די מוטער האָט איר געהאָט. אויך ער איז גלייך געבליבן איינגאַנצן אויסגעטאָן. און האָט אַריינגענומען רוטין אין זיינע שטאַרקע אָרעמס פון וואָס זי האָט אַזש אַ צאַפּל געטאָן. זייערע ליפּן האָבן זיך באַגעגנט און זיך איינגעזויגן אין איינאַנדער. און דערנאָך איר געשעפּטשעט וואַרעמע ווערטער. זי האָט געהאַלטן די אויגן געשלאָסן. אפשר כדי נישט זען זיינע אָפּגעהאַקטע פיס. און האָט זיך מיט אַ געוואַלטיקער ליידנשאַפט איינגעגעסן אין אים. ער איז נישט געבליבן שולדיק. און זיי האָבן זיך געוואַלגערט אויף דעם ברייטן פעלד וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט מיט דיקע דעקן. און נאָך אַ לענגערע צייט פון זייער זיך ליב האָבן. זענען זיי געבליבן ליגן אין דעם ווייכן גראָז מיט אַזאַ זיסער מידקייט און געזעטיקטע פון זייערע איינגעשטילטע באַגערן.

אַ לענגערע צייט זענען זיי פאַרבליבן אין זייער פויזע. און געקוקט אויף דעם אויסגעשטערנטן הימל. ווי די לבנה שפּאַצירט זיך אַרום אַזוי מאַיעסטעטיש אין איר הימלישן קעניגרייך. פון מזרח זייט איז געקומען אַ לייכט ווינטעלע וואָס האָט צעוויגט די דריי געדיכט פאַרצווייגטע ביימער. און אַ שטילער שאָרך האָט זיך דערטראָגן פון זייערע בלעטער. און אַזוי אַרום איינגערוימט די פאַרליבטע פון דער גאַנצער וועלט זיסע סודות פון ליבע. ס׳איז געוואָרן עטוואָס קילער. דודי האָט צוגעדעקט רוטין מיט אַ דעק ביז אירע ברוסטן. זיך האָט ער צוגעדעקט בלויז זיינע אָפּגעהאַקטע פיס. ליגנדיק אַזוי, האָבן זיי ביידע געטראַכט פון דעם נאַר וואָס געשעענעם. וואָס האָט זיי ממש פאַרשיכורט און געזעטיקט נאָך אַ גאַר לאַנגער צייט פון טרוימען און באַגערן איינער פאַרן אַנדערן, ביז רוטי איז איינגעשלאָפן.

דודי איז איצט געזעסן און אָן אויפהער באַטראַכט רוטין, ער האָט זיך איצט דערמאָנט אין אַזוי פיל, ווען זיי זענען קינדער געווען, און צוזאַמען אויפגעכאָוועט געוואָרן. שפּעטער, מיט זייער אונטערוואַקסן איז

אַריינגעטרעטן אַ געוויסע ענדערונג אין זייער באַציאונג איינער פאַרן אַנדערן, ביז זיי האָבן זיך פאַרליבט, און ענדלעך געהערט איצט רוטי צו אים, אָבער, אויף ווי לאַנג? ווען זיך איר ליבע צו אים נישט אָפּקילן צוליב דעם, וואָס ער איז איצט אַן אינוואַליד? ביי דער שיין פון דער לבנה האָט ער אַן אויפהער געקוקט אויף איר, זי האָט איצט אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי אַן אמתע פרינצעסין פון עפּעס אַ לעגענדע, און אַט די פרינצעסין געהערט צו אים. אַ זיסער שמייכל האָט געגרוט אויף אירע ליפּן פון דעם עטוואָס האַלב אָפן מויל, ער האָט עטלעכע מאָל גע־קושט אירע ליפּן, וועלנדיק אַזוי אַרום איר אויפוועקן פון איר זיסן שלאָף, וואָס עס האָט זיך אים אָבער נישט איינגעגעבן, רוטי איז איצט פעסט געשלאָפן, און געווען איינגעהילט אין זיסע חלומות. ער האָט באַמערקט אַ לייכטן שמייכל אויף אירע ליפּן, און אַזוי אַ גאַנצע נאַכט, ביז זיינע חברים זענען פאַרטאָג געקומען זיי זוכן. ביים אַהיים פירן זיי, האָט דודי געהאַלטן רוטין נאָך אַלץ אַ שלאָפנדיקע אויף זיינע הענט, און ווען מען האָט איר געלייגט אויף איר געלעגער, איז זי נאָך אַלץ פעסט געשלאָפן, ביזן ווייטן טאָג אַריין, ביז מינקע איז געקומען און זיי גע־ברענגט דעם ערשטן פרישטיק, אין דעם ערשטן פרימאָרגן נאָך זייער חתונה.

***

און מיר וועלן פאַרענדיקן אונדזער שרייבן מיט אַן אָפּהאַנדלונג וואָס שפּיגלט אָפּ אונזער פרייד און איבערהויפּט, אונדזער טרויער נאָכן זיג פון דער מלחמה.

וואָס יצחק רבין האָט דערציילט

„אַ מאָדנע זאַך איז אונז געשען: מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן זיג; מיר זענען אויסגעלייזט געוואָרן, אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט, פון אומקום, און — אַנשטאָט זיך צו פרייען, צו טאַנצן און יובלען, ווי עס איז דער שטייגער מיט זיגער — זענען מיר טרויעריק. איך רעד נישט דאָ בלויז פון אונז, די מענטשן פון עלטערן דור. וואָס אונזער פרייד קאָן נישט זיין קיין גאַנצע, זינט דעם חורבן האָט זיך אָפּגעזעצט אויף אונזער האַרץ. די מענטשן פון יונגן דור — אויך זיי דרייען זיך אַרום, נאָכן אומקערן זיך אַהיים פון דער „מלחמה פון זעקס טעג" — מיט אַ געדריקט

געמיט. אויך ווען זיי פרייען זיך — איז זייער פרייד אויסגעמישט מיט נישט ווייניק טרויער.

די סיבה, דערצו האָט אפשר אַמבעסטן אויפגעקלערט דער אַרמיי־שעף פון ישראל, רב־אלוף יצחק ראבין. רעדנדיק אויפן סטאַדיאָן פון העברעאישן אוניווערזיטעט אויפן הר הצופים,ביים צוטיילן אים אַן ערן־פּער: זיי קאָנען זיך נישט פרייען מיט קיין גאַנץ האַרץ. זייער פרייד איז דאָקטאָר אין פילאָזאָפיע האָט רבין געזאָגט:

„מיר טרעפן זיך אָן אויף אַ מאָדנער דערשיינונג צווישן די קעמ־אויסגעמישט מיט מער ווי אַ מעסטל טרויער, און אויך מיט שטוינונג. די קעמפער אונזערע האָבן געזען, נישט בלויז דעם רוים פון זיג, נאָר אויך, ווי טייער מיר האָבן פאַר אים באַצאָלט. אויך די מוראדיקע פאַרלוסטן פון שונא האָבן פיל פון זיי געטראָפן אין האַרץ".

און ער האָט אויסגעפירט, ראבין:

— מעגלעך, דאָס יידישע פאָלק איז נישט דערצויגן געוואָרן צו פילן פרייד פון דעראָבערן און פון נצחון און דעריבער נעמען מיר אויף דאָס אַלץ מיט געמישטע געפילן. דאָס איז — האָט ער געזאָגט — פון די זעלטענע פאַלן; עס איז אַ ספק, צי עס זענען פאַראַן פיל אַזעלכע ענלעכע פאַלן אין דער געשיכטע פון די פעלקער.

און נאָך עפּעס: אפשר איז שווער צו פרייען זיך מיט אַ נס, ווען דו באַגרייפסט אַליין נישט, וואָס עס איז געשען. פרייען זיך אמתדיק קאָן מען בלויז מיט רעאַלע זאַכן, וואָס באַנעמסט זיי. אַ נס מאַכט דיך בלויז זיך פילן דערהויבן. אָבער ער לאָזט איבער אין דיר אַן אומרו, ווילסט מער נישט זיין אויף אים אויסגעשטעלט.

פיל נסים זענען מיט אונז געשען. מיר ווילן זיי פאַרשטיין בלויז, ווען מיר ווילן זיך אומקערן צו די טעג פון פריער, פון פאַר דער מלחמה; דעמאָלט ווען אין אונזער האַרץ האָט גענאָגט די אומזיכערקייט. עס האָט אונז אויסגעזען, מיר זענען אומבאַהאָלפן.

ווער קאָן דאָס ציילן נסים אויף די פינגער? אָבער עס זענען עדות אונזערע שלאָפלאָזע נעכט. אויך די מחשבות, וואָס האָבן אין יעדן איינעם פון אונז געעקבערט.

עס זענען עדות אונזערע מאַמעס, וואָס האָבן אין די נעכט גע־טוליעט צו זיך זייערע קינדערלעך, ווען זיי זענען געשלאָפן. עס זענען עדות מיר אַלע, די געבליבענע פון אוישוויץ, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אַהער און דאָ אַלץ אָנגעהויבן פון דאָס ניי. עס האָט אונז געדאַכט: חלילה, עס האָט אונז דערגרייכט. מיר האָבן וואָכן זיך אַרומגעדרייט פאַרשוויגענע אין זיך.

צי מעג מען דערציילן דעם סוד, אַז אפילו די אָפּטימיסטן צווישן אונז; די וואָס זענען געווען זיכער אין אונזער זיג, זענען אין האַרץ געווען צוגעגרייט דערצו, אַז דאָס מאָל וועט דער נצחון אונז קאָסטן טייער; מיר, דאָס אָרעמע פאָלק, וועט חלילה, אָפּגיין אין בלוט. מען טאָר נישט אַרויס־ברענגען דאָס אויף די לעפּצן. עס איז אַ פאַקט, אַז עטלעכע טעג פאַרן אָנהויבן די מלחמה, האָבן פאַראַנטוואָרטלעכע קרייזן בסוד באַפוילן צו־צוגרייטן אין יעדער שטאָט פון ישׂראל, טויזנטער און טויזנטער בעטן און נייע פּראָוויזאָרישע שפּיטאָלן. און — די שעה זאָל קיין שעה נישט זיין — צוצוגרייטן טויזנטער גרייטע קברים. גוט, וואָס קיינער האָט דערפון נישט געוווּסט, אָבער מיר די, וואָס די וואָרענונג איז צו זיי דער־גאַנגען, האָבן פון צער געוואָלט רייסן קריעה אין אונזערע הערצער. עס איז אַ פאַקט, אַז אַ סך חברה־קדישא יידן זענען, ווי אַמאָל דער נביא יונה, אַנטלאָפן פאַר גאָט. באַצייטנס זענען זיי אַנטלאָפן פון דער אימה, וואָס איז אויף זיי געפאַלן.

לאָמיר פרווון זיך דערמאָנען, ווי אַ קאָשמאַר־חלום, יענע טעג. מיר האָבן געוווּסט, דער שונא וועט זיין אומדערבאַרמדיק. ער האָט דאָס וואָכן פריער כסדר געזאָגט. ער האָט וועגן דעם געשריגן אין זיין ראַדיאָ צו אונז — אויף אַראַביש און אויף העברעאיש. אונזערע קינדער האָבן טאָג־טעגלעך געהערט דאָס וואָרט אויסראָטונג, און אין זייערע יונגע ביינדע־לעך האָבן זיי געפילט די באַדייטונג ד׳ערפון. מעגלעך, אין זייער בלוט האָט אויפגעוואַכט די גרויל, וואָס זיי האָבן, נישט וויסנדיק, געירשנט פון אונז. אויך זיי האָבן געשוויגן.

מען האָט געהאַלטן אין איין ציילן די צאָל באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען — איליושינס, סוכאָיס, מיגס און אַנדערע לופט־משחיתים, וואָס עגיפּטן, סיריע ירדן און איראַק באַזיצן שוין. זיי קאָנען צודעקן אונזער שמאָלן הימל, חלילה, ווי אַ הייזשעריק. מען זאָל נישט אַרויסזען דאָס ליכט.

און נישט בלויז דאָס: מען האָט געוווּסט וועגן דעם מעכטיקן ים־פלאָט, וואָס נאַסער האָט שוין אין זיינע באַזעס — מיט אונטערוואַסער־שיפן, וואָס פירן ראַקעטעס פון דעם טיפּ „אוסאַ”. דערצו קאָמאַנדאָ־רעגי־מענטן, פעדאַיונס און אַל פאַטאַך־טעראָריסטן. דאָס אַלץ איז גרייט אויף אונז, דעם הייפעלע יידן, דעם פאָלק, וואָס איז אַרויס פון אוישוויץ און געפּרוּווט פון דאָס ניי אָנצוהויבן לעבן.

און נישט איין מאָל, לעצטנס, פאַרנדיק אין פריען אָוונט אויפן וועג וואָס פירט קיין תל־אביב; זעענדיק פון דער ווייטנס די פריילעכע ליכ־טער, וואָס הילן אַרום די גאַסן; וויסנדיק, אַז אין דער דאָזיקער שעה גיבן איצט צענדליקער טויזנטער מאַמעס אָוונטברויט זייערע קינדערלעך און

גרייטן זיך זיי לייגן שלאָפן — האָבן מיר, ווי אין אַ קאָשמאַר, פּלוצים דערהערט די אויפרייסן פון די באָמבעס. מיר האָבן געוווסט, די באָמבעס דאַרט זענען שוין גרייט, און דאָ קושן מאַמעס נאָך איצט די ליכטיקע קעפּעלעך. עס האָט זיך געגלוסט, אויסשרייען פון אומגעשטילטן צער און פאַרשעמונג; איבערדרייען די זיילן פון דער וועלט — אַלץ זאָל איינפאַלן!

און אַז אונזער אומרו, אונזער שטילע שרעק, איז נישט געווען קיין רעזולטאַט פון סתם אומהיימלעכע קאָשמאַרן, פון איבערגעטריבענע פחד־נים, פון מענטשן מיט קראַנקע פאַנטאַזיעס — קאָן מען זען איצט, נאָכן אויפדעקן די פּלענער פון שונא; נאָכן עפענען זיינע שופלאָדן. די אַנט־דעקטע געהיימע באַפעלן פון ירדנישן שטאַב, צו די באַזונדערע רע־גימענטן פון אַראַבישן לעגיאָן, רעדן אָפן וועגן איינגעמען די ישראל־ישובים און אויסהרגענען די גאַנצע ציווילע באַפעלקערונג. די באַפעלן זענען, ווי באַוווסט, שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך ישראל. אָבער וואָס מען דערמאָנט ווייניק איז, אַז אין על אריש און אין די ישובים פון עזה־פאַס האָבן אונזערע זעלנער געטראָפן אויף די ווענט פון די הייזער אויפרופן צו די פאַלעסטינעזישע זעלנער, זיי זאָלן ביים איינגעמען „יסראַאיל" נישט לאָזן לעבן אפילו די הינער, די עופות, פון „יאַהוד"; און אין שפּאָס צוגעגעבן, אַז בלויז די יונגע, שיינע פרויען — מעגסטו, אַראַבישער זעלנער, נעמען פאַר זיך, לעבעדיק.

די ישראל־אַרמיי האָט, צווישן אַנדערע זאַכן, איצט געפונען פיל בריוו, געשריבן צו די עגיפּטישע זעלנער אויפן פראָנט — פון זייערע עלטערן און נאָענטע אין די היימען. אין יעדן כמעט פון די בריוו איז פאַראַן דער ריח פון רויב און מאָרד, צו וועלכן מען גרייט זיך אין ישראל. אפילו פאַטמאַ, דאָס געליבטע מיידל, שרייבט צו איר חתן, מאָריס עלי דזשאַבער, אַז זי פאַרבעט אים אין גיכן צו פראַווען זייער האָניק־חודש צוזאַמען אין אַ פראַכט־האָטעל אין תל־אביב. צו אַנדערע זעלנער שרייבט מען פון די היימען וועגן דער „הייליקער מלחמה" קעגן די יידישע „כופרים" (גאָט־פאַרלייקענער און לעסטערער).

עס איז אויך נישט קיין סוד, אַז אין קאַיראָ העננען ביזן היינטיקן טאָג פּלאַקאַטן אויף די גאַסן, וואָס ווייזן אַ קליינעם מיאוסן ייד, וואָס בייגט זיך אין שרעק פאַר די אַראַבישע באַגנעטן, וואָס שטרעקן זיך צו אים. פון אויבן זעט מען אויך אַן עגיפּטישן פּילאָט, וואָס שטעכט ישראל מיט די שפּיצן פון ראַקעטעס.

פון דער אַנדערער זייט, האָט די פּאָסט פון עגיפּטן איצט אַרויסגע־לאָזט אַ „נצחון־מאַרקע", וואָס איז געווען צוגעגרייט פריער, פון פאַר־

אויס, צו דעם זיג אויף וועלכן מען האָט זיך געריכט, מען זעט, נאָסערן, מיט אויפגעהויבענע הענט, אַ פריילעכן, אַ מונטערן, אויפן פּאָן פון די פלאַמען, וואָס פאַרשלינגען ישראל.

יאָ, מען קאָן נישט מאַכן קיין שום אילוזיעס לגבי די פלענער, וואָס אונזערע שונאים האָבן פאַר אונז צוגעגרייט. דער חורבן ירושלים פון אַמאָל וואָלט געווען אַ שרעקלעכע „אידיליע" לגבי דעם, וואָס וואָלט, חלילה, געקאָנט געשען. און עס איז נישט קיין וווּנדער: די אַראַבער האָבן געלערנט פון דער נישט־ווייטער פאַרגאַנגענהייט; פון אייראָפּע. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס מען קאָן צו אונז טאָן, און אַז די וועלט וועט שווייגן! נאָך היטלערן, ווייסט מען, אַז ווייניקער ווי אויסראָטונג קאָן מען צו יידן נישט אָנווענדן.

איצט, ווען דער נס איז געשען אַזוי גיך — האָבן מיר ווי אויפגעריסן די אויגן: מיר האָבן נישט באַנומען, צי איז דאָס אַלץ צוזאַמען — דער קאָשמאַר און די פרייד, נישט מער ווי אַ חלום אַזעלכער, וואָס דויערט נאָך; מיר זענען נאָך פון אים נישט אַרויס.

איצט ווען מיר קוקן אויף אונזערע שטעט, ישובים און קיבוצים, און מיר זעען ווי עס שטייען די גאַסן, די הייזער, די פאַבריקן; מיר זעען אונזערע אוניווערזיטעטן און מוזעאומס; מיר זעען אונזערע גאַנץ געבליבענע משפחות; מיר זעען ווייטער די ליכטער פון תל־אביב אין פריען אָוונט, מיט די יונגע מאַמעס, וואָס גרייטן נאַכטמאָל זייערע קינדערלעך, מיט די פרישע קעפּעלעך, און גרייטן זיך זיי לייגן שלאָפן; ווען מיר זעען דאָס אַלץ, כאַפּן מיר זיך פּלוצים אויף די אומגעווײנלעכע נסים. מיר האָבן מורא מיט דעם זיך אַרויסצוכאַפּן און דאָס צו ברענגען אויף אונזערע לעפצן; בעת דער קורצער מלחמה זענען געבליבן ליידיק די פּראָוויזאָרישע שפּיטאָלן מיט די טויזנטער בעטן, און ווי טיף עס זאָל נישט זיין אונזער ווייטיק נאָך יעדן געפאַלענעם יידישן זעלנער; און ווי פאַרציטערט מיר זאָלן נישט ווערן פון דעם באַוווּסטזיין, אַז העכער 720 ליכטיקע יידישע בחורים ליגן אויסגעצויגן אין פרישע קברים, איבער דער ערד פון אונזער קליין לאַנד — ווייסן מיר אָבער דערבײַ דעם נס, וואָס איז געשען מיט יעדן לעבן־געבליבענעם פון צווישן אונז. מיר זענען אַלע געווען פאַרמשפּט. יעדן ייד, וואָס מיר זעען דאָ איבער דער גאַס — אַ זקן צי אַ קינד; אַ זקנה צי אַ שיין, עלעגאַנט מיידל, אַן אויפגעשפּראָצטע טאָכטער אונזערע; היימישע צי פרעמדע — אַלע, אַלע, ווייסן מיר, זענען זיי ניי־געבוירענע. און מיר פאַרגינען זיך נישט צו קוקן אויף זיי.

ווי קאָן מען דאָס באַגרייפן? — געלויבט צו גאָט — נישט קיין איין באָמבע אויף תל־אביב, ירושלים, חיפה; נישט קיין איין ראַקעטע —

נישט פון דער יבשה, נישט פון דער לופט, נישט פון ים; נישט קיין גאַז, ווי נאַסער האָט פּלאַנירט, און אפילו די קאָמאַנדאָ־מעסערס, וואָס די ירדנער האָבן געהאַט צוגעגרייט אין די טויזנטער, זענען געבליבן אין זייערע קליינע שיידן. און לאָמיר דאָ אויך דערלויבן זיך צו מאַכן אַ וויץ, וואָס איז אַ טראַגישער אמת: די ירדנישע אַראַבער שטייען איצט אויף די גאַסן פון אונזער ירושלים, נאָך דעם ווי די שטאָט איז געוואָרן פאַראייניקט, און זיי פאַרקויפן די מעסערס, צו יידן... און— יידן גייען דורך און שמייכלען...

און ווייטער האָט רבין געזאָגט:

— אונזערע קעמפער האָבן געהאַט די טיפע דערקענטעניש פון דער מאָראַלישקייט פון זייער מלחמה. זייער זיג איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַן אַנטפלעקונג. לאָגיש קאָן מען דאָס נישט אויסטייטשן. זייער שטייגן, זייער אויפהויבן זיך הויך — איז געקומען, נישט אין זכות פון אייזן, נאָר אין זכות פון זייער גלויבן אין זייער גערעכטער שליחות.

ווען איך טראַכט איצט וועגן די אַלע נסים, ווייס איך אויך, אַז דער נס האָט לאַנגע יאָרן געווירט אין הארץ פון יעדן איינעם פון אונז. מיר האָבן אונזערע קינדער אָנגעשטעקט, „פאַרסמט" מיט אונזער צער פון יידישן חורבן. זייער בלוט איז אין זיי געווען געקילט; זיי האָבן פון אונז, באַלד פון זייער געבוירן, איינגעזייגט אין זיך אונזער פאַרשעמונג און איינזאַמקייט. זיי האָבן גרעסער ווערנדיק זיך געבונטעוועט קעגן דעם. זיי האָבן זיך געריסן קעגן אונז — אָבער דער חורבן איז געווען אין זיי. ער איז אין זיי אויסגעוואַקסן צו אַ מעכטיקן ווידערשטאַנד־כוח, צו אַ לאָזונג פון „מיר וועט דאָס נישט געשען"; אָט די לאָזונג האָט עס איצט פאַרגאָסן דעם שונא.

מעגלעך, דאָס יידישע פאָלק איז נישט דערצויגן געוואָרן צו פילן פרייד פון דעראָבערן און פון נצחון, און דעריבער נעמען מיר אויף אַלץ מיט געמישטע געפילן.

און איך וועל צוגעבן: מיר זענען נישט דערצויגן צו פילן פרייד פון יענעמס מפלה. „בנפול אויבך אל תשמח!" — ווען דער שונא פאַלט, זאָלסטו זיך נישט פרייען — האָט שוין געזאָגט שמואל, דער אמוראי, פון די חכמי התלמוד. מיר זענען פון קינדוייז דערצויגן געוואָרן, אַז נאָכן נס פון קריעת ים סוף, ווען די מלאכים אין הימל האָבן געוואָלט זאָגן די שירה, וואָס די יידן זענען געראַטעוועט געוואָרן — האָט גאָט צו זיי געזאָגט: „מעשי ידי טובעים בים — מיינע באַשעפענישן זינקען אין ים, און איר וועט זאָגן שירה!?

ווי איז פאַראַן נאָך אַן אַרמיי מיט אַזעלכע זיגער? עס זאָגט דער

פּילאָט, סרן (קאַפּיטאַן), גיורא, (וועלכער איז דער יינגסטער פליער פון ישראל, און ער איז אויסגעצייכנט געוואָרן פאַר גרויסער גבורה בעת די קאַמפּן; ער האָט אַראָפּגעשאָסן מיט זיין „מיראַזש"־אַעראָפּלאַן זיבן עגיפּ־טישע „מיג"־אַעראָפּלאַנען); קלערט אויף: „עס זענען דאָ מאָדנע זאַכן אין אַ מלחמה. איך האָב זיך געפּרייט יעדעס מאָל ווען איך האָב געזען, אַז דער פּילאָט פון דעם אַעראָפּלאַן, וואָס איך האָב אַראָפּגעשאָסן — שפּרינגט און ראַטעוועט זיך. עס איז שווער דאָס אויפצוקלערן, אָבער — דאָס איז אַ פאַקט.

און גיורא, דאָס בחורל פון חיפה, וואָס שטאַמט פון עלטערן, פּוי־לישע יידן, קלערט אויף, ווי אַזוי ער האָט זיך געפילט, ווען עס איז אויס־געבראָכן די מלחמה; „פּלוצים האָט אַלץ זיך געענדערט. עס איז גע־קומען אַן אַנדער געפיל. דאָס איז נישט געווען קיין קאַמפּס־לוסט, קיין מלחמה־שאַלונג, נאָר איך האָב מיט אַ מאָל געשפּירט אויף דער פּלייצע אַ מין שווערע לאַסט פון אחריות, אַז די אַקסלען האָבן זיך מיר געבויגן. עס איז געווען אַ געוואַלטיקע קאָנצענטראַציע פונעם איין־און־איינציקן געדאַנק, אַז אַזוי פיל איז אָפּהענגיק פון דיר; אַזוי פיל מענטשלעכער גורל; אַזוי פיל אויסזיכטן אויף לעבן; אַזוי פיל פון דער צוקונפט פון דער מדינה.

און אומקערנדיק זיך צו אונז, צו אונזערע יידישע קינדער: דאָס איז געווען אין דער ערשטער נאַכט פון מאָנטיק אויף דינסטיק. דער שטאָב פון אונזערס אַן איינהייט איז געזעסן אין ירושלים, אין אַ פּאָדערהויז, נישט ווייט פון פראָנט, און געצייכנט די לעצטע פּלענער פון דער שלאַכט. אַרום האָט געברומט דאָס קול פון דער מלחמה. די ערד האָט געקרעכצט פון די פייפערייען און אויפרייסן. פאַרווונדעטע און געפאַלענע אַרום און אַרום. פון אַ נאָענטן הויף האָט פּלוצים זיך געהערט אַ געוויין פון אַ יידיש קינד. דער הויפּט־קאָמאַנדיר און די אָפיצירן אַרום אים האָבן זיך איינ־געהערט — דאָ — אין דער שיסעריי, דאָ — אין דעם געוויין. דער קאָמאַנדיר גיט זיך אַ רוף אָן: „דאָס קינד שרעקט זיך פאַר דעם רעש פון די אויפרייסן". אַ יונגער אָפיציר האָט שטיל געענטפערט: „מאָרגן וועט ער און אַלע אונזערע קינדער קאָנען שלאָפן רואיק.

איצט האָבן זיי, אונזערע זיגער, די קעמפער, זיך אומגעקערט אין די היימען, און — זיי קאָנען זיך נישט פרייען. זיי זענען אַלע מיט אַ מאָל עלטער געוואָרן און פאַרטראַכט. זיי קאָנען נישט הנאה האָבן פון דעם טעם פון נקמה. ער איז זיי פרעמד. זיי בעטן ביי זייערע עלטערן, וואָס פרייען זיך מיט זייער צוריקקערן זיך גאַנצע — אַז זיי זאָלן זיי לאָזן זיין אַליין. זיי ווילן נישט גיין אויף פייערונגען, אויף פּאַראַדן. עס פעלן זיי

זייערע נאָענטע חברים, וואָס זענען געפאַלן, און עס ווילן זיך נישט אָפּטון פון פאַר זייערע אויגן די בילדער פון דעם שונאס פאַלן, פון זיין מפלה. ווען יענער פאַלט, איז ער מער נישט דיין שונא. ער איז אַ מענטש אין זיינע לעצטע מינוטן. יידן ווייסן, אַז יעדער מענטש איז געבוירן אין גאָטס געשטאַלט: „כי בצלם אלוהים ברא את האדם". דאָס איז אונזער שוואַכקייט און דאָס איז אונזער כוח. דאָס איז די חכמה און די דערפאַרונג פון אַן אַלט פאָלק. אויך אונזערע קינדער זענען זקנים. זיי זענען אונזערע קינדער. און מיר האָבן לאַנג דאָס נישט געוווסט.

אָבער גלייכצייטיק, וויל איך זאָגן, ווייסן מיר, אַז צו אַזאַ סאָטיספאַקציע, צו אַזעלכע טיפע איבערלעבונגען — קאָן נישט זוכה זיין קיין ייד אין קיין שום אַנדער אָרט אין דער וועלט, און אוודאי נישט — קיין שום יידישער יוגנטלעכער — אין ערגעץ נישט — מען דאַרף זען די דערהויבנקייט פון דער יידישער היסטאָריע — אין זיך און אַרום זיך. זיי שטייען ביי זייער קוואַל. יעדער טאָג פון אונזער לעבן דאָ — אין אַ תקופה, אַן עפּאָכע, אָפּט מאָל דאַכט זיך, מיר שפּרייזן מיט אונזערע פיס איבער תקופות. מיר וועלן מער קיין מאָל נישט שטאַרבן. מיר זענען אַריבערגעטראָטן אַלע, אַלע פּאַזעס פון פשוטן מענטשלעכן לעבן. מיר זענען איצט דער צענטער פון דער אייביקייט. דאָס מאַכט נישט בלויז שטאָלץ דעם מענטש, נאָר אויך ער זאָל זיך פילן עניותדיק; ער זאָל צופאַלן צו דער ערד און שטיל זיין באַהאָפטן מיט איר, ווען פון אויבן איז דער הימל פריי, ליכטיק, בלוי".

אינהאַלט

ערשטער טייל

ניקאָל 17

מינקע 75

אַדעלאַ 129

נאַטאַלי 187

צווייטער טייל

ע ר ב מ ל ח מ ה 267

נ אָ ך ד ע ר מ ל ח מ ה 321

פאַרענדיקט דעם דרוק אין חודש דעצעמבער 1976

DANIEL KUKIELKA

SOUS LES CIEUX SI BLEUS

(DANS ET AUTOUR D'ISRAEL)

WITHDRAWN. FOR FREE USE IN CITY
CULTURAL AND WELFARE INSTITUTIONS
MAY BE SOLD FOR THE BENEFIT OF
THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY ONLY.

400